STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05747

OSHERL UN ZAYNE FRAYNT

Buzi Olevski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. אָלעווסקי

אָשערל און זײַנע פֿרײַנט

(די געשיכטע פֿון א ייִנגל)

אגיז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1947



בוזי אָלעווסקי

(1941—1908)

ווי יעדער עכטער ליריקער, האָט אָלעווסקי אויסגעזונגענ זײַנ אייגנ לעבנ, זײַנ ראַנגלעניש, זײַנ טרוימ. די ליד זײַנע איז אָבער געוועזנ אַזוי עכט אונ עמעסדיק אונ גלײַכצײַטיק דורכגעדרונגענ מיט אַזאַ קלאָרער באַזיניקונג פונ דער צײַט, פונ זײַנ אָרט אונ וועג, אַז ער איזווירקלעכ געוואָרנ דער זינגער פונ אַ דאָר.

גרענעצלאָזע ערלעכקײַט איז די נעשאָמע פונ זײַנ דיכטונג, קלאָרער באַוווסטזײַנ אונ צילגעווענדטקײַט — איר קראַפט.

ס'איז אוממעגלעכ אָפּצוטיילנ דעמ כאַראַקטער פונ אָלעווסקיס שאַפנ פונ אָלעווסקי דעמ שעפער. די ביבליאָגראַפיע פונ זײַנ שאַפונג איז זײַנ אייגענע ביאָגראַפיע.

דער אומרו פונ זײַנ ליד, איר צאַפּל, איר שווונג צייכענענ דעמ וועג פונ אַ גאַנצנ דאָר יידישער יוגנט: פונ נאַיוו־שטעטלדיקער ראָמאַנטיק צו דער ראָמאַנטיק פונ בירגערקריג־צײַט, פונ אומבאַשטימטע גרויסע צײַט־פאָרגעפילנ צומ קאָנקרעטנ געפיל פונ די גראַנדיעזע סאָציאַליסטישע איבערבוי־פּראָצעסנ, פונעמ טרוימ פונ נײַ־ווערנ צומ טרוימ פונעמ נײַ־געוואָרענעמ.

דאָס שטעטעלע טשערניכאָוו. אינ וואָלינ. בירגערקריג. אָנבראָכ פונעמ גאַנצנ דויערעסדיקנ לעבנסשטייגער. קינדערש־דורשטיקע אײַנזאַפונג פונ אַלדאָס נײַע, סאָוועטישע. יוגנטלעכער דראַנג אינ שטאָט אַרײַנ — „אינ סאַמע מיט, אינ סאַמע קריג פונ אופרײַסנ אונ ענדערנ". סטודענטישע יאָרנ אינ מאָסקווע. בירָאָבידזשאַנ... דורכגעמאַכט אָט די אַלע טיפּישע עטאַפּנ פונ אַ סאָוועטיש־יידישנ יוגנטלעבנ אונ דורכגעטראָגנ דורכ זיי אַלע דעמ טרוימ וועגנ אַקטיוו־בויערישער זעלבסטבאַשטימונג, איז אָלעווסקי געקומענ צומ גרויסנ אויספּרוּוו פונ דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע פאַרהאַרטעוועט אונ רײַפ אַלס דיכטער אונ אַלס שלאַכטמאַנ.

מענטלעכקײַט, מוטיקײַט, שאַרפסטער געזעלשאַפטלעכ־בירגערלעכער כעזשבנ־האַנעפעש זײַנענ די אידייִשע הויפּט־שטריכנ פונ אָלעווסקי דעמ דיכטער אונ פונ זײַנ דיכטונג. געקרײַזלטע פאַרנעפּלטקײַט אונ אידיליע זײַנענ פרעמד געווענ זײַנ וואָרט אונ האַנדלונג,

פון דעם ערשטן אופטריט זײַנעם און ביז העלדישן סאָף פון זײַן לעבן איז ער דער דיכטער, וואָס האָט געזוכט זײַן קיום ניט אַף זײַטיקע שטעגעלעך פון דער ווירקלעכקײַט, נאָר אין דער סאַמע מיט פון די סאָציאַליסטישע שלאַכטן און בוינונגען, אין סאַמע האַרץ פון די גרויסע געשעענישן פון זײַן צײַט. אַלעווסקי האָט גוואַלדיק שאַרף געשפּירט דעם געשיכטלעכן גאַנג, די אומפּאַרמײַדלעכקײַט פון פאַרשטייענדיקע גרויסע קאַמפן אַף לעבן און טויט; געשפּירט און — ניט אָפּגעשראָקן זיך, דרייסט געקוקט דער ווירקלעכקײַט אין די אויגן, ניט צוגעווירצט זײַן ליד מיט מאָן און נעגעלעך, ניט אָפּגעטעמפּט מיט בלויע באַלוימעס, נאָר אויסגעשלײַפט זי אַפן שאַרפן מעסער־ראַנד פון דער צײַט.

ווען אַלעווסקי איז פון סאַמע אָנהייב געקומען מיטן אויסרוף —

„פאַרוואָס־זשע האָבן טעג באַגעגנט מיך אַ קינד?

יאָרן מײַנע — פרילינגדיקער ווינט!" —

זײַנען עס ניט געווען קיין פאַרגלאַצטע פראַגע־ און אויסרוף־צייכנס, נאָר אַ ווייטעקדיק־פרוכטבאַרער בעזשבן מיט דער צײַט, וואָס האָט אַ גאַנצן דאָר קינדער, אַפן סאַמע ראַנד פון קומען צום זעלבסטבאַוווסטזײַן, אַפן ראַנד פון קינדהײַט און יוגנט, אַוועק־געשטעלט נאָך בלויז אַלס צושויער פון די גרעסטע היסטאָרישע גע־שעענישן אינעם לעבן פון אונדזער לאַנד.

אין אָט דעם דיכטערישן פאַרדראָס איז שוין געווען אָנגע־צייכנט דער אַקטיווער וועג פון אָנשליסן זיך אין דער האַרבער, רעאַלער, רעוואָליוציאָניזירנדיקער ווירקלעכקײַט; אין דעם אויס־געטרוימטן אָנקניפּן זיך אין דער ראָמאַנטיק פון בירגערקריג איז שוין געווען די באַשטעטיקונג, דער פאָרגעפיל און די פאַרווירק־לעכונג פונעם אייגענעם וועג אין פוס מיטן ווײַטערדיקן גרויסן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער רעוואָליוציע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער שרײַבט אַלעווסקי:

„ווי זײַן וואָלט שטיל — ס'ע וויגן זיך די שטערן...
און כ'ווייס ניט, ווו איז איצטער דער וואָגאָן,
וואָס האָט געפירט, געטראָגן מיך פון טשערניכאָוו
און מיך געבראַכט אין אָט דעם גרויסן קאָן?!

און מיך אַוועקגעשטעלט אין אָט דער סאַמע מיט,
אין סאַמע קריג פון אופרײַסן און ענדערן!
דאָס גרויסע לאַנד איך שטיי אַצינד און היט
באַם שאַרפן ראַנד — פון פעלקער און פון לענדער.

און ווי אַ דעמב מיט האַרטקײַטן באַוואַקס איך,
און אַלע ווייכקײַטן אין מיר פאַרגייען.
ס'ע ליגט די ערד אַ שווערע אַף איר אַקס,
אַ גרויסע — אַ צעשפּאַלטענע אַף צווייען.

און ס׳וואַכט דאָס האַרצ, און ס׳שײַנט מײַנ ביקס אינ פעלד,
און ס׳איז די רו מיט אומרו אָנגעקוואָלנ,
און ס׳וויגט זיכ אויכ און ס׳הוידעט זיכ מײַנ וועלט, —
א שווער געוויכט אפ סקריפענדיקע שאָלנ...

אָלעווסקיס שרײַבערישע נאַטור האָט זיכ ניט געקאָנט באַנוגענען מיט אויסזינגענ זײַנ פּראָבלעמאַטיק בלויז אינ דיכטערישע פאָרמולעס, און ער האָט עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע זיכ גענומענ אפ א ברייטערנ אויפנ, אלס פּראָזאַיקער, צו באַזיניקנ זײַנ לעבנס־דערפאַרונג, וואָס איז די דערפאַרונג פונ א דאָר. און דאָס איז גאָר ניט צופעליק. מיר ווייסנ, אז די פּראָבלעמאַטיק פונ זײַנ דאָר, א גאַנצנ יונגנ דאָר, וואָס האָט צומ ערשטנ מאָל אופגעריסנ די אויגנ און זיכ אליינ דערזענ אינ סאַמע ברענ פונ די הערלעכע און שטורמישע יאָרנ פונ בירגערקריג, איז געווענ זײַנ ערשטע דיכטערישע אָנרעגונג בא די ערשטע טריט פונ זײַנ שאַפנ.

דאָס בוכ „אָשערל און זײַנע פרײַנט“ איז א באַדײַטנדיקער קינסטלערישער דאָקומענט, ווי אפנ ברייטערנ פאָנ פונ דער גראַנדיעזער עפּאָפּיי פונעמ בירגערקריג און פונ די סאָציאַלע איבערבויפּראָצעסנ ווערט געגעבנ די זעלבסטבאַשטעטיקונג און זעלבסטדערקענונג פונ א דאָר דורכ א פאָרשטייער פונ דעמ זעלבנ דאָר. און כאָטש דער רעוואָליוציע־וויכער האָט זיכ דורכגעטראָגנ איבער אימ, ווענ ער האָט נאָכ קינדעריש־אומבאַהאָלפנ זיכ געטוליעט צו מאַמעס און עלטערע ברידער, איז ער אָבער, אומבאַמערקט פאַר זיכ, ארויס פונ דעמ דאָזיקנ וויכער צומ נײַעמ לעבנ, א באַצייכנטער מיט נײַעמ מענטשלעכנ אינהאַלט, מיט נײַע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע שטריכנ פונ דעמ ערשטנ דאָר, וואָס איז דערצויגנ געוואָרנ אינ די ערשטע געוואָרענע באַדינגונגענ פונעמ סאָציאַליזמ.

ביז אָלעווסקינ איז דאָס סאָוועטישע קינד דערשינענ אינ דער ייִדישער ליטעראַטור אָדער אלס אָביעקט (פאַר דער קינדער־ליטעראַטור), אָדער אלס פּראָבלעמ פונ א באַשטימטנ צײַט־אָפּשניט (מילכאָמע־ און בירגערקריג־יערושע).

אינ אָלעווסקיס בוכ „אָשערל און זײַנע פרײַנט“ דערשײַנט דאָס סאָוועטישע קינד גופע אלס אקטיווע קראַפט אינ זײַנ זעלבסטבאַשטימונג און אנטוויקלונג, אינ דער גאַנצער מעסווירעדיקײַט פונ דער רעוואָליוציע און אירע דוירעס.

אָשערל איז ניט קיינ פאָרזעצונג און אוואדע ניט קיינ נאָכמאַכונג פונ „מאָטל פּייסי דעמ כאַזנס“. מאָטל פּייסיס האָט זיכ אליינ אפ זײַנ קינדערשנ אויפנ אויסגעברייטערט דאָס טכומ־שטעטל אינ זײַנ אויסגעטרוימטער קינדער־וועלט און געלאָזט די שטייענדיקע בלאָטע פונ לעבנ שפּילנ מיט אלע פארבנ פונ דער וועלט־שפּיל.

אָלעווסקיס אָשערל רײַסט אופ די אויגנ און דערזעט פאַר זיכ

אינדערעמעסנ א גרויסע, א ברייטע וועלט, אנ אָפנ לעבנ מיט צאפלדיקע ווידערשפרוכנ, גרויסע שלאכטנ אונ לײדנ. די ראָמאַנטיק פונ שאָלעמ־אַלײכעמס קינד איז געווענ דאָס לאַגבוימער־ביקסל אונ דאָס הוישײַנע־גרינס, ביים פאַר אָשערלס אויגנ האָט זיכ די גאנצע וועלט געדויכערט אינ פלאַמענ אונ געעטעמט מיט פולווער. קעדיי ווירקלעכ צו פאַרשטײנ, ווי ווײַט ריכטיק אונ עמעסדיק אָלעווסקי האָט באַוויזנ דאָס געבורט פונ דעמ ערשטנ סאָוועטישנ דאָר, דאַרפ מענ זוכנ ניט יענע ליניעס, וואָס פירנ צו דער פאַרגאַנגענהײַט אונ צו דער ליטעראַרישער טראַדיציע, נאָר אײַנזענ די נײַע לעבנס־פאַקטנ אונ קינסטלעריש־אינהאַלטלעכע מאָטיוונ, וואָס פירנ דאָס קינד אינ דער צוקונפט.

מיט זײער קורצע, געפּרעסטע שטריכנ מאָלט אָלעווסקי די אַטמאָספער פונ שטוב אונ גאַס דאָרט, ווו זי ציט נאָכ צו דער פאַרגאַנגענהײַט. די שאַבעס־ליכט, דער ביידער, די קלײטנ, דער מאַרק זײַנענ דאָ גאַנצ רעליעפ געשילדערט, אָבער אַזוי ווי בעקיוונדיק קורצ, אָפּגעהאַקט, פאַרבײַגײענדיק, אַפּ וויפל דאָס רירט נאָכ עטוואָס אָנ דעמ קינדס אויסקומעניש. אינ ברייטע רעאַליסטישע טענער אונ פאַרבנ צעוויקלט זיכ די שילדערונג דאָרט, ווו דאָס קינד שטויסט זיכ צונויפּ מיט דער נײַער, דער העראָישער ווירקלעכקײַט, מיט די ערשט אויפגעקומענע נײַע, סאָוועטישע לעבנס־פאָרמענ.

ניט קײנ מאָדערניזירטער מאָטל פּייסיס, נאָר א ייִדישער האַווראַש וויכערט אַרומ איבערנ שטעטל, אײַנכאַפּנדיק אונ אויסשטראַלנדיק דעמ גאַנצנ אימפּעט פונ די טעג פונ רעוואָליוציאָנערע שלאַכטנ אונ מאָביליזאַציעס, דעמ שוידער פונ פּאָגראָמענ אונ די טראַגיק פונ אומקומ, דעמ רייעכ פונ בלוט אונ די זוניקע פרייד פונ באַפרײַטער ענערגיע.

טראָט בא טראָט, צוזאַמענ מיט דער אַנטוויקלונג פונ די געשעענישנ, צוזאַמענ מיט דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער אויסלײַטערונג, קומט אויכ פאָר די אויסלײַטערונג פונעמ קינד, ווענ עס פילט שוינ אונ זעט, אַז „א וועלט קערט זיכ אַרומ מיר, אונ איכ, א פרײלעכער, א לעבעדיקער, שפּרינג אַרומ אַפּ אירע בראָכשטיקער“.

ווי שטענדיק אינ א בוכ, ווו דאָס קינד שטײט אינ צענטער, ווו די קינדער־טעמע איז נאָר א פאָרשפּיל צו דער גרעסערער טעמע פונ א דאָר, איז דאָ געווענ די געפאַר פונ פאַרקינדישנ די גרויסע סאָציאַלע טעמע. אָבער אָלעווסקי האָט די דאָזיקע געפאַר אויסגעמיטנ, אונ ניט לאָזנדיק זײַנ אָשערלענ פאַרשטײנ אַזוינס, וואָס ער קאָנ נאָכ ניט פאַרשטײנ, האָט ער דאָכ אָנגעזועטיקט דאָס ווערק מיטנ גאַנצנ דראַמאַטיזמ פונ דער צײַט. דאָס איז דעמ אווטאָר געלונגענ אַדאַנק דער אָרגאַנישער פאַרבונדנקײַט פונ דעמ קינד מיט דער אַרומיקער ווירקלעכקײַט, אַדאַנק דעמ, וואָס פאַר איִמ איז

די רעוואליוציע אנגעקומענ ניט פונ דרויסנ, ווי א פרעמדע אונ אומבאוווסטע קראפט, נאר איז ארויסגעוואקסנ פונ אינעווייניק, פונ דער היימ, פונ זײַנ נעענטערער אונ ווײַטערער סוויווע.

אינ דעמ איז דער באזונדערער כיינ אונ באדײַטונג פונ אלעווסקיס בוכ „אשערל אונ זײַנע פרײַנט". די רעוואליוציע רײַסט זיכ אהער ארײַנ ניט ווי קיינ מאשינעכישע קראפט, נאר ווי א רעאלער קויעכ, וואס נעסטעט זיכ אײַנ אינעמ לעבעדיקנ לעבנ אונ ברעכט פונדאנענ אויס. אט פארוואס, אגעוו, אלעווסקינ איז אזוי געלונגענ צו באווײַזנ אינ דעמ פולנ טראגיזמ די קאנטררעוואליוציאנערע פאגראמ־כוואליע, אבער אנ יענעמ שטעמפל פונ פארורטײַלטקײַט, וואס האט געלויערט אפ א ריי ווערק, וועלכע האבנ די דאזיקע טעמע אנגערירט. אט פארוואס עס עטעמט מיט אזא פאשטעס, מיט אזא קלארקײַט אונ דורכזיכטיקײַט פונ די נײַע שטעטלדיקע פערסאנאזשנ: פונעמ פארזיצער פונ וואלאסט־רעווקאמ וועלוול כאדארקאוו, פונ דעמ רויטנ קאמאנדיר מאגיד, פונ דער פארטיזאנקע גאלדע, פונ דעמ פאלקס־מענטש בעטשעק, א פאשעט באלעגאלע־יינגל, וואס גייט אוועק פארטיידיקנ די רעוואליוציע אונ קערט זיכ צוריק א רײַפער בויער פונעמ נײַעמ לעבנ.

ווענ אשערל קוקט זיכ צו צו די דאזיקע מענטשנ, צו אט די שיינע געשטאלטנ פונ דער רעוואליוציאנערער שטעטלדיקער יידישער יוגנט, ווערט אינ אימ, אזוי ווי אומבאוווסטזיניק, געשטילט די קינדער־קראפט, וואס שפילט זיכ מיט אלצ אונ מיט אלע, אונ עס טרעט ארויס אינ פאדער־גרונט א שארפע שפירונג, אז מע מוז אט די מענטשנ אינ זיכ אײַנזאפנ, מע מוז זיי דערקענענ אונ פארגעדענקענ, ווײַל אינ דעמ ליגט זײַנ צוקונפט־גורל.

אזוי, אומגעשטערט, וואקסט ארויס פונ דער שפיל דער גרויסער ערנסט, וואקסט ארויס פונ דער קלענערער טעמע וועגנ קינד די טעמע וועגנ דאר.

אזוי, אומבאמערקט, קומט דאס קינד צו זײַנע יוגנט־יארנ, אונ דאס געזעגנ אינ שפיל דערוואכט אפסנײַ, נאר דאס מאל, — שוינ אלס באדאכטע אונ זעלבסטדערקענטע.

„ניט איינמאל פלעג איכ זיכ אופכאפנ באנאכט, זיכ אוועקשטעלנ באמ פענצטער, געוואלט אפזוכנ דאס פאסיקל, דאס גרענעצל, וואס טיילט אפ דעמ טאג פונ דער נאכט, נאר קיינמאל האב איכ דאס פאסיקל ניט געקאנט אפזוכנ... דאס לעצטע מאל קוק איכ זיכ אומ צוריק... ערגעצ פונ יענער זײַט שטורעמ, אינ שטילקײַט, ענדיקט זיכ די קינדהײַט..."

מײַסטעריש אונ ווארהאפטיק שילדערט אלעווסקי ווײַטער די סאוועטישע איבערבוי־פראצעסנ, די פראדוקטיוויזירונג פונ די שטעטלדיקע יידישע מאסנ, די סאציאלע דיפערענציאציע אינעמ שטעטל. עס לעבנ אופ אינ זייער גאנצער עמעסדיקײַט א ריי טיפישע סיטואציעס פונ יענער צײַט, אונ אפ אט דעמ פאנ

וואַקסט אויס די טיפ־לירישע, עמאָציאָנעל־באַכיינטע, הייסע און געפילנ־רײַכע זאַמל־געשטאַלט פונ „אָשערל און זײַנע פרײַנט", וואָס האָט שוינ אינ איר פאַרמעג די פסיכאָלאָגישע און אָביעקטיוו־סאָציאַלע מעגלעכקײַטנ פאַר דעמ גרויסנ ווײַטערדיקנ שוווּנג פונ דער סאָוועטישער ייִדישער יוגנט.

איבער אָלעווסקיס בוכ „אָשערל און זײַנע פרײַנט" איז אויסגעגאָסנ דער כיינ פונ דיכטערישער פּאָעטיזירונג און לירישע עמאָציעס. זיי שטערנ אָבער אינ קיינ אויפנ ניט דעמ געזעצמעסיקנ גאַנג פונ דער האַנדלונג, דער דינאַמישער און אָנוואַקסנדיקער אַנטוויקלונג פונ די געשעענישנ. אָלעווסקיס פּראָזע־סטיל איז אַנ אייגנאַרטיקער· אויסגעהאַקט אינ קורצע פראַזנ, ווי קאַדרענ אינ א קינאָ־פילמ, וויקלט זיכ פאַנאַנדער איינ בילד נאָכנ אַנדערנ אינעמ שטײַפנ אָרגאַנישנ פּראָזע־שטאָפּ.

און גאָר א באַזונדערע אייגנשאַפט באַצייכנט נאָכ דעמ גאַנצנ בוכ — דאָס איז אָלעווסקיס עמעסע ליבע און קענטשאַפט פונ דער נאַטור. דער שטעטל־פּייזאַזש ברייטערט זיכ דאָ קעסיידער אויס אינ דעמ ראַכוועסדיקנ אוקראַאינישנ פּייזאַזש, און ס'איז ניט אָפּצוטיילנ דאָס שטעטל פונ דער ערד, אַפּ וועלכער עס געפינט זיכ. אָלעווסקי צעעפנט די שטעטל־בילדערישקייט אַפּ א נײַעמ אויפנ, ניט נאָר דורכ די באַקאַנטע טראַדיציאָנעלע בילדער, וואָס אויכ זיי זײַנענ דאָ פּרעכטיק געגעבנ געוואָרנ, נאָר דורכ א גאַנצ נײַער בילדערישקייט, דורכ א זעלטענער קענטשאַפט פונ דער נאַטור — פונ די פייגל, פונ די פישנ, פונ די וואַסערנ, פונ די גראָזנ און ביימער. די פאַרשאַרפטע ליבע צו דער נאַטור, די אַקטיווע פאַרהאַנדלונג מיט איר באַלעכאַימ־ און געוויקסנ־וועלט איז בא אָלעווסקינ אָרגאַניש פאַרבונדנ מיט די שפּירונגענ פונעמ קינד, פונ דער יוגנט פונ דער רעוואָליוציע.

אָלעווסקיס בוכ „אָשערל און זײַנע פרײַנט" איז איינער פונ די שענסטע ביכער אינ דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, דערבײַ אַפּ א נײַער, נאָכ ווייניק פאַנאַנדערגעאַרבעטער טעמע, — דירעקט וועגנ דעמ ערשטנ דאָר סאָוועטישער יוגנט.

אינ דער פּראָזע האָט דאָס אָלעווסקי שוינ ניט באַוויזנ צו פאַרווירקלעכנ, נאָר אינ דער ליד האָט ער ווײַטער געשפּונענ דעמ גאָלדענעמ פאָדעמ פונ זײַנ דאָר. אָלעווסקינ דעמ דיכטער און מענטש האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזט דאָס געפיל פונ גראַנדיעזקייט פונ דער עפּאָכע, אינ וועלכער עס לעבט זײַנ דאָר. ער האָט אַליינ אינ זיכ און אינ זײַנ דיכטונג געשמידט, געשטאַלט און אויסגעפורעמט יענע אייגנשאַפטנ, וואָס האָבנ געגעבנ און גיבנ דעמ סאָוועטישנ מענטשנ די מעגלעכקייט בײַצוקומענ אַלע שוועריקייטנ און אַרויסגיינ א זיגער פונ די גרעסטע היסטאָרישע ניסיוינעס.

פּרינציפּיעל און ערלעכ אינ וואָרט און אינ טאַט, שטרענג צו זיכ און צו זײַנ שאַפונג, באַלאָדנ מיט גרויסנ בירגערלעכנ געפיל פונ אַכרייעס פאַר דער צײַט, האָט ער ניט נאָר אינ ליד, נאָר אויכ

אינ לעבנ געזוכט און פונ די ערשטע באַטראַטנ די שווערסטע, פּיאָנע־
רישע וועגנ, מיט וועלכע עס זײַנען דורכגעגאַנגען די בעסטע פאָר־
שטייער פונ זײַנ לאַנד, פונ זײַנ פאָלק.

דאָנבאַס, מאָסקווע, ביראָבידזשאַנ, די רויטע אַרמײ, די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע — דאָס זײַנען ניט בלויז עטאַפּנ פונ אַלעווסקיס שאַפונג, נאָר אויכ עטאַפּנ פונ זײַנ אייגענער ביאָגראַפיע. די דאָזיקע עטאַפּנ איז ער דורכגעגאַנגענ מיט אַכרײַעספולנ באַ־וווסטזײַנ, מיט דורכגעטראַכטער און שטאָלצער אַקשאָנעס, קעגנ־שטעלנדיק דער סענטימענטאַלער „טויב" דאָס „אָדלערל", וואָס ער האָט געכאָוועט אינ הארצנ.

אינ 1941 יאָר, ווענ ס'האָט געשלאָגנ די שאָ, וועלכע ער האָט דאָס גאַנצע באַוווסטזיניקע לעבנ זײַנס געשפּירט, האָט ער, טרײַ זײַנ הארצנ און הייסנ גאַנג, מיט דער העכסטער אויסדריקלעכקײַט פונ אַ דיכטער אַ בירגער אויסגעזונגענ:

און אַז פונ לענדער די געפּענטעטע טראָגט זיכ דער געהויל
און אַז אַ האַלבע וועלט איז אָנגעפילט מיט גרויל,
איז דאָכ שוינ קלאָר, פאַרוואָס ניט פונ אַ הארצפּעלער,
נאָר שטאַרבנ כ'וועל אינ שלאַכטפעלד פונ אַ קויל
אַ קליינינקער פונ בלײַ.
און כ'וועל מײַנ לעבנ דורכ מיט פײַערדיקנ גלויבנ,
אַז ס'וועט די אויסלייזונג די גרויסע גאָר די וועלט דערהייבנ.
און ס'איז שוינ קלאָר, פאַרוואָס צו סטאַלינעס
מיט פרייד און גליק איכ הייב הײַנט מײַנע אויגנ
און וואַרט דעמ טאָג..."

אַלעווסקים ליטעראַרישע ירושע, די לידער ווי די פּראָזע, זײַנענ אַ הערלעכער קינסטלערישער דאָקומענט וועגנ דער מאָראַלי־שער שיינקײַט פונעמ סאָוועטישנ מענטשנ, וועגנ זײַנ פעסטקײַט און געפילנ־רײַכקײַט, וועגנ זײַנ האַס און ליבשאַפט, וועגנ זײַנ גרענעצ־לאָזער טרײַהײַט דעמ לאַנד און די אידייענ פונעמ סאָציאַליזמ.

נאָכעמ לעווינ

אָנהײב לעבנ

איך דערזע פּאָנען

פונעם ווישניק האָט זיך עס אַלצדינג אָנגעהויבן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך דערמלט אַראָפּגעלאָזט צו אונדז אין שטעטל, און איך האָב זיך אופגעהויבן אַפּ אונדזער שאַפּע און אַראָפּגעוואָרפן דעם בוטל.

איך וואָלט אים געוויס ניט געווען אַראָפּגעוואָרפן, ווען ס'זאָל עמעצער געווען זײַן אין שטוב. ס'איז אָבער קיינער ניט געווען.

נעכטן אַפּדערנאַכט איז דער טאַטע געקומען מיך אָפּנעמען פון כיידער. קיינמאָל קומט מען מיך ניט אָפּנעמען. נאָר נעכטן איז דער טאַטע געקומען. ער איז אַרײַן אין כיידער אַ פאַרהאָרעוועטער און אַ פאַרמעליקטער, ווײַזט אויס, נאָרוואָס געקומען פון דער אַרבעט. געווען איז ער עפּעס פריילעך אַזוי און צערודערט. ער האָט אַפילע ניט געזאָגט קיין גוטן־אָוונט. ער האָט מיך גענומען אַפּ די הענט, זיך אַ בייג געטאָן בא דער טיר און געלאָזט זיך מיט מיר אַהיים.

דער טאַטע האָט מיך געטראָגן גיך־גיך איבער דער בלאָטיקער, פינצטערער גאַס. פון דער זײַט, ווו ס'גייט דורך דער שאָסיי, האָבן זיך דערטראָגן זידלערײַען און סאָלדאַטישע געשרייען.

נאָר די סאָלדאַטן האָב איך ניט געזען. כ'האָב נאָר געהערט, ווי זיי טופּען אינעם פינצטערן שטעטל, ווי סע הירזשען זייערע פערד, ווי סע דרינדזשען זייערע וועגענער.

פאַר סאָלדאַטן האָב איך מוירע. איך האָב אַרומגענומען דעם טאַטנס האַלדז מיט ביידע הענט און זיך אײַנגענורעט אין אים:

— טאַטע, — האָב איך צוגעלייגט דאָס מויל צום סאַמע אויער זײַנעם, — ס'איז די מילכאָמע לויפּט, טאַטע?

— ס'איז די פּלישטים? — האָב איך זיך ניט געקאָנט באַרויקן און נאָך שטאַרקער זיך גענורעט אין אים.

דער טאַטע איז געוואָרן אין כּעס, געהייסן מיר שטיל זײַן.

לעבן שטוב האָט ער מיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד. אַ קלאַפּ געגעבן אין לאָדן. די מאַמע האָט גלײַך געעפנט די טיר.

אין אַלקער האָט די מאַמע דערלאַנגט אַ בריוו דעם טאַטן און צעוויינט זיך. דער טאַטע האָט זיך אוועקגעזעצט אַפן בעט, צוגע־רוקט דאָס לעמפּל, לאַנג־לאַנג געדרייט דעם גרינעם קאָנווערט אין די הענט און נאָכדעם אָנגעהויבן פּאַמעלעך לייענען דעם בריוו אַף אַ קול.

דער בריוו איז געווען פון דער מילכאָמע, און אָנגעשריבן איז אין אים געווען, אַז ס׳איז געהאַרגעט געוואָרן ניומע.

איך קריך אַרוף אַפן בעט. איבערן טאַטנס פּלייצע קוק איך אַרײַן אינעם בריוו. און פּונקט ווי איך וואָלט שולדיק געווען, וואָס מע האָט דערהאַרגעט ניומען, ווערט דער טאַטע אַף מיר אין כּעס:

— כ׳האָב, דאַכט זיך, געזאָגט — שלאָפן! ניט רוקן די נאָז, ווו מע דאַרף ניט!

די מאַמע וויל ניט, דער טאַטע זאָל שרײַען אַף מיר. ווען עס טרעפט זיך אַן אומגליק, ווערט דער טאַטע בייז, און די מאַמע פאַרקערט — זי ווערט זייער גוט צו מיר. די מאַמע נעמט מיך אַף די הענט. זי גיט מיך אַ קוש און לייגט מיך שלאָפן.

נאָר שלאָפן וויל איך ניט. איך ליג אונטער דער קאָלדרע און הער אַלצדינג. איך הער זייער גוט, ווי דער טאַטע זאָגט אָן דער מאַמען:

— ניט באַלבענן! ניט דערציילן איטען וועגן דעם בריוו...

— ווײַבער האָבן אַ לאַנגע צונג, — הייבט ער אָן שרײַען אַף איר.

איך בין זייער צופרידן, וואָס דער טאַטע שרײַט אַף דער מאַ־מען, זי זאָל ניט דערציילן. כ׳וועל בעסער אַלײן דערציילן.

איטע איז מײַן מומע. און ניומע איז איר זון. און דער בריוו איז צו איטען...

איך ליג אונטער דער קאָלדרע און קאָן שוין ניט אויסהאַלטן. כ׳וויל זייער, ס׳זאָל ווערן טאָג. גאַנצפרי וועל איך גלײַך אוועק־לויפן צו דער מומען און איר אָנזאָגן:

— מומע איטע, דײַן ניומע איז דערהאַרגעט געוואָרן אַף דער מילכאָמע!..

* * *

אינדערפרי, אז איכ בינ אופגעשטאנענ, האָב איכ שוינ קיינעמ אינ שטוב ניט געטראָפנ. שטענדיק פרײַטיק, ווי נאָר איכ עפנ די אויגנ, שרײַ איכ שוינ:

— מאמע, גיב דעמ פּאַפּאַלעק, מאמע!

נאָר ס׳איז שטיל. ניט דער פּאַפּאַלעק, ניט די מאמע, ניט דער טאטע. כ׳האָב זייער ניט ליב, אז אינ שטוב איז שטיל אונ ס׳איז קיינער ניטאָ. דעמ טאטנס פארמעליקט זעקל הענגט אפ דער שראגע. דער טאטע איז ניט געגאנגענ, ווײַזט אויס, אינ מיל. דער אויוונ איז אויכ ניט געהייצט. אינ שטוב איז פינצטערלעכ. די לאָדנ, וואָס גייענ ארויס צו דער גאס, זײַנענ פארמאכט. נאָר אינ אלקער איז ליכטיק. אינ אלקער זײַנענ בא אונדז ניטאָ קיינ לאָדנ.

כ׳שטיי אפנ בעט. כ׳טו אָנ מײַנע קורצע מאטינענע הייזעלעכ מיטנ סטאניק. כ׳רײַב זיכ מיט ביידע הענט די אויגנ. כ׳וואָלט אפילע אָנגעהויבנ וויינענ, נאָר אז ס׳איז קיינער ניטאָ, איז ניטאָ פאר וועמענ צו וויינענ.

כ׳לויפ ארויס אינ קיכ, כ׳וויל ארויס אינ דרויסנ, נאָר די קליאמקע פונ דער גאס־טיר האָט די מאמע פארשטעקט מיט א שטעקעלע.

זיצנ אונ גאָרניט טאָנ — דאָס קאָנ איכ ניט, אונ ווײַל איכ קאָנ ניט זיצנ ליידיק, האָב איכ גענומענ קלעטערנ אפ דער שאפּע.

אלע טעפּ מיט ווארעניע אונ אלע בוטלענ מיט ווישניק שטייענ דאָרטנ. שטענדיק שטייענ זיי דאָרטנ. יאָרנווײַז. זי ווערט פארצוקערט, זי שימלט אונ פּינעט, אונדזער ווארעניע.

כ׳האָב צוגעשטעלט א טאבורעטל. כ׳בינ ארופ. כ׳האָב פאריסנ דעמ קאָפּ, אויסגעצויגנ די הענט, נאָר ערשט ווענ איכ האָב אפנ טאבורעטל אוועקגעשטעלט א בענקל, האָב איכ קוימ דערזענ די סאמע געגלייזטע טעפּ מיט דעקלעכ פונ אויבנ, דערזענ גלעזערנע סלויעס, אײַנגעדעקטע אונ ארומגעבונדענע מיט פּאַפּיר. אונ דער סאמע בעסטער אונ דער סאמע געזונטער—ער שפּארט אזש אונטער דעמ באלקנ—שטייט זיכ דאָרטנ א גרינער בײַכיקער בוטל מיט רויטנ ווישניק.

איכ האָב זיכ אונטערגעהויבנ, אָנגענומענ דעמ בוטל מיט ביידע הענט, א קרעכצ געטאָנ אונ געגעבנ אימ א הייב. כ׳האָב אימ אופגעהויבנ אונ אזוי ווי זיכ צוגעבונדנ צו אימ. ניט איכ קאָנ אימ אוועקשטעלנ, וניט איכ קאָנ מיט אימ אראָפּקריכנ. אפ צולאָכעס האָב איכ פּונקט אָנגעטראָפנ אפנ טאבורעטל, בא וועלכנ איינ פיסל איז א ביסל א קירצערס. איכ הוידע זיכ אהער אונ הוידע זיכ אהינ־

2—1746

נאָר אַט האָט זיך עס אַזוי' צעהוידעט, אַז כ'האָב זיך אָנגע־כאַפּט מיט ביידע הענט אָנעם קאַרניז פון דער שאַפע. ס'האָט זיך גלײַך דערהערט אַ פּאַרדומפּענער זעץ. ווי עמעצער וואָלט אים קווי־לען, האָט דער בוטל אָנגעהויבן רויט, געדיכט אָפּגיין מיט ווישניק, אַזוי ווי מיט בלוט.

כ'וואָלט זיך זייער דעמלט געוועגן דערשראָקן, נאָר מיר האָבן אַ קאַץ. אונדזער גרויסע ראַבע קאַץ ראַטעוועט מיך פּאַשעט. זי האָט שוין ניט איין מאָל געכאַפּט פּעטש איבער מיר.

— גוואַלד, — פלעגט שרײַען די מאַמע, — וויפל מאָל האָב איך געבעטן, מע זאָל ניט לאָזן אָפן דאָס בופעטל, — די קאַץ צע־ברעכט מיר ווו אַ טעלער.

כ'האָב זיך געלאָזט אין קיך. אין קיך אָפן אויוון האָב איך גע־כאַפּט די קאַץ. כ'האָב געוואָלט זי אויסקײַקלען אינעם צעגאָסענעם ווישניק, עפּענען אַ פענצטער און לאָזן זיך מיט אַ רעוועריז אין גאַס אַרײַן זוכן די מאַמע. די מאַמע וועט קוקן אָפן ווישניק.

— גוואַלד, — וועט זי שרײַען, — אַ מאַלעך־האַמאָוועס, ניט קיין קאַץ. ווו האָט מען עס געזען, אַז אַ קאַץ זאָל קריכן צו וויש־ניק?!..

און די קאַץ וועט, ווי אַ מעשוגענע, שפּרינגען איבער דער שטוב, און די מאַמע וועט שרײַען „אַקאַטאַ" און שלאָגן זי מיט אַ קאָ־טשערע.

איך האָב נאָר געכאַפּט די קאַץ, האָבן זיך דערהערט מיטאַמאָל קוילעס:

— „סטאַראָסטאַ", אין שטוב איז עמעצער דאָ? — האָב איך דערהערט עמעצנס אַ פּרעמד קאָל פון גאַס, און אין דער זעלבער רעגע האָבן זיך געעפנט די קיך־לאָדן, ס'האָט אַ קלונג געטאָן די קליאַמקע אין פירהויז. פון די געעפנטע לאָדן איז אין קיך געוואָרן בלענדנדיק־ליכטיק. די אויסגעשײַערטע מעדניצע האָט אַ בליאַסקע געטאָן אָפן פּריפּעטשעק, אַז כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן.

— אַ גוט־מאָרגן, באָבערעץ, — האָט זיך איינגענעם מיט דער ליכטיקײַט אַן עפּן געטאָן די טיר, און אָפן שוועל האָט זיך באַ־וויזן ווענלוול כאַדאַרקאָוו, באַסיע דער האַרבאַרגיטשקעס זון, וואָס וווינט מיט אונדז אָפּ איין גאַס.

ער איז אַרײַן יאָמטעוודיק. דאָס פּידזשאַקל אָפּ די אַקסל. אָפן פּידזשאַקל אַ רויטער באַנט.

— דער טאַטע ניטאָ, האָ? — גיט זיך ווענלוול **אַ ביינ צו מיר.**

ער גיט א פֿאַרשאַר זײַנע קוטשעראַווע האָר, וואָס זעען אויס, ווי פּרוזשינקעלעך, גיט א זשמורע מיט אַן אויג, טוט זיך א גלײַך אויס.

— וואָס מוטשעסטו די קאַץ, צוציק? אַרײַנ'ט! — הייבט ער אָן רופֿן עמעצן פֿון גאַס.

איך דערשרעק זיך. כ'פֿאַרוק זיך אין א ווינקל. אונדזער קליי־נינקע, ענגע קיך ווערט פֿול מיט עמעצע סאָלדאַטן, וואָס טראָגן עמעצע שינעלן. די שינעלן זײַנען אָן פּאָגאָנעס, אָפֿ די ווינטערדיקע היטלען — רויטע בענדלעך.

די סאָלדאַטן רינגלען מיך אַרום.

איך צעגוואַלדעווע זיך. איך האָב מוירע.

— שאַ־אַ! רעווע ניט, — רײַסט וועלוול בײַ מיר אַרויס די קאַץ, — מאַרש! — שלעפּט ער מיך פֿרייליעך פֿון ווינקל. — מאַרש נאָכן טאַטן! זאָג, אַז געבראַכט סאָלדאַטן אָפֿ „פּאָסטאָי"! מע דאַרף צוגרייטן געלעגערס! נאָר לעבעדיק!

כ'גיב זיך א ריס, כ'לויף אַרויס פֿון שטוב.

הינטן־אַרום, מיט די הויפֿן, לאָז איך זיך לויפֿן צום מאַרק־פּלאַץ זוכן די מאַמע. איך לויף און וויין.

נאָר לאַנג וויינען קאָן איך ניט. עפּעס ווײַנט זיך ניט. ס'איז עפּעס פֿרייליעך, און זייער א סאַך מענטשן שטייען צווישן די צוויי רייען פֿאַרמאַכטע קלייטן. מע שטייט רעדלעכווײַז. מע שרײַט, מע רעדט עפּעס. און אַז מע רעדט, האָב איך זייער ליב.

איך קריך. איך שפּאַר זיך. איך אַרבעט מיט די עלנבויגנס. איך קריך אַרויף אָפֿן גרינעם פּלויטל פֿון אונדזער ווײַסינקער וואָלאָסט. אונטן האָב איך גאָרניט ניט געזען. פֿונעם פּלויטל זע איך דעם גאַנצן פּלאַץ. דער גאַנצער פּלאַץ איז פֿול מיט צעפּאָכעטע היט־לען, מיט פּאַטשיילעס, מיט רויטע פֿאָנען.

ס'ערשטע מאָל זע איך רויטע פֿאָנען.

איך שפּרינג אַראָפּ. מע שטופּט מיך. כ'שרײַ, כ'ווייס אַלייִן ניט, וואָס איך שרײַ. מ'האָט מיר שוין אָפּגעטראָטן א פֿוס, איך לויף און איך הינק, און ס'איז מיר זייער גוט. ס'איז מיר אַזוי גוט, אַז איך באַמערק אַפֿילו ניט, ווי מײַן כאַווער זיאַמע האָט מיך נאָרוואָס אָפּ־געזוכט און דערלאַנגט מיר א בוכצע אונטערן לעפֿעלע.

זיאַמע איז פֿרייליעך. ער איז פֿאַרשוויצט און פֿונקט ווי בײַ מיר, איז בײַ אים דער דאַשעק אָפֿ א זײַט.

— „קייסער־גאַנעוו" — צעשרײַט ער זיך אָפֿ א קאָל, — „קיי־

סער־שיקער!", „קייסער־שיקער!" שרײַ! שרײַ! — פּאַטשט ער זיך איבער די באַקן, און נאָכדעם דערהער איך פון אים אַזוינס, אַז איך ווער פאַרציטערט. ער זאָגט, אַז אויס... די סאָלדאַטן, זאָגט ער, האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער... גענומען און אַראָפּגעוואָרפן...

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך נעם זיך אַזש אָפּרוקן פון אים.

איך זע, ווי דער קייסער זיצט זיך עס הויך־הויך. אַף וואָס ער איז געזעסן, ווייס איך ניט. מיסטאָמע איז ער אַף אַ שאַפע געזעסן, און די סאָלדאַטן האָבן צוגעשטעלט טאַבורעטלעך אַף די טאַבורעטלעך אוועקגעשטעלט בענקלעך. מ'האָט אים אַ נעם געטאָן. דער קייסער דריגעט מיט די פיס. גיט זיך אַ פּליוכע אין דער ערד...

מער קאָן איך ניט אויסהאַלטן. כ'וויל שוין גיכער אַהיים. כ'וועל באַלד אַרײַנלויפן אין שטוב און אויסשרײַען:

— מאַמע! די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער!..

* * *

איך לויף אַהיים. איך לויף איבער אונדזער פאַרנאַכטיקער טאָר־האָוויצע.

צווישן די וועגענער אַף שטײַערס קאָפּן סאָלדאַטן עסן. די זון האָט זיך שוין געזעצט. אַ בלאָווע, קימאַט שוואַרצע כמאַרע האָט אַזוי ווי אַ וואַנט פאַרדעקט דעם גאַנצן מײַרעוודיקן הימל. די ני־דעריקע שינדל־דעכער נורען זיך צו דער ערד. איבער די דעכער זעט זיך נאָר דאָס הויכע טורעמל פון דער פּאָזשאַרנע.

אין די הײַזער ברענט שוין פײַער. ס'איז שוין שאַבעסדיק. בײַ אונדז אין שטיבל ברענען שוין אויך ליכט.

די שטוב־טיר עפן איך אויף פּאַמעלעך. איך פאַרהאַלט זיך אַ ביסל אין קיך. אונדזער קלייניניקע ענגע קיך איז פול מיט סאָלדאַטן. אַפן טישל, וואָס שטייט לעבן דעם איינציקן קיך־פענצטער, ברענט דאָס פינפער לעמפּל. עטלעכע סאָלדאַטן זיצן לעבן טישל. עטלעכע ליגן אַף דר'ערד. אין קיך שמעקט אַזוי ווי קיינמאָל ניט — סע שמעקט מיט לעדער, מיט שוויים, מיט באָרשט.

די סאָלדאַטן זינגען שוין גאָר ניט קיין שרעקלעכע. זייערע ווינ־טערדיקע היטלען, די שינעלן הענגען אַף דער שראַגע. לעבן דעם גרויסן אויוון שטייען אָנגעשפּאַרט ביקסן.

איך שטאַרב, אַזוי וויל איך זיך צו זיי צורירן. כ'האָב זייער ליב

ביקסנ. נאָר אינ קיכ שטייט דער טאַטע. דער טאַטע קוקט אַפּ מיר. אַפּ מיר קוקט ער בייז, אונ מיט די סאָלדאַטנ רעדט ער ווייכ־ווייכ.

— אַזאַ אומגליק, — רעדט ער צו זיי, — אַנ איינ־און־איינציקער בּאַ מײַנ שוועסטער... ניומע הייסט ער... עפּשער געטראָפּנ אים? די גאַנצע וועלט קערט זיכ דאָכ אום פונ דער מילכאָמע...

— ניומאַ, דיעדושקאַ? — דרייט אַ סאָלדאַט מיטנ קאָפּ. — ווער ווייסט? אַז אַזויפיל מענטשנ!..

דער טאַטע פאַרבײַסט די שפּיצ באָרד, גיט אַ הייב אַנ אַקסל, לאָזט זיכ צום גרויסנ צימער, וואָס הייסט בּאַ אונדז „סטאָלאָווע" אונ ווו מיר עסנ נאָר יאָמטעוו.

די סאָלדאַטנ אַפּנ דיל צערוקנ זיכ. אייניקע שטייענ אופ אונ לאָזנ אונדז דורכ.

אינ סטאָלאָווע איז שוינ שאַבעס. דער קײַלעכדיקער טיש, וואָס שטייט אַפּ אַ גרויסנ קײַלעכדיקנ פוס, איז שוינ צוגעדעקט מיט אַ ווײַסנ טישטעכ. סע ברענט דער יאָמטעוודיקער פּערצענער לאָמפּ. סע ברענענ שוינ די ליכט אינ די צוויי הויכע ווײַסע בּלעכענע לײַכטער אונ אינ די צוויי קלייניקע מעשענע לײַכטערלעכ.

די מאַמע שטייט לעבנ די ליכט. לעבנ איר ליגנ צוויי ווײַכע בולקעלעכ, איבערגעדעקט מיט אַנ אויסגענייט טישטעכל. דער מאַמעס ווײַס קאָפּטל איז אַ ביסל פאַרפלעקט מיט ווישניק. מיט ווישניק איז אויכ פאַרשמירט דער דיל. נאָר די מאַמע איז פאַרנומענ. איר שאַבעסדיקע קווייטלדיקע פאַטשיילע מיט די צוויי שפּיצנ פונ פאָרנט איז פאַרוקט הינטער די אויערנ. זי דרייט מיט בײדע אויסגעצויגענע הענט איבער די ליכט. די ליכט־פײַערלעכ ציטערנ. סע וויגנ זיכ די שאָטנס אַפּ די ווענט. זי מורמלט, די מאַמע, זי בענטשט ליכט.

דער טאַטע וואַרט, די מאַמע זאָל ענדיקנ. אָנגעטאָנ אינ זײַנ שוואַרצנ סורדוט, וועלכנ ער רופט „דאָס שאַבעסדיקע זעקל", גייט ער אום הינ אונ צוריק, שטעלט זיכ אַלעמאָל אָפּ לעבנ „מיזרעכ", אַפּ וועלכנ סע זײַנענ אָנגעמאָלט לייבנ, ווי בעהיימעס, אונ הירשנ, ווי קעצ.

בּאַ דער טיר, צוגעשפּאַרט איינס צום צווייטנ, שטייענ עטלעכע סאָלדאַטנ. אַ סאָלדאַט מיט אַ טשוב אונ מיט רויטע לאַמפּאַסנ האָט אויסגעראַטשעט די פריילעכע אויגנ, צעעפנט דאָס מויל, אָט־אָט וועט ער זיכ צעלאַכנ. ער האָט, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט געזענ, ווי מע בענטשט ליכט.

אז די מאמע ענדיקט, קאָן איך שוין ניט אויסהאַלטן. איך גיב זיך א דריי אפּן קאָרעק. כ'האָב שוין פאַר די סאָלדאַטן קיין מוירע ניט. איך דריי זיך לעבן זיי. כ'וויל זיי זייער פרעגן, ווי זיי האָבן אראָפּגעוואָרפן דעם קייסער.

— הער, — פאַרנים איך דעם קאָפּ און שטעל זיך אוועק אַנט־קעגן הויכן סאָלדאַט, וואָס מיטן טשוב און מיט די רויטע לאַמ־פּאַסן.

— סאָלדאַט, — זאָג איך צו אים פרייליכע און אפּ א קאָל, — האָסט אים אויך אראָפּגעוואָרפן?!

— קאָהאָ? — צעלאַכט זיך דער סאָלדאַט.

די מאמע שפּרינגט אוף פון מײַן פראַגע. די מאמע ווערט אין כּעס.

— וואַרט! — שלעפּט זי מיך אָפּ פונעם סאָלדאַט, — איבער־געלאָזן א קינד... ניט געקאָנט קוקן, זיי זאָלן ניט קריכן... ניט אראָפּוואַרפן?.. — און זי שלעפּט מיך צו דער פּאַרליאַפּעטער שאַפע.

— דעם קייסער, מאמע! ניט איך!.. ס'איז זיי, — ווײַז איך אפּ די סאָלדאַטן, — אראָפּגעוואָרפן...

— ווע־ער?

— דעם קייסער! — קוק איך אפּ דער מאַמען און וואונדער זיך.

די מאמע רוקט זיך אָפּ פון מיר, גיט א ציביידע שפּיצן פון איר קוויטלדיקער פאַטשיילע.

— וואָסער קייסער?! — צעעפנט זי די אויגן, ווי זי זאָל מיך ניט דערקענען.

— אַי־אַ! שאַבעס! — צעשרײַט זיך דער טאַטע.

— אַי־אַ! — קלאַפּט זיך דער טאַטע איבערן מויל.

באַם דאַוונען רעדט מײַן טאַטע מיט „אַי־אַ".

— אַי־אַ! — פאַטשט ער מיט דער האַנט אין דער לופט און שלעפּט מיך דערבײַ צום טיש. דער טיש איז זייער הויך פאַר מיר. איך קאָן אפילו ניט זען, וואָס עס טוט זיך אפּ אים. די מאמע לייגט מיר, ווי שטענדיק, אונטער א קישן, ס'זאָל מיר זײַן העכער צו זיצן. די מאמע גיט מיר א טאַפּ דעם קאָפּ, באַרוּיקט זיך, ווערט צו־ריק זייער פרום.

דער טאַטע גייט פון ווינקל צו ווינקל און זאָגט „שאָלעם־אַליי־כעם". דער טאַטע דאַוונט און איז אין כּעס. א מאָדנע זאַך — ער איז כמורנע און ער זינגט. ער באַגעגנט מיט געזאַנג די מאַלקע שאַבעס.

— אי־אָ! יאַנו! — גיט דער טאַטע א קוק אפּן טיש, דאָס הייסט, די מאַמע זאָל אים דערלאַנגען דעם ווײַן.

אַז ער ענדיקט דאָס דאַווענען, ווינטשעוועט ער אונדז אַלעמען אַ גוטן שאַבעס און אַ גליקלעכן שאַבעס.

די מאַמע זאָגט „אָמיין", און איך זאָג אויך „אָמיין".

איך קאָן ניט אײַנזיצן. כ'וואַרט שוין, דער טאַטע זאָל ווערן שטיל. איך וויל זאָגן ווערן קייסער... דער טאַטע גייט צו צום טיש. ער גיסט אָן אַ בעכערל ראָזשינקעס־ווײַן פון גראַפינטשיקל און הייבט אָן מאַכן קידעש.

ער הייבט אונטער דעם בעכער. די מאַמע הייבט זיך אויף. זי לייגט אַרויף אירע דאַרע אָדערדיקע הענט אויפן האַרצן.

ס'ווערט זייער שטיל. איך דערהער, ווי סע הייבט אָן פּאַמעלעך גיין אַ רעגן. קוים־קוים וואָס די טראָפּנס קלאַפּן אין די שויבן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט בײַ דער טיר. אַלע ווילן זיי זען, וואָס סע טוט מײַן טאַטע. דער הויכער סאָלדאַט מיטן טשוב און מיט די רויטע לאַמפּאַסן אויף די הויזן האָט אַזש צעעפנט דאָס מויל. זײַן נעזל האָט זיך אײַנגעקנייטשט. אויף זײַן דאַרן האַלדז לויפט אַרום פרייליך דאָס גערגעלע. ער קוקט, ווי דער טאַטע האַלט דעם בעכער און מאַכט קידעש.

דעם סאָלדאַט איז דאָס זייער געפעלן.

— דיעדושקאַ! — צעלאַכט זיך מיטאַמאָל פרייליך דער סאָלדאַט, — טשאַראַטשקו!.. — און קוועציק זיך אַ קלאַפּ געבנדיק מיט די פינגער איבערן גערגעלע, — וואָדקי!..

מײַן טאַטן האָב איך גאָר קיינמאָל אַזאַ ניט געזען: מײַן טאַטע איז פאַר מיר דער סאַמע שרעקלעכער און סאַמע געזונטער. איך בין זיכער, אַז אַלע האָבן פאַר אים מוירע.

דער טאַטע האָט גלײַך אויפגעהערט מאַכן קידעש. ער איז געבליבן שטיין מיטן אויסגעשטרעקטן בעכער אין דער האַנט. זײַן גרוי־ווערנדיקע לאַנגע באָרד האָט אַ ציטער געטאָן פון פאַרלאָרנקײַט.

— ביטע, — האָט ער גענומען גיין צום סאָלדאַט, — ס'איז ניט קיין בראַנפן, ס'איז ראָזשינקעס־ווײַן... ס'איז שאַבעס בײַ אונדז...

אין קיך האָט עפּעס אַ סקריפּע געטאָן. ס'איז געוואָרן שטיל. ס'האָבן אַ קלאַפּ געטאָן אין קיך עטלעכע צערוקטע טאַבורעטלעך. עמעצער האָט אַ צי געטאָן דעם סאָלדאַט מיט די לאַמפּאַסן פון דער

טיר. א נידעריק, א ברייטביינערדיק סאָלדאטל האָט זיך באוויזן. די קורצע האָר בא אים, ווי בא א יאָזשיקל, דער געשטעפּטער וואטניק — ארופגעוואָרפן אף די אקסל, דאָס קויטיקע העמד — צעשפּיליעט.

— איך בעט אנטשולדיקונג, בירגער, — איז דער סאָלדאט ארײַנגעלאָפן אין עסצימער, האָט אָפּגערוקט דעם טאטנס בעבער, — אנטשולדיקט אונדז, — און קונציק זיך א דריי געגעבן אף די אָפּצאסן.

— פּיאַדאָר, — האָט ער זיך מיטאמאָל צעשרײַען אפן סאָלדאט מיט די לאמפּאסן, וואָס האָט זיך גענומען רוקן פון אים, — האָסט דאָך אין די אָקאָפּעס געפוילט. ס'איז דאָך רעוואָליוציע!

און ער, דער סאָלדאט אינעם וואטניק, איז צוגעגאנגען נענטערטער צום סאָלדאט, וואָס אין די לאמפּאסן, זײַן פּאָנעם איז געווארן רויט, אָנגעגאָסן.

די מאמע איז אופגעשפּרונגען.

— אוים מיקאָלקע — א הײַנטיקער סאָלדאט, — טײַנעט זי, — א הײַנטיקער סאָלדאט — און אראָפּגעוואָרפן א בוטל ווישניק...

דער סאָלדאט מיט די לאמפּאסן כאפּט אראָפּ דאָס היטל. ער שטייט איינער אליין. ער צײַלעמט זיך. אלע האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים. ער מאכט עפּעס מיטן מויל. ער זאָגט, אז ער הייבט ניט אָן צו וויסן פון קיין בוטל.

— אָט פרעגט דאָס קינד, — שלעפּט מיך די מאמע פאר דער האנט, — דאָס קינד איז דערבײַ געווען...

דער סאָלדאט אין וואטניק גיט זיך א לאָז אין קיך. ער גיט אן עפן די טיר צו דער גאַס.

די שטוב ווערט מיטאמאָל פול מיט א דונער, וואָס האָט זיך איבערגעקײַקלט ערגעץ הינטער די וואָלקנס. די שטילקײַט איז פול געוואָרן מיטן ראַש פון רעגן.

— אָנו! — לויפט צוריק ארײַן דער סאָלדאט אין וואטניק, שפּרינגט צו צום סאָלדאט, וואָס אין די לאמפּאסן, — ארויס פון שטוב...

— מאמע, — זאָג איך, — ניט דעם בוטל! דעם קייסער, דעם קייסער!.. — און איך צערעווע זיך.

איך לויף צו צום פענצטער. איך עפן עס אוף. אפן נידעריקן שווארצן הימל העלט אוף, אזוי ווי א בוימ, א צעצווײַגטער ליכטיקער בליץ.

איך זע, ווי מיט אן אופגעהויבענעם קאַנער פון שינעל, צו־האַלטנדיק דאָס היטל פון ווינט, לויפט אין דער פינצטערניש דער סאָלדאט מיט די לאמפאסן.

— סאָלדאט, — רוף איך, — ס'איז ניט דו, סאָלדאט...

דאָס פאַרהענגל פון פענצטער פאטשט מיר אין פּאָנעם. סע לעשן זיך די ליכט.

— פארמאך! וואָס פארמאכסטו ניט? — שרייט דער טאטע און שלעפּט מיך פון פענצטער, — א שטורעם, גאָט מיינער, פאַר־מא־אך!

כ'צערעווע זיך נאָך העכער.

דער טאטע שלעפּט מיך פון פענצטער, און איך לאָז זיך ניט. איך האַלט זיך אָן. כ'פארשטיי ניט, וואָס סע טוט זיך.

א פרוער פריליגנגדיקער דונער קייקלט זיך, רייסט זיך אוף איבערן שטעטל.

בורזשויען

שוין לאנג, אז מע האָט אראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. וואנדע־לעבע זאכן קומען פאָר אפ דער וועלט.

— מאמע, — בעט איך זיך בא דער מאמען, — נאָכעם איז טאקע א בלוטזויגער?

אין קיך איז פינצטערלעך. די מאמע שטייט מיט פארקאטשע־טע ארבל און קנעט ברויט אין דער באק־דייזשע. פון דער פארגיי־ענדיקער זון און פונעם ברענענדיקן אויוון איז די מאמע פארפּאַ־ליעט. זי גיט אלעמאָל א וויש מיטן עלנבויגן דעם פארשוויצטן שטערן און קנעט ווייטער. דאָס זויערלעכע טייג קוויטשעט. דאָס טאבורעטל קרעכצט אונטער דער באק־דייזשע.

אין דרויסן ווארטן אפ מיר סראָליק און זיאמע. כ'וויל אָבער ניט ארויסגיין. אין שטוב איז בעסער. ס'איז מיר זייער געפעלן דאָס ברויט באקן. די מאמע איז נאָך עפּעס אין קאס. זי האַלט אין איין שעלטן געדאליען, דעם באלעבאָס פון דער בעקעריי, וואָס האָט אָנ־געהויבן נעמען זייער טייער פאר ברויט. וועלוול כאָדאָרקאָוו, און־דזער קאָמיסאר, האָט דערפאר געדאליען איינגעזעצט אין קעלער, און מע מוז אליין באקן.

— מאמע, — פרעג איך נאָכאמאָל, — אָבער נאָכעם לייטעס איז אויך א בלוטזויגער?

— נישקאָשע. ער קרענקט עס אויס... ארויסגעצאַפּט די דאַמ־האַטאַמצעס פונעם טאַטן, — הייבט זי אָן שעלטן לייטעסן, וואָס איז ביז ערשט ניט לאַנג געווען דער באַלעבאָס פון דער פּאַראָווער מיל און וואָס מיין טאַטע האָט בא אים פריער געדינט.

אַז איך נעם זיך אָבער דערפרעגן בא דער מאַמען, פאַרוואָס נאָכעם לייטעס זויגט און פאַרוואָס דער טאַטע האָט זיך געלאָזן, הייבט די מאַמע אויף דעם קאָפּ, הערט אויף קנעטן. פריער שווייגט זי, און מיטאַמאָל הייבט זי אָן שרייען, איך זאָל איר אופהערן זאָגן אַפּן האַרצן און זאָל שוין אַמאָל אַוועקגיין פון שטוב.

צו די געשרייען האָב איך זיך שוין צוגעוווינט. אַלע גרויסע זיינען עפּעס איצטער בארויגעז. איך גיי שוין בעסער אַוועק.

אין דרויסן, אַפּ דער פּריזבע, וואַרטן שוין אַפּ מיר סראָליק און זיאַמע. זיאַמע און סראָליק, שטיקנדיק זיך פון פרייד, רופן מיך אָפּ הינטער דער שטאַל און דערציילן מיר בעסאָד־סוידעס, אַז אונטערן דאַך פון דער וויַבערשער שול האָבן זיי געפונען א נעסט מיט קלייַנע גאַלקעלעך. זיי קאָנען שוין ניט אַיינשטיין. סראָליק זאָגט, אַז מע דאַרף גלייַך לויפן נאָך זיי.

— א מעציע גאַלקעס! — שפּיַ איך אויס. כ׳שפּיַ איצטער זייער שיין. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט בא מיַן כאַווער בעטשעקל דעם באַלעגאָלע שפּייען ניט מיט די ליפּן, ווי אַלע מענטשן, נאָר דורך די ציין.

— אויך מיר א סאָד, — גיב איך זיך א קאָסע אַפּ מייַנע כאַווירים און דערצייל זיי בעסער, וויאַזוי מייַן טאַטע האָט געאַרבעט בא נאָכעם לייטעסן אין מיל, און וויאַזוי נאָכעם פלעגט פאַרשלעפּן מיַן טאַטן אין א פינצטערן ווינקל און אים זויגן.

— זויגן? — ווערן זיאַמעס אויגן גרויס און קיַלעכדיק.

— דאָס בלוט, — ענטפער איך שטיל־שטיל, און ס׳ווערט מיר אַליין שרעקלעך.

— אַליין געזען?

— זאָל איך שטאַרבן, אויב כ׳האָב אַליין ניט געזען, — שווער איך זיך און גיב נאָכאַמאָל א שפּיַ דורך די ציין.

סראָליק זאָגט אָבער, אַז ס׳איז קיין סאָד ניט. אַלצדינג ווייסט ער, סראָליק. ער זאָגט, אַז ער ווייסט שוין פון לאַנג, אַז נאָכעם לייטעס איז א בלוטזויגער.

— איז גייסטו? צי דו גייסט גיט? אניט, זײַנען אַלע גאַלקעס מײַנע!

קיין גאַלקעס דאַרף איך ניט. גאַלקעס און וואַראַנעס האָב איך פֿײַנט. כ'האָב אַפֿילו מוירע גיין אַנטקעגן נאַכט אין דער ווײַבער־שער שול, נאָר אַז סראַליק זאָל צונעמען ווי אַ גאַלקע — דאָס ניט.

גייען מיר אינדרויסן.

אין דרויסן איז שוין באַלד נאַכט. אונדזערע שכיינים זיצן שוין אויף די גאַנעקעס און כאַפּן פֿרישע לופֿט. די בלאָטע אויף דער גאַס האָט זיך שוין אויסגעטריקנט. טיפֿע אײַנגעטראָטענע סטעזשקעלעך ציען זיך צווישן דער פֿאַרהאַרטעוועטער בלאָטע. מיר גייען בעסער איבער די הרודעס. ס'איז דאָפּקע שווערער, נאָר אַזוי געפֿעלט אונדז.

מיר גייען אַרויס פֿון אונדזער טאַרהאָוויצע און לאָזן זיך אַרײַן אין שול־געסל. דאָ איז שוין פּוסט. אומעטיק. ס'איז נאָך מײַרעוו. דורך די פֿענצטער פֿון דער גרויסער רויטער שול זע איך, ווי דער שאַמעס פֿאַרלעשט די ליכט. איך, סראַליק און זיאַמע דריקן זיך צו נעענטער איינער צום צווייטן. מיר האָבן מוירע. באַנאַכט, זאָגט מען, דאַווענען דאָרט מייסים. מיר גייען אַרויף מיט די טרעפּ אויפֿן שול־גאַנעק. פֿונעם גאַנעק דאַרפֿן מיר זיך לאָזן מיט די טרעפּ, וואָס פֿירן צו דער ווײַבערשער שול.

מיר גייען נאָר אַרויף אויפֿן גאַנעק, עפֿנט זיך אַנטקעגן אונדז די שול־טיר, און מיט אַ שווערן סידער אונטער דער פּאַכווע גייט אַרויס אַ שוואַרצער הויכער זאַקן.

פֿון אומגעריכטקײַט רײַסט זיך אונדז אויף אין האַרצן.

פֿאַרגליווערטע, האַלטנדיק זיך בײַ די הענט, נעמען מיר פֿונעם זאַקן ניט אַראָפּ די אויסגעראַטשעטע אויגן.

איך קוק זיך גוט אײַן — ס'איז נאָכעם לייטעס. אויף אונדז גיט ער אַפֿילו קיין קוק ניט. אַ הויכער, אַ דאַרער, די אַקסל אונטער־געהויבן, לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט געמאָסטענע טריטעלעך פֿון די טרעפּ. דעם קאָפּ האַלט ער אַ ביסעלע אָנגעבויגן. דער שוואַרצער קאַרטוז איז אָנגערוקט. די לאַנגע שפּיציקע באָרד איז צוגעקוועטשט צו דער מאַנישקע.

— קבי־קבי, — גיט ער אַ הוסטעלע און לייגט דערבײַ אַרײַן אַן אַרבל אין אַרבל, ווי ס'וואָלט אים מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן, — קבי־קבי.

פֿרײַער פֿלעגט ער הוסטן העכער, נאָר איצטער קביקעט ער נאָר, ער האָט מוירע.

ער הייסט שוין ניט נאָכעמ לייטעס, נאָר מע רופט אים בורזשוק און מע האָט אים פײַנט.

די מאמע זאָגט אפילו, אז ערשט איצטער זעט זי, אז ס'איז דאָ א גאָט אפ דער וועלט, אז סע פאַלט אים, נאָכעמען, אויס באָקאָם און אז מע וועט נאָך די קליִיט בא אים אויך צונעמען...

ערשט אז נאָכעמ לייטעס לאָזט זיך אראָפּ פון די טרעפּ, קומען מיר צו זיך.

— זע נאָר! — שרײַט אויס זיאמע.

— קוק נאָר! — ווײַזט אפּ אים סראָליק מיט א פינגער.

— וואָסי? — ציטערט אופּ נאָכעמ לייטעס. ער בלײַבט שטיין, נעמט ארום די הענט פון די ארבל. די גרויע, געדיכטע ברעמען לאָזן זיך אראָפּ נידעריקער איבער די אויגן. ער הייבט זיך אָן ארומ־דרייען ארום זיך, הייבט אופּ א פּאָלע פונעם סורדוט:

— עפּעס אָנגעטשעפּעט? אויסגעשמירט? הא, קינדערלעך?

— ניין־ניין! — דריי איך מיטן קאָפּ און גיי אפילו צו נע־ענטער.

— איז וואָס־זשע קוקט איר אפּ מיר, בע־בע? — שמייכלט נאָכעמ לייטעס.

— געזויגן בלוט? — ציט זיאמע ארײַן דעם קאָפּ אין די אקסל און רוקט זיך אָפּ פון אים.

— מײַן טאַטנס? — פרעג איך.

און כאָטש איך פרעג עס שטיל, נאָר נאָכעמ לייטעס הייבט זיך אָן אָפּרוקן פון מיר. די ברעמען הייבן זיך אופּ. דער שטערן קנייטשט זיך אײַן. ער הייבט מיטאמאָל אָן לעקן די ליפּן, פארמאכן און עפע־נען דאָס מויל.

— ער ציאַמקעט! — ווערט זיאמע פארציטערט און הייבט אָן לויפן.

— הולטײַ! מאמזער! — צעגוואַלדעוועט זיך פּלוצעם נאָכעמ לייטעס. — מאמזיירים! הולטײַעס! — מאכט ער מיט די הענט און וויל מיך כאַפּן.

נאָר כ'לויף, אז כ'פיל ניט די ערד אונטער זיך.

ערשט ווען איך קום אפּ אונדזער גאס, כאַפּ איך איבער דעם אָטעם. סראָליק און זיאמע זײַנען שוין ניטאָ. כ'גיב א שפײַ דורכ די ציין, ווי ס'האָט מיך אויסגעלערנט מײַן באַוואָר בעטשעקל, און לאָז זיך צו דער שטוב. אין שטוב ברענט שוין פײַער, און ס'איז שוין, ווײַזט אויס, געקומען דער טאַטע. אז דער טאַטע איז אין

דער היים, דאַרף מען אַרײַנגײן שטיל. דער טאַטע איז זײער אַ בײזער. וואָס עפּעס, ווײל ער מיך שלאָגן. ער זאָגט, אַז אַ קינד דאַרף מוירע האָבן ער ווײל, איך זאָל ניט לויפֿן אין רעווקאָם, ניט שפּרינגען יענעם אין פּאָנעם, ניט גײן צו בעטשעקל דעם באַלעגאָלע, ווען דער טאַטע האַלט פֿאַר אַן אומלײַט, כ׳זאָל זיצן שטיל...

נאָר כ׳קאָן ניט אײַנזיצן. ס׳איז זײער פֿרײלעך. און פֿרײלעכער ווי אומעטום איז לעבן רעווקאָם. דער רעווקאָם געפֿינט זיך זיך אינעם ווײַסן מויערל, וווּ ס׳איז געווען אַמאָל די וואָלאָסט. אױבערן גריגעם דאַך פֿון דער וואָלאָסט פֿאָכעט זיך אַ שײנע רויטע פֿאָן. די טירן זײַנען צעעפֿנט. דער רעווקאָם איז פֿול מיט פּויערים און מיט שטעטלדיקע בעוורע. ס׳א שטופּעניש, ס׳איז פֿרײלעך.

דער טאַטע און די מאַמע זײַנען אָבער ניט פֿרײלעך. מײַן ברודער אַרל, וואָס לערנט זיך אין אַ ווײַטער שטאָט, קערט זיך עפּעס ניט אום. מע זאָגט, אַז אין דער שטאָט דאָרטן זײַנען דאָ אַזעלכע בורזשויען, וואָס רופֿן זיך פּעטליוראָווצעס און וואָס קוילען.

צוקומענדיק נעענטער צו אונדזער שטוב, טרײסל איך אָפּ פֿון זיך דעם שטויב. דער טאַטע זיצט שוין אויף דער פּריזבע. ער איז אָן אַ פּידזשאַק, אין דעם העמד נאָר. בײדע הענט האַלט ער אויף די קניִעס. די באָרד איז אַ ביסל פֿאַרהויבן. ער קוקט אין דער הייך. דאָס קוקט ער, ווי פֿון יענער זײַט פּאָזשאַרנע איז אַרויסגעקראָכן די לעוואָנע און געבליבן הענגען איבערן הויכן טורעמל.

איך דערקען גלײַך אינעם טאַטנס זיצן, אַז ער איז עפּעס צופֿרידן, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פֿאַר אים.

— פֿונוואַנען? — גיט מיך דער טאַטע אַ מעסט אָפּ. — געשלײַעט זיך, האַ?

— באַם זײדן. געטרונקען, טאַטע, טײ באַם זײדן.

באַלד איך בין געווען באַם זײדן, האָט שוין צו מיר דער טאַטע גאָרניט. ער הײסט מיר נאָר, כ׳זאָל אים אַרויסטראָגן אַ רעדנע מיט אַ קישן. איך גײ אַרײַן אין שטוב. אין שטוב איז היים, אַז מע קאָן אויסגײן. די מאַמע, אַן אָנגעטאָנענע, ליגט אויפֿן לינוונטענעם בעטל, וואָס שטײט לעבן אָפֿענעם פֿענצטער, און שלאָפֿט, ווײַזט אויס. איך נעם דעם טאַטנס רויטע קאָלדרע מיט צוויי קישעלעך און טראָג אַרויס אין דרויסן. איך שפּרײט אויס די קאָלדרע און לײג זיך אַוועק מיטן טאַטן אין גראָז, וואָס וואַקסט לעבן אונדזער שטוב.

— לײע! האַ, לײע? — רעדט דער טאַטע אַרײַן אין אָפֿענעם פֿענצטער. — איך טראַכט, לײע — ציט ער זיך אויס און לײגט

אונטער ביידע הענט אונטערן קאפ, — איך טראכט נאר, וואס מע קאן מאכן פון א וועלט... זי שלאפט, ווייזט אויס... וואס פון א וועלט קאן ווערן... — רעדט שוין דער טאטע צי זיך אליין, ווייל מיט מיר רעדט ער ניט וועגן אזעלכע זאכן. ער מאכט נאר עט־לעכע מאל „אך־אך־אך", קנייטשט דעם שטערן, מאכט עפעס מיט די ליפן און ווערט אינגאנצן שטיל.

איך שווייג אויך. איך גיב נאר א געשריי „אוי", ווען א פאלנ־דיקער שטערן באווייזט זיך מיטאמאל און לאזט איבער אף עטלע־כע רעגעס א ליכטיקן פאס איבערן הימל.

— וואס אויקעסטו?

— א שטערן, טאטע, אראפגעפאלן.

דער טאטע גיט אפילע קיין קוק ניט. אין דער שטילקייט הערט זיך נאר, ווי עס שורעוועט קוים־קוים די ליפע אונטערן פענצטער, ווי עמעצער לאכט, ווי עמעצער צעגעגנעצט זיך מיטאמאל איבער דער גאנצער גאס.

אלע שכיינים זיינען איצטער אין גאס. ס'איז היים. האלב־נאַ־קעטע זיצט מען אף די גאנעקעס, אף די פריזבעס.

די גאס זע איך אבער ניט. אונדזער שטוב איז פארוקט — שטייט אין סאמע עק. איך זע נאר אונדזער שאכן טשעטשעוויטשקעס שטיבל מיט די שווארצע שטאכעטלעך ארום דעם. איך זע באסיע דער האר־בארניטשקעס הייזל און דאס ווייסע באטקעלע מיט די קאלינע־ביימלעך פון אונדזער שאכן לאדימער.

בא לאדימערן און בא טשעטשעוויטשקען איז שוין פינצטער. זיי לייגן זיך שלאפן גלייך מיט די הינער. נאר בא באסיע דער הארבארניטשקע, בא וועלוול כאדארקאוס מאמע, ברענט נאך דער איינגעדרייטער לאמפ.

אינעם ליכטיקן איינגעקרימטן פענצטער, וואס ליגט בא דער סאמע ערד, באווייזט זיך אלעמאל באסיע.

זי ווארט, וועלוול זאל קומען.

פון זינט מ'האט וועלוולען געוואלט הארגענען, מוז זיך וועלוול אומקערן פרי אהיים, אניט, וויינט זי, זיין מאמע.

אונטערהינקענדיק, צופייפנדיק, ווי געוויינלעך, באווייזט זיך וועלוול כאדארקאוו. ער גייט פארביי אונדזערע שטאכעטלעך. אז מע גייט צו זיי אהיים, גייט מען פארביי אונדזער שטיבל.

איך דערקען אים. איך שפרינג גלייך אוף. די נאכט איז א ליכ־טיקע. איך זע אפילע זיינע אויסגעקרימטע שטיוול, גרויע פון

שטויב, זײַנע הויכע טשופּרינע שוואַרצע האָר, ווי פּרוזשינקעלעך, כ׳דערזע זײַנע ברייט שוואַרץ פּאָנעם און זײַנע ווײַס צעשפּיליעט העמדל.

— וואָס? איר זיצט נאָך?

— ס׳איז דו, וועלוול? — זעצט זיך דער טאַטע אויף און פּאַר־דרײַסט צו אים דעם קאָפּ.

— ווער דען? דערקענסט שוין קיין מענטשן ניט, עליע? — בלײַבט וועלוול שטיין, די פּיס — צענומען, דער פּידזשאַק — פאַר־וואָרפן אפן אַקסל, ווי מע טראָגט אַ זעקל.

וועלוול איז ייִנגער פון עם טאַטן, נאָר וועלוול זאָגט אים „דו".

— וואָס זאָגסטו אפּ דער דושנעקײַט? — צעבראַסטעט ער נאָך מער אפ זיך דאָס העמדל· ער גיט אַ שפּרייט אויס דעם פּידזשאַק אפ דער ערד, גלעט אים אויס מיטן פּוס.

— רעב עליע, — רוקט זיך אַרויס וועלוולס מאַמע דורכן פענצ־טער, — ס׳איז ניט מײַן וועלוול לעבן אײַך?

— שאַ־שאַ! אַן געשרייען. כ׳קום באַלד, — זעצט זיך וועלוול אוועק אפן אויסגעשפּרייטן פּידזשאַק.

— רעב אַשער!..

— האַ?

— זײַט זיך מאַטריעב און שלעפּט מיר אַראָפּ די שטיוול, — און וועלוול לייגט זיך אוועק, האַלט זיך אויף אפ די עלנבויגנס און ציט אויס צו מיר אַ פּוס.

איך כאַפּ אַן מיט ביידע הענט זײַנע שטיוול. כ׳האָב זייער ליב, אז וועלוול בעט מיך עפּעס. אַלצדינג פּאַלג איך אים. איך גאַנווע זיך אפילע אַרײַן צו אים אין רעווקאָם. מע דאַרף נאָר וויסן ווען. וועלוול איז זייער אַ שרײַענדיקער. אז ער איז עפּעס באַרויגעז, מעג איך זײַן איינער אַליין, אייגן ייִנגעלע אין רעווקאָם, טוט ער זיך אַ שטעל אויף און צעשרײַט זיך:

— וואָס פאַר אַ ייִנגעלעך?! וואָן! כ׳זאָל אײַך ניט אָנקוקן, — און טרײַבט מיך דורך.

דערפאַר אַן אַנדערש מאָל קאָן ער מיך צורופן:

— אַשער, גיב נאָר אַ שפּרונג צו צו פינעס דעם בורזשוק און זאָג אים, אז כ׳האָב פּײַנט וואַרטן לאַנג.

איך לויף זייער גוט. דאָס קאָל איז באַ מיר אַ הויכס. אז איך שפּרינג אַרײַן אין אַ שטוב פון אַ גוויר און גיב אַ געשריי, ווי אפ אַ סרייפע:

— װעלװל רופֿט אין רעװוקאַם! — װערן זיי גרין און געל.

— שלעפּ ניט אַזוי!.. פּאַמעלעכנ! — פּאַרקרימט זיך װעלװל. װאָס כ'האָב אַזוי שטאַרק אַ צי געטאָן דעם שטיװל.

— אַן אומגליק אַף זיי, — זעצט ער זיך אויף און שפּאַרט זיך אָן אין דער װאַנט. ער מאַכט שטילערהייט „האַ־אַ־אַ". די הויט צװישן די ברעמען קנייטשט זיך אײַן. די אויגן פֿאַרזשמורעט ער אַף עטלעכע רגעים. און פּאַמעלעכן־פּאַמעלעכן הייבט ער אָן רײַבן די קני פֿון זײַן קראַנקן פֿוס.

ביז ערשט ניט לאַנג איז נאָך װעלװל געגאַנגען גלײַך, נאָר מע האָט עמעצן אונטערגעשיקט צו אים. מע זאָגט, אַז ס'איז די גױי־רים. און טאַקע לעבן אונדז איז דאָס געשען. ס'איז געװען בײַ־נאַכט. ער איז געגאַנגען אַהיים, האָט מען אין אים אויסגעשאָסן. מ'האָט אים פֿאַרװוּנדעט. און װעלװל באַדאַרקאָװ איז נאָכדעם לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל.

מיר טוט זייער באַנק, װאָס כ'האָב אים אַזאַ שלעפּ געטאָן דעם שטיװל. איך שטיי אַף די קני און קוק אים גלײַך אין די אויגן.

— עפּשער דיר עפּעס העלפֿן? — רוקט זיך צו אים צו דער טאַטע.

— אײַ, לאָז צורו. כ'װיים זייער... ברענט עס ליכטיק. כ'דאַרף אַזוי דעם קראַנקן פֿוס, װי אַ לאָך אין קאָפּ... טשעפּע ניט, — װערט ער בייזע, שפּײַט אויס, װיקלט אָפּ די אָנעטשעס און װאַרפֿט זיי אָפּ אין אַ זײַט.

ער לייגט זיך צוריק אַװעק, ציט זיך אויס, לייגט אונטער ביידע הענט אונטערן קאָפּ.

— אַך, — גיט ער מיטאַמאָל אַ צי אַרײַן אין זיך די לופֿט, און פֿריילעך, װי ס'װאָלט אים שוין גאָר קיינמאָל גאָרניט װיי געטאָן, זאָגט ער, — סאַראַ קװאַקעניש! — און דאָס מאָל באַ װעלװלען צע־עפֿנט זיך אַ ביסעלע, די אויגן פֿאַרמאַכן זיך, און אַ קוים באַמערק־באַרער שמייכל באַװײַזט זיך, װי אַלעמאָל, אַרום זײַנע ליפּן.

— סאַראַ קװאַקעניש, — זאָג איך נאָך.

די אויסגעשטערנטע שטילקייט איז איצטער פֿול מיט דער שרײַע־ניש פֿון פֿרעש, װאָס רופֿן זיך איבער פֿון די נאָענטע סאַזשלקעס. אַ נאַכט־פֿייגל שרײַט. װען־ניט־װען דערטראָגט זיך אַ הינטיש בילן. װײַטע אויסגעצויגענע געזאַנגען פֿון אוקראַינישע מיידלעך הערן זיך פֿון די סלאָבעדעס. די געזאַנגען ציטערן קוים־קוים איבערן שטעטל.

— שלאָפֿסט, װעלװל?

— ניין! — דרייט זיך וועלוול אוים צום טאטן. ער לייגט זיך אוועק אפ א זײַט. אין דער לעוואָנע־ליכט דערזע איך, ווי ס'האָט זיך ארויסגערוקט פון זײַן קעשענע דאָס שווארצע הענטל פון זײַן רעוואָלווער.

— בארעכן זיך... ווײ־ווײ, — הייבט אָן דער טאטע. — ערשט פריִער מיט אַן אַנדערהאלבן יאָר געווען אזא מאלכעס, אזא ניקאָלײַ. א פיש אין טײַך האָט געציטערט. — און דער טאטע רוקט ארוים די צונויפגעקוועטשטע ליפּן, וויגט מיט דער האנט אינדערלופטן, — און קיין שורע־דעפּורע ניט געבליבן...

— יאָ, מע זאָגט... — גיט וועלוול קוים־קוים א זשמורע מיט אַן אויג, און א האלב פּאָנעם ווערט אײַנגעקנייטשט. — נאָר הערסטו, עליע, דער רועך זאָל עס נעמען, — גיט ער זיך אזש א רײַב מיט דער האנט איבערן פּאָנעם, — א וועלט מיט ארבעט... אָט דארף מען ברויט. מע דארף שטיוול. פּעטליורע רוקט זיך... ס'הייבט זיך אָן. ס'פּארקאָכט זיך, ברודערל... אז מע וועט מיך ניט אריבערפּעקלען אפ יענער־וועלט, וועט זײַן אפ וואָס א קוק טאָן... וואָס? עמעס, אָשערל? — גיט ער צו מיר א דריי דעם קאָפּ און טוט מיך א שלעפּ צו זיך.

— יאָ, — ענטפער איך, כאָטש איך וויים ניט, וואָס ער מיינט דערמיט.

— וועסט מיך כאָטש, אָשערל, אז כ'וועל אָנלייגן מיטן קאָפּ, דערמאָנען צו גוטן? הא?

— יאָ, כ'וועל אײַך דערמאָנען.

— מאָלטשאט! הערסט אַן אזעס? ער באגראָבט מיך שוין, — גיט ער מיך א שטופּ אָפּ, נאָר ער צעלאכט זיך און שלעפּט מיך צו צוריק.

— נו, וועלוול, שלאָג־זשע ניט איבער, — רעדט ווײַטער דער טאטע, — הײַנט א גערדאליע... אזא'ן אדיר! הײַנט ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אפ א נאָכעמ לייטעס? געשפּונענע גאָלד, עפּעס א קלייניקײַט, הײַנטיקע יאָרן א מיל...

— אָבער בעסער אין מיל אָן א באלעבאָס? — ווערט וועלוול זייער וואכעדיק און זעצט זיך אוף, — אָבער גוט, הא?

— וואָס הייסט גוט? גאָרניט. א מיל דרייט זיך. גלאט, איך פארשטיי ניט רעב נאָכעמען. האָסטו שוין אָפּגעגעבן אזא מיל, — הייבט מיטאמאָל אָן דער טאטע מיט א קאָל פון מײַוועער זײַן די סעדרע, — איז צו וואָס דארף מען איבערלאָזן האלב וואלצן אָן די רימענס?

— דאָס, זעסטו, וועט ער שוין אויסקרענקען... אָבער דו גיב לאָשן: בעסער דיר אָן נאָכעמען, צי ניט בעסער?

— וואָס איז שענער בעסער? פאר יונגעלײט איז אוודע בעסער... אָבער איך... כ׳בין דאָך שוין ניט קיין יינגעלע. כ׳האָב אים אין דער ערד... נאָר עפּעס נעמען פּרעמדס...

— עליע, — גיט זיך וועלוול א הייב אוף, רוקט ארײַן די אָנע־משעס אין די שטיוול, נעמט דעם פּידזשאַק.

— וואָס איז?

— גיי שלאָפן, עליע. כ׳זע שוין, אז דו ביסט שלעפעריק, — גיט ער אים א פּליאסקע אין פּלייצע, ווי דער טאטע זאָל זײַן א יינגעלע, — סע קלעפּט זיך בא דיר א וואָרט צו א וואָרט ניט. שוין דערעסן מיט דיר אײַנטײַנעני גיי, — גיט ער א הייב דעם טאטן. נאָכדעם גיט ער א רוק ארוף די הויזן. זײַן מעשונעדיק־גרויסער שאָטן גיט זיך א באוועג איבער דער וואנט. ער דרייט זיך אויס. א באָרוועסער, שלעפּנדיק דעם פּידזשאַק און די שטיוול איבער דער ערד, לאָזט ער זיך, אונטערהינקענדיק, צו זײַן מאמעס שטיבל.

* * *

גאנצפרי, נאָר געעפנט די אויגן, דערהער איך אזעלכע רייד פונעם טאטן, אז איך באהאלט זיך צוריק אונטער דער קאָלדרע, הייב אָן אונטערכראָפּען, מע זאָל מיינען, אז איך שלאָף. איך דערוויס זיך, אז דער טאטע קומט נאָרוואָס פון דאווענען, און נאָכעם לייטעס האָט אים דאָרטן דערציילט, ס׳אראַ הולטײַ איך וואקס, און ווי איך בין אים נעכטן געשפּרונגען אין פּאָנעם.

מײַן מאמע האָט אָבער פײַנט, אז מע רעדט שלעכטס אף אירע קינדער. זי הייבט גלײַך אָן שעלטן נאָכעם לייטעס, וואָס קלערט אויס אלדאָס בייז אף איר אָשערלען. און נאָכדעם שווערט זי זיך, אז זי זאָל בעסער שטארבן, אויב דער טאטע וועט זיך צו מיר צורירן.

דער טאטע ווערט גלײַך שטיל. כ׳הער, ווי ס׳גיט א סקריפּע א טאבורעטל אין קיך, ווי ס׳קלינגט א לעפעלע, דער טאטע האָט זיך וווּזט אויס, אוועקגעזעצט טרינקען טיי.

כ׳דעק א ביסל אָפּ די קאָלדרע. אין אלקער איז זוניק. דורכן אָפּע־נעם פענצטער הער איך, ווי סע פּישטשען די שוואלבן אונטערן דאך און ווי סע קוואַקעט אונדזער קוואָטשקע לעבן שטוב.

— אָבער אזא קליינס, — קאָן זיך ניט בארויקן דער טאטע, —

ניט דערלעבט נאָך אויסוואַקסן, שפּרינגט עס שוין אַן עלטערן פון זיך אין פּאַנעם. לאָז ער נאָר אויפשטיין. ער וועט שוין זען, — צעשרייט ער זיך מיטאמאָל.

אָבער זען וועל איך עס ניט. דאָס אלקער־פענצטער איז אָפן. דער רויטער פּאַרהאַנג מיט די גרינע פויגלען איבער דער טיר, וואָס פירט אין עסצימער, איז אראָפּגעלאָזן. כ'רוק ארויס א האנט פון אונטער דער קאָלדרע. איך גיב א כאַפּ מײַנע סאַטינענע הייזלעך מיטן סטאַניק. אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, ס'זאָל כאָלילע קיין סקריפּע ניט טאָן דאָס בעט, ליג איך עטלעכע רעגעס אין דער איבערבעט, ווי אין א גרוב. נאָכדעם קריך איך ארויס. איך טו זיך אָן און שפּרינג גלײַך ארויס דורכן פענצטער.

ארויס אין דרויסן, לאָז איך זיך גלײַך לויפן צום זיידן, וואָס וווינט אפן שאָסיי לעבן מארק־פּלאַץ.

אפן מארק־פּלאַץ פארגעס איך גלײַך אינעם זיידן.

ס'איז דאָ זייער פריילעך.

דער מארק־פּלאַץ הייבט זיך אָן מיטן ווײַסן הילצערנעם קלויסטער, וואָס שטייט אין א גרויסן ארומגעגרייזערטן סאָד. אין דעם דאָזיקן סאָד קאָן מען איצטער רײַסן עפּל, וויפל מע וויל, ווײַל ס'איז אנטלאָפן דער גאַלעך.

אנטקעגן קלויסטער, א ברייטס, א שווערס, מיט א רויטער פאָן איבערן בלעכענעם דאך, שטייט מיט צעעפנטע פענצטער דאָס געטינקעוועטע מויערל פון רעווקאָם.

ארום דעם פּלאַץ — א רינג מיט הײַזער: קלייטן, א טשײַנע, צוויי לאנגע אײַנפאַר־הײַזער און ס'רויטע שטיבעלע פון דער פּאָטשט.

אינמיטן, אנטקעגן נאָכעם לייטעסעס גרויסער קלייט, שטייען די באַלעגאָלעס מיט בוידן, פּלאַשטשאַדקעס, וועגענער.

בעטשעקל דער באַלעגאָלע שמײַסט שוין מיט דער בײַטש, שרײַט, רופט צונויף פּאַסאַזשירן און קנאַקט יאַדערן.

אלע קנאַקן בא אונדז יאָדערן. דער שליאַך איז ראַב און פארשאָטן מיט שאָלעכץ.

— העי, אָשער, אהערצו, — דערהער איך, ווי עס שרײַט צו מיר, שטייענדיק אפּ דער קעלניע, בעטשעקל.

איך לאָז זיך לויפן צו אים. איך קריך צווישן פויערטעס, וואָס זיצן די פיס אונטער זיך און פארקויפן אוגערקעס, פּאַסאָליעס, מערן, אייער. אומעטום שרײַט מען, מע דינגט זיך, איך דערקלײַב זיך קוים צו בעטשעקלען.

בעטשעקל איז בא מיר דאָס כּמעט. ער זידלט זיך זייער גוט און קאָן זייער גוט שפּילן. ער קאָן צעעפענען דאָס מויל און דורך די ציין אַזאַ כראָקע טאָן, אַז אַפּן צווייטן עק שאָסיי זאָל דער שפּיל עמעצן טרעפן, און דער מענטש זאָל אַפילו ניט וויסן, ווער ס'האָט אָנגעשפּיגן.

כ'האָב ניט איין מאָל צוגעזען, וויאַזוי בעטשעקל טוט אָפּ שפּיצלעך נאָכעמ לייטעסעס טאָכטער, עטעלען.

עטעלען קאָן בעטשעק ניט אָנקוקן. ער וויל וויסן, ער קריצט אַזש מיט די ציין, פאַרוואָס זי דרייט זיך און פאַרוואָס זי האַלט זיך גרויס.

עטעלע, אַז זי גייט, דרייט זי זיך. זי טופּעט גיך־גיך אויף די הויכע אָפּצאַסלעך און וויגט זיך דערביי ווי אויף רעסאָרעלעך. אויף קיין מענטשן קוקט זי ניט. דאָס קעפּעלע איז פאַריסן, דאָס מײַלעכל איז צונויפגעשנורעוועט, און די אויערינגלעך באָמבלען זיך.

— אוים אָפּיצערעלעך! — שרײַט ער איר שטענדיק, און עטעלע רופט אים דערפאַר „נאָכאַל", און בעטשעקל פּײַערט אויף איר נאָך מערער.

איבער בעטשעקלען האָב איך אַמאָל געוויינט. די מאַמע האָט מיר איינמאָל געקויפט אַ קליין ברוין הינטעלע, וואָס אַז מע בלאָזט דעם אונטערן ווידעלע, פּײַפט עס. בין איך אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק און געפּײַפט.

ווי נאָר בעטשעקל האָט דערזען דאָס הינטעלע, האָט ער זיך גלײַך אָנגעהויבן באַלעקן און געזאָגט מיר, אַז אַזאַ הינטעלע, ווי מײַנס, האָט ער שוין לאַנג ניט געזען, אַז ס'איז אַ „טשעקעלאַדנס".

זאָג איך: „ס'אַ ליימענס".

זאָגט ער: „ס'אַ טשעקעלאַדנס. לאָמיר זיך וועטן. אָט פּרוּוו עס אַ ביס טאָן".

האָב איך דאָס הינטעלע גלײַך אַרײַנגעפּערעט אין מויל, צעביסן עס אויף צווייען און זיך צערעוועט ווי אַ געקוילעטער, ווײַל דאָס הינטעלע איז טאַקע געווען פון ליים.

איך האָב געוויינט, און בעטשעק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דר'ערד און האָט געלאַכט.

נאָר דאַפּקע פון דעמלט אָן איז בעטשעקל געוואָרן מיט מיר כאַווער. בעטשעק איז שוין אַ גרויסער — אַ שמײַסער בא זײַוול דעם באַלעגאָלע. ער לאָזט מיך אַמאָל מיט די אייגענע הענט פּויען די פערד, אַרופקריכן אויף די קאָזלעס, האַלטן די ווישקעס...

— אָשער, אהער! לעבעדיקער!

כ'לויפ צו אים צו, איכ כאפ זיכ אָנ מיט בײדע הענט פאר דער קעלניע, כ'שטעל ארופ א פוס אפנ טרעפל אונ שפרינג ארײַנ אינ דער בויד.

בעטשעקל זיצט זיכ ווי א קייסערל אפ דער קעלניע. פונ דער קעלניע זעט ער דעמ גאנצנ מארק. ער זיצט, ווי שטענדיק, אָנגעטאָנ אינ זײַנ ברייטנ רויטנ העמד, וואָס איז ארײַנגעלאָזנ אינ די צעלעכערטע לאנגע הויזנ. די הויזנ זײַנענ ארומגעבונדנ מיט א ברייטנ גרינעמ גארטל מיט קוטעסנ. זײַנע שווארצע אויגנ אפנ אָפּגעברענטנ פּאָנעמ לויפנ גיכ־גיכ ארומ איבערנ מארק. ער פארקוקט זיכ אפ א רעגע אפ עטלעכ, וואָס איז נאָרוואָס ארויסגעגאנגענ אינ א ווײַס בלוזקעלע מיט צוויי שווארצע בענדעלעכ אפ די אקסל. זי איז שטיינ געבליבנ א ווײַלע אפנ גאנעק פונ זייער קלייט.

— אָשער, — גיט ער מיכ א שלעפּ אפ דער קעלניע, — אָנטרײַבנ ווילסטו?

— איכ וויל, — קאָנ איכ אזש ניט אײַנזיצנ פונ פרייד.

— אונ פויענ די פערד ווילסטו?

— יאָ, — ווער איכ איבערגליקלעכ.

— אויב דו ווילסט אָנטרײַבנ, — ווארפט ער דערווײַל א יאָדער נאָכ א יאָדער אינ מויל, שפּײַט אויפּ אונ קנאקט ווײַטער, — זאָלסטו מיר ארײַנגיינ, — ווײַזט ער מיר מיט די אויגנ אפ נאָכעמ לייטעסעס קלייט, — אונ עפּעס איבערגעבנ עטלעכ...

כ'הייב אופ א פארציטערטער די אויגנ. איכ זע פונ דער קעלניע די גאנצע קלייט. די קלייט פארנעמט דעמ גאנצנ אונטערשטנ שטאָק. נאָכעמ לייטעס וווינט פונ אויבנ. פונ אויבנ איז זײַנ שטוב מיט גרויסע געווײַסטע פענצטער אונ מיט א באלקאָנטשיק, אפ וועלכנ סע שטייענ וואזאָנעס. פונ אונטנ, אינ דער קלייט, זײַנענ די צוויי גרויסע רויטע טירנ צעעפנט. אפנ גאנעק שטייענ עפּעס א סאכ מענטשנ. אינווייניק זע איכ עטלעכ. כ'זע דעמ געלנ אפּטייקער, וואָס מע זאָגט, אז ער איז איר כאָסנ. כ'זע דאָרטנ וועלוול כאָדאָרקאָוו. ער שרײַט עפּעס, וועלוול.

— ניינ, ניינ. כ'וועל ניט ארײַנגיינ. כ'האָב מוירע... — זאָג איכ.

נאָר כ'זאָג ניט פארוואָס. כ'וויל אפילע ניט, ער זאָל וויסנ, אז דער טאטע האָט מיכ הײַנט געוואָלט שלאָגנ.

— וואָס? — כאפּט זיכ בעטשעק אָנ באמ קאָפּ אונ הייבט זיכ אָנ רוקנ פונ מיר.

— כ'האָב מוירע!

— ווײ־ווײ, — גיט זיך בעטשעק א שטעל אפ דער קעלניע און הייבט אן פאכעט מיט די הענט.

זײנע האר צעפאטלען זיך. זײן רויט העמד בלאזט זיך אן און פלאטערט, ווי א פײער. די אויגן קריכן אים פון קאפ.

— ווײ־ווײ, וואס האבן געהערט מײנע אויערן?! — שרײט ער, ווי עמעצער זאל אים קוילען, — אשער האט מוירע, ווײ איז מיר, פאר אזא פעגירע ווי נאכעמ לייטע־עס!!!

— בע־עטשעק! — כאפ איך אים ארום מיט ביידע הענט — ער הערט, בעטשעק!

דער גאנצער מארק הייבט זיך אן צונויפלויפן ארום דער בויד. מע לאכט. מע שרײט צו בעטשעקן. נאר ס'ווערט גלײך שטיל. פון לייטעסעס קלייט גייט ארויס וועלוול כאדארקאוו. ער בלײבט שטיין אפן גאנעק. ער לייגט ארײן די הענט אין די קעשענעס, פארזשמורעט עטוואס אן אויג און קוקט בייז אפ בעטשעקלען.

פאר וועלוולען האט בעטשעקל מוירע. „ציט ווערן א מענטש!" — האט אים געזאגט אמאל וועלוול.

בעטשעקל גיט א קלאפ א פוס אין א פוס, לייגט צו די האנט צום קאפ ווי א סאלדאט, גיט זיך א נייג פאר וועלוולען און זעצט זיך רויק אוועק, ווי ער זאל גאר אפ זײן לעבן נישט געוועזן שרײען.

— האפּושאל, — גיט ער מיר א שטופ פון דער קעלניע, — מארש!

כ'וויל אבער נישט ווערן בארויגעז מיט בעטשעקן. ער איז דער איינציקער כאווער מײנער, וואס איז א גרויסער.

— נו, וועל איך גיין, — זאג איך אים.

— אזוי האב איך דיך ליב, — זעצט ער זיך מיט מיר אוועק אין בויד. אין בויד קריכט נאך זײן כאווער שײקע און נאך באלעגאלע־יונגען. — די ניכפע וועט זי כאפן... זאלסט מיר ארײן, — מאכט ער צו מיר, — אין קלייט ארײן און זאגן עטלען, אז סטיאפע האט דיך געבעטן איבערגעבן, אז הײנט פארנאכט ווארט ער אף איר הינטערן פלויט פונעם אלטן בעסוילעם...

— וואסער סטיאפע, בעטשעק?

— כ'ווייס זייער, — גיט ער א הייב די אקסל.

— נו, לויף איך, — שפרינג איך ארויס פון דער קעלניע און לאז זיך שוין צו דער קלייט.

— ווארט, — גיט ער צו מיר א מאך מיט א פינגער, — וואס וועסטו אבער ענטפערן, אז מע וועט דיך פרעגן, ווער האט דיך געשיקט?

— אז דו, בעטשעק!

— כ'וועל דיר געבן א בעטשעק, — ווערט ער אין קאס, — כ'וועל דיר אויסהאקן ווי א צאָן! סטיאָפּע, זאָלסטו זאָגן, סטיאָפּע־ע!

— סטיאָפּע, — שאָקל איך מיטן קאָפּ און לויף אוועק.

באַם אַרײַנגיין אין ליטעסעס קלייט שטייען א סאך מענטשן. איך אַרבעט מיט די עלנבויגנס און שפּאַר זיך אַרײַן אינווייניק.

אין קלייט איז פֿינצטערלעך. צוליב דער היץ זײַנען די לאָדנס פֿאַרמאַכט. דאָס ליכט דורך די אָפֿענע טירן פֿאַלט נאָר אַפֿן מיטן קלייט.

אין קלייט איז אָנגעוואָרפֿן. צווישן פֿעסער און צערוקטע קאַסטנס שטייט א שוואַרץ בענקל, אַרומגעשלאָגן מיט רויטן פּליוש.

וועלוול כאַדאַרקאָוו זיצט אַפֿ א פֿאַס, אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אַפֿ דער „סטויקע'' מיט די עטלעכע וואָגשאָלן, וואָס ציט זיך לענגויס די פּאָליצעס. אָנגעשפּאַרט אין א פּאָליצע, ווי. עמעצער וואָלט אים גוט־גוט אויסגעפּאַטשט, שטייט נאָכעם ליטעס אין דער יאַרמלקע און האַלט אין איין קרעכצן.

אַרום וועלוולען טאַנצט אַרום עטעלע. זי שרײַט „באָזשע מאָי'' און האַלט אים אין איין בעטן, ער זאָל זיך זעצן אַפֿן בענקל.

פֿאַרוקט אין א ווינקל, שטייט עטעלעס כאָסן — אונדזער יונגער געלער אַפּטייקער, מיט שפּאַקולן, פֿון וועלכע סע ציט זיך א שוואַרץ בענדעלע.

איך פֿאַרליר זיך גלײַך און קאָן ניט צוגיין צו עטעלען. וועלוול רעדט עפּעס מיט נאָכעם ליטעס וועגן פֿאַסן, וואָס מע האָט אַראָפּגעגאַנוועט פֿון די וואַלצן.

— איז וואָס? — פֿאַרהייבט וועלוול זײַן א ביסל פֿאַרמאַטערט פּאָנעם צו ליטעסן. — איז ווען?

— אַלץ איך? — ראַטשעט אַפֿ אים נאָכעם ליטעס די אויגן.

— ווער דען? — רעדט וועלוול פּאַמעלעך. — איך?

— גוואַלד, — הייבט נאָכעם ליטעס אָן אַרומלויפֿן און נעמט גאָר ניט אַראָפּ די אויגן פֿון דער סטעליע, — ער מאַכט מיך, גאָטעניו, פֿאַר אַן עוויען... אַז ווי קומען צו מיר רימענס?! אַפֿ נעמאָנעס, וועלוול...

— הערט אויף מיט נעמאָנעס. כ'האָב פֿײַנט, אַז מ'איז א גאַנעוו. סע שטייט א האַלבע מיל. ברענגט מיך ניט אַרויס פֿון די קיילים, — רעדט וועלוול פּאַמעלעך.

— אָבער מיר? — ליגט עטעלע צונויף די ליפּן ווי אַפֿ א פּײַפּטאָן. — מיר גלייבט איר דאָך, כאַווער כאַדאַרקאָוו?!.. מישא, — הייבט זי אָן ריידן צעצויגן און וויינענדיק צום אַפּטייקער, — וואָס זאָגסטו גאָרניט, מישא?

נאָר דער אַפּטייקער צענעמט נאָר די הענט:

— וואָס זאָל איך זאָגן?

— וויפל איז דער שיר, רעב נאָכעמ? — קוקט אפילע ניט וועלוול אַפ עטעלען און דרייט דערבײַ מיט דער נאָז, ווי ס'זאָל אים אָנהייבן איבלען.

נאָכעמ הייבט זיך אָן רוקן צו וועלוולען. ער פאַרהאַרבעט זיך. די יאַרמלקע רוקט זיך אַראָפּ נידעריקער איבער די אויגן.

— מיילע, וועלוועלע, — שרײַט ער צו אים און פאַרהייבט די אויגן צו דער סטעליע, — כ'האָב אוואדע ניט גענומען. ס'ווייסט גאָט און איך. נאָר ס'ליגן בא מיר עטלעכע רימענס... איז מיילע... לאָמיר זיך, וועלוועלע, ניט קריגן...

— אוי א גאַנעוו, — באַווײַזט זיך בעטשעקל באַם אַרײַנגאַנג.

ס'ווערט א געלעכטער, ס'ווערט טומלדיק. מע לויפט זיך צונויפ.

— מאַרש, — ווערט וועלוול אָנגעצונדן און שפּאַרט אַלעמען פון דער קלייט, — וואָן! — וויל מיך וועלוול אַרויסטרײַבן.

— כ'דאַרפ צו עטעלען, — לאָז איך זיך ניט.

— אוועק! אַרויס, מאַמזער! — צעגוואַלדעוועט זיך אַפ מיר נאָכעמ לייטעס.

— פּאַפּאַטשקאַ, — ווערט עטעלע באַרויגעז, — ווי שעמסטו זיך ניט? קאַקאַי מאַלטשיק, — זאָגט זי צום אַפּטייקער און בייגט זיך אַראָפּ צו מיר.

איר פּאָנעם איז לעבן מײַן פּאָנעם. די צוויי לאַנגע גאָלדענע אויערינגלעך וויגן זיך אין אירע אויערן. זי דרייט מיטן קעפּעלע. זי שמייכלט צו מיר. די ווײַסע צײַנדעלעך צענעמען זיך קוים־קוים אינעם א ביסל אָפענעם מײַלכל.

— איז וואָס, טײַערינקער?

— מומע עטעלע, — דערפריי איך זיך, וואָס זי רעדט צו מיר אזוי גוט, — סטיאָפּע האָט מיר געהייסן זאָגן, אז ער וואַרט אַפ דיר הינטערן פּאַרקן פונעם אַלטן בעסוילעמ...

נאָר וואָס טוט זיך עס מיט עטעלען? ס'האָט זיך בא איר אויסגע־צויגן דאָס פּאָנעם. ס'האָבן זיך איר באַוויזן פליאַמעס אַרום מויל. זי פאַרקנײַפּלט די אויגן. זי שרײַט „באָזשע מאָי". דער אַפּטייקער, א רויטער ווי פײַער, גיט זי א כאַפּ אַפ די הענט. מע שלעפּט מיך. מע שטופּט מיך. כ'ווייס נאָר ניט, וואָס ס'איז געוואָרן. כ'הייב אָן שרײַען. עמעצער האָט מיר געגעבן א פּאַטש.

— וואָס טשעפּעט איר דאָס קינד? — רײַסט זיך אַרײַן בעטשעקל.

— א סריפּע אפּ אַײַך! איר מיינט, אַז ס'איז אַײַך אַמאָל, — גיט ער מיך אַ כאַפּ אַפּ די הענט, לויפּט איבער דעם שאָסיי און וואַרפּט מיך אַרײַן אין בויד.

— וויאָ־אָ, —שפּרינגט ער אַרופּ אַפּ דער קעלניע און גיט אַ טרײַב די פּערד, — שפּײַ אַפּ זיי! — שרײַט צו מיר בעטשעק, פּאָכעט מיט דער בײַטש, און, דרינדזשענדיק מיט די רעדער, טראָגן מיר זיך מיט דער בויד איבערן שטעטל.

אַרל

איך בין ניט איינער בא אונדז. איך האָב נאָך אַ ברודער. ער הייסט אַרל און ער לערנט זיך אין אַ ווײַטער שיינער שטאָט.

דער טאַטע וויל זייער, אַז אַרל זאָל זײַן אַ געלערנטער.

— זאָל זיך כאָטש אַרל ניט מוטשען, — זאָגט אָפּט דער טאַטע. ער רעדט צו זיך אַליין, רוקט דערבײַ אַרײַן אַ שטיק באָרד אין מויל, פאַרהייבט די אויגן צום נידעריקן באַלקן:

— פון אַרלען, — זאָגט דער טאַטע, און זײַנע אויגן ווערן יאָמער־טעוודיקע, גליקלעכע, — פון אַרלען וועט זײַן אַ מענטש!

נאָר אַרל איז ניטאָ. מ'האָט דעם טאַטן איינמאָל איבערגעגעבן אַ גרוס, אַז אַרל לערנט זיך שוין ניט.

נאָר ער קומט נאָך ניט, אַרל.

די מאַמע האָט שוין עטלעכע מאָל געוויינט.

וועלוול כאָדאַרקאָוו האָט איינמאָל אַפּ אַ מיטינג צעריסן אַפּ זיך דעם קאָלנער, געשריגן, געמאַכט מיט די פויסטן, אַז די רעוואָלוציע איז אין געפאַר.

ס'גייען איצטער אַ סאַך, אַ סאַך אַוועק אַפּן פראָנט קעגן פּעטליורען. אַפילע וועלוולס שוועסטערל גאָלדע כאָדאַרקאָווע איז אַוועקגעגאַנגען.

שוין עטלעכע טעג, אַז מען זעט בעטשעקלען אויך ניט. מע זאָגט, אַז וועלוול האָט אים אַרויסגעגעבן אַ פּאָר שטיוול, און בעטשעקל איז שוין אויך אַפּן פראָנט.

וועלוול שרײַט, אַז אַלע דאַרפן גיין אַפּ פּעטליורען.

איבער פּעטליורען קאָן אַרל ניט קומען.

צווישן אונדז און אַרלען ליגן פעלדער, ס'ציִען זיך וועלדער און לאָנקעס. דערפּער ליגן צווישן דער שטאָט און אונדזער שטעטל. מע שלאָגט זיך. סע שלאָגן זיך באָלשעוויקעס מיט פּעטליוראָווצעס. קאָן מען ניט קומען צו אונדז.

איך וויל שוין זייער, ארל זאָל קומען. אז ער קומט, ברענגט ער מיר עפּעס. ער איז אין א גימנאזיע. ער האָט בלישטשענדיקע קנעפּ. ווען איך בין ארל, וואָלט איך אויך ניט געגאנגען אין כיידער. כ'וואָלט זיך בעסער געשלאָגן, כ'וואָלט געשאָסן פון ביקסן און געריטן אַפן פערד.

אלע שלאָגן זיך און אלע שיסן.

כ'האָב זייער און זייער ליב פערד און מילכאָמעס.

דער טאטע האָט מיך שוין ניט איינמאָל געשלאָגן דערפאר.

— איך פארשטיי ניט, — זאָגט דער טאטע, — פונוואנען האָט זיך געקאָנט נעמען צו מײַן קינד — און קלאַפּט זיך מיט דער האנט אין שטערן — א גוסט צו מילכאָמעס?!

— פונוואנען? — פרעגט ער מיך. — בא אכט יאָר איז מען שוין בא לײַטן א בארדאס!.. און דו — א היצעל!

— הערסטו, לייע, — זאָגט דער טאטע צו דער מאמען, — דערפאר אָבער ארעלע, זאָל געזונט זײַן, ארעלע איז גאָר אן אנדער קינד...

און „ס'קינד" האָט זיך צוגעשטעלט. ס'איז געווען אפדערנאכט. די ערשטע האָט אים ארומגעכאַפּט די מאמע. זי האָט געוויינט. זי האָט געלאכט. זי האָט נאָכאמאָל געוויינט. זי האָט געשריען: „אזא יאָר זאָל איך האָבן", „אז מיר זאָל זײַן פאר אים!".

דערפאר דער טאטע —

כ'האָב נאָך קיינמאָל אזא דערהארגעטן ניט געזען דעם טאטן. איך האָב אויך ניט דערקענט ארלען.

ארל איז עפּעס געוואָרן גרעסער, ברייטער.

זײַן שווארץ פּידזשאקעלע, אָן א סימען פון בלישטשענדיקע קנעפּ, האָט געפּלאצט אין די עלנבויגנס. די ארבל זײַנען געוואָרן קירצער. די הענט — לענגער. די גרויסע ברוינע אויגן אַפ זײַן קײַלעכיק פּארטראכט פּאָנעם האָבן זיך געזשמורעט און עטוואָס אָפּ־געפרעמדט געשמייכלט צו אונדז.

ער האָט זיך אזוי ווי עפּעס אָפּגעוווינט.

דאָס קעלנערל פונעם שווארצן העמדל מיט די ווײַסע קנעפּלעך איז געווען צעשפּיליעט, דער האַלדז — נאקעט.

קיין היטל האָט ער אויך ניט געטראָגן. דער שווארצער שאָטן פון זײַן צעקודלטן קאָפּ האָר האָט א גרויסער, א פריילעכער נאָכ־געמאכט יעדע באוועגונג זײַנע.

— איז וואָס־זשע מאַכן מיר? — האָט זיך אַרל קוים באַפרײַט פון דער מאַמען. ער האָט אָפּגעשטויסן מיט דעם פוס דאָס פאַנער־קעסטעלע, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, און איז צוגעגאַנגען צום טאַטן.

דער טאַטע האָט זיך צוגעבויגן. אַרל האָט זיך אונטערגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער (אַרל איז נידעריקער פונעם טאַטן). זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט זיך.

איך בין גלײַך אַרויף אַף אַ בענקל, געוואַרט, אַרל זאָל צוגיין צו מיר. פונעם בענקל וועט מיר זײַן גרינגער זיך צעקושן מיט אים.

דער טאַטע איז אָפּגעגאַנגען, פאַרלייגט די הענט אַף הינטן, פאַרקנייטשט דעם שטערן, אויפגעהויבן די ברעמען.

— קוים זיך דורכגעריסן. אַ זאַווערוכע, — גיט אַרל אַ פאָך מיט דער האַנט, ווי פון יענער זײַט וואַנט זאָל מאַקע זײַן אַ שטורעם...

נאָר פון יענער זײַט פענצטער איז אָוונט. סע שמעקט מיט ליפּע־צוויט. סע האַווקעט מײַן הינטל מוציק. און ס'איז שטיל.

דער טאַטע ענטפערט ניט אַרלען.

דער טאַטע קוקט לאַנג־לאַנג אַפן שיידל פונעם רעוואָלווער, אַפן געלן געפלאָכטענעם רימענדל, וואָס זעט זיך אַרויס בײַ אַרלען פון אונטערן פּידזשאַקל.

— אַוואַדע זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט... ניט דערעסן... אַלץ געמיינט... — דער טאַטע הייבט מיט די אַקסל. ער צעשרײַט זיך אַף מיר פּלוצעם, כ'זאָל אַראָפּ פונעם בענקל. ער הייבט מיטאַמאָל אָן זאָגן קרישמע. זאָגט גיך. קיין ווערטער הערט מען ניט.

— מור־מור־מו... — הערט מען נאָר.

— געמיינט, אַ קינד... וועט ווערן אַ מענטש. נאָר רעוואָלווערלעך, — רײַסט ער איבער די קרישמע, פאַרהייבט דעם פאָרהאַנג איבער דער אַלקער־טיר און פאַרשווינדט אין אַלקער.

אַרל ווערט צעטומלט. ער הייבט אָן בײַסן די נעגל פון די פינגער. גיט אַ דריי מיטן קאָפּ. מוט אַ שמייכל, — אַ שמוכ אַ ניט־פאַרשטענדלעכן צו דער מאַמען.

— וואָס? איר זײַט באַרוגעז אַף מיר?

די מאַמע זאָגט אים: „אַזאַ יאָר אַף מיר, אַז מיר זאָל זײַן פאַר דיר” און הייבט זיך אָן ווישן די אויגן.

איך הייב זיך אָן רוקן צו אים. עפּעס שעם איך זיך. עפּעס גאָר ניט אַרל. און מוירעדיק גרויס זעט ער אויס אין מײַנע אויגן.

איך גיי צו נעענטער. איך פארגיס צו אים דעם קאָפּ. כ'צי אַ מ
אויס די רעכטע האנט, און מיט דער לינקער, אײַנהאלטנדיק דעם
אָטעם, גיב איך אַ גלעט דאָס שיידל פון זײַן רעוואָלווער.

— אַשערל! — ווערט ארל פריילעכער, — ס'זאָל מינערן אַ
האָר, — רעדט ער צו מיר און צו דער מאמען, און ס'ווערן אים צוויי
גריבעלעך אינעם ווײַסן קײַלעכדיקן פּאָנעם. — די פּאליטורטע
שאפע איז נאָך אַ שאפע... דאָס סאמאָווארל שטייט נאָך אויפן קײַ־
לעכדיקן טישל. ס'איז שאַ. און ס'איז שטיל...

כ'פארשטיי ניט, וואָס ארל מיינט דערמיט. בא אונדז איז ווי
אַלעמאָל.

די ניט־געטינקעוועטע אָפּגעווײַסטע סטעליע אפ די צוויי געבוי־
גענע באלקנס איז נאָר געוואָרן אזוי ווי מיט אַ בײַכל אינמיטן. אי־
בער דער סטעליע ציטערט דער געלער קרײַז פונעם קאנעצל.

ארל זעצט זיך אוועק באַם טיש. די מאמע דערלאנגט אים עסן.
די שײַן פון קאנעצל טוקט זיך, ווערט טינקעלער און העלער. ארלס
קײַלעכדיק ווײַס פּאָנעם ווערט אויך טינקעלער און העלער. זײַנע
ברוינע אויגן אונטער די לאנגע ווײַס קוקן מיט נײַגער און אָפּגע־
פרעמדטקײַט.

— ווי שטיל... און ווי ס'איז דאָ אײַנגעזעסן... — באטראכט ער
ווידער די שטוב. ער גיט אַ פרווו דעם טיש, דעם קײַלעכדיקן טיש,
וואָס האלט זיך אפ אַ רויטן געשניצטן פוס. לעבן טיש שטייט די
געזונטע קאנאפּע מיט די צוויי אויסגעשניצטע הילצערנע לייבן, וואָס
האלטן אַ קוישעלע הילצערנע קוויטן. סע שטייט דאָס גלעזערנע
בופעטל מיט די אויסגעשטעלטע שאָלן און טעלער.

אלץ איז בא אונדז ווי צוגעוואקסן.

דער טאטע לאָזט קיינמאָל ניט איבערשטעלן דאָס מעבל. ער קאָן
ניט, זאָגט ער, זיך פאָרשטעלן, אז די געלע פּאליטורטע שאפע זאָל
ניט שטיין אין ווינקל, לעבן דער קאנאפּע.

ער קאָן ניט, דער טאטע, ער קאָן ניט פארלײַדן קיין נײַסן אין
שטוב...

* *
*

פון יענעם אָוונט איז ארל וויניק אין דער היים. נאָר ניט אי־
בערן טאטן. ארל איז זייער פארנומען. איך — אויך.

ארלען קאָן מען איצטער געפינען נאָר אין רעווקאָם אָדער בא
די קאָמיוגיסטן. ער לויפט איצטער שטענדיק ארום מיט אונדזער

קאָמיסאַר וועלוול כאַדאַרקאָוו. מע זוכט ברויט. מע לערנט זיך שיסן און מע מאַכט מיטינגען.

איבער די מיטינגען קאָן איך גאָר נישט אײַנזיצן אין שטוב. זיי געפעלן מיר שרעקלעך. די מיטינגען מאַכט מען אין בעסמעדרעש. דער טאַטע קאָן עס נישט איבערטראָגן. אַרל איז שטענדיק אַפ דער בימע. מע האַלט אין איין ריידן אין בעסמעדרעש. נאָך יעדער רעדע פּליעסקעט מען און מע זינגט „שטייט אויף, איר אַלע, וועער ווי שקלאַפן"... „שטייט אויף" — איז אַ נײַע ליד, מע זינגט זי שטייענ־דיק. מיידלעך מעגן אין די שאַלעכלעך, נאָר מיר, די מאַנצבילען, נעמען אַראָפּ די היטלען. מע שטייט מיט הוילע קעפּ און מע זינגט. מע זינגט מיט האַרץ. סע ציטערן די ווענט, און סע ברע־נען די אויגן. כ'האָב איינמאָל אַזוי שטאַרק און מיט אַזויפיל האַרץ געזונגען, אַז מ'האָט מיך אַרויסגעטריבן פונעם מיטינג. נאָר איך בין שוין געוווינט דערצו. סע אַרט מיך נישט. ס'איז מיר נאָך קיינ־מאָל אַזוי פרייליך און גוט נישט געווען.

עפּעס גרויס, ליכטיקס און אומבאַוווּסטס רוקט זיך און דונערט איבערן שטעטל.

נאָר דער טאַטע האָט מוירע. ער וויל נישט, אַרל זאָל זיך מישן.

— לייע, — שרײַט ער צו דער מאַמען, — ס'ווערט אָרע־קאָרע אין שטוב...

פאַר אַרלען אין די אויגן זאָגט ער עס אָבער נישט. כ'האָב מוירע זאָגן, נאָר דער טאַטע הייבט, דאַכט זיך, אָן מוירע האָבן פאַר אַר־לען. און איך הער אויף מוירע האָבן פאַרן טאַטן.

אַרל האָט אים אַפילע איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— טאַטע, ביסט שוין, דאַכט זיך, נישט קיין קינד, טאַטע!..

נאָר צעקריגט זײַנען זיי נישט. פאַרקערט, אַרל לאַכט — און גאָר־נישט. אַפּדערעמעסן האָבן זיי זיך צעאַמפּערט איבער מיר. און נישט אַזוי איבער מיר, ווי איבערן כיידער.

אַרלען געפעלט נישט, וואָס איך גיי אין כיידער. מיר געפעלט עס אויך נישט. איך מוז אָבער. סע טוט זיך אומגליק, אַז איך גיי נישט. כ'האָב אַ ביטערן רעבן.

איר זאָלט זען מײַן רעבן, איז, דאַכט זיך, נישטאָ אַפּ וואָס אַ קוק צו טאָן. אַ קליינס, אַ דאַרס, גיין גייט עס גיך־גיך. צו די טאַטעס שמייכלט עס, נאָר אין כיידער איז עס אַ גאַזלען. זײַנע ביינערדיקע קלײַנדיקע הענטלעך, אַז זיי גיבן אַ פּליאַסק, קאָן איך אײַך גאָר נישט איבערגעבן דעם ווייטעק.

נאָר מער פונ אַלעמענ שלאָגט ער זיאַמענ. זיאַמעס טאַטנ האָט מענ דערהארגעט אַפ דער מילכאָמע. אַלציינס צאָלט מענ פאַר אים ניט, שלאָגט ער אים כאָטש. נאָר די לעצטע צײַט האָט ער אים מוירע צו שלאָגנ. ער הייבט אַזוי אָנ שרײַענ, זיאַמע, אַז מע לויפט זיכ צונויפ אונטערנ פענצטער. אָבער ניט פונ ווייטעק שרײַט ער — גלאַט אַזוי. ער האָט זיכ שוינ אַזוי צוגעוווינט צו פעטש, אַז סע אַרט אים שוינ אַפילע ניט. נאָר דער רעבע איז אָנגעשראָקנ. סע מאַכט זיכ אָבער, אַז ער פאַרגעסט. איינמאָל האָט דער רעבע זיכ, ווײַזט אויס, פאַרגעסנ אונ אים אַראָפגעלאָזנ א פלאַמ־פײַערדיקנ פאַטש. זיאַמע זיצט פונקט לעבנ מיר. מיר זײַנענ אינ איינ קיטע. זיאַמע האָט זיכ אויפגעהויבנ, אײַנגעקנייטשט די נאָז, דאָס מויל צעעפנט — כאָטש פאָר אַרײַנ. אונ ער האָט „אָנגעהויבנ שרײַענ· אַפנ גוואַלד· שטעלט זיכ פאָר, — טאַקע אינמיטנ געשריי צעעפנט זיכ די קליינינקע נידעריקע טיר אונ ס'גייט אַרײַנ אַרל.

אַרל האָט זיכ אַמאָל געלערנט בא יאַנקעוו־לייבנ, אונ ער גיט אים אָפ א גוט־העלפ.

ער בלײַבט שטיינ. די לופט איז אים עפעס ניט געפעלנ. ער קרימט זיכ. זיאַמע בלײַבט א רעגע שטיל· נאָכדעמ נעמט ער אָנ א פול בײַכל מיט לופט אונ הייבט אַזוי אָנ רעווענ, מיט אַזא קאָל, אַז ס'האָט מיר אַזש אָנגעהויבנ קלינגענ אינ די אויערנ.

— כ'האָב, דאַכט זיכ, געזאָגט, אַז ס'זאָל ווערנ שטיל, — האָט א געשריי געטאָנ אַרל, — קיינ פיפס זאָל איכ ניט הערנ!

זיאַמע, ווי ער וואָלט גאָר אַפ זײַנ לעבנ ניט געוויינט, האָט א וויש געטאָנ מיט ביידע הענט די ליפנ אונ איז געוואָרנ שטיל.

דער רעבע איז געוואָרנ קלענער, פאַרוקט זיכ אינ א ווינקל. כ'האָב נאָכ קיינמאָל ניט געזענ, אַז א רעבע זאָל מוירע האָבנ. זײַנ ווײַב, ווי זי איז געשטאַנענ בא דער טיר, אַזוי איז זי שטיינ געבליבנ.

— רעב יאַנקעוו־לייב, כ'האָב שוינ גערעדט מיט אײַכ, צי כ'האָב ניט גערעדט? — האָט זיכ אַרל אוועקגעזעצט באַמ ברעג טיש. זײַנע אויגנ זײַנענ געווענ רויט אונ מיד. ער איז, ווײַזט אויס, געווענ ניט אויסגעשלאָפנ. ער איז געזעסנ אונ געקוקט אַפ די נעזלעכ פונ זײַנע שטיוול. — איר האַלט מיכ, ווײַזט אויס, פאַר א יונגעלע!.. א טינטער נעמט מיט א בויגנ פאַפיר! — האָט ער א זאָג געטאָנ צומ רעבנ.

— זעצ זיכ, — האָט ער זיכ געווענדעט צום רעבנס ווײַב, — האָט קיינ מוירע ניט.

דער רעבע האָט גלײַכ געכאַפּט א טינטער, א שטיק פּאַפּיר. די הענט האָבנ אימ געציטערט נאָכ מער ווי שטענדיק.

—שרײַבט, — האָט צו אימ ארל געזאָגט: — „איכ"...

— איכ, — האָט אימ נאָכגעזאָגט דער רעבע.

ארל רעדט אונ דער רעבע זאָגט אימ נאָכ אונ שרײַבט: „איכ, יאנקעוו־לייב, גיב די דאָזיקע אונטערשריפט, אז כ'וועל שוינ מערער ניט וואגנ אָנשטאָפּנ די קינדערשע קעפּ מיט פּוסטע מײַסעס".

דער רעבע האָט אויסגעראַטשעט די אויגנ, אָנגעהויבנ רײַבנ דאָס הענטל אינ די האָר.

— ווער שטאָפּט?.. וואָס רעדסטו, ארל, איכ בעט דיכ?..

— וואָסער ארל? שרײַבט אָפּ!ום! — האָט ארל געשריענ. — רעליגיע!

— מארש!.. — האָט אונדז ארל ארויסגעטריבנ...

איכ האָב געברענט. איכ בינ ארײַנגעפאלנ אינ שטוב ווי א דונער.

— אויס! — האָב איכ נאָר באוויזנ אויסשרײַענ. נאָר איכ האָב זיכ גלײַכ פארהאקט. אינ שטוב בא אונדז איז געווענ כמורנע אונ אומרויק. מײַנ פעטער מענאשע, א ייד, וועלכער גלעט זיכ שטענדיק די באָרד, וואָס ער האָט ניט, שרײַט, אז ווענ ער האָט אזא זונ ווי מײַנ ברודער ארל, וואָלט ער זיכ געזעצט שיווע. ער שרײַט, אז ארל וועט אומגליקלעכ מאכנ די גאנצע שטוב, אז מע וועט אונדז אלע־מענ אויסהארגענענ... אז מע דערוואַרט, א באנדע זאָל אָנקומענ.

— אויס כיידער! — האָב איכ שוינ געזאָגט א ביסל שטילער, — אויס. דער רעבע האָט זיכ צעשריבנ פאר ארלענ...

— כי־כי־כי, — האָט זיכ דער פעטער צעקאַלאַקאַטשקעט אונ איז בייז געוואָרנ, — ווײ, צו וואָס מע האָט זיכ דערלעבט...

אינ שטוב ווערט טינקעלער. די מאמע צינדט אָנ דאָס קאנעצל, וואָס כ'האָב אליינ געמאכט. איכ האָב עס געמאכט פונ אנ אויסגע־הוילטער קארטאָפליע, אָנגעגאָסנ אינ דער קארטאָפליע אייל, צו־נויפגעדרייט פונ וואטע א קנייטל.

דאָס קאנעצל האָט זיכ צעלויכטנ. ס'האָט א סקריפּע געטאָנ די טיר, אונ ס'איז ארײַנ ארל. אזוי איז נאָכ ארל קיינמאָל ניט ארײַנ. ער איז ארײַנ אינ א פּאָר שטיוול. אפ דער לינקער האנט האָט ער געהאלטנ א שינעל. אפנ אקסל בא אימ — א ביקס. וואָס איז גרע־

סער פון אים. א רוקזאק האט ער נאך געטראגן אפ די פלייצעס.

ארל האט אפ קיינעמ קיין קוק ניט געטאן, איז צוגעגאנגען צו דער מאמען, געבעטן, זי זאל אים אויסבעטן און צוגרייטן ריין וועש.

איך לויף צו צו אים, הייב אים אן באטראכטן און באטאפן. נאר ארל איז עפעס בייז. ער לאזט ניט צורירן זיך.

— ארעלע, — שטייט צו צו אים די מאמע, — קלייבסט זיך ערגעץ אוועקפארן? — און אירע ליפן הייבן אן אונטערציטערן, און עפעס הייבט זיך אן וויגן בא איר אין האלדז.

ארל בארויקט זי. ארל איז אויך צערודערט. ער בעט, זי זאל ארייןלייגן א שטיקל ברויט מיט עטלעכע אונגערקעס אין זעקל און זי זאל אים גיכער אויסבעטן, ווייל ער וויל זיך זייער אויסשלאפן.

די מאמע בעט אונדז אויס איניינעם.

איך שטיי לעבן פענצטער. אין געסל איז פינצטער. הינט האווקען פון די פויערשע הויפן, און דא און דארטן הערן זיך איינצלנע שאסן.

— נו, גיי שלאפן, — פירט ער אפ די מאמע צו דער אלקער־טיר.

— ארל, — זאג איך צו אים שטיל־שטיל, — גייסט מארגן אפ דער מילכאמע?

— ש־א... זיי שלאפן נאך ניט, — פארזשמורעט ער אן אויג און לייגט צו א פינגער צום מויל.

כ׳פארלעש דאס קאנעצל. אין שטוב איז פינצטער. אנטקעגן פענצטער בלישטשעט די רער פון זײַן ביקס. איך בין אים איצטער שרעקלעך מעקאנע. כ׳האב אים איצטער אזוי ליב, ווי קיינמאל ניט.

— אשער, — הייבט ער זיך מיטאמאל אונטער אפן עלנבויגן, — כ׳פאר אוועק. געדענק־זשע, ניט שפרינגען אין פאנעם און זיי ניט אנטאן קיין צארעס, — און ער ווײַזט מיר אין דער פינצטער אפן אלקער.

מיר דרייען זיך ביידע צונויף אונטער דער קאלדרע. כ׳זאג אים אלצדינג צו. כ׳נעם אים שטארק־שטארק ארום. כ׳וויל זייער און זייער מיט אים עפעס ריידן און זייער א סאך זאכן פרעגן.

— ארל, — זאג איך צו אים שטיל־שטיל.

— נו?

— ווער זײַנען עס די שקלאפן?

— וואסערע שקלאפן?

— נו, יענע, וואס מע זינגט, זיי זאלן אופשטיין.

— אָשער?
— האַ? — הייב איך זיך אונטער.
— שלאָף! — דרייט ער זיך אויס צו מיר מיטן פּאָנעם. ער איז מיד און ווערט גיך אנשלאָפן.

ווי ס'האָבן מיך געטריבן די זאנגען

ארל איז שוין לאנג ניטאָ אין דער היים.

ארל מיט א סאך זיינע כאווירים, כעוורע פונעם שטעטל, זיינען אפּן פראָנט. ארל האָט א פערד, האָט א ביקס.

ס'איז זייער אומעטיק געוואָרן אין שטוב אָן ארלען.

די לעצטע טעג לאָזט מען מיך אפילע ניט ארויס פון שטוב. מ'האָט אָנגעהויבן פארהאקן אפּ נאכט די לאָדן. מע פארהענגט מיט לײַלעכער די פענצטער, ס'זאָל זיך ניט דורכשלאָגן די שײַן דורך די שפּארונעס.

שוין עטלעכע טעג האלט מען אין איין ריידן, אז ס'קומען פּעטליוראָוועצעס מיטן אטאמאן ליסיצע, און ס'דארף זײַן א פּאָגראָם.

אלע האָבן מוירע. איך האָב קיין מוירע ניט.

כ'האָב ליב אלצדינג, וואָס כ'האָב קיינמאָל ניט געזען. כ'האָב קיינמאָל ניט געזען קיין פּאָגראָם, און כ'וויל אים זען.

— טאטע, — האָב איך זיך צוגעטשעפּעט, — ס'וועט זײַן דער פּאָגראָם?

דער טאטע האָט מיך באטראכט, ווי ער זאָל מיך דאָס ערשטע מאָל זען. נאָכדעם האָט ער זיך אײַנגעהארבעט, דער שטערן האָט זיך אײַנגעקנייטשט, די אויגן זײַנען געוואָרן גרעסער.

— גוואלד, — איז ער אָפּגעלאָפן פון מיר, — לייע, נעם אים צו, — האָט ער אָנגעהויבן שרײַען צו דער מאמען, — כ'וועל אים, דאכט זיך, מיימעסן, לייע!..

נאָר די מאמע דארף מיך ניט צונעמען. כ'אנטלויף אליין. דער טאטע איז בייז, כאָטש פון זינט מע וואַרט אפן פּאָגראָם, איז געוואָרן פרייליכער אין שטוב. ס'האָבן אָנגעהויבן גיין צו אונדז מענטשן. כ'האָב ליב זײַן צווישן מענטשן און דאפקע צווישן גרויסע. זיך אוועקזעצן בא א זײַט און הערן, הערן — גאָרניט אופהערן הערן, וואָס סע ריידן צווישן זיך די גרויסע. וואָס מע דערציילט ניט, וועגן וואָס מע רעדט ניט, נאָר אבי מײַסעס, אבי מע זאָל דערציילן. זאָל

מ'עג אפילע שווייגג, נאָר זאָל מע'ג זיצג באַ אונדז. זאָלג זיינג באַ אונדז א סאַך, א סאַך מענטשג!

אויך הײַנט אפּדערנאַכט וועלג זײַנג באַ אונדז א סאַך מענטשג.

אַלע לויפג צו אונדז זיך באַהאַלטג. צו אונדז, זאָגט מעג, וועט מעג ניט גייג. אונדז וועט מעג ניט טשעפּעג. באַ אונדז איז ניטאָ, זאָגט מעג, וואָס צו ראַבעווען.

אונדזער שטיבל איז אַג אַלטס און א נידעריקס. סע שטייט איג סאַמע עק, צווישג סעדער און לאָנקעס. איבער די סעדער און לאָנקעס זעט מעג קימאַט ניט ארויס אונדזער שטיבל. ווענ ניט דאָס שוואַרצע שטיקל קוימענ, וואָלט מעג אפילע ניט ארויסגעזעג דעם דאַך. ס'איז באַ אונדז א מאָדנער דאַך. ער איז געדעקט מיט שינדלענ, און וואָס איר ווילט, וואַקסט אָפּ אים. ער איז פול מיט מאָך, און אָפּג מאָך וואַקסג בודיאַקעס, קווייטג, קראָפּעווע, בירקעס און אפילע קאָנעשינע.

כ'פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס זאָל מעג צו אונדז ניט קומענ. כ'האָב זייער ליב אונדזער שטיבל. און די שוואַלבג האָבג עס אויך ליב. אונדזערע סטריכעס זײַנענ אײַנגאַנצג באַקלעפּט מיט זייערע סטײַלע־ביקע שוואַרצע נעסטג פוג בלאָטע.

די מאַמע איז מיט מיר מאַסקים. די מאַמע זאָגט, די פּעטליור־ראָווצעס זאָלג זיך טאַקע בעסער אויסבערעכנ די פּיס, נאָר קומענ וועלג זיי.

מיר האָבג א סאַך זאַכג. מײַנ מאַמע האָט עטלעכע נאַקלאַדנע לעפל. מיר האָבג צוויי בלעכענע און צוויי מעשענע לײַכטערלעך, א זילבערנעם זייגער.

די מאַמע שלעפּט ארויס אַלע שופלאָדג. איך העלפ. איך רײַס, איך נישטער. איג שטוב איז ווי מע זאָל זיך דאַרפג איבערקלײַבג.

דער טאַטע שרײַט, כ'זאָל זיך אופהערג פּלאָנטערג. דער טאַטע קרעכצט.

די זאַכג דאַרפג מיר אוועקטראָגג צו אונדזער שאָכג לאַדימערג. דער טאַטע טראָגט דאָס פּעקל, און איך לויף פוג פאָרנט.

לאַדימערס שטיבל איז ניט ווײַט פוג אונדז. ס'איז אויך א נידע־ריקס. נאָר באַ אונדז זײַנענ גרעסער די פענצטער, און דער דאַך איז ניט געדעקט מיט שטרוי, ווי באַ אים. כ'וויים זייער גוט דאָס שטיבל. דאָ וווינט פּאַווליק. און פּאַווליק איז מײַנ כאַווער.

באַ דער שוועל פּודזשע איך אופ לאַדימערס רויט קעלבל מיט דער ווײַסער מאָרדע. כ'עפג אופ די טיר און גיי ארײַנ.

לאדימער עסט וואַרעמעס. ער זיצט מיט פּאַווליקנ באַם טיש. זײ עסנ באָרשט פונ א גרויסער ערדענער שיסל.

דער טאַטע זאָגט אים: „סנידײַטע נא זדראָוויע", אונ לאדימער בעט אים צום טיש.

לאדימער רוקט אָפּ פונ זיכ די שיסל. ער ווישט זיכ אָפּ מיט בײדע הענט די וואָנצעס אונ די לאַנגע געלע באָרד, הײבט זיכ אופ פונ דער באַנק, בלײַבט שטײנ אינ די צעלעכערטע לײַוונטענע הויזנ. ער שפּאַרט קימאַט אונטער די נידעריקע סטעליע.

ער פאַרבײגט זיכ פאַר דער איקאָנע, צײלעמט זיכ איבער מיט צוויי פינגער.

— אזאַ אומגליק! — דרײט ער מיטנ קאָפּ, אונ זײַנע ניט פאַר־קעמטע האָר צעפּאַטלענ זיכ נאָכ מערער, — אזא אומגליק!..

ער שטײט, ווי אלעמאָל, אײַנגאַנצנ אַנ אויסגעשמירטער מיט לײם. די הויזנ זײַנענ באַ אים פאַרקאַטשעט. ער שטײט, ווי אינ א בלאָטע. דער דיל איז פול אונ פול מיט דער צעפּירטער לײם, פונ וועלכער לאדימער מאַכט טעפּ.

ער שטײט אנטקעגנ טאַטנ, צענעמט פאַר אים די הענט, צײטעוט מיטאַמאָל אופ. דער טאַטע האָרבעט זיכ אויכ אײַנ, רוקט אַרײַנ אַנ ארבל אינ אנ ארבל.

דורכנ נידעריקנ אָפענעמ פענצטערל דערטראָגט זיכ מיטאַמאָל א קלויסטער־געקלאַנג.

— דושעהובניקעס! — פאַרהאַקט לאדימער דאָס פענצטער, נעמט צו דאָס פּעקל באַמ טאַטנ אונ פאַרשווינדט מיט דעמ אינ פּירהויז.

דער טאַטע ווערט צערודערט. ער נעמט מיכ אָנ פאַר א האַנט אונ פירט מיכ צוריק אהײם.

דער טאַטע פירט מיכ ניט דורכ דער גאַס. מיר גײענ לענגויס די פּלויטנ. דער טאַטע איז געוואָרנ עפּעס אזוי ווי נידעריקער. ער שטעלט זיכ אלעמאָל אָפּ אונ הערט זיכ אײַנ.

פונ די קלויסטער־קלאַנגענ ווערט מאָרעשכווירעדיק אונ וויסט אַפּ דער גאַס. קײנ פײַערל, גאָרניט ניט. די טירנ אונ די לאָדנ זײַ־נענ שוינ פאַרהאַקט.

איבער די נידעריקע אײַנגעשטילטע הײַזער הײבט זיכ דער ווײַסער הילצערנער קלויסטער מיט די דרײַ גרינע דעכעלעכ. די דעכעלעכ זײַ־נענ אזוי ווי איבערגעקערטע ציבעלעס, אינ וועלכע סע שטעקנ דרײַ צײלעמער. די צײלעמער בלישטשענ אנטקעגנ דעמ זונ־פאַרגאַנג.

ס׳ווערט מיר אומעטיק. ס׳ווערט מיר שטענדיק טרויעריק, אז ס׳הייבט אָן קלינגען דער קלויסטער. ער הייבט שטענדיק אָן קלינגען שאבעס־צונאכטס, דעמלט, ווען אין שטוב איז פינצטער און ס׳הייבט זיך אָן רוקן די נימעסע וואָך. כ׳העלף דעמלט דער מאמען געפינען א שטערן אין הימל. און אז איך געפין דעם שטערן, צינדט די מאמע אָן דאָס פינפער לעמפּל. און אוים שאבעס. מאָרגן איז זונטיק. און זונטיק דארף מען גיין אין כיידער. דער טאטע און די מאמע וועלן שוין ניט זײַן אין שטוב.

אָבער הײַנט איז ניט שאבעס־צונאכטס. הײַנט איז דאָנערשטיק.

אונדזער שטוב איז שוין פול מיט מענטשן. דער טאטע עפנט שטיל־שטיל די טיר, זי זאָל כאָלילע קיין סקריפּע ניט טאָן. מיר עפענען נאָר די טיר, הייבן זיך אלע אוף. אז מע דערזעט מיך מיטן טאטן, הייבט מען זיך אָן צעגיין אף די שפּיץ פינגער.

מ׳איז זייער דערשראָקן. איך גיב א רוק א בענקל, כאפּט זיך מײַן מומע איטע אָן באַם קאָפּ.

מײַן מומע איטע זיצט אין ווינקל אפן דיל. זי זיצט אינעם שווארצן קליידל און אינעם ווײַסן קאָפּטל, וואָס מיט די פּינטעלעך, זי ווארט נאָך אלץ, ניומע זאָל קומען פון דער מילכאָמע.

דעם קאָפּ האָט זי אָנגעשפּארט אין וואנט. די שײַן פון עם קאָנעצל וויגט זיך איבער איר אויסגעמאָגערט פּאָנעם. זי זיצט, צוגעמאכט די אויגן.

— א־א־א־א, — וויגט זי שטילערהייט דאָס קינד, וואָס ליגט בא איר אף די קניעס.

— כ׳בעט דיך, אָשערל, זיץ, אָשערל, — עפנט זי די אויגן.

נאָר איך קאָן ניט זיצן. איך קאָן ניט אײַנזיצן, אז ס׳זײַנען דאָ א סאך מענטשן.

כ׳רוק זיך פון איין אָרט אפן צווייטן. די לאָדן זײַנען צוגעמאכט, ס׳איז פינצטער. קוים־קוים וואָס עס טשאדעט דאָס קאנעצל. איך פארטשעפּע זיך אלעמאָל אין עמעצנס פיס. א וועלט מיט פיס זײַנען עפּעס אין שטוב. נאָר אלע צערוקן זיך און גיבן אכטונג, איך זאָל זיך ניט פארטשעפּען.

מיט מיר איז מען נאָך קיינמאָל אזוי גוט ניט געווען. קיינמאָל האָבן עלטערע יידן ניט גערעדט מיט מיר אזוי פרײַנטלעך. מע רופט מיך „אָשערל” און „קעצעלע” און „ווויל יונגעלע”. אלע בעטן מיך, איך זאָל ראכמאָנעס האָבן און זיך אופהערן ארומדרייען.

מע האָט מוירע מיך א ריר טאָן. אפילע דער טאטע טשעפּען

מיך ניט. זייער א הויך קאָל באַ מיר. קיינער וויל ניט, איך זאָל וויינען.

די מאַמע גיט מיך א קוש און לייגט מיך אוועק לעבן זיך אַפ דער קאַנאַפּע. די מאַמע טוט מיך אַפילע ניט אויס. פאַרקערט, זי פאַרשפּיליעט מיר דאָס העמדל און טוט מיר אָן מײַנע קאַראַקוזלעך. מ'האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט געלייגט שלאָפן אין די קאַראַקוזלעך. די מאַמע ליגט לעבן מיר אין איר שוואַרצן פּליושן סעקל. ס'איז היים, און זי ליגט פונדעסטוועגן אָן אָנגעטאָנענע.

כ'שפּאַר זיך אָן אין איר. כ'האָב איצטער זייער ליב די מאַמע. כ'וויל באַ איר עפּעס פרעגן. נאָר זי הייבט מיר אָן גלעטן די האָר און בעט מיך זײַן שטיל. זי הייבט זיך אונטער. סע רודערט זיך עפּעס אין דרויסן. ס'איז זייער שטיל, און מע הערט זייער גוט, ווי ס'הייבן אָן קלינגען רעדער אַפן שאָסיי. עפּעס א סאַך וועגענער פאָרן צום שטעטל.

דער טאַטע שטייט לעבן פענצטער. קוקט אַרויס דורכן אַרויסגע־פאַלענעם סוק אין דער לאָד.

ער קוקט לאַנג־לאַנג.

— ווער פאָרט עס?

כ'נעם אַרום מיט ביידע הענט דער מאַמעס האַלדז. די מאַמע ענטפערט ניט. זי דריקט זיך צו צו מיר. זי קוקט מיר אין די אויגן. זי וויינט, דאַכט זיך.

איך דריי זיך צונויף, נאָר כ'קאָן ניט שלאָפן. איך ליג מיט אָפענע אויגן און קוק אַפ די מענטשן. א פולע שטוב מיט מענטשן, און אַלע שווײַגן.

אַז אַלע שווײַגן, קאָן איך לאַנג ניט ליגן מיט אָפענע אויגן. איך נודע זיך אײַן. קיינמאָל קאָן איך ניט באַמערקן, ווי איך ווער אַנ־שלאָפן. איך ווייס נאָר, אַז איך בין געשלאָפן, ווײַל פאַרטאָג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. א בלויקײַט האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די לאָדן־שפּאַרונעס. די מאַמע ליגט לעבן מיר מיט אָפענע אויגן. די מומע איטע זיצט, ווי זי איז געזעסן.

— א־א־א־א, — הער איך, ווי שטיל־שטיל זי וויגט דאָס קינד.

אַפ לאַנג כאַפּ איך זיך ניט אויף. ס'איז זייער גוט צו שלאָפן פאַר־טאָג. איך דריי זיך אײַן. איך צי צו די קניִעס ביז צום מויל, און ס'איז מיר זייער גוט.

נאָר מע לאָזט ניט שלאָפן. מע שרײַט, דאַכט זיך, מע שלעפּט

מיך. כ'פֿיל שוין גוט, אַז מע טאָרעט מיך. נאָר כ'וויל נים אופּשטיין. כ'האָב זייער פֿײַנט, אַז מע וועקט מיך.

מע האָט מיך שוין אַפּילע אַ הייב געטאָן. סע האַלט מיך דער טאַטע. כ'רײַב זיך די אויגן. כ'וויל זיך שוין פֿון קאָס צעוויינען. איך רײַס זיך אַרויס און וויל זיך צוריק אַוועקלייגן אַף דער קאַנאַפּע. נאָר ס'גיט אַ פּלאַץ דאָס פֿענצטער. ס'הייבט זיך אָן שיטן גלאָז. ווײַטע אויסגעצויגענע געשרייען רײַסן זיך אַרײַן דורכן פֿענצטער.

קיינער איז ניטאָ. אין שטוב — נאָר דער טאַטע און די מאַמע.

— לייף! — שרײַט דער טאַטע און שפּאַרט זי צום אַלקער־פֿענצטער, — לויף! — און זײַנע אויגן זײַנען איצטער שרעקלעך. — וואַרט ניט! איך וועל אָפּן בוידעם... לויף!..

די מאַמע קוטעט זיך אין שוואַרצן פּליושענעם סעקעלע. איר קליינינק ווײַס פּאָנעם איז ווי קרײַד. זי וויל אָבער ניט לויפֿן אָן דעם טאַטן.

דער טאַטע גיט מיך אַ הייב. ער שטופּט מיך אַרויס דורכן פֿענצטער און העלפֿט מיר אַריבערקריכן דעם פּלויט פֿון אונדזער שאָכנס סאָד. נאָך מיר שטופּט ער אַרויס די מאַמע. איך רײַב זיך די אויגן. די מאַמע האַלט מיך צו. אַראָפּשפּרינגענדיק, פֿאַרטשעפּען מיר עט־לעכע צווײַגן פֿון די עפּלביימער. ס'גיבן זיך אַ שאָט אַף מיר קאַלטע טוי־טראָפּנס. כ'ציטער אויף פֿון דער פֿרימאָרגנדיקער קעלט.

די מאַמע זעצט זיך אַראָפּ אַף דער ערד. עמעצער לויפֿט אין סאָד. ערגעץ פֿון צווישן דיביימער הייבט אָן וויינען אַ קינד. אַ ווײַס קאָפּטל הייבט זיך אויף. אַ ווײַס פּאָנעם מיט לאַנגע צעפּאַטלטע האָר נעענטערט זיך צו אונדז. — אַ־אַ־אַ, — זינגט די מומע איטע צום קינד. און ס'קינד שרײַט און וויל ניט שטיל ווערן.

מײַן מאַמע כאַפּט זיך באַם קאָפּ. זי וויל ניט, דאָס קינד זאָל וויינען. מײַן מאַמע שלעפּט מיך. זי לאָזט זיך לויפֿן.

סע לויפֿן נאָך מענטשן. כ'קאָן זיך אַפּילע ניט צוקוקן, ווער עס לויפֿט. מע בייגט זיך צו דער ערד. איינער לויפֿט אַ נאַקעטער, נאָר אינעם גרעט. ער זעט אויס ווי אַ מאַכשייפֿע. פֿון אָט דעם נאַקעטן ייִדן קאָן איך גאָר ניט אָפּרײַסן די אויגן.

איך קוק אַפּן ייִדן און וויל לאַכן. נאָר איצטער קאָן איך עפּעס ניט לאַכן.

פֿונעם סאָד לויפֿן מיר אַרויס אַף קאַרטאָפֿל־גערטנער. נאָכדעם אַף אַ לאָנקע. כ'טרינק זיך אינעם גראָז. דאָס גראָז שמײַסט מיר אין

פֿאָנעם. איך כאַפּ אַלעמאָל אַ זעץ. איך פֿאַל, און די מאַמע הייבט מיך אויף.

די מאַמע קאָן שוין ניט לויפֿן. זי עטעמט שווער. בלײַבט שטיין באַם טײַכל, וואָס שנײַדט איבער די לאָנקע. דאָס טײַכל קאָן מען אַריבערגיין נאָר מיט דער אויסגעוואַלגערטער ווערבע, וואָס וואַקסט ליגנדיק. די מאַמע קאָן ניט. זי זאָגט, אַז ס׳ע דרייט זיך איר דער קאָפּ. זי גיט זיך אַ פֿליוכע אין וואַסער. זי האַלט זיך אָן אין דער ווערבע און גייט אַריבער.

פֿון די לאָנקעס לויפֿן מיר אַרויס אויף אַ פֿעלד. איינער נאָכן אַנ־דערן לויפֿן מיר מיטן שמאָלן סטעזשקעלע, וואָס ציט זיך צווישן די זאַנגען.

די זאַנגען זײַנען הויכע. ניט קיין בוים און ניט קיין קוסטעלע. איבערן פֿעלד שטעקט נאָר אַ ווינטמיל מיט פֿאַרגליווערטע פֿליגל, און אַ האַלב־אויפֿגעגאַנגענע זון שטעקט בײַ דער סאַמע ערד.

אַ פֿויגל גיט ערגעץ אַ פֿישטשע און ווערט אַנשווייגן. די פֿייגעלעך שלאָפֿן נאָך. מע הערט נאָר מענטשן.

קווילעס און שיסערײַען טראָגן זיך נאָך אונדז פֿונעם שטעטל. כ׳וויל זיך זייער אָפּשטעלן. כ׳וויל זיך אומקוקן. די מאַמע לאָזט ניט. זי שלעפּט מיך.

ס׳דערהערן זיך ווידער געשרייען. נאָר ניט פֿון שטעטל. מע שרײַט פֿונעם פֿעלד. מע שרײַט „הוראַ״, און מע שיסט פֿון די זאַנ־גען. מע לויפֿט אַנטקעגן אונדז. די זון שנײַדט מיר אין די אויגן. ביקסן, מיסט־גאָפּלען און העק זעען זיך שרעקלעך דײַטלעכע אויף בערגן רויטן הימל.

די מאַמע לויפֿט שוין ניט. מ׳האָט זיך אַלע צונויפֿגעהורבעט אויפֿן סטעזשקעלע. כ׳קאָן אָבער ניט אײַנשטיין. כ׳האָב מוירע פֿאַר די העק. כ׳וויל לויפֿן, לויפֿן. עמעצער הייבט אָן קוויטשען לעבן מיר. כ׳רײַס זיך אַרויס פֿון דער מאַמען. כ׳גיב זיך אַ וואָרף אין די זאַנגען. כ׳וויל ניט זען. כ׳באַהאַלט זיך צווישן די געדיכטע קאָרן־שטענגעלעך און ווילדגראָז. איך נורע זיך אײַן. כ׳פֿאַרגראָב מײַן פֿאַרשוויצט פּנים אין דער קילער פֿאַרוואַקסענער ערד.

כ׳זע גאָרניט. כ׳הער נאָר. כ׳הער, ווי עמעצער וויינט. מ׳האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן. די, וואָס האָט געוויינט, וויינט שוין ניט. ס׳דערהערט זיך נאָר אַ מענערשער געלעכטער און שטיוול־טריט, וואָס פֿאַרשווינדן. נאָכדעם ווערט שטיל. אַזוי שטיל, ווי סע וואָלט נאָר גאָרניט געווען.

א בינ מיט דורכזיכטיקע פליגעלעכ זשומעט איבער מײַנ קאָפּ. א רויט־בלוי באבעלע שטעלט זיכ אוועק אפּ א זאנג.

נאָר עמעצנ הער איכ נאָכ. מע אויקעט. סע קרעכצט עמעצער אינ די זאנגענ. מע קרעכצט אזוי שטיל, אז קוימ וואָס איכ הער.

— אָשע־ערל...

— אָשע־ערל, — הער איכ נאָכאמאָל מײַנ מאמעס קאָל אינ פעלד. איכ שפּרינג אופ. כ׳ענטפער אָפּ דער מאמענ. נאָר די מאמע ענטפערט ניט. זי איז ניטאָ. כ׳זע נאָר דעמ יאמ זאנגענ אונ דעמ לײַדיקנ הימל איבערנ קאָפּ.

עס ווערט מיר שרעקלעכ.

די האָריקע, נאָכ גרינע קעפעלעכ פונעמ קאָרנ רײַבנ זיכ אײנס אָנ דאָס אנדערע. די גאָרע שטילקײַט ווערט פול מיט שורעוועס פונ די זאנגענ. פונעמ ראש, פיל איכ, גרעסערנ זיכ מיר די אויגנ, דער קאָפּ רוקט זיכ בא מיר טיפער אינ די אקסל.

אז זאנגענ שורעוועס, איז ווי ס׳זאָל עמעצער גײנ אפּ אָנגעוואָר־פענעמ שטרוי. סע טרישטשענ די שטענגלעכ. זיי ראַשנ, ווי עמעצער זאָל זיכ קראַטשקענ צווישנ זיי. כ׳וועל באלד אָנהייבנ שרײַענ. איכ בינ קײנמאָל ניט געווענ אלײנ. כ׳האָב מוירע. כ׳האָב אָבער מוירע שרײַענ.

כ׳הייב זיכ אָנ פאמעלעכ אָפּרוקנ. איכ רוק זיכ פּרוער מיט דער פלייצע. כ׳פארשטעל זיכ די אויגנ. נאָכדעמ גיב איכ זיכ א דריי אונ הייב אָנ לויפנ. נאָר די זאנגענ לויפנ מיר נאָכ. וואָס גיכער איכ לויפ, אלץ העכער ראשנ זיי. זיי פאטשנ מיר אינ פּאָנעמ. די שטענ־גלעכ האקנ מיר איבער די פיס, איכ פאל. איכ הייב זיכ אופ אונ לויפ ווײַטער.

לויפנדיק, דערשרעק איכ עפּעס א פויגל. ער גיט זיכ א הייב מיט א געשריי פונעמ קאָרנ. כ׳בלײַב א רעגע שטײנ. מײַנ דינער הויכער קוויטש הייבט זיכ אופ צומ הימל, אונ פונ אלע זײַטנ ענטפערט מיר דאָס ווידערקאָל.

איכ לויפ אונ קאָנ שוינ ניט לויפנ. איכ לויפ שוינ לאנג. שטענ־דיק, אז איכ לויפ א סאכ, הייבט מיר אָנ שטעכנ אינ בויכ. איכ שטעל זיכ אָפּ. כ׳לאָז זיכ אראָפּ צווישנ די זאנגענ. די זאנגענ שורעווענ. זיי טרײַבנ מיכ. כ׳לויפ, אונ זיי לויפנ מיר נאָכ.

כ׳ווייס שוינ אלײנ ניט, וויפל איכ לויפ. נאָר ס׳פעלד האָט זיכ געענדיקט. קוימ פלאָנטערנדיק מיט די פיס, בינ איכ ארויס אפּ א לאָנקע. די לאָנקע איז מיר א באקאנטע, ס׳איז מיר באקאנט די אומ־געפאלענע ווערבע איבערנ טײַכל.

איך זעץ זיך צו.

פון יענער זייט לאָנקע זע איך שוין דאָס שטעטל. א שוואַרצער רויך קנייקלט זיך פון דאָרטן. סע ברענט. סע שמעקט מיט סמאַלענע. נאָר גאָרניט ארט מיך ניט. ס'איז מיר נאָר עפּעס מאָדנע. כ'רייב זיך די אויגן.

ווי אַלעמאָל, שטייען ווערבעס — ניט גערירט זיך אפילע פאַר־נעם אָרט.

סע וווּנדערט מיך אפילע אָפּ די הינט. זיי האווקען זיך איבער פון די ארומיקע הויפן. סע קוואַקען פרעש פון די סאַזשלקעס. א שוואַרצער, מיט ווייסן געפּלעקטער, בושל שפּאַנט ארום אַפּ די דאַרע רויטע פיס.

איך קוק אַפן בושל און בין אים מעקאַנע, וואָס ער איז א בושל.

אפילע די ווערבעס בין איך מעקאַנע.

איך זיץ לאַנג־לאַנג אינעם הויכן לאָנקע־גראָז.

כ'קראַטשקע זיך נאָכדעם ארויף אַפּ דער איבערגעקערטער ווערבע. כ'בייג זיך אראָפּ צום טייכל. כ'ליג צו דאָס מויל. רעדעלעך צעגייען זיך איבערן וואַסער. אַז די רעדעלעך פאַרשווינדן, דערזע איך דעם זון־פאַרגאַנג, דעם איבערגעקערטן הימל אין מיינע קליינ־געוואָרענע אויגן. כ'דערזע זיך אינעם טייכל. ס'מויל איז בא מיר א ביסעלע אָפן. מיינע צעפּאַטלטע האָר זיינען צוגעקלעפּט צום צער־ראַפּעטן שטערן.

איך קריך אריבער דאָס טייכל און שלעפּ זיך אהיים. פון מידקייט הער איך אפילע ניט קיין געשרייען און קיין שיסערייַ.

פלוצעם דערהער איך נאָענט לעבן זיך א שאָרך. כ'לאָז זיך אראָפּ ביזן מויל אין וואַסער, קוק ארויס פון צווישן די ברייטע לע־פּעכעס. נאָר ס'א קעלבל. סע פּאַשעט זיך לעבן די גערטנער. א רויט קעלבל מיט א ווייסער מאָרדע.

כ'גיי צו צו דעם. ס'איז לאַדימערס.

סע דערקענט מיך, ווייזט אויס, און מ־מו־ו — מאַכט עס צו מיר.

נאָר מער האָב איך שוין קיין קויעך ניט. כ'לייג זיך אוועק לעבן דעם, און מער געדענק איך שוין ניט.

כ'געדענק נאָר, אַז שפּעטער האָט מיך עמעצער א הייב געטאָן. מ'איז געקומען, ווייזט אויס, אָפּבינדן דאָס קעלבל. כ'האָב דערפילט, ווי מע נעמט מיך אַפּ די הענט. כ'האָב דערזען א געלע באָרד. כ'האָב אפילע נאָכדעם דערזען א נידעריקע שטוב מיט א קופּע ליים אַפן דיל, דערזען געלע, נאָך ניט געברענטע טעפּ. נאָר כ'האָב גאָרניט געקאָנט ריידן.

פאוליק

מיט צעעפנטע טירן און אויסגעהאקטע פענצטער שטייט אונדזער שטיבל. צו אונדז וועט מען שוין ניט קומען. אונדז וועט מען שוין ניט ראבעווען.

איך ליג מיטן טאטן און מיט דער מאמען אפן בוידעם, און מיר ווארטן אפ דער רויטער ארמיי.

ס'איז היים און פינצטערלעך אפן בוידעם. פון זינט די מאמע האט מיך פארלארן אין פעלד, לאזט זי מיך ניט אפ פון זיך.

זי פארמאכט אלעמאל די אויגן און פארקלעמט די ציין. איר פא־נעם איז ווייס. איר בלויע פארשוואלענע האנט איז אינגאנצן ארומ־געוויקלט מיט נאסע האנטעכער.

מ'האט דער מאמען איבערגעבראכן א האנט.

דער טאטע זיצט אנטקעגן אונדז. ער זיצט אנגעשפארט אינעם קוימען. אפגעריסענע שטויביקע שטראלן שלאגן זיך דורך די צעבראכענע שינדלען. דער טאטע זשמורעט די אויגן.

ער זיצט צווישן דעם פייסעכדיקן געפעס, צווישן צעבראכענע קעסטלעך, מולטערס און שפינוועבס.

ער איז א בארוועסער, א צעבראסטעטער. ער לייגט אלעמאל צו־נויפ און צענעמט אלעמאל די הענט.

— ארל, — שאקלט ער צו דער מאמען מיטן קאפ, — ארעלע איז, דאכט זיך, געהרגעט... ריבוינע־שעל־אוילעם, — באהאלט ער דעם קאפ אין די הענט.

פריער א ביסל האט דער טאטע אפילע צעריסן אפ זיך דעם זשיליעט. ער האט אנגענומען דעם לאץ מיט די ציין, א ריס געטאן מיטאמאל דאס געוואנט.

— גאט מיינער, — האט די מאמע גענומען רייבן מיט דער גע־זונטער האנט די שלייפן, — ערשט אייערנעכטן...

ערשט אייערנעכטן האט מיין מומע איטע „א־א־א" געמאכט צום קינד, און איצט — אויס...

די מאמע בייסט זיך די ליפן. זי האט מוירע, מע זאל ניט דער־הערן אין גאס. אלעמאל הערט זיך א געשריי. זי האלט מיך צו. זי וויל ניט, איך זאל איצטער אוועקגיין פון איר.

נאר כ'קאן שוין ניט איינזיצן. כ'וויל זייער צוגיין צום בוידעם־פענצטער א קוק טאן, וואס עס טוט זיך.

שוין דעם צווייטן מעסלעס, ווי „באטקאָ" ליסיצע קוילעט. שוין דעם צווייטן טאָג, ווי עטלעכע פארבליבענע רויטארמייער מיט אויסגעשניטענע רויטע שטערנס אף די הערצער ליגן לעבן בלויען פלויטל פונעם ווייסן קלויסטער.

סע הערט זיך ווידער א שאָס, און — ווידער שטיל.
ס'איז אזוי שטיל, ווי נאָך קיינמאָל ניט.

נאָר אָט דערהערן מיר א שיסעריי, אף וועלכער מיר וואַרטן שוין אזוי לאַנג. דייטלעך־דייטלעך דערהערט זיך א דערפרייענדיקער סנאַריאדן־הילך. דער אופרייס איז א ווייטער, א פארדומפּענער. א פרייליכער פייף פון א שראפּנעל וואָיעט עטלעכע רעגעס און דונערט אופ איבערן שטעטל.

א צווייטער, א דריטער.

דער טאטע מוז בלייבן מיט דער מאמען. די מאמע וויינט. נאָר איך הער זי שוין ניט.

איך רייס זיך אויס און לויף אראָפּ פונעם בוידעם.
אונטן איז שוין א לויפעניש. און נאָענט שיסן שוין קוילנווארפערס.
די באָלשעוויקעס זעט מען נאָך ניט. נאָר זייערע קוילן פייפן שוין פריילעך און לעבעדיק איבער די ליידיקע געסלעך.

פאר די פעטליוראָווצעס האָבן מיר שוין קיין מוירע ניט.

פלאָנטערנדיק מיט די פיס, אוועקווארפנדיק די ביקסן און די אָנגעראבעוועטע פעק, לויפן זיי. זיי זיינען שוין גאָר ניט קיין שרעקלעכע.

זיי לויפן צעפּודזשעטע און דערשראָקענע. זיי שפּרינגען, ווי ניט קיין ערד וואָלט געווען אונטער זיי, נאָר סקאָוואָראָדעס.

זיי לויפן, און נאָך זיי טראָגט זיך א כוואַליע הוראַ־געשרייען.

ס'דאכט זיך, אז אפילע די הייזער מיט די אויסגעבראָכענע שויבן, די פעדערן פון די אופגעריסענע קישנס און אפילע די געהארגעטע, וואָס וואַלגערן זיך אין גאס, הוקען און שרייען פון פרייד.

פון מיר איז שוין אָפּגערעדט.

פריילעכער פון אלעמען איז מיר און מיינע כאַווירים.

סע הודזשעט א פאנצער־אווטאָמאָביל, דער אווטאָמאָביל לויפט אָן, ווי א גרויסער גרינער געהויקערטער קעמל. אף זיין נאָז פלאַטערט א רויטע פריילעכע פאָן, און פון זיין טורעמל שיסן די קוילנווארפערס און באהאָגלען די באנדיטן.

איך, זיאמע, בולע און סראָליק לויפֿן באַגעגענען די רויטאַרמייער. די קאָמאַנדירן שרײַען אַף אונדז און טרײַבן אונדז, נאָר פֿאַר רויטאַרמייער האָבן מיר קיין מוירע ניט. די רויטאַרמייער וועלן אונדז ניט טשעפּען. מיר לויפֿן זיי נאָך. זיי קאָנען מיט אונדז גאָרניט מאַכן. זיי רינגלען ארום דאָס שטעטל און כאַפּן די פּעטליוראָוועס. מ׳האָט ארומגערינגלט אונדזער גאַס, און מע כאַפּט דעם אַטאַמאַן.

דאָס ערשטע מאָל דערזע איך ליסיצען אין פּאָנעם. ער לויפֿט דורך קימאַט לעבן מיר. דאָס מויל איז בא אים אָפֿן, די נאָז אײַנגעקנייטשט, די אויגן צונויפגעצויגן.

ער וויל אַנטלויפֿן. ער וויל לעבן.

— אווע־עק! — רעוועט ער און שיסט זיך אָפּ פֿון די רויטאַרמייער.

דער פּאַנצער־אווטאָמאָביל פּאָרט אים איבער נאָך און טרײַבט אים מיט נאָך פּעטליוראָוועס פֿון הינטער די הײַזער. עטלעכע רויטאַרמייער, צוגעפּאַלענע צו דער ערד, לאָזן ניט ארויס די באַנדיטן פֿון געסל. מע פֿאַרטרײַבט זיי, און מע שפּאַרט זיי צו צו א פּלויטל, פֿונוואַנען זיי קאָנען ניט אַנטלויפֿן. ארום זײַנען הײַזער און רויטאַרמייער. מע וויל נעמען ליסיצען א לעבעדיקן. ער פֿאַרגראָבט זיך לעבן אונדזער שאָכנס פּלויטל, קאָרטשעט זיך צו דער ערד, וויל זיך ניט אונטערגעבן.

פֿון יענער זײַט פּלויטל, אין גע[ל]ע קווייטן און אין קאַלינע־ביימלעך, שטייט אונדזער שאָכנס לאַדימערס שטיבל, וווּ ס׳וווינט מײַן כאַווערפּאַווליק.

די טיר בא לאַדימערן איז אָפֿן. אָפֿן געפֿלאָכטענעם צעבראָכענעם פּלויטל טריקענען זיך עטלעכע פֿאַררייכערטע טעפּ. אָפֿן הויף וואַלגערט זיך אַן איבערגעקערטער פֿאַרזשאַווערטער שליטן.

די פּעטליוראָוועס גיבן מיטאַמאָל א בייג דאָס פּלויטל, גיבן זיך א לאָז צו לאַדימערס שטיבל און פֿאַרהאַקן נאָך זיך די טיר.

— אָטאָטשיטי![1] — עפֿנט זיך דער ליוק אינעם פּאַנצער־אווטאָמאָביל.

פֿונעם פּאַנצער־אווטאָמאָביל שפּרינגט גלײַך ארויס א מענטש אין לעדער. ער איז שוואַרץ און פֿאַררייכערט. נאָר די האָר זײַנען בא אים גראָע.

---

1 ארומרינגלען! (אוקראַיִניש)

ער ליגט צו ביידע הענט, ווי א טרומייט, צום מויל:

— ליסיצא, — שרייט ער. ער שרייט אזוי, אז די אויגן קריכן אים אזש פון פּנים. — ווארף דאָס געווער! גיב זיך אונטער!..

אף דעם קאָמאנדירס באפעל ענטפערן די באנדיטן מיט א שיסע־ריי. דאָס טורעמל אפן פּאנצער־אווטאָמאָביל הייבט זיך אָן קערע־ווען. די דינע פּיסקעס פון די קוילנוואַרפערס דרייען זיך אוים צו די פענצטערלעך פונעם שטיבל און ענטפערן אָפּ. אין שטיבל ווערט מען אנשוויגן. אָבער צוגיין צום שטיבל קאָן מען ניט.

— לעבן אלע הייזער, וואָס ארום שטיבל, — באפוילט דער קאָ־מאנדיר, — זיך שטעלן מיט עמער וואסער, דאָס פייער זאָל זיך ניט פארשפרייטן.

איך כאַפּ אויך אַן עמער וואסער.

מע עפנט דעם בענזין־באַק פונעם אווטאָמאָביל און מע נעמט ווייקן אין אים שמאטעס, פּאַקליע און ווארפן אפן שטיבל. מיט גרויסע קוליעס שטרוי נעמט מען באווארפן די ווענט.

דער לויטערער זומערדיקער פארנאכט הייבט אָן שמעקן מיט בענזין.

נאָר מע צינדט נאָך ניט אונטער. מע בלייבט מיטאמאָל אלע שטיין, און מע כאַפּט אראָפּ די היטלען.

פון מארק־זייט באווייזן זיך די באַלעגאָלישע פורן און די פּויערשע וועגענער. די וועגענער זיינען מיט הויכע דראַבינעס. איבערגעדעקט זיי־נען די פורן און וועגענער מיט רויטע פארבלוטיקטע ליילעכער און מיט פארפלעקטע קאָלדרעס. א סאַך, א סאַך מענטשן גייען נאָך. דאָס פירט מען די געהארגעטע אפן בעסאַלמען. א לאנגן אויסגעצויגן געוויין שלעפּט זיך נאָך נאָך די פורלעך.

— כאַוועך קאָמאנדיר, א סאָ־אָפּ! — צעשרייט זיך א רויטאר־מייער, — מיר צאַצקען זיך צופיל! כאַוועך קאָמאנדיר!..

א שמאטע, א דורכגעזאפּטע מיט בענזין, אַן אָנגעצונדענע באַ־ווייזט זיך אינעם רויטארמייערס הענט. דער רויטארמייער איז פאר־שטויבט און צעפּאטלט. א וויקלשנור האָט זיך אָפּגעוויקלט פון זיין פוס און שלעפּט זיך אים נאָך. די רויטע סטענגע אף זיין היטל איז ווי א בלוטיקער שראַם.

— כ׳צינד אונטער!..

אלע נעמען זיך אָפּרוקן. די שמאטע אינעם רויטארמייערס האַנט פלאַקערט און קנאַקט אין דער שטילקייט. די פייערדיקע צינגער שפּיגלען זיך אָפּ אין די צוויי פענצטערלעך פון לאַדימערס שטיבל.

דער רויטאַרמייער גיט זיך אַ בייג אָפּ צוריק, ציט אויס די האַנט און וויל שוין אַ שלײַדער טאָן די ברענענדיקע שמאַטע.

אָבער עפּעס וואַרפט ער זי ניט, די שמאַטע. די אויגן גיבן זיך באַ אים ברייט און דערשראָקן אָן עפן. דער ברענענדיקער פּאַקעל פאַלט אַרויס פון זײַן האַנט.

אַפן פענצטערל באַווײַזט זיך מײַן כאַווער פּאַוליק. ווי שטענדיק, איז ער אָנגעטאָן אין זײַן טאַטנס פאַרליימיקטן פּידזשאַק, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך ביז די פּיאַטעס. פון די גרויסע אַרבל זעט מען אפילו ניט אַרויס זײַנע הענט. מיט פאַרווײנטע און דערשראָקענע אויגן באַטראַכט ער די אַרומיקע. פאַרטריקנטע פּאַסיקלעך טרערן צעפּאַסעווען זײַן צעטומלט פאַרבלאַטיקט פּאָנעם.

הינטער פּאַוליקן, אַ צעקרימטער און צעקנייטשטער, שטייט ליסיצע. ליסיצע שרײַט עפּעס און שעלט. ער האַלט צו פּאַוליקן פאַרן זאַבאַרעק, ווייסנדיק, אַז צוליב פּאַוליקן וועט מען ניט שיסן אין אים.

די באַנדיטן האָבן געטראָפן פּאַוליקן אין שטוב. אין שטוב איז מער קיינער ניט געווען. זיי האָבן אים פאַרהאַלטן און ניט אַרויסגעלאָזט. קיינער האָט וועגן דעם גיט געוווסט.

די באַנדיטן שטייען באַם פענצטער און שיסן זיך אָפּ.

דער אָנגעצילטער קוילנוואַרפער פונעם פּאַנצער־אווטאָמאָביל ענטפערט ניט. אין דרויסן ווערט טינקלער. דער קאָמאַנדיר גייט גיכ־גיך הין און צוריק. ער איז צעטומלט און איז אין קאַס. כ'זאָג דעם קאָמאַנדיר, אַז דאָרט וווינט לאַדימער און אַז מיר האָבן באַ אים באַהאַלטן די נאַקלאַדנע לעפל און די לײַכטערלעך.

— שאָ־אָ?[1]

— נאַקלאַדנע לעפל...

— שאָ־אָ?

— וואָ־אָן! — ווערט ער אָפּ מיר אין קאַס.

דער צעפּאַטלטער רויטאַרמייער מיט די צעוויקלטע וויקלשנורן גיט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף פונעם אווטאָמאָביל. אויסגעצויגן אַפן בויך, נעמט ער הינטן־אַרום קריכן צו פּאַוליקס פענצטערל. ער קריכט אַרײַן אין הויפל. קריכט אינעם גראָז צווישן די קאַלינע־ביימלעך.

ער פּויזעט אַלץ נעענטער צום שטיבל. אָט ליגט ער שוין אינגאַנצן

---

1 האָס? (אוקראַיִניש).

אויסגעצויגנ אונטערנ נידעריקנ פענצטערל. איבער אים, א ביסעלע העכער, שטייט פאוליק. פאוליקס אויגנ קוקנ אפ אונדז. מע האט מוירע זיכ א ריר טאנ. מ'האט מוירע, אז פאוליק וועט דערזענ דעמ רויטארמייער, זיכ דערפרייענ — אונ דעמלט וועלנ זיי ביידע אומקומענ — אי ער אי דער רויטארמייער. מע מוז שטארק איבערשרעקנ פאוליקנ אונ אפווענדנ די באנדיטנ.

— פייער!!! —צעשרייט זיכ דער קאמאנדיר.

צוויי קוילנווארפערס הייבנ אנ אנ אופהער שיסנ איבערנ דאכ. פונ יענער זייט שטוב פייפט מענ אונ מע שרייט. כ'האב זיכ זייער גוט אויסגעלערנט פייפנ. כ'פייפ אויכ. כ'לייג ארייננ צוויי פינגער אינ מויל אונ סווישטשע. דער שאפער קוועטשט די טרובע פונ דער מאשינ. ס'איז אזא הוקעניש אונ א שיסעריי — טויב צו ווערנ.

דער רויטארמייער הייבט זיכ אונטער אפ די קני. זיינ האנט ציט זיכ זייער פארזיכטיק צו פאוליקנ. אט איז זי שוינ א ביסעלע העכער... מיטאמאל גיט ער אימ א כאפ פאר די בארוועסע פיסלעכ אונ גיט אימ א שלעפ צו דער ערד.

— פייער!!! — שרייט נאכ העכער דער קאמאנדיר.

פאוליק גיט זיכ א גליטש פונ זיינ גרויסנ פידזשאק אונ פאלט א נאקעטער איבערנ רויטארמייער.

נאר דער רויטארמייער לעבט שוינ ניט. ער ליגט מיטנ קאפ אינ גראז, אונ זיינ טויטע האנט האלט נאכ פארקוועטשט פאוליקס פיסל.

אינעמ באפרייטנ אויסגעקרימטנ פענצטערל שיסנ די רויטארמייער, די באנדיטנ זאלנ זיכ ניט קאנענ דערנעענטערנ.

— פייער! פייער!!! — קלינגט אלצ שטארקער, צארנדיקער דעמ קאמאנדירס קאל.

אינ זיינ אויסגעשטרעקטער האנט גיט מיטאמאל א בליאסק א ווייסע פלעשלדיקע האנט-גראנאטע. צעוויגנדיק די האנט, אפלויפנדיק עטלעכע טריט, גיט ער זי מיט אלע קויכעס א שלײדער אפנ שטרויענעמ דאכ.

איינ אויגנבליק טוט נאכ א גלאנצ אינ דער טונקלעניש דאס פלעשעלע פונ דער גראנאטע, אונ מיטאמאל, ווי עמעצער וואלט מיט א גרויסער גוואלדיקער האנט א זעצ געטאנ איבערנ קאפ פונעמ שטרויענעמ שטיבל, האט דער דאכ א קרעכצ געטאנ, ס'האט א דונער געטאנ די אופגעפלאצטע גראנאטע, אונ געלע רויכ-קנוילנ האבנ פארדעקט דאס שטיבל.

פריער צינדט זיך אָן דער דאַך, נאָכדעם כאַפּן זיך אָן די ווענט. פון די פענצטערלעך, ווי פון אָנגעגליטע אויוונס, שפּאַרן און רײַסן זיך די פלאַמען. דאָס פײַער האַלדזט און נעמט אַרום דאָס שטיבל. פונקען — מיליאָנען פײַערלעך — טראָגן זיך און לעשן זיך איבער די קעפּ.

אַף איין אויגנבליק באַווײַזן זיך ליסיצעס קאָפּ אינעם פײַער.

פּאַווליק שלעפּט מיט אַלע קויכעס נאָך זיך דעם געהאַרגעטן רויט־אַרמייער. דער קאָמאַנדיר לויפט צו, כאַפּט פּאַווליקן אַרויף אַף די הענט און טראָגט אים צום אווטאָמאָביל.

די שײַן פונעם פײַער וויגט זיך, העלט און טונקלט זיך. אַט זײַנען אַלעמענס פּענעמער רויט פונעם אָפּשײַן, און אַט זײַנען זיי טונקל און גרוי, ווי שטיינערנע, ווי אויסגעהאַקטע.

קיינער רעדט ניט און קיינער רירט זיך ניט. פונעם שטיבל הערט מען שוין קיינעמס געשרייען ניט. ס׳וואַלגערן זיך די ברענענדיקע ווענט, און נאָר דער ווײַסער און נאַקעטער קוימען סטאַרטשעט אי־נעם רויך.

לעבן פּאַנצער־אווטאָמאָביל, די פיסלעך אונטער זיך, פּאַרהיקענ־דיק זיך פון געוויין, זיצט פּאַווליק. הינטער אים, לעבן אווטאָמאָביל, ליגט דער דערהאַרגעטער רויטאַרמייער.

דערזעענדיק מיך, הייבט זיך פּאַווליק אויף. ער האָט ניט ווו צו נעכטיקן און גייט צו מיר. ער געזעגנט זיך אַפילע ניט מיטן קאָמאַנ־דיר פאַרן אוועקגיין. גיט אַפילע קיין קוק ניט אַפן דערהאַרגעטן, וואָס האָט אים געראַטעוועט.

מיר גייען אינצווייען איבער די פינצטערע געסלעך פונעם שטעטל. דאָס צעוויגטע פײַער פונעם שטיבל באַשײַנט אונדז דעם וועג.

כ׳בין שטאַרק פאַרנומען

כ׳בין שטאַרק פאַרנומען. כ׳האָב אַ סאַך אַרבעט. כ׳לויף. מע מוז אומעטום זײַן. מע דאַרף זיך שלאָגן, שלעפּן קאַשע באַ די רויט־אַרמייער, לויפן אַפן בעסאַלמענ באַטראַכטן, ווי מע באַהאַלט אין איין גרוב די דערהאַרגעטע.

אַהיים קער איך זיך שוין אום, אַז איך ווער הונגעריק.

איצטער גיי איך אַהיים. כ׳גיי פּאַמעלעך. כ׳האָב זיך צעהאַקט

א פוס און איך הינק. געקומען אָבער אָפּ אונדזער גאַס, קאָן איך שוין פּאַמעלעך ניט גיין. איך דערזע א פּאָר אָנגעזאָטלטע פערד לעבן אונדזער שטוב. פערד — איז בא מיר דאָס כּײעס.

איך שטעל זיך אָפּ. איך באַטראַכט זיי. זיי זײַנען נאַס. שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און צופּן אפילע ניט דאָס גראָז אונטער די פיס.

זיי שטייען שוין דאָ, ווײַזט אויס, לאַנג. מײַן הינטל מוציק קאַטשעט זיך אָפּ די קורצע פיסלעך און איז באַרויִגט. נאָר מוציק האַווקעט ניט. ער קוקט אָפּ זיי און וואָרטשעט.

— אַפּושאָל, — טרײַב איך אים אָפּ.

פערד האָב איך בעסער ליב. איך גיב אַ צי, א דריי די הויזן אָפּ אַרופּ. איך בין זייער צופרידן, וואָס אָפּ אונדזער גאַס איז קיינער ניטאָ. איינער אַליין מיט די צוויי פערד, דערפיל איך זיך מיטאַמאָל גרעסער און עלטער.

איך שטאַרב, אַזוי וויל איך שוין ווערן עלטער.

ווי אַן עמעסער רוויטאַרמייער, פּאַטש איך די פערד איבער די רוקנס.

— נאָ־אָ! א ניכפּע אָפּ אײַך! לאָזט דורכ! — שרײַ איך אָפּ זיי און גיב א זעץ מיטן פוס אין דער הויז־טיר.

איך גיי איצט שטענדיק אַרײַן אין שטוב מיט א טראַסק.

איך רייכער שוין ציגאַרן. כ׳האָב שוין איצטער פּאַר קיינעם קיין מוירע ניט. קיינער גיט אַפילע קיין פּיפּס ניט אין שטוב. דער טאַטע שווײַגט. די מאַמע האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

אַרײַנגייענדיק אין קיך, בלײַב איך שטיין. סע שמעקט עפּעס מיט אַפּטייק אין שטוב. פון צווייטן צימער הער איך, ווי עמעצער גייט אום הין און צוריק און ווי דער טאַטע דרייט זיך און סע סקריפּעט אונטער אים די קאַנאַפּע.

ווער איז דאָרטן מיטן טאַטן, ווייס איך ניט. די טיר איז פאַרמאַכט. כ׳וויל זי עפּעס ניט עפענען. כ׳לאָז זיך בעסער אין אַלקער. אין אַלקער איז שטיל. דאָס איינציקע פענצטער איז פאַרהאַנגען מיט א לײַלעך. קוים וואָס סע שלאָגט זיך דורך ליכט.

איך דערהער, — אין אַלקער קרעכצט עמעצער. פריִער דערשרעק איך זיך. נאָכדעם גיי איך שטילערהייט צו צום בעט. אָפּ די אָנגעוואָרפענע צעריסענע קישנס דערזע איך אַרלען. פון אונטערן שינעל שטעקן זײַנע פיס אין די צעריסענע געלע שקאָרפּעטקעס. זײַנ

פּאָנעם זע איך ניט. ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעדעקט מיטן שינעל.

— ארל, — גיב איך אים א רוף און בייג זיך אָן צו אים.

ער דערהערט, דאכט זיך. ער גיט א קרעכץ פון שלאָף.

— מא־אגיד?!

— וואָסער מאגיד? — פארשטיי איך ניט, וואָס ער רעדט צו מיר. כ'ליינ צו די האנט צום מויל. כ'שטיי אפ די שפּיץ פינגער. לעבן ארלען, אפן טאבורעטל, וואָס שטייט לעבן בעט, דערזע איך מיטאמאָל אונדזער פּאָמעניצע. אין דער פּאָמעניצע ליגן אָנגעוואָרפן שטיקלעך פארבלוטיקטע וואטע, שטיקער מארליע.

זיין מעשן קעסעלע, דאָס היטל מיטן רויטן שטערנדל ליגן אפן דיל.

כ'הייב אָן מוירע האָבן. כ'עפן שטילערהייט די טיר צום טאטן. די טיר איז פארהאנגען מיט א פאָרהאנג. די טיר גיט א דינעם קוויטשע אפ די זאווייסעס. כ'בלייב שטיין.

דער טאטע דערהערט ניט. דרייט זיך אפילע ניט אויס צו מיר.

אָנגעשפּארט אין פענצטער, די הענט פארלייגט אפ צוריק, שטייט מיטן רוקן צו מיר אן רוויטארמייער. דער טאטע קוקט ניט אפ אים. דער טאטע זיצט אפ דער קאנאפּע. איין האנט האלט ער אפן טיש, אפ דער צווייטער האָט ער אָנגעשפּארט דעם קאָפּ און וויגט אים הין און צוריק. ער וויגט דעם קאָפּ. דער קאָפּ איז פול מיט פעדערן פון די צעריסענע קישנס.

— נו־נו, — מאכט פון צייט צו צייט דער טאטע, — גאָרניט, כאווער מאגיד, — און הייבט אופ די אויגן צום רוויטארמייער, — פארקערט, זייט מאצליעך... ערגער איז נאָר א טאטן...

— און איך זאָג אייך נאָכאמאָל — בעעמעס! ניט געפערלעך, — גייט צו אים מאגיד צו. ער טרעט אָן אפ א לייכטערל, וואָס וואלגערט זיך אפן דיל. ער הייבט עס אופ. שטעלט עס אוועק. ער שטייט, מאגיד, אינעם לעדערנעם טוזשורעקל און אָן א היטל. זיין פּאָנעם איז פארבאנדאזשירט. דאָס היטל שטעקט אים פון דער קעשענע א צונויפגעדרייטס מיט א צעשפּאָלטענעם גלאנציקן דאשעק.

— די קויל האָט ניט אָנגערירט דעם ביין. איר וועט זען! — און מאגידס שווארצע אויגן צווישן דער ווייסער מארליע ווערן שמע־לער, — א וויל באָכערל בא אייך... א יינגל נאָך — און ניט גע־שריען, ניט געוויינט אפילע.

ער זעצט זיך אוועק אפן פענצטער. ס'גיבן א וויינ אין דער

שטילקייט זײַנע שפּאָרן. ער איז אָנגעכמורעט. ער וויגט מיט א פוס. זעט אפילע ניט, אז מיט דער שפּאָר קלאַפּט ער אָפּ דעם טינק אונ־טערן פענצטער. ער לייגט צו די האַנט צום קאָפּ, גיט א גלעט, א דריק צו די מארליע צום שלייף.

— אונטער וואסילקאָוו האָבן מיר זיך באַקאַנט... געווען נאָך מיט אונדז איינע גאָלדע כאַדאַרקאָווע. פון אײַער שטעטל טאַקע. מיר האָבן צוזאַמען אָנגעגריפן אַף וואסילקאָוו.

— א וואסילקאָווער?

— א וואסילקאָווער! — ענטפערט מאַגיד.

— און הארוגים?

מאַגיד שווײַגט א ווײַלע. קוקט זיך אַרום. גיט א בלאָנדזשע מיט די אויגן איבער די אַרומגעקלאַפּטע ווענט:

— אין וואסילקאָוו איז שוידערלעך!.. הײַנט מעדזשיבאָזש... מאַקאַראָוו...

— ריבוינע־שעל־אוילעם, — קרעכצט און האָרבעט זיך דער טאַטע, — נאָר ניט מעשוגע ווערן, ריבוינע־שעל־אוילעם, — רעדט דער טאַטע, ווי צו זיך אליין, — גאָר ניט פאַרגעשטעלט זיך קיינמאָל, אזויפיל קוילערס זאָלן זײַן אַף דער וועלט...

— און ס'אַרא קינדער סע קומען אום, — הייבט אָן דער טאַטע דערציילן וועגן כאַדאַרקאָוון, — מיט עטלעכע רויטאַרמייער גע־בליבן, נאָר פונדעסטוועגן זיך געשלאָגן...

דער טאַטע פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט די הענט. אין דער שטיל־קייט הערט זיך נאָר, ווי סע זשומעט א פליג, ווי סע קלינגען לעבן שטוב די פערד מיט די צײַמלעך, ווי אונדזער שביינע וויינט.

— געווען א היים... קינדער געווען... ס'וועט זײַן אמאָל א יעשועס?.. ס'וועט נעמען אמאָל א סאָף, האַ?

מאַגיד ענטפערט ניט. ער הערט, דאַכט זיך, אפילע ניט, וואָס דער טאַטע רעדט צו אים. ער עפנט אויף דאָס פענצטער. אונטער־ן פענצטער וואַקסט מיאַטע. מאַגיד גיט א צי אין זיך די לופט. קוקט לאַנג אַף דער אַנטקעגנדיקער אָפּגעברענטער שטוב, וואָס רייכערט זיך, קוקט אַפן קרוק פון דער קרענעצע, וואָס האָט צעשפּאָלטן אַף צווייען די פאַרגייענדיקע זון.

— מיאַטע?! — און מאַגידס אויגן הייבן אָן אזוי ווי שמייכ־לען, זשמורען זיך צום טאַטן. — נאָר לעבן בלײַבן... אין לייגט מען אוועק, הערט איר, אין אזא פאַרנאַכט — איז א שאָד!..

ער רוקט זיך ארוף העכער אפן בײַשטידל פון פענצטער, גיט א צי די כאַליעוועס פון די שטיוול.

— נאָר פונדעסטוועגן, — און ער הייבט אוף א געזונטע פויסט אינדערלופטן, — כ'בין איינער בא מײַן מאמען. בא אַײַך איז אויך, דאכט זיך, נאָר איין אָרל?..

מיר ווערט שרעקלעך דערפון. כ'קאָן שוין מער ניט אײַנשטיין.

— וואָס הייסטו? און איך? — בין איך ארוים אפן מיטן צימער.

כ'האָב אזוי אומגעריכט אויסגעשריגן, אז כ'האָב זיך אליין דערשראָקן. זיי האָבן מיך ביז איצט ניט געזען.

מאגיד האָט נאָר א הייב געטאָן די ברעמען, מיך א מעסט געטאָן מיט פארוווּנדערטע אויגן.

— גאָלד! — האָט ער א סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפן און מיר אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

— מאַ־שמייכעם, יונגערמאַנטשיק?

— אָשער!

איך לאָז אראָפּ די אויגן. פרעמדע מענטשן קאָן איך קיינמאָל ניט קוקן אין די אויגן. מײַן פעטער מענאשע, וואָס האָט מיך פײַנט, זאָגט, אז ס'א גוטער סימען, אז פון מיר וועט אויסוואקסן א גאנעוול. פון אונטער די ברעמען קוק איך פונדעסטוועגן אפ מאַגידן. מאגיד שטייט לעבן שפיגל. איך דערזע זיך אין אונדזער צע־שפּאָלטענעם שפיגל. איך זע, ווי איך קראַץ זיך פון שעמעוודיקײַט דעם קאָפּ. מײַנע באָרוועסע פיס זײַנען ביז די קניִעס אין בלאָטע, און ס'זעט אוים, ווי איך זאָל טראָגן שטיוועלעך.

— ס'איז מײַן קאדעש, — זאָגט דער טאטע, — אין א ווײַלער צײַט געבאָרן געוואָרן, און וואָס, זאָגט אליין, וואָס, מישטיינס־געזאָגט, קאָן פון אזוינס אויסוואקסן? — און ער טוט א קרעכץ דערבײַ.

מאגיד קריכט זיך, דרייט מיטן קאָפּ, באטראכט מיך, גיט מיר א שאר מיט דער האנט איבערן קאָפּ.

— א היצעל, — ענטפערט זיך אליין דער טאטע, — א היצעל וועט אויסוואקסן! — און ער קערט זיך אָפּ פון מיר.

אז קיינער איז ניטאָ, איז וויפל דער טאטע שרײַט ניט, — ארט מיך ניט. נאָר איצטער ווער איך אין קאס. איך פּרעס צונויף דאָס מויל, אין דער שטילקײַט דערהערט זיך אזש דער קריץ פון מײַנע ציין.

— איר הערט? — קוקט דער טאטע אפ מאגידן, כאָטש דער טאטע איז צו דעם שוין געוווינט.

— אזוי גאָר, אָשערל? — מאכט צו מיר מאגיד. און ווײַל ער זאָגט מיר „אָשערל״, בארויק איך זיך. אלע עלטערע זײַנען עפּעס בארויגעז און שרײַען, און מאגיד נים. מאגיד לייגט מיר אוועק די האנט אפן אקסל, קוקט לאנג אפ מײַנע פארבלאָטיקטע פּיס.

— איז וואָס, יאטוצ? — און די אויגן לאכן בא אים, — ווײַזט אויס, אן אומרייניע ארבעט בא דיר? הא?

איך קוק אפ אים. איך פארשטיי נים, וואָס ער פרעגט מיך.

— כ׳מיין, א בלאָטיקע ארבעט, — ווײַזט ער מיר אפ די פּיס, — מע רייניקט, ווײַזט אויס, בלאָטעס?

— ניין, — צעלאך איך זיך. און איך, אז איך לאך — לאך איך אפ א קאָל. אז מע איז מיט מיר גוט, ווער איך זייער גיך כאוועך און היימיש. איך גיי צו נעענטער. מאגיד טראָגט א רעוואָלווער. כ׳הייב אָן דעם רעוואָלווער צוּען צו זיך.

— ע, אָשערל, ער טשעפּעט דיך, באָלילע, דער רעוואָלווער? — לייגט ער אים אוועק צו זיך אפ די קני. — דערצייל בעסער, וואָס טוסטו גאנצענע טעג?

— גאנצע טעג? גאָרנים, — ענטפער איך.

— גאָרנים? גלאט אזוי — אָן א שטאָב ארבעט? אומעטיק, מיס־טאמע? שטארק אומעטיק, הא?

— ניין! — דריי איך זיך, — עס איז מיר פרייליך.

— פריי־לע־עך?! ביסט דאָך א גאָלד, אָשערל, — דערפרייט זיך מיט מיר מאגיד, — הוליעט מען, וואָס? און ווו? אווו ווערט מען עס פארפאלן?

— אפן בעסאלמען, — ווער איך איבערגליקלעך, וואָס ער וויל מיך אויסהערן, — לעבן בעסאלמען־פּלויט, — דערצייל איך אים, — א גרויסע, גרויסע גרוב אויסגעגראָבן... און אלע ווארפט מען זיי צונויף איינענעם... און מיך האָט מען אויך געלאָזן זיי פארשיטן, — פארכליאָבע אויך זיך אזש פון גליק, — מע האָט מיר אויך געגעבן א זאסטעפּ...

מאגידס אויגן הערן אוף צו לאכן. זיי שטעלן זיך אָפּ. נאָרוואָס איז מאגיד געווען פריילעך, און איצט איז ער שוין אומעטיק.

— מע דארף דאָך פארשיטן? געהארגעטע? — פארשטיי איך נים, וואָס ער קוקט אזוי אפ מיר.

— פארשטייט זיך, אָשערל, — נעמט ער ארום מײַן קאָפּ מיט ביידע הענט, — מע דארף, אָשערל... און ווו האָב ביסטו געווען?

— נאָכדעם געלאָפן צום שטאַב, צו דער פעלד־קיך. געוואָלט נע־מען קאַשע באַ די רויטאַרמייער.

— קאַשע?

— קאַשע.

— הונגעריק איצטער?

— ניין, ניט הונגעריק! אַז מע וויל שטאַרק עסן, — דערציייל איך מאַגידן, — און מע עסט ניט, גייט דורך און סע ווילט זיך ניט עסן.

— און נאָך קאַשע וועסטו פאָרן?

— רײַטנדיק? — קאָן איך שוין ניט אײַנשטיין.

— זאָל זײַן רײַטנדיק. מע וועט טרובען אַף קאַשע, וועלן מיר פאָרן, אַשערל.

מאַגיד לאָזט מיך אַפּ. ארײַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס פון די גאַליפע־הויזן, הייבט ער אָן ארומגיין פון ווינקל צו ווינקל. ער טרעט פּאַמעלעך, היט זיך, סע זאָלן ניט קלינגען די שפּאָרן. ער איז, דאַכט זיך, בייז. דער טאַטע געפינט זיך עפּעס קיין אָרט ניט.

— היצעלעס וועלן אויסוואַקסן, היצעלעס! — קאָן זיך דער טאַטע ניט באַרויקן.

אונטער די פאַרוואַקסענע שינדל־דעכער איז דער הימל געוואָרן רויט, בלוטיק. ס׳איז מאָדנע אומעטיק געוואָרן אין שטוב. ס׳הייבט אָן טרובען דער האָרניסט. מאַגיד בלײַבט שטיין. איינצלנע שאָסן הערן זיך פון די פעלדער. סע הערט זיך אין דער שטילקײַט דאָס אויסגעצויגענע געוויין אין וועלוול באַדאַרקאָוום שטוב.

— אַשערל, — בייגט זיך מאַגיד צו מיר צו. ער בייגט זיך צו אַזוי נאָענט, אַז איך דערפיל די מאַרליע אַף מײַן פּאָנעם. — וואָס טוט זיך דאָרטן? — ווײַזט ער מיר מיט דער האַנט אַפן דרויסן.

כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס ער פרעגט. ס׳האָט שוין געטרובעט דער האָרניסט. כ׳וויל אים זאָגן, אַז מע דאַרף שוין פאָרן.

— וואָס הערסטו, אַשערל? — פרעגט ער איבער און פירט מיך צו נעענטער צום פענצטער.

— גאָרניט, מע וויינט... וועלוולס מאַמע וויינט...

— און דאָרטן? — ווײַזט ער מיר מיטן פינגער צום פענצטער, אַף דער אָנטקעגנדיקער אָפּגעברענטער שטוב. אין דער טונקלעניש זע איך נאָר די מאַרליע ארום זײַן קאָפּ, די ווײַסלען פון זײַנע אויגן און זײַנע ווײַסע ציין, — אין פענצטער, אין דרויסן וואָס זעסטו?

— די... שטוב, — פארהיקע איך זיך פון שרעק, — לאַדימערס שטוב דערברענט... ס'א קוימענ...

— א קוימענ, אַשערל... וואָס שרעקסטו זיך? — נעמט ער מיך שטאַרק־שטאַרק ארום. — ס'איז עמעס, אַשערל... א שטוב דער־ברענט... א פרוי באַווײנט עמעצנ... ס'איז פארנאַכט... ס'איז נאָך א פּאָגראָם... אונ פארגעדענקענ זאָלסטו, — הייבט ער אָנ ריידנ העכער, — אונ פארגעדענקענ זאָלסטו די שטוב... דאָס געוויינ, אַשערל... אונ פּײַנט! — שטויסט ער מיך אָפּ פונ זיך, — בלוטיק זאָל ער פּײַנט האָבנ די קאָנטררעוואָליוציע! — צעשרײַט ער זיך מיט־אַמאָל אָפּנ טאַטנ, — אונ שלאָגנ זיך, הערט איר, ביז בלוט! — די וועלט, — ווײַזט ער אָפּ מיר, — אינ דער גאַנצער נאַקעטקײַט זעט ער... ער וועט אויסוואַקסנ, אונ מ'עט אים ניט אָפּנארנ... פארגעדענ־קענ וועט ער, אַשערל... מיט די ציינ וועט ער זיך הריזענ. אז מ'עט אים, אז מע וועט די רעוואָליוציע אָנרירנ... מיט אָפענע אויגנ וועט ער גיינ, אונ מיט פיס, וואָס וועלנ ניט קנײענ... א ניט־געפּעסטעטער, א מענטש, הערט איר, ניט קיינ היצעל וועט אויסוואַקסנ!..

ער ציט אײַנ אָפּ זיך דעם רימענ. אָפּ מיר קוקט ער שוינ ניט. אָפּנ טאַטנ קוקט ער שטרענג. ער גיט עפּעס א זוכ מיט די אויגנ איבערנ צימער, גייט ארויס אינ קיכ אונ קומט ארײַנ צוריק:

— ווו איז ערגעצ דאָס קעסעלע? ס'וועג־זעקל? נאָכ קאַשע פאָרנ! — גיט ער א קוק אָפּ מיר.

— אינ אַלקער!

אונ איך לאָז זיך לויפנ אינ אַלקער. איך רײַס אראָפּ דאָס לײַ־לעכ פונ פענצטער. אַרל שלאָפט שוינ ניט. ער ליגט מיט אָפענע אויגנ. ביז האַלב איז ער אָפּגעדעקט, ער ליגט אינ א גרינ העמדל מיט אָנגע־נייטע רויטע פּאַסיקלעכ אָפּנ קאָלנער. זײַנ קײַלעכיק אויסגעבלייכט פּאָנעם גיט זיך א קנייטש:

— וואָס שרײַט איר דאָרטנ?

— סע שרײַט מאַגיד, — ענטפער איך, — ער שרײַט, אז ס'וועלנ מיר זיך ניט בייגנ די קנײעס אונ ס'וועלנ מיר זיך ניט פארמאַכנ די אויגנ...

— אַשער? — הייבט ער אופּ די ברעמענ אונ באַטראַכט מיך, ווי ער וואָלט מיך ניט דערקענט, — וואָס רעדט ער, טאַטע? — סטאַרעט ער זיך א לאַכ טאָנ צום טאַטנ, וואָס איז אויכ ארײַנ אינ אַלקער.

— אייסעב, — און דעם טאטנס פּאָנעם ווערט אינגאנצן אײַנ־געקנייטשט, — שטארקע ווייטעקן, ארעלע?

— נארישקייטן, — גיט ארל א מאך מיט דער האנט. ער וויל שמייכלען, נאָר די אויגן פארמאכן זיך, דאָס פּאָנעם ווערט איבער־געקרימט. — די מאמע... וואָס זעט מען עפּעס ניט די מאמע?

— די מאמע, ארל... — איך וויל אים דערציילן, ווי מע האָט איר איבערגעבראָכן די האנט, נאָר דער טאטע גיט מיך א טאָרע.

— נעם שוין, — דרייט ער צו מיר מיט די אויגן, איך זאָל שווײַגן, — נעם דאָס קעסעלע! ער ווארט דאָך אף דיר, — און ער שטויסט מיך ארויס אין דרויסן.

אין דרויסן פּויעט שוין מאגיד די פערד. ער פּויעט זיי אין דער קאָרעטע, וואָס שטייט לעבן אונדזער קרעטעצע. אז איך לויף צו, הערט ער אויף פּײַפן צו די פערד.

— נו, ברידערלעך, — פירט ער זיי אָפּ פון דער קאָרעטע.

— האלט זיך, — זעצט ער מיך אויף רײַטנדיק, — גוט, האָ?

— זייער! — שרײַ איך איבער דער גאנצער גאס. כ'וויל זייער, מע זאָל דערזען, ווי איך פאָר רײַטנדיק.

מאגיד זעצט זיך ניט. ער שטעלט זיך אוועק צווישן די פערד און פירט זיי פאר די צײַמלעך. ער פירט זיי פּאמעלעך. צווישן די שוואר־צע גריוועס פון די פערד וויגט זיך קוים־קוים זײַן קאָפּ אין דער ווײַסער מארליע.

איך זיץ אין דער הייך. איך קלאַפּ מיט די פיס. און ס'איז מיר וווּנדערלעך גוט.

מיר שלאָגן זיך

מאגיד האָט אמאָל געזאָגט דעם טאטן, אז מע דארף זיך שלאָגן — שלאָגן זיך ביז בלוט!

שלאָג איך זיך.

די רעכטע זײַט פון מײַן פּאָנעם האָט סימאָנים פון אויסגעריי־סענע שטיקלעך פליש און איז אָנגעפּילט אזוי, ווי מיט שטופּלען. נאָר דאָס איז ניט פון קיין פּאָקן. דאָס האָט מיך אזוי שטארק צע־דראפּעט מײַן כאוועד זיאמע, ווען איך האָב אים געפירט שיסן.

כ'האָב זייער א סאך מאָל געזען, ווי מע הארגעט מענטשן. כ'האָב אליין געזען, ווי לעבן אונדזער שטוב האָבן דרײַ פּעטליוראָווצעס דער־שטיקט זיאמעס עלטערן ברודער.

כ'האָב אויכ געזענ, ווי אינ נאָענטנ וועלדל האָבנ די פעטליור־
ראָוונעס געשאָסנ אונדזער פאָרזיצער פונ רעוווקאָמ כאָדאָרקאָוו. זײַנ
גאנצע פאמיליע האָבנ זיי אויסגעהארגעט, געראטעוועט האָבנ זיכ
נאָר די מאמע אונ די שוועסטער זײַנע — גאָלדע.

אָפּצאָלנ, טייטנ א באנדיט... אָבער ווי טוט מענ עס, אז קיינער
לאָזט זיכ ניט?

נאָר דאָ ניט לאנג האָב איכ געפירט שיסנ זיאמענ, וועמעס טאטנ
אונ ברודער מ'האָט געהארגעט אונ פאר וועמענ קיינער קאָנ זיכ ניט
אָנעמענ...

פאר מיר נעמט זיכ אויכ קיינער ניט אָנ. מ'איז אוועק אינ דער
רויטער ארמיי. מ'איז זיכ צעלאָפנ.

איכ לערנ זיכ ניט. איכ האָב פאר קיינעמ קיינ מוירע ניט.

די מאמע איז קראנק. ארל ליגט מיט א דורכגעשאָסענעמ פוס.
דער איינציקער געזונטער בינ איכ.

עמעס, ס'איז בא מיר א פולער האלדז מיט וווּנדנ. דער דאָקטער
זאָגט, אז ס'איז דערפאר, וויל איכ האָב וויניק בלוט אונ אז מע
דארפ מיכ בעסער א ביסל האָדעווענ. נאָר דער דאָקטער איז ווי דע־
כאָדיק אינ לאדימערס שטוב. די שטוב ברענט, אונ דאָס כאָדיקל
גייט. א מאָדנער דאָקטער. קוימ וואָס מיר קריגנ קלײַענ, אונ ער
הייסט טרינקענ אייער.

איכ עס מערסטנטייל שטשאוועל, אונ מיינט ניט, אז עס איז אזוי
גרינג אימ צו געפינענ. מע דארפ זיכ עס גוט אויסלערנענ, וויל
ס'איז דאָ מענטשישער אונ פערדישער שטשאוועל. דעמ פערדישנ קאָנ
מענ גאָר אינ מויל ניט נעמענ. אויסער שטשאוועל איז אויכ ניט
שלעכט אקאציע־צוויט. ער איז זיס. נאָר א סאכ טאָר מענ אימ ניט
עסנ. ניט שלעכט זײַנענ אויכ די אונטערשטע ווײַסע טיילנ פונ לעפּע־
כעס. אונ מיט לעפּעכעס זײַנענ פול די סאזשלקעס הינטער אונדזער
שטעטל.

ארומ מיר קערט זיכ איצטער א וועלט:

סע שלאָגנ זיכ די באָלשעוויקעס מיט די פעטליוראָוונעס. די —
ארײַנ, די — ארויס. קימאט אלע טאָג בײַט זיכ די מאכט אינ שטעטל.

ס'א טומל, א גוואלד, א שיסערײַ, אונ איכ בינ שוינ אינ שטאב.
מע באוויזט קיינמאָל ניט עוואקוירנ אלצדינג. איכ לויפ דעמלט ארומ
איבער די אָנגעוואָרפענע ארומגעריסענע שטאב־צימערנ.

וואָס איכ דערזע אונטער דער האנט, שלעפּ איכ. טעלעפאָנענ —

איז טעלעפאָנען. טינטערס, פּאַפּיר, א פאַרזשאַווערטע שפּיז פון א ביקס, פּאַטראָנטאַשן, פּאַטראָנעס, און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — טעלעפאָן־דראָט.

דעם טעלעפאָן־דראָט הייב איך אָן ארומשניידן נאָך ביז איך קום אין שטאַב.

— ברעכ! רײַס! — פלעגט שרײַען צו מיר וועלוול באָדאַרקאָוו (ווען ער האָט נאָך געלעבט), — האַק! אז סע זאָל זיי גאָרניט איבער־בלײַבן!..

און איך רײַס דעם דראָט מיט גרויס כיישעק.

פונעם דראָט מאַך איך טײַערע נאָהײַקעס. נאָהײַקעס קאָן מען מאַכן אויך פון געלע ווערבע־צווײַגן. נאָר די נאָהײַקעס פון ווערבע ווערן גיך אויסגעטריקנט און אין עטלעכע טעג ארום זײַנען זיי שוין ווערט א האַרטן זעץ אָן דר'ערד. אַן אנדער זאַך איז פון טעלע־פאָן־דראָט.

בעסער פון אלץ, אז מע פלעכט זי, די נאָהײַקע, אין אכטן. באַם עק איז נאָך גוט ארײַנפלעכטן א דרעטל. דעמלט ווערט שוין איינמאָל א נאָהײַקע, — זי איז אי שטאַרק אי ווייך, און אז מע גיט מיט איר א פּאָכע אינדערלופטן, פײַפט זי ווי עמעסער שראַפּנעל.

אויסער נאָהײַקעס האָב איך נאָך ליב פערד, ביקסן, קוילן — אלץ, מיט וואָס עס האָבן צו טאָן די גרויסע.

כ'מאַך אפילע נאָך דאָס גענגעלע פונעם קאָמיסאַר. וועלוול האָט א ביסעלע געהונקען. הינק איך אויך. די אָפּצאַסן פון זײַנע שטיוול זײַנען געווען אויסגעדרייט. האָב איך געטאָן אלץ, אז מײַנע אָפּצאַסן זאָלן זיך אויך אויסדרייען, און איצטער גיי איך שוין ארום אף אויסגעקרימטע שטיוול.

דרײַ טעג האָב איך געדעוועט אין שטוב, קיינעם ניט געלאָזט לעבן, און מע האָט מיר געמוזט אופנייען פון א דין צוקער־זעקל א פּאָר ברייטע הויזן גאַליפע. אין מײַנע הויזן זע איך אויס ווי א פלעשל.

צו די דאָזיקע הויזן גאַליפע האָט מיר נאָך לייבע דער קירזשנער אוועקגעשענקט א קאַרטוז מיט א גלאַנציקן דאַשעק. איך ווייס גאָר ניט, ווו ער האָט אים געפּאַקט. נאָר מיר איז ער זייער געפעלן. דער קאַרטוז איז מיט א בלוט־רויטן אָקאָלעשעק, מיט א גרינעם געווענ־טענעם פונפאָרנט, אף וועלכן ס'איז נאָך געבליבן דער קײַלעכיקער סימען פון דער אמאָליקער קאָקאַרדע.

שלעכט איז נאָר, וואָס דער קארטוז איז א ביסל גרוים אפ מיר. כ'דארפ אָנשפּארנ א היפּש ביסל פּאפּיר, אז ער זאָל מיר ניט אריבער־פאלנ איבער די אויגנ. נאָר שוינ אפילע נאָכנ פּאפּיר דרייט ער זיכ אפ מײַנ קאָפּ ווי אפ שארנירנ. כ'קאָנ גאָר ניט אײַנהאלטנ דעמ דאָ־שעק אפ דער מיט — אָט איז ער לינקס אונ אָט שטעקט ער שוינ רעכטס.

אינ שטוב בא אונדז איז דאָס היטל ניט געפעלנ.

ווענ איכ בינ ארײַנ אינ מײַנע גאליפע־הויזנ, אינעמ שטייענדיקנ קארטוז אונ מיטנ רויטנ באנט אפנ העמדל, האָט די מאמע אזש צע־עפנט די אויגנ פונ שרעק, אונ דער טאטע האָט אזש פארבראָכנ מיט די הענט.

— גלײַכ, — האָט ער געזאָגט, — זאָלסטו אויסטאָנ דעמ אומ־גליק, אויב ניט, וועל איכ דיר ארָאָפּרײַסנ דעמ קאָפּ.

דעמ קאָפּ האָט ער מיר ניט אראָפּגעריסנ, ווײַל איכ בינ גלײַכ אנטלאָפנ.

איכ בינ אימ ניט געפעלנ, דערפאר בינ איכ געפעלנ מײַנע כאַ־ווירימ. אלע זײַנענ מיר מעקאַנע אפ מײַנ היטל, אונ אלע זאָגנ מיר, אז איכ זע אויס זייער „סטראשנע”. איכ בינ, געוויינלעכ, זייער צו־פרידנ דערפונ.

איינמאָל זיצ איכ מיט מײַנע כאווירימ אפ די קלעצער, וואָס לעבנ אונדזער שטוב. מיטאמאָל טראָגט עס מיכ אופ. איכ גיי ארופ אפ דעמ העכסטנ קלאָצ אונ, שטיקנדיק זיכ פונ אומגעדולד, ווענד איכ זיכ צו מײַנע כאווירימ:

— בולע, סראָליק אונ זיאמע, — זאָג איכ, — מיר דארפנ גלײַכ צונויפרופנ אלע קינדער אונ זיכ אָנהייבנ שלאָגנ. מע הארגעט זיכ, מע שיסט זיכ, נאָר מיר גייענ ארומ ליידיק!

מיר שטייענ אינפירענ: איכ, בולע — א דאָרפ־יונגל, סראָליק ביניאָמינ דעמ צעלניקערס אונ זיאמע מאלקע דער נייטערנס.

כ'האָב קיינמאָל ניט געזענ בא זיי אזוינע ברענענדיקע אויגנ. זיי שפּרינגענ אזש פאר פרייד. ארומ איז, ווי שטענדיק, שטיל. אלע לאָדנ אינ שטעטל זײַנענ פארמאכט. פונ אלע זײַטנ הערט זיכ נאָר א ווײַטע שיסערײַ. די ווײַטע שיסערײַ מונטערט אונדז אונ פילט אונדז אָנ מיט העלדישקײַט.

מיכ קלײַבט מענ אויס פארנ עלטסטנ. אונ ניט דערפאר, ווײַל איכ בינ שטארקער פונ זיי. בולע קאָנ מיכ מיט איינ פינגער אוועקלייגנ. איכ בינ אויכ א סאך קלענער פונ זיי. מע קלײַבט מיכ אָבער אויס

דערפאַר, ווײַל קיינער האָט ניט אַזוינע שיינע גאַליפֿע־הויזן, אַזויפֿיל טעלעפֿאָן־דראָט, קוילן און — דאָס סאַמע וויכטיקסטע — אַזאַ גוואַלדיקן קאַרטוז.

בולע און סראָליק זײַנען פֿון איין גאַס מיט מיר. זיאַמע וווינט אָבער אַף אַ צווייטער גאַס. און ווײַל זיאַמע וווינט אַף אַ צווייטער, האָט זיך שיר ניט געטראָפֿן דער אומגליק.

זיאַמע האָט פֿאַראַטן. שטעלט זיך פֿאָר, אַז ער איז אַנטלאָפֿן פֿון אונדז און זיך געמאַכט אַליין אַ קאָמפּאַניע.

אַ האַלב שטעטל איז מײַנס. דאָס איבעריקע שטעטל איז זיאַמעס.

זײַנע מאַכנע רופֿט זיך באָלשעוויקעס, און מיר רופֿן זיך באָלשעוויקעס. מיר רופֿן זיי פּעטליוראָווצעס, און זיי רופֿן אונדז פּעטליוראָווצעס. און מיר ווערן אַף מעסער־שטעכ.

זיאַמע טאָר זיך ניט באַווײַזן אַף מײַן גאַס, און איך — אַף זײַנער.

פֿון פֿאַרטאָג ביז אָפּדערנאַכט טראָגן מיר זיך אַרום צעדראַפּעטע מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און אַרומגעבונדענע פֿיס. פֿון פֿאָרנט — איך אינעם בלוט־רויטן קאַרטוז מיט די שיינע גאַליפֿע־הויזן, דער קאָפּ אַרומגעבונדן מיט מאַרליע, ווי בא מאַגידן, און נאָך מיר — מיט אַ הוראַ, מיט אַ פּײַפֿערײַ — אַלע קינדער פֿון מײַן גאַס.

שלאָגן שלאָגן מיר זיך מיט שטיינער. נאָר אַזוי ווי קיין שטיינער זײַנען ניטאָ, רײַסן מיר אַרום די וואַפּנע, דעם טינק, די ציגל פֿון די אַרומיקע הײַזער. אָן דעם טינק און וואַפּנע זעען אויס אַלע הײַזער ווי אָפּגעשוונדענע.

מיינט אָבער ניט, אַז מיר שלאָגן זיך נאָר מיט שטיינער; ביקסן האָבן מיר אויך. און די ביקסן זײַנען גאָר ניט קיין שלעכטע.

מיר מאַכן זיי אַליין. פֿון אַ גראָב ברעטל שניצט מען אויס אַ הענטל מיט אַ „לאָזשע", אַזוי, אַז עס זאָל אויסזען, ווי „אַן עמעסע ביקס". נאָכדעם מאַכט מען אין דער „לאָזשע" אַ קאָרעטקעלע. אינעם קאָרעטקעלע פֿעסטיקט מען גוט אײַן אַ מעטאַלן רערל. אינעם אונטערשטן טייל רערל פֿײַלט מען אויס אַ לעכעלע, און איר האָט שוין אַ ביקס, וואָס קאָן שיסן מיט פּולווער.

רערלעך איז זייער גרינג צו קריגן. לעבן דער מיליציע וואַלגערן זיך זייער אַ סאַך רעקווירירטע און צעבראָכענע בראַנפֿן־מאַשינעס. די מאַשינעס באַשטייען פֿון אַזעלכע פֿעסעלעך, בלעכענע טעלער און, דאָס סאַמע וויכטיקסטע, פֿון אַ וועלט מיט רערלעך. אַלצדינג נעמען מיר צו.

די רערלעך גייען אפּ ביקסן, און פון די פּעסעלעך און בלעכענע טע־לער מאכן מיר פּויקן און טאצן. אז א דרײַסיק־פערציק קינדער הייבן אָן קלאַפּן אין זיי, זאָגט מײַן מאַמע, אז זי וויל בעסער שטאַרבן.

פּולווער האָבן מיר אויך א סאַך. מיר האָבן א וועלט מיט פּאַט־ראָנעס: ענגלישע — קלייניניקע, מיט שפּיציקע קוילן, מיט געלן פּול־ווער, ווי לאַנגע דינינקע לאָקשעלעך. רוסישע קוילן זײַנען א ביסעלע גרעסער, און דער פּולווער איז שוין שוואַרץ און אָנגעבראָקט, ווי קלייניניקע קורצינקע שטעקעלעך. די עסטרײַכישע איז גרינגער פון אַלץ צו דערקענען: די קויל איז ניט קיין שפּיציקע, נאָר א טעמפּע און א פּאַרקײַלעכיקטע, און דער פּולווער איז א גלאַנציק־שוואַרצער און איז ענלעך צו קליינע ברעטעלעך.

נאָר קיין אונטערשייד איז אין די פּולווערס ניטאָ. אַלע זײַנען גוט. די קוילן דאַרפן מיר ניט. די הילזעס דאַרפן מיר יאָ. מיט זיי שטאָפּן מיר אָן די קעשענעס, און אז מיר לויפן, קלינגט און סע דרינדזשעט.

אין שטוב קום איך שטענדיק באַוואָפנטערהייט. די הענט אין די קעשענעס. דעם קאָפּ אופגעהויבן. מיט א געשריי און מיט א גוואַלד:

— עסן!!

מײַן טאַטע הייבט גלײַך אָן קרעכצן. ער האַלט, אז די וועלט קערט זיך איבער און אז די קינדער ווערן מעשוגע. די מאַמע שווײַגט. די מאַמע איז נאָך דאַרער און קלענער געוואָרן ווי געווען. איר לינ־קע האַנט איז אינגאַנצן אין גיפּס. באַ אָרלען, זאָגט דער דאָקטער, וועט מען דאַרפן אָפּשנײַדן דעם פוס.

אָרל רופט מיך צו צו זיך. ער זאָגט מיר, אז איך האַלט זיך זייער ניט שיין... עפּעס וויל ער מיר נאָך זאָגן, נאָר זײַן פּאָנעם ווערט אזש אויסגעקרימט פון ווייטעק, זײַן בלייך אויסגעדאַרט געזיכט גיט זיך א וואָרף אַפּן קישן. סע מאַטערט אים שרעקלעך די ווונד.

אין שטוב איז פינצטערלעך און אומעטיק. אזוי אומעטיק, אז עס ווילט זיך אזש וויינען.

— אָרל, — רוף איך.

אָרל שווײַגט.

און דער פּעטער מענאַשע שפּײַט שוין. ער זאָגט, אז מע דאַרף מיך בעסער סאַמען, איידער איך זאָל אזוי אויסוואַקסן.

מײַן מאַמע צעשרײַט זיך אַפּ אים, אז ער זאָל איר אופהערן

זאלצן אפ די ווונדן. איך בין מיט איר איינגאַנצן מאַסקים. וועגן מײַן פעטער מענאַשע זאָל ניט זײַן קיין אַלטער ייִד, נאָר אין מײַנע יאָרן, וואָלט איך אים איצטער שטאַרק געשלאָגן, געהאַרגעט. ווײַל מיר איז עפּעס זייער שלעכט און איך בין זייער הונגעריק.

איך גיי אַרויס אין דרויסן. איך זעץ זיך אַוועק אַפּ די קלעצער. אין גאַס איז שטיל. איך בין שרעקלעך בייז.

לעבן אונדזער שטוב שטייט אַ כאַזער.

כ'קלאַפּ אים גלײַך אונטער אַ פּיסל. ער קוויטשעט, און איך בין צופרידן, ווײַל איך בין בייז און איך וויל עסן.

מיטאַמאָל גיט עס מיך אַ הייב פונעם אָרט, כ'דערהער, ווי פון דערווײַטנס קלאַפּן די טאַצן פון מײַנע כאַווירים. דאָס בלעך קלינגט אין דער שטילקייט און פילט מיך אָן מיט העלדישקייט. באַלד באַווײַזן זיך די קינדער.

בולע, סראָליק און נאָך קינדער פירן צו מיר זיאַמען. זיי האָבן אים געכאַפּט אַפּ אונדזער גאַס. ער איז געגאַנגען אין אַפּטייק נעמען אַ רעצעפּט פאַר זײַן מאַמען.

איצטער שטיי איך אויג־אַפּ־אויג מיט מײַן סוינע.

מײַן סוינע איז אַ קלייניקער און אַ גראָבינקער. ער הונגערט, פּונקט ווי מיר, נאָר ער, זיאַמע, איז ווי אַ קלעצל, און זײַנע בעקלעך זײַנען ווי פּאַמפּעשקעס.

ניט קוקנדיק מיר אין פּאָנעם, בעט ער, אַז איך זאָל אים אָפּלאָזן גיכער אין אַפּטייק, ווײַל זײַן מאַמע איז זייער שלעכט.

— אין וועלדל! — גיב איך אַ געשריי. — ער איז אַ פּעטליוראָוועץ!..

איך גיי פון פאָרנט און פּאַכע מיט דער נאַהײַקע. פון הינטן גייען די יאַטן און קלאַפּן אין די טאַצן. זיאַמע רעוועט אַפּ אַ קאָל. איך הייס אים שטיל ווערן.

— טאַקע אַ פּעטליוראָוועץ! באָלשעוויקעס וויינען ניט! — שרײַ איך צו אים.

מיר גייען, טרינקענדיק זיך אינעם הויכן לאַנקע־גראָז.

אַרום און אַרום קוואַקען פרעש אין די סאַזשלקעס. אין דער פאַרנאַכטיקער לופט שווימט אַרום אַ ציטערדיקער געוויין פון פליגעלעך און קאָמאַרן.

מיר גייען אַרײַן אין וועלדל.

דאָס קליאָנען־וועלדל איז אַ יונגס און אַ געדיכטס. אין די זו־

ניקסטע טעג איז דאָ טונקל און קיל. מיר גייען איצטער מיט א שמאָל שלענגלדיק סטעזשקעלע, וואָס פירט צום נאָענטן שאָסיי.

דאָ, טאקע אינעם זעלבן וועלדל, האָט מען צעשאָסן וועלוול כאַדאַרקאָוו.

די צווייגן פלעכטן זיך איבער און דראָפּען דאָס פּאָנעם. די ערד איז נאַס, פוכקע און קווייטשעט, ווי א יונג הינטעלע, אונטער אונדזערע פיס. מיר פירן זיאמען צו צו יענעם בוים, ווו ס'איז נאָך אפילע פארבליבן דאָס לעכל פון דער קויל.

מיינע באוויירים — סראָליק און בולע — ווערן שטיל. מיר קוקן אפן בוים, און סע ווערט אונדז זייער אומהיימלעך. זיאמע רעוועט נאָך העכער. נאָר מיר הייבן אים פונדעסטוועגן אָן צובינדן.

— וויין ניט! — זאָגט צו אים בולע, — מע גייט, דאכט זיך.

און באלד טאקע דערהערן מיר טריט. מיטן שמאָלן שלענגלדיקן סטעזשקעלע, דערזעען מיר, דערנעענטערן זיך מענטשן. אין עט־לעכע רעגעס ארום דערקענען מיר גאָלדע כאַדאַרקאָווע (טאקע וועלוול כאַדאַרקאָווס שוועסטער). מיט איר אינייִנעם גייען עטלעכע אומ־באקאנטע רויטארמייער. זיי קערן זיך, ווייזט אויס, אום פונעם פראָנט.

גאָלדען קען איך זייער גוט. זי איז שוין לאַנג פון שטעטל. זי איז נאָך פאר ארלען אוועקגעגאנגען.

זי בלייבט שטיין, קוקט ארויס צו אונדז פון הינטער א בוים.

דערהערט שטימען אין וואלד, דערשרעקט זיך, ווייזט אויס, גאָלדע.

— סע איך — אָשער, — גיב איך א געשריי צו איר.

— אָשערל, א געזונט אין דיר, — דערפרייט זי זיך און לויפט ארויס פון הינטערן בוים.

זי באווייזט זיך לעבן אונדז א באַרוועסע. אירע שיך אפ קול־קעס זיינען צונויפגעבונדן מיט א בענדל און אריבערגעוואָרפן אי־בערן אקסל.

— פרעקראסנאָ, — גיט זי זיך א דריי צו די רויטארמייער, און נאָכדעם ווענדט זי זיך צו אונדז:

— באָלשעוויקעס אין שטעטל?

— באָלשעוויקעס, — ענטפער איך.

— איז וואָס טוט איר דאָ אזוי שפּעט? פארוואָס איז בא דיר אזא פארווייִנט מאָרדעטשקעלע? — גיט זי א הייב אונטער זיא־מעס פּענעמל.

— ער איז א באנדיט, א פעטליוראווּעצ! — רוק איך זיך אָפּ פון איר און איך פארשעם זיך.

— וואָ־אָ? — צעלאכט זיך גאָלדע אזוי שטארק, אז די אויגן ווערן בא איר שמאָלינקע און טרערן באווייזן זיך אין זיי.

מיר אלע קאָנען זיך אויך ניט איינהאלטן און צעלאכן זיך.

זי הייבט אָן ריידן צו די רויטארמייער אף רוסיש. דערציילט זיי, וואָס ב׳האָב געשריגן. זאָגט, אז מע דארף זיך נעמען צו די קינדער. זיי ארויסרופן אין רעווקאָם...

— גאָלדע, — וויל איך שוין אלץ אויסדערציילן, — ארל איז אויך אין דר׳היים. ס׳האָט אים אף א פערד געבראכט א רויטאר־מייער מאגיד.

— ארל? — הייבט זי אָן פריילעך פאטשן מיט די הענט, — און מאגיד? ס׳קאָן ניט זיין?! — כאפט זי מיך ארום, אז זי דער־שטיקט מיך שיר ניט. — הערט! — הייבט זי אָן שרייען אף רו־סיש צו די רויטארמייער. — געווען מאגיד. דער רועך זאָל עס נעמען!..

גאָלדע זעצט זיך אוועק אף אן אומגעוואָרפענעם בוים. זי ווארפט אראָפּ דעם רוקזאק, נעמט ארויס א פּאָר זאָקן, טוט אָן די שיך מיט די קולקעלעך, בייגט אראָפּ דעם קאָפּ צו די פיס. די האָר פאלן איר אריבער:

— איז, טייערינקער, — נעמט זי גלייך פארקעמען די האָר, — ער איז נאָך דאָ, מאגיד? ווייסט ניט? איז אין שטעטל, הייסט עס, שטיל? — רעדט זי קוים דורך די ציין, ווייל זי האָט ארייננגענומען א קעמל אין מויל.

די רויטארמייער זעצן זיך אויך צו. גאָלדע האלט זיך אין איין פוצן. אין וועלדל איז שטיל און פינצטערלעך. די קרוינען פון די ביימער וויגן זיך. א ווייטער טלאָען־קלאַפּ דערטראָגט זיך צייטנ־ווייז פון שאָסיי, און, ווי אלעמאָל, הערט זיך א ווייטע שיסעריי.

— איז לאָשן! — דרייט זיך צו מיר גאָלדע אוים, — עפּעס נייס! אפילע פעטליוראָוועצעס ניט געווען?

כ׳קוק אף איר און כ׳מיין, אז זי לאכט.

— אָ־אָ־, וויפל! — כאפט אוים זיאמע, — און געהארגעט...

— נאָך א מין! — ווער איך צופרידן, וואָס גאָלדע דערפרעגט זיך בא מיר. איך שטופ אָפּ זיאמען.

— זיאמעס ברודער, — שריי איך, — און דעם קאָמיסאר וועלוול כאָדאָרקאָוו...

כ׳האָב זיך גאָר פאַרגעסן, אַז איך טאָר עס ניט זאָגן.

כ׳לויף צו צום הויכן קליאָן־בוים, צו וועלכן מע האָט וועלוולען צוגעבונדן. איך וויס אַן אַפּן לעבל פון דער קויל, וואָס האָט וועלוולען געהאַרגעט, און אויף די סימאָנים פון בלוט, וואָס זײַנען נאָך געבליבן אויף דער קאָרע.

גאָלדע כאַדאַרקאָווע ציטערט אויף. אירע גרויסע צעעפנטע אויגן ווערן מיטאַמאָל פול און פאַרטרערט.

— אָט דאָ, זאָגסטו? האַ?

זי גייט צו צום בוים, שפּאַרט זיך אָן אין אים, דעקט צו מיט דער האַנט דאָס פּאָנעם.

א קאָסער פאַרנאַכטיקער זון־שטראַל רײַסט זיך דורך דורך די צווײַגן און פאַלט אויף אונדז. דער שטראַל איז פול און פול מיט דינע שטויבעלעך. די רויטאַרמייער שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע אַנטבלויזטע קעפּ. מיר כאַפּן אויך אַראָפּ די היטלען.

גאָלדע וויינט, דאַכט זיך. כ׳זע נאָר, ווי ס׳ציטערן איר די אַקסלען און זי נורעט זיך אין שאַלעכל.

עס ווערט מיר עפּעס שרעקלעך־שרעקלעך. כ׳גיי צו נעענטער צו גאָלדען. כ׳וויל איר זאָגן, אַז מער וועל איך זיך שוין אַזוי ניט פירן. כ׳לייג אַרום זיאַמען די האַנט אויפן אַקסל.

ניט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, לאָזט זיך גאָלדע גיין. מיר גייען נאָך איר. מיר גייען צום שטעטל. א גרויס רויט שטיק לעוואָנע גייט אויף פון יענער זײַט לאָנקע.

אַן אַלטער הויכער רויטאַרמייער פירט מיך פאַר דער האַנט. הינטער מיר גייען סראָליק, זיאַמע, בולע. אַרום איז שטיל און פינצטער.

דער בריוו קיין אַפריקע

איך בין נאָך קיינמאָל ניט געקומען אַזאַ צערודערטער אַהיים. ס׳ערשטע מאָל פאַר מײַן לעבן בין איך אַרײַן זייער שטיל אין שטוב.

— א גוטן־אָוונט, טאַטע!

— א גוטן־אָוונט, אַשערל! — ענטפערט מיר דער טאַטע. ער וווּנדערט זיך, גיט זיך א רײַב די אויגן, גלייבט זיך ניט, אַז איך, אַשער, זאָל שטיל אַרײַנגיין אין שטוב און זאָגן א גוטן־אָוונט.

עס איז מיר פֿריילעך און טרויעריק. כ׳ווייס ניט ווי צו זאָגן דעם טאַטן, נאָר דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך הײַנט דערוווּסט, אַז פֿון אַלע זײַטן שטעטל איז פֿאַראַן אַ גרויסע־גרויסע ניט־געזעענע וועלט און אַז אויף דער גאָרער וועלט שלאָגט מען זיך...

אָנגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם אויף די הענט, זעצט איך זיך אַוועק בײַם טיש. כוץ מיר און דעם טאַטן איז אין שטוב קיינער ניטאָ. פֿון זינט ס׳איז געקומען די רויטע אַרמיי, ליגט אַרל אין לאַזאַרעט און די מאַמע איז בײַ אַרלען.

— טאַטע, — ווײַז איך אויפֿן פֿענצטער, וואָס גייט אַרויס אויף דאָרעם, — פֿון יענער זײַט פֿענצטער, פֿון יענער זײַט יאַמען איז דאָ אַ גרויסע, אַ וואַלדיקע ערד, וואָס הייסט אַפֿריקע...

דער טאַטע הערט מיך אויס, הייבט זיך אויף, הייבט אָן גיין צו מיר אויף די שפּיץ פֿינגער.

— און בעגערלעך, טאַטע, לויפֿן און לויפֿן, און דזשים וויל זיי אויסקוילען...

— אַשערל, — באַטראַכט מיך דער טאַטע מיט שרעק, — ס׳טוט דיר עפּעס וויי? — און גיט מיר אַ טאַפּ דעם קאָפּ.

דער טאַטע האָט מוירע. זייער אַ סך קרענקען איצטער אין אונדזער שטעטל. מע ליגט אויף טיף און מע רעדט פֿון היץ.

דער טאַטע בעט מיר אויס, פֿון אונטער דער קאָלדרע הער איך, ווי ער זיפֿצט און דעקט מיך אײַן וואַרעמער.

איך וויל דערציילן דעם טאַטן דאָס גאַנצע מעשׂהלע, וואָס גאָלדע האָט אונדז געלייענט אין קלוב. נאָר דער טאַטע לאָזט מיך ניט ריידן. ער בעט מיך אַנשלאָפֿן ווערן.

* * *

דאָס מעשׂהלע מיט די נעגערלעך האָט אונדז גאָלדע געלייענט אין קלוב. נאָך פֿריִער מיט אַ וואָך האָט מען צונויפֿגערופֿן אַלע קינדער אין רעווקאָם. מע האָט אונדז דאָרטן געזאָגט, אַז מע מאַכט פֿאַר אונדז אַ קלוב און אַז גאָלדע וועט זײַן אונדזער אָנפֿירערן.

ס׳איז נאָך קיין געבײַדע ניט געווען פֿאַר אונדז. ניטאָ בײַ אונדז אין שטעטל קיין גרויסע וווינונגען, דעריבער האָט מען דעם קלוב געמאַכט אינעם אָסטראָג.

אויפֿן איינציקן באַרג, וואָס איז פֿאַראַן אין אונדזער שטעטל, שטייט דער אָסטראָג אַ וויסטער, אַ שרעקלעכער, פֿון אַלע זײַטן

אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן־הויכן פּלויט פֿון גערינגעלטע צונויפֿגע־קלאַפּטע שוואַרצע סלופּעס.

מ'האָט אַרויסגעהאַקט ווי אַ גראַטע. אויסער עטלעכע קרוקעס מיט רינגען, וואָס זײַנען געווען אײַנגעקאָוועט אין די ווענט, האָט מען גאָרניט איבערגעלאָזן. מ'האָט אויסגעווײַסט, אויסגערייניקט — אויס טורמע, ס'אַ קלוב.

— אין קלוב, — האָט מיר גלײַך געזאָגט גאָלדע, — דאַרף זײַן שטיל. זאָלסט אויפֿהערן אַרומלויפֿן און זאָלסט ניט שלאָגן די מיידלעך.

— מע דאַרף טייקעף, — האָט אונדז גאָלדע געמאָלדן, — אויסקלײַבן אַ דעזשורנעם.

— עפּשער זאָל אַשערל זײַן אַ דעזשורנער? האָ? ווי מיינט איר, יאַטנן? אַ דעזשורנער דאַרף זײַן אַ שטיל יִנגעלע, און אַשערל איז, דאַכט זיך, ווי אָנגעמאָסטן.

בײַ גאָלדען צעעפֿנט זיך אַ קאַפּעטשקע דאָס מויל. זי גיט קוים־קוים צו מיר אַ שמייכל. כ'באַהאַלט זיך. סע קלאַפּט מיר שטאַרק־שטאַרק דאָס האַרץ.

ס'ווערט אַ טומל. זיאַמע לאַכט אַפֿילע. מע שרײַט, אַז איך וואַרף זיך מיט שטיינער און שלאָג זיך.

נאָר גאָלדע זאָגט, אַז סע קאָן ניט זײַן, אַז זי קאָן עס אָפּ מיר, אַשערן, ניט גלייבן.

גאָלדע שלעפּט מיך אַרויס פֿון מײַן באַהעלטעניש. און ווײַל גאָלדע שרײַט ניט און איז צו מיר גוט, האָב איך פֿאַר קיינעם אַזוי ניט מוירע, ווי פֿאַר איר. כ'האָב מוירע מיט אַ גרויסער זיס־נאָגנדיקער שרעק, זי זאָל ניט זאָגן, אַז איך בין אַ שלעכט יִנגל.

כ'זעע זיך דערפֿאַר שטענדיק לעבן גאָלדען. כ'פֿאַרײַס צו איר די אויגן און קוק איר גלײַך אין מויל אַרײַן.

אָפּ דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג האָט זי אונדז געלייענט דאָס מײַסעלע וועגן נעגערלעך.

דאָס מײַסעלע האָט זי אונדז געלייענט פֿאַרנאַכט. זי האָט זיך, גאָלדע, אַוועקגעזעצט אָפּן פֿענצטער. די פֿיס האָט זי אַוועקגעשטעלט אָפּ אַ בענקל.

פֿון זינט זי איז געקומען אַהיים און זיך דערוווּסט וועגן ווע־ וועלען, זײַנען בײַ איר די ווײַסלען געוואָרן רויטער, אונטער די אויגן איז בײַ איר געוואָרן בלויער.

זי איז דאָפּקע פֿרײלעך צווישן אונדז, נאָר עס פֿילט זיך, אַז זי איז טרויעריק.

— קינדער, — זאָגט זי צו אונדז, און אײן האַלב פּאָנעם איז בײַ איר פֿאַרויטלט פֿונעם זון־פֿאַרגאַנג, און איין האַלב פּאָנעם איז טונקל.

— קינדער, — גיט זי אַ ווײַז אויף די שאַרפֿע שפּיצן פֿונעם אַסטראַג־פֿאַרקאַן מיט די צוויי טורעמלעך, וואָס זענען זיך שוואַר־צע, דײַטלעכע אנטקעגן דער גרויסער פֿאַרגייענדיקער זון. — וווּ איז אַפֿריקע, ווייסט איר? האַ?

מיר ציִען נאָר אויס די קעפּ, קוקן אויפֿן קײַלעך פֿון דער זון, קוקן אויף גאָלדענע, וואָס זיצט אין איר ווײַס בלוזקעלע, און ווייסן איך ניט וואָס צו ענטפֿערן.

— זעט, — ציט זי אויס די נאַקעטע האַנט מיטן קורצן אַד־בעלע צום רויט־פֿאַרגאָסענעם הימל און הייבט אָן פֿירן מיטן פֿינ־גער אויף לינקס.

— און לינקס!..

מיר הייבן אָן אַלע קוקן אויף לינקס, אויף דאָרטעם, וווּ דער הימל איז שוין אינגאַנצן טונקל און וווּ ס'באַווײַזן זיך די ערשטע שטערן.

— אַריבערקריכן דעם אַסטראַג־פֿאַרקאַן, — זאָגט זי צו אונדז, — און גיין די גאַנצע צײַט אַהינצו, צו די שטערן... גיין לאַנג. פֿאָרן לאַנג־לאַנג. דורך פֿעלדער און דורך בערג פֿאָרן. מיט ימען און אָקעאַנען שווימען — און אַלץ אַהינצו, צו די שטערן, וואָלטן מיר אָנגעקומען צו אַ וואַלדיקער, וואַרעמער ערד, וואָס הייסט אַפֿריקע און וווּ ס'לעבן שוואַרצע־שוואַרצע מענטשן, וואָס רופֿן זיך נעגערן...

נאָכדעם צעעפֿנט גאָלדע אַ ביכעלע און הייבט אָן לייענען.

און אויס: ניטאָ דער קלוב און ניטאָ גאָלדע. דער קלוב ווערט פֿול און פֿול מיט אַפֿריקע. ס'ציִען זיך נאָר די געדיכטע, פֿינצטערע אַפֿריקאַנער וועלדער. מיר הערן, ווי סע שרײַען די קראָקאָדילן פֿון די טײַכן און ווי ס'רעווען די לייבן... דורך די וועלדער לויפֿן די נעגערלעך... שוואַרצע נעגערלעך מיט גלאַנציקע קוטשעראַווע קעפּעלעך... אַ ווײַסער מענטש מיטן נאָמען דזשים יאָגט זיך נאָך זיי... ער וועט זיי באַלד אָניאָגן... וועט זיי קוילען... זיי לויפֿן לאַנג־לאַנג און וועלן באַלד אומפֿאַלן, די ווײַסע מענטשן האָבן שוין לאַנג זייער עלטערן אויסגעקוילעט...

אַז גאָלדע ענדיקט לייענען, איז זייער און זייער שטיל. ס'איז

אזוי שטיל, אז מע הערט אפילע, ווי ראַבעלע סמאַרעט מיטן נעזל און ווישט זיך די אויגן מיטן פאַרטעכל.

נאָכדעם ווערט א גרויסער טומל.

מיר שרייען, אז די ווייסע זיינען פּעטליוראָווצעס... אז די קינדער וועלן אומקומען... אז מע דאַרף העלפן די נעגערלעך...

אפריקע איז אָבער ווייט־ווייט. פעלדער און סטעפּעס, וועלדער און טייכן, יאַמען און בערג, זאַמד גאָלדע, טיילן אונדז אָפּ פון דער ווייטער ניט־געזעענער ערד.

כ'האָב שוין אפילע ניט געגלייבט, אז איך זאָל ווען־עס־איז קאָנען קומען די נעגערלעך צוהילף, נאָר אין איינעם שיינעם הארבסטיקן באַטאָג האָט זיך מיר פּאַרט איינגעגעבן איבערשיקן זיי א בריוו קיין אפריקע. דעם בריוו האָב איך איבערגעשיקט מיט א בושל.

די מעשה איז געווען אזוי:

איך בין געשטאַנען און געגראָבן א קיוועריל פאַר א שוואַלב.

די שוואַלב איז געשטאָרבן.

זי איז ארויסגעפאַלן פון א נעסט.

די שוואַלב איז געווען א קליינינקע, א שוואַכינקע, מיט א גוואַלדיק גרויס מויל, וואָס זי האָט אַלעמאָל צעעפנט, ווי עפּעס א גרויסער פיש, ווען מע כאַפּט אים ארויס אַפ דער טריקעניש.

כ'האָב געמיינט, דאָס וויל זי אזוי עסן. האָב איך איר אזוי אָנגעשפּאַרט דאָס מויל מיט שטיקלעך ברויט, אז זי האָט א ציטער געטאָן, צעשפּרייט די פליגעלעך און איז אויסגעגאַנגען.

בין איך געשטאַנען אונטער דער הויכער אַלטער ליפּע, וואָס וואַקסט הינטער אונדזער פענצטער, און געגראָבן א קיווערל.

ווי איך שטיי אזוי און גראָב, דערהער איך איבער מיין קאָפּ א פּאָכען פון פליגל.

איך גיב א קוק אין דער הייך: סע פליען דריי בושלען. צוויי גרויסע און איינס א קלענערס, ווייס אויס, זייער קינד. דאָס קלענערע בושעלע שטייט אַלץ מער אָפּ, און די עלטערע דרייען זיך ארום דעם מיט א געשריי.

— בושל, בושל, דיינע קינדער ברענען, און מיינע — ניט... —

האָב איך גענומען שרייען צו זיי מיט אַלע קויכעס.

אזוי שרייען מיר שטענדיק, אז מיר דערזעען א בושל.

נאָר דאָס קלענערע בושעלע איז שוין, ווייזט אויס, געווען זייער מיד און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אראָפּלאָזן אַפ דער גרויסער הויכער ליפּע, וואָס וואַקסט אונטער אונדזער פענצטער.

ס'האָט זיך א שטעל געטאָן אפ א דינ טרוקנ צווײַגעלע. דאָס צווײַגל האָט זיך א בראָכ געטאָן, און, טשעפּענדיק זיך אָן די צווײַגן, צעוואַרפנדיק בלעטער און ווײַסע פּוכיקע פעדערן, איז דאָס בושעלע א פאַל געטאָן אפ דער ערד — און קימאַט לעבן מײַנע פיס.

קינדער — א וועלט מיט קינדער — האָבן מיך גענומענ אַרומ־רינגלען.

דאָס בושעלע איז געלעגנ אפ א זײַט און זייער שוואַכ געפּי־שטשעט. כ'האָב דאָס געפּרוווט שטעלנ אפ די פיס, נאָר ס'איז גלײַכ געפאַלן. איינ פליגל האָט זיך אָנמעכטיק אָפּגערוקט אינ א זײַט. די קלייניקע שוואַרצע קײַלעכדיקע אייגעלעך זײַנען געווען פול מיט שרעק און ווייטעק.

מיר האָבן דעמ בושעלע אָנגעלייגט שטיקלעכ ברויט, עמעצער האָט אויכ געבראַכט מילכ. נאָר דאָס בושעלע האָט זיך צו גאָרניט ניט צוגערירט. ס'איז נאָר געלעגנ און געפּישטשעט. די מאַמע און דער טאַטע — די צוויי גרויסע בושלען — האָבן עטלעכע מאָל באַצייכנט קרײַזן, געשרײַען, — און אַוועקגעפלויגן.

זייער פּאַמעלעכ האָב איך גענומען דאָס בושעלע און עס אַרײַנ־געטראָגנ אינ דעמ אָפּגעצוימטנ ווינקל פון אונדזער שטאָל. מיט ווייכ פריש היי האָב איך דעמ אויסגעבעט און עס אַרומגעלייגט.

ביז גאָר אומצופרידנ איז געווען מײַנ הינטל מוציק. מײַנ הינטל מוציק האָב איך אָבער געגעבנ עטלעכע פּעטש, האָט עס דעמ בושל ניט געטשעפּעט.

קימאַט צוויי טעג איז דאָס בושעלע אַזוי געלעגנ.

איצטער פלעג איך שוינ גאַנצע טעג אַרומלויפנ זוכנ עסנ פאַר דעמ. בושלען עסנ דעריקער פרעש. פרעש איז אָבער שווער צו כאַפּנ. פרעש לעבנ דערהויפּט בא די געדיכט־פאַרוואַקסענע סאַזשל־קעס, און ווי נאָר איכ דערנעענטער זיכ צו זיי, אַזוי גיבנ זיי, ווי די שטיינער, זיכ א פליוכע אינ וואַסער און בלײַבנ ניט. דערפאַר איז גרינג צו כאַפּנ זשאַבקעס, דערהויפּט פאַרנאַכט און דערהויפּט אינ גאָרטנ. זיי זײַנען זייער א סאַכ פאַראַנ. פרעש זײַנען גרינע. זשאַבעס זײַנען גרויע און מיט פינטעלעכ, און שטענדיק מאַכנ זיי מיטנ גרויסנ מויל.

פרײַער פלעג איך זיי אפילע מוירע האָבנ כאַפּנ. די מאַמע און דער טאַטע זאָגנ, אַז דאָס שילטנ זיי אַזוי. נאָר גאָלדע האָט מיר

געזאָגט, אז ס'איז ניט עמעס. וויבאַלד אזוי, כאַפּ איך זיי און וואַרף דעם בושל.

דער בושל שטעלט זיך אוועק אַף זײַנע הויכע גלע פֿיס, פֿריער באַטראַכט ער זיי, און נאָכדעם מיט איין קלאַפּ שלינגט ער אײַן א לעבעדיק שפּרינגענדיק זשאַבקעלע. דער בושל האָט זיך טאַקע פֿאַר ריכט בײַ מיר. איך בין זייער צופֿרידן געווען, ווײַל פֿון שטענדיק אָן האָב איך געטרוימט צו האָבן אן אייגענעם בושל.

אַלע פֿאַרטאָג הער איך פֿון מײַן פֿענצטער א טראַכקערײַ: טראַך־טאַך־טאַך־טאַך, וואָס דערמאָנט זייער אין א ווײַטער שיסערײַ פֿון א קוילנוואַרפֿער: דאָס ריידן אזוי צווישן זיך צוויי הויכע, ווײַסע מיט שוואַרץ געפֿלעקטע, בושלס אין דער קײַלעכדיקער גע־פֿלאָכטענער נעסט אַפֿן נאָענטן שײַער פֿון אונדזער שאָכן.

אָבער כאַפּן זיי לאָזט מען ניט.

אין אונדזער שטרויענע הילצערנע שטעטל, ווו ס'טרעפֿן זיך זיי־ער אַפּטע סרייפֿעס, האַלט מען, אז דאָרטן, ווו בושלען בויען אויס א נעסט, וועט שוין קיין סרייפֿע ניט זײַן. זײַנען טאַקע פֿאַראַן א סאַך סרייפֿעס און א סאַך בושלען.

פֿון פֿאַרטאָג ביז זון־פֿאַרגאַנג זע איך, ווי זיי שפּאַנען אַרום אַף זייערע לאַנגע, דאַרע, גלע פֿיס, זוכנדיק פֿרעש אין דער הויכער גרינער אָסאָקע פֿון די אַרומיקע נאַסע לאָנקעס.

בין איך טאַקע איצט געווען צופֿרידן. כ'האָב איצטער געהאַט אן אייגענעם בושל, און נאָך א מין בושל! א שיינער, א הויכער, עטוואָס נידעריקער פֿון מיר.

כ'האָב אים אזוי צוגעוווינט צו זיך, אז ער לויפֿט מיר שוין נאָך און פּיקט מיר די האַנט, וואַרטנדיק אַף א נאַשערײַ.

נאָר סאַפּ זומער איז מײַן בושל געוואָרן אַף מיר עפּעס באַ־רויגעזט. ער האָט אָנגעהויבן ווערן אומעטיק. ער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. ער באַגעגנט מיך שוין ניט פֿריילעך. ער פֿאַרוקט זיך אין א ווינקל און פֿאַרלייגט זײַן לאַנגן, שיינעם, דינעם האַלדז אונ־טער א פֿליגל. ווען־עס־איז שפּרינגט ער גאָר אונטער — צענעמט די פֿליגל, גיט מיט א זיי א פֿאָכע, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַרויס־רײַסן פֿון שטעלכל.

ער האָט אפֿילו אויפֿגעהערט עסן. אומרויק און מיט א טראַס־קערײַ רופֿט ער זיך אָפּ אַפֿן מינדסטן פֿויגל־געשריי, וואָס שלאָגט זיך דורכן ווענטל.

— דער בושל בענקט, — דערצייל איך אין קלוב. אָבער פֿאַר וואָס, פֿאַר וועג האָב איך זיך גאָרניט פֿאַרטראַכט.

די ארומיקע סעדלעך און וועלדלעך האָבן שוין אָנגעהויבן ווערן געלער, רויטער, גרויער. א ווינט טראָגט שוין דאָ און דאָרט ארום די אראָפּגעפֿאַלענע בלעטער. פֿויערים הייבן שוין אָן צענעמען די קאָפּיצעס אַפֿ די פֿעלדער.

פֿויגלען, ראַשיקע, פֿילשטימיקע מאַכנעס, טראָגן זיך שוין ארום איבער די פֿעלדער און לאָנקעס.

— כאַסענעס בא פֿויגלען! כאַסענעס בא פֿויגלען! — שרײַען מיר אַלע.

שוואַלבן און בושלען, וואָס פֿלִיען שטענדיק פֿאַרלעכווײַז, הייבן זיך שוין אָן צונויפֿזאַמלען אין גרויסע ראַשיקע סטײַעס. בלויערלעך, ווי פֿוכ־קײַקעלעך, מיט דינינקע שמאָלינקע עקן, שפּרינגען שוין ארום און באַקלעפּן טשאַטעסווײַז די בערעזעס און קליאָנען. מאַכנעס שטאַרן קלאַפּן, ווי א סאַך, א סאַך שפּינדלעך, איבער די אָפּגעשניטענע לאָנקעס.

— די פֿויגלען געזעגענען זיך, — האָט פּלוצעם צו מיר א זאָג געטאָן מײַן כאַווער זיאַמע. איך בין פֿאַרציטערט געוואָרן.

— מײַן בושל וויל אויך מיסטאַמע אין די וואַרעמע לענדער?!

איבער לאָנקעס, איבער פֿעלדער און הויך איבער די דעכער פֿון אונדזער הארבסטיקן שטעטל ווײַזן זיך אַלץ אָפּטער פֿלִיענדיקע דרײַעקן פֿייגל — דאָס זײַנען זשוראַוולִיעס, קאָסע ליניעס אײַלנדיקע פֿייגל — דאָס זײַנען שוין ווילדע גענדז, און צעבראָכענע שורעס — דאָס זײַנען שוין בושלען.

יעדער מין פֿויגל פֿליט זיך אין זײַן אָרדענונג. אייניקע פֿלִיען גלאַט סטײַעסווײַז, אייניקע פֿלִיען אין שערענגעס, נאָר אַלע מאַרפּולן די לויטערע שטילקײַט מיט אומרויִקע געשרייען.

איך קוק זיי נאָך, און ס'טוט מיר זייער באַנק. כ'וויל זייער ניט אָפּלאָזן מײַן בושל.

— ווייסט, — זאָגט ווידער צו מיר זיאַמע, — זיי פֿלִיען ווײַטווײַט, זיי פֿלִיען אין די וואַרעמע לענדער. און דאָרטן וואַקסן פֿאַלמעס, און דאָרטן איז קיין ווינטער ניטאָ. און העלפֿאַנדן לעבן דאָרטן... און ס'לעבן נאָך דאָרטן, ווי ס'האָט אונדז גאָלדע אַמאָל דערציילט, נעגערלעך. זיי לויפֿן ארום נאַקעטע, אַזוי הייס איז דאָרטן, און ווײַסע מענטשן יאָגן זיי נאָך. די מענטשן שלאָגן זיי, מוטשען זיי...

— אהין? האָ? — פאַרריַס איך דעם קאָפּ אין דער הייך, — אהין פליִען עס די פויגלען?

און פּלוצעם האָט מיר עפּעס אין קאָפּ דורכגעבליצט א יונג־דערלעכער געדאַנק. ס'האָט מיר דעם אָטעם פאַרכאַפּט. כ'האָב אזש ריידן ניט געקאָנט:

— לאָמיר אָנשריַיבן א בריוו אהין...

איך בין אוועק אין קלוב. איך בין געלאָפן צו גאָלדען.

— כאוועריטע גאָלדע, — האָב איך געשריִען ניט מיט מיַין קאָל, — א בריוו אין די וואַרעמע לענדער... צו די קינדער...

— שטילער! וואָס שריַיסטו? — האָט מיך גאָלדע ניט פאַר־שטאַנען.

— כ'לאָז אָפּ מיַין בושל, — האָב איך געשריִען.

ס'איז געוואָרן יאָמטעוו. מ'האָט פאַרגעלייגט בריוו, איינער שטאַרקער פון דעם אנדערן: „מאַכט רעוואָליוציעס!.. קומט צו פאָרן!.. שריַיבט בריוו!.. צעשיסט דעם קייסער!..".

„מיַינע נעגערלעך! — האָב איך זיך אוועקגעזעצט באַם טיש און גענומען שריַיבן. — מיר בענקען זייער נאָך איַיך און האָבן זייער פיַינט דעם פּעטליוראָווצעס דזשים, וואָס האָט געקוילעט איַיערע עלטערן און יאָגט איַיך ארום צווישן לייבן און קראָקאָדילן.

בא אונדז זיַינען ניטאָ קיין לייבן און קיין קראָקאָדילן, נאָר בא אונדז זיַינען אויך דאָ פּעטליוראָווצעס. זיי האָבן געקוילעט מיַין כאַווער בולעס טאַטע און מאַמע און געשאָסן וועלוול כאַדאַרקאָוו, וואָס איז דער כאַווערטע גאָלדעס געליבטער ברודער.

אַלע אונדזערע ברידער שלאָגן זיך. מיַין אַרל ליגט אין לאַזאַרעט, ער איז א רויטאַרמייער. די רויטאַרמייער האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער און געטייט ליסיצען, וואָס האָט אונדז אַלע געוואָלט אויסקוילען.

מיר בעטן איַיך אויכעט אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, מאַכן א רעוואָליוציע און אויסטערציַינדן דזשימען. אין נאָמען פון אַלע קינדער פונעם קלוב אָפּן נאָמען פון ספּאַרטאַק, וואָס וואַרטן אָפּ איַיער ענטפער, פון מיר — אָשער".

פאַרענדיקט דעם בריוו, האָב איך אים אַריַינגעלייגט און פאַרקלעפּט אין א קאָנווערט.

בושלען פליִען אָבער לאַנג, לאַנג. זיי פליִען איבער סטעפּעס און קאַכיקע יאַמען. זיי שלאָגן זיך דורך דורך ווינטן און שלאַקס־

רעגנס. און דאָס בריוועלע קאָן צעווייקט און פאַרפאַלן ווערן ער־געץ אין הימל.

כ׳האָב דערפאַר דעם בריוו פאַרוויקלט, ווי א טרײַבעלע, אין א שטיקעלע לעדער, ארומגעוויקלט מיט א דינ שפּאַגאַטל און מיט אלע קוויכעס זיך געלאָזט אהיים צו מײַן בושל.

איך לויף, און אלע קינדער נאָך מיר.

כ׳האָב געכאַפּט דעם בושל. ער האָט זיך ניט געווערט. נאָר ווי כ׳האָב אים ארויסגעטראָגן אין דרויסן, אזוי איז ער גלײַך אומ־רויק געוואָרן און האָט זיך אָנגעהויבן רײַסן פון די הענט. ער האָט געפּאַטשט מיט די גרויסע ווײַסע פליגל און געוואָלט אַנטלויפן. כ׳האָב אים קוים אײַנגעהאַלטן.

זייער פּאַמעלעך, ס׳זאָל אים ניט שטערן, האָב איך אונטער זײַ־נע פליגל צוגעבונדן דאָס בריוועלע אזוי, אז ס׳איז אויסגעקומען פּונקט אַפ זײַן רוקן. ס׳האָט זיך געהאַלטן פעסט.

הויך איבער מײַן דאַך האָט זיך באַוויזן א געבראָכענע שורע בושלען. קוים אײַנהאַלטנדיק דעם בושל, בין איך ארופגעקראָכן אפן דאַך. דער בושל האָט זיך געריסן און מיך געפּיקט אין פּאָ־נעם. כ׳האָב זיך קוים געהאַלטן אָן דעם פאַרייכערטן, א ביסל צע־בראָכענעם קוימען.

— יאַטן, — האָב איך זיך צעשרײַען, — זעט! — און אָפּגע־לאָזן דעם בושל.

דער בושל איז פרײַער געבליבן שטיין. נאָכדעם, עטלעכע. מאָל אונטערגעשפּרונגען אפ זײַנע געלע דאַרע פיס, עטלעכע מאָל א פּאַטש געטאָן מיט די פליגל, אפילע זיך אפ מיר ניט אומגעקוקט, זיך א לאָז געטאָן אין הימל.

כ׳האָב לאַנג אים נאָכגעקוקט, ווי ער פליט עס אין די ווארעמע לענדער. דאָס בריוועלע איז שוין הויך. דער בושל יאָגט שוין אָן די שורע... קוים וואָס איך זע אים שוין.

— אוועקגעפלויגן! אוועקגעפלויגן! — שרײַט מען פון אונטן און מע פרייט זיך.

איך שטיי נאָך אפן דאַך און האַלט זיך אָן אין קוימען.

— אין די ווארעמע לענדער! קיין אפריקע!.. — שרײַ איך.

איבער וועלדער און סטעפּעס, דורך פעלדער און טײַכן, דורך יאמען און בערג, אפ פליגל, אפ ווײַסע פליגל פון א בושל פליט מײַן בריוו צו די נעגערלעך, צו די שווארצע קוטשעראַווע קינדער־לעך פון די ווײַטע און ווארעמע לענדער.

א מייסעלע וועגן ליבשאפט

— אזא צייט! אזא כמארע רוקט זיך, — זאָגט דער טאטע, — אזוי־פיל אומגליקן, און ער וויינט צוליב א הינטל...

נאָר אזא מין בין איך שוין. כ׳קאָן לאכן אפ א לעווינע און וויינען איבער א בושל. כ׳האָב זייער ליב ביימער. מערער פון אלע ביימער און פון אלע פויגלען ליידט מיין מוציק.

בושלען עסן זשוקעס און זשאבעס. קראָליקעס — קרויט און גראָז. טויבן דארף מען אינגאנצן ניט געבן קיין עסן, — זיי געפינען זיך אליין.

ערגער איז מיט מוציקן. מוציק וויל פלייש און ברויט. סע וויל כאָטש די רעשטלעך, וואָס בלייבן איבער פון אָנבייסן אָדער פון ווארמעס. בלייבט אָבער קיינמאָל גאָרניט איבער. אז די מאמע גיט עפעס עסן, לעק איך מיטן טאטן אזוי אויס די טעלער, אז זיי בלישטשען ווי אויסגעוואשענע.

מע הונגערט אלע. מיין כאוועד בולע האָט אפילע איינמאָל דערהארגעט א וואָראָנע און זי געוואָלט אופעסן.

דער טאטע און די מאמע ווערן איצטער אלץ אָפטער פארפאלן אין די דערפער. זיי גייען ארום אויסבייטן זייף, שוועבעלעך און סאכארין אפ קליינען און אפ קארטאָפליעס.

— א כמארע רוקט זיך, — זאָגט דער טאטע.

ס׳איז דאפקע זומער. ס׳איז לויטער און זוניק. נאָר עפעס פינצטערט זיך. מע רעדט פון דייטשן, וואָס גרייטן אָן ערגעץ פון מיירעוו. גאָלדע ווערט אלעמאָל פארפאלן. דער קלוב ארבעט שוין ערגער. גאָלדע פאָרט אָפט אוועק אין די דערפער. מע נעמט צונויף ברויט פאר דער ארמיי.

ס׳איז ניטאָ קיין ברויט.

מע עסט ברויט פון קליינען. מע באקט עס אָן זאלץ. דאָס ברויט איז ברוין, זעט אויס ווי א פלעצל — צעטראסקעט און צעהארגעט. פון אויבן און פון אונטן איז עס נאָך צו דערליידן, נאָר אינמיטן איז עס אזוי ווי קאשע — צעקריכט, רינט צווישן די פינגער, פארפאפט דאָס מויל.

אויסער ברויט איז נאָך דאָ סאכארין. פון זינט ס׳איז געוואָרן סאכארין, האָב איך שרעקלעך פיינט זיסע זאכן און בענק נאָך געזאלצנס. דער סאכארין איז אין פראָשעקלעך. ער זעט אויס ווי קליינינקע שטיקלעך אָנגעשלאָגן גלאָז און האָט א קאָליר פון סאליעס.

נאָר סאַליעס איז זויער, און סאַכארין — פאַרקערט. אז די מאַמע האָט דאָס ערשטע מאָל מיר אַרײַנגעוואָרפֿן א שטיקעלע סאַכארין אין דער טיי, האָב איך געמיינט, אז זי זשאַלעוועט. דערפאַר אז זי האָט זיך אָפּגעדרייט און איך האָב אַרײַנגעוואָרפֿן א גאַנץ פּראָשעקל, איז מיר געוואָרן מלאָסנע. ס׳האָט מיך אָנגעהויבן נודיען, קיצלען אונטערן האַרצן.

נאָר מוציקן גיט מען אפילו קיין קלײַען און קיין סאַכארין ניט. מוציק איז געוואָרן הויט און ביין. געוואָרן ווי א קראָליק. סע עסט שוין, וואָס עס מאַכט זיך, אפילו גראָז.

איך גיי נאָר אַרויס און גיב א רוף:

— מוציק!

און מוציק גיט זיך גלײַך א שטעל אָפּ די הינטערשטע לאַפּקעס, די פאָדערשטע לאַפּקעס א ביסל אײַנגעבויגן, ס׳פּיסקעלע — אָפּן. און וואָס איך גיב דעם ניט, שלינגט עס אַראָפּ. אפילו א שטיקל פּאַפּיר.

סע ווערט ניט באַרויִגט. פאַרקערט, סע ווערט מעשוגע, אז סע דערזעט מיך. איך בין ווייניק אין דער היים. קום איך אָבער, לויפט עס אַנטקעגן. אז סע לויפט, קאַטשעט זיך עס. ס׳א טאַקסע. ס׳א לאַנג הינטל אָפּ קורצע צעפּאָרענע פיסלעך. ס׳האָט לאַנגע ווייכע אויערן און א פרײלעך שפּיצעכיק מאָרדעלע. פרוּער שפּרינגט עס אָפּ צוויי פיסלעך. נאָכדעם גיט עס זיך א וואַלגער אָפּ דר׳ערד, לייגט זיך אַוועק אויפֿן רוקן. און אז איך הייב עס אָן לאַשטשען, הייבט עס מיר אָן שפּרינגען אין פּאָנעם און וויל מיך נאָר לעקן. ס׳האָט זייער ליב לעקן מיר דאָס פּאָנעם.

די לעצטע צײַט איז אָבער מוציק געוואָרן שטילער און ערנסטער. ס׳איז געוואָרן גראָב און דאַרף האָבן הינטעלעך.

מערסטנס ציט זיך מוציק אויס בא דער שוועל, די פאָדערשטע פיסלעך — פאַרויס, מאַכט גיך־גיך מיט דער לאַנגער ראָזעווער אַרויסגעשטעקטער צונג, גענעצט אָדער כאַפּט פליגן.

אפילו דער טאַטע טשעפּעט עס ניט. נאָר אונדזער שאָכן טשע־טשעוויטשקע איז ניט צופרידן. ער האָט ניט געזען, זאָגט ער, יוּדן זאָלן האַלטן הינט. בעדיל־האַדאַל, זאָגט ער, שטעלט אים מוציק, פון מוציקן וועט ער גיין אין די הײַזער.

טשעטשעוויטשקע איז אונדזער שאָכן. זײַן שטיבל, אַרומגענור־מען מיט א פּלויטל פון שוואַרצע דורכגעפוילטע שטאַכעטן, אײַנגאַנצן

א פאַרוואַקסנס מיט בודיאַקעס, געפינט זיך ניט ווײַט פון אונדזער הויף.

שטיל איז בײַ אים ווי אַף אַ בעסוילעם. ווען־ניט־ווען הערט זיך נאָר אַ קוויטשערײַ פון זײַן שטוב, — און ס׳ווייסט שוין די גאַנצע גאַס, אַז טשעטשעוויטשקע האַרגעט זיך מיט זײַן ווײַב.

זיי רײַסן איינער פונעם אַנדערן שטיקער פלייש.

ס׳איז דעמלט פריילעך, אַז ס׳איז אַ מעכײַע.

בײַ טשעטשעוויטשקען בין איך נאָך ניט געווען. אַז בולע, איך, צי זיאַמע באַווײַזן זיך אין זײַן הויף, ווערט ער פלאַם־פײַער, הייבט אויף די קולעקלעך, קוויטשעט:

— אוועק, מאַמזיירים! מע שטעלט מיך בעדיל־האַדאָל...

ער רעדט מיט „פייען", טשעטשעוויטשקע. ער האָט ניט קיין ציין, און אַז ער עסט, צי ער רעדט, איז ווי ער זאָל קײַען די ליפּן.

אַז ער עסט, לייגט ער צו די ציטערדיקע האַנט צום שטערן בערדעלע, ס׳זאָל כאָלילע ניט אַראָפּפאַלן קיין ברעקל אַף דר׳ערד.

די קליינע בלישטשענדיקע אייגעלעך אין זײַן צעקנייטשט אײַנגעקוצערובעט פּענעמל לויפן אַרום. שטענדיק זוכט ער און שטענדיק באָברעט ער זיך בײַ עפּעס. וואָס ער דערזעט, הייבט ער אויף: אַ שמאַטע, ביינער, אַ שטיקל בלעך, אַ שפּענדל — אַלץ טראָגט ער צו זיך אין שטיבל.

ריידן רעדט ער מיט קיינעם ניט.

אַ קליינע, אַן אויסגעדאַרטע, אַן אָפּגעריסענע בייזע באַשעפעניש, האָט ער אַלעמען פײַנט און אַלע האָבן אים פײַנט.

די מאַמע לאָזט אים אַפילע ניט אַרײַן אין שטוב. ער כאַפּט זיך אַמאָל אַרײַן צו אונדז נעמען אַ ביסעלע אָקרעפּ. נאָר אַז זי דערזעט אים גיין, פאַרמאַכט זי גלײַך די טיר. און איך שרײַ דעמלט, אַז ס׳איז קיינער ניטאָ אין שטוב, און רייץ נאָך אָן אַף אים מוציקן.

— אַז ברענען זאָלט איר מיט די הינט, — שפּײַט ער דעמלט אויס און גייט אוועק.

נאָר שוין אַ שטיק צײַט, אַז דער טאַטע און די מאַמע האָבן אָנגעהויבן גיין צו אים. זיי מוזן אָנקומען צו אים. טשעטשעוויטשקע האָט זיך דערוווּסט דעם „סאָד" פון מאַכן זייף, און די מאַמע בײַט עס אויס, דאָס זייף, אַף ברויט.

טשעטשעוויטשקעס זייף איז ווי סמעטענע, ווייך און צעקריכט, און וויפל מע רײַבט עס ניט, גיט עס ניט קיין מילינקעס.

טשעטשעוויטשקע מאַכט עס פון איבערגעקאָכטן ביילעוו און פון

„קאָסטיק״. דער דאָזיקער „קאָסטיק״ קאָן אפילע אויסעסן א שטיק אײַזן.

דעם כיילעוו נעמט ער פון נעװײלעס, פון פארשיידענע פע־גירעס.

פון זינט ער האָט אָנגעהויבן מאכן זייף, קאָן מען דערשטיקט ווערן לעבן אונדז. די מאמע האלט א טיכל בא דער נאָז, און ס׳טרערן איר די אויגן. איך פיל שוין אינגאנצן גאָרניט.

נאָר מוציקן איז דאָפקע זייער געפעלן די זייפארניע. טשעטשע־וויטשקע גיט אים ניט, פארשטייט זיך, קיין כיילעוו. נאָר כיילעוו האָט ער ליב. און דער כיילעוו טאקע האָט אים דערהארגעט.

די הינטעלעך האָט מוציק געהאט אינדערפרי.

ס׳איז געווען א גליקלעכער טאָג. דעם זעלבן אינדערפרי האָט זיך נאָך געקעצלט די קאץ.

דער טאטע האָט געזאָגט, אז ס׳איז א גוטער סימען, אז ס׳וועט שוין, דאכט זיך, קומען א יעשועה אפ אונדזער שטוב און אפ דער גאנצער וועלט.

נאָר אינעם זעלבן אינדערפרי האָט זיך געטראָפן דער אומגליק. כ׳האָב זיך דעמלט געלאָזן אין קלוב אָנזאָגן די קינדער, אז מוציק האָט געהאט הינטעלעך. אנדערש קאָן איך ניט. כ׳קאָן זיך איינ־אליין ניט פרייען. כ׳האָב ליב, אז מע פרייט זיך מיט מיר.

ס׳איז מיר אזוי גוט געווען אפן הארצן, אז ס׳האָט מיך אזש פאר־וואונדערט, וואָס די מאמע איז געקומען א פארוויינטע פון ארלעס און וואָס גאָלדע האָט זיך ניט דערפרייט.

גאָלדע האָט מיך נאָר ארומגענומען.

— אָשערל, — האָט זי מיר געקוקט אין די אויגן, — ס׳ארא קינד דו ביסט, אָשערל... — און איז אוועקגעגאנגען.

אהיים לויף איך מיט עטלעכע ביינער, וואָס כ׳האָב אויסגעבעטן בא די רויטארמייִשע פעלד־קיכן.

— נא, מוציק, נא־נא! — האָב איך גענומען שרײַען נאָך פון דערווײַטן.

נאָר מוציק איז ניט ארויסגעלאָפן אנטקעגן.

אין שטאל איז מוציק אויך ניט געווען.

נאָר די דרײַ קליינע, נאָך בלינדע, נאסע הינטעלעך האָבן געפּישט־טשעט און זײַנען געקראָכן איינס אפן אנדערן אין דעם א ביסל פארבלוטיקטן שטרוי. ברייטע ליכטיקע פאסן זון־שטראלן האָבן זיך

דורכגעשלאָגן דורך די ווענט און דו"ך די שפּאַרונעס פונעם שטאַל־טויער.

אין שטאַל איז געווען שטיל און טונקל.

— ס'הינטל, מאַמע, ווו איז דאָס הינטל?

די מאַמע איז ארויס צו מיר. די מאַמע איז צערודערט.

— אין ברונעם, — האָט זי אָנגעהויבן שילטן משעטשעוויטש־קען, — ס'האָט געכאַפּט א שטיקל ביילעוו, האָט ער עס ארײַנגע־רוקט אין א זאַק און עס ארײַנגעוואָרפן אין הויף־ברונעם.

די מאַמע כאַפּט מיך ארום. זי וויל ניט, איך זאָל האָבן צאָרעס. זי האָט געהאַט זעקס קינדער און איז געבליבן בא צוויי.

דורך מײַנע פאַרטרערטע אויגן הייבן זיך גלײַך אָן צווייען די שטאַל, די מאַמע און דער טאַטע.

כ'לויף ארויס אין הויף. כ'לויף צו צום ברונעם. כ'האָב ביז איצטער גאָר ניט געוווּסט, ווי איך האָב ליב מוציקן.

אפן טונקעלן פּירעק פונעם וואַסער זע איך מײַן מאָגער דער־שראָקן פּאָנעם. אין ברונעם איז גרין און טונקל. פון די ברונעם־ווענט שלאָגט פּאַמעלעך דאָס וואַסער און קאַפּעט: טיק־טיק. בלעזע־לעך הייבן זיך פון דנאָ און פּלאַצן אף דער אויבערפלאַך.

דער טאַטע שלעפּט מיך. איך לאָז זיך ניט. נאָר ער שלעפּט מיך ארײַן אין שטוב. ער לייגט מיך אוועק אף דער קאַנאַפּע. כ'פאַרגראָב דאָס פּאָנעם אין קישן און וויין.

נאָכדעם זעץ איך זיך אוף. איך וויל ניט וויינען. נאָר אלצדינג וויינט אין מיר.

— אַשער, עפּעס א באַר־דאָס!.. און צוליב וואָס? — צוליב א הינטל?!

דער טאַטע צינדט אָן דאָס קאַנעצל. קוים וואָס סע ברענט. ס'איז פּרײַטיק. די מאַמע — ניט איבערגעטאָן, ניט שאַבעסדיק — ציט אוים איר איינציקע, איר רעכטע, האַנט און הייבט אָן בענטשן אי־בערן קאַנעצל.

דער טיש איז ליידיק, ניט געדעקט.

די מאַמע מורמלט עפּעס, גיט א דריי מיט דער האַנט און פאַר־לעשט אומגעריכט דאָס קאַנעצל. די מאַמע הייבט זיך אָן שילטן. זי צעוויינט זיך. זי שרײַט, אז גאָט איז אויוער־באָטל.

— אויב ער קאָן אזוינס צוקוקן, איז ער אויוער־באָטל.

דער טאַטע בעט, זי זאָל אופהערן. די מאַמע וויינט. נאָר ניט צוליבן הינטל — צוליב ארלען.

כ'ציִנר אַליין אָן דאָס קאַנעצל. דער טאַטע שרײַט אַפילו ניט, אַז ס'איז שאַבעס. ער גייט אַוועק אין אַלקער. מע עסט ניט — און מע גייט אַוועק שלאָפֿן.

נאָר איך קאָן זיך ניט לייגן. סע ניאַווקען די הינטעלעך, זיי קוויטשען אין שטאַל. און כ'קאָן ניט אויסהאַלטן. כ'נעם דאָס קאַנעצל און גיי אַרויס צו זיי. איך גיב זיי שטיקלעך קלײַען־ברויט. כ'גיס זיי אָן אַ ביסל וואַסער אין אַ שאַל. — „איר וועט פֿײַגערן", — שפּאַר איך זייערע מאַרדעלעך אין וואַסער. זיי ניאַווקען אָבער נאָך העכער, נורען זיך איינער אינעם אַנדערן. איין הינטעלע, אַ געלס מיט ווײַסע פֿלעקן, קוים וואָס סע לעבט שוין.

ס'פֿאַלט מיר אָבער אײַן אַ וווּנדערלעכער געדאַנק.

בא מײַן פֿעטער מענאַשע איז אַמאָל געווען אַ קוואָטשקע. אונטער דער קוואָטשקע האָט מען אונטערגעלייגט קאַטשקע־אייער. און בא דער הון זײַנען געבוירן געוואָרן קאַטשקעלעך — זייער שייניקע, געלינקע, פּוכיקע.

בא אונדז איז ניטאָ קיין קוואָטשקע. בא אונדז האָט זיך די קאַץ געקעצלט. די קעצעלעך זײַנען אויך בלינדע, ניאַווקען, און ווען זיי זאָלן זײַן אַ ביסל גרעסער, וואָלטן זיי קימאַט ענלעך געווען אַף די הינטעלעך.

די קעצעלעך ליגן אין אַ זיפּ אַפֿן אויוון. כ'גיי צו צום אויוון. די קאַץ איז ניטאָ. כ'שטעל צו אַ בענקל. כ'קריך אַרויף מיט די הינטעלעך אַפֿן אויוון און לייג זיי אַוועק צווישן די קעצעלעך. גאָרניט. זיי קריכן איינס אונטערן אַנדערן, נורען זיך אײַן, און ס'ווערט שטיל. האָט אָבער איין הינטעלע, ווײַזט אויס, אָנגעטראָטן אַף אַ קעצעלע. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע ניאַווקערײַ. האָט זיך, כ'ווייס אַליין ניט פֿונוואַנען, באַוויזן אונדזער ראַבע קאַץ. זי איז אַרויף אַפֿן אויוון. צוגעלאָפֿן גלײַך צו דער זיפּ. איך בין אויך אַפֿן אויוון. כ'וויל זייער זען, ווי די קאַץ וועט אָנזויגן די הינטעלעך. די קאַץ גיט אַ שמעק די זיפּ, גיט אַ טאַפּ מיט דער לאַפּקע און שפּרינגט אַף — דאָס ווײַדעלע פֿאַרהייבט זיך בא איר, דער רוקן בייגט זיך אויס, ווי אַ האַלבע רייף, זי שטשירעט אויס די ציין און, איידער איך באַווײַז זי פֿאַרהאַלטן, גיט זי זיך אַ וואָרף צו דער זיפּ און כאַפּט אָן אַ הינטעלע.

איך כאַפּ אָן מיט אַלע קויכעס די קאַץ. זי צעדראַפּעט מיר די הענט און דאָס פּאָנעם. כ'קײַקל זיך אַראָפּ מיט איר פֿון אויוון און וואַרף זי אַרויס פֿון יענער זײַט טיר.

דאָס הינטעלע איז שוינ א טויטס, און קליינינקע טראָפּנס בלוט קאַפּענ דעמ פונעמ מאָרדעלע.

די קאַץ דראַפּעט און רײַסט די טיר. די קעצעלעכ און די הינטעלעכ ניאַווקענ. די קאַץ שרײַט נאָכ העכער. דאָס פּאָנעמ און די הענט שמאַרצנ מיר.

— וואָס פאַר א קעץ דאָרטנ? — שרײַט דער טאַטע.

— ס'איז גאָרניט, טאַטע, שלאָפ, — זאָג איכ אימ. איכ קריכ ארײַנ צו אימ אינ בעט. און ווײַל אפנ געלעגער פאַלט די שײַנ פונ דער לעוואָנע, באַהאַלט איכ דעמ קאָפּ אונטער דער קאָלדרע, דער טאַטע זאָל ניט זענ, אז איכ בינ צעדראַפּעט.

נאָר שלאָפנ קאָנ איכ ניט. איכ ווייס, אז זיי וועלנ אויסגיינ, די הינטעלעכ. זיי וועלנ שטאַרבנ לאַנג, לאַנג. פונ הונגער שטאַרבט מענ פּאַמעלעכ.

כ'ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר אונטער דער קאָלדרע, ליגנדיק לעבנ טאַטנ, דערמאָנ איכ זיכ פּלוצעמ אינעמ פאַרווונדעטנ רויטאַרמייער. פונ שרעק רוק איכ זיכ צו נעענטער צומ טאַטנ און נעמ אימ אַרומ. ס'איז געווענ ניט לאַנג. לעבנ רעווקאָמ איז געלעגנ דער רויטאַרמייער. ער האָט אָפּגעהיט דעמ רעווקאָמ, און עמעצער האָט אימ שווער פאַרווונדעט. ער האָט געוואָלט שטאַרבנ און ניט געקאָנט. מ'האָט אימ שוינ ניט געקאָנט ראַטעווענ. ער האָט זיכ געבעטנ בא זײַנע כאַווייריִמ, זיי זאָלנ אימ דערשיסנ.

כ'דעק אָפּ א ביסעלע די קאָלדרע און קוק אַרויס מיט שרעק אפ דער ווײַסער קײַלעכיקער לעוואָנע, וואָס קוקט אינ פענצטער.

אינ דער שטילקײַט הערט זיכ נאָר די ניאַווקערײַ פונ די הינטעלעכ.

— דערטרינקענ, — באַשטימ איכ, — דערטרינקענ... זאָלנ זיי בעסער ניט שטאַרבנ פּאַמעלעכ.

אויפגעכאַפּט האָב איכ זיכ זייער פרי, אינאיינעמ מיט די שוואַלבנ, וואָס לעבנ אונטער אונדזער דאַכ.

דער אַלטער פּאַסקודנער טשעטשעוויטשקע איז שוינ געשטאַנענ און פאַרקערט זײַנ הויפל.

כ'האָב ארײַנגעלייגט מײַנע צוויי הינטעלעכ אינ העמדל. כ'בינ אַרויס אינ דרויסנ און גענומענ א שטיינ. כ'האָב זייער א גוטע האַנט. איכ ציליע זיכ אָנ און גיב א נערעק אינ טשעטשעוויטשקענ דעמ שטיינ.

— „אַני־אַני'', — דערהער איך פונוויטנס זײַנע גוואלדן. ער שרײַט, און איך לויף.

איך לויף מיט די גערטנער אַראָפּ צו דער לאָנקע, צו די סאַזשל־קעס. דאָס גראָז איז נאַס און פינקלט פון טוי. סע הייבט זיך א בלויע קילבלעכע פּארע פון דער לאָנקע.

עטלעכע וואסער־פויגלען דערזעען מיך און הייבן זיך אוף דער־שראָקן פונעם טשערעט.

דער הויכער ברעג איז פארוואקסן מיט טשערעט און לעפּעכעס. אונטן איז די סאַזשלקע. א שטילע, אַן אומבאַוועגלעכע, ליגט זי פון אונטן און איז איינגאַנצן באַדעקט מיט א גרינקײַט, אז מע זעט אפי־לע ניט אָן דאָס וואסער. נאָר לויט די קלייניקע בלעזעלעך אַף דער אויבערפלאַך און לויטן קוואַקען פון א פראָש דערקענט מען, אז ס'איז די סאַזשלקע.

כ'וויל אָבער איצטער ניט זען דאָס וואסער. כ'שטעל זיך אוועק מיטן רוקן צו דער סאַזשלקע. כ'שלעפּ ארויס ביידע הינטעלעך פון העמדל. שווארצינקע, מיט ווײַסע מאָרדעטשקעס, פונקט ווי בא מור־ציקן, ליגן זיי אַף מײַנע דלאָניעס. זייערע אייגעלעך זײַנען נאָך קלייניקע, פארהײַטלטע, זיי דרייען מיט די מאָרדעלעך און סקאָ־ווטשען.

די לאָנקע הייבט זיך מיר אָן נעפּלען אין די אויגן. רויט־גרינ־געל פינקלט מיר די זון דורך די טרערן.

כ'פארמאַך די אויגן, כ'צי אויס די הענט — מײַנע דלאָניעס פילן זייערע ווייכע ווארעמע בײַכלעך. כ'גיב זיי מיטאַמאָל א וואָרף איבער מײַן קאָפּ. זיי גיבן א קוויטש, און גלײַך דערהער איך הינ־טער די פּלייצעס א פּליוך און א שפּריץ אינעם וואסער.

כ'קוק זיך ניט אום. גיך־גיך הייב איך אָן לויפן. איך לויף און קוק אפילע ניט, וווהין איך לויף.

ערשט אינמיטן גאַס כאַפּט מיך אָן גאָלדע. זי שטעלט זיך אַף א קני. איר פּאָנעם איז דערשראָקן.

— וואָס וויינסטו? — כאַפּט זי מיך ארום, — פארוואָס איז בא דיר, אָשערל, דאָס פּאָנעם אין פארטריקנט בלוט?

נאָר כ'שעם זיך איר זאָגן, אז ס'איז צוליב די הינטעלעך. ווישנ־דיק זיך מיט ביידע הענט די אויגן, זאָג איך איר, אז אַרל איז זייער קראַנק און ליגט אין שפּיטאָל. דערמאָנט זיך אין אַרלען, צעוויין איך זיך נאָך שטארקער.

גאָלדע גלעט מיר שטיל־שטיל די האָר, כ׳ווער שטילער. כ׳נורע זיכ איינ אינ איר מיטנ פּאָנעמ.

— אָשערל!

— הא?

— צו ארלענ, — קוקט זי מיר ניט אינ די אויגנ, נאָר קוקט ערגעצ צו דער לאָנקע, — צו ארלענ איז נעכטנ ניט געקומענ א רויטארמייער? קיינער ניט געווענ נעכטנ בא אייכ?

— וואָסער רויטארמייער?

— יענער, וואָס האָט געבראכט אמאָל ארלענ. געדענקסט? האָכט מיר אמאָל דערציילט ווענג אימ.

— מאגיד?

— יאָ, אָשערל.

— ניינ. שוינ זייער, זייער לאנג אימ ניט געזענ.

— מאָדנע, — גיט זי א הייב אנ אקסל, — מ׳האָט מיר איבערגעגעבנ, אז ער האָט געדארפט דאָ זיינ... עכ, אָשער, אָשער, — פארדעקט זי זיכ מיט ביידע הענט דאָס פּאָנעמ, נאָר גיט זיכ מיטאמאָל א דריי, ווי זי זאָל עפּעס אָפּטרייסלענ פונ זיכ. זי נעמט מיכ פאר דער האנט.

— קומ, אָשערל, נאָר פריילעכער א ביסל! ניט שיינ וויינענ! ניט שיינ! — אונ טופּענדיק גיכ־גיכ מיט די געלע טופּלעלעכ, פירט זי מיכ צו דער מאמענ.

די לעצטע נאכט

אָנגעטאָנ אינ א פּאטשיילע מיט צוויי שפּיצנ, שטייט צווישנ אונדז גאָלדע. אינ הויפ ווארט שוינ אפ גאָלדענ אנ איינגעשפּאנטע ברישקע. אפ די קאָזלעס זיצט א רויטארמייער אונ האלט זי אינ איינ רופנ פּאָרנ. נאָר גאָלדע ענטפערט אימ אפילע ניט.

זי האָט אונדז אלעמענ ארויסגערופנ אינ קלוב זיכ געזעגענענ. זי זאָגט אונדז, אז סע טרעט אָפּ די רויטע ארמיי, אז סע גייענ די דייטשנ, אז די באָלשעוויקעס וועלנ זיכ גיכ אומקערנ.

מיר שטייענ אלע אפנ גאנעק. גאָלדע איז צערודערט. דאָס שווארצע סעקעלע איז ארופגעוואָרפנ אפ די אקסל. עפּעס א קליינ קלומעקל האלט זי אינ איינ איבערלייגנ פונ איינ האנט אינ דער אנדערער. די

יונגלעכ שווײַגנ, אייניקע מיידלעכ הייבנ אָנ וויינענ. נאָר איכ האָב עס פֿײַנט. גאָלדע זאָגט אויכ, אז ס׳איז ניט שיינ.

ארומ איז א טומל אונ א ליאזגערײַ. איבער דער גאס טראָגנ זיכ אָנ אויפֿהער אָבאָזנ, רײַטער, פֿוסגייער. אלעמאָל פֿארהאלט מענ זיכ איבער עפּעס. ס׳דערהערנ זיכ געשרייענ, זידלערײַענ, מע זאָל דורכ־לאָזנ. אָט ווערט ווידער א געשריי. צווישנ די יאַגנדיקע וועגענער, פֿעלד־קיכנ רײַסט זיכ ארײַנ פֿאַפֿעריק א רײַטער. דער רײַטער א׳ז אָנגעטאָנ אינ א לעדערנ טוזשורעקל. זײַנ פֿריילעכ היטשקעלע פֿאר־דעקט דאָס פֿארוקטע היטל. אפֿ עטלעכע מינוט ווערט א שטופּערײַ. דאָס פֿערד אונטערנ רײַטער שטעלט זיכ אויפֿ אפֿ די הינטערשטע פֿיס, הייבט זיכ אָנ דרייענ, רײַסט זיכ קוימ ארויס פֿונ צווישנ די אָבאָזנ.

גאָלדע גיט א וואָרפֿ דאָס סעקעלע, לייגט אוועק דאָס קלומעקל.

— זעט! — שפּרינגט זי אראָפּ פֿונ גאנעק. אירע אויגנ ווערנ גרויסע, פֿריילעכע.

— יאָ־אָסיפֿ, — צענעמט זי די הענט אונ שרײַט צומ רײַטער, — אהערצו פֿאָר!

דער קאוואלעריסט פֿארקערעוועט. שפּרינגט אריבער מיטנ פֿערד די גרוב, וואָס פֿארנ קלוב. ער יאָגט ארײַנ אינ הויפֿ. דאָס פֿערד איז אינ מילינעס, פֿארשוימט. ניט אָפּשטעלנדיק דאָס פֿערד, שפּרינגט ער אראָפּ פֿונ זאָטל.

— גאָלדע! — גיט דער רײַטער פֿריִער א פּאטש מיט די הענט, נאָכדעמ גיט ער פֿריילעכ א צי ביידע שפּיצנ פֿונ גאָלדעס פּאטשיי־לע — וואָס זאָגסטו, איינ וואָס פֿאר א צײַטעלע מיר האָבנ זיכ באַ־געגנט? אָ־אָ־אָ, וויפֿל קליינוואַרג, — גיט זיכ צו אונדז א קערעווע דער רײַטער.

דער רײַטער הייבט אונדז אָנ באטראכטנ. קוקט אפֿ מיר עט־לעכע רעגעס. גיט זיכ א קרימ, ווי ער זאָל זיכ וועלנ עפּעס דער־מאָנענ. דער רײַטער איז מיר אויכ א באקאנטער. זייער באקאנט.

גאָלדע לייגט אימ ארופֿ ביידע הענט אפֿ די אקסל, שפּרינגט אונטער אונ טופּעט מיט די פֿיס.

— יאָסיפֿ, — שרײַט זי, — געמיינט שוינ, אז דו ביסט אפֿ יענער וועלט! עכ, דו! — שלעפּט זי אימ ארײַנ אינ קלוב.

איכ באווײַז ניט אפֿילע צו באטראכטנ אימ.

דער קאוואלעריסט פֿארמאכט הינטער זיכ די טיר.

מיר בלײַבנ שטיינ אינ דרויסנ. סע וווּנדערט מיכ זייער, וואָס גאָלדע איז אזוי פֿריילעכ. מיר הערנ הינטער דער טיר, ווי גאָלדע

רעדט עפּעס, ווי סע לאַכט דער קאַוואַלעריסט. נאָכדעם הייבן זיי זיך אָן עפּעס שושקען, רײדן שטיל, שטיל, אַז מע קאָן גאָרניט פֿאַרנעמען. נאַנדערקלײַבן.

דער רויטאַרמייער, וואָס זיצט אַף די קאָזלעס פֿון דער ברישקע, ווערט באַרויִקט. עס פֿאַרשווינדן שוין די לעצטע אָבאָזן. ער שרײַט איבערן גאַנצן הויף, אַז גאָלדע זאָל אַרויסגיין און מע זאָל שוין אוועקפֿאָרן.

גאָלדע גייט אַרויס מיטן רײַטער. זי איז אינגאַנצן פֿאַרויטלט. דאָס שאַלעכל איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון קאָפּ און הענגט גאָר אַפֿן האַלדז. אירע האָר מיטן ווײַסן שרונט אינמיטן זײַנען צעשויבערט.

— נו, זײַ געזונט! — גיט זי אים די האַנט. — און לאָמיר זיך שוין באַגעגענען אין פֿרייליכערע טעג. — זי קוקט אַפֿן רײַטער פֿון אונטער די ברעמען. — איז האָב דערפֿאָלג!..

— איז אַלעס בעסטע! — דרייט זיך אויס דער רײַטער, און טרעטנדיק אַף די נעזלעך פֿון די שטיוול, לאָזט ער זיך אַראָפּ פֿון די טרעפּלעך. די שפּאָרן קלינגען בײַ יעדן טראָט. ער שפּרינגט אַרײַן אין זאָטל, גיט אַ פֿאָכע צו איר מיט דער האַנט.

גאָלדע ענטפֿערט אים אָפּ. קוקט אים נאָך לאַנג, לאַנג, ביז ער פֿאַרשווינדט צווישן די הײַזער.

גאָלדע טוט אָן צוריק דאָס סעקעלע, נעמט דאָס קלומעקל און לאָזט זיך צו דער ברישקע.

כ'געזעגן זיך ניט מיט גאָלדען. אַז איך געזעגן זיך, הייבט מיר אָן וואַרגן אין האַלדז.

כ'לאָז זיך לויפֿן אַהיים. מע דאַרף ברענגען אַרלען פֿון שפּיטאָל. מע עוואַקווירט דעם שפּיטאָל. די געזינטערע טרעטן אָפּ מיט דער אַרמיי. די שווער־פֿאַרווונדעטע און קראַנקע לאָזט מען בײַ די אײַנוווינער. אויסער מיר איז איצטער קיינער ניטאָ בײַ אונדז אין שטוב. דער טאַטע און די מאַמע זײַנען הײַנט, ווי געוויינלעך די לעצטע צײַט, אַוועק פֿאַרטאָג איבער די דערפֿער אויסבײַטן זאַלץ און סאַכאַרין אַף ברויט.

די מאַמע לאָזט קיינמאָל ניט דעם טאַטן איינעם אַליין, זי האָט אים מוירע לאָזן אַליין אין דאָרף.

אַז איך קום צו לויפֿן, טרעף איך שוין לעבן דער שטוב דעם לאַזאַרעט־וואָגן מיטן צוילעם. און אַ אויסגעמאָגערטער, אַ קלייניקער,

זעט זיך קימאט ארל ניט ארויס פונעם אונטערגעבעטן שטרוי אין פון דעם גרויסן קישן, וואָס ליגט אים צוקאָפּנס.

ער גיט אפילע אפ מיר קיין קוק ניט.

— ארל!

ארל שווייגט.

אין דער שטילקייט פון גאַס קלינגען נאָר די שוואָרענעם אַי־בער די לאָדן, — די שכיינים פארהאקן די הייזער.

פארבייַ דעם וואָגן לויפט דורך א שאָטן. ער פארוקט דעם קאָפּ אין די אקסל און קוקט זיך ניט אום.

אפילע די שכיינים, אפילע מיינע באווײרים, — קיינער לויפט זיך ניט צונויף.

מיטן רויטארמייער, וואָס האָט געבראכט ארלען, הייב איך אָן אראָפּנעמען ארלען פון וואָגן. ארל פארמאכט די אויגן, פארבייסט די ליפּן.

ערשט אין אלקער, אז איך לייג אים אוועק אפ דעם נידעריקן הילצערנעם בעט, גיט ער אפ מיר א קוק מיט זיינע קארע אויגן פון אונטער די לאַנגע בלאָנדע הערעלעך פון די ווינעס. בא אונדז אין שטוב זיינען נאָר בא אים די אויגן ניט קיין שווארצע, ווי בא מיר, קארע זיינען זיי און גרויסע ווי פלוימען.

ארל פארוואָרפט דעם קאָפּ. דער קאָפּ איז אָפּגעשווירן.

דאָס פּאָנעם איז קלענער געוואָרן, די הויט ווייסער, דורכזיכ־טיקער. די נאָז איז געוואָרן לענגער.

ער קוקט אפ מיר. וויל עפּעס זאָגן. ער פארמאכט די אויגן. שוויים־טראָפּנדלעך באוויַזן זיך אפ זיין שטערן.

— דעם עמעס. געטראָפן זיך עפּעס?

ער עפנט צוריק די אויגן. קוקט זיך ארום. וויל זיך אופזעצן אפן קישן. דאָס פּאָנעם ווערט אינגאנצן איינגעקרימט:

— און די מאמע?

— אוועק מיטן טאטן נאָך ברויט.

ער הערט מיך אויס. מיט האלב־צוגעמאכטע אויגן קוקט ער אפן פענצטער. דער גראָבער ליפּע־צווייג וויגט זיך קוים־קוים אין די שויבן און פארטונקלט די שטוב.

איך גיס אָן א ביסל אייל אין א דעקל פון א פושקעלע. כ׳שלעפּ ארויס פון דער קאָלדרע א שטיקל וואטע, אפ א קנייטל. כ׳וויל שוין אָנ־צינדן פייער, נאָר ארל ווערט מיטאמאָל אופגערודערט.

עס דערהערט זיך אין דער שטילקייט א צאָקעניש פון טלאָען. די

צאַקעניש ווערט נעענטער. די טלאָענ שטאַרבנ אָפּ לעבנ דער שטוב. ס׳גיט א סקריפּע די טיר אינ פּירהויז. נאָכדעמ הערט זיכ, ווי א פערד שפּאַנט אריבער די שוועל פונ אונדזער קליינינקער שטאַל.

— האָ? — צעעפנט אַרל די אויגנ.

כ׳לויף אַרײַנ אינ קיכ. ס׳עפנט זיכ אנטקעגנ מיר די קיכ־טיר. טרעטנדיק אָפּ די נעזער פונ די שטיוול, גייט אַרײַנ א קאַוואַ־לעריסט. טאקע דער זעלבער, וואָס האָט זיכ הײַנט געזעגנט מיט גאָלדען. בא יעדער טראָט פאַרבײַסט ער די ליפּנ. פאַרזיכטיק, ס׳זאָל זיכ ניט א קלאַפּ געבנ אינ דיל, לאָזט ער פרוער אראָפּ אפּ דער ערד א ברעזענטנ זעקל מיט עפּעס אײַנגעוויקלט אין א זאַכנ, גייט צוריק ארויס אינ שטאַל און ברענגט אָפּ פונ זאָטל א גרויסנ קנויל טעלעפאָנ־דראָט און א בלעכנ קעסטל.

איכ שטיי און קוק אפּ אימ. און ער — ווי ער זאָל מיכ אפילע ניט זענ. איכ דערקענ אימ שוינ זייער גוט. נאָר ער — גאָרניט. ער דרייט זיכ אויס צומ פענצטער, פאַרשאַרט דאָס פאַרהענגל, באַ־טראַכט לאַנג די פאַרנאַכטיקע אָפּגעשטאָרבענע גאַס. הערט זיכ אײַנ אין די רעגעס, ווי אלצ נעענטער, נעענטער וואָיעט דורכ אינ דער שטילקײַט א סנאַריאַד און פאַלט ערגעצ, ווײַזט אויס, ניט ווײַט פונ אונדזער שטוב.

— דודקי, — גיט ער מיטאמאָל צו מיר פריילעכ א זשמורע מיט אנ אויג, — ניט אופגעריסנ זיכ...

— אזוי, אָשערל, — און גיט קונציק צו מיר א קלונג מיט דער צונג.

— כ׳האָב דיכ אויכ דערקענט, — קאָנ איכ זיכ פאַר פרייד ניט געפינענ קיינ אָרט.

— כ׳בינ זייער געריירט.

— כאַווער מאַגיד, מע רופט דיכ גאָר יאָסיפ?

— יאָסל!

— דעמלט ביסטו, מאַגיד, געקומענ דעמ קאָפּ פאַרבונדנ מיט מאַרל׳ע, און איצטער — אָנ מאַרליע.

מאַגידס שמאָל לענגלעכ פּאָנעמ איז איצטער אָפּגעגאָלט, בלוי־לעכ. דאָס היטל מיטנ רויטנ שטערנדל איז ארופגערוקט. די קוטשמע האָר פונ פאָרנט פאַרשטעלט דאָס היטל. דאָס טוזשורעקל איז צע־קנעפּלט. ער גיט זיכ א באַוועג. ס׳גיבנ א קלונג די ניקילירטע רעדע־לעכ פונ די שפּאָרנ.

— עמעס, אָשערל, — גיט ער זיכ א פּיק מיט צוויי פינגער

אין שטערן, — ער איז גאנץ... דער קאָפּ איז דערוועגל א קאָפּ, און מ'עט וואָיעווען, ברודערל...

ער פארכאפט זיך. ווערט באַם וואָרט „וואָיעווען" מיטאַמאָל אָנגעכמורעט. די ברעמען רוקן זיך אַראָפּ איבער די אויגן. ער דער־מאָנט זיך אין עפּעס, ווערט צו מיר אָפּגעפרעמדט:

— דער טאַטע ניטאָ? ניט גוט. געדאַרפט נעמען עפּעס... און אַרלען? געבראַכט?

ניט אויסהערנדיק מיך, לאָזט ער זיך אין צווייטן צימער. ער הייבט אָן טרעטן אַף די שפּיץ פינגער, גייט שטיל אַרײַן, דער־זעט אַרלען. די אונטערשטע ליפּ גיט זיך באַ מאַגידן א רוק אַרויס. ער פאַרקרימט זיך, צעשמייכלט זיך:

— אָפּגעטעסעט זיך א ביסעלע, — זאָגט ער צו אַרלען און גיט א פּיפּ צו.

אַרל לויכט אוף, גיט זיך א קער אוים צו מאַגידן. נאַרוואָס האָט ער קיין קויכעס ניט געהאַט. איצטער גיט ער זיך אליין א ריק אַפן קישן, זעצט זיך קימאַט:

— ווי גוט... וואָס געקומען, מאַגיד... לאַנג שוין?.. — און זײַנע אָפּגעצויגענע פּאָנעם פאַרוויטלט זיך עטוואָס. די אויגן לויכטן אוף מיט א קוים־באַמערקבאַרער פרייליכער ליכטיקײַט.

— ליג, ליג, — פאַרהאַלט אים מאַגיד. מאַגיד קוקט אַף אים, גיט זיך א קנייטש. ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן. ער שטייט אין־מיטן אלקער. די לעצטע זון־שטראַל: דורך די שויבן באַשײַנען נאָר זײַנע פאַרשטויבטע שטיוול מיט די בלישטשענדיקע שפּאָרן. אין שטוב איז טונקל.

כ'וויל אָנצינדן דאָס קאַנעצל. כ'נעם א פּעקעלע שוועבעלעך. כ'גיב א רײַב, נאָר ס'צינדט זיך ניט אָן. מאָדנע שוועבעלעך. אַז זיי צינדן זיך שוין אָן, איז פריער הייבן זיי אָן זשומען, נאָכדעם ווערט א מוירעדיקער געשטאַנק פון זיי.

— מע דאַרף ניט! ליכטיק נאָך, — גייט מאַגיד צו צום טיש און נעמט באַ מיר צו די שוועבעלעך.

ער זעצט זיך אוועק, פאַריכט די צעראַטע אַפן טיש, שאַרט אַראָפּ די ברעקלעך אַפן דיל, שווײַגט.

— מאַגיד, — גיט אַרל א סקריפּע מיטן בעט, און עפּעס שרעק־לעכס באַווײַזט זיך אין זײַנע אויגן, — געזעגענען זיך?.. יאָ?..

אַרל גיט זיך א דריי, ס'פאַלט אַראָפּ די קאָלדרע. ער בלײַבט ליגן אינגאַנצן גרעט.

— יאטוץ, — רעדט מאגיד צו מיר אונ גלײכצײטיק ווינקט ער צו ארלענ, — אשערל, — זאגט ער מיר, — גיב א קוק צומ פערד, ס'איז פארשוויצט, אשערל, דאס פערד. אז עס וועט זיכ אפקילנ, איז גיב מיכ א רופ, מיר'נ עס אנפויענ...

ער רעדט אונ דערוויל פירט ער מיכ פאמעלעכ צו דער טיר, פירט מיכ פעסט.

כ'האב דאפקע פײנט, אז מע שטופט מיכ. נאר כ'ווייס אפילע ניט, צי שטופט ער מיכ, צי מיינט ער טאקע, כ'זאל א קוק טאנ צומ פערד.

מאגיד פארמאכט הינטער מיר די טיר. אז כ'גיי אפ, דערהער איכ, ווי מאגיד הייבט אנ גיינ הינ אונ צוריק איבערנ אלקער. נאכדעמ הייבט ער אנ עפעס ריידנ. נאר ער רעדט אזוי שטיל, אז איכ הער גארניט.

אינ פירהויז גיט צו מיר מאגידס פערד א צי דעמ קאפ. נאר אז כ'וויל עס א גלעט טאנ, גיט עס זיכ א בריקעווע. דאס פערד איז נאס. אונ פערד, אז זיי זײנענ מיד, לאזנ זיי אראפ די אויערנ, די גריווע ווערט צעשויבערט, זיי הייבנ זיכ אנ בײסנ.

— ציאסינקא, ציאס־ציאס, — דערלאנג איכ דעמ א ביסעלע שטרוי. ס'הייבט דעמ אנ קלינגענ דאס צײמל אפ די ציינ. סע הייבט אופ די אויערנ. ווערט גוט צו מיר. פערד האבנ זייער ליב, אז מע איז מיט זיי גוט. אונ אז דאס פערד ווערט צו מיר גוט, וויל איכ שוינ זייער, מע זאל עס אנפויענ.

— כאווער מאגיד, — שרײ איכ פונ פירהויז.

כ'גיי ארײנ אינ קיכ. נאר מאגיד גייט ניט ארויס. כ'הייב דערווײל אנ צעוויקלענ דעמ טעלעפאנ־דראט. כ'צעבינד דאס ברעזענטענע זעקל. דאס זעקל איז פול־אונ־פול מיט דאלאטעס, שנור, מיט הענמערלעכ. כ'הייב אנ שלעפנ א שווער קעסטל. דאס קעסטל איז שווער צו עפענענ. כ'גיב א קלאפ איבערנ דעקל. כ'גיב א גוטנ קלאפ. מאגיד האט, ווײזט אויס, דערהערט.

— ניט וואג! — לויפט ער ארויס צו מיר, — טשעפע ניט! — ציטערט ער אזש אופ אונ נעמט פארזיכטיק צו בא מיר דאס בלעכענע קעסטל.

— ס'ארא יאט דו ביסט, — ווערט ער מיט מיר פרײנטלעכ, — האסט נאכ אלצ ליב געווער, אשערל. קומ נאר, — פירט ער מיכ ארײנ אינ אלקער.

— דעמ עמעס, — זעצט ער זיכ אוועק אונ קוועטשט מיכ צו־

נויפ מיטביידע פיס, — האָסט אינ ערגעצ ניט קיינ שפּיזנ, קוילנ, דראָט?!

— ניינ, — זאָג איכ אימ.

— אַשער, נארסט אָפּ!

ארל קוקט אויכ אפ מיר. זיינ מויל איז א ביסעלע אָפּנ. ער אָטעמט שווער.

— אַשערל, — לאָזט מיכ מאגיד אָפּ, — כ׳פאָר באלד אוועק... ס׳וועלנ ארייַנ די דייַטשנ... געפינענ זיי קוילנ, — מאכסטו אומגליקלעכ די שטוב.

כ׳קריכ ארייַנ צווישנ דער שאפע. צווישנ שפּינוועבס אונ שמאָטעס האָב איכ דאָרטנ באהאלטנ א גרינע פּלאָטשיקע פּושקע, אינ וועלכער מע האלט קוילנ־לענטעס פאר קוילנוואָרפערס. אינ דער פּושקע האלט איכ בלייַענע „אַסקאָלקעס״, עסטרייַכישע פּאטראָנעס אונ נאָכ א סאכ גוטע זאכנ.

מאגיד נעמט בא מיר די פּושקע.

— עכ, אַשער, אַשער! — נעמט ער ארויס די פּאטראָנעס. אינ שפּאלט פונ דער טיר הייבט ער אָנ ארויסבייגנ די קוילנ פונ די הילזעס, שיט אויס דעמ פּולווער.

א פארציטערטער, זע איכ, ווי מאגיד פארוואָרפט דאָס פּאָרהענגל אפנ שטריקל. עפנט דאָס פענצטער. דאָס פענצטער גייט ארויס צומ סאָד. כ׳דערהער, ווי די פּושקע, די הילזעס גיבנ זיכ א קלאפּ אינ די צווייַגנ. ס׳הייבנ אָנ פליענ בלעטער, עטלעכע גרינע עפּעלעכ פאלנ אראָפּ. כ׳לויפ גיכ צו צומ פענצטער. איכ קוק זיכ איינ אינ פארגעדענק דאָס אָרט, וווהינ סע פאלנ מייַנע זאכנ.

כ׳פארקלעמ די ציינ. כ׳וויל זיכ אפילע ניט אויסדרייענ צו מאגידנ. נאָר אז איכ קוק זיכ אומ, פארשטיי איכ שוינ גאָרניט ניט. מאגיד זיצט באמ טיש. ער קוקט אפ מיר ניט. ער רייַסט דאָס שטערנדל פונ היטל. נאָכדעמ בייגט ער זיכ צו צומ דיל. ער שפּילעט אָפּ פונ זייַנע שטיוול פריער איינ שפּאָר, נאָכדעמ דעמ צווייטנ שפּאָר. בלישטשענדיקע, מיט קלינגענדיקע צייַנדלדיקע רעדעלעכ, גיבנ די שפּאָרנ א דרינדזשע, אזוי ווי א ווייַנ, אינ מאגידס הענט. פריער גיט א פלי איינער, נאָכדעמ גיט דער צווייטער א בליאַסק דורכנ פענצטער.

— מאַ־אגיד?!..

— יאָ, אזוי איז מייַנ נאָמענ... — מאכט ער צו מיר.

— וואָ־אָס? — פאַרהיקע איך זיך אויש, — וואָס וואַרפסטו די שפּאָרן?

— האָסט ניט, אַשערל, קיין ראַכמאָנעס אַף פערד. און אַ פערד איז אויך אַ מענטש. אַדאָמ! — קלאַפּט מיר מאַגיד איבער דער פּלייצע און לאַכט צו אַרלען.

נאָר אַרל לאַכט ניט. ער קוקט זיך אַרום, זוכט עפּעס מיט די אויגן איבער די ווענט:

— געפינ, אַשער... גיב מאַגידן דעם טאַטנס פּידזשאַק און די הויזן... און האָב דערפּאַלג, — רעדט ער שוין ניט צו מיר, נאָר צו מאַגידן.

אַרל וויל אים געבנ די האַנט. אַ דאַרע, אַ קינדערשע, רוקט ער זי אַרויס, נאָר באַהאַלט זי צוריק אונטער דער קאָלדרע:

— טיפ בא מיר. ס'איז אָנשטעקנדיק!..

— נאַרישקייטן, — נעמט מאַגיד אָן מיט ביידע הענט אַרלס האַנט.

ער גיט זיך אַ צי דאָס העמדל. ציט אויס ענגער דעם רימען. גיט אַ שלעפּ אַרויף די קאָלעוועס. גיט זיך אַ רײַב אַ האַנט אין אַ האַנט. זײַנע לאַנגע דאַרע פינגער גיבן אַ קנאַק אין דער שטילקייט. ער גיט זיך אַ דריי אַף די אָפּצאַסן.

אין קיך דערלאַנג איך מאַגידן מײַן טאַטנס אָנטאָן. איך האָב אים אפילע מוירע פרעגן, אַף וואָס דאַרף ער מײַן טאַטנס פאַרלאַטעטן פּידזשאַק און הויזן. אַז ער האָט אַזעלכע שיינע גאַליפע און אַזאַ שיינ העמדל.

ניט קוקנדיק אַף מיר, נעמט בא מיר מאַגיד דעם פּידזשאַק, גיט אים אַ שפּרייט אויס איבערן דיל, זעצט זיך אַראָפּ, לייגט אַרײַן אין אים דעם קנויל טעלעפאָנ־דראָט, דאָס קעסטל, די ברעזענטענע טאָרבע. ער מאַכט אַ קלומעק און פאַרבינדט אים מיט די אַרבל.

— אַז עמער פאַראַן?

ער גיט אַ זוך מיט די אויגן, דערזעט דעם עמער וואַסער, וואָס שטייט אין קיך אַפן טאַבורעטל, און גייט מיט אים אַרויס אין פויר־הויז. איך גיי אים נאָך. מאַגיד בינדט אָפּ דאָס פערד, גיט עס אַ גלעט, שטעלט אַוועק אַפן קני דעם עמער וואַסער, הייבט אָן שטיל, שטיל אונטערפײַפן צום פערד. אין דער שטילער טונקלעניש פון שטאָל דערהערט זיך, ווי דאָס פערד זופּט דאָס וואַסער און ווי דאָס צײַמל קלינגט דעם אַף די ציין.

— אַרל איז זייער קראַנק, אַשערל, — גיט מאַגיד אַף מיר אַ

קוק. נאָכדעמ גיט ער א פרווו דעמ זאָטל, שפּאַרט אָנ די קני, ציט ענגער אײַנ די צוויי זאָטל־רימענס, בינדט צו דעמ קלומעק אונטערנ זאָטל, עפנט אופ די שטאַל־טיר, רוקט פריער ארויס דעמ קאָפּ אונ קוקט זיכ ארומ.

אינ גאַס איז אָבער ניטאָ אפּ וואָס צו קוקנ. ס'איז שוינ פינצטערלעכ. סע ברענט אינ ערגעצ אפילע קיינ קאַנעצל ניט. עס באַוויַזט זיכ נאָר פונ ערגעצ נאָכעמ לייטעס. ער גייט מיט געמאָסטענע טריטעלעכ. דער קאָפּ איז אופגעהויבנ. דער שווארצער קארטוז איז אראָפּגערוקט. די לאַנגע שפּיציקע באָרד איז פאַריסנ.

— קכי־קכי, — צעהוסט ער זיכ איבער דער גאַנצער גאַס.

— ווער איז עס? — קוקט אימ מאַגיד נאָכ.

— ס'איז פונ אונדזערע בורזשויעס. ער איז צופרידנ... מ'האָט בא אימ צוגענומענ די פּאַראָווע מיל אונ די קלייט.

— א... — גיט זיכ מאַגיד א קרימ אונ קוקט אימ נאָכ פונ אונטער דער טיר, ביז ער פאַרשווינדט צווישנ די הײַזער.

אפּ דער גאַס ווערט ווידער שטיל. מע שיסט אפילע ניט. אונ אז מע שיסט ניט אונ ס'איז שטיל, איז זייער שרעקלעכ, ס'איז א סימענ, אז ס'איז קיינער ניטאָ. ניטאָ שוינ די באָלשעוויקעס, אונ פונ ערגעצ רוקט זיכ א גרויל — דײַטשנ.

מאַגיד פירט ארויס דאָס פערד. ער זעצט זיכ ניט אופ. ער בלײַבט שטיינ. שפּאַרט זיכ אָנ אינ זאָטל. זײַנ קאָפּ איז איצטער א ביסעלע העכער פונעמ פערד. כ'קוק אפּ מאַגידנ. כ'פאַרגײַס צו אימ דעמ קאָפּ. כ'וויל זייער, מאַגיד זאָל מיר זאָגנ עפּעס פרײַנטלעכס.

— ס'ארא אייגעלעכ, צוציק! — גיט ער מיר א הייב אופ דעמ קאָפּ.

— כ'וויל ניט, — זאָג איכ, — כ'וויל ניט... — אונ איכ קוק אראָפּ אפּ דער ערד. — בלײַבט דאָ, כאַווער מאַגיד...

בא מאַגידנ גיט זיכ א קנייטש איינ זײַט פּאָנעמ. ער גיט א הייב אנ אקסל, גיט מאָדנע צו מיר א שמייכל, ענטפערט מיר ניט, נעמט דאָס פערד פאַרנ צײַמל, פאַרקערעוועט אונטער דער שטוב, צומ סאָד.

— כ'קאָנ ניט, אָשערל!.. קריג מיר בעסער א האַק.

— א האַק?

— יאָ, א האַק.

אז איכ טראָג אימ ארויס די האַק, שטייט שוינ מאַגיד לעבנ פּלויט פונעמ סאָד. ער שטייט ביז איבער די קני אינ קראָפּעווע. דעמ קאָפּ האָט ער פאַריסנ אונ קוקט צו יענער זײַט ביימער. אפילע

דאָס פערד קוקט אויב אהינ. פונ יענער זײַט ביימער איז ארויסגעקראָכנ א שטיק רויטע לעוואָנע. דער הימל איז רויט. א שטיקל בלעכענער דאַך גלאַנצט אינ דער טונקלעניש.

— א נעבטעלע! גאָלד, האַ? — אונ מאַגיד נעמט בא מיר די האַק.

ער רוקט ארײַנ די האַק צווישנ די ברעטער אונ דעם סטויפּטשיק פונעם פּלויט. סע גיבנ א קריץ אינ דער שטילקײַט די ארויסגעקראָכענע טשוועקעס. סע פאַלט אראָפּ איינ ברעט, די צווייטע ברעט.

געווענ — אונ ניטאָ שוינ קיינ פּלויט.

— אפּ וואָס איז?

— גאָרניט, אָשערל. ס'איז א שטויב אפּנ שליאַכ. אונ דורכ די פעלדער, — ס'ארא גוטסקײַט פאָרנ דורכ די פעלדער. עמעס זאָג איכ, וואָס?

— יאָ, — זאָג איכ אים, כאָטש כ'פארשטיי אים ניט. ס'איז אָוונט. קיל. ס'א טוי. ס'איז ניטאָ קיינ שטויב.

ער פירט ארײַנ דאָס פערד אינ סאָד, פארלייגט צוריק די ברעטער, שפּארט זיכ אָנ מיט ביידע הענט אינ פּלויט, ציט מיר אויס פונ יענער זײַט א האַנט.

— נו, זײַ מיר געזונט, אָשערל.

— פאָרט געזונט, — זאָג איכ אים.

פונעם „זײַ־געזונט" ציטער איכ אופּ.

— ווערסט זאָגנ דעם טאַטנ, אז דעם קאָסטיום וועל איכ אים אָפּברענגענ. ער זאָל זיכ ניט זאָרגנ.

ער נעמט דאָס פערד פארנ צײַמל. דאָס פערד הייבט אימ אָנ נאָכגיינ.

אז מאַגיד פארשווינדט צווישנ די ביימער, גיי איכ ארײַנ אינ שטוב. ס'איז פינצטער. כ'קרעכצ אונטער, ווי דער טאַטע. כ'הייב זיכ אָנ רײַבנ א האַנט אינ א האַנט. כ'וויל ניט, אז ארל זאָל מיינענ, אז עפּעס בינ איכ א קליינינקער.

כ'צינד אָנ דאָס קאַנעצל. דער אלקער ווערט פול מיט געלער ציטערדיקער ליכט. כ'דערזע ארלענ. כ'פארוונדער זיכ אזש. ארל ליגט ניט. ער זיצט, ארל.

— אוועקגעפאָרנ?

— דורכ די פעלדער, — זאָג איכ, — מאַגיד האָט ליב פאָרנ דורכ די פעלדער. ער האָט ליב, אז ס'א טוי.

איכ רוק צו א בענקל, איכ פארוואַרפּ א פוס אפּ א פוס. כ'דערפיל זיכ מיטאַמאָל זייער גרויס אונ געזונט. אלנפאַלס ניט קלענער פונ

ארלען. ארל איז אפילע ניט אפ קיין סאך עלטער פון מיר, עלטער אפ א יאָר זעקס, אלט אינגאנצן זעכצן יאָר.

ארל זיצט אפן בעט. זיינע איינגעצויגענע באקן זיינען מיט פליאמעס. זיינע דינע ליפן זיינען פארטריקנט. נאָר די איינגעפאַלענע אויגן ברענען מיט א שרעקלעכער בליאסקענדיקער רויטקייט.

— אַשערל, — האָט ער מער קיין קויעך ניט צו ריידן, שפּארט זיך אָן אין ווענטל, — מיינע פּאפירן... נעם ארויס... אונטערן בעט...

כ׳קריך ארונטער אונטערן בעט. כ׳האָב ביז איצטער אפילע ניט געוווּסט, אַז דאָרטן געפינען זיך פּאפירן. בא אונדז אין שטוב באַהאלט מען פון מיר אויס אלצדינג.

כ׳שלעפּ ארויס א קוישעלע פון אונטערן בעט. איך רוק צו צום בעט דאָס טישל. כ׳וואַרפ ארויס אפן טישל פארשריבענע און ליידיקע העפטן. א געאָגראפיע מיט קארטינקעלעך, א פּעקל צונויפגעבונדענע פּאפירלעך. מאַכדעם גיט עפּעס א גלאנץ, א פאַל און א קלונג.

כ׳בייג זיך אָן — א בלוילעכער בראונינג ליגט אפן דיל.

ארל זאָגט מיר גאָרניט. ער רוקט נאָר ארויס פון אונטער דער קאָלדרע זיין דינע האנט און נעמט בא מיר צו דעם בראונינג. די העפטן, די ביכלעך רוקט ער אָפּ אין א זייט.

אז איך צעבינד דאָס בעקל פּאפירלעך, רוקט ער זיך צו נעענטער צו מיר, באטראכט די שטאמפּן, שטעמפּלען, די קונציקע אונטערשריפטן. הייבט זיי אָן רייסן. ער האָט אָבער קיין קויעך ניט.

— צעריים, — בעט ער מיך.

אפ קליינע, קליינע שטיקלעך הייב איך אָן צערייסן זיינע אלע דאָקומענטן. ארל קוקט אפ מיינע הענט. ער ליגט אפ א זייט. כ׳פיל זיין הייסן אָפּגעהאקטן אָטעם לעבן זיך.

— וואָס טוסטו? — גיט ער מיטאמאָל א צאַפּל אופ און כאפּט מיך אָן בא די הענט, רייסט ארויס בא מיר א ביכעלע.

ס׳איז אפילע ניט קיין ביכעלע, ס׳א שטיקל דינער קארטאָן, צונויפגעלייגט אינצווייען.

— אַ־ש־ער... ס׳איז דאָך... ס׳איז דער בילע־עט? — באטראכט ער מיך מיט גרויסע צעעפנטע אויגן. ער הייבט מיך אָן באטראכטן, ווי ער וואָלט מיך עפּעס ניט דערקענט. ער האלט דעם בילעט מיט ביידע הענט. ער רוקט זיך פון מיר.

— און איך וועל אים באהאלטן, — זאָגט ער שוין שטיל, ווי ער זאָל מיר איינרוימען א סאָד, — איך וועל ווערן געזונט, וועל איך...

— איך וועל ווערן געזונט... — באַזערט ער איבער נאָכאַמאָל, און אַרום מויל קנייטשט זיך בא אים אײַן דאָס פּאָנעם. און ס'איז ניט קיין שמייכל, ס'איז אַ שמוכ אַ שטילער, אַ גליקלעכער. ער ווערט עפּעס רויק. ער ליגט אויפן רוקן. איין האַנט הענגט אַראָפּ. ער קוקט אומבאַוועגלעך אויף דער נידעריקער, אַ ביסל צוגעזעצטער סטעליע. ער קוקט אויפן קרוק, אויף וועלכן ס'זײַנען אַמאָל געהאַנגען אונדזערע וויגעלעך.

— כ'האָב, אַשערל, אַרבעט... אַ סאַך, אַ סאַך אַרבעט...

אויף די שפּיץ פינגער, קעדיי ניט שטערן אים, הייב איך זיך אויף פון בענקל. איך שטוב ווערט פינצטערלעך. כ'גיי צו צום קאַנעצל, כ'רײַס אָפּ דאָס אָפּגעברענטע שטיקל קנויט, וואָס טשאַדעט. ס'ווערט ליכטיקער. ס'ציטערט דער רויך אונטער דער סטעליע, און אַ געלער ליכט־קרײַז וויגט זיך אום איבער אַרלס בעט.

— אַשערל, — הייבט ער אָן ריידן, קוקנדיק אַלץ אויפן קרוק, — פאַרשטייסט? איין מאָל געווען אויפן פּראָנט... איין מאָל, — דרייט ער זיך אויס, הייבט מיר אָן קוקן גלײַך אין די אויגן. — אָנגעהויבן. אָנגעהויבן, און אויס!.. אויס, אַשערל...

ער שטויסט אַראָפּ פון זיך די קאָלדרע. ס'ווערט אים היים. זײַן דורכגעשאָסענער בלוי־געוואָרענער פוס, וואָס מע דאַרף אָפּשנײַדן, איז ווי אַ באַרג. אַרל ליגט אינעם גרעט. אין סאָלדאַטסקן גרעט מיט שוואַרצע שטעמפּלען אויף דעם.

ער ליגט שטיל. נאָר צו ביסלעך הייבט ער זיך אָן רוקן, ציט זיך צונויף, לייגט צו ביידע הענט צום מויל:

— אַ־אַשע־ער, — שלעפּט ער מיך צו צו זיך, — האַלט אונטער, — און באַהאַלט דאָס פּאָנעם אין די הענט, — די סטעליע!.. ס'פאַלט די סטעליע, אַשערל, — פאַררוקט ער זיך און קוקט אַ פאַרציטערטער צום באַלקן.

כ'מיין, אַז ער לאַכט. נאָר אַז איך קוק זיך גוט צו צו אים, דערפיל איך, אַז סע הייבן מיר אָן שטעכן די האָר אין קאָפּ, אַז מורעשקעס לויפן מיר אום איבער דער פּלייצע.

זײַנע רויטע אויגן קריכן פון פּאָנעם. זײַנע אײַנגעפאַלענע באַקן זײַנען פאַרויטלט.

— אַרל, — צעוויין איך זיך, — כ'האָב מורע, אַרל...

אַרום קאָפּ הייבט בא אים אָן נאַס ווערן דאָס קישן. איינציקע ווײַכע הערעלעך הייבן זיך אים אָן צוקלעפּן צום שטערן.

— א דערשטיקעניש, — רײַסט ער אַפּ זיך דאָס העמד, — דאָס פענצטער! ס'איז הייס! — בעט ער זיך.

סאַכאַקאָל איז אין שטוב קיל. נאָר כ'שפּרינג אוף, כ'גיב אַן עפן דאָס אָלקער־פענצטער. כ'עפן אַזוי גיך, אַז סע פּאַרלעשט זיך דאָס קאַנעצל. דאָס גאַנצע אַלקערל ווערט פול מיט שפּרינגענדיקע לעוואָנע־פלעקן. אינעם אָפענעם פענצטער שורעווען און באַוועגן זיך די צונויפגעגאָסענע ליפּע־בלעטער. די בלעטער דעקן צו און דעקן אָפּ די לעוואָנע.

אַרל ליגט אײַנגעגאַנצן א ראַבער אין דער לעוואָנע־ליכט.

כ'צינד אָן א שוועבעלע און מאַך צוריק ליכט. צום ציטערנדיקן פלעמל פונעם קאַנעצל טראָגן זיך אָן באַבעלעך און פליגעלעך. א גאָלדן פילקאָלירּיק באַבעלע גיט א פלאַטער אַרום פײַער, טוט א צאַפּל און פאַלט אַרײַן אין דעם אייל.

איך גיי צו און שפּאַר זיך אָן אינעם פענצטער. אונדזער פענצטער איז, ווײַזט אויס, דאָס איינציקע באַלויכטן אין שטעטל. איבערן שטעטל הענגט נאָר די לעוואָנע. פריער מיט א שאָ איז זי געווען א רויטע. איצטער איז זי א ווײַסע און אַן אָנגעשטשערבעטע.

— אָשערל, — דערהער איך אַרלס פאַרשטיקט קאָל.

— וואָסי?

— קאַלט, — הער איך, ווי סע קלאַפּט אים א צאָן אין א צאָן.

כ'פאַרמאַך צוריק דאָס פענצטער. איך כאַפּ אַראָפּ פון שראַנק דעם טאַטנס מעליקן פעלץ. כ'דעק אַרלען צו. כ'לייג אַפּ אים אָן א גאַנצן באַרג מיט קישנס און קאָלדרעס.

— אוי, — קרעכצט ער אונטערן באַרג, — ווי ס'איז קאַלט!..

זײַנע אײַנגעפאַלנע פּאָנעם ווערט גרינער, אַשיקער. נאָר זײַנע אויגן זײַנען לעבעדיקע. זיי קוקן אַפּ מיר און זעען מיך ניט.

ער הייבט עפּעס אָן ריידן, נאָר כ'פאַרשטיי ניט. ער מאַכט מיט א האַנט אינדערלופטן, טרײַבט עפּעס פון זיך. זײַן שטערן ווערט פול און פול מיט שוויים־טראָפּן.

— אַפּ דער קאַנאַפּע, — ווײַזט ער מיט דער האַנט אַפּן צווייטן צימער, — כ'קאָן ניט... סע שטיקט מיך דאָ...

ער נעמט מיך אַרום מיט ביידע הענט. איך נעם אים אויך אַרום. איך הייב אים אוף. ער איז זייער גרינג. ער האַלט זיך אָן אין מיר. ער שטייט אַפּ איין פוס. מײַן קאָפּ דערלאַנגט אים ביזן אַקסל. פאַמעלעך שלעפּ איך אים און לייג אים אין צווייטן צימער אַפּ דער קאַנאַפּע. ער ליגט עטלעכע רעגעס. ער וויל זיך איבערדרייען,

הייבט זיכ אָנ ווארפנ. דאָס קאנעצל איז אינ אלקער. איכ זע אימ ניט. איכ פיל אימ נאָר.

— ארל, — בעט איכ אימ, — לאָמיר אנשלאָפנ ווערנ.

ארל ענטפערט מיר ניט.

כ׳שפאר זיכ אָנ מיט בײדע הענט אינ דער קאנאפע־פארענטש. כ׳לייג אוועק דאָס פּאָנעמ אפ די הענט, נאָר די אויגנ פארשטעל איכ ניט. איכ קוק אינ פענצטער. א סאכ, א סאכ שטערנ. איכ הער, ווי סע גיט ערגעצ א קרייע א האָנ. אונ ווי פונ ערגעצ ענטפערט אָפּ א צווייטער האָנ.

ס׳איז שוינ, ווײַזט אויס, שפּעט. כ׳פיל, ווי כ׳קאָנ שוינ באלד ניט אופרײַסנ די אויגנ. זיי פארמאכנ זיכ אליינ. כ׳הייב זיכ אָנ דרייענ, קעדיי ניט אנשלאָפנ ווערנ. ארל הייבט זיכ אויכ אָנ דרייענ. אפנ בלויענ פירעק פונעמ פענצטער דערזע איכ דעמ שאָטנ פונ ארלס אויסגעשטרעקטער האנט.

— אָט איז ער, — שרײַט ער אויס.

— ארל, — קאָנ איכ זיכ ניט רירנ פונ שרעק.

— אָט איז ער!.. — זאָגט ער נאָכאמאָל.

זײַנ האנט לאָזט זיכ אראָפּ, טוט א פאל, ער גיט א ציטער.

כ׳רוק זיכ צו צו אימ. כ׳האָב מוירע. כ׳קריכ ארונטער צו אימ אונטער דער קאָלדרע.

כ׳פיל, אז איכ בינ שווער. כ׳געדענק שוינ אפילע ניט, אז ארל איז קראנק. כ׳בינ מיד אונ האָב מוירע. כ׳דריי זיכ צונויפ, ווי א דריידל. כ׳נעמ אימ ארומ מיט בײדע הענט אונ ווער אנשלאָפנ.

איינמאָל נאָר האָב איכ זיכ אופגעכאפט. אינ אלקער איז בלוי. סע טאָגט.

ס׳האָט מיכ אופגעוועקט א טופערײַ אונ א ליאזגערײַ. א סאכ, א סאכ שטיוול־טריט, טלאָענ אונ קוילעס הערנ זיכ ערגעצ פונ שאָסיי.

ס׳זײַנענ שוינ, ווײַזט אויס, ארײַנ די דײַטשנ.

כ׳זעצ זיכ אופ אפנ בעט. איכ הער זיכ נאָכאמאָל אײַנ.

— די דײַטשנ, — דעק איכ אָפּ ארלס פּאָנעמ, — די דײַטשנ, ארל, — שושקע איכ אימ אינ אויער.

נאָר ארל ענטפערט ניט. די אויגנ זײַנענ בא אימ פארמאכט. די אונטערשטע ליפּ א ביסעלע אראָפּגעלאָזנ. ס׳מויל א ביסעלע צעעפנט, ווי ער זאָל שמייכלענ, לאכנ פונ שלאָפּ. איכ נורע זיכ צוריק אײַנ אונטער דער קאָלדרע אונ ווער אנשלאָפנ.

ווײַזט אויס, אז כ׳בינ געשלאָפנ ניט לאנג. כ׳דערהער א געשריי.

פון דערשרעק פאַרוק איך זיך טיפער אונטער דער קאָלדרע און כאַפּ ארום אַרלען נאָך שטאַרקער.

— אַרל!.. — דערהער איך דער מאַמעס קוילעס. די מאַמע כאַפּט מיך אַרום, הייבט מיך אויף. כ'האַלט מיט די הענט אַרומגע־נומען אַרלען, און זי גיט מיך אַ הייב אײנעם מיט אים.

אַרל פאַלט אַרויס אַ טויטער פון מײַנע הענט. זײַן פאַרוואָרפע־נער קאָפּ טוט זיך אַ וויג, גיט זיך אַ קלאַפּ אײנעם קאַנט פון בעט.

די מאַמע גיט אַ קוויטשע. זי לאָזט מיך אָפּ. שרעקלעכע אויגן בײַ דער מאַמען. כ'האָב מוירע פאַר איר. איר שאַלעכל פאַלט אַראָפּ. די האָר צעלאָזן זיך. זי האַלט זיך מיט דער האַנט בײַ די שלייפן און שרײַט. דער טאַטע שטייט אין אַ ווינקל. איך לויף צו און באַהאַלט זיך אין אים.

און אַרום איז שטיל. קיינער רופט זיך ניט אָפּ. אַפילו אונדזערע שכיינים לויפן זיך ניט צונויף.

באַם בריק

איך בין זייער הונגעריק. נאָר דעם טאַטן און דער מאַמען זאָג איך ניט. איך זאָג, אַז איך בין זאַט. כ'וואַרט שוין ניט אויף דער מאַמען. עסן געפין איך זיך אַליין. מיט בולען, מיט מײַן כאַווער, האָב איך נאָך נעכטן אָפּגעגראָבן גײַן געאַנוועגנע קאַרטאָפליעס, און ס'זײַנען שוין פאַראַן אוגערקעס. אויב ניט אויף די גערטנער, וועלן מיר גיין הינטערן שטעטל קלײַבן שטשאַוועל, אָנרײַסן די אונטערשטע ווײַסע שטעקעלעך פון לעפעכעס, אָדער כאַפּן פיש.

בולע וואַרט שוין אויף מיר הינטער דער שטוב. ער האָט מיר שוין אָנגעקלאַפּט איינמאָל אין פענצטער. צוגעפּלעטשט זײַן פאַריסן נעזל צו דער שויב, פאַרמאַכט אַן אייגל און געווונקען צו מיר מיט אַ פינגער, — גערופן מיך אין דרויסן.

— אַנו, בומילע, — האָט אויף מײַן מאַזל אים דערזען דער זיי־דע, — אַזאַ צײַט, — קאָן ער זיך ניט באַרויקן, — פייגעלעך ליגן זיי אין קאָפּ... שפּילעכלעך גייען זיי אויף...

פאַרן זיידן האָב איך קיין מוירע ניט. פאַרן טאַטן און פאַר דער מאַמען האָב איך שוין לאַנג קיין מוירע ניט. נאָר כ'וויל איצטער גאָר־ניט ענטפערן.

איך בין אַפילו ניט אין קאָס אָפן זיידן.

דער זיידע פארלייגט די הענט אפ הינטן, ווארעמט זיך בא דער הרובע. אין דרויסן איז זומער. די הרובע איז קאלט. נאר ער שטייט לעבן דער הרובע. ער שטעלט זיך אלעמאל איבער פון איין פוס אפן צווייטן און האלט זיך אין איין ווארעמען.

מיר ווינען באמ זיידן. בא אונדז איז שטוב האבן מיר איצטער מוירע צו ווינען. דער טאטע און די מאמע זיצן שיווע נאך ארלען.

— לייע, האב ראכמאנעס, — בעט זיך דער זיידע בא דער מאמען, — וועסט אונדז אלע אומגליקלעך מאכן, לייע...

ער וויל ניט, די מאמע זאל ווייגען. מע קאן נאך דערהערן אין דרויסן. מײַן זיידנס שטוב שטייט לעבן סאמע שליאך.

איבערן שליאך, צווישן צוויי רייען נידעריקע פארשלאָסענע הײַזער, האלטן אין איין פארן די דײַטשן. פון די הארמאטן ציטערן די שויבן אין די פענצטער. סע גייען א סאך פוסגייער. אלע גייען זיי מיטן שליאך צו דער סטאנציע. דארטן גרוזעווען זיי זיך אין די וואגאנעס.

—אויסקויקלען זאל אײַך, — שילט דער זיידע די דײַטשן, — איר זאלט אהין ניט דערגיין און צוריק ניט קומען! — און דער זיידע שפּײַט אויס און זאגט זיך אליין „אמיין".

איך שטעל זיך אוועק הינטערן פארהענגל. איך זע, ווי זיי גייען און פארן, די דײַטשן, נאר שילטן שילט איך ניט.

כ'וואלט געוואלט איצטער זײַן א רויטארמייער, אומקערן זיך א פארווונדעטער פון א שלאכט, רײַטן איבער קערפּער פון די דײַטשן אפ א שווארץ פערד, פארן איבערן שטעטל, און מײַן גאנצער קאפּ זאל זײַן פארבאנדאזשעוועט אין ווײַסער, מיט בלוט־פארפלעקטער מארליע.

— נאט, — וואלט איך געזאגט, און אלע קינדער וואלטן מיר מעקאנע געווען. דערוואקסענע מענטשן וואלטן מיך ארומגערינגלט, און די קאמיסארן אליין וואלטן מיר געדריקט די האנט...

איך בין נאך זייער א קלייניקער און וויל זייער זײַן א גרויסער!

כ'וויל זייער און זייער, ס'זאל עמעצן באנק טאן פאר מיר.

דער טאטע און די מאמע זיצן אפ דר'ערד. זיי זיצן אין די זאקן. אפן דיל ליגן עטלעכע קישנס. די מאמע איז אנגעטאן אין שווארצן. און ווײַל די מאמע איז אנגעטאן אין שווארצן, איז זי נאך קלענער און דארער, ווי אלעמאל.

די לינקע איבערגעבראכענע האנט אינעם ווײַסן גיפּס ליגט אפן שווארצן קלייד. איר קלייניק אויסגעטריקנט פּנעם איז ווײַס.

זי ווייסט ניט, די מאמע. זי האָט אָנגעשפּאַרט די רעכטע האַנט אַפן דער קני. אַף דער האַנט האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ. זי וויגט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַף לינקס און אַף רעכטס.

— ווי לאַנג, — זאָגט די מאַמע און קוקט מיט אירע שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגן אין איין פּינטעלע אַף דער סטעליע, — ווי לאַנג האָב איך אַרעלען אויפגעניית דאָס פּליושענע גאַרניטערל מיטן ווײַסן קעלנערל... וויפל כ'האָב אים ניט געקעמט, נאָר זײַנע קוט־שערלעך האָבן זיך אַלץ ניט געקאָנט אוועקלייגן... און וויפל כ'האָב אים ניט געלערנט, האָט ער אַלץ ניט געקאָנט אויסריידן דאָס וואָרט „לעפּעלע". „לעפּעלע" האָט ער אויסגערעדט „פּאַלאַפּעלע".

— איך זאָג אים: אַרעלע, זאָג „לע", — זאָגט ער „לע". זאָג „פּע", — זאָגט ער „פּע". „לע", — זאָגט ער „לע". זאָג איך אים: אַרעלע, זאָג זשע אײַנינעם „לע־פּע־לע". זאָגט ער, מיר זאָל זײַן פֿאַר אים, — „פּאַרלאַ־פּע־לע"...

—לייע, — בעט זיך שוין ווידער דער זיידע, — ניט די איינ־ציקע... ניט די ערשטע זײַנען מיר און ניט די לעצטע...

דער טאַטע בעט אויך דאָס זעלבע. דער טאַטע ליגט אָנגעשפּאַרט אַפן עלנבויגן. ער האָט אַפילו פֿאַרגעסן, אַז ער זיצט אָן אַ היטל. ער הייבט אוף און לאָזט אַראָפּ די ברעמען. עפּעס טײַנעט ער מיט זיך אַליין.

דער טאַטע איז שוין קימאַט ענלעך אַפן זיידן. די באָרד איז גע־וואָרן ווײַסער און לענגער. אַרום די אויגן און אַרום דער נאָז, דאָרטן, וווּ ס'וואַקסט ניט די באָרד, איז דאָס געזיכט אײַנגעפֿאַלן. די אויגן זײַנען בײַ אים טיפֿער געוואָרן.

— ניט די איינציקע, — טרייסט זיך דער זיידע, — ניט די ערשטע און ניט די לעצטע. ניטאָ קיין שטוב אָן אַן אומגליק. בײַ מוישע דעם פּוטערניק, ניט דאָ געדאַכט, אַן איינ־און־איינציקער, און צעריסן, זאָגט מען, פֿון אַ האַרמאַטע. רעפֿאָעל דעם שוסטערס קאַדעש — אוועק מיט די „גרויסע" און מע ווייסט ניט פֿון זײַן געביין... הײַנט יאַנקל מוישע־יאָסיעס, גאָלדע, שײַקע, בעטשעקל... אַלע, אַלע... אָדער געהאַרגעט, אָדער אוועק מיט די „רויטע"... דיר דאָ באַבאַ, קליינ־וואַרג געבליבן, אַלע צעלאָפֿן, צעגאַנגען זיך...

און דערווײַל, בײַם דער זיידע פּאַרעדט זיך, גיי איך אַרויס אין קיך. שטיל, שטיל, די טיר זאָל קיין סקריפּע ניט טאָן, עפֿן איך די שטאַל־טיר. די שטאַל בײַם זיידן איז זייער אַ גרויסע. די שטאַל איז אַ פֿינצטערע. נאָר דורך די שפּאַרונעס פֿונעם טויער שלאָגן זיך דורך

פריילעכע פּאַסן ליכט אָפּ דער אָנגעוואָרפענער שטרוי. כ'עפן אוף די פאַרטקע איך טויער. איך קוק זיך פריער ארום און גיי ארויס.

בולע שפּרינגט אויף פון דער ערד. פון פרייד קראַצט ער זיך מיט ביידע הענט די קיינמאָל ניט פאַרקעמטע סטרונעוואַטע האָר. אַלע־מאָל ברענגט עפּעס בולע. ער איז איינמאָל אַפילו געקומען צו מיר מיט א געפּייגערטער וואָראָנע. באַלעגאַלעס דאַרפן האָבן געפּייגערטע וואָראָנעס. זיי הענגען זיי אויף אין שטאַל איבער די פערד. איצטער האָט בולע געהאַלטן א זיפּ. די זיפּ איז שוין געווען א צעריסענע, און בולע האָט זי פאַרנייט מיט עטלעכע שמאַטקעלעך. ער האָט מיר אָנגעוויזן אָפּ דער זיפּ און פון פרייד ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט.

מיטן קליינדיקן פּאָנעם, ס'קאַרטאָפליע־נעזל פאַריסן, אָנגעטאָן אין א רויט ווייבערש קאַפּטל (א קאַפּטל מיט „בופן", וואָס איז נאָך צו אַלע צאָרעס גרויס אָפּ אים), איז ער געשטאַנען פאַר מיר און געהאַלטן די זיפּ.

— געפונען, — זאָגט ער.

— נו?

— מיר'ן כאַפּן פיש...

די זיפּ איז מיר געפעלן. געווינלעך כאַפּן מיר פיש מיט די העמדער. נאָר מיט די העמדער איז זייער שווער צו כאַפּן. מיט ווענט־קעלעך כאַפּן — קאָן איך אַזויפיל ניט זיצן. מע זיצט און מע זיצט. מע זיצט און מע זיצט. און די פיש, כאָטש הארגע זיי, ווילן זיי ניט גיין אָפּן ווערעמל. און דערלעבט מען שוין יאָ, איז דאָס א פּיאַווקע, אָדער א שליים־פּישל.

א וועלט מיט פּיאַווקעס און מיט שליים־פּישלעך זיינען פאַראַן בא אונדז אין טייך. נאָר א שליים־פּישל איז ווי א וואָרעם — ס'איז גרוי, ס'איז לאַנג, ס'האָט א פּיסקל מיט וואָנצעלעך און האָט ניט קיין ביינער. שליים־פּישלעך קאָן איך ניט אָנקוקן. איך קאָן אויך ניט אָנקוקן די קאָפּ־עקלעך. קאָפּ־עקלעך זיינען קייקעלעך מיט ווידעלעך. פון זיי ווערן פרעש, גרינע פרעש מיט אויסגעראַטשעטע אויגן.

אַמאָל איך א יוויול כאַפּט מען א פּלאַטעצע. אויך ניט קיין גרויסע. ס'א קיילעכיק פישל מיט בולבעוואַטע אייגעלעך און מיט זילבערנע ליסקע. דערפאַר זיינען דאָ א סאַך קלייניקע, לענגעכדיקע פישעלעך, ווי הערינגלעך, וואָס זיינען גרויס ווי א פינגערל. זיי וואַקסן גאָר ניט אויס. אין טייך שווימען זיי שטענדיק בינטלעכוויז. די דאָזיקע פישע־לעך כאַפּ איך, וויפל איך קאָן נאָר.

איכ כאַפּ זיי אָנ א פּול קעסעלע. כ׳לויפ מיט זיי אוועק אהיימ. כ׳לייג זיי אוועק אפּ א סקאָוואָראָדע (מײַנ מאַמע נוצט שוינ ניט דעריבער די סקאָוואָראָדע) אונ פּרעגל זיי אונטער. איכ פּרעגל זיי אפּ גאָרניט, ווײַל ס׳איז ניטאָ אפּ וואָס. די בײַכעלעכ שנײַד איכ ניט אופּ. בולע זאָגט, אז זיי האָבנ אפּילע קיינ קישקעלעכ ניט. אָבי זיי גיבנ זיכ א פּרעגל אונטער, אזוי עס איכ זיי אופּ.

קיינ גרויסע פיש זײַנענ בא אונדז ניטאָ. ס׳איז בא אונדז זייער א שמאָל אונ זייער א שטיל טײַכל.

כאָטש ס׳איז ניט קיינ טיפּ טײַכל, דאָכ, ווי נאָר איכ גיי ארײַנ, ווערנ די פיס פאַריזנעט, דאָס וואסער ווערט אינגאנצנ מוטנע. איכ ווער אזוי בלאָטיק, אז ווענ איכ קומ אהיימ, מיינט די מאַמע, אז איכ בינ ארויסגעקראָכנ פונ א קוימענ.

נאָר פאַראנ ערטער, ווו דער טײַכ איז א ברייטער. דאָס איז אונטער די טאָפּאָלנ, דאָרטנ, ווו עס געפינט זיכ דער גרויסער אײַזנבאַנבריק.

צו דעמ דאָזיקנ בריק גיי איכ מיט בולענ.

אויסער אונדז ביידע גייט קיינער ניט. א הונט לויפט נאָר דורכ אמאָל, פאַרוקט דעמ עק צווישנ די פיס אונ פאַרקריכט אונטער א גאנעק. ווו־ניט־ווו הילכט א שיסערײַ. עמעצער דערהערט אינ א שטוב, ווי איכ רייד מיט בולענ, סע רוקט זיכ ארויס אפּ א רעגע א דערשראָקנ פּאָנעמ, גיט אפּ אונדז א קוק, שפּײַט אויס אונ באהאלט זיכ. א סאַכ הײַזער זײַנענ פאַרקלאַפּט. מע איז זיכ צעלאָפנ. מע האָט מוירע. מע באהאלט זיכ. מיר קאָנענ גיינ, וווהינ מיר ווילנ — מיר קאָנענ רײַסנ עפּל אינ די סעדער, גאנווענענ אינ די גערטנער. ס׳איז קיינער ניטאָ.

איכ אונ בולע האָבנ קיינ מוירע ניט. בולע איז פונ א דאָרפ. זײַנ טאטע־מאַמע אונ זײַנ שוועסטערל האָט מענ דערהארגעט. וווינט ער בא זײַנ באָבענ. פאַר דער באָבענ האָט בולע קיינ מוירע ניט. וואָס בולע וויל, דאָס טוט ער. ער קאָנ אפּילע נעכטיקנ אפּ א גאנעק, קיינער זאָגט אימ גאָרניט.

מיר האָבנ נאָר מוירע פאַרנ שליאַכ, וואָס פירט צו אונדזער וואָקזאַל. אז מע גייט ארויס פונ שטעטל אונ מע וויל ארופּקומענ אפּנ פּעלדער־וועג, וואָס פירט צומ בריק אונ איז באזעצט בא די זײַטנ מיט טאָפּאָלנ, מוז מענ גיכ־גיכ פאַרבײַלויפנ לעבנ שליאַכ. איבערנ שליאַכ פירנ די דײַטשנ הארמאַטנ. נאָכ יעדנ הארמאַט פאָרנ נאָכ א סאַכ צוויי־

רעדלדיקע וועגענער מיט סנאַריאַדן. נאָכדעם גייען ווידער האַרמאַטן, פּוסגייער, קאַוואַליעריע. זיי גייען אַלע צום וואָקזאַל.

די דײַטשן גייען אָנגעטאָן ניט ווי די באָלשעוויקעס. די דײַטשן זײַנען רײַכע און האָבן וואָס צו עסן. זיי טראָגן בליאַסקענדיקע קאַסקעס. זייערע פערד זײַנען אויך שענערע.

בײַ די באָלשעוויקעס זײַנען ניטאָ אַזעלכע פערד. די פערד בײַ די באָלשעוויקעס זײַנען אויסגעמאַטערטע, מאָגערע, קלענערע. די רויט־אַרמייער גייען אָפּגעריסן.

די באָלשעוויקעס האָבן מיר אָבער ליב, און די דײַטשן האָבן מיר פֿײַנט. מיר ווילן אַפילו ניט קוקן, ווי זיי גייען. בײַם סאָף שטעטל לויפן מיר פֿאַרבײַ דעם שליאַך און לאָזן זיך צום פעלדער־וועג הינטער די טאָפּאָלן.

הינטער די טאָפּאָלן זײַנען שוין ניטאָ קיין ייִדישע הײַזער מיט שינדל־דעכער און אויסגעשלאָגענע שויבן. עס שטייען ווײַסע שטיבעלעך, געדעקטע מיט שטרוי, עס הייבן זיך אָן טוווע־פעלדער. רעכטס פון אונדז, ווײַט־ווײַט, פאַרשטעלט פון די זאַנגען, זעט זיך דער רויטער דאַך מיט די צוויי ווײַסע קוימענדלעך פון אינדזער קליין געמויערט וואָקזאַלכל.

הויכע און זייער גראָבע טאָפּאָלן, די צווײַגן אויסגעצויגן אַרויף־צו צום הייסן זומערדיקן הימל, פאַרשטעלן פון בײדע זײַטן דעם פעלדער־וועג, דורך וועלכן מיר גייען.

די טאָפּאָלן זײַנען פול און פול מיט ראָבן. דאָ לעבן זיי. אַלע צווײַגן זײַנען באַדעקט מיט זייערע קײַלעכיקע נעסטן. די ערד אונטער די ביימער, די צווײַגן — אַלץ איז דאָ ווײַס פון זייער מיסט.

גלײַכגילטיק קאָנען מיר ניט דורכגיין. בולע גיט אין זיי אַ וואָרף אַ שטיין. ס'ווערט אַ מוירעדיקע קראַקערײַ. זיי הייבן זיך אויף איבער די ביימער, פליִען אַוועק, קערן זיך אום, קאָנען זיך לאַנג, לאַנג ניט באַרויִקן.

און שטענדיק איז דאָ אַזוי. דעם גאַנצן זומער וווינען זיי דאָ. אַז ס'ווערט האַרבסט, פאַרלאָזן זיי די טאָפּאָלן און פליִען אַוועק אויף די פעלדער פראַווען כאַסענעס. סוף האַרבסט פאַרלאָזן זיי די פעלדער און קלײַבן זיך איבער אין שטעטל, דערהויפּט אויפן קלויסטער. ראָבן, סאָראָקעס, גאַלקעס היטן דעמלט אויף די טירן און, ווי אַ היישעריק, וואַרפן זיי זיך אַרויף אויף יעדער פּאַמעניצע, וואָס מע גיסט אַרויס.

פרילינג פליִען זיי אַוועק צוריק אויף די טאָפּאָלן.

אזוי האָבן מיר גאָרניט צו די ראָבן, נאָר מיר האָבן זיי פּײַנט, ווײַל זיי זײַנען שווארצ און ווײַל זיי קראקען. מע עסט זיי אפילע ניט. בולע האָט שוין געפּרווט, זאָגט ער, אז ראָבן־פלייש איז אזוי ווי קאַלאָשן.

מיר גייען אראָפּ פון וועג, פארקערעווען רעכטס, אין טאָל ארײַן.

מיט א קוים אײַנגעטראָטענער פעלד־סטעזשקע לאָזן מיר זיך צום בריק. די סטעזשקע איז פארוואקסן מיט איינציקע זאנגען, מיט קוסטעס, קווייטעלעך און מיט וועג־בלעטלעך.

ארום אונדז כוואליעט זיך קאָרן. און וואו־ניט־ווו זעען זיך צע־וואָרפענע ביימער, ווילדע פעלד־באַרלעך און איינצלנע קוסטעס. נע־ענטער צום בריק זײַנען שוין קיין זאנגען ניטאָ. אָפּ דער נין־ערי־קער ערד וואקסן נאָר אָסאָקע, לעפּעכעס, ווערבעס, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אינעם אומבאוועגלעכן לויטערן טײַכל.

צווישן די ווערבעס און דעם הויכן לאָנקע־גראָז ציט זיך דער הויכער אָנשיט פון דער אײַזנבאן־ליניע. דער אָנשיט איז פון זאמד. א געלער, מיט גלאנציקע צוויי רעלסן און מיט א סעמאפאָר, ציט זיך דער אָנשיט ערגעצ אין דער וועלט ארײַן.

לעבן סעמאפאָר הייבט זיך אָן דער בריק. דער בריק איז זייער א שיינער. ער שטייט אָפּ צוויי הויכע שטיינערנע „ביקעס". פון ביי־דע זײַטן — אײַזערנע פארענטשעס. שטענדיק היט מען אים, דעם בריק. איצטער היט אים א דײַטשישער סאָלדאט. די סטעזשקע, וואָס פירט צו אים, איז א שמאָלינקע. בולע גייט דער ערשטער, און איך גיי פון הינטן. פון זינט מיר האָבן אָנגעהויבן גיין מיט דער סטעזשקע, זעען מיר גאָרניט. מיר זעען אפילע זיך אליין ניט ארוים. מיר זעען נאָר די געדיכטע קעפּעלעך פון קאָרן, די גרינלעכע שטענגעלעך פון די זאנגען. א סאך, א סאך קאָרן־שוועסטערלעך זעען מיר נאָך צווישן די שטענגעלעך. מער זעען מיר גאָרניט. און ווײַל מיר האָבן גאָרניט געזען, איז עס געשען.

בולע איז געגאנגען פאָרפרױער. און בולע האָט פון שטענדיק א נאטור שמעקן מיטן נעזל און שטענדיק עפּעס זוכן.

דאָס סטעזשקעלע האָט זיך פּונקט פארקערעוועט. באַם אָרט, ווו־סע פארקערעוועט זיך דאָס סטעזשקעלע, וואקסן קוסטעס, וועלכע מיר האָבן ניט געזען צוליב די זאנגען.

בולע האָט פארקערעוועט און איז שטיין געבליבן. ער האָט זיך א דריי געטאָן צו מיר, אויסגעראטשעט די אויגן און פארשטעלט זיך מיט דער האנט דאָס מויל. כ'בין צוגעגאנגען נעענטער און אויך

דערזענ. סע רעדט זיכ „דערזענ". כ'האָב געמיינט, אז איכ שטארב פונ דערשרעק.

א מענטש איז געשטאנענ הינטער א קוסט, צו אונדז מיט דער פלייצע, געשטאנענ מיט א בינאָקל אונ געקוקט צום בריק.

בא בולענ איז ארויסגעפאלנ די זיפ פונ דער האנט. די זיפ האָט זיכ א קלאפ געטאָנ אינ דער ערד אונ, אפ אונדזער אומגליק, זיכ גענומענ קייקלענ.

דער מענטש האָט אופגעציטערט. דאָס היטל איז אימ אראָפגעפאלנ. ער האָט זיכ צוגעזועצט, זיכ א דריי געטאָנ צו אונדז, א רוק געטאָנ די האנט אינ קעשענע. עפּעס שטאָלנס, קלינגענדיקס האָט זיכ דערהערט אינ דער שטילקייט.

ער רירט זיכ ניט. מיר רירנ זיכ אויכ ניט. דער מענטש קוקט אפ מיר, ציט ארײַנ דעמ קאָפ אינ די אקסל. זײַנע אויגנ זײַנענ ברייט צעעפנט. די ווײַסלענ קריכנ אימ פונ די אויגנ־לעכער. די קײַלעכלעכ פונ די שווארצאפלענ ברענענ. די ברעמענ זײַנענ אופגעהויבנ. דער שטערנ — אײַנגעקנייטשט. די אונטערשטע ליפ — פארביסנ.

איכ קוק אפ אימ, אונ ער קוקט אפ מיר. איכ קוק אפ אימ, אונ ער איז מיר זייער קענטלעכ.

צוביסלעכ לאָזנ זיכ אראָפ בא אימ די ברעמענ. זײַנ שטערנ ווערט גלאטער. די אויגנ ווערנ פארווונדערטער, קלענער. נאָכדעמ ווערנ זיי ווידעראמאָל גרעסער, ווערנ פרייליכער.

— עכ, אינ דר'ערד, — גיט ער זיכ מיטאמאָל א קראצ אינ קאָפ, — אשערל, א געזונט! נאָכ פיש. הא?

— מא־מא־אגיד! — לויפ איכ צו. אונ ווײַל איכ בינ דערשראָקנ, אונ ווײַל ס'איז מיר גוט, טאקע דערפאר, ווײַל ס'איז מיר זייער גוט געוואָרנ, פיל איכ, אז איכ קאָנ ניט אויסהאלטנ, אז ס'זײַנענ מיר פול געוואָרנ די אויגנ. ס'איז אָבער ניט שיינ. ס'איז ניט שיינ, אזא יינגל, ווי איכ, זאָל וויינענ.

— ארל שוינ ניטאָ, — טוליע איכ זיכ צו אימ. איכ זאָג עס, קעדיי ער זאָל מיינענ, אז איכ וויינ צוליב ארלענ.

— נ־דא־א, — גיט ער אפ מיר א קוק. מאגידס פּנעמ ווערט אָנגעכמורעט. ער בלײַבט זיצנ מיט ביידע הענט ארומגענומענ די קניעס.

בולע האָט זיכ אויכ אוועקגעזעצט. ער קוקט אפ מיר, אפ מאגידנ, שמאָרעט מיטנ נעזל אונ קאלופּעט די ערד מיט א פינגער.

איך קוק זיך ארום. איך דערזע, ווי צווישן אונדזערע קוסטעס, אין א גרוב, שטייט מאגידס אָנגעזאָטלט פערד. דאָס פערד איז צוגעבונדן. ס'איז היים דעם פערד. עס האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז און מאכט ארוף און אראָפּ מיטן קאָפּ. עס קלינגט מיטן צײַמל, און ס'צײַמל איז באדעקט מיט שוים, ווי מיט סמעטענע.

לעבן מאגידן ליגט א ביקס. מאגיד זעט שוין ניט אויס, ווי ער האָט אויסגעזען אמאָל. זײַן פּנים איז ניט געגאָלט. זײַן לענגלעך שמאָל געזיכט איז פארוואקסן מיט שווארצע שטעכלקעס. זײַנע אויגן זײַנען רויטלעך, און דער שטערן איז נאס און גלאנצט. דערהויפּט וווּנדערט מיך אָבער, וואָס מאגיד גייט אזוי אָנגעטאָן. פריִער איז ער געגאנגען אין בלאָע הויזן גאליפע, זײַנע הויזן זײַנען געווען אונטערגענייט מיט געלע לעדערנע „לייעס". ער האָט געטראָגן א גרינע העמדל מיט רויטע אָנגענייטע פּאסיקלעך. אפן העמדל האָט ער נאָך געטראָגן א לעדערנעם פּידזשאקל. א קליין רעוואָלווערל האָט ער נאָך געטראָגן אפן רימען. איצטער איז מאגיד אָנגעטאָן אין א פארלאטעטן פּידזשאק. איך דערקען זייער גוט, אז ס'איז מײַן טאַטנס קאָרטענער פּידזשאק און מײַן טאטנס געלאטעטע הויזן. דער פּידזשאק איז זייער ברייט אף אים, די הויזן — אויך. ס'טוט מיר בעעמעס באנק.

— כאווער מאגיד, — באטראכט איך אים פון קאָפּ ביז די פיס, — פארוואָס גייט איר ניט אין גאליפע? פארוואָס טראָגט איר מײַן טאטנס פּידזשאק?

— הא? — כאפּט ער זיך אוף, — ס'איז גאָרניט... און דו אָשערל, ביסט דאָך א ספּארטאקאָוועץ... א גרויס יינגעלע... איז ווער האָט פארנומען אונדזער שטעטל?

— די בורזשויען, — זאָגט בולע.

— די דײַטשן, — ענטפער איך און רוק זיך צו נעענטער צו מאגידן.

— און אז די דײַטשן זײַנען אין שטעטל און אז זיי וועלן דערזען אין שטעטל א מענטשן מיט א רויט שטערנדל. איז וואָס וועלן זיי טאָן מיט דעם מענטשן?

— הארגענען וועלן זיי אים, כאווער מאגיד.

— ניט הארגענען, — זאָגט בולע. בולע איז געווען איינמאָל באם וואָקזאל. בולע דערציילט, ווי ס'איז דאָרט געבליבן א קיטײַעץ, א קיטײַעץ מיט א רויט שטערנדל און אין גאליפע־הויזן,

האָבנ די דײַטשנ אימ געכאַפּט אונ מיט א מעסער אימ אויסגעשניטנ א רויטנ שטערנ אפנ האַרצנ.

— איז פאַרוואָס, כאַווער מאַגיד, זײַנענ אַלע באָלשעוויקעס אַוועקגעגאַנגענ, אונ איר זײַט געבליבנ?

— ע, אָשערל! אַזוי גאָר! פאַרוואָס געבליבנ?.. — אונ מאַגיד קנײטשט זיכ, ער זאָגט מיר, אַז דאָס פערד זײַז מיד, אַז ער איז אַנשלאָפנ געוואָרנ... אַז... אַז...

נאָר עפּעס קאָנ עס ניט זײַנ. אַז די רויטע אַרמײ איז אָפּגעטראָטנ, זײַנענ אַלע אַוועקגעגאַנגענ. מ'איז געגאַנגענ צופוס. מ'איז געפאָרנ מיט פורנ. נאָר די קלײנינקע אונ גאָר די אַלטע זײַנענ איבערגעבליבנ...

— אונ דו, — מאַכט ער מיטאַמאָל צו מיר, — פאַרוואָס ביסטו געבליבנ?

— איכ בינ נאָכ א קלײנינקער. אַז כ'וועל ווערנ א גרויסער, וועל איכ אויכ אַוועקגײנ מיט דער רויטער אַרמײ, אויכ ניט בלײַבנ בײַ די דײַטשנ...

— וואָ־אָס? — פאַרזשמורענ זיכ בײַ מאַגידנ די אויגנ, אונ נאָר אַרומ מויל ווערט פול דאָס פּאָנעמ מיט געלעכטער, — וואָס האָסטו, אָשערל, געזאָגט?

— כאַ־כאַ, — צעלאַכט ער זיכ פרײלעכ. נאָר פאַרכאַפּט זיכ מיטאַמאָל. — וואָס? די דײַטשנ, מײנסטו, וועלנ נאָכ דערלעבנ דיכ זענ אַנ אויסגעוואַקסענעמ?!.. נײנ, אָשערל, — מאַכט ער צו מיר מיטנ פינגער, — נײנ... זײ זאָלנ אפילע אײַנעמענ די מיסעמעשונע...

— האַ? אונ דו וואָס זאָגסט, יאַט? — גיט ער א קוק אפּ בולענ.

— איכ הײס בולע, ניט יאַט, — אונ בולע איז צופרידנ. אַז בולע איז צופרידנ, קנײטשט זיכ בײַ אימ דאָס נעזל. — כי — מאַכט ער. ער איז ניט געוווינט, גרויסע מענטשנ זאָלנ גוט מיט אימ רײדנ.

— קומט אויס, הײסט עס, אַז איר בענקט נאָכ די באָלשעוויקעס?

— אַוואַדע!

— אַוואַדע, — שפּרינג איכ אופ, — כ'האָב פײַנט די דײַטשנ... פײַנט האָב איכ זײ... — איכ שטעל זיכ אופ, כ'מאַכ מיט די הענט, אַז כ'האָב זײ פײַנט, — אונ ווענ איכ וועל ווערנ א גרויסער...

— ש־שאַ, — שלעפּט מיכ מאַגיד צו צו זיכ, — זעצ זיכ

אוועק! — מאגיד ציטערט אוף פון מײַן הויך ריידן. ס׳איז בא מיר אזא געוווינשאפט — כ׳רייד הויך און זייער גיך.

— אַשערל, — גיט מיר מאגיד צו פארשטיין, — מע דאַרף זיצן, באהאלט זיך אין שאָטן. מע טאָר ניט שטיין אף דער זון. מע טאָר ניט שרײַען. ס׳הייבט אָן זייער ווי טאָן דער קאָפּ.

מיר ליגן אינדרײַען אונטערן קוסט. א זאנג שורעוועט זיך אין א זאנג. ווי אַלעמאָל אין הייסע זומערדיקע טעג, טראָגן זיך אינדער־לופטן ווײַסע פעדעמער פון שפינוועבס. א לערבע־פייגעלע, מאכנדיק גיך־גיך מיט די פליגעלעך, הענגט עטלעכע רעגעס אינדערלופטן, און נאָכדעם גיט זיך עס א וואלגער — און בלײַבט ניט אין דער טוועע. פרעש רופן זיך איבער אינעם נאָענטן טײַכל. סע הייבט אָן איינער, א צווייטער, א דריטער.

מאגיד ליגט אפן רוקן. ער האָט אונטערגעלייגטביידע הענט אונטערן קאָפּ און קוקט אין הימל אַרײַן.

— א וויל לאנד אוקראַינע, עך, א ווילס, קינדער, — און דרייט זיך איבער מיטאמאָל, בלײַבט ליגן אפן בויך, שפּארט אונטער מיט ביידע הענט דאָס פּאָנעם.

— א סאך דײַטשן אין שטעטל?

— אוך, א סאך, — ענטפער איך.

— הארמאטן, — זאָגט בולע.

— א סאך הארמאטן.

— א סאך פערד.

— בעסערע פערד, ווי בא די באָלשעוויקעס, — שרײַט בולע און איז צופרידן, וואָס מאגיד דערפרעגט זיך בא אים, — זיי פאָרן צום וואָקזאל. גרוזעווען זיך אין רויטע וואגאָנעס. אין וואגאָנעס מיט ברייטע טירן...

— און אף פלאַטשאדקעס... — וויל איך ניט, בולע זאָל אליין אויסדערציילן.

נאָר מאגיד הערט אונדז עפּעס ניט. ער שטעלט זיך אוועק אף די קני, ער קוקט זיך אום. דורך די שיטערע לענגעכדיקע בלעטער פון די ווערבע־קוסטעס זעט זיך דער סעמאפאָר און דער אײַזנבאַן־בריק. הין־און־צוריק גייט אום איבערן בריק א סאָלדאט. פון דער ווײַטער סטאנציע הערט זיך אין דער שטילקײַט, ווי סע קלינגען זיך איבער די וואגאָנעס מיט די בופערן. א צוג פײַפט פון דאָרטן. זייער לאנג שטארבט אָפּ דער פײַף אין דער שטילער זומערדיקער לופט.

מאגיד ווערט אומרויק. ער פארקאטשעט אן ארבל. אף דער האנט

טראָגט ער א גרויסן זייגער. ער גיט אַפּ אים א קוק. אויך מאָל, נאָך א מאָל. ער קריכט צו צום פערד, בינדט עס אָפּ, בינדט עס צוריק צו. ער נעמט אין האנט א ריטעלע, קוקט אַפּ אונדז, באמערקט אפילע ניט, אז ער צעברעכט דאָס ריטעלע אַפּ קליינע, קליינע שטיקעלעך.

— איז וואָס, — זאָגט ער, — זיצט איר? וואָס גייט איר ניט אהיים? — הייבט ער אונדז אָן עפּעס מאָדנע באטראכטן, לייגט צו די האנט צום אויער און הערט זיך עפּעס איַין.

— ניט אהיים! צום בריק גיי איך, — פארשטיי איך אים ניט.

— ניין! — נעמט ער מיך אָן בא דער האנט און ווערט זייער שטרענג, — מע דארף ניט... מע טאָר ניט צום בריק... ניט שיין איצטער כאפּן פיש...

— און איך וועל גיין, — הייבט זיך בולע אָן אָפּרוקן. בולע כאַפּט די זיפּ. ער שטעלט זיך אוף און וויל שוין אָנהייבן לויפן.

— יאַ־אָט, — ציטערט מאגיד אוף. זיַינע אויגן ווערן פארגליווערט. א קנייטש לייגט זיך אָפּ צווישן די ברעמען, און די פינגער פארדרייען זיך אים.

— זיץ! — גיט מאגיד א קלאַפּ מיטן פויסט אין דער ערד.

בולע זעצט זיך. ער איז דערשראָקן. ער קוקט פון א זיַיט אַפּ מאַגידן, גרייט יעדער רעגע צו אנטלויפן. איך רוק זיך אויך אָפּ פון מאגידן.

— ס'אַרא יאַטן איר זיַיט, — צענעמען זיך בא אים עטוואָס די ליפּן, און א קוים־באמערקבארער שמייכל באוויַיזט זיך אַפּ זיַינע ניט געגאָלט אָנגעשטרענגטע פּאָנעם, — איר האָט מוירע פאר מיר?

— ניין, — רוק איך זיך אָפּ פון אים וויַיטער.

— מיילע,—הייבט מאגיד ווידער אוף א ריטעלע. גיט מיט דעם א פּאָכע. ס'גיט א פיַיפּ אינדערלופטן. — וועל איך אוועקפאָרן... אָבער שווער אָנטריַיבן מיט אזא ריטעלע... וועגן כ'קריג א נאהיַיקע!

מאגידס פּאָנעם ווערט עטוואָס פרייליכער. ער רוקט זיך צו. ער לייגט מיר ארוף די הענט אַפּן אקסל:

— קענסט דאָך, אָשערל, פּלעכטן נאהיַיקעס? אראָפּניקלעך פון טעלעפאָן־דראָט?

כ'פארשטיי ניט, וואָס עפּעס טעלעפאָן־דראָט. מיר האָבן דאָך גע־רעדט פון פיש. און סע וואונדערט מיך נאָך אָפּ מאגידן — ס'איז דען מעגלעך קריגן בא די דיַיטשן טעלעפאָן־דראָט?

— וואָס? — דערפרייט זיך מיטאמאָל מאגיד, — איר האָט ניט

קיין טעלעפאָן־דראָט? עב, אָשערל, אָשערל, און נאָך א ספּאַרטאַקאָ־
ווּעצ.

דערהערט וועגן טעלעפאָן־דראָט, קאָן איך ניט איינזיצן. בולע
ווייסט ניט וווּ זיך אהינצוטאָן פון פרייד. ס'אַרא קויעב סע שטעקט
אינעם דראָט. און ניט נאָר אין דראָט. סאָלדאַטישע היטלען, שטערנ־
דלעך, קוילן, גאַז־מאַסקעס, שפּיזן פון ביקסן, „אָסקאָלקעס" פון
שראַפּנעלן, הילזעס — אַלע, אַלע זאַכן, מיט וועלכע מע האָט צו טאָן
אין מילכאָמעס, באַגײַסטערן מיך, און איך שטאַרב נאָך זיי.

נאָר מאַגיד ציט די נעשאָמע. ער קוקט אַף אונדז לאַנג־לאַנג.
זײַן פּאָנעם ווערט פריילעכער. און עפּשער גאָר ניט פריילעכער.

— ניט געכאַפּט זיך, יאַטן! דער דראָט וועט אײַך סטײַען און
סטײַען. נאָר פאַרגעסן, — גיט זיך מאַגיד א רײַב דעם שטערן, —
דעם טײַך ארום בריק ווייסט איר דאָך, האַ?

ס'איז פּאָשעט א געלעכטער. שײַעך, צי מיר ווייסן דעם טײַך.
בולע צעלאַכט זיך אַפּילע.

— אוואַדע, — און ער רוקט זיך נעענטער צו מאַגידן.

— פאַרשטייט זיך, — זאָג איך, — אַז מיר ווייסן.

— אויב אַזוי, איז זייער גוט. נאָר ניט געכאַפּט, קינדער. די ווע־
בע ווייסט איר? וואָס לינקער פון בריק, כ'מיין יענע, די אַלטע ווערבע,
וואָס איז אונטן אויסגעהוילט, וואָס אירע וואָרצלען סטאַרטשען, אונ־
טערגעשווענקטע פון דעם וואַסער? איר ווייסט וועלכע?

— א יענע, — ענטפער איך, — וואָס נאָך צוויי ווערבעס וואַקסן
ארוים פון איר? כ'ווייס, — זאָג איך. און בולע זאָגט אויך, אַז
ער ווייסט.

— ס'איז דאָך אָבער ווײַט, ס'איז דאָך זייער ווײַט פון בריק,
כאַוועטר מאַגיד.

מאַגיד הייבט זיך ווידעראַמאָל אָן אומקוקן. זײַנע אויגן ווערן
גרעסער, דאָס פּאָנעם — שטרענגער. ער רעדט אָפּגעהאַקטער, צע־
נעמט די צווײַגן, נעמט ווידער קוקן אַפן בריק.

סע גיבן א שורעווע די בלעטער. ס'גיבן זיך א כוואַליע ארום
אונדז די זאַנגען. מאַגידס פערד טרייסלט מיטן קאָפּ. דעם פערדס
צײַמל גיט א קלונג אין דער שטילקייט.

— נישקאָשע, קינדער, דאָרטן זײַנען אויך דאָ פיש.

מאַגיד נעמט אָן דאָס פערד בײַ דער מאָרדע, ער האַלט עס צו.

— איז אָט, דאָרטן טאַקע, לעבן דער ווערבע איז דער דראָט...
זייער א סאַך. נאָר... איר ווייסט... איר האָט דאָך געזען... די רויט־

ארמייער, אז זיי דארפֿן אופֿוויקלען דראָט, איז אַפֿ אַ „קלעצעלע״.

— יאָ, — זאָג איך אים נאָך סוידעסדיק. — מע דרייט אַ הענ־טעלע. אז מע דרייט דאָס הענטעלע, דרייט זיך אָן דער דראָט.

— אָט־אָט, אלצדינג וויסטו, אָשערל. נאָר מיט די הענט ניט שלעפּן. שלעפּן טאָר מען ניט. מע דאַרף דעם דראָט אופֿדרייען אַפֿן „קלעצעלע״. נאָר מע דאַרף עס טאָן שטיל. איר הערט, קינדער? זייער שטיל. די דײַטשן זײַנען שלעכטע. זיי גייען אום אַפֿן בריק... איך לאָך פֿון דער ווערבע ליגט דאָס „קלעצעלע״. איר וועט דרייען דאָס הענטעלע. וועט זיך אָנדרייען דער דראָט... איז גיך, קינדער!..

איך מיט בולען גיבן זיך אַ הייב. מיר ווילן זיך לאָזן גיין. מאַגיד נעמט אָן מײַן פּאַנעם מיט ביידע הענט, ציט מיך צו נעענטער צו זיך:

— אָשערל, האָסט זיי פֿײַנט... שיווע זיצט מען, טײַערער... נאָר זײַן וועט אָפּגעצאָלט! אָפּגעצאָלט וועט זײַן!..

ער קוקט מיר גלײַך אין די אויגן. כ׳האָב זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע טיפֿע און טרויעריקע. ער גיט אַ שלעפּ צו זיך בולען. ער נעמט אונדז ביידע ארום. איך דערפֿיל אַפֿ מײַן באַק זײַן שטעכיק ניט־געגאָלט פּאָנעם. ער האָט מיך, דאַכט זיך, אַ קוש געטאָן.

— איז גייט, קינדער, גייט! און איך וועל וואַרטן אַפֿ אײַך.

ער קערט זיך אָפּ, דרייט זיך אוים צום פֿערד, פֿאַרשווינדט.

איך האַלט זיך קוים אײַן ניט אָנצוהייבן לויפֿן. סע ווילט זיך מיר לויפֿן, ווײַל איך וויל שוין גיכער זען דעם דראָט און ווײַל ס׳איז מיר זייער פֿריילעך. כ׳האָב זייער ליב מאַגידן.

כ׳לאָז זיך מיט בולען צום בריק.

נעענטער צום בריק־צו וואַקסט שוין אָסאָקע. דאָס גראָז איז הויך. סע וואַקסן לעפּעכעס, ווערבעס, קליאָנען. ביזן האַלדז טרינקען מיר זיך אײַנעם גראָז. די ערד איז נאַס, ווייך און קוועטשט זיך דורך צווישן די פֿינגער פֿון די פֿיס און קוויטשעט. מיר שרעקן איבער אַ פֿראָש. דער פֿראָש גיט זיך אַ וואַלגער. לאַנג, לאַנג צעגייען זיך די רעדער איבערן וואַסער. די גרויסע ברייטע בלעטער אַפֿ לאַנגע דינע שטענ־געלעך צעוויגן זיך אַפֿ דער אויבערפֿלאַך, און נאָכדעם ווערט ווידער שטיל. און אַז סע ווערט אינגאַנצן שטיל, זעען מיר, ווי די ביימער, דער הימל, דער אָנשיט, — אַלץ, אַלץ שפּיגלט זיך אַפֿ אײַנעם וואַסער. און אַלצדינג איז מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַפֿילע איך מיט בולען. און אַפֿילע דער בריק. די גרויסע צוויי גראַניטענע „ביקעס״, וואָס האַלטן אים אוף, שפּיגלען זיך אַפֿ און זעען אוים צוויי מאָל גרעסער. סע זעען

זיכ אויכ די שפּאָלעס, די פֿאַרענטשעס אינעם טײַכ. אפילע דער דײַטשישער סאָלדאט גייט ארום מיטנ קאָפּ אינעם וואסער.

מיר זעענ דורכ די בלעטער זייער גוט דעמ סאָלדאט. ער גייט זיכ ארום אינ שווערע אונטערגעקאָוועטע שיכ. ער האלט א ביקס אונטער דער פּאכווע אונ קוקט. ער האלט אינ אייג קוקנ.

אונדז אָבער זעט ער ניט, דער סאָלדאט. דאָס גראָז איז הויכ אונ פֿארשטעלט אונדז, ווענ מיר גייענ גיכ־גיכ פֿארבײַ דעמ בריק. דער גרויסער ווערבע־בוימ וואקסט ניט לעבנ בריק. ווײַט, זייער ווײַט פֿונ־דאנענ וואקסט דער אלטער ווערבע־בוימ.

צומ בוימ גייענ מיר פּאמעלעכ. כ׳וויס גאָר ניט, פֿארוואָס גייענ מיר אזוי פּאמעלעכ. מיר ווײַזט זיכ אלעמאָל אויס, אז מאגיד גייט אונדז נאָכ. ס׳האָט זיכ אפילע גאָרוואָס א שורעווע געטאָנ א קוסט. נאָר מאגיד איז ניטאָ. קיינער גייט, דאכט זיכ, ניט. מיר צענעמענ שטילערהייט דאָס גראָז אונ די יונגע ווערבעלעכ. בולע פֿארבײַסט אזש א ליפּ, אזוי שטיל טוט ער עס. ס׳איז שווער צו געפֿינענ דעמ דראָט. נאָר צווישנ די וואָרצלענ דערזעענ מיר אימ. א ווײַסער — זעט ער זיכ זייער גוט אפּנ דנאָ פֿונ טײַכ. ער ציט זיכ אפּ רעכטס, ערגעצ צומ בריק.

— זע, צומ בריק ציט ער זיכ, — ווײַזט מיר בולע.

ער פֿארקאטשעט די הויזנ, גיט זיכ א לאָז אינ טײַכ. ער רוקט ארײַנ א פֿוס אונ מאכט מוטנע אונ בלאָטיק דאָס וואסער. דעמ דראָט זעט מענ שויג ניט. נאָר ס׳זאָל אפילע ניט ווערנ בלאָטיק, וואָלט איכ אלציינס ניט געלאָזנ שלעפּנ דעמ דראָט. מאגיד האָט אָנגעזאָגט, אז דעמ דראָט דארפֿ מענ דרייענ אפּנ קלעצעלע, שלעפּנ טאָר מענ ניט.

קאָלזמאנ בולע שטעקט אינ וואסער, גיי איכ צו צומ בוימ. אונטנ, בא די סאמע וואָרצלענ, איז אינ בוימ א לאָכ, אונ ביז הויכ ארופּ איז דער בוימ אויסגעהוילט. איכ גיב א קוק אהינ. נאָר דאָרטנ איז גאָרנישט ניטאָ. א „גוסעניצע" קריכט נאָר ארויס, גיט א דריי דאָס קעפּעלע אונ, אויסציִענדיק זיכ אונ צונויפּציִענדיק זיכ, קריכט זי פּאמעלעכ אריבער אפּ א בלעטל. איכ צעקוועטש זי געוויינטלעכ. זי דרייט זיכ א ביסעלע, גייט אָפּ מיט גרינ בלוט אונ פֿײַגערט. איצטער רוק איכ ארײַנ די הענט. כ׳הייב אָנ צעשארנ אינעמ בוימ דאָס אָנ־געוואָרפֿענע גראָז, די צווײַגעלעכ אונ נעמ ארויס א מאשינקעלע, וואָס כ׳האָב גאָר קיינמאָל ניט געזענ. כ׳האָב גאָר קיינמאָל בא די רויטארמייער ניט געזענ, זיי זאָלנ אפּ אזא „קלעצעלע" ארופּדרייענ דראָט.

פון גרויס פרייד קאָן איך נאָר אויסריידן:

— בולע־ע...

בולע לויפט צו, צעעפנט דאָס מויל. ער צעעפנט עס מוירעדיק שטאַרק:

— אַ־אַ־אַב, — מער קאָן ער גאָרניט זאָגן.

דאָס מאַשינקעלע באַשטייט פון צוויי אויסגעבויגענע, אַזוי ווי פּידקאָוועס, שטיקער שטאָל. די שטיקער שטאָל זײַנען אָפּגעלאַקירט. זיי זײַנען שוואַרץ. אינעווייניק — מעש, וואָס גלאַנצט ווי גאָלד. אינמיטן זע איך אַן אײַזערן שטענגעלע, אַף וועלכן ס'איז אָנגעוויקלט דינינקער מעשענער דראָט. הײַנט דאָס הענטעלע — אַ ווײַס, אַ ניקלנס. און דאָ, ווו מע נעמט אָן מיט דער האַנט, אַ שוואַרץ, דאַכט זיך, אַ ביינערן הענטעלע. דער טעלעפאָן־דראָט איז אויך דאָ. מיט צוויי שרײַפעלעך איז ער צוגעשרויפט צום קלעצעלע. כ'הייב אָן פּאַמע־לעך דרייען דאָס הענטעלע. איך זע: אינעווייניק דרייט זיך אויך, נאָר דער צוגעשרויפטער דראָט דרייט זיך עפּעס ניט אָן. בולע לאָזט מיך ניט. ער רײַסט פון די הענט, ער וויל אַ דריי טאָן. ער, בולע, מיינט, אַז אַלצדינג ווייסט ער, ער זאָגט, אַז מע דאַרף דרייען גיך. און אַז מע דרייט גיך — דרייט זיך אָן.

מיר האָבן זיך שיר ניט צעשלאָגן, אָנגעהויבן שרײַען איינער אַפן אַנדערן. נאָר ס'האָט זיך דערהערט אַ פּײַפן פון אַ צוג. אַלעמאָל, ווען ס'גייט אַ הודע אַ צוג און איך ריכט זיך ניט, דערשרעק איך זיך. כ'האָב זיך אַ הייב געטאָן מיט בולען. מיר האָבן ביידע אויסגעדרייט די קעפּ. פון רעכטס — פונעם וואָקזאַל, לאָזנדיק די פּאַרע, ווערנדיק גרעסער און שרעקלעכער, האָט זיך געטראָגן צו אונדז אַ לאָקאָמאָ־טיוו מיט אַ סאַך, אַ סאַך וואַגאָנעס.

מיר האָבן זיך נאָר אַ הייב געטאָן, האָט אונדז דער סאָלדאַט אַפן בריק דערזען. ער האָט אָנגעהויבן שרײַען. ער לויפט אַראָפּ פון בריק, לענגאויס דעם אָנשוט. טוליענדיק די ביקס צום אַקסל, לויפט ער צו אונדז. דער בריק איז ווײַט. דער סאָלדאַט ווערט נעענטער און נעענ־טער. מיר וואָלטן נאָך געקאָנט אַנטלויפן. בולע האָט זיך טאַקע אַ וואָרף געטאָן אין גראָז, נאָר איך האָב שוין ניט געקאָנט.

כ'האָב מיטאַמאָל דערזען הינטער זיך אַ רער פון אַ ביקס. פון אַ קוסט שטעקט די רער. די ביקס זע איך ניט. איך זע נאָר דאָס שוואַר־צע שרעקלעכע לעכעלע. גיך צעעמען זיך אַ ביסעלע די צווײַגן. ס'גיבן זיך אַ שורעווע די בלעטער. כ'דערזע, ווי מאַגיד האַלט די ביקס. מאַגיד, לאָזט זיך אויס, שטייט לעבן מיר. די ביקס איז בײַ

אימ צוגעקוועטשט צו דער באק. דאָס לינקע אויג איז בא אימ פאַר־מאכט, נאָר ס׳רעכטע אויג איז אָפן. ס׳רעכטע אויג איז זייער א שרעקלעכס. סע קוקט אפן ציל־קערנדל. דער סאָלדאט אפן אָנשיט לויפט. אָט איז ער שוין נאָענט... נאָר ס׳האָט מיך פארהילכט. הינטער מיר האָט אויסגעשאָסן. סע קלינגט מיר אין די אויערן. דער סאָל־דאט בלייבט שטיין א רגע, גיט זיך א הוידע, נעמט זיך קייקלען פונ אָנשיט, גיט זיך א פליוכע, צעשפריצט, צעווייגט ארומ זיך דאָס וואסער.

דעמ פליוכ אונ דעמ שאָס פארהילכט גלייך דער לאָקאָמאָטיוו, וואָס טראָגט זיך דורכ פארביי מיר. סע שווינדלען די וואגאָנעס אין די אויגן. זייערע פירעקיקע שאָטנס יאָגן זיך איבערן טייך. סע יאָגן וואגאָנעס. די טירן זיינען צעעפנט. אפ די פלאטפאָרמעס צווישנ די וואגאָנעס שטייען הארמאטן, קוילנוואָרפערס. די וואגאָנעס זיינען אָנגעשטאָפט מיט מיליטער. פענעמער, פרענטשן, גלאנציקע קאסקעס שווינדלען פאר די אויגן.

דער צוג איז שוין דורכ. א שווארצער געדיכטער רויכ שפרייט זיך איבערן אָנשיט, איבערן טייך. דער לאָקאָמאָטיוו וועט שוין באלד ארופ אפן בריק. איכ זע שוין דעמ לעצטן וואגאָן.

— אָשערל, — הער איכ, דאכט זיך, ווי מאגיד רופט מיכ.

מאגיד שטייט פונדערווייטנס. ער שמייכלט צו מיר. ער וויל מיכ בארוזקן. כ׳בינ, ווייזט אויס, דערשראָקן. זיינ פּאָנעמ לאכט ארומ מויל, נאָר די ברעמען זיינען אופגעהויבן, דער שטערן איינגעקנייטשט. די אויגן גרויסע, שרעקלעכע.

ער רוקט דעמ קאָפּ אינ די אקסל, האלט צו מיט איינ האנט דאָס מויל, אונ מיט דער אנדערער דרייט ער אינדערלופטן, דאָס הייסט, איכ זאָל דרייען דאָס „קלעצעלע״.

כ׳הייב אָנ דרייען דאָס „קלעצעלע״. כ׳וויל שוין גיכער אָנדרייען דעמ דראָט אונ אנטלויפן. איכ דריי, אונ, דאכט זיך, אז סע בליצט. דער לאָקאָמאָטיוו, הער איכ שוין, איז אפן בריק. אפן בריק קלאפן די רעדער שטארקער, קלינגעוודיקער איידער אפן אָנשיט.

כ׳דריי דאָס „קלעצעלע״. איכ דריי. איכ דריי גיכ, גיכ... איכ גיב נאָכ א גיכן דריי, אונ ס׳גיט מיכ א וואָרפ אונטער. אפן בריק — א וואָלקן. סע דונערט. סע וויגט זיך די ערד. אינ געלע, אינ ברוינע רויכ־קנוילן רייסט זיך, ליאזגעט, שיסט דער בריק. סע שפרינגען די וואגאָנעס. דער איבערגעקערטער לאָקאָמאָטיוו דרייט זיך מיט די רעדער אינדערלופטן. ער האָט זיך אופגעריסן, דער בריק.

עמעצער גיט מיך א שלעפּ. מע ציט מיך פאַר דער האַנט. ס'איז, דאַכט זיך, מאַגיד.

— וואַרפ אַוועק דעם דינאַמיק.

— וואָסער דינאַמיק?

— גאָלד, אָשערל! אַהיים!.. האָב קיין מוירע ניט... לויף!.. — כאַפּט ער מיך אַרום.

ער לאָזט מיך אָפּ. כ'לאָז זיך לויפן נאָך אים. נאָר מאַגיד איז שוין ניטאָ. כ'דערזע אים נאָר פונוויַיטן. ער זיצט רייַטנדיק. ער גיט זיך צו מיר א דריי אויס, גיט א מאַך מיט דער האַנט. ער יאָגט דורך די טוווּ־פעלדער. ער באַוויַיזט זיך א ווײַלע און ווערט פאַרטרונקען אין די זאַנגען. נאָכדעם דערזע איך אים איין רעגע נאָכאַמאָל. ווי א שוואַרץ קניַיקעלע זעט ער זיך אין פעלד — און ווערט פאַרפאַלן באַם האָריזאָנט.

פון בולען זע איך שוין נאָר די פּיאַטעס. ער לויפט און וויינט. ער באַרירט ניט די ערד. ער לויפט, און איך נאָך אים. די לופט איבער די טאָפּאָלן איז שוואַרץ פון ראָבן. די ראָבן שרעקן זיך. ס'הערט ניט אויף צו טראַכקען הינטער אונדז. סע ברענען די וואַגאָנעס, זיי רייַסן זיך הילכיק אויף.

כ'ווייס ניט, ווי איך בין אַריַין. נאָר איך בין אין שטוב. כ'קאָן ניט ריידן. די מאַמע נעמט מיך אַרום, כ'זע קיינעם ניט. איך שריַי נאָר:

— געדרייט... סע שיסט...

די מאַמע שרײַט. מיַין מאַמע האָט געהאַט זעקס קינדער און איז געבליבן מיט איין קינד.

— אָשערל, — שרײַט זי. עפּעס שרײַט זי נאָך, נאָר מער הער איך גאָרניט.

ווי ס'איז פאַרגאַנגען די קינדהייַט

איך בין קראַנק. איך ליג אָפּ טיפ.

כ'ליג אָפן זיידנס ברייטן טאַפּטשאַן. סע שטיקט מיך, — ווי עמעצער וואָלט מיר שטיין אָפן האַלדז. ס'איז מיר היים. כ'וויל אַראָפּוואַרפן פון זיך די רויטע וואַטענע קאָלדרע און קאָן ניט. די צוויי גידעריקע פענצטער פונעם זיידנס שטוב זיַינען פאַרהאַנגען. אין שטוב איז טונקל. אַנטקעגן שפּיגל, וואָס הענגט אינעם ווינקל, טאַנצן אַרום זון־פלעקן, — און כ'קאָן פון זיי ניט אָפּרײַסן די אויגן. סע

מאטערט מיך. כ׳הער אין דער שטילקייט מײַנע ווערטער. איך רייד פון היץ. עפּעס רודערט זיך, פּלאָנטערט זיך אינעם קראַנקן מויעך, און כ׳קאָן גאָרניט העלפן.

— אָשערל!

— האַ?

— דערקענסט מיך, אָשערל? — קוקן אַף מיר דער מאַמעס פאַרגלי־ווערטע אויגן.

— מאַמע! — ענטפער איך. עפּעס רייד איך צו איר נאָך. נאָר נאָכדעם דערהער איך, אַז זי וויינט. כ׳הער אפילו, ווי דער זיידע פירט זי אַרויס פון צימער.

דורך די קוים צוגעמאַכטע אויגן זע איך, ווי דער טאַטע גייט אַרום פון ווינקל צו ווינקל. איינאַרטיק, ווי אַ זייגער, סקריפּעט דער דיל אונטער זײַנע פיס.

— שלעכט, — זאָגט דער זיידע, — ס׳קינד ברענט!..

כ׳וויל אָנהייבן שרײַען, כ׳וויל זאָגן, אַז ס׳איז ניט עמעס. נאָר כ׳קאָן גאָרניט זאָגן.

אַ ווײַסער, קאַלטער, דורכזיכטיקער באַרג, אַזוי ווי פון אײַז, הייבט זיך אָן רוקן אַף מיר. ער לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר פון באַלקן. די ווײַסקייט ווערט נעענטער, שרעקלעכער. כ׳וויל זיך באַהאַלטן, אַנט־לויפן. כ׳פאַרדעק זיך מיט די הענט דאָס פּנים. כ׳וויל, דער טאַטע זאָל אופהאַלטן דעם באַרג. איך שרײַ. און נאָכדעם בלײַב איך ניט. איך בין ניטאָ. און מער געדענק איך ניט.

אַז איך קום אַמאָל צו זיך, ווייס איך ניט, וואָס ס׳איז מיט מיר. איך ווייס ניט, וווּ ס׳איז דאָס אויסגעדרוכטע און וווּ ס׳איז דאָס עמעסע. מײַן פאַרטשאַדעטער קאָפּ איז פול מיט שיסערײַ, מיט איבערגע־קערטע וואַגאָנעס, מיט פעלדער, מיט געקוילעטע.

איינמאָל, עפענענדיק די אויגן, דערהער איך אַ ווײַטע בוכערײַ פון האַרמאַטן. נאָר כ׳מיין, אַז ס׳ווײַזט זיך מיר אויס, אַז ס׳איז פון היץ.

— מע שיסט? — פרעג איך.

מע ענטפערט מיר ניט. אַף מײַן שטערן דערפיל איך דער מאַמעס טרוקענע קליינינקע האַנט.

כ׳וויל זיך אופזעצן. כ׳ווייס עפּעס ניט, וווּ איך בין. ס׳איז ניט קיין שטוב. כ׳זע ניט די פאַרהאַנגענע פענצטער און זע ניט די זונ־העזעלעך אַף דער וואַנט. איך זע אַ וואַלד, כ׳טאַפּ אפילו אָן פּאַפּאָ־ראָט און זע סאָסנעס.

— ס'א וואלד, מאמע?
— א וואלד.
— ס'איז באָלשעוויקעס שיסן?
— באָלשעוויקעס, אַשערל...
כ'וויל זיך גלײַך א הייב טאָן, כ'וויל עפּעס זאָגן. נאָר עפּעס גיסט מען מיר ארײַן ביטערס אין מויל.
ס'ווערט מיר ניט גוט. כ'וויל אויסשפּײַען. כ'גיב זיך א הייב אונטער. אונטן — גרוי, אײַנגעקוצערובעט, און וואָס העכער — העלער, ליכטיקער הייבן זיך סאָסנעס אין דער טונקלעניש. צווישן די סאָסנעס ליגן מענטשן. סע ליגט דער זיידע, אָנגעשפּארט אין א בוים.
— זיי זאָלן שוין האָבן, די באנדיטן, אזא מאכט, ווי... — און מער הער איך ניט. א סנאריאדן-הילך פארהילכט די ווערטער.
כ'דערפיל, ווי מע הייבט מיך גלײַך אוף. מע טראָגט מיך. מע לויפט. כ'הער, ווי סע טופּעט לעבן מיר די מאמע. מע שרײַט „באָל-שעוויקעס!"... כ'דערהער, ווי דער טאטע שרײַט צו דער מאמען, זי זאָל צענעמען די צווײַגן.
כ'דערפיל א שורוועץ פון בלעטער אף מײַן פּאָנעם. דער טאטע בייגט זיך מיט מיר. ס'קיצלט מיך זײַן באָרד. כ'ציטער אוף. איך קאָן ניט פארלײַדן. כ'עפן אוף די אויגן — ניטאָ שוין די סאָסנעס. כ'דער-קען דאָס שטעטל. א קײַלעכיקע לעוואָנע פליט אין די כמארעס. סע קלינגען רעדער. עפּעס שרײַט מען ארום מיר. כ'הער א צאָקעניש פון טלאָען און הורא-געשרייען.
נאָר ווידער רוקט זיך אף מיר דער בארג. כ'וויל אָנהייבן שרײַען. נאָר ווידער איז שוין גאָרניט ניטאָ. כ'הער, ווי די מאמע רופט מיך. כ'הער, ווי זי וויינט. נאָר כ'קאָן איר גאָרניט ענטפערן.

* * *

איך האָב זייער ליב זײַן קראנק. איך בין אפילע שטענדיק מעקאנע א קראנקן. קיינמאָל איז מען צו מיר אזוי ניט גוט, ווי ווען איך קרענק. כ'ליג דעמלט אף א ווײַס בעטל. די מאמע און דער טאטע, די שכיינים זיצן ארום מיר. ס'איז מיר דעמלט זייער גוט, און אלעמען האָב איך דעמלט ליב.
נאָר איצט וויל איך גיכער געזונט ווערן. עס נאָגט מיך, עס ציט מיך ארויסלויפן אין דרויסן.

כ׳ליג אינ אונדזער שטעטלדיקנ שפיטאָל. ס׳איז פארנאכט. פונ יענער זײַט פענצטער הערט זיכ א ווײַטע טופערײַ, ווײַזט אויס, פונ מיליטער אָדער פונ א דעמאָנסטראציע.

פונ שטעטל, פונ ווײַט־ווײַט דערטראָגנ זיכ צומ שפיטאָל־צימער באקאנטע געזאנגענ. זיי ציִענ זיכ, ציטערנ אינ דער שטילקײַט.

כ׳קאָנ שוינ ניט אײַנליגנ. כ׳וויל ארויסגיינ. אונ ניט שפילנ זיכ — עפעס אנדערש. כ׳וויל ארויסגיינ אונ זיכ אוועקזעצנ אפ די שטיינערנע טרעפלעכ פונעמ שפיטאָל אונ כאָטש פונווײַטנ זענ די רויטע ארמיי, די רײַטער, די אָבאָזנ — זיי נאָכקוקנ אונ פאָכענ צו זיי מיט דער האנט.

איכ ווארפ אראָפ פונ זיכ דעמ לײַלעכ. איכ זעצ זיכ אופ. סע קיצלט מיכ אונטערנ הארצנ. אָלעמאָל, ווענ איכ וויל עפעס אונ קאָנ ניט אויספירנ, קיצלט מיכ אונטערנ הארצנ.

איכ רײַב זיכ מיט ביידע הענט די אויגנ. אינ פאלאטע איז שטיל. אפנ ווײַסנ טישעלע, וואָס שטייט לעבנ מײַנ בעטל, שטייענ אָנגעשטעלט פלעשעלעכ. ס׳ליגנ עטלעכע עפל, א בולקעלע, א ליכט.

די מאמע, אָנגעטאָנ אינ א ווײַסנ כאלאט, זיצט לעבנ פענצטער אונ שלאָפט. זי זיצט צו מיר מיט דער פלייצע. דאָס פאָנעמ איז באהאלטנ אינ דער האנט. ווענ איכ ווייס ניט, אז ס׳איז די מאמע, וואָלט איכ געמיינט, אז ס׳איז א קליינ דאר מיידעלע.

כ׳לאָז אראָפ די פיס פונ בעטל. כ׳בלײַב שטיינ אינ דעמ לאנגנ העמד מיט די שווארצע סאָלדאטסקע שטעמפלענ. כ׳וויל מאכנ עטלעכע טריט. כ׳וויל צוגיינ צומ פענצטער. דורכנ אָפענעמ פענצטער הענגענ זיכ אריבער עטלעכע צווײַגנ מיט בלויענ צעפוקעטנ בעז. כ׳קאָנ אָבער ניט גיינ. ס׳ווערט מיר גרינ אונ געל אינ די אויגנ, ס׳פארדרייט זיכ דער קאָפ, אונ איכ פאל אפנ קישנ.

די מאמע כאפט זיכ גלײַכ אופ.

— אָשערל, מיר זאָל זײַנ, — כאפט זי מיכ ארומ א דערשראָקענע, — מיר זאָל זײַנ, וואָס ס׳איז געוואָרנ פונ דיר, — אונ אירע אויגנ פרייענ זיכ אונ וויינענ.

— מאמע, — זאָג איכ, — לאנג? — אונ ווײַז אפנ פענצטער אונ אפנ געזאנג, וואָס דערטראָגט זיכ פונ שטעטל.

— אָ־אָ, אויסגעקאָרעניעט, — ענטפערט מיר די מאמע אונ צינדט דערווײַל אָנ די כיילעוו־ליכט, וואָס שטייט אפנ טישל. די שײַנ הייבט זיכ אָנ הוידענ אפ איר פאָנעמ. כ׳דערקענ זי אזש ניט. זי איז געוואָרנ

ווײַס. דאָס פּאָנעם איז קליין און אײַנגעקנייטשט. די אויגן זײַנען שוואַרצער און גלאַנציקער געוואָרן.

זי זעצט זיך אַוועק לעבן מיר. זי הייבט מיר אונטער דאָס קישן. זי הייבט מיך אָן האָדעווען פֿון אַ לעפֿעלע.

— אויסגעקאָרעניעט, אַשערל... זייער זוואַניע שוין ניטאָ... אַזוי, געלאָפֿן! — און די מאַמע לאַכט, און עפּעס זיכערס, רויקס דערהער איך אין איר געלעכטער.

— און מאַגיד איז דאָ געווען... זאָלסט זען מאַגידן!.. ער זאָל גאָר קיין שלעכטס טאָג ניט האָבן...

— מאַ־אַגיד?! — רוק איך אָפּ דער מאַמעס האַנט. כ'וויל שוין ניט, זי זאָל מיך האָדעווען. ס'ווערט מיר זייער פֿריילעך. נאָר כ'ווער אין קאַס, כ'וויל זיך אַזש צעוויינען, וואָס זי האָט מיך ניט אויפֿגע־וועקט, ווען ער איז געקומען.

— ביסט דאָך קראַנק געווען... ער האָט ניט געטאָרט מיט דיר ריידן.

און די מאַמע דערציילט מיר, ווי מאַגיד איז צוגעריטן צום שפּי־טאָל מיט אַ סך רײַטער איז ער צוגעפֿאָרן. דער דאָקטער האָט אים אָבער ניט אַרײַנגעלאָזן. מאַגיד האָט מיך נאָר באַטראַכט דורכן פֿענצ־טער, איבערגעלאָזן פֿאַר מיר אַ בולקעלע און עטלעכע עפּל.

— געהייסן דיר, אַשערל, איבערגעבן אַ גרוס, אַז דו וועסט געזונט ווערן... און אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט ער צו מיר, אַשערל, גע־מאַכט מיטן היטל... און איך האָב געפֿאָכעט צו אים מיט דער האַנט, און נאָכדעם איז ער מיט אַ סך רויטאַרמייער אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט.

די מאַמע רעדט פּאַמעלעך. אַ ליכטיק פֿײַערל גייט אויף און פֿאַר־גייט אין אירע אויגן. אָט ווערט זי פֿריילעך, און אָט ווערט זי טרויע־ריק. זי האַלט מיר אין איין דערציילן וועגן מאַגידן.

כ'ליג אַרויף ביידע הענט אויף די אויגן. כ'זע אין די געדאַנקען זײַן שמאָל ניט־געגאָלט פּאָנעם און זײַן אַרויפֿגערוקט היטעלע מיטן צע־שפּאָלטענעם דאַשעק.

כ'זע די רײַטער, די רויטע פֿאָן, די רימענס אויף מאַגידס פּלייצע און ווי ער שפּרינגט אונטער אין זאָטל.

כ'נעם צו די הענט פֿון די אויגן. כ'פֿאָכע מיט דער האַנט אײַנ־דערלופֿטן.

כ'וויל זיך אויך מיט אים געזעגענען.

— מאמע, — זאָג איך, — פארן טויט האָט אים ארל א פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט און געווונטשן דערפאָלג...

כ׳ווייס ניט, צו וואָס האָב איך גערארפט דערמאָנען אַרלען. די מאמע פרעסט צונויף די ליפּן, דרייט מיטן מויל, ווייל ניט וויינען און צעוויינט זיך.

— זאָל ער... זאָל אים זיין צו לענגערע יאָר, — און נאָכדעם הייבט זי זיך אָן ווישן די אויגן מיטן שפּיץ פאַטשיילע און גייט אָפּ צום פענצטער...

פון יענער זייט פענצטער הייבן אָן שורעוועס די צווייגן. ס׳דער־הערן זיך טריט. נאָכדעם דערהער איך, ווי מע שטעלט זיך אוועק אָפּ דער פריזבע.

— אזוי, אַשערל! אזוי האָב איך ליב! — באַווייזט זיך דער טאַטע לעבן פענצטער. ער באַטראַכט מיך, ס׳ווערן בא אים ליכטיקער די אויגן.

— אזוי ביסטו א מענטש. פונקט צום קנאַק! — און ער דער־ציילט מיר, אז ער האָט געזען בולעס און זיאַמעס און אז זיי וואַרטן שוין אָפּ מיר.

— און אים, טאַטע, האָסטו געזען?

— וועמען?

— מאַגידן.

— שיינעך, — זאָגט דער טאַטע. ער בייגט זיך איבער צו מיר דורכן פענצטער. דער שטערן קנייטשט זיך. ער רוקט אַרויס די אונטערשטע ליפּ, גיט א הייב די האַנט אינדערלופטן. — נאָך א מין זען זיך! ער זאָל נאָר מאַצליעך זיין!.. שיינעך — א באַרדאַס!.. אַלע זאָלט איר, — קוקט ער מיר אין די אויגן און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, — אַלע זאָלט איר געזונט זיין!.. ס׳קומט אייך שוין...

זיין לאַנגע ווייסע באָרד פאַרהייבט זיך. ער הייבט אָן ריידן שטי־לער. די אויגן ווערן פאַרטראַכטער. ער זאָגט, אז כ׳וועל ווערן אימיר־צעשעם א מענטש. ער רעדט עפּעס אזוי מיט מיר, ווי קיינמאָל האָט ער מיט מיר ניט גערעדט.

דער טאַטע פּלעגט אָדער שרייען אָדער, ווען ס׳איז אים געווען גוט, ריידן ווי געוויינלעך צו א קינד. און איצטער רעדט ער ערנסט, רעדט ווי מיט אַן עלטערן.

— טאַטע, — קוק איך אָפּ אים, — דאָס וויפלטע יאָר איז מיר, טאַטע?

— דאָס עלפטע, אַשערל...

— און בא וויפֿל איז מען נאָך א קינד?
דער טאַטע גיט א קוועטש מיט די אקסל.
די מאַמע צעוויינט זיך פּלוצעם, זאָגט, אז זי וויל כאָטש אין מיר דערלעבן נאַכעס.
דער טאַטע ווערט בארויגעז.
— אָט די ווייבער, — מאַכט ער צו איר מיטן פינגער, — אז וואָס עפּעס, איז נאָר פארשטערן.
דער טאַטע וויל זיך שוין אפילע צעשריַיען. נאָר ס'עפנט זיך די טיר, און ס'גייט אריַין די שפּיטאָל־שוועסטער. זי טראָגט א ציילעמ אפן כאַלאַט און איז בייז. זי הייסט דעם טאַטן גליַיך אוועקגיין און ניט שטערן די קראַנקע.
דער טאַטע זאָגט מיר א גוטע־נאַכט.
— אז ווער וויינט? — לייגט מיך די מאַמע אוועק. — איך וויין דען, כאַלילע? — זי דעקט מיך איַין און ווישט זיך דערוויַיל מיט דער פאַטשיילע די אויגן.

* * *

מ'האָט מיך אויסגעשריבן פונעם שפּיטאָל. כ'קאָן ניט שלאָפן. כ'וויל שוין ארויסגיין. כ'וויל, ס'זאָל אָנהייבן טאָגן.
איך דריי זיך אונטער דער קאָלדרע. איך האַלט ניט אויס און גיי אראָפּ צום פענצטער.
ס'איז נאָך נאַכט.
די שווארצע, צונויפגעגאָסענעביימער פונעם שפּיטאָל־גאָרטן פארשטעלן דעם הימל.
מיט א קלאַפּנדיק הארץ, ווי דערוואַרטנדיק עפּעס גרויס, הער איך זיך איַין אין א צאָקעניש פון טלאָען, אין א קלאַפּן פון וועגענער, וויַיזט אויס, פון אַן אַבאָז. דאָס קלאַפּן דערטראָגט זיך פון צייַט צו צייַט אין דער נאַכט־שטילקייַט.
כ'האָב זיך קוים דערוואַרט אפן טאַטן. ס'האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריִען, איז ער געקומען.
די מאַמע איז נאָך נעכטן אוועק אופראַמען די שטוב.
איך בין שוין געווען אַן אָנגעטאָנענער.
ס'אָנטאָן איז געוואָרן ברייט אפּ מיר. באַזונדערס דאָס היטל. ערשט אין קאָרידאָר, אין שפּיגל, וואָס הענגט באַם ארויסגאַנג, דער־זע איך, ווי איך בין אויסגעדאַרט. איך פארקרים זיך אזש. איך בין

אָפּגעשווירן. דאָס היטל פאַלט מיר איבער די אויגן. די באַקן זײַנען אײַנגעפאַלן. די הויט איז געוואָרן דינער, ווײַסער, און אַ בלוי אָדערל, ווי אַ צווײַגעלע, ציטערט אויף מײַן שטערן.

— אייסעך... שפּיגלען! אָבי די ביינער, אָשערל, — נעמט מיך דער טאַטע אונטער דער האַנט, און מיר לאָזן זיך אַראָפּ מיט די עטלעכע שטיינערנע טרעפּלעך אין שפּיטאָל־הויף.

מיר גייען שטיל. אַרײַנגערוקט אַן אָרבל אין אַן אָרבל, זיצט אויף אַ בענקעלע דער שפּיטאָל־וועכטער און שלאָפט. מיר ווילן אים ניט אויפֿוועקן. מיר עפענען פּאַמעלעך די פֿאָרטקע און גייען אַרויס אין טונקעלן פּאַרטאָגיקן געסל, וואָס פֿירט צום שטעטל.

אינעם פּאַרטאָגיקן געסל איז אַזוי ווי פּאַרנאַכטלעך. אין די קלייִנע פֿענצטערלעך פֿון די ווײַסע שטרויענע כאַטעס הייבן זיך אָן צינדן פֿײַערלעך.

מע הייבט אָן אויפֿשטיין צו דער אַרבעט.

ס'גיט אַ סקריפּע אַ טיר. בעהיימעס און קעלבלעך הייבן זיך אָן באַווײַזן פֿון די הויפֿן. אַ טשערעדע רויטע, ראָבע און שוואַרצע בעהיימעס לאָזן זיך אויף פּאַשע, וויגנדיק די קעפּ, מרוקענדיק אין דער שטילקייט.

זיי הייבן אַפֿילו ניט אויף קיין שטויב. דער שטויב אויפֿן וועג איז נאָך נאַס.

ס'איז נאָך אַפֿילו ניטאָ קיין רויטקייט. דער טאָגנדיקער הימל איז ווײַס און אָנגעפֿילט מיט זילבער, ווי אַ טײַך אַנטקעגן דער לעוואָנע.

כ'גיב זיך אַ האָרבע. מיט אַ לײַכטער ציטערניש ענטפֿער איך אויף דער פֿרימאָרגנדיקער קילקייט.

— קאַלט, אָשערל?

— ניין, — זאָג איך און שלעפּ גיכער דעם טאַטן צום שאָסיי. נאָר כ'קאָן ניט גיין גיך. איך גיי פּאַמעלעך. און ס'איז מיר דאַפּקע אָנגענעם, וואָס איך קאָן גיך ניט גיין. איך דערפֿיל זיך עפּעס עלטער, דערוואַקסענער, געזעצטער נאָך דער שלאַפֿקייט.

כ'רייד אַפֿילו שטילער און ניט אַזוי כאַפּנדיק ווי פֿריִער.

— איז אַפֿילו קיין איין פּעטליוראַווצע, קיין איין דײַטש ניטאָ, טאַטע?

— צענעריקט... שנײַעך געלאָפֿן... אָט קוילען, ראָבעווען — דערופֿן זײַנען זיי מײַסטערס. און דאָס, אָשערל, — און דער טאַטע ווערט כמורנע, קוקט צו דער ערד, די ווײַסע באָרד, ווי אַ שטיק

שניי, צעווייעט זיך איבערן שווארצן סורדעט. — און דאָס, וואָס געווען, אַשערל, פארגעסט זיך ניט... אומגליקן פארגעדענקען זיך...

איך ציטער אופ פונעם טאטנס לעצטע ווערטער.

כ'דערמאָן זיך דעם פארנאכט נאָכן פּאָגראָם, ווען מאגיד האָט מיך ארומגענומען און אָנגעזאָגט, —

דעם געוויין פארגעדענקען.

די געהארגעטע פארגעדענקען.

אלצדינג פארגעדענקען!

כ'שטעל זיך אָפּ א רעגע, גיב א קוק אפן טאטן.

דער טאטע גייט פאמעלעך. גייט א ביסל געבויגענער. די אקסלען א ביסל ארויסגערוקטער.

— און איצטער — אוים! דאכט זיך, א סאָף צו זיי? הא, אַשערל?

— יאָ, ווײַזט אוים, א סאָף, — ענטפער איך אים.

איך דערפיל אין דער דאָזיקער רעגע, אז עפּעס איז טאקע מיט מיר פאָרגעקומען, — כ'בין טאקע געוואָרן עלטער.

איך נעם שטארקער ארום דעם טאטנס האנט. מיר גייען ביידע ארײַן אין שטעטל.

נאָרוואָס אופגעשטאנענע שפּערלעך פּאָרקען זיך אינעם פעדדנ־מיסט, אינעם צעשאָטענעם האָבער, אין שטרוי פון די ניט לאנג דורכגעגאנגענע אָבאָזן.

פלאקאטן מיט אָנגעמאָלטע רויטארמייער רופן און שרײַען צו מיר פון די ווענט.

א שטוב מיט אן אראָפּגעריסענעם דאך און מיט א סטארטשענדיקן קוימען קוקט ארוים פון צווישן עטלעכע ארומגעריסענעביימער.

ארום איז שטיל און אָנגעוואָרפן, ווי געוויינלעך נאָך א שטורעם. ס'איז רויק אין שטעטל. אפילע דער טאטע ווערט עפּעס רויקער, זאָרגלאָזער.

איך טופּע פאמעלעך מיטן טאטן צווישן די הײַזער. פון יענער זײַט שינדל־דעכער און פון יענער זײַט טורעמל פון דער פּאָזשארנע הייבט אָן ווערן רויטער, פלאמיקער דער הימל. די אופגייענדיקע זון באווײַזט זיך שוין איבער די הײַזער.

צוזאמען מיט דער ערשטער ליכטיקײַט דערהערט זיך א סקריי־פען פון טירן, א קלאפּן פון צעעפענטע לאָדן.

— ס'ארא פארטאָג, טאטע, — פארזשמורע איך די אויגן און ווײַז אף יענער זײַט דעכער און אפן שליאך, וואָס גייט אין דער וועלט ארײַן.

— יאָ, אַשערל... זייער אַ שיינער!..

דער הימל אַנטקעגן אונדז ווערט פֿינצטערדיקער, בלוטיקער, נאָכ־דעם העלער, און מיטאַמאָל מיט עפּעס בלענדנדיקס, ליכטיקס פֿילט זיך אָן די לופֿט איבער די נידעריקע הײַזער.

כ'באַמערק אַפֿילו ניט, ווי ס'איז טאָג געוואָרן.

ניט איינמאָל פֿלעג איך זיך אויפֿכאַפּן באַנאַכט, זיך אוועקשטעלן באַם פֿענצטער, וועלן אָפּזוכן דאָס פּאַסיקל, דאָס גרענעצל, וואָס טיילט אָפּ דעם טאָג פֿון דער נאַכט. נאָר קיינמאָל האָב איך עס ניט געקאָנט אָפּזוכן.

דאָס לעצטע מאָל קוק איך זיך אום אויף צוריק.

ערגעץ פֿון יענער זײַט שטורעמט, אין שטילקייט, ענדיקט זיך די קינדהייט.

איך גיי לעבן טאַטן. דער שאָסיי איז פֿאַרוואָרפֿן מיט מיסט, מיט צעשאָטענע האָבער און שטרוי פֿון די דורכגעגאַנגענע אָבאָזן.

און אונטערן טאָגנדיקן הימל טופּע איך מיטן טאַטן איבערן באַפֿרײַטן שליאַך, וואָס ציט זיך אַ בלענדנדיקער אין דער פֿרימאָרגנ־דיקער וועלט אַרײַן.

איך ווער א גרויסער

פונעם פראָנט

איך זיץ מיט יאָסיען באַם געלן זאַמדיקן וועג, וואָס פירט אין שטעטל אַרײַן.

קוים־קוים זע איך נאָך דעם פּאַעטאָן, וואָס זינקט אינעם זאַמד, קראַטשקעט זיך אַרופֿ־באַרג און פֿאַרשווינדט צווישן די ווײַטע צו־גויפֿגעגאָסענע דעמבעס אין וואָלקנס שטויב.

מיטן פּאַעטאָן איז אַוועקגעפֿאָרן גאָלדע כאָדאָרקאָוו, דער נאַטשאַלניק פֿון דער מיליציע און אונדזער נײַער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטקאָם. פֿריִער אַ ביסל נאָך האָט דורכגעריטן אַ רײַטער־אָטריאַד. זיי זײַנען אַלע אַוועקגעפֿאָרן אינעם נאָענטן גרויסן דאָרף: מ׳האָט דאָרט נעכטן דערהאַרגעט דעם פּאָרזיצער פֿון אונדזער רײַוויספּיר־קאָם און עטלעכע רויטאַרמייער, וואָס האָבן אָפּגעמאָנט ברויט.

אַז גאָלדע איז דורכגעפֿאָרן און האָט מיך דערזען, איז זי אַרויס־געגאַנגען פֿונעם פּאַעטאָן.

— אָשער, — איז זי געוואָרן שטרענג, — גלײַך זאָלסטו אַוועק־פֿאָרן אַהיים!

— כ׳וויל, כאַוועדעט גאָלדע, נאָר ס׳האָט זיך צעבראָכן אַ ראָד באַ יאָסיען...

— יאָסיע, — האָט זי זיך צעשריִען, — וואָס הייסט דאָס?.. איר לאַכט, צי וואָס?

נאָר יאָסיע האָט ניט געלאַכט. פֿאַר גאָלדען האָט אַפֿילע יאָסיע מוירע. ער שטייט צענומען די הענט, שטעלט זיך איבער פֿון פֿוס אַף אַ פֿוס.

— אַז די הײַנטיקע געהילצן... מאַכט מען אַ שטיקל אַרבעט, זאָל דער סטעלמאַך פֿאַרברענט ווערן...

— כ׳וויל פֿון גאָרניט וויסן! פֿון אונטער דער ערד אַפֿילע, נאָר אַ ראָד זאָלט איר קריגן און גלײַך מיר אָפּפֿירן דאָס קינד...

איך בין נאָר בא איר געוואָרן א קינד. וואָס עפּעס — איז אָדער זי זאָגט, אז איך בין שוין א „יונגאַטש“, אָדער זי מאַכט מיך פאַר א קליינינקן.

נאָר איך בין ניט קיין קינד, איך בין שוין פאַרזיצער פון א כאַ־ווער־געריכט און האָב אפילו קיין מוירע ניט צו זיצן הינטערן שטעטל, כאָטש ס'איז שוין פאַרנאַכט און באַלד וועט פאַרגיין די זון.

דאָס האָב איך זיך אזוי פאַרשפּעטיקט מיט יאָסיע דעם באַלע־גאָלע, ווייל ווי נאָר מיר זיינען אַרויסגעפאָרן צום וועג, האָט זיך צעבראָכן א ראָד.

איך האָב זיך שיר ניט צעוויינט דערפאַר, נאָר יאָסיע דער „נאָווי“ האָט זיך א קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע און מיר געזאָגט, אז גיך איז גוט כאַפּן פליי.

ער האָט זיך טאַקע דעם גאַנצן טאָג ניט געכאַפּט. דער גאַנצער „שאַבעסניק“ — אַלע וועגענער געהילץ זיינען לאַנג שוין מיסטאַמע אָנגעקומען אין שטעטל. נאָר יאָסיע דער באַלעגאָלע האָט נאָך יע־דער קלאָץ זיך צוגעזעצט, אַלעמאָל פאַריכט דעם וואָגן און עפּשער א האַלבן טאָג געזוכט די פערד.

צוליב גאָלדען איז ער אָבער געוואָרן א ביסל וואַכעדיקער.

— אז אויסגעקאָרענ׳עט זאָלט איר ווערן מיט אייערע שקאָ־לעס! — הייבט ער אָן אַראָפּוואַרפן די עטלעכע קלעצער און דעם באַרג שפּענער און צווייגן, וואָס אָפּן וואָגן.

כ'האָב אים געזאָגט אין וואַלד, אז מע דאַרף ניט קיין צווייגן, אז מיר בויען א יידישע שול און מיר דאַרפן קלעצער. האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל אים גלייך אופהערן שפּרינגען אין פּאָנעם, אז ער איז מיר ניט מעכוייעוו הייבן קלעצער, און איך זאָל אים טיי־קעפ זאָגן: „ווער איז עלטער?!“.

יאָסיע איז זייער אַן אַלטער, אָבער זיין צעפּודלטע באָרד, וואָס וואַקסט בא אים פון דער נאָז, פון די אויערן און אפילו פון די אויגן, איז נאָך אפילו ניט גרוי. ער איז נאָך געזונט. און אין שטעטל האָט מען פאַר אים מוירע. ניט אזוי פאַר אים, ווי פאַר זיינע זון שמיקעלע, וואָס איז געוואָרן א באַנדיט. און ער, יאָסיע דער טאַטע, איז געוואָרן א „נאָווי“ און קען פאַר געצאָלטס טרעפן, ווי מע געפינט זיך א צוגעגאַנוועט פערד, א געהאַרגעטער אין וועג און אפילו נעוויעס זאָגן, ווי און בא וועמען מע וועט אונטערציינדן א שטוב.

— אז כ'האָב אייך אין דר'ערד! — ווערט ער גלייך אייַנגעמידט

פונ אראָפּוואָרפנ די צווײַגנ. ער זעצט זיכ צוריק אוועק, הייבט זיכ אָנ נורענ אינ די וואַטאָווע שמאַטעס, וואָס זײַנענ פול מיט שטעכלקעס אונ בירקעס פונ וואַלגערנ זיכ א גאַנצנ טאָג אַפּ דער ערד. איכ הייב אָנ קלעטערנ איבער די צווײַגנ אונ הוסט אונטער. כ'האָב זייער מוירע, ער זאָל ווידעראַמאָל ניט אַנשלאָפנ ווערנ.

זײַנע צוויי קליינע אויסגעדאַרטע פערדלעכ מיט די אָפּגעריבענע זײַטנ האָבנ אַראָפּגעלאָזט די קעפּ אונ שלאָפנ שוינ. ווענ־ניט־ווענ כאַפּנ זיי זיכ אויפ, גיבנ א קלונג מיט די צײַמלעכ אונ ווילנ אָפּטרײַבנ די קאָמאַרנ, וואָס טראָגנ זיכ ווײַנענדיק אינעם אויסגעהאַקטנ וואַלד.

די קאָמאַרנ זשומענ, ווײַנענ. א פּיקהאָלצ קלאַפּט. ס'קוקעט א קוקאַווע. נאָר מער קיינ פויגלענ הערט מענ ניט. ניט ווײַל זיי זײַנענ אַוועקגעפלויגנ, נאָר ווײַל ס'איז איצטער האַרבסט, די פויגלענ האָבנ שוינ אויסגעזעסנ די פייגעלעכ אונ האָבנ מוירע מיט די געזאַנגענ אויסגעבנ זייערע נעסטנ.

ס'הייבט אָנ פאַרגיינ די זונ. ברייטע, בלענדנדיקע פּאַסמעס ליכט פאַלנ פונעמ הימל, גלאַנצנ אינ די קליינינקע קרעמעשקעס פונעמ וועג־זאַמד, באַלויכטנ די געציילטע פאַרבליבענע ביימער, וואָס הייבנ שוינ אָנ ווערנ געלער, ברוינער.

ביימער זײַנענ פאַרבליבנ גאָר ווייניק. דעמ וואַלד לענגאויס דעמ וועג האָט מענ פאַרנ ווינטער אויסגעהאַקט. פונ אומעטומ סטאַרטשענ נאָר פּניאָקעס, וואָס האָבנ שוינ באַוויזנ שוואַרצ ווערנ. צווישנ די פּניאָקעס וואַקסט א נײַער וואַלד. יונגע סאָסנעלעכ אונ דעמבענע קוסטעס האָבנ פאַרנ זומער באַוויזנ אַריבעריאָגנ דעמ הויכנ פּאַפּאָראָט.

צווישנ דעמ פּאַפּאָראָט אונ די קוסטעס וואַלגערנ זיכ שטיקלעכ פּאַפּיר, ברעקלעכ, בענדלעכ פונ עמעצנס שיכ. ס'זעענ זיכ א סאַכ אײַנגעקוועטשטע קאָליעס פונ די וועגענער געהילצ, וואָס זײַנענ פריער אַרויסגעפאָרנ אינ שטעטל.

כ'וואָלט שוינ אויכ לאַנג געקאָנט אַרויספאָרנ מיט אַנ אַנדער וואָגנ, נאָר כ'האָב געוואָלט, אַלע זאָלנ זענ, אַז כ'האָב קיינ מוירע ניט אונ כ'בלײַב איבער מיטנ לעצטנ וואָגנ: כ'וועל אָנקומענ צו דער שול ערשט אַפּדערנאַכט.

דעמ עמעס געזאָגט, איז וואָס מערער ס'פאַלט צו די נאַכט, אַלצ מערער ווער איכ אומרויִק. נאָר ווענ מע זאָל פונ מיר אַפּילע שנײַדנ שטיקער, וואָלט איכ זיכ אינ דעמ ניט מוידע געווענ. פאַר־

קערט, כ'וואָלט אויסגעשפּיגן, אריינגערוקט די הענט אין די קעשע־נעס און געזאָגט, אז כ'האָב פאַר קיינעם קיין מוירע ניט.

כ'וואָלט עפּשער אויסגעגאַנגען פון שרעק, נאָר כ'וואָלט אפילע געבליבן נעכטיקן, אבי דערוויזן, אז כ'בין ניט קיין ציטעריקער.

מיט א נאָגנדיקער, אָבער אָנגענעמער שרעק זיצ איך איצטער לעבן וועג, צו וועלכן קיינער אין שטעטל וואָלט זיך ניט איינגע־שטעלט ארויסגיין פאַרנאַכט.

קיין באַנדעס זיינען שוין דאַפקע ניטאָ, נאָר ס'זיינען נאָך פאַר־בליבן איינציקע באַנדיטן. ס'איז פאַרבליבן באָגדאַן דער כאַזירניק, וואָס האָט זיך מוירע אומקערן אין שטעטל און באַהאַלט זיך אויס אין די וועלדער. שייקע יאָסיעס און זיין קאָמפּאַניע פאַלן נאָך אָן אַף פאַרשפּעטיקטע דורכגייער, באַראַבעווען און הארגענען אפילע. אָבער פאַר שייקען האָב איך קיין מוירע ניט. כ'קען זיך מיט אים. און ס'זיצט מיט מיר איצטער זיין טאַטע.

דער אַלטער יאָסיע הייבט זיך אָן טשוכען. עפּשער צוליבן טוי, עפּשער ווייל א סיטש האָט זיך ערגעצ צעוויינט, נאָר ער הייבט זיך אוף, פאַרוקט די פּאָלעס אין גאַרטל און לאָזט זיך פּאַמעלעך, ניט גע־כאַפּט, ארופ־צו, מיטן זאַמדיקן וועג, צום נאָענטן דאָרף.

— כ'גיי נאָך א ראָד. ס'זאָל אייך אויסקויקלען, — נעמט ער זיך שעלטן, — געפונען א גוויר... מיט רעדער זאָל איך זיי גאָר באַזאָרגן...

* * *

איך בין געבליבן איינער אליין. כ'האָב זיך צוגערוקט נעענטער צו די פערד. מיט די פערד איז עפּעס היימלעכער. כ'נורע זיך אַיין אינעם פּאַפּאָראָט און האָב פאַרגעניגן, וואָס מאָרגן וועל איך דער־ציילן, ווי איך בין געבליבן אליין אין וואַלד, וויאזוי איך האָב גע־פונען א געהארגעטן מענטשן און ווי איך האָב געזען באָגדאַנען...

נאָר פון מיינע אייגענע אויסטראַכטענישן ווערט מיר שרעקלעך. איך הייב זיך אָן ארומקוקן. ס'איז שוין געוואָרן באַ מיר אזא קרענק. כ'האָב דאַפקע קיין מוירע ניט. נאָר ס'איז מיר געבליבן פון די פּאָ־גראָמען: סיי אין שטעטל, סיי אין פעלד, סיי אפילע לעבן אונדזער שטוב — אַפ וואָס איך קוק ניט, טראַכט איך נאָר, צי טויג עס אַפ זיך באַהאַלטן.

דערזע איך אמאָל נעדיכטע ווערבע־קוסטעס, אָן אויסגעהוילטן טאָפּאָל, א פאַרוואַקסענע גרוב, צי א פאַרלאָזענעם שייער אין פעלד —

איז די ערשטע זאַך, וואָס איך גיב אַ טראַכט, — דאָ איז זיך גוט באַהאַלטן, אַז קיין באַנדיט זאָל מיך דאָ ניט געפינען.

כ'האָב אַפילו אַליין געהערט, ווי גאָלדע האָט געזאָגט דעם דאָקטער, וואָס האָט אונדז ניט לאַנג באַטראַכט אין שול, אַז די קינדער זײַנען זייער „נערוונע" און אַז מע וואָלט געדאַרפט די קינדער זייער און זייער באַרויִקן.

דער דאָקטער האָט געזאָגט „קאָניעטשנאָ".

— עפּעס אַ קלייניקייט, — האָט ער געענטפערט גאָלדען, — וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט...

און דאַפּקע איצטער, ווען איך וויל זיך באַרויִקן, קריכן מיר די סאַמע שרעקלעכע געדאַנקען אין קאָפּ. און איך גרייט זיך שוין צו אין די געדאַנקען וווּהין זיך לאָזן לויפן. און וואָס מערער איך טראַכט, אַלץ מערער קאָן איך ניט אײַנליגן.

אַ ראָב פליט מיט אַ קראַקערײַ אין וואַלד אַרײַן. נאָך עטלעכע ראָבן פליען דורך מיט אַ געשריי.

העט ווײַט־ווײַט, פון יענער זײַט וועג, שפּרייטן זיך די צעפּײַערטע פעלדער מיט די הויכע צונויפגעלייגטע קאָפּעצעס.

פון דער זון איז שוין געבליבן אַ האַלבע ראָד. אַ דין שטיקל צעריסענע כמאַרע הענגט מיט פאַרבלוטיקטע עקלעך איבערן וועג.

כ'הייב אויף העכער דעם קאָפּ. כ'וויל פונדעסטוועגן עמעצן דערזען. מע זאָגט, אַז פאַרנאַכט דרייט זיך דאָ אַרום באַגדאַן.

כ'האָב אים שוין, דאַכט זיך, דערזען. ס'הייבן מיר אָן שטעכן די האָר אין קאָפּ. נאָר באַגדאַן איז אַ הויכער, אַ גראָבער, און דאָס איז, דאַכט זיך, ניט באַגדאַן.

אָפן וועג, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין דער סאַמע פאַרגייענדיקער זון, באַווײַזט זיך אַ מענטש. מע זעט אים זייער גוט, דעם מענטשן. ער האָט אַזש פאַרשטעלט, צעשפּאָלטן די ראָד פון דער זון און ווי ער וואָלט זיך געטונקען אין פײַער.

כ'וואָלט זיך געלאָזט לויפן, נאָר כ'קאָן ניט לויפן. כ'האָב מוירע איבערלאָזן די פערד, וואָס יאָסיע האָט מיר געהייסן אָפּהיטן.

און דער פרעמדער ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער. דער מענטש גייט שוין ניט מיטן וועג, נאָר באַ דער זײַט, ווו ס'איז ניט אַזוי זאַמדיק און שטויביק. כ'זע אַפילו, ווי דער מענטש טראָגט עפּעס אָפּן אַקסל, ווי ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט דעם שטערן און הייבט אָן פאַרקערעווען, דאַכט זיך, צו מיר.

איך דערשרעק זיך זייער. ניט באַטראַכטנדיק אַפילו, און עפּשער

מיינענדיק, אז דער פרעמדער, וואָס גייט אהער, וועט מוירע האָבן צוגיין, אויב ער וועט דערהערן, אז מיט מיר זײַנען פאראן נאָך מענטשן, צעשרײַ איך זיך, מיט וויפל איך האָב נאָר קויכעס:

— יאָ־סיע — שרײַ איך.

— גאָלדע כאָ־אָ־דאָרקאָ־אָוו!

— זיא־אמע־ע־ע!

— שײַקע־ע! גיכע־ער! — און אָ קאָל איז בא מיר א הויכס, א קלינגענדיקס, און פון אלע זײַטן — הילכיק, ווי נאָכקרימענדיק מיך — ענטפערט דאָס ווידערקאָל: גי־כע־ער!..

אפילע יאָסיעס דערשלאָגענע פערדלעך, וואָס זעען אויס, ווי אָפּ־געריבענע קעץ אין שלייעס, האָבן אויך אופגעשטעלט די אויערן און זיך דערשראָקן.

נאָר, ווי אָפּ צולאָכעס, איז וואָס העכער איך שרײַ, אלץ גי־כער, פרייליכער, דאכט זיך, שפאנט דער פרעמדער צו מיר.

מער שרײַען קאָן איך ניט. איך קאָן שוין ניט אויסהאלטן. איך גיב זיך א וואָרפּ אונטערן וואָגן און פארגראָב זיך אונטער די אָנגע־וואָרפענע צווײַגן. כ׳פארדעק מיט דער האנט דאָס מויל, מ׳זאָל ניט הערן, ווי איך אָטעם, און א צונויפגעדרייטער, א צונויפגעקאָרטשע־טער רוק איך ארײַן דעם קאָפּ צווישן די ספּיצעס פון דער ראָד און קוק ארויס אפן וועג.

נאָר דעם מענטשן זע איך ניט. צוויי אויסגעטראָטענע פארשטויב־טע סאָלדאטסקע שיך מיט וויקלשנורן האָבן זיך באוויזן לעבן די פערד. צוערשט רירן זיך די שיך ניט, נאָכדעם גיבן זיי עטלעכע טאָפּטשע און הייבן זיך אָן פאמעלעך דרייען. ער קוקט זיך, ווײַזט אויס, ארום, דער מענטש.

— שטאָ זא טשאָרט? — דערהער איך, ווי ער הייבט אָן ריידן צו זיך אליין. — מ־מ... — גיט ער א מרוקע.

— יאָסיע!

— יאָ־אָסיע! — הייבט ער אָן שרײַען אפּ א קאָל.

— שײַקע־ע!

— כאָ־אָדאָ־אָרקאָ־וו!

דערהערט, אז ער הייבט אָן אויסרופן די זעלבע מענטשן, רוק איך עטוואָס ארויס דעם קאָפּ פון צווישן דער ראָד.

לעבן מיר גיט א פאל א היטל. כ׳דערזע, ווי ס׳גיט זיך א וואלגער א וועג־זעקל לעבן די פערד. די פערד האָבן זיך, ווײַזט אויס, דער־שראָקן פאר דער טאָרבע און האָבן א שלעפּ געטאָן דעם וואָגן. דעם

קאָפּ מײַנעם, וואָס האָט געשטעקט צווישן די ספּיצעס, האָט די ראָד שיר ניט אראָפּגעדרייט.

— אוי! — בין איך אײַנגעצן א פּאַרציטערטער ארויסגעשפּרונ־גען פון אונטערן וואָגן.

— וואָסי? — איז דער פּרעמדער אָפּגעשפּרונגען און, ווײַזט אויס, זיך אויך דערשראָקן.

— אוי! — האַלט איך זיך באַם האַלדז, וואָס טוט מיר מוי־רעדיק וויי.

— וואָס אויקעסטו? פאַרוואָס עפּעס אונטערן וואָגן? — האָבן מיך א מעסט געטאָן א פּאָר שווארצע אָנגעכמורעטע אויגן.

— איך בין געשלאָ־אָפן, — פאַרהיקע איך זיך, רוק זיך ווײַטער און לאָז פון אים ניט אראָפּ די אויגן.

עס שטייט איצטער פאַר מיר אַן אומבאַקאַנטער נידעריקער באָ־כער, זײַן היטל מיטן רויטן שטערנדל ליגט אַף דר'ערד. זײַן קאָפּ איז אָפּגעשוירן און איז א סאַך ווײַסער פונעם פאַרברוינטן פּאָנעם. ער גיט זיך אַלעמאָל א וויש מיטן אַרבל פונעם פאַרשמאַלצעוועטן העמדל, וואָס איז אײַנגעצן נאָס אַף אים.

— א טשודנער יאַט, — מאַכט ער צו מיר, — אזוי שלאָפן? — און קנייטשט דערבײַ מיט די אַקסל. — און ווּ איז שײַקע? און יאָסיע?

— וואָסער שײַקע?

— וואָס הייסט, וואָסער שײַקע?

— ניטאָ דאָ קיין שײַקע.

— ס'האָט דאָך עמעצער געשריִען?

— כ'ווייס ניט.

— איז ווּ זשע איז גאָלדע?

— כ'בין דאָ איינער אליין, — זאָג איך אים, — ס'האָט זיך צע־בראָכן א ראָד, איז יאָסיע אוועקגעגאַנגען נעמען א ראָד.

— זאָל זײַן אזוי. מיילע. שוין געוואָרן, ווײַזט אויס, טויב אַף דער עלטער, — און ער זעצט זיך אַרײַן אין דער קאַנאַווע, וואָס איז אויסגעגראָבן לענגויס דעם וועג.

ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שיך, וויקלט אָפּ די וויקלשנורן, ציט זיך אויס. די רויטע צעפּאַרעטע פיס, מיט די שטאַרצנדיקע ביינדלעך באַ די גראָבע פינגער, זײַנען אים איצטער העכער פונעם פּאָנעם.

— נו, האָב איך זיך אָנגעטאָפּטשעט, — קוקט ער מיר אין פּאָ־נעם אַרײַן. — וועמעס ביסטו?

— לייע עליעס, — זאָג איך אים.

— ווי הייסטו?

— אָשער.

— מאַמע מײַנע, — דערפֿרייט ער זיך, — אָשער, לייג נאָר אוועק דאָס לאָפּקעלע, — שפּאָרט ער מיר די האַנט, — גוואַלד, ווי דו ביסט עס אויסגעוואַקסן?! און מיך דערקענסטו גאָרניט?

— ניין, — ענטפֿער איך, — כ'ווייס ניט.

— צי דען האָב איך זיך אַזוי גענעלטערט? אַ סוואָרע, אַז דו דערקענסט מיך ניט? — גיט ער אַ פֿריילעכן שפּײַ דורך די ציינ און מאַכט צו אַן אויג.

— בעטשעק? — האָב איך אויסגעשריען. — ביסט בעטשעק?

— ווער דען? פֿאַרשטייט זיך, בעטשעק.

און כאָטש פֿאַר אַזויפֿיל יאָר, וואָס כ'האָב אים ניט געזען, בין איך געוואָרן אויס קינד, נאָר פּונקט ווי אַמאָל, ווען כ'פֿלעג בעטן בײַ בעטשעקן, מײַנע אייניקן עלטערן כאַווער, ער זאָל מיך לאָזן צוהאַלטן די ווישקעס, אָנפּויען די פֿערד — מיט דער זעלבער פֿרייד, מיטן זעלבן מעקאַנע זײַן פֿאַר זײַן שפּײַען דורך די ציינ, הייב איך אָן שמייכלען, שעמען זיך, רוק זיך צו נעענטער און קוק אים אַ גליק-לעכער אין די אויגן.

איך וויל אָבער ניט, ער זאָל מיינען, אַז איך בין אַ יונגעלע, און כאָטש איך וויל ניט, ער זאָל זאָגן, אַז איך בין אַ באַרימער, נאָר כ'קאָן ניט אויסהאַלטן און כ'דערצייל אים, אַז איך לערן זיך אין שול, אַז איך בין דער פּאָרזיצער פֿון כאַווער-גערינכט.

— וואָס?

— פֿון „סוד". כ'פֿיר אָן, בעטשעק, מיטן „סוד". אויב בולע האָט געשלאָגן ראָכלען, אָדער אויב סראָליק האָט ניט געוואָלט אָנרײַסן באַטוועגע פֿאַר די קראָליקעס, — סודיען מיר זיי.

— וואָס-זשע עפּעס קראָליקעס?

— ווײַל ס'איז בײַ אונדז אַ שול, זײַנען דאָ בײַ אונדז קראָלי-קעס. און אַ בעהיימע. און אַן אייגן פֿעלד. און מיר בויען אַ הויז פֿאַר אַ שול. און איך בין דער פּאָרזיצער פֿונעם כאַווער-גערינכט.

בעטשעק הערט מיך אויס, נעמט אַראָפּ פֿון מיר די אויגן, קוקט אָפּ מײַן קאָפּ, וואָס איך נעם גלײַך פֿאַרקעמען, אַז ס'זאָל זײַן אַ שרונט אינמיטן. ער קוקט אָפּ מײַנע הילצערנע פּאַנטאָפֿל.

— און איך, אָשערקע, האָב געוואָיעוועט...

— פון פראַנט? — רוק איך זיך צו אים צו נעענטער — פון פראַנט גייסטו, האַ?

— פונוואַנען דען זאָל איך גיין? אַט גיי איך פון הולײַפּאָליע. געווען אַפילו אין יעקאַטערינבורג. און זאָלסט זען מעקוימעס — סטעפּ און סטעפּ. און ניטאָ דאָרטן אַזעלכע ערטער, ווי בײַ אונדז...

בעטשעק הייבט אָן ריידן שטילער, קוקט שוין ניט אויף מיר. זײַן אָפּגעברענט שוואַרץ פּאָנעם איז אָפּגעצויגן. זײַנע שוואַרצע, ברע־נענדיקע ·אויגן זײַנען אײַנגעפאַלן, און איינציקע ווײַסע הערעלעך זעען זיך אויף זײַן ניט־געגאָלט פּאָנעם.

— דײַן יאָסיע וועט שוין אַמאָל קומען? — זעצט ער זיך מיטאַמאָל אויף, — ביזוואַנען וועלן מיר דאָ זיצן?

נאָר ערשט אַז אין הימל לויכטן אויף די ערשטע שטערן, און ערגעץ ווײַט־ווײַט באַווײַזן זיך די ערשטע פײַערלעך פון אַ דאָרף, דער־זעען מיר יאָסיען, וואָס, ניט געכאַפּט, ווי זײַן שטייגער איז, גייט ער זיך פּאַמעלעך און קײַקלט אַ ראָד.

— ווי ער קריכט עס, אַ צאָרע אויף אים, — הייבט אָן בעטשעק אַרופּוויקלען די אָנעטשעס אויף די פיס.

ער טוט אָן די שיך, שטעלט אַרויף אַ פוס אויפן וואָגן און טוט אָן די וויקלשנורן. נאָכדעם שפּײַט ער אָן אויף די הענט, נעמט ריי־ניקן די הויזן. ער טוט אָן דאָס היטל מיטן אײַנגעבויגענעם לאַקירטן דאַשעק. אַלע גייען איצטער אַזוי — מע בייגט אַזוי אײַן די דאַשעקעס, אַז זיי זאָלן זײַן צוגעקוועטשט צום שטערן.

— רעב יאָסיע־ע, גיכער אַ ביסעלע, ס׳גייט מיר שוין אויס דאָס כּײַעס!

— ווער איז? — איז צוגעגאַנגען יאָסיע און אַ וואַלגער געטאָן די ראָד אויף דר׳ערד.

— אַ פּאַסאַזשיר!

— פּאַסאַזשיר: אויף מײַן קאָפּ, — גיט ער אַפילו קיין קוק ניט אויף בעטשעקן און וויל אַפילו ניט וויסן, מיט וועמען ער רעדט.

— עך, טערעך דו, אַזוי באַגעגנט מען בעטשעקן, האַ?

— ביסט בעטשעקל?

— זאָל זײַן בעטשעקל.

— איז ווי־זשע קומסטו אַהער? — האָט יאָסיע גענומען מיט אַ דראַנג אונטערהייבן די אַקס אויף אָנצוטאָן די ראָד. — מ׳האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז די ווערעם האָבן דיך שוין אויפגעפרעסן?

— האָסטו כאָטש, יאָסיע, געלאָזט אַ טרער נאָך בעטשעקן?

—וואָס? און אַז וויניקער מיט אַ גאַנעוו? — הייבט ער אוף אָפּ אים זײַנע קליינינקע פּאַרוואַקסענע אויגן. — וואָס זאָל איך עפּעס וויינען, וואָס?

בעטשעק ווערט בייז, קוקט אַנגעכמורעט, ווי יאָסיע הייבט אָן ארופּרוקן די ראָד אָפּ דער אַקס.

— און שײַקע ווו איז? ער האָט זיך שוין אומגעקערט?

נאָר אָפּ קיין ענטפער וואָרט בעטשעק ניט. ער שפּײַט אויס, גיט אַ שלײַדער מיט אַלע קויכעס זײַן וועג־זעקל אָפּן וואָגן. צוזאַמען מיט בעטשעקן קריך איך אויך אַרופּ אָפן באַרג צווײַגן.

די פערד צײַען אויס די העלדזער, רירן דעם וואָגן פון אָרט. דער וואָגן איז איצט געוואָרן אַ הינקעדיקער. די ראָד, וואָס יאָסיע האָט געבראַכט, איז אַ סאַך אַ העכערע איידער די איבעריקע רעדער.

די ראָד קריצט. סע שיפּעט שטיל דער זאַמד. יאָסיע גייט בײַ דער זײַט, איינ פּאָלע פּאַרשטעקט אין גאַרטל און די פּוזשעלע אונ־טער דער פּאַכווע.

— נאַ־אַ־אַ, אַ נעכפּע אין אַנײַך, — גיט ער אַלעמאָל אַ ניאָקע. פון צײַט־צו־צײַט גיט אַ ווײַנ ערגעץ אַ סימש.

— ווייסט? — רירט מיך בעטשעק אָן מיט דער האַנט און רעדט ווי ניט צו מיר, נאָר ווי צו זיך אַליין. — פּאַרשטייסט? כ'וואָלט זייער גרינג געקאָנט שוין איצטער פּוילן לעבן אַ הולטײַ־פּאָליע, צי לעבן אַ ניקאָלײַעוו, און קיינעם, ווײַזט אויס, וואָלט ניט באַנק געטאָן. יאָסעניו וואָלט פּונקט אַזוי געניאָקעט זײַנע פערד־לעך... און איך וויל דאַפקע, ס'זאָל קרענקען! ס'זאָל אַרגן, וויל איך, פּאַר בעטשעקן.

און בעטשעק גיט אָפּ מיר אַזוי אַ קוק, אַז איך דערשרעק זיך.

— נאָר נישקאָשע, אָשער, — לייגט ער אַוועק דעם קאָפּ אָפּן וועג־זעקל און פּאַרמאַכט די אויגן, — מיר וועלן נאָך באַווײַזן!..

און כאָטש איך ווייס איצטער ניט, פּאַרוואָס ער איז געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי כמורנע און וואָס וויל ער באַווײַזן, נאָר כ'נעם גלעטן זײַן וועג־זעקל און וויל אים זייער זאָגן, בעטשעקן, אַז ס'איז מיר ביז גאָר פּריילעך, וואָס ער איז געקומען.

נאָר עפּעס קען איך ניט זאָגן בעטשעקן, אַז איך האָב אים ליב. ס'איז עפּעס ניט שיין.

— געדענקסט די טאָפּאָלן? — גיב איך אים מיטאַמאָל אַ פרעג, כאָטש כ'האָב איינגאַנצן ניט געוואָלט ריידן וועגן קיין טאָפּאָלן.

— האַ? — עפנט בעטשעק ניט אוף די אויגן — וואָס?

— די טאָפּאָלן.

— אָשער...

— האָ?

— כ׳בין מוירעדיק מיר, אָשערל... איז וואָס זאָגסטו? טאָפּאָלן?

— אויסגעהאַקט די טאָפּאָלן, — זאָג איך אים. און איך נעם אים דערציילן, ווי מ׳האָט אויסגעהאַקט אַ סאַך טאָפּאָלן. פריער זײַנען זיי געוואַקסן פון ביידע זײַטן וועג. אַז מ׳איז געפאָרן — איז ווי דורך אַ קאָרידאָר. און אַ סאַך ראָבן זײַנען געווען אויף די טאָפּאָלן. נאָר ס׳איז געווען זייער אַ קאַלטער ווינטער, האָט מען זיי אויסגעהאַקט. נאָכדעם דערצייל איך וועגן אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. איך דערצייל אים וועגן וועלוול כאָדאָרקאָוו, וועגן גאָלדען. און ווי גאָלדע האָט מיך געמאַכט פאַרן פאָרזיצער פונעם כאַוועך־געריכט. און אַז איצטער מוז איך זײַן זייער אַ שטילער און טאָר זיך מיט קיינעם ניט שלאָגן.

בעטשעק הערט, צי ער הערט ניט? ער שלאָגט מיך ניט איבער. איך האַלט אין איין רייד — און ער שווײַגט. איך וויל אים דערציילן וועגן שנײַקען, וואָס איז געווען בעטשעקס בעסטער כאַווער. כ׳וויל עס אים אײַנרוימען שטיל־שטיל אין אויער, אַז יאָסיע זאָל עס ניט דערהערן, נאָר פּלוצעם דערזע איך, אַז ער שלאָפט. ער איז, ווײַזט אויס, זייער מיד, בעטשעק.

כ׳לייג אים אונטער די האַנט אונטערן קאָפּ, דער קאָפּ זאָל זיך אַזוי ניט קײַקלען אהער און אהין.

אָנצוּעַנדיק ביז גאָר די שלייעס, שלעפּן קוים־קוים די פערד דעם וואָגן. דער „נאָווי" גייט אַלץ באַ דער זײַט מיט דער פּוזשעלע אונטער דער פּאַכווע און ניאָקעט אונטער.

ס׳הייבן זיך שוין אָן די ערשטע שטעטלדיקע הײַזער. פון ווײַט, ווײַזט אויס פונעם קאָמיוג־קעמערל, דערטראָגט זיך אהערצו אַ זינגעניש און אַ פּריילעכער טומל. נאָר דאָ, הינטערן שטעטל, איז ווי אַלעמאָל — הינט האַווקען זיך איבער פון די הויפן און פרעש רופן זיך איבער פון די סאַזשלקעס. עטלעכע פאַרשפּעטיקטע בעהיימעס קערן זיך אום פון דער פּאַשע, זיי רעווען און הייבן אויף אַ שטויב. כ׳וואַרף אין זיי שטעקלעך, שרײַ צו זיי „נאַ־אַ", זיי זאָלן ניט אויפוועקן בעטשעקן.

אַז מיר פאָרן אַרײַן אין שטעטל, צום מאַרק־פּלאַץ, וווּ מע פאַרברענגט אין די אָפּדערנאַכטן און וווּ ס׳איז זייער פריילעך, כאַפּט זיך בעטשעק אויף. ער ציטערט אויף, ווי ס׳זאָל אים מיטאַמאָל קאַלט

ווערן, קוקט זיך ארום פארשלאָפן און פארוווּנדערט, ווי עפּעס זאָל ער זיך ניט גלייבן.

די קליינע זײַנען אָפן. דער שאָסיי איז פול מיט ליכט און מיט פּאָרלעך, וואָס האלטן אין איין לאכן און קנאקן יאָדערן.

— בעטשעק, — שפּרינג איך מיט אים אראָפּ פון וואָגן, — קום צו אונדז נעכטיקן. — כ׳וויים, אז בעטשעק האָט קיינעם ניט אין שטעטל.

— ניין־ניין! גיי! זאָרג זיך ניט... — שטופּט ער מיך אָפּ, לויפט אָפּ אין א זײַט און באהאלט זיך אין שאָטן.

אז איך גיי צו צו אונדזער שטוב און קוק זיך אום, זע איך, ווי בעטשעק שטייט נאָך אלץ מיטן וועג־זעקל אף די פּלייצעס, דרייט אין אלע זײַטן דעם קאָפּ. נאָכדעם לאָזט ער זיך גיין, — ווערט פארשוווּנדן צווישן די מארק־שטעלכלעך און רונדוקלעך.

כ א ו ו י י ר י מ

אז ס׳איז אָנגעקומען בעטשעק, איז וואָס איז, דאכט זיך, דאָס וויינען? נאָר די מאמע האָט זיך צעוויינט.

זי וויינט דערפאר, וואָס א סאך יונגלעך און מיידלעך קערן זיך שוין אום און וואָס נאָר ארל וועט זיך ניט אומקערן...

זי קאָן ניט, זאָגט זי, סע פּאָטויפּעט זיך איר ניט אין קאָפּ, אז איר ארעלע, וואָס וואָלט איצטער אלט געווען אכצן־נײַנצן יאָר, זאָל ליגן אין דער ערד...

זינט ארל איז געשטאָרבן, לאָזט זי מיך ניט עטעמען. זי קאָן מיר א גאנצן טאָג נאָכלויפן מיט א גלאָז מילך. און אין די גרעסטע היצן וויל זי מיר אָנטאָן איר בלוטשקענע פּאטשיילע אפן האלדז.

נאָר כ׳גיב א געשריי — און זי מוז אוועקגיין. כ׳קאָן זיך אפילע אומקערן האלבע נאכט, און די מאמע און דער טאטע טאָרן מיר קיין וואָרט ניט זאָגן.

זיי וויסן שוין. אלע וויסן, אז טאטעס און מאמעס זײַנען אָפּגעשטאנענע און אז זיי דארפן אונדז פאָלגן.

דער טאטע פאָלגט מיך טאקע. ער האָט אָפּשײַ. און אבי איך וויל נאָר, האָט ער זייער ליב מיט מיר צו ריידן.

— אוי, אָשער, — קאָן ער ליגן מיט מיר אפדערנאכט אין בעט. — ווייסטו, אָשער, דעם טײַנעג, וואָס ס׳איז שוין ניטאָ פאר

וואָס מוירע צו האָבן... און וואָס יעדער דאָווער־אכער וועט שוין ניט שפּילן אין פּאַנעם...

און דאַפקע ניט מיט עלטערע, נאָר מיט מיר, מיט זיאמען ~ ~ אפילו מיט בולען האָט ער ליב צו פאַרפירן שמועסן.

די מאַמע שרייט אָפּן טאַטן. די מאַמע וויל, ער זאָל איר זאָגן, וואָס איז אַף אים די האָצעלעכע? און צי ווייסט ער, אַז ער איז שוין א טאַטע פון קינדער?

נאָר דער טאַטע רופט זי „ייִדענע". און אַבי זי איז ניטאָ אין שטוב, וויל ער, איך זאָל אים דערציילן, וואָס שטייט אין מיינע ביכלעך און וואָס טוען מיר אין שול.

אונדזער שול האָט מען ערשט ניט לאַנג געעפנט. אַז מע האָט דאָס ערשטע מאָל אופגעהאַנגען אַף דער שול א שילד מיט ייִדישע אויסיעס, זיינען זיך אַלע צונויפגעלאָפן. אונדזער האָרבאַטינקער לערער מוני האָט דעמלט געוויינט. גאָלדע האָט געהאַלטן א רעדע, און מיר האָבן געשריען „הורא".

גאָלדע, וואָס איז די פאַרוואַלטערין פון אונדזער שול און דער סעקרעטאַר פון קאָמיוג־קעמערל, זאָגט, אַז מיר דאַרפן זיך לערנען, מיר דאַרפן זיך גרייטן צו זיין קעמפער און מיר דאַרפן ליב האָבן אַרבעט.

מיר קערן דעם שאָסיי, מיר פירן האָלץ און קנעטן די ליים פאַר דער שול, וואָס מיר דאַרפן זי נאָך דערבויען. מיר האָדעווען קראָליקעס, מיר פלאַנצן א גאָרטן לעבן דער שול. מיר שפּילן טעאַטער, שטעלן פאָר, ווי די רויטע אַרמיי האָט צעקלאַפּט די ווייסע, צענעריקט די פּאָגראָמשטשיקעס.

מיר האָבן זיך צונויפגעשטעלט אַן אייגענע און זייער א שטאַרקע שווּע: „אונטערגיין זאָל איך, אויב מיין לעבן וועט מיר זיין טייערער ווי ס'לעבן פון מיינעם א כאַווער"...

יעדער איינער פון אונדז האָט די שווּע געגעבן.

מיר אַרבעטן א סאַך.

כ'בין דערפאַר שטאַרק פאַרנומען. כ'שטיי אוף זייער פרי.

היינט, צוליב בעטשעקן, בין איך אופגעשטאַנען, ווען ס'איז נאָך פינצטער געווען.

ס'האָט באַנאַכט געגאָסן ווי פון א פאַס, און ס'רעגנט נאָך אַלץ. דער זיידע קרעכצט. ער זאָגט, אַז ס'איז עלעל און אַז ס'איז שוין באַלד יאָמקיפּער.

א בלאָטע איז שוין ביזן האַלדז. נאָר אין דרויסן איז וואַרעם. די

מאמע האָט דאַפּקע געוואָלט, איך זאָל אָנטאָן קאַלאָשן. נאָר איך בין ניט קיין מעשוגענער. גיי איך מיר ארוים אין מײַנע קאַראַקוזלעך. איך כאַפּ מײַנע עטלעכע ביכלעך און לאָז זיך לויפֿן אין שול.

כאָטש ס׳איז זונטיק, איז אין מאַרק נאָך קיינער ניטאָ. די קלייטן זײַנען נאָך פֿאַרשלאָסן. פּויערים גייען ערשט אין קלויסטער. און צום לאַמטערן, וואָס שטייט אינמיטן פּלאַץ, איז ערשט צוגעגאַנגען יוכים מיט די בילמעס. ער האַלט די לירע און וואַרט אַף נעדאָוועס.

אַף אַ רונדוקל, ניט ווײַט פֿון אונדזער שטוב, דערזע איך בע־טשעקן. זײַן היטל איז פֿול מיט שטיקלעך שטרוי. ער איז פֿאַר־ײַטויבט.

— אַ גוט־מאָרגן, בעטשעק! — לויף איך צו אים צו אַ פֿריי־לעכער.

נאָר בעטשעק גיט עפּעס נאָר אַ מרוקע אונטער דער נאָז. ער איז בייז. ער גיט מיר נאָר אַ ווײַז מיט די אויגן, כ׳זאָל זיך אוועקזעצן לעבן אים.

— ס׳איז דאָ געווען אַ סריפּע?

— אַ סרייפּע.

— פּעטליורע?

— פּעטליורע, — ענטפֿער איך.

— אַן אומגליק אַף אים, — באַטראַכט ער די סטאַרטשענדיקע האָלעוושקעס, וואָס זײַנען געבליבן פֿון צוויי רייען הײַזער, וואָס זײַנען דאָ אַמאָל געשטאַנען. איצטער שטייען דאָרט אָפּגיך צונויפֿ־געקלאַפּטע רונדוקלעך און שטעלעכלעך.

— און ווידער... קלייטלעך, אַשער... נעפּמאַנעס...

— ניין! ניט נעפּמאַנעס! — וויל איך ניט, ער זאָל ריידן אַזוי וועגן שטעטל, — אַ פּראָפּאַריין, בעטשעק. און אַ קעמערל. און אונ־דזער שול. און גאָלדע. און אַ סעקרעטאַר אישטשענקאָ...

— אָ־אָ, אַשער! — פּאַטשט ער מיך אין פּלייצע. — גערעכט! מע דאַרף טאַקע ארײַנגיין צו זיי. גאָלדען קען איך. נאָר אָט דער איש־טשענקאָ איז פֿון דער פּרעמדר, וואָס?

— פֿון דער פּרעמדר, בעטשעק. און געקומען ערשט ניט לאַנג.

— גוט, — ווערט ער צופֿרידן, — גוט, — נאָר באַלד ווערט ער ווידער שטיל און אַנגעכמורעט. — פֿאַרשטייסט? עפּעס געפֿעלט מיר ניט, אַשער, ווי סע ריידן מיט מיר אייניקע היגע פֿאַרשוינען... זעען זיי ניט עמעצן עטלעכע יאָר, באַגעגענען זיי אים אַזוי, ווי פֿאַר די דאָזיקע יאָרן זאָל ער געווען וואַקסן אין סטויפּ. מע קוקט אַף אים

מיט די זעלבע אויגן, ווי דעמלט, ווען מ'האָט אים געזען דאָס לעצ־טע מאָל... אפילו דו, אָשער, ביסט פאַר מיר אַלט א יאָר אכט. און איצטער איז דיר שוין מיסטאָמע?

— צוועלף, בעטשעק!

— זעסטו?!

— בעטשעק... — ווייל איך אים שוין דערציילן, אַז ווייל ער איז געווען אַמאָל כאָוער מיט שניקען, מיינט מען, אַז ער איז אויך א גאַנעוו. נאָר כ'זאָג עס אים ניט. איך פאַרכאַפּ זיך.

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?

— גאָרניט. כ'מיין וועגן שניקען...

— וואָס שניקע? — ווערט ער אופגעלעבט. — ווו איז ער? וואָס זע איך אים ניט?

נאָר כ'באַווייז נאָך ניט עפענען דאָס מויל, אַז בעטשעק שפּרינגט אַראָפּ פונעם שטעלעכל.

— א געזונט, בעטשעק! — באַווייזט זיך שניקע פון הינטער די הייזער.

— וואָס מאַכן מיר, שניקע!?

און זיי כאַפּן זיך ביידע אַרום. מע קלאַפּט זיך איינער דעם צווייטן אין די פּלייצעס. מע לאַכט. מע לאַכט אַזוי הויך, אַז ס'הייבן זיך אָן אַרויסרוקן פענצטער פון די הייזער, נאָר אַז מע דערזעט שניקעלען, הערט מען אויף קוקן. מע הייבט אָן אפילו צוריק פאַר־מאַכן די קלייטלעך.

איך וויל אויך אוועקגיין. כ'זע, ווי די מאַמע איז אַרויס אַפּ דער שוועל און ווינקט צו מיר מיט די אויגן. סע הייבט מיר אפילו אָן שטאַרק, שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ. אָבער ניט פון מוירע, נאָר פון אומגעריכטקייט: מע זעט איצטער זייער זעלטן שניקען.

מע זוכט אים שוין לאַנג. מ'האָט אים געדאַרפט צעשיסן, נאָר ער איז אַנטלאָפן פון טורמע. ער האָט דערהאַרגעט דעם קאָסיר פון רייוויספּירקאָם און געשאָסן א מיליציאָנער. אויב ער האָט זיך באַ־וויזן, איז א סימען, אַז זיין באַנדע איז איצטער אין שטעטל, אַז עפּעס וועט הײַנט פּאַרקומען.

פריער איז ער, שניקע, ניט געווען אַזאַ. ער איז אין איין צייט מיט בעטשעקן אוועקגעגאַנגען אין דער רויטער אַרמיי. ער איז אוועק נאָך די ערשטע פּאָגראָמען. נאָר געהאַלטן האָט ער זיך, שני־קע, אַרום שטעטל, פלעגט זיך אַפּט אַראָפּכאַפּן, אויסקוילען אָדער

אויפֿגעקאָפּירן פֿאַרבליבענע פּעטליוראָווצעס, אַרופֿליִיגן קאָנטריבוציעס אויף די גוירים — און פֿאַרשווינדן.

שוין אַ האַלב יאָר, אַז שניקעלע האָט זיך אומגעקערט פֿון פֿראָנט. געקומען איז ער רײַטנדיק, באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און אָנגעטאָן אין אַ שיינעם שינעל און אין קאַקנדריקע שטיוועלעך.

ער איז פֿאַרפֿאָרן גלײַך צום טאַטן — אין יאָסיעס שטיבעלע, וואָס שטייט הינטער דער באָד.

עטלעכע טעג האָט ער זיך ניט באַוויזן. נאָכדעם איז ער געקומען מיט אַ גוואַלד אין פֿראָפֿאַריין, געקלאַפּט מיטן רעוואָלווער אין טיש, מע זאָל אים געבן אַ גוטע אַרבעט.

נאָר וואָס פֿאַר אַן אַרבעט מ'האָט אים ניט געגעבן, האָט ער ניט געוואָלט. מ'האָט אים געוואָלט מאַכן פֿאַר אַן אַרבעטער אין מיל, מ'האָט אים געשיקט אין האַרבאַרניע, נאָר שניקע האָט געשריגן, אַז ער האָט גענוג בלוט פֿאַרגאָסן, אַז ער וויל ניט האָרעווען און מע זאָל אים געבן אַן אַרבעט „פּאָ פֿינאַנסאָוואָי טשאַסטי".

שניקע האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן דאָס פֿערד. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן גיין ווי אַ שלעפּער, אָנגעהויבן שיקערן און צוריק געגומען באַלעגאָלעווען מיטן טאַטן.

זײַן באַליבטסטע זאַך איז געוואָרן זיך אַרומשלײַען יאַריד־צײַט — אָפּזוכן שיקורים און זיי אָפּשלאָגן די כריפֿעס; אָדער אָפּזוכן אַ יאָמטעוודיקע פּויערטע, וואָס פֿאַרקויפֿט הינער, זיך אוועקשטעלן דינגען בא איר אַ הון, לאַנג־לאַנג באַטראַכטן די הון, אויפֿבלאָזן איר די פֿעדערן, און נאָכדעם אַזוי קונציק אַ קוועטש טאָן די הון, אַז די פּויערטע זאָל אינגאַנצן באַשפּריצט ווערן מיט הינער־קויט. איינמאָל האָט ער אַפֿילו אויסגעטערגעבונדן אַ געפֿייגערטע קאַץ צום נאַטשאַלניק מיליציעס פֿערד. און ריאַבאָוו איז שיר ניט געהאַרגעט געוואָרן, ווײַל זײַן פֿערד האָט זייער מוירע פֿאַר געפֿייגערטע קעץ.

די לעצטע צײַט האָט שניקע אָנגעהויבן מאַכן אָנפֿאַלן. צו אים זײַנען צוגעשטאַנען עטלעכע קאַצאָווים, ליוואַראַנטן און באַלעגאָלעס פֿון אונדזער און פֿון אַנדערע שטעטלעך. זיי פֿאַלן אָן און האַרגענען אַפֿילו. זיי ליִיגן אַרויף „שטײַערן". אונדזער פֿינינספּעקטאָר ליגט שוין איבער שניקעס אין שפּיטאָל. און דעם באַפֿולמעכטיקטן פֿונעם פֿראָפֿאַריין דעם כאַווער פֿאָליעוואָי, וואָס האָט פֿאַרמאַכט גדאַליעס בעקערײַ, ווײַל גדאַליע האָט ניט געצאָלט קיין געלט די אַרבעטער, האָט שניקע געכאַפּט באַנאַכט, אים אָנגעטאָן אַ

זאָק אפֿן קאָפּ און צוגעבונדן אים אינמיטן מאַרק צום לאַמטערן־סלופּ.

שניקען קען מען ניט כאַפּן. ס׳זיינען שוין עטלעכע מאָל געקו־מען רויטאַרמייער נאָך אים, נאָר ער פאַרשווינדט אונטער די הענט. מע זאָגט, אַז ריאַבאָוו האָט פאַר אים מוירע.

— העי, דו, — גיט ער מיר אַ הייב אונטער דעם קאָפּ, — וואָס קוקסטו אָפּ מיר ווי ראַבטשיק אַפֿן טאַטן?

— גאָרניט! — ענטפֿער איך אים. און כ׳ווער זייער צופרידן, וואָס כ׳רייד מיט אַזאַ גרויסן באַנדיט.

— סע לערנסטו זיך? — גיט ער אַ נעם די ביכלעך, וואָס איך האַלט, הייבט אָן באַטראַכטן די געאָגראַפיע, — ס׳אַ גראַמאַטיקע באַ דיר?!.. פֿײַן, פֿײַן, — הייבט ער מיך אונטער און זעצט מיך אַוועק לעבן זיך, — אוטשעניע — סוועט! מאָלאָדעץ, אַשער!

עס דערפרייט מיך זייער. כ׳האָב אים שוין ניט פֿײַנט. כ׳וואָלט אפילו געוואָלט, אַז אַלע זאָלן זען, ווי איך זיץ מיט אים.

ער איז זייער אַ העלדישער, שניקע. ס׳געפעלט מיר שטאַרק, ווי ער גיט אַלעמאָל אַ צי פאַר די אויערלעך די ציגײַנערשע שטיוול מיט די האַרמאָשקעלעך. ער טראָגט סאַמעטענע הויזן, ווי אונדזערע דײַטשן, און אַ ברוין וועלוועטן פּידזשאַקעלע.

דאָס ברוין־סאַמעטענע היטל, וואָס שטענדיק טראָגט ער עס אויף אַ זײַט אַזוי, אַז זײַן שוואַרצע היטשקע איז אײַנגאַנצן אינדרויסן, איז אײַטער טיף אַנגערוקט איבער די אויגן.

בעטשעק זעט איצט אויס לעבן שניקען דאַרער און דערשלאָגע־נער. אַן אָפּגעשווירענער, אָנעם אַמאָליקן היטשקעלע, איז בעטשעקס קאָפּ געוואָרן אַ קלענערער, אַן אָפּגעצויגענער. נאָר ניט אַזוי דער קאָפּ, ווי די סאָלדאַטסקע אויסגעטראָטענע שיך מיט די וויקלשנורן, דאָס רויטאַרמייישע אויסגעשמירטע און פאַרלאַטעטע העמדל, דאָס צעקנייטשטע היטל — מאַכן אים, בעטשעקן, עפּעס זייער דער־שלאָגן.

ער דערפילט עס, ווײַזט אויס. ער קוקט זיך לאַנג, לאַנג אײַן אין שניקען און ווערט צוריק אָנגעכמורעט.

— עפּעס גייסטו ווי אַ שמאַטניק, בעטשעק, — נעמט אים שניקע ווידער קלאַפּן אין פּלייצע און לאַכן אָפּ אַ קאָל.

— אַבי דעם קאָפּ געבראַכט... — גיט בעטשעק קוים אַ שמייכל, גיט אפילו אַ קנייטש מיט די פּלייצעס, הייבט זיך אָן אַרומקוקן.

פֿונעם רונדוקל זעט מען דעם גאַנצן מאַרק. בינִיאָמין דער קלייט־

ניק, אפֿ וועמעס רונדוקל מיר זיצן, קוקט אפֿ אונדז פֿונדערוויַטן אוּן גייט אוועק. ס'איז פּוסט. נאָר יוכים דער בלינדער דרייט די לירע. עטלעכע כאַזיירים קוויטשען אין א זעקל. עטלעכע באַרוועסע פֿויערטעס באַוויַזן זיך מיט קוישלעך. עפּעס אַן אַלטיטשקער איז לאַפּטיעס שטייט אינמיטן מארק און האלט א פּעלעכל צום פֿאַרקויפֿן.

— כ'פאַרשטיי גאָרניט, וואָס איז אזא פּוסטקיַיט?.. און ס'ארא בלאָטע! — ווערט בעטשעק מיטאמאָל אופּגעלעבט. — איך בין געלעגן אין ניקאָלייעוו אין האָספּיטאל... זאָלט איר זען, ס'ארא קלאָדקעס אין ניקאָלייעוו — צעמענטענע, און זיי הייסן דאָרטן טראָטוארן. און סקווערן... און א ריינקיַיט... און מיינסט? מע זאָל זיַין מענטשן, וואָלט מען עס דאָ אויך ניט געקענט מאכן?!..

— אייסעך... ניקאָלייעוו. אָט — קיִעוו. דער קיִעווער באַנק. א מאקע וועלן מיר האָבן אזעלכע מאָווערן... און די קאָמנאטעס... און ס'ארא טרעפּ, אז אַן קויכעס קאָן מען בלייַבן...

— האָסט דען געארבעט אין באנק?

— אפילע אין א פּאָטשט... כ'ארבעט איצטער, בעטשעק, פֿאַ פּינאנסאָוואָי טשאַסטי...

— אָ־אָ! דערלעבט זיך עפּעס פֿונדעסטוועגן?

— אוואדע! — צעשריַיט זיך שניַיקע אפֿ א קאָל. — האָדיע! בלוט פֿארגאָסן, און נאָך א שמיַיסער באַ זיי זיַין?!..

ער הייבט אופֿ א פֿויסט. גיט מיט אים א פּאָכע אינדערלופֿטן. כ'קאָן שוין גאָר ניט אָפּריַיסן די אויגן פֿון זיַין האַנט מיט די קורצע גראָבע פֿינגער. איך קוק זיך אפילע צו צו דער בלאָטע אונטער זיַינע נעגל, וויַיל מיט דער דאָזיקער האנט, ווייס איך, שלאָגט ער אוּן הארגעט. נאָר אזוי איז ער גאָר ניט קיין שרעקלעכער. ער הייבט ווידעראמאָל אָן לאכן. ס'באוויַזט זיך א פֿרייליכע פֿיַיערל אין זיַינע ברוינע אויגן. ער קוקט זיך מיטאמאָל אַיַין אינעם פֿויערל, וואָס שטייט ניט וויַיט פֿון אונדז און האלט א פּעלעכל.

— העי, דידו, — גיט אים שניַיקע א רופֿ, — וואָס פֿארקויפֿסטו דאָרטן, דידו?

שליאָפּענדיק מיט די פּאָסטעלעס אין דער בלאָטע, פּאַמעלעך, ווי שלאָפֿנדיק, גייט דער פֿויער צו צו אונדז.

— שקורקא, — קוטעט ער זיך אין דער צעריסענער סוויטקע, רוקט טיפֿער אָן דעם אָפּגעקראָכענעם יאָלעם איבער די אויערן, — שקורקו פֿראָדאיו, — דערלאַנגט ער שניַיקען דאָס צונויפֿגעלייגטע אויסגעטריקנטע פֿעלעכל, וואָס קלינגט ווי א בלעך.

— פּו״ו — פּאַרקרימט זיך שײַקע, נעמט עס אַן מיט צווײ פֿינ־ גער, — ביבאַ צע שקורקאַ?

— אַף וואָס? — צעלאַכט זיך בעטשעק, — אַף וואָס דאַרפֿסטו דאָס?

— איך דאַרף, — ווערט שײַקע, ווי אַלעמאָל, ווען ער דאַרף עפּעס אָפּטאָן, זייער ערנסט — כ׳ווייס נאָר ניט, — רעדט ער הויך, — צי עס איז אַ פֿעלעכל, צי ניט קיין פֿעלעכל?

— מענטשן ליבע, — הייבט ער זיך אויך אָן צײלעמען, דער פֿויער, — צע־זש שקורקאַ... פֿון מײַן ראַב ביקל!..

— איז וואָס־זשע טרישטשעט עס?! — רוקט אים אָן שײַקע דעם יאָלעם איבער די אויגן, — כ׳האָב פֿײַנט, אַז מע שרײַט! וואָס קלינגט עס, וואָס? — צענעמט ער דאָס פֿעלעכל און הייבט אָן קלאַפּן מיט דעם אין דער וואַנט.

— ס׳אין אויסגעטריקנטס. ס׳איז פֿון מײַן ראַב ביקל!..

דערווײַל הייבט מען זיך אָן צונויפֿקלײַבן. ס׳גייען צו עפּעס פֿרעמדע. זיי הייבן אָן לאַכן. איינער שרײַט אַפּן פֿעלעכל, אַז ס׳אַ פּוכיר, אַ צווייטער, אַז ס׳איז אַ רעדי:ע. און זײַוועלע דער באַלע־ גאָלע שרײַט גאָר, אַז ס׳אַן אָרטשעק.

און איך לאַך אויך. ס׳איז מיר זייער גרינג צו צעלאַכן. און ס׳איז מיר זייער פֿריילעך.

נאָר אַז איך גיב אַ קוק אַף בעטשעקן, וואַרג איך זיך שיר ניט. סע בלײַבט מיר שטיין דער געלעכטער, ווי אַ ביין אין האַלדז.

פֿרי:ער אַ ביסל האָט ער געלאַכט. און איצטער הייבט זיך אָן: אָנבלאָזן און אויפֿאַלן די הויט אַף די אַנגלען. ער שפּרינגט שוין אַפּילע אַראָפּ פֿון רונדוקל.

דער צעטומלטער פֿויער האַלט זיך שוין באַם קאָפּ. ער שטייט שוין אָן דעם יאָלעם. נאָר שײַקעלע שרײַט נאָך העכער:

— ווייק עס אײַן! — לעכערט ער אים די אויערן.

— שאַ־אַ?

— זאָל זיך עס ווייקן! — גיט שײַקע אַ וואַרף דאָס פֿעלעכל אין אַ קאַלוזשע, פֿאַרטאָפּטשעט עס, אַז מע זעט עס שוין ניט אַרויס פֿון דער בלאָטע.

— הער אוף!!! — וויל אים פֿאַרכאַפּן בעטשעק. — הער אוף, שײַקע!!! — און די ווײַסלען אין בעטשעקס אויגן ווערן רויטער, אָנגעצונדענער.

— שייַקע... — זאָגט ער שוין קוים צו דערהערנ. נאָר ער זאָגט עס אַזוי, אַז מע הערט אופ לאַכנ און מע ווערט אַלע שטיל.

— וואָס וויל ער? — קוקט זיכ שייַקע אַרום. ער לייגט אַרופ בעטשעקנ די האַנט אַפּנ שטערנ. — האָסט, דאַכט זיכ, וואַרעמ־קייַט... וואָס ווילסטו? — קוקט ער אַפּ אים אַ פאַרוווּנדערטער.

— כ׳וויל גאָרניט! — שטופּט בעטשעק אָפּ זייַנ האַנט, שטייט אַ צעפּודלטער, אַ צעכראַסטעטער ביז איבער די שיכ אינ דער בלאָטע.

— פונ וועמענ לאַכסטו? — רעדט ער אַזוי ווי מיד. נאָכדעמ בייגט ער זיכ אָנ, הייבט אופ דאָס פעלעכל פונ דער בלאָטע. די בלאָטע רינט, פאַרליאַפּעט בעטשעקס הויזנ, די וויקלשנורנ, קוועטשט זיכ דורכ צווישנ די פינגער.

— פונ אימ? — און בעטשעקס פּאָנעמ ווערט אײַנגאַנצנ אָנגעגאָסנ מיט בלוט. — פונ וועמענ לאַכסטו?!

און ער גייט, בעטשעק, צו אַזוי נאָענט צו שייַקענ, אַז שייַקע נעמט זיכ אָפּרוקנ, צעשפּיליעט און וואַרפט אַראָפּ פונ זיכ דאָס פּידזשאַקל, רוקט פּאַמעלעכ אַרײַנ די הענט אינ די קעשענעס.

— נאַ־אַ! — נעמט ער אַרויס אַ נאָז־טיכעלע. און אַלע דערזעענ אַפּ שייַקעלעס האַנט אַנ אײַזערנע הענטשקע מיט אָנגעזעצטע טשוועקעס. — נאַ! וויש זיכ אָפּ, בעטשעק.

— שלאָגנ זיכ?! — לייגט בעטשעק אויכ אַרײַנ די האַנט אינ קעשענע, זוכט עפּעס, זוכט מיט איינ האַנט, ווײַל מיט דער צווייטער האַלט ער נאָכ אַלצ די אָנגעווייקטע פעל.

מע הייבט זיכ אָנ אָפּרוקנ. מע וויל זענ, וואָס וועט ער אַרויסשלעפּנ.

— אַזוי, הייסט עס! — שלעפּט ער אַרויס אַנ אומרייִנ שמאַטקעלע און הייבט זיכ אָנ ווישנ דעמ פאַרשוויצטנ שטערנ. — זיכ שלאָגנ גאָר?

— יאָ, — גייט צו שייַקע נענטער.

ס׳ווערט גלייַכ אַ געלעכטער. מע הייבט אָנ שרייַענ, אַז בעטשעק האָט מוירע, און אַז מע זאָל אים גיכער ברענגענ אַ פּאָרל גרעט.

— שייַקע, — רעדט בעטשעק דאַפּקע שטיל, און קוים־קוים, וואָס ער צעעפנט דאָס מויל. — וואָס קוואָליענ זיי?! באַצאָל! — ווייַזט ער אַפּנ פויער. — און לאָמיר זיכ בעסער ניט קריגנ!..

— און איכ וויל דאַפּקע! — פאַרקאַטשעט שייַקע די אַרבל. —

אונ העלפט מיר ניט, — צעשפארט ער די פרעמדע אונ היימישע מעסער־יונגענ, וואָס שטייענ ארומ אימ.

— טאקע שלאָגנ זיכ?

— שלאָגנ זיכ, ניוזיק! — גיט שײַקע זיכ א שפײַ אפ דער האנט, לויפט צו אונ גיט א הייב די הענטשקע, אז ס׳גיבנ א בלי־שטשע איבער בעטשעקנ די אָנגעזעצטע בליאסקענדיקע טשוועקעס.

— ע־עכ! — גיט זיכ בעטשעק א בייג, שפרינגט אָפ, אזוי, אז שײַקע טרעפט ניט אונ דערלאנגט גאָר מיט דער הענטשקע אינ דער וואנט.

— נא־א! — הייבט בעטשעק אָנ דרייענ די שווער־אָנגעווייקטע פעל איבערנ קאָפ.

— נא־א, — גיט ער זי א צעוויג אונ א נערעק מיט איר שײַקענ אינ פאָנעמ.

— הארגעט! — צערעוועט זיכ שײַקע, רײַבט זיכ די אויגנ, וואָס זײַנענ אינגאנצנ פארקלעפט געוואָרנ מיט בלאָטע. — מיימעסט!

— רא־אטעוועט! — האָט מענ זיכ דערשראָקנ אינ מארק.

— פאָזשא־אר! — האָט זיכ עמעצער צעשריענ.

ס׳הייבט טאקע גלײַכ אָנ קלינגענ פונעמ פאָזשארנע טורעמ. גראָ־בע, געזונטע, מעשענע גלאָקנ־קלאנגענ צעגייענ, צעטראָגנ זיכ אי־בערנ פרימאָרגנדיקנ שטעטל.

איכ קאָרטשע זיכ אוזש אײַנ פונ שרעק. כ׳האָב זיכ ניט ווו צו באהאלטנ אונ דריי זיכ צונויפ הינטער בעטשעקס פלייצע.

— הארגעט! — גיט א פלי אָנ אָרטשעק אונ צעברעכט א פענצ־טער איבער מײַנ קאָפ.

— שטייט! — בעט זיכ בעטשעק. — דער יאט!.. — שלאָגט ער זיכ אָפ אונ וויל מיכ פארשטעלנ, נאָר ער גיט זיכ מיטאמאָל א וואקל, הייבט זיכ אָנ אראָפלאָזנ אונ ציט זיכ אויס לעבנ מײַנע פיס.

פאר די אויגנ שווינדלענ מיר קערפערס, דישעלעס אונ בעטשעקס צעבלוטיקט פאָנעמ.

כ׳האָב שוינ אָבער גאָר קיינ מוירע ניט. איכ מאכ אויכ מיט די הענט אונ דראפע עמעצנ. איכ כאָפ שטיקער פליסיקע בלאָטע אונ פליושקע. איכ ליג אפ דער ערד אונ שלאָג זיכ אָפ מיט די פיס.

עמעצער גיט מיכ א שטיק. איכ גיב א קוויטשע פונ ווייטעק אונ דערזע, ווי בעטשעק האלט מיכ באמ אקסל. נאָר כ׳שרײַ נאָכ העכער.

א דינער אויסגעצויגענער געשריי ענטפערט מיר גלײַכ אָפּ פונ מארק.

דער קוויטש איז אזא הויכער אונ שרעקלעכער, אז אינגאנצנ א פֿארציטערטער כאַפּ איכ ארומ בעטשעקנ.

איבערנ פּוסט געוואָרענעמ מארק — א קלייניניקע, א דארע, די האָר צעשויבערט, די הענט צעשפּרייט — לויפט צו מיר די מאמע.

זי קוקט אַפּ מיר מיט גרויסע, פֿארגליווערטע, שרעקלעכע אויגנ, הערט ניט אופ צו שרײַענ אונ קוויטשענ, ווארפט זיכ מיטאמאָל ארופ אַפּ שײַקענ.

זי איז א נידעריקע, שפּרינגט זי אימ אינ פּאַנעמ, כאפּט אימ פאר די האָר, רײַסט אימ מיט די נעגל.

ער וואלגערט זי אומ, נאָר זי שפּרינגט אופ, בײַסט זיכ אימ אײַנ אינ פּאָנעמ. שײַקע ווערט אינגאנצנ פֿארגאָסנ מיט בלוט.

אונ די מאמע שרײַט שוינ ניט — זי צישעט נאָר, וואָרטשעט אונ הערט ניט אופ צו דראַפּענ אימ די אויגנ.

אלע, וואָס זײַנענ נאָרוואָס אנטלאָפֿנ, הייבנ זיכ אָנ צוריק צונויפלויפנ. ס׳זײַנענ אפילע אָנגעלאָפֿנ די פּאָזשארנע פעסלעכ.

איינער איבערנ אנדערנ קויקלט מענ זיכ אינ בלאָטע, מע ווייסט שוינ ניט, ווער וועמענ סע שלאָגט — ס׳הייבנ זיכ שטעקנס, פּויסטנ, אָרטשעקעס.

עמעצער האָט שוינ קוימ פונ דאָרטנ ארויסגעשלעפּט די מאמע.

— לאָזט! האלט מיכ ניט! — שרײַט זי אונ גוואלדעוועט, אז זי וועט אלעמענ אויסדראַפּענ די אויגנ.

— מאמע! — ווייַנ איכ — מאמע! — שרײַ איכ.

ערשט אז איכ צעשרײַ זיכ, ווערט זי ווידער שטיל. אונ נאָר די לאַנגע ווײַסע האָר זײַנענ בא איר נאַס אונ צעשויבערט. מיכ לאָזט זי אָבער ניט אָפּ. זי שלעפּט מיכ. איכ גיי לעבנ איר אונ הינק. בעטשעק גייט אויכ. מיר גייענ אינ מיליציע.

נאָכ אונדז שלעפּט זיכ נאָכ א לעווײַע פונ שרײַענדיקע ווײַבער אונ ייִדנ. כ׳פֿארשטיי נאָר ניט, פֿארוואָס זע איכ ניט שײַקענ, וווהינ איז ער אהינגעקומענ? איכ קאָנ אפילע ניט פרעגנ. ס׳איז זייער טומלדיק. מע שרײַט זייער. די פּאָזשארניקעס פֿאָרנ נאָכ מיט די פעסלעכ, קלינגענ מיט די גלעקער אונ שרײַענ:

— ראַזאָידיס!..

איך האָלט אַ רעדע

דעם זעלבן טאָג, נאָכן געשלעג, האָט שניקע געשאָסן אין בעטשעקן און אים פאַרוווּנדעט.

אַז כ׳האָב אָפּ מאָרגן דערזען בעטשעקן אין שפּיטאָל, האָב איך זיך צעווײנט און בין אַנטלאָפן.

אַזוי איז מיר דאָפּקע גוט. פון זינט כ׳האָב זיך געשלאָגן מיט שניקען, ווילן אַלע אין שול ווערן מיט מיר כאַווער. און גאָלדע, כאָטש זי האָט מיט מיר גאָרניט ניט גערעדט וועגן דעם געשלעג, איז אַפילע געגאַנגען מיט מיר צו בעטשעקן. זי האָט מיר אַפילע געזאָגט אַזוינס, אַז כ׳האָב זיך אָנגעהויבן בײַסן די ליפּן, געטומען אונטערהוסטן, גאָלדע זאָל ניט מיינען, אַז כ׳בין עפּעס אַ ייִנגעלע.

זי האָט מיר געזאָגט, אַז אָפּ דער יאָמטעוודיקער דעמאָנסטראַציע וועל איך אַרויסטרעטן מיט אַ רעדע.

כ׳קאָן זיך שוין גאָר ניט דערוואַרטן. הײַנט איז ערעוו יאָמטעוו. און פּונקט ווי אַלע שילער, טראָג איך הײַנט אַ גאַנצן טאָג יאָלקע־צווײַגן און גרייט זיך צו דער דעמאָנסטראַציע.

מיר האַלטן איצטער אין איין באַפּוצן די שול, ווײַל אינווייניק, אין די קלאַסן איז נאָך ווי אין אַ שטאַל: די ווענט זײַנען ניט געטינקעוועט, סע זעען זיך אַרויס די בערוועס, און ס׳זײַנען נאָך ניטאָ קיין שויבן אין די פענצטער.

מיר מוזן אַליין פּירן האָלץ און קנעטן ליים, ווײַל לייב טראַקאָוויטשער האָט נאָך געמאַכט די שטיינערנע פּידמוראָווקע, אָוועקגעשטעלט ווענט און צוגעדעקט דעם דאַך.

איצטער איז ער זייער אין קאַס און וויל ניט פאַרענדיקן די שול. ער האַלט אין איין שרײַען, אַז מע האָט אים באַראַבעוועט. נאָר גאָלדע זאָגט, אַז ער דאַרף ניט קיין צוויי הײַזער, ווײַל לעבן דער שול האָט ער אַ שטוב, אַ שײַער מיט אַ בושל אָפּן דאַך, אַ שטאַל פאַר בעהיימעס, אַ סאָד און אַ האָפּן־פּלאַנטאַציע.

ער איז זייער אַ רײַכער, לייבע. גאַנצע טעג פאָדעט ער אַרום אָפּ זײַנע פעלדער. פאַר אַ ווערסט אַפילע קאָן מען אים דערקענען: ער איז אַ הויכער און אַ רויטער. און אַז ער גייט, איז ווי אַן אָנגעשפּאַנטער — דער קאָפּ פאַרוואָרפן, די פּיס אין די קניִעס אויפגעהויבן ווי בײַ אַ גוט אויסגעכאָליעט פערד אין אַ בריטשקע.

די ערשטע צײַט האָט ער זיך געוואָרפן שלאָגן, איז געלאָפן צו מײַן טאַטן און צו אַלע טאַטעס, געשאָלטן, אַז ווער ס׳וועט אָפּ־

געבן לערנען די קינדער, יענעמס קינדער זאָל מען ארויסטראָגן מיטן קאָפּ אין דר'ערד און מיט די פּיס אין קלויסטער.

נאָר ווײַל מע טאָר זיך ניט שעלטן, האָט מען בא אים צוגענומען צוויי בעהיימעס פאַר דער שול, זײַן גאָרטן. און ווײַל געלדע דארף וווינען לעבן דער שול, האָט מען זי ארײַנגעזעצט אין זײַן אַלטער שטוב.

איצטער זאָגט ער שוין גאָרניט. ער קרעכצט נאָר. און מיר מוזן אליין דערבויען די שול. און ווײַל זי איז ניט פאַרענדיקט, פאַרדעקן מיר דערפאַר די ווענט מיט יאָלקע־צווײַגן. איבער דער סטעליע ציִען מיר איבער בענדעלעך און הענגען אָפּ זיי אָן פענדעלעך און לאַמטערנדלעך.

מיר דאַרפן, ס'זאָל בא אונדז זײַן זייער שיין יאָמטעוו.

גאָלדע האָט אונדז צונויפגענומען און האָט אונדז דערציילט וועגן דעם אַקטיאַבער־יאָמטעוו. ס'איז מיר זייער געפעלן געוואָרן.

מיר האָט גאָלדע געהייסן איבערלײַבן. זי האָט מיר געזאָגט, כ'זאָל גיין אהיים אָנשרײַבן און אויסלערנען די רעדע, און אז ס'זאָל ניט זײַן ווי מיטן געדיכט „געפּענקעניש און טיראַנײַ", וועל כ'האָב פאַרגעסן די ווערטער.

בין איך טאַקע גלײַך אוועקגעלאָפן, ארופגעקראָכן אַפן זיידנס בוידעם־סוקע און זיך גענומען שרײַבן מײַן רעדע.

אז איך בין אָבער שפּעטער געקומען איבערלייענען די רעדע פאַר גאָלדען, האָב איך קיינעם ניט געטראָפן, ווײַל גאָלדע איז זייער פאַרנומען: זי האַלט אין איין ארומלויפן צווישן די קוסטאַרן און די פּראָפסאָיוזניקעס.

בין איך אוועקגעלאָפן צו בעטשעקן אין שפּיטאָל. כ'האָב געוואָלט, בעטשעק זאָל טאַקע וויסן, אז איך טרעט שוין ארויס אָפּ מיטינגען.

אז איך בין געקומען צו לויפן, האָב איך אָבער געטראָפן בא אים איציק נאַזימיקן. איציק איז גאָלדעס פאַרטרעטער איז אונדזער קאָמיונ־קעמערל. גאָלדע, וואָס איז סעקרעטאַר, האָט זייער א סאַך ארבעט אין שול, און איציק פאַרבײַט זי, ווען זי איז זייער פאַרנומען.

איציק און בעטשעק זײַנען ביידע געזעסן אין שפּיטאָל־גאָרטן. בעטשעק איז געווען אָנגעטאָן אין א ווײַסן כאַלאַט, און זײַן גאַנצער קאָפּ און אפילע דער האַלדז איז געווען פאַרבונדן. נאָר א

שטיקל נאָז, די ליפּן און די אויגן האָבן זיך ארויסגעזען פון צווישן דער מאַרליע.

איבער איציקן דערפיל איך זיך שלעכט. ניט ווייל איך האָב פאַר אים מוירע, נאָר גלאַט אַזוי.

כ׳קען אים שוין פון לאַנג. נאָך אַמאָל, ווען אַרל האָט זיך גע־לערנט אין שטאָט און פלעגט קומען פון דאָרט צוגאַסט, פלעגט איציק צו אים אַרייַנגיין. נאָר אַרל, געדענק איך, האָט אים עפּעס ניט ליב געהאַט, ניט געוועגן מיט אים כאַווער, כאָטש מייַן טאַטע האָט דעמלט געהאַלטן איציק יויעל דעם קירזשנערס פאַר אַ לייַ־טיש קינד, אַף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן.

איציק האָט זיך דעמלט געלערנט אין דער „אוטשילישטשע״, פלעגט גיין אין אַ שוואַרץ גאַרניטערל מיט ווייַסע קנעפּ, טראָגן אַ ברייטן פּאַס מיט אַ מעשענער ספּראַשקע, גיין טאָמיד פּאַוואָלינ־קע און שטענדיק האַלטן אַ ביכל אונטער דער האַנט.

אַלע שאַבעס איז ער געגאַנגען מיט זייַן טאַטן אין באַלמעלאָ־כישן שולכל. מייַן טאַטע פלעגט זיך דעמלט זייער בעטן, אַז אַרל זאָל אים צוליב טאָן, גיין אין שולכל, אַזוי ווי איציקל.

נאָר איצטער איז איציק איינגאַנצן אַן אַנדערער. „אַזוי פרום, ראַבמאָנוע־ליצלאַן...״ — האָט איינמאָל אַ זאָגן געטאָן וועגן אים מייַן פעטער מענאַשע און זיך דערשראָקן פאַר מיר, ווייל כ׳האָב זייער פייַנט און כ׳טרייַב דורכ, ווען מע רעדט שלעכטס אַף דער סאָוועטנמאַכט.

נאָר אַף איציקן אַז מע רעדט, אַרט מיך ניט, ווייל ער איז זייער אַ בייזער, קאָן ניט אָנקוקן די שילער, און שטענדיק איז ער אָנ־געכמורעט.

ניט מיט אַלעמען איז ער אַזאַ. כאָטש ער איז אַ לאַנגער, אַ דאַרער, נאָר פאַר גאָלדען און נאָך מער פאַר אישטשענקאָן ווערט ער, איציק, אַ קלייניניקער, אַ גוטינקער. אַפילע מיט בעטשעקן, זע איך, רעדט ער עפּעס זייער ליב און גוט.

און כאָטש איך דערפיל זיך שלעכט איבער איציקן, נאָר כ׳גיי פונדעסטוועגן צו אַ פרייליעכער, ווייל ניט אַלעמען לאָזט מען אַרייַן אין שפּיטאָל און אַלעמאָל באַווייַזן זיך אַנדערע אויגן צווישן די שטאַכעטן: אַלע ווילן וויסן, וואָס בעטשעק מאַכט.

אַלע ריידן איצטער וועגן בעטשעקן.

— אַן עמעסער סקאַנדאַל, — קאָן זיך ניט באַרויקן איציק

נאזימיק, — גאָרניט געוווּסט, כאווער קאמעניר, אז דו ביסט א פּארטייִער...

בעטשעקס פאמיליע, לאָזט זיכ אויס, איז קאמעניר. כ'פארוווּנ־דער זיכ אזש, כ'האָב ניט געוווּסט, אז בעטשעק האָט א פאמיליע.

— אייסעכ. נארישקײטנ, — ענטפערט אימ בעטשעק, אונ די אויגנ זײַנע לאכנ צווישנ דער מארליע.

כ'האָב נאָכ קיינמאָל בעטשעקנ ניט געזענ אזא פריילעכנ.

— מיר דארפנ אזוי האָבנ מענטשנ. פונ די אינטעליגענטלעכ אונ דער בורזשואזיע איז ניט אויסצוהאלטנ, כאווער קאמעניר, — אונ איציקס פּאָנעמ ווערט ווי אלעמאָל פארזאָרגט.

ער זיצט אנטקעגנ בעטשעקנ, ארומגענומענ מיט בײדע הענט די קניִעס. פונ אונטערנ העמדל זעט מענ זײַנע סטארטשענדיקע בײ־נער. דער קאָפּ איז בא אימ ארויסגערוקט. די שווארצע גלאנציקע האָר שטעקנ אינדערהייכ. די אויגנ אינעמ אײַנגעפאלענעמ פּאָנעמ, ווי זיי זאָלנ עפּעס זוכנ. די נאָז איז אײַנגעבויגנ, דאָס שפּיציקל דערלאנגט אזש צו דער אייבערשטער ליפּ. עפּעס פויגלדיקס אונ ניט־פרײַנטלעכס איז דאָ אינ זײַנ אויסזענ.

גאָלדע האָט זיכ א סאכ מאָל געקריגט מיט אימ. זי קריגט זיכ מיט אימ פאר אונדזערע שילער אונ לערער, ווײַל איציק האלט זיי אינ איינ באליידיקנ.

ער איז שוינ, איציק, אזוי ווי אינ דער סוכאָטע. אָבער ניט פונ קרענקענ, נאָר פונ עפּעס א הריזעניש, פונ שטענדיק זײַנ אומצופרידנ.

ער זאָגט, אז מע פארגינט אימ ניט אונ אז די קלײנבורזשואַ־זיע ווילּ אימ אופעסנ אונ אז ער וועט עס אלצ באשרײַבנ אונ אוועקשיקנ, וווהינ מע דארפ.

מיר אונ זיאמענ, ווײַל מיר זײַנענ „ראבאָטשע יאטנ'', האָט ער געזאָגט בעסאָד־סוידעס, אז „אײַער גאָלדע'' האָט ניט אינ־זינענ די ארבעטער.

נאָר אז ער איז מיט גאָלדענ, איז ער זייער א גוטער אונ שרײַט, אז מיר דארפנ אלע נעמענ פונ איר א בײַשפּיל.

מע זאָגט, אז ער האָט זיכ, איציק, אָנגעהויבנ שלאָגנ מיט זײַנ טאטנ, רופט אימ „טאכטער'', אלעמײַ ער לאָזט אימ ניט עסנ קיינ כאזער אינ שטוב. אונ ער עסט שוינ, איציק, נאָר כאזער, גייט ארומ אינ א פּאָר שווערע סאָלדאטסקע שיכ, וואָס זײַנענ שטענדיק צע־שפּיליעט.

די קרעמערס קינדער, און אפילע די שילער פון דער שול, אויב גאָלדע איז נאָר ניטאָ, טרײַבט ער פון קעמערל, רופט זיי „טאַכטערס".

— איז וואָס הערט זיך עפּעס בא די אינטעליגענטלעך? — גיט ער מיך א מעסט אָפּ. — ווי גרייט מען זיך עפּעס צו דער דעמאָנסטראַציע?

— איציק, — זאָג איך אים שטילערהייט, ווײַל כ'קאָן דאָס ניט איבערטראָגן. ס'דוכט זיך מיר אַלץ, אז ער רעדט מיט מיר ניט ווי מיט א גרויסן, נאָר ווי מיט א קינד.

— איציק, — רייד איך צו אים און קוק אפּ בעטשעקן, — מאָרגן טרעט איך ארויס מיט א רעדע אפן מיטינג...

— אזוי? מיט א רעדע?

— מיט א רעדע. און כ'קאָן זי אפּ אויסווייניק, — הייב איך זיך אוף, גיב א הוסט, רוק ארויס א פוס.

— כאַוויירים! — גיב איך א געשריי און הייב אוף די האַנט. — כאַוויירים פּראָפעסיאָנאַליקעס און קוסטאַרן...

בעטשעק בעט מיך אָבער, כ'זאָל אזוי ניט שרײַען, ווײַל ס'איז א שפּיטאָל און ס'זײַנען דאָ קראַנקע.

זעצ איך זיך אוועק אפּ דר'ערד, רייד שטילער. נאָר כ'האַלט ערשט באַם אָנהייב, צעשרײַט זיך אפּ מיר איציק, אז ס'איז פאַר אים גענוג, וואָס ער וועט מיך הערן מאָרגן, אז איך זאָל ניט קריכן אין פּאָנעם, ווען מע זיצט און מע רעדט.

שטענדיק קרענקט מיך, פאַרדריסט מיך יעדע באַליידיקונג. נאָר צוליב בעטשעקן פאַרשווײַג איך איצט. כ'הייב זיך אוף און לויף ארויס פונעם שפּיטאָל־גאָרטן. בעטשעק רופט מיך צוריק, נאָר איך קער זיך ניט אום.

די פרייד איז מיר פאַרשטערט.

אהיים לאָז איך מיך ניט מיטן וועג, נאָר מיט די גערטנער, וואָס זעען אויס ווי נאָך א פּאָגראָם. ס'זײַנען געבליבן נאָר געלע הודענעס פון ארבוזעס, ברוינע אָנגעוואָרפענע שטענגלעך פון קאַרטאָפּליעס און סטאַרטשענדיקע קאַטשענעס פון קרויט.

איך טופּע פּאַמעלעך. איך בין אין קאַס. מיט פאַרגעניגן קלאַפּ איך איבער דער צעגראָבענער ערד, טאָפּטשע די בורעקעס, שטעכל־קעס און בירקעס, וואָס טשעפּען זיך און באַקלעפּן מײַן אָנטאָן. ס'איז מיר אומעטיק, און איך בין בייז.

כ'רײַס ארויס פֿון דער ערד א שטעקן פֿון א זונרויז, און פֿאַטשנדיק אַף רעכטס און אַף לינקס, לאָז איך זיך לויפֿן אַהיים, ווײַל אינדערהיים וועט מיר קיינער קיין שלעכטס וואָרט ניט זאָגן.

* * *

אין שטוב דערפֿיל איך זיך גלײַך וואַזשנע. איך צי זיך אויס אַפֿן סאָפֿקעלע און נעם זיך כאַזערן די רעדע.

איך מוז זי אויסכאַזערן, ווי א וואַסער, ווײַל ס'נעמט מיר אָפּ דאָס לאָשן, ווען כ'דאַרף ארויסגיין פֿאַר א סאַך מענטשן. כ'בין שוין איינמאָל, ווען מ'האָט געעפֿנט אונדזער שול, ארויסגעגאַנגען לייענען א געדיכט — „געפֿענקעניש און טיראַנײַ", נאָר כ'האָב פֿאַרגעסן די ווערטער און בין אַנטלאָפֿן פֿון דער סצענע. גאָלדע האָט מיך דעמלט צוריק ארופֿגעשלעפּט, און כ'האָב טאַקע איבערגעלייענט דעם געדיכט, און מע האָט מיר געפּאַטשט בראַוואָ.

מיר לייענען פֿאַר זייער שיינע געדיכטן: „פּרײַהײַטס-גלאָק", „דער ארבעטער-קאַמף", „דער פּרײַהײַטס-גײַסט", „די פֿינצטערע טפֿיסע", „די פֿרײַע פֿאָנע". מע פֿליעסקעט זייער שטאַרק. מיר געפֿעלן אויך די דאָזיקע לידער, און מער פֿון אַלץ „געפֿענקעניש און טיראַנײַ".

אָבער מאָרגן דאַרף איך ניט לייענען קיין געדיכט, נאָר זאָגן א רעדע.

די מאַמע דערלאַנגט מיר עסן. כ'גיב נאָר א לעק און א שמעק אין טעלער. דאָס עסן קריכט מיר ניט אין האַלדז.

איך שפּרינג ארײַן אין בעט. כ'לאָז זיך איבער א קליין שפּאַרונקעלע אין דער קאָלדרע.

— כאַווייריִם שילער, קאָמיוגיסטן, פּראָפֿסאָיוזניקעס און קומטאַרן, — כאַזער איך אין דער פֿינצטער.

— מיר, דער פּראָלעטאַריאַט... — כאַזער איך אַזוי לאַנג, ביז איך ווער אַנשלאָפֿן.

אַז איך כאַפּ זיך אויף, איז שוין גרויסער טאָג. אַפֿן טיש שטייט פֿאַר מיר א גלאָז מילך און א שטיקל ברויט, וואָס די מאַמע האָט פֿאַר מיר איבערגעלאָזט.

דורכן אָפֿענעם פֿענצטער דערטראָגן זיך פֿריילעכע געזאַנגען און אויסגעשרייען פֿון אונדזערע שילער און קאָמיוגיסטן.

איך טו זיך אָפּגיך אָן. איך שטעל זיך אַוועק אַנטקעגן אונדזער צעשפּאָלטענעם שפּיגל, וואָס אַז מע וויל, ווערט דאָס פּאָנעם ווי א

פאם, און אז מע וויל, — ווי א פּלעצל, און איך הייב אָן פּאַרקע־
מען די האָר אָפּ אַרופּ.

ווי אַלע גרויסע, פאַרשפּיליע איך ניט דאָס קעלנערל פון מײַן
ווײַס העמדל, כ'לאָז נאַקעט מײַן שוואַרצן האַלדז. איך טו אפילע
ניט אָן דאָס היטל. דאָס פּידזשאַקל טו איך אויך ניט אָן, איך וואַרפּ
עס נאָר אַרופּ אָפּ די אַקסל, און אַרײַנגעלייגט די הענט אין די קע־
שענעס, לאָז איך זיך צום נידעריקן הויז פון פּאַרטקאָם, ווו מע
דאַרף זיך צונויפקלײַבן אָפּ דער דעמאָנסטראַציע.

איך וויל גיין פּאַמעלעך, ווי ס'פּאַסט פאַר א מענטשן, וואָס
דאַרפּ האַלטן אַ רעדע. נאָר כ'לאָז זיך לויפן, ווײַל אָפּ דער גאַס איז
יאָמטעוודיק און אַלץ איז ניט געראָטן אין די געוויינלעכע טעג. איך
האָב זייער און זייער ליב, אַז איינ טאָג איז ניט געראָטן אינעם
אַנדערן.

צו צוויי אין אַ ריי שטייען אונדזערע שילער, דער קאָמיוג, די
פּאַריינען.

רויטע פאָנען, אויסגענייט מיט גאָלד, שטיקער לײַוונט, אָפּ
וועלכע ס'איז אָנגעשריבן: „זאָל לעבן די רעוואָליוציע", „די פּראָפּאַ־
ריינען זײַנען די שול פון קאָמוניזם" — וויגן זיך, פאָכען זיך פריי־
לעך איבער די קעפּ.

גאָלדע זעט מיך ניט. זי איז פּאַרטראַגן. ווי אַלעמאָל אָפּ א דע־
מאָנסטראַציע, איז זי אי פריילעך אי פאַרזאָרגט. איר רויט קלייד
העלט אַלעמאָל דורך, ווי א שטיק פײַער. זי בלײַבט שטיין אָפּ א רע־
גע, קוקט זיך אײַן א צופרידענע אין די פאָכענדיקע פאָנען, אין די
שײַנענדיקע פּענעמער פון די קינדער, וואָס קאָנען ניט אײַנשטיין אין
די רייען.

— גייט ניט אַרויס! אָרדענונג!

אונדזער מיליציע-נאַטשאַלניק, כאַווער ריאַבאָוו, איז אויך פּײַ־
ערלעך. די ברוסט איז בא אים אַרויסגעשטעלט. ער רײַט א גרויס־
אַרטיקער מיט א רויטן באַנט אָפּן פּרענטש. ער ציט אַראָפּ נידע־
ריקער די מאָרדע באַם פערד, אַז דער האַלדז באַם פערד ווערט ווי
א רייף און סע גייט טאַנצנדיק.

— מאָזשנאָ? — רײַט ער צו צו גאָלדען, הייבט זיך אונטער אָפּ
די פּוסהאַלטערס און לייגט צו די האַנט צום היטל, — מע קאָן
שוין געבן א קאָמאַנדע, כאַווערטע כאָדאָרקאָוואַ?

— ביטע!

— אוואַדע! — ענטפערט איציק נאַזימיק, ווענען סע קריכן

שוין די אויגן פון קאָפּ, אַזוי זינגט ער. ער שרייט „רעביאַטאַ!״ און הייסט זינגען העכער.

אונדז אָבער דאַרף מען ניט בעטן. מיר זינגען מיט אַלע קוי־כעס. ס׳איז גלאַט שלעכט, וואָס ס׳זײַנען ניטאָ קיין קלעזמער. דער־פאַר איז דאָ נאָום דער פּויקער. ער פּויקט אַזוי, אַז ס׳ע פּוזשעט זיך אַזש ריאַבאָוס פערד.

גאָלדע לאָזט מיך אָבער נים זינגען. זי דערזעט מיך, לויפט צו צו מיר א בייזע:

— וואָס איז דאָס פאַר א שטיק? — פירט זי מיך ארויס פון דער ריי.

— איך זינג, גאָלדע.

— איך פרעג דיך, וואָס ביסטו ניט געקומען איבערלייענען די רעדע?!

— געווען, גאָלדע. און איך ניט געטראָפן.

— האָסט זי כאָטש אָנגעשריבן?

— אָנגעשריבן.

— איז גיב זי נאָר!

— איך קען אַפּ אויסנווייניק: „כאַווײרים שילער, פּראָפּסאָיוז־ניקעס און קוסטאַרן!..״

— ווײַז! — כאַפּט זי אויס דעם בויגן פּאַפּיר, לייענט, כמורעט זיך, גיט אַפּ מיר א קוק, ווי זי זאָל מיך דאָס ערשטע מאָל זען. זי דרייט מיטן קאָפּ:

— מיילע!.. — טרעט זי פון מיר אָפּ, ווײַל מע לאָזט ניט לייענען. ס׳איז א גרויסער ראַש, און מע רופט זי פון אַלע זײַטן.

— שטילער, בעוורע! — האַלט זי זיך אין איין בעטן.

— שטילער, קינדער!

קיינער וויל אָבער ניט שטיל ווערן. ס׳איז פריילעך און טומל־דיק. זיאַמע הייבט נאָך העכער אויף זײַן אַרבוז. ער טראָגט אים אַפּ א לאַנגן שטעקן. פון עטלעכע שטיקלעך קויל האָט ער געמאַכט אין אים א פּאָר אויגן מיט א נאָז און שרײַט, אַז ס׳איז א בורזשוי.

— כ׳וועל הײַנט האַלטן א רעדע, — שרײַ איך אים אין אויער.

נאָר ער הערט מיך ניט. ער זינגט. מע זינגט און מע שרײַט. און איך אויך. ווײַל איך גיי לעבן נאָום דעם פּויקער, וועל איך שוין באַלד טויב ווערן.

ער פּויקט, נאָום, אַזוי שטאַרק, ווײַל מיר זײַנען שוין אַפּן מאַרק. אויסגעשטעלט זיך אַרום טיש, וועלכן מ׳האָט נאַרוואָס אוועק־

געשטעלט אינמיטן מאַרק און פֿון וועלכן מע וועט האַלטן די רעדעס, נעמען מיר זינגען. פּריער פּאַמעלעך, נאָכדעם העכער. און שוין ניט פֿון פֿרייליכקייט וועגן, נאָר ווי ס'זאָל פֿונעם „אינטער־נאַציאָנאַל" אָפּהענגען איצטער אונדזער לעבן — מיט האַרץ, מיט דער גאַנצער נעשאָמע.

„ניין, קיינער וועט אונדז ניט באַפֿרײַען" — שרײַ איך.

„ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד..." — צעלאָזן זיך אונדזערע דינע קלינגענדיקע קעלעכלעך.

כ'וויל אים אַ רוף טאָן, כ'שרײַ אויס: „זיידע!", נאָר ווײַל איך דערזע גאָלדען, וואָס איז אַרויף אויפֿן טיש, דערפֿיל איך אַ שוואַכקייט אין די פֿיס, וויל אַנטלויפֿן: באַלד דאַרף איך שוין אויך ריידן.

כ'קאָן זיך אַפֿילע ניט אײַנהערן, וואָס זי רעדט, כאָטש ס'איז שטיל און מע הערט יעדעס וואָרט אירס:

— דווירעסדיקע פֿינצטערניש, — שרײַט גאָלדע, — הונגער און נויט!.. קייטן אויף די פֿיס...

— און „נידער!" — זע איך, ווי איר פּאָנעם ווערט אָט פֿריי־לעכער און אָט שטרענגער.

נאָר ס'קלינגט מיר אַזוי אין די אויערן, אַז כ'פֿאַרשטיי אַפֿילע ניט, וואָס זי רעדט, פֿאַרוואָס איך שרײַ אַזוי „הוראַ" און פֿאַר־וואָס זי איז שוין ניטאָ אויפֿן טיש.

איך דערהער פּלוצעם אַ פֿאַרציטערטער, ווי מע רופֿט אויס מײַן נאָמען.

כ'דערזע שוין גאָלדען לעבן זיך.

— וואָס? — קוקט זי אויף מיר דערשראָקן. — וואָס איז מיט דיר?

— אַשערל! — שלעפּט זי מיך. — שרעק זיך ניט! קוק ניט אויפֿן אוילעם, — שושקעט זי מיר אין אויער, — קוק אינדערהייך אָנ־אָ, צום דאַך פֿון דער רויטער שול, וועסטו זיך ניט פֿאַרלירן.

— ניין... איך... איך שרעק זיך ניט... — דראָפּע איך זיך קוים אַרויף אויפֿן טיש. אויפֿן אוילעם קוק איך ניט. איך פֿאַרריס דעם קאָפּ צום אַנטקעגנדיקן דאַך. אַפּצולאָכעס זע איך דאָרט יונגלעך.

פֿאַרריס איך שוין דעם קאָפּ צום הימל. כ'זע נאָר אַ שפּיציקל קוימען און די האַלב־בלויע, האַלב־ווײַסע כמאַרע.

עמעצער הייבט אָן לאַכן. כ'הער, ווי מע שרײַט: „ש־שאַ־אַ."

איך שטיי שוין, ווײַזט אויס, לאַנג. ניט ווילנדיק גיב איך אַ קוק אויפֿן יאַם מיט קעפּ. כ'זע, ווי זיאַמע כמורעט זיך, ווי עס שמייכלט

בולע. כ׳דערזע, ווי גאָלדע ווײַזט מיר אפֿן מויל, כ׳זאָל, הייסט עס, אָנהייבן ריידן.

כ׳נעם זיך מיטאמאָל אָן מיט הארץ, כאַפּ ארויס דאָס פּאפּיר מיט דער אָנגעשריבענער רעדע און גיב אזא געשריי, אז נאזימיק און ריאבאָוו רוקן זיך אָפּ פֿון מיר.

— כאווײרים שילער, קאָמיוגיסטן, פּראָפֿסאָיוזניקעס און קוסטארן!

— מיר, — גיב איך א רים אפ זיך דאָס העמדל, ווי אמאָל וועלוול כאָדאָרקאָוו, — מיר, די שילער, מיר, די קאָמיוגיסטן און קוסטארן, קעמפֿן און בויען א נײַ לעבן אפ אונדזער רויטער פּראָלעטארישער ערד.

— איז זאָלן, כאווײרים, לעבן די פּראָלעטאריער פֿון אלע לענדער!

— און זאָלן, כאווײרים, אלע בורזשויען...

— הורא־א־א! — האָט זיך מײַן כאוועր בולען אויסגעדאכט, אז איך ענדיק.

— הור־רא־א! — הייבן אלע אָן שרײַען.

— זאָל לעבן, כאווײרים... — וויל איך נאָך ריידן, ווײַל כ׳האָב נאָך ניט פֿארענדיקט לייענען מײַן פּאפּיר. נאָר מע שטייט שוין מיט הוילע קעפּ און מע זינגט: „שטייט אוף איר אלע, ווער ווי שקלאפֿן״...

— גאָלדע, — בעט איך זיך, — נאָך ניט...

גאָלדע ציט מיך אָבער פֿארן העמדל. דרייט צו מיר מיט די אויגן:

— גענוג, אָשערל, זינג, — זאָגט זי צו מיר שטיל, שטיל.

איך זינג ניט, כ׳בין שוין הייזעריק. איך שטיי אפֿן טיש, זע די פֿאָנען, זע, ווי דאָס ערשטע מאָל נעמען פֿון מיר אלע ניט אראָפּ די אויגן. און גאָלדע אויך. זי מאכט נאָך צו מיר מיטן פֿינגער, שמייכלט און לאכט עפּעס.

איך קאָן ניט זײַן אליין

אָט הייבט מען מיך אוף, אָט ווארפֿט מען מיך אראָפּ. ערשט ניט לאנג בין איך ארויסגעטראָטן מיט א רעדע, און הײַנט האָט מען מיך ארויסגעטריבן פֿון קעמערל.

כ׳וואָלט קיינמאָל ניט געגאנגען פֿארברענגען מיטן זיידן, נאָר הײַנט בין איך געגאנגען, ווײַל כ׳האָב זיך ניט ווו אהינצוטאָן.

זינט יאָמקיפּער האָט דער זיידע מיט מיר ניט גערעדט. אז ער האָט מיכ דערזענ, האָט ער אָנגעהויבנ שפּײַענ, זיפּצנ. אפילע אופגעהערט רײדנ מיט דער מאמענ.

דערפאר איז ער געוואָרנ כאווער מיטנ דיאַק פונ קלויסטער. ער האַלט זיכ אינ איינ בײַטנ מיט אימ. דער זיידע גיט אימ אייל, אונ דער דיאַק — ליכט.

מיר ווייסנ גאָרניט, אפ וואָס דאַרפ ער אזויפיל ליכט אונ לײַלעכער. די מאמע זאָגט, אז דער זיידע שלאָפט שוינ אפ הוילע קישנס.

ער איז עפּעס ניט מיט אלעמענ, דער זיידע. ער איז געוואָרנ אָפּגעלאָזנ. אָט ווערט ער בייז, אונ אָט אזוי גוט, אז ער צעווײנט זיכ אזש. מיר ווױנענ מיט אימ איצטער אינײנעמ. פונ זינט ארל איז געשטאָרבנ, האָט ער אונדז אָפּגעטראָטנ זײַנ גרויסנ נידעריקנ צימער מיט די צוויי אויסגעקרימטע פענצטער צומ שליאַכ, אונ אלײנ ווױנט ער אינעמ קלײנעמ כײדערל, וואָס האָט א באזונדערנ ארײַנגאַנג פונ שטאַל. ס'איז זייער א שיינע שטוב באַמ זיידנ. אזוי איז זי א קלײנינקע, דערפאר האָט זי זייער א הויכנ פאַרוואַקסענעמ מאָכיקנ דאַכ, וואָס לאָזט זיכ אראָפּ מיט א גרויסנ פּידאַשעק צומ פּרונט. דער פּידאַשעק האַלט זיכ אפ צוויי אלטע סטויפּעס, אונ באַטאָג, אז ס'א רעגנ, לויפט זיכ צו אונדז צונויפ דער גאנצער מאַרק באהאלטנ זיכ.

לעבנ אונדזער שטוב איז דערפאר זייער פריילעכ. מײַנ טאַטע איז גאָר צופרידנ. ער זאָגט, אז די שטוב וואָלט נאָר געדאַרפט האָבנ א שטיקעלע רעמאָנט. מײַסע־באַלעבאָס פאַרבײַסט ער די אויגנ אונ זאָגט שטיל, שטיל דער מאמענ, אז מע וואָלט זייער געדאַרפט אונטערווארפנ נײַע פּידוואַלענעס אונ אז, אימירצעשעמ, ס'וועלנ זײַנ עטלעכע קערבלעכ, וועט מענ דאַרפנ איבערוואַרפנ די ווענט אונ מאַכנ א נײַעמ דאַכ.

גאָר דער זיידע טאָר וועגנ דעמ ניט הערנ. מע טאָר וועגנ דער שטוב קײנ שלעכט וואָרט ניט זאָגנ. גאנצע טעג האַלט דער זיידע אינ איינ פאַריכטנ די שטוב, שיט אונטער ערד אינ די פּריזבעס אונ האַלט אינ איינ אונטערשטעלנ דרענגלעכ אונטער די ווענט פונ דער שטאַל.

דער זיידע שרײַט, אז ער האָט נאָכ דערווײַל בא די הײַנטיקע ניט געזענ קײנ בעסערע דירעס... איבער מיר איז עס דער זיידע

פלאם־פײַער אױף די הײַנטיקע. נאָר דאָ ניט לאַנג האָט ער זיך איבער־געבעטן, צעװײנט זיך. און איבערגעבעטן האָט ער זיך צוליב אַ רויטאַרמייער. אַ גאַנצן טאָג איז ער נאָכדעם אַרומגעגאַנגען אין מאַרק און געהאַלטן אין אײן דערציילן און איבערדערציילן די מעשה, ווי ער איז עס אַרויסגעגאַנגען אינדערפֿרי אָנעמען אַן עמער וואַסער און וויאַזוי ער איז, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, שוואַך אױף דער עלטער און האָט ניט געקענט אַרויסשלעפּן דעם עמער פֿון דער קרעניצע. און ווי לעבן דער קרעניצע איז געשטאַנען אַ רויטאַר־מייער מיט אַ פּאָר פֿערד, און דאַפֿקע ניט קיין ייִד, און האָט אים געהאָלפֿן צוטראָגן דעם עמער ביז דער פֿאָרטקע און נאָך אים גע־זאָגט „דיעדושקאַ"...

ער האָט שוין אַזויפֿיל מאָל דערציילט די מעשה, אַז מע אַנט־לויפֿט פֿון אים. אַלעמאָל ווערט זי בײַ אים אַנדערש. ס'לעצטע מאָל האָט ער דערציילט, אַז דער רויטאַרמייער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב און פֿאַשעט געבעטן: „דיעדושקאַ, עפּשער דאַרפֿסטו אַ פּאָר עמער וואַסער?". און אַלעמאָל ווײנט דערפֿון דער זיידע.

אָט אַדאַנק דעם רויטאַרמייער איז דער זיידע מיט מיר כאַווער געוואָרן. די מאַמע האָט אים דערפֿאַר אָפּגעבאַקן רעטשענע קאָרז־שעס, ווײַל ער האָט זייער ליב רעטשענע קאָרזשעס מיט מאָן און מיט ציבעלעס. כוץ קאָרזשעס האָט ער נאָך ליב קיסלעצעס. אַ טעפּל קיסלעצעס און אַ בעקעלע קאָרזשעס האַלט דער זיידע שטענדיק בײַ זיך אױף דער הרובע, אַזש אונטער דער סטעליע.

צוליב די קיסלעצעס און די קאָרזשעס גיי איך אַמאָל אַרײַן צום זיידן. הײַנט בין איך אויך צו אים אַרײַנגעגאַנגען. נאָר נעכטן וואָלט איך בעסער ניט געווען געקומען צו אים, ווײַל איך בין אַרויסגעלאָפֿן פֿון אים אײַנגאַנצן אַ פֿאַרציטערטער, און אַ צאָן אױף אַ צאָן האָט בײַ מיר ניט געטראָפֿן.

אַרײַן בין איך צו אים הײַנט גראָד ניט צוליב די קיסלעצעס, נאָר ווײַל ס'איז אַ פֿאַסקודנער אָסיענדיקער אָפּדערנאַכט און כ'האָב זיך ניט ווו אַהינצוטאָן.

איך ווער הײַנט מעשוגע פֿונעם גריל, וואָס גרילצט הינטערן אויוון, און פֿון די הינט אין דרויסן.

אַז סע צעוויען זיך די הינט, שפּײַט די מאַמע אױס דרײַ מאָל, קערט גיך־גיך איבער אַ שוך. זי מיינט, אַז הינטער די פֿענצטער גייט אַרום דער מאַלעך־האַמאָוועס.

איך גלייב ניט דער מאמענ. נאָר ס׳הייבט מיך אָנ אזוי קיצלענ פונ נודנעקײַט, אז כ׳נעמ זיך אזש רײַבנ מיטביידע הענט אונטער: העמדל.

אפּדערנאָכט בינ איך דערפאר קיינמאָל ניט אינ שטוב. איך קומ נאָר אהיימ עסנ אונ שלאָפנ. הײַנט אפּדערנאָכט האָב איך זיך ניט ווו אהינצוטאָנ. אינ קאָמיוג־קעמערל, ווו מע קאָנ ארײַנגיינ שפּילנ אינ פּאָליט־פּאנטעס, אינ דאמקעס, אָדער גלאט זיצנ אונ ריידנ, לאָזט מענ הײַנט ניט ארײַנ.

אינ קעמערל שפּילנ הײַנט קלעזמער, אונ ס׳איז דאָרטנ קאָפּ אפּ קאָפּ.

ווענ ניט דער רעגנ, וואָלט איך אפילע געשטאנענ הינטער די פענצטער, ווײַל כ׳האָב זייער ליב קלעזמער אונ ס׳איז מיר זייער אונ זייער אומעטיק, אז איך בינ אליינ.

אונ הײַנט בינ איך אליינ.

איך בינ נאָרוואָס געקומענ אינ שטוב א פּיטש־נאסער אונ אינ־גאנצנ אויסגעשמירט אינ בלאָטע.

נאָר ס׳ארט מיך אזוי ניט די בלאָטע, ווי דער ביזאָיענ. דעמ טאטנ האָט מענ ארײַנגעלאָזט. זײַוועלע, דער קוריער פונ רײַוויס־פּירקאָמ, האָט אפילע געבעטנ קומענ דעמ זיידנ אונ די מאמע. אונ מיך, וואָס איך טרעט שוינ ארומ אפ מיטינגענ, וואָס איך בינ אזוי כאווער מיט בעטשעקנ, מיך — האָט דער דאָזיקער זײַוועלע, וואָס ווו עפּעס א פארזאמלונג צי א טעאטער שטייט ער בא דער טיר אונ שרײַט „טישע!״ — מיך האָט ער ניט געוואָלט ארײַנלאָזנ.

כ׳האָב זיך גענומענ שפּארנ, נאָר ער איז געוואָרנ אינ קאס אונ האָט מיך אראָפּגעוואָרפנ פונעמ גאנעק.

ער האָט מיך אראָפּגעוואָרפנ פונ די טרעפּ, ווײַל איך בינ ניט אלט קיינ אכצנ יאָר. נאָר פונ אכצנ יאָר קאָנ מענ הײַנט ארײַנגייג אינ קעמערל, ווײַל מע קלײַבט הײַנט דאָס ערשטע מאָל א דאָרפס־ראט אונ מע וועט הײַנט אויסקלײַבנ, זאָגט מענ, בעטשעקנ פאר א פּאָר־זיצער.

כ׳האָב זיך דאָרט דערוואָרט, ביז בעטשעק איז אָנגעקומענ. ס׳ברענענ הײַנט אזויפיל לאָמפּנ אינ קעמערל, אז אויך אפנ הויפּ איז ליכטיק. סע בלישטשענ די קאָסע פּאסמעס פונעמ רעגנ אונ סע גלאנצט די גוט־צעריבענע בלאָטע.

— בעטשעק, — האָב איך זיך דערפרייט. כ׳בינ צוגעלאָפנ צו אימ, זיכער, אז ער וועט מיך ארײַנעמענ אפ די וואלנ.

בעטשעק איז געבליבנ שטיינ אפ א מינוט. די שפּנ דורכ די פענצטער האט באלויכטנ זײַנ געל קורצ פעלצל אונ דעם נײַעמ קארטוז, וואס ער טראגט אפנ אפגעשוירענעמ קאפ.

פונעמ גרויסנ קארטוז איז בעטשעקס פּאנעמ געווארנ עפּעס סלענער. סע שמעקט פונ אימ מיט אפּטייק. אונ סע שמעקט נאכ פונ אימ מיט דזעגעכצ, — דאס איז פונ די נײַע יוכטענע שטיװל, וואס ער האט זיכ ניט לאנג אופגענייט.

— בעטשעק, — האב איכ אימ אנגעכאפּט בא דער האנט, אלע זאלנ זענ, אז ער איז מײַנ כאווער.

נאר בעטשעק איז עפּעס צעטראגנ. ער איז אזוי ווי טויב, אונ עטלעכע מאל פרעגט ער מיכ איבער:

— הא? וואס?

— וואס הייסט מע לאזט ניט ארײַנ? — קוקט ער אפ מיר א צעטומלטער.

— וואס? כ'פארשטיי ניט, — האלט ער אינ איינ ציאמקענ דאס שטיקל פארלאשענע ציגאר, הערט אפילע ניט, וואס איכ רייד, אונ לאזט מיכ סאפּקאלסאפּ איבער אליינ בא דער טיר.

ס'ווערט מיר א ביזאיענ. ס'ווײַזט זיכ מיר אוים, אז אלע, וואס שטייענ ארומ, וועלנ זיכ באלד צעלאכנ.

שלעפּנדיק זיכ לענגוים די פלויטנ, אז קיינער זאל ניט זענ, ווי כ'גיי אוועק, לאז איכ זיכ מיט דער פינצטערער בלאטיקער גאס אהיימ.

איבער מיר גיסט דער רעגנ. נאר כ'טאפּטשע פאמעלעכ איבער דער בלאטע. אונ ווי אפ צולאכעס לויפט מיר נאכ אינ דער פינצטערניש די שפּילערײַ פונ די קלעזמער. אונ איכ בינ אינ קאס, אונ אלצדינג וויינט אינ מיר פונ פארדרוס.

* * *

אז די מאמע האט מיכ דערזענ, האט זי אופגעהערט פליקנ די פעדערנ.

הייבט זיכ אנ אסיענ, הייבט די מאמע אנ פליקנ פעדערנ. אונדזערע צוויי נידעריקע הילצערנע בעטנ זײַנענ שוינ אזוי הויכ אנגעלייגט מיט קישנס, אז ס'איז שוינ ניטא ווו זיכ צו לייגנ שלאפנ.

— אשער, — הייבט די מאמע אופ די אויגנ פונ דער זיפּ פעדערנ, — וואס עפּעס אזוי פרי?

— גאָרניט, — זאָג איכ, — כ'האָב פײַנט זיצנ אונ קוקנ, ווי מע קלײַבט דאָרפ־ראטנ...

כ'הייב אָנ ארומגיינ פונ ווינקל צו ווינקל אונ אונטערפײַפנ. כ'מאכ זיכ קלוימערשט פריילעכ. כ'הייב אָנ צעווארפנ אונ צונויפ־לייגנ מײַנע ביכלעכ. נאָר כ'פיל, ווי די מאמע נעמט ניט אראָפ פונ מיר די אויגנ.

— וואָס ביסטו אזוי אויסגעווארזגעט? מיט וועמענ האָסטו זיכ געפאטשט?

אונ כאָטש די מאמע פרעגט עס שטיל אונ כ'ווייס, אז זי וויל מיכ בארויקנ, נאָר עפשער דערפאר טאקע ווער איכ אינ קאם:

— פליקסט, — טאָ פליק! — צעשרײַ איכ זיכ אפ א קאָל. ס'טוט מיר באלד באנק, נאָר כ'וויל ניט, זי זאָל זענ, אז כ'האָב כאראָטע, אונ דערפאר גיב איכ זיכ א צי אויס אפ דער קאנאפע, לייג זיכ אוועק מיט דער פלייצע צו דער מאמענ אונ מיטנ פאָנעם צום פענצטער.

איכ פיל אפ זיכ דער מאמעס דערשראָקענעם בליק. איכ פיל, ווי זי האָט אופגעהערט פליקנ די פעדערנ. איכ הער, ווי סע צישעט דאָס לעמפל אפנ טיש אונ ווי איינארטיק סע גרילצט דער גריל אינ דער קיכ.

— אָשער! וואָס ביסטו מעשוגע געוואָרנ, וואָס?

נאָר כ'שווײַג. איכ ענטפער איר ניט. כ'טראכט זיכ צו אלײַנ פארשיידענע ניט־געשטויגענע באליידיקונגענ, קעדיי קאָנענ אײַנ־האלטנ דעם רויגעז אפ דער מאמענ.

איכ ווייס דאפקע, אז ס'איז שלעכט, איכ ווייס, אז איכ דארפ איר ניט אָנטאָנ קיינ צאָרעס. נאָר כ'קאָנ ניט. כ'קאָנ זיכ ניט מוי־דע זײַנ, ווײַל כ'וויל ניט, די מאמע זאָל מיינענ, אז כ'בייג פאר איר אָנ דעם קאָפ.

עפעס אזוי ווי א דיבעק זיצט אינ מיר.

ערשט ניט לאנג האָב איכ באליידיקט מײַנ לערער מוני. מײַנ כאווער בולע האָט מיכ צעלאכט בייסנ לימעד. ס'איז מיכ זייער גרינג צו צעלאכנ, אונ איכ בינ ניט שולדיק אינ דעם. דער לערער מוני האָט אפ מיר א געשריי געטאָנ אונ מיר געהייסנ ארויסגיינ פונ קלאס. נאָר ווײַל איכ בינ ניט געווענ שולדיק, האָב איכ זיכ אָנגע־כאפט מיט די הענט פאר דער פארטע אונ געזאָגט, אז כ'וועל ניט ארויסגיינ.

אונ שטענדיק אזוי: זאָג איכ ניינ, איז מעג מענ שנײַדנ פונ מיר

שטיקער, ווײַל איך זיך ניט אונטערגעבן. סײַדן: מיט גוטס קאָן מען בײַ מיר פּועלן, נאָר אַנדערש ווײַל איך קיינמאָל ניט נאָכגעבן. גאָלדע האָט מיך נאָכדעם אַרײַנגערופן אין לערער־צימער. זי האָט מיר געזאָגט, אַז פֿאַר אַזאַ אױפֿירונג װעט זי מיך הייסן אױסשליסן פֿון באַוואָר־געריכט. כ׳האָב גאָלדען גאָרניט געזאָגט. איך בין אַרױס־געגאַנגען פֿון איר און האָב זיך ניט אַנטשולדיקט. כ׳האָב נאָר געהערט, ווי זי האָט געזאָגט מונין, אַז מיט אַזעלכע, ווי איך, דאַרף מען זײַן זייער פֿאָרזיכטיק. אַז איך בין אין דעם עלטער, ווען ס׳הייבט זיך אָן אױסאַרבעטן דער כאַראַקטער בײַם קינד...

כ׳האָב זיך זייער אײַנגעהערט. כ׳האָב נאָכדעם אַלעמען דערציילט, אַז כ׳האָב שוין אַ כאַראַקטער. כ׳וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס, ווײַל דאָס, וואָס גאָלדע רופֿט כאַראַקטער, — זאָגט די מאַמע, אַז ס׳אַ „טראָנץ״.

די מאַמע זאָגט, אַז איך בין זייער אַ ביטערער. אַפֿילו ראָכעלע, וואָס מיט קיינעם בין איך אַזוי ניט גוט ווי מיט איר, זאָגט אויך, אַז איך בין אַ גרויסהאַלטער.

נאָר איך בין ניט קיין גרויסהאַלטער. כ׳האָב נאָר ביז שטאַרבן מוירע, טאָמער וועט מען פֿון מיר כוױזעק מאַכן.

און דערפֿאַר טו איך אָפֿט פּונקט קאַפּױר, ווי איך וויל. דערפֿאַר בין איך מיט ראָכעלען שטענדיק בייז, ווײַל כ׳האָב מוירע, טאָמער וועט זי זיך אָנשטויסן און אָפּלאַכן פֿון מיר...

די מאַמע, ווייס איך, וועט פֿון מיר ניט לאַכן. די מאַמע וועט מיך ניט באַליידיקן. כ׳וויל זיך אָבער ניט אונטערגעבן. כ׳שפּרינג אויף פֿון דער קאַנאַפּע און שפּאַר זיך אָן מיטן פּאָנעם אין פֿענצטער.

דאָס בלעכענע לעמפּל אויפֿן טיש מאַכט נאָך שוואַרצער די פֿאַר־גאָסענע שויבן און גלאַנצט אָפּ אין די ריטשקעלעך רעגן.

סע הערט גאָרניט אויף. ער ראַשט, דער רעגן, ווי אַ וואַלד זאָל זיך איצטער וויגן אונטער אונדזערע שויבן.

מע זעט אַפֿילו ניט די הײַזער פֿון אונדזער גאַס. די רויטע פֿיר־עקעכיקע שויבן הענגען ווי אײַנדערלופֿטן. און נאָר דער הילצער־נער לאָמטערן מיטן פֿאַרטשאַדעטן קעראָסין־לאָמפּ, וואָס שטייט אינ־מיטן מאַרק, וויגט אַרום זיך די פֿינצטערניש, באַלײַכט ווען־עס־איז אָפּ עטלעכע רעגעס אַ דורכגייער, וואָס לויפֿט דורך מיט אַן אויפֿ־געהויבענעם קאָלנער אונטערן ליאַפּענדיקן רעגן.

כ׳קאָן עס ניט פֿאַרלײַדן. כ׳קאָן ניט איבערטראָגן די פֿינצטער־ניש און דעם גריל, וואָס נעמט מיר אַרום די נעשאָמע.

איך קאָן שוין מער ניט אויסהאלטן. כ'הייב זיך אָן מיט ביידע הענט רייבן באַם הארצן און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

איך דריי זיך אַפּ פונעם פענצטער. כ'שפּאַר זיך אָן אַפּן פאַר־רענטש פון דער קאנאַפּע. כ'ווייס אליין ניט, וואָס איך וויל. כ'וואָלט כאָטש געוואָלט, עמעצער זאָל מיר זאָגן עפּעס א גוט־גוט וואָרט.

— אַשערל, מיר זאָל זיין, — גיט מיר די מאמע אַ קוק אין די אויגן, — וואָס איז מיט דיר? וואָס ווילסטו, אַשערל?

נאָר כ'ווייס ניט, וואָס איך וויל.

— אָבער וואָס ווילסטו? — צעיעמט די מאמע די הענט. — וואָס זיינען בא דיר די אויגן אין טרערן?

„מאמע — וויל איך איר זאָגן, — ס'איז מיר אומעטיק. מאמע, כ'וויל אויך קליבבן א דאָרפ־ראַט. כ'וויל ניט, מע זאָל מיך ווארפן... כ'האָב פיינט, אז ס'איז אַסיען. כ'קאָן ניט איבערטראָגן, וואָס קער־זאָן וואָיעט באַם שאָכן...‟ נאָר כ'זאָג עס ניט דער מאמען. כ'זאָג איר פלוצעם אזוינס, אז כ'האָב זיך אליין אזש פארוווּנדערט.

— מאמע! — שריי איך מיטאַמאָל אויס. איך שריי אויס דאָס, וועגן וואָס כ'האָב אפילע ניט געטראַכט און ניט געוואָלט אפילע זאָגן. — מאמע, — האָב איך זיך אופגעשטעלט, — א קיסלעצע! — צעשריי איך זיך איבער דער גאַנצער שטוב.

— אַשע־ער... צוליב א קיסלעצע... — הייבט זי מיט די אַקסל, — אַט לויף איך שוין צום זיידן...

— ניין, ניין, — זאָג איך צו דער מאמען, — כ'וועל אליין גיין צום זיידן. — כאָטש כ'וויל גאָר ניט גיין און כ'הייב אפילע ניט אָן וועלן קיין קיסלעצעס.

נאָר באַלד כ'האָב שוין אויסגערעדט, עפן איך די טיר און לויף ארויס אין שטאָל.

* * *

דער זיידע ווינט באַזונדער. איך שלעפּ זיך פּאַמעלעך לענגאויס דער וואַנט. כ'טאַפּ מיט די פיס איבער די קאַליזשעס, ווייל אין שטאָל איז זייער פינצטער און סע רינט מעסוקן. ס'איז עפּעס א מאָדנער דאַך באַם זיידן. אפילע פונעם הימל גייט ניט אזא רעגן, ווי פון אונדזער בוידעם.

ביז סאמע נאכט איז היינט דער זיידע ארומגעקראָכן און גע־האַלטן אין איין אונטערשטעלן אונטערן דאַך באַניאַקעס, מאַקיט־

רעס, עמער, מולטערס, טעפּ און שיסלען, ס'זאָל ניט אַרײַנרינען אין שטוב.

נאָר אונטערן שטאַל־דאַך שטעלט מען גאָרניט אונטער. כ'האָב אַריבערגעשפּאַנט די שוועל און בין אײַנגעגאַנגען אין פּאַרציטערטער שטיין געבליבן.

כ'האָב דערפילט, אַז עס קריכן מיר די אויגן פון קאָפּ, אַז כ'קאָן זיך אַפילו ניט רירן, קאָן אַפילו ניט צומאַכן די טיר און קאָן שוין ניט אַרויסלויפן צוריק.

אינעם זיידנס צימערל, דערזע איך, זײַנען פאַרמאַכט די לאָדן. אויפן טישל, וואָס שטייט לעבן פענצטער, ליגן צעוואָרפן דעם דיאַקס ליכט.

דאָס טשאַדענדיקע לעמפל קוים וואָס עס באַלײַכט איצטער דעם זיידנס ביידערל. ס'איז צעבראָכן דאָס גלעזל, און דאָס צימערל איז פול און פול מיט שאָטנס.

אינמיטן צימער, אַ באָרוועסער, שטייט דער זיידע. ער שטייט צו מיר מיטן רוקן. ער איז אָנגעטאָן אין גאַנצן אין ווײַסן. מיט אַ זאַק, אַ זאַק פאַלדן לאָזט זיך דאָס קלייד אים אַראָפּ ביז די פּיאַטעס. זײַנע הענט זעען זיך אַפילו ניט אַרויס פון די לאַנגע ברייטע אַרבל.

— אוי, — דריק איך זיך צו צו דער וואַנט, — אוי...

דער זיידע גיט זיך מיטאַמאָל אַ קער אויס. כ'דערזע זײַן שוואַרצע יאַרמלקע. זײַן לאַנגע ווײַסע באָרד גיט אַ ציטער, די טרערנדיקע אויגן מיט די רויטע ווײַסע ווערן אָנגעכמורעט, בייז. ער קוקט אויף מיר. ער רירט זיך ניט. אויף דער וואַנט גליווערט זײַן גרויסער שוואַרצער שאָטן. עס קלאַפּט נאָר אין דער שטילקייט דער באַדיק מיטן אונטערגעבונדענעם מעשענעם שטייסל און עס שיפּעט נאָר דאָס קנייטל אינעם לעמפל.

— וואָס טראָגט דיך דער רוער? — צעשרײַט זיך מיטאַמאָל דער זיידע. — די טיר וואָס פאַרמאַכסטו ניט?

— זיי־דע־ע, — רוק איך זיך פון אים, — זיידע, — ווײַז איך מיטן פינגער אויף זײַנע ווײַסע קליידער.

— זיידע־זיידע, — קרימט ער מיך איבער, — שוין אַ זיידע געוואָרן. און אַז ס'וועט קומען צו קוורע און צו קאַדעש זאָגן, וועט מען מיך באַגראָבן ווי אַ הונט...

ער נעמט גיך־גיך באַהאַלטן די ליכט אין שופלאָד, וואַרפט אַראָפּ

פון זיך די טאכריכים, בלײַבט שטיין אינעם גרעט און אינעם לאנגן געלאטעטן טאלעסקאָטן. נאָכדעם הייבט ער אָן פאמעלעך צונויפֿלייגן זײַנע טאכריכים, מאכט דערפֿון א קלומעקל און לייגט עס אוועק אונטערן איבערבעט.

— אזוי, אַשערל, — זעצט ער זיך אוועק אפֿן בעט, — אזוי,— פארהייבט ער די אויגן צו דער הרובע, וווּ עס שטייט דער בעקן מיט די רעטשענע קאָרזשעס. — מע רופֿט... מע דארף זיך שוין קלײַבן אין וועג ארײַן...

דער זיידע הייבט אָן קײַען די באָרד. ער רעדט פארטראכט און עפּעס מאָדנע. ער רעדט איצטער שטיל און גוט צו מיר.

כ'ווער אויך רויִקער. כ'גיי צו אים צו נעענטער.

— ווײַט? — פֿרעג איך אים און קאָן ניט אָפּרײַסן די אויגן פֿונעם איבערבעט, וווּ ער האָט אוועקגעלייגט די טאכריכים.

— ווײַט, — ענטפֿערט מיר דער זיידע, — גאָר ווײַט...

— און אף לאנג?

— וואָס? — פארוווּנדערט זיך דער זיידע. — אף שטענדיק... — ער הייבט אָן ריידן שטיל-שטיל. ווי ער זאָל מיר אײַנרוימען: א סאָד, — אפּגעלעבט... אָפּגעהאניאיעט זיך ווי א הונט...

— און איצטער, — ווײַזט ער מיטן פֿינגער אף דער סטעליע,— הייסט מען נעמען דאָס פּעקעלע און גיין אין דער רו ארײַן...

— צו די מייסים? — דערפֿיל איך, ווי סע ווערט מיר קאַלט אין קאָפּ און סע ווערט מיר שווער צו עטעמען. — אפֿן בעסוילעם, זיידע?

— אפֿן בעסוילעם, — לייגט ער מיר ארויף זײַן ביינערדיקע האנט אף דער קני. כ'דערפֿיל לעבן מײַן פּאָנעם זײַן ווײַסע צונויפֿגעדרייטע באָרד. כ'זע די סטארטשענדיקע ריפּן פֿון אונטער זײַן צעכראסטעטן העמד. כ'דערזע, ווי צום ערשטן מאָל, זײַן ביינערדיקע האנט מיט די אָנגעבלאָזענע בלויע אָדערן אונטער דער צוזאמענגעצויגענער הויט.

— וויי-ווי, — גיט ער מיר מיט דער האנט א גלעט איבערן פּאָנעם,— און בא דיר, קיין אײַנהאָרע ניט, ס'ארא פּוכקע בעקעלעך, אַשערל... זיץ א ביסל...

נאָר כ'קאָן שוין ניט זיצן. כ'וויל גיכער ארויס. כ'האָב עפּעס זייער און זייער איצטער מוירע.

קוים-קוים וואָס סע ברענט נאָך דאָס טשאדענדיקע לעמפּל. סע

טוקעט דער כאַדיק אין שטוב, און סע סקריפּעט דאָס בעט אונטערן זיידן.

פון יענער זײַט לאָדן הערט מען שוין דעם רעגן ניט. פון יענער זײַט פענצטער דרינדזשעט נאָר דורך א פּארשפּעטיקטער וואָגן. לאַנג־לאַנג הערט זיך אין דער שטילקייט, ווי עס שטארבט אָפּ די דרינדזשעריי.

דורכן ארויסגעפאלענעם ברעטל אינעם לאָדן זעט זיך א שטיקל שליאַך.

אין דרויסן האָט זיך, ווײַזט אויס, אויסגעלײַטערט, און ס'איז אופגעגאנגען די לעוואָנע. אן אויסגעצויגענער הייזעריקער געוווי פון קערזאָנען דערהערט זיך מיטאמאָל פון יענער זײַט לאָדן.

דער הונט האָט זיך, ווײַזט אויס, צעבילט אָפּ דער ארויסגע־קראָכענער לעוואָנע.

— טפו־טפו! — הייבט אָן שפּײַען דער זיידע, לויפט צו צו מיר, קערט איבער א קאַלאָש, — אָפּ זײַנע הענט און פיס.

— דער מאלעך־האמאָוועס, אַשערל, — טײַט ער מיר מיטן לאַנגן דארן פינגער אפן דרויסן. — דער הונט!.. — דרייט ער ארויס אפגיב דאָס קנייטל פונעם לעמפּל.

כ'קאָן עס שוין ניט אויסהאלטן. כ'לויף צו און צעעפן די טיר. און מיט וויפל איך האָב נאָר קויכעס, גיב איך א געשריי איבער דער פינצטערער שטאָל:

— מא־א־מע־ע!!!

האָב מיך ליב

ווידער רודערט זיך אין שטעטל. כ'לויף ווידער ארום.

נאָר בלײַב איך אליין, ווערן מיר זייער א סאך זאכן מאָדנע.

אָט, אשטייגער, קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלן, אז מײַן זיידע איז געווען אמאָל א קלייניקער און אז איך, ווי דער זיידע זאָגט, וועל אויך אמאָל זײַן אין זײַנע יאָרן.

כ'האָב שטענדיק געזען ארום זיך מענטשן. כ'האָב זיך אָבער קיינמאָל די מענטשן ניט געקאָנט פאָרשטעלן אָן מיר. און איצטער קאָן איך צוקוקן, ווי ס'פאָרט דורך א פויער פארבײַ אונדזערע פענצ־טער. אין זײַן וואָגן זײַנען אײַנגעשפּאנט צוויי קליינע פערדלעך, וואָס זעען אויס, ווי א פּאָר דארע הינט. ער גיט א קוק אָפּ מיר, ווי

אפֿ אַ סטויפּטשיק, צי ווי אפֿ אַ בוים, וואָס וואַקסט באַם שליאַך, פּאַרט דורך — און גאָרניט.

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז ווען מיר איז פֿריילעך, זאָל אַ צווייטן קאָנען זײַן טרויעריק. נאָר אָט בין איך געגאַנגען מיט ראָכלען, וואָס לערנט זיך מיט מיר אין איין קלאַס. מיר זײַנען געגאַנגען פֿון שול.

— כ'האָב קיין צײַט ניט, — האָב איך געזאָגט צו איר, ווײַל כ'שעם זיך גיין מיט מיידעלעך און כ'האָב געוואָלט פֿון איר אַוועקגיין. — כ'דאַרף גיין צו בעטשעקן, — האָב איך איר געזאָגט, — און מע וואַרט אפֿ מיר אין קאַמיוג־קעמערל...

— מע לאָזט דיך אַרײַן, האַ? — האָט זי, ווי אַלעמאָל, פֿאַרבויגן דאָס קעפּעלע אין אַ זײַט. — דײַן טאַטע איז אַ פּראָפֿסאָיוזניק? — האָט זי אפֿ מיר אַ קוק געטאָן פֿאַרלאָרן, נאָר פּלוצעם האָט זי אַ טופּע געטאָן מיטן פֿיסל, צעשרײַען זיך, אַז איר טאַטע וועט אויך זײַן אַ פּראָפֿסאָיוזניק, אַז מע וועט זי אויך ניט אַרויסטרײַבן, און האָט זיך מיטאַמאָל צעוויינט, און איז אַנטלאָפֿן פֿון מיר.

עס טוט מיר זייער באַנג. כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט געדאַרפֿט, מע זאָל מיך אַזוי ליב האָבן, ווי איצטער.

ערשט ניט לאַנג בין איך צוליב ראָכלען שיר ניט געהאַרגעט געוואָרן.

געטראָפֿן האָט זיך עס דערפֿאַר, ווײַל סע בענקט זיך ערגעץ. און אַפֿילע די מאַמע זאָגט, אַז זי פֿאַרשטייט ניט, וואָס ס'איז מיט מיר געוואָרן.

ס'איז מיט מיר גאָרניט געוואָרן. ס'איז נאָר אַזוינס, וואָס כ'שעם זיך עס אויסזאָגן און וואָס קיינעם וויל איך ניט דערציילן דערפֿון.

אַז איך בלײַב איינער אַליין, קאָן איך לאַנג־לאַנג קוקן אין שפּיגעלע, וואָס כ'האָב זיך געקויפֿט: באַטראַכטן מײַן פּאָנעם, וואָס איז סײַ זומער און סײַ ווינטער פֿאַרברוינט, די אויגן, וואָס מע זאָגט מיר, אַז זיי זײַנען גנייווישע; באַטראַכטן מײַן שטערן, וואָס איז בײַ די ברעמען אַ ביסעלע אויפֿגעהויבן, און דעם ווײַסן פּוך, וואָס האָט זיך באַוויזן אפֿ דער אייבערשטער ליפּ, קוים־קוים וואָס מע זעט אים, דעם פּוך.

כ'קאָן אָפּשטיין לאַנג אַזוי, האַלטן אין איין פֿאַרקעמען די האָר, וואָס ווילן זיך בעשום־אויפֿן ניט פֿאַרקעמען. כ'האַלט זיי אין איין באַנעצן מיט וואַסער און נאָכדעם מאַך איך אַ ווײַסן שרונט. ס'איז

נאָר שלעכט, וואָס אַז זיי טריקענען זיך אויס — צעשויבערן זיי זיך, ס'הייבט זיך אויף אַ היטשקעלע און כ'ווער ווי אַ האָנעכל.

אַפּילו אַז כ'גיי דורך אַ קאַליוזשע, אָדער אַז איך בין הינטערן שטעטל בײַ די סאַזשלקעס, האָב איך ליב אַרײַנקוקן, זען, ווי איך שטיי מיטן קאָפּ אַראָפּ אין וואַסער, ווי כ'בין געוואָרן עפּעס לענ־גער, דאַרער — זייער בײַנערדיק.

פאַר זײַטיקע וויל איך זיך אָבער ניט שפּיגלען. צווישן מענטשן פיל איך זיך איצטער געבונדן. אַפּילו אין קלאַס פיל איך זיך ניט פרײַ. כ'קאָן אָפטמאָל איבערקערן די שול, ווען ס'איז מיר ניט פריי־לעך, און ווען ס'איז מיר פריילעך — זיך מאַכן אומעטיק. און אַלץ איז בײַ מיר צוליב ראָכלען.

זי לערנט זיך מיט מיר אין איין גרופּע — אין דער פינפטער. און כ'ווייס ניט, ווי ס'איז געקומען צו מיר. כ'האָב זי, פּונקט ווי אַלע מיידעלעך, פײַנט געהאַט. און פלעג זי אַפּילו שלאָגן. נאָר פריִ־ער מיט עטלעכע כאָדאָשים האָב איך ראָכעלען ווי דאָס ערשטע מאָל דערזען.

כ'האָב מיטאַמאָל דערזען איר הויכן ווײַסן שטערן, איר קורץ נעזעלע, וואָס האַלט אין איין אַרופּצוִען איר אייבערשט פּולבלעכ ליפּעלע. כ'האָב דערזען אירע זייער ווײַסע ציין.

איך דערקען זי עפּעס גאָרניט. זי האָט אָנגעהויבן האַלטן דאָס קעפּעלע אַפּ אַ זײַט. דאָס פּענעמל איז אַזוי ווי פאַרוווּנדערט. זי האַלט שטענדיק אין איין צענעמען אַפּדרײַען אירע צעפּלעך — צע־פּלעכט זיי און פאַרפּלעכט זיי.

און לאַכן לאַכט זי אויך ניט ווי אַלע. זי באַהאַלט דערבײַ דאָס מויל אין איר שוואַרצן פאַרטעכל און אַנטלויפט גלײַך צו די מייד־לעך. זי נעמט זיך מיט זיי אַרום, שושקעט זיך און האַלט זיך ווײַט פון די יינגלעך.

נאָר וואָס מערער זי דערווײַטערט זיך פון מיר, אַלץ מערער שוועבט פאַר מײַנע אויגן איר ברוין וואָלן קלײדעלע מיטן שוואַרצן פאַרטעכל, איר דין, וווקסיק קערפּערל מיטן רויטן סטענגעלע אַפּן שפּיץ קאָפּ.

כאָוועך בין איך מיט איר ניט. כ'טו אַלץ, מע זאָל מיינען, אַז כ'האָב זי פײַנט. כ'האָב זי איינמאָל אַפּילו אָפּגעטריבן פון זיך, ווײַל כ'וויל ניט, מע זאָל זיך דערוויסן.

כ'וואָלט זיך געשלאָגן, געהאַרגעט זיך, ווען מע דערוויסט זיך, ווײַל ס'איז מיר אַ ביזאָיען און כ'האָב עפּעס מוירע.

כ'האָב מוירע מיט איר בלײַבן אינצווייען. אז סע שטייען א סאַך, קאָן איך ריידן און ריידן. נאָר בלײַבן איך מיט איר אויג־אפ־אויג, פיל איך זיך שלעכט. כ'האָב איר ניט וואָס צו זאָגן... איך ווער רויט און ווער שעמעוודיק, ווײַל ס'ווײַזט זיך מיר אויס, אז ס'איז איר אומעטיק מיט מיר, אז זי וועט נאָכדעם פון מיר אָפּלאַכן.

כ'ווער פּלוצעם דערפאַר אין קאַס. איך צעשרײַ זיך און אַנטלויף פון איר.

נאָר וואָהין איך זאָל ניט אַנטלויפן און ווו איך זאָל ניט זײַן, דערפיל איך זי. כ'קאָן פאַר ווערסטן ווײַט דערקענען און דערהערן ראָכעלען.

כ'בין איינמאָל געשטאַנען אין שטוב לעבן פענצטער. כ'האָב געקוקט אַפן ברוקירטן שליאַך, וואָס ציט זיך צו דער סטאַנציע, אַפן טעלעגראַף־סלופּ מיט די וואָראָבייטשיקעס אַף די שוואַרצע גראָבע דראָטן און אַף כּלע־לייעס אײַנפאָר־הויז מיט דער „טשײַנע".

פאַרבײַ פענצטער איז וועגן־ניט־וועגן דורכגעפאָרן א פור, א פויער־טע מיט א קוישל אַפן אַקסל איז דורכגעגאַנגען אין מאַרק אַרײַן.

אין דרויסן איז געווען שטיל און היים. און כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, — ס'האָט מיר מיטאַמאָל אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. כ'האָב אַרויסגערוקט דעם קאָפּ.

כ'האָב דערזען א הונט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, נאָכ־דעם עטלעכע זיצנדיקע פויערטעס, וואָס פאַרקויפן גאָרטנוואַרג, די רייען רונדוקלעך און עטלעכע באַלעגאָלישע בוידן, דעם דרעמלענ־דיקן יאָסיען, וואָס זיצט אַף דער קעלניע און וואַרט אַף פּאַסאַזשירן.

נאָר ס'האָט מיר פונדעסטוועגן פאַרכאַפּט דער אָטעם. כ'האָב דערפילט, אז זי מוז ערגעץ זײַן. און כ'האָב זי טאַקע דערזען.

זייער ווײַט פון אונדזער שטוב האָב איך זי דערזען. צווישן די ווײַסע געטינקעוועטע הײַזער און די גרויע הילצערנע רונדוקלעך איז זי פון ערגעץ געגאַנגען מיט איר מאַמען.

כ'האָב לאַנג איר נאָכגעקוקט. און ס'איז מיר געוואָרן אַזוי גוט, אז כ'האָב אַלעמען ליב באַקומען. און כ'האָב זייער מעקאַנע געווען איר מאַמען, וואָס זי קאָן אַרומגיין מיט איר, וויפל זי וויל... גע־וואונדערט האָט מיך נאָר איין זאַך: די פויערטעס זײַנען געזעסן אַזוי, ווי זיי זײַנען פריער געזעסן. יאָסיע האָט געדרעמלט, ווי אַלעמאָל, אַף דער קעלניע און האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט אַף ראָכעלעס רויט בענדעלע, וואָס האָט אַזוי פריילעך דורכגעהעלט צווישן די גרויע רונדוקלעך און די ווײַסע געטינקעוועטע הײַזער...

הײַנט בינ איכ געבליבנ מיט איר אינ שול. ס'איז אָנהייב ווינטער, פאַרנאַכט. איכ זיצ אפנ בײַשטידל פונ פענצטער אונ וויש אָפּ דעמ טוי פונ די פאַרוכקעטע שויבנ.

דורכנ פענצטער זעט זיכ נאָר דער שטרויענער דאַכ פונ לייב טראָקאָוויטשערס סטאַניע אונ די קײַלעכיקע נעסט פונ די בושעלעס, וואָס זײַנענ שוינ לאַנג אוועקגעפלויגנ. ראָבנ אונ גאַלקעס פליִענ ארומ איבערנ הויפ אָדער זעצנ זיכ אויס אופגעהאָרבעטע אפנ הויכנ פאַריסענעמ זשוראַוול פונ טראָקאָוויטשערס קרענעצע.

איכ זיצ אפנ פענצטער. פונ אַלע קלאַסנ הערט זיכ א לויפערײַ אונ א שפּרינגערײַ פונ די קינדער.

די לימודימ אינ שול האָבנ זיכ שוינ לאַנג געענדיקט, נאָר מע איז נאָכ איבערגעבליבנ, ווײַל מע דאַרפ זיכ לערנענ אינ די קרײַזלעכ.

ס'האָבנ אינ אונדזער שול זיכ אָרגאַניזירט שוסטער- אונ שנײַדער-קרײַזלעכ. גאָלדע זאָגט, אז אַלע דאַרפנ זיכ אויסלערנענ א מעלאָכע.

אינ שטעטל בא אונדז זײַנענ פאַראַנ א סאַכ קלייטניקעס. אונ מ'האָט זיי פײַנט. מײַנ כאַווער סראָליק, ווײַל זײַנ טאַטע איז א קלייטניק, איז הײַנטיקנ זומער אנטלאָפנ פונ דער היימ, אוועק אינ א דאָרפ אונ זיכ פאַרדונגענ פאַר א פאַסטעכ. די מיליציע האָט אימ אָבער אָפּגעזוכט אונ געבראַכט צוריק.

דאָס גאַנצע שטעטל איז זיכ דעמלט צונויפגעלאָפנ. ס'זײַנענ געווענ געשרייענ. טאַטעס האָבנ געשריִענ, אז ס'איז ניט אויסצוהאַלטנ פונ די קינדער...

ראָכלס טאַטע איז געקומענ צו לויפנ אינ שול אונ געטײַנעט צו גאָלדענ, אז ער ווערט מעשוגע פונ ראָכלענ.

ראָכל, ווײַל איר טאַטע איז א קלייטניק, לערנט זיכ אויכ אינ די קרײַזלעכ אונ וויל ווערנ א נייטערנ.

נאָר איכ בינ הײַנט געבליבנ אינ שול ניט צוליב די קרײַזלעכ. איכ וועל נעכטיקנ אינ שול. סראָליק אונ ראָכל וועלנ אויכ בלײַבנ. אַלע נאַכט נעכטיקנ אַנדערע קינדער. מיר היטנ איצטער די שול. ערשט ניט לאַנג האָט זי עמעצער אונטערגעצונדנ. מ'האָט קוימ פאַרכאַפּט אונ זי אָפּגעלאָשנ.

עמעצער האָט אָנגעהויבנ אונטערהאַקנ די ביימער אינ סאָד. גאָלדע האָט באַקומענ א בריוו, אז מע וועט זי הארגענענ.

אַלע שילער ווילנ גיינ נעכטיקנ. אונ איכ אויכ. איכ גיב איצ-

טער אלעמאָל א טאָפּ דעם זיידנס מעסערל מיט די ביינערנע הענט־לעך. איך דערפיל זיך העלדיש און וויל זייער עפּעס אופּטאָן.

איך קריך אראָפּ פון פענצטער און לאָז זיך גיין אין דרויסן. כ'וויל רופן סראָליקן און ראָכלען, זיי זאָלן גיין מיט מיר צונויפ־קלייבן שטענגלעך און צווייגלעך אַף צעלייגן א שײַטער אין הויף.

אז איך גיי ארויס אין דרויסן, ליגן שוין דאָרט אָנגעקליבן צווייגן פאר א שײַטער. לעבן די צווייגן זיצט ראָכל. זי זיצט, די הענט באהאלטן אין דער מופטע, און קוקט אַפן זשוראוול מיט די קראַקענדיקע ראָבן. לעבן איר זיצט סראָליק. ער רעדט עפּעס צו ראָכ־לען און, ווי זײַן געוווינהייט איז, בײַסט ער זיך די נעגל.

איך זעץ זיך אוועק לעבן זיי. איבער ראָכלען דערפיל איך זיך עפּעס ערגער. איך קוק קלוימערשט אַפן רויך, וואָס ציט זיך פון ביידע קוימענס פון אונדזער שול און אַף די בלויע רויכן פון די נידעריקע צעוואָרפענע כאטעס, וואָס אַף די אנטקעגנדיקע פוסטע ווינטערדיקע פעלדער.

— אָשער!

— האָ?

— אָשער, — זאָגט צו מיר ראָכל און קוקט דערבײַ אַפן זשו־ראוול, אַף די ראָבן, — דו האָסט אויך פײַנט ראָבן?

— אפילו גאַלקעס. כ'האָב זיי אלעמען פײַנט, — הייב איך זיך אזש אוף, כאָטש כ'האָב זיי ניט ליב און ניט פײַנט און טראַכט אפילו וועגן זיי ניט.

— און איך אויך. ס'ווערט מיר אומעטיק פון זייער קראַקען. — זי כאַפּט א שטיינדל און גיט א וואָרף אַפן זשוראוול.

נאָר מיידעלעך, אז זיי וואַרפן שטיינער, איז ווי ס'זאָלן בא זיי זײַן אויסגעבראָכן די הענט. איר שטיינדל דערפליט אַפילו ניט ביז דער קרענעצע. דערפאר וואַרף איך גוט שטיינער. מיטן ערשטן שטיקל פארפרוירענע בלאָטע טרײַב איך זיי אלעמען אראָפּ פונעם זשוראוול.

זיי הייבן זיך אוף מיט א קראַקערײַ, דרייען זיך איבער אונדז, זעצן זיך אויס אַף די נאַקעטע טאָפּאָלן און אַפן דאַך פון אונדזער שול. כ'לאָז זיי שוין ניט רוען. איך לייג ארײַן די פינגער אין מויל און הייב אָן פײַפן. איך פײַף אזוי, אז ראָכל צעעפנט אזש די אויגן פון פארוואונדערונג. כ'הייב נאָך אָן וואַרפן שטיינער אַפן בלעכענעם דאַך.

כ'וואַרף עטלעכע מיטאמאָל. דער בלעך קלינגט ווי א קוילנ־

וואַרפֿער. ראָכל העלפֿט מיר אונטער. און ס׳ווערט מיר זייער פֿריי־לעך דערפֿון. כ׳וויל איר זייער באַווײַזן, ס׳אַרא העלד איך בין. כ׳גיב א וואַרף אַף איר מײַן פֿאַלטע מיטן היטל. איך צעשפּיליע אַפֿילע דעם קאָלנער פֿונעם העמדל און האַלט אין איין שרײַען, אַז ס׳איז מיר וואַרעם.

— פֿע־ע, סראָליק, — הייב איך אָן רײַסן פֿון אים דאָס היטל, — קום לויפֿן אַף א געוועט...

נאָר סראָליק וויל ניט:

— לאָז! — שטויסט ער מיך אָפּ און רוקט נאָך אָן טיפֿער אי־בער די אויערן זײַן זומערדיקן קאַשקעט און פֿאַרקוטעט זיך נאָך וואַרעמער אין זײַן שאַפֿן לײַבעקל.

איך ווער זייער צופֿרידן, וואָס ער האָרבעט זיך און וואָס ער וויל זיך ניט אויסטאָן.

כ׳דערפֿיל זיך מיטאַמאָל העלדישער און זשוואַווער פֿון אים.

כ׳וויל זיך כאָטשבי מיט אים אָנהייבן שלאָגן. ראָכל נעמט לאַכן פֿון סראָליקן, נאָר סראָליקן אַרט עס ניט. ער איז זייער א מאָדנער, אָט דער סראָליק. ער שווײַגט מערסטנס און איז זייער א באַהאַלטע־נער. זײַנע שוואַרצע אויגן און זײַן לענגעכיק שמאָל פּענעמל זײַ־נען שטענדיק טרויעריקע און קוקן עפּעס אַזוי, אַז ס׳ווערט זייער ניט אָנגענעם.

אין שול באַ אונדז האָט מען אים ליב. ער לערנט זיך בעסער פֿון אַלעמען, לייענט שטענדיק, און פֿון זינט ער לערנט זיך שוס־טערײַ, איז ער פֿריילעכער געוואָרן. ער קוקט אַף די מאָזאָליעס אַף זײַנע הענט, וואַשט ניט אָפּ פֿון די הענט די סמאָלע און לאַכט שוין אַפֿילע ווען־ניט־ווען.

— עי, הער אויף, — שפּאַרט ער מיך נאָכאַמאָל אָפּ, — כ׳וויל זיך ניט וואַרפֿן מיט קיין שטיינער.

— קענסט ניט וואַרפֿן! — הייבט ראָכעלע אָן שפּרינגען אַרום אים, גיט אים א שמיץ דאָס מופּטעלע אין פּאָנעם און פֿאַרג־יט זיך אַזש, אַזוי לאַכט זי.

— וואָס גערזגעט עס דיך? — זאָגט צו איר סראָליק.

נאָר ראָכעלע הערט אים אַפֿילע ניט. זי לאָזט זיך מיטאַמאָל לויפֿן און שרײַט איבערן גאַנצן הויף, איך זאָל זי כאַפּן. כ׳לויף בעסער פֿון איר. נאָר כ׳וויל זי ניט דעריאָגן. מיט קליינינקע טריטע־לעך לויף איך הינטער איר, קוק, ווי סע באַמבלען זיך אירע צעפּע־

לעב אפן ווינט און ווי גיך־גיך זי מאכט מיט די הענטלעך און האלט
אין איין קווטשען.

וואָס עפּעס קווטשען זיי, די מיידלעך?

זי ווערט אָבער איינגעמידט. זי שרייט „אוי". זי קאָן ניט ריידן.
נאָר לאַכן לאַכט זי אַזוי, אַז זי פאַלט אַזש פון די פיס.

כ'יאָג זי אָן אין טראָקאָוויטשערס הויף. איך גיב זי א שטויס.
זי פאַלט אום. אינגאנצן א פאַרוויטלטע, דאָס ליפּעלע אויפגעהויבן,
דאָס זשאַקעטעלע צעשפּיליעט, ליגט זי אויסגעצויגן, קלאַפּט פרייליך
מיט די טופּלעלעך אין דער פאַרהאַרטעווועטער בלאָטע און שרייט,
איך זאָל זי ניט אויפהייבן. ס'גיט אָבער א סקריפּע א טיר. ראָכעלע
ציטערט אויף. זי שפּרינגט אויף פון דער ערד און נעמט זיך גיך־גיך
אַרומרייניקן. פאַרכמורעט, דרייט זי זיך מיטאַמאָל אויס צו לייב
טראָקאָוויטשערס גאַנעקל, אַף וועלכן ס'האָט זיך באַוויזן גאָלדע
כאַדאַרקאָוו.

— גאָלדע גייט, — זאָגט זי מיר שטיל־שטיל און ווערט רויט.

כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, — כ'פיל, אַז כ'ווער אויך רויט.
ס'איז מיר עפּעס זייער ניט אָנגענעם, וואָס גאָלדע איז אַרויסגעגאַנ־
גען.

זי איז אַרוים אין איר שוואַרצער טשומערקע, וואָס זעט אויס
פון הינטן, ווי א גלאָק, און איז פון אויבן שמאָל און באַנייט מיט
ווייסע פוטערלעך. זי האָט געהאַלטן אַן עמער אין האַנט און גע־
וואַלט, ווייזט אויס, גיין צו דער קרענעצע.

זי האָט אונדז דערזען און איז שטיין געבליבן אַפן גאַנעק. איר
פרייליכער מיידלשער קאָפּ האָט, ווי אַף באַוואונדערן, זיך אויסגע־
דרייט צו אונדז. אינעם שאַפּענעם קנעלעכיקן היטעלע, וואָס איז
אָנגעטאָן געווען אַף א זייט, האָט זי איצטער אויסגעזען זייער זשוואַ־
ווע און יונגלשדיק.

— ראָכעלע, — לאָזט זי זיך צו אונדז, באָמבלענדיק מיטן בלע־
כענעם עמער, — וואָס ביסטו אַזוי פאַרפּאַליעט, ראָכעלע?

— כ'היט די שול, — ווערט זי נאָך רויטער און קאָן אַפילע
ניט אויפהייבן די אויגן פון דר'ערד.

— דו נעכטיקסט היינט? — גיט גאָלדע א קוק אַף מיר, דערנאָך
אַף ראָכעלען. איך זע, ווי ס'באַווייזט זיך א קלוגיטשקער שמוכ בא
אירע ליפּן.

כ'דערפיל עפּעס, פון וואָס זי שמייכלט. כ'פיל, אַז סע ווערט מיר
זייער ניט אָנגענעם, כ'וויל וואָס גיכער אַנטלויפן פון איר.

גאָלדע הערט אוף צו קוקן אַף אונדז. זי לייגט מיטאמאָל צו די האַנט צו די אויגן, קוקט אַפּן נידעריקן צעריסענעם וואָלקן, וואָס הענגט פון יענער זייט סטאַניע און בושל־נעסט. זי זאָגט, ווי ריידנדיק צו זיך אַליין, אַז ס׳וועט הײַנטיקע נאַכט, דאַכט זיך, אויספאַלן אַ שניי, און אַז זי האָט זייער ליב דעם ערשטן שניי.

כ׳האָב זי זייער ליב דערפאַר, וואָס זי רעדט איצטער וועגן שניי.

— גאָלדע, — זאָג איך צו איר.

— וואָסי?

— כ׳וועל אײַך ברענגען וואַסער, — בעט איך בײַ איר דעם עמער, ווײַל כ׳וויל גיכער פון איר אַוועקגיין, זי זאָל ניט זען, אַז עפּעס שעמט איך זיך.

איך לאָז זיך גיך לויפן צו דער קרעניצע. לויפנדיק, פּוזשע איך אויף לייב טראַקאָוויטשערס האַנג, וואָס שטייט אַף איין פוס. ס׳אַנטלויפט אַפילע פון מיר די מאַלעגיירנדיקע רויטע בעהיימע לעבן דער קרעניצע.

איך כאַפּ גלײַך אָן דעם קרוק און הייב אים אָן אַראָפּלאָזן. נאָר גאָלדע יאָגט מיך אָן.

— אָשער, — רײַסט זי בײַ מיר אויס דעם קרוק, — כ׳האָב, דאַכט זיך, געבעטן ניט קריכן צו דער קרעניצע... און גלײַך זאָלט איר אַוועקגיין...

ערשט אַז כ׳גיי אָפּ, און מיט מיר אויך ראָכל, בייגט זיך גאָלדע אַראָפּ צום ברונעם, לאָזט אַראָפּ דעם סקריפּענדיקן קרוק, נעמט אָן אַן עמער וואַסער, גיט נאָכאַמאָל צו אונדז אַ שמייכל און לאָזט זיך אין שטוב אַרײַן.

אַבי גאָלדע פאַרשווינדט נאָר פון יענער זײַט טיר, ווערט מיר צוריק פריילעך.

כ׳וויל ניט, ראָכל זאָל אַפילע מיינען, אַז כ׳האָב מוירע פאַר גאָלדען, צי פאַרן ברונעם. איך שפּרינג טאַקע גלײַך אַרוף און שטעל זיך אַוועק אַפּן גליטשיקן קאַנט. איך כאַפּ זיך אָן מיט ביידע הענט באַם קרוק, וואָס מיטן צוגעקאָוועטן הילצערנעם גרינבלעכן עמער.

כ׳הייב אים אָן אַראָפּלאָזן. ס׳הייבט אָן סקריפּען אונטער מיר דער זשוראַוול מיט די אונטערגעבונדענע שטיינער. כ׳קוק אַראָפּ. ס׳איז דאָרטן אײַנגאַנצן פינצטער. און מע זעט אַפילע ניט דאָס וואַסער. כ׳זע נאָר די נאָענטע גרינע ברעטער און דאָס טרוקענע אַרומגעפרוירענע גראָז פון די ברונעם־ווענט.

— זיך אַראָפּלאָזן, ראָכל? — שטעל איך זיך אַוועק אַף איין פוס,

און מיט דער האַנט האַלט איך זיך קוים אָן אינעם אַראָפּגעלאָזטן זשוראַוול.

ראָכעלע שרייט, אַז זי האָט מוירע. אירע אויגן ווערן פול מיט פאַרוואונדערונג און שרעק. זי אַנטלויפט פון מיר.

כ'וויל ניט אַראָפּ. זאָל ראָכעלע נאָכאַמאָל צוגיין, וועל איך זיך טאַקע אַראָפּגליטשען מיטן קרוק און זיך צוריק אַרופדראַפּען, ווייל כ'האָב זיך זייער גוט אויסגעלערנט קלעטערן.

נאָר לייבע טראָקאָוויטשער האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין פענצטער. מיטאַמאָל האָב איך נאָך דערהערט אַ קלאַפּן פון טלאָען, אַ הירזשעניש פון אַ צעפּוזשעטן פערד און די באַסאָווע שטים פון אונדזער מיליציע־נאַטשאַלניק ריאַבאָוו:

— ניע שאַלי!

גאָלדע איז אויך אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעקל. זי האָט אַפילע ניט באַוויזן אָנשרייען אויף מיר. אַראָפּשפּרינגענדיק, האָב איך זיך שיר ניט אויסגעבראָכן אַ פוס.

— נישקאָשע, אַ צווייט מאָל, — בין איך צוגעלאָפן צו ראָכלען. כ'האָב אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס.

— כ'וועל אַ צווייט מאָל זיך אַראָפּלאָזן אין קרענעצע...

ראָכל גיט אַפילע אויף מיר קיין קוק ניט. זי שעמט זיך פאַר גאָלדען און גייט פון מיר אַוועק. זי גיט נאָר אַ פאַרוק די האָר אונטערן שאַלעכל. אַ שמייכל ווערט פאַרגליווערט אויף איר פּנים. ס'האָט זי זיך פאַרקוקט אויף ריאַבאָוון.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק פירט אַ צעפּוזשעטן פערד פאַרן צוים. דאָס פערד איז איינגעגאַנצן אין שוים, עס רייסט זיך פון ריאַבאָוון, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, בריקעוועט זיך אַזוי, אַז ריאַבאָוו מוז אַלעמאָל אָפּשפּרינגען. אַפילע דער לאַנגער לייבע טראָקאָוויטשער איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעק. לייבע טראָקאָוויטשער איז אַמאָל געווען אַ ליוועראַנט און פאַרשטייט גוט אויף פערד.

— איי־איי־איי, — שרייט ער צום מיליציע־נאַטשאַלניק, כאַפּט אַראָפּ פאַר אים דאָס היטל און בלייבט שטיין אין דער יאַרמלקע, — ס'איז ס'ערשטע מאָל?..

— ס'ערשטע מאָל געזאָטלט, — און ריאַבאָווס פּנים מיט די שמאָלע שוואַרצע וואָנסעלעך ווערט גליקלעך און פייערלעך, — נאָר עס וועט ווערן באַ מיר ווי אַ קעצעלע. — און ער הייבט ווידער אָן שרייען „ניאָ־אָ" און בינדט קוימט צו דאָס פערד צום סטויפּטשיק פונעם פּאַרקאַן.

ניט אומקוקנדיק זיך מער אפֿן פֿערד, די שוואַרצע פּאַפּאַכע פֿאַ־רוקט אפֿן נאַקן, אונטערהייבנדיק די פּאָלעס פֿונעם לאַנגן שינעל און קלינגענדיק איבערן גאַנצן הויף מיט די שפּאָרן, לאָזט זיך ריא־באָוו צו גאָלדען.

— זדראַווסטוויטיע, — גיט ער א קלאַפּ א פּוס אין א פּוס, דערלאַנגט גאָלדען די האַנט. — קאַק פּאָזשיוואַיעטיע?

— אזוי זיך, — ענטפֿערט זי אים אפֿ יידיש, — מע לעבט...

נאָר איר פּאָנעם ווערט שעמעוודיק. כ׳דערפֿיל עפּעס, אז ס׳איז איר זייער ניט אָנגענעם, וואָס אלע קוקן אפֿ איר.

— צו מיר?

— צו אייך, באַוווערטע באָדאָרקאָווא, געקומען זען, וואָס איר מאַכט.

אז ריאַבאָוו קומט אין שול, איז ער זייער א ווילער און רעדט זייער שטיל צו גאָלדען. ער קומט איצטער זייער אָפֿט. ער זאָגט, אז ער וועט ניט לאָזן אָנרירן גאָלדען. באַנדיטן האָבן אָנגע־הויבן האַרגענען די פּאָרזיצערס פֿון די דאָרף־ראַטן, און אלע, וואָס הייסן אַרבקאָרן און שרייבן אין די צײַטונגען.

כ׳וואָלט אלץ איצטער אָפּגעגעבן, איך זאָל אויך קאָנען ווערן ווי ריאַבאָוו, אויך אָפּהיטן גאָלדען, אויך טראָגן אזא גרויסן רעוואָל־ווער און האָבן אזא ווילד פֿערד, — און אלע זאָלן קוקן אפֿ מיר.

ס׳פֿאַרדריסט מיך זייער, איך פֿיל זיך זייער דערנידעריקט, וואָס אלע קוקן אפֿ אים און וואָס ראָכל לאָזט ניט אראָפּ פֿון אים די אויגן.

— טפֿו, — גיב איך א שפּײַ, ווען גאָלדע מיט ריאַבאָוון הייבן זיך אָן אפֿ די טרעפּלעך און פֿאַרשווינדן אין לייב טראָקאָווי־טשערס שטוב, — ער מאַכט זיך גרויס. ער האָט זיך מוירע זעצן רײַטנדיק און פֿירט עם פֿארן צײַמל...

— ער פֿאָרט שוין גראָדע גוט, — זאָגט סראָליק, — ס׳אַרא פֿע־ערד! — שלעפּט ער מיך צום פּלויט, ווו ריאַבאָוום פֿערד האָקט אוים די ערד אונטער זיך, שטעלט אוף די דרײַקאַנטיקע אויערן, ציט אוים די מאָרדע און צעהירזשעט זיך צו די פּוסטע ווינטערדיקע פֿעלדער.

— ס׳א פֿאַדלע! — הייבט אין מיר אלץ אָן וויינען און שרײַ־ען, — ס׳א פּעגירע! — און איך גיב מיט אלע קויכעס א וואָרף א שטיק בלאָטע אינעם פֿערד.

דאָס פֿערד גיט זיך א הייב אפֿ די הינטערשטע פּיס, ס׳הייבט זיך אָן רײַסן פֿון פּלויט און קאָן זיך לאַנג־לאַנג ניט באַרויקן.

— זעסט? ס'האָט מוירע!.. כ'בין שוין אַפּ בעסערע פערד געפאָרן, — גיי איך אוועק פונעם פלויט, גיי צו ראָכלען.

נאָר ראָכל גייט ווידער פון מיר אוועק.

און דאָפקע סראָליקל, וואָס אַזוי איז ער אַ שטילינקער, אַ וויילינקער, צעלאַכט זיך מיטאַמאָל:

— וואָס רעדסטו? ביסט דאָך אַ באַרימער. — קוקט ער אַף מיר פאַרוווּנדערט און הייבט נאָך אָן רופן די קינדער פון שול, זיי זאָלן גיין אַ קוק טאָן אַף מיר.

— אוי, אַ באַרימער!

ראָכעלע האַלט מיך אויך ניט אונטער. פאַרקערט, די ליפּעלעך ווערן באַ איר נאָך אָנגעבלאָזענער. צוויי צונויפגעצויגענע גריבעלעך באַווייזן זיך איבער אירע ברעמען:

— אַ באַרימער... טאָקע אַ באַרימער — גיט זי אומגעריכט אַף מיר אַ טופּע מיטן טופּעלע. — אַ ליגנער!..

— איך?

— יאָ... דו... אַ ליגנער, — צעשרייט זי זיך אַף אַ קאָל. און כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר אירע צונויפגעצויגענע בייז־געוואָרענע אויגן ווערן פול מיט טרערן.

— איך?.. איך? — ווייס איך ניט ווו זיך אַהינצוטאָן פון געפאַלנקייט. כ'פיל אַפילע ניט, ווי כ'שפּרינג אַרויף אַפן פלויט, צו וועלכן ס'איז צוגעבונדן דאָס פערד, און הייב עס אָן אָפּבינדן. ס'באַווייזט זיך אַ שוים אַרום די ווייכע אַראָפּהענגענדיקע זייטן פונעם פערדישן מויל און אַ ווייסע פאַרע אַרום די ראָזעווע נאָזלעכער.

איך בינד עס צוריק צו, סע רייסט זיך, דאָס פערד, און כ'קאָן עס ניט איינהאַלטן.

איך בלייב שטיין מיט ביידע פיס אַף דער גראָבער לייסט, צו וועלכער ס'זיינען צוגעקלאַפּט די געלע שטאַכעטלעך. כ'שטיי אַפן פלויט, קוק אינגאַנצן אַ פאַרציטערטער אַפן שול־הויף.

כ'זע, ווי סראָליקל שטייט פונדערווייטן. זיין צעריסן דאַשעקל שטעקט אין דער הייך, דער קאָפּ איז פאַרריסן, זיין לייבעקל איז שוין אינגאַנצן צעשפּיליעט. לעבן אים שטייט ראָכל. זי שטייט, צוגעדריקט צו דער שול־טיר, ווי זי זאָל זיך וועלן אין איר באַהאַלטן. זי דרייט גיך־גיך איר מופּטעלע אין די הענט און לאָזט ניט אַראָפּ פון מיר אירע פאַרגאָסענע אויגן.

כ'קער זיך גלייך אָפּ. כ'גיב נאָר אַ קוק, ווי איבער יענער זייט וועג, איבער די פּוסטע ווינטערדיקע פעלדער און איבערן בעסוילעם,

פארגייט די זון. איך גיב א קוק אפן הויף — און ווי א מענטש, וואס טרינקט זיך, ווארט איך, אז עמעצער זאל ארויסגיין און מיך אראפ־טרייבן. נאר אין הויף איז שטיל. סע מאלעגיירעט די בעהיימע לעבן דער סטאניע, און ס'גליווערט די קוילעכיקע נעסט פון די בושלען.

— אשערל... אשער... איך וויל ניט... ס'איז גארניט... גיי אראפ.— דערהער איך הינטער זיך ראכבלעס בעטנדיק קאל.

נאר גלייך ווי איך דערהער עס, פיל איך, אז ס'איז שוין מיר גארניט שרעקלעך. איך גיב גלייך א באפריי דאס צוימל. דאס פערד שטייט פונקט לעבן מיר. דער ברוינער גלאנציקער זאטל אפ זיין ברייטן קוילעכיקן רוקן איז לעבן מיינע קני. איך גיב זיך מיט אלע קויכעס א וואלגער אפן זאטל און כאפ אים ארום מיט די הענט. כ'דערפיל, ווי סע גיט מיך גלייך א הייב און א ווארפ אונטער. נאר כ'וויים איצטער פון גארניט. סע קלאפט מיר נאר און בויטעט מיר אין בויך.

כ'דערהער גלייך עמעצנס דינעם אויסגעצויגענעם קוויטש און א סאך, א סאך געשרייען הינטער מיר.

די געשרייען ווערן אלץ ווייטער און שטילער.

פארגראבן דאס פאנעם אין דער גריווע, זע איך נאר, ווי עס שווינדלט די ערד אונטער מיר, און הער, ווי שווער־שווער עס אטעמט דאס יאגנדיקע פערד.

נאר כ'טראכט פון גארניט. כ'האב שוין אנגענומען א פולן מויל מיט גריווע... און איך וויל נאר איינס, — ניט אראפפאלן.

דאס פערד האט זיך מיטאמאל אנגעהויבן דרייען אונטער מיר, הייבט זיך אוף אפ די הינטערשטע פיס.

ס'ווייזט אויס, אז עמעצער יאגט זיך נאך מיר. כ'דערהער ווידער געשרייען. כ'דערזע מענטשן אפ פערד. א ברענדיקן ווייטעק פון א בייטש דערפיל איך איבערן רוקן. ס'איז, דאכט זיך, לייב טראַ־קאוויטשער. כ'דערקען זיינע הייזעריקע גוואלדן. עפעס נאך מענטשן יאגן זיך מיט אים, און כ'הער שוין, דאכט זיך, ריאבאוון הינטער זיך.

נאר דאס פערד לויפט שוין איבער די פעלדער, שפרינגט איבער א גרוב און טרייסלט פון מיר די קישקעס.

כ'קאן שוין ניט אויסהאלטן. כ'וואלט שוין געוואלט, עס זאל מיך אראפווארפן. נאר ס'צענעמען זיך בא מיר עפעס ניט די הענט... ...כ'קאן זיך ניט דערמאנען, וואס ס'איז מיט מיר פארגעקומען,

ווײַל אז איכ קומ צו זיכ, שרײַענ ארומ מיר א סאכ מע:טשנ, שרײַענ אונ מאכנ מיט די הענט.

איכ זע אפילע ניט גוט, ווער סע שלעפּט מיכ. איכ פיל, ווי מע נעמט מיר פּאנאנדער אײנציקווײַז די פינגער, ווײַל כ'האָב מוירע, כ'קאָנ ניט אָפּלאָזנ די הענט פו:עמ זאָטל.

כ'זע, ווי מע זעצט מיכ אפּ עפּעס אוועק. איכ קוק זיכ ארומ: כ'פּארשטײ ניט, פּארוואָס איז פינצטער אונ פּארוואָס זע איכ עפּעס די לעוואָנע.

ס'ברענט שוינ פײַער. פונ לײב טראָקאָוויטשערס פענצטער פּאלנ טונקעלע פירעק: ליכט.

ס'האָט מיכ, ווײַזט אויס, לאנג ארומגעטראָגנ דאָס פערד.

כ'הײב זיכ קוימ אופ, כ'קאָנ ניט אײַנשטײנ אפּ די פיס, אונ די הענט זײַנענ מיר אינגאנצנ פּארקליאַק:עט.

עמעצער נעמט מיכ אונטער דער האנט.

כ'דערזע דאָס נאסע פּארשוויצטע פערד אונ ריאבאָוונ אָנ א היטל.

דורכ דעמ טומלענדיק: בינטל מענטשנ שפּארט זיכ צו מיר דורכ ראָכעלע. די שײַנ פונעמ פענצטער באלײַכט אירע צעשויבערטע האָר אונ איר דערשראָקנ פּנעמל.

— א־הא! — גיב איכ צו איר א זאָג, כ'וויל נאָכ ארײַנלײגנ די הענט אינ די קעשענעס אונ איר דערווײַז:, אז כ'שפּײַ אפּ אזעלכע פערד ווי ריאבאָווס.

נאָר מע לאָזט מיכ ניט רײדנ. מע פירט מיכ עפּעס אינ א שטוב ארײַנ. מע טראָגט מיר צו א גלאָז וואסער. איכ זע פּנעמער.

אלצ — ווי דורכ א טשאד.

בא בעטשעקנ

בעטשעק האָט פײַנט, אז מע האָט מוירע. ס'איז אימ זײער גע־פעלנ געוואָרנ, וואָס איכ בינ געפאָרנ רײַטנדיק אונ ניט אראָפּגעפאלנ.

— וועדסט א מענטש! — האָט ער מיר א פּאטש געטאָנ אינ פּלײצע, אז כ'האָב זיכ אזש צוגעזעצט, — זאָלסט מיר, אָשער, ניט זײַנ קײנ ניונקע!

כ'האָב אימ געוואָלט דערצײלנ, אז כ'קאָנ זיכ אראָפּלאָזנ אינ א קרענעצע, נאָר ער האָט מיר געזאָגט, אז ס'איז שוינ צײַט, כ'זאָל ניט

ריידן קיין נאַרישקייטן, און האָט מיך געשיקט צונויפרופן די מיט־גלידער פון דאָרף־ראַט.

צוליבן דאָרף־ראַט בין איך איצטער געוואָרן זייער א פאַרנומענער. כ'פאַרגעס שוין אפילו אין ראַכלען.

— דאָס שטעטל אונדזערס, — האָט בעטשעק ערשט ניט לאַנג געמאָלדן אפּ א מיטינג, — דאַרף ענדערן דאָס פּנים.

ס'הייסט: איך, דער טאַטע, די קוסטאַרן און די פּראָפּסאָיוזניקעס וועלן בלייבן, אזוי ווי מיר זיינען, נאָר די הענדלערלעך, אזוי האָט בעטשעק גערעדט אפן מיטינג, דאַרפן ענדערן די פּנעמער.

מיין בייזער פעטער מענאַשע איז נאָכדעם אריינגעלאָפן צום טאַטן, געשריגן: „סטייטש!“, געמאַכט מיט די הענט און געזאָגט, אז מע וועט שניידן די בערד. נאָר כ'האָב מיין פעטער מענאַשע ארויסגעטריבן, ווייל אז איך בין אין שטוב, טאָר מען ניט ריידן קיין שלעכטס אפּ דער סאָוועטן־מאַכט, אפּ גאָלדען און אפּ בעטשעקן.

בעטשעק האָט מיך צוריק מיט עטלעכע טעג דורכגעטריבן און זיך צעשריגן, אז ס'איז דאָ א טיר און איך זאָל ניט קריכן צו אים דורכן פענצטער. ער האָט מיר געהאַט געזאָגט, איך זאָל צו אים אריינגיין אפּדערנאַכט, האָב איך אָבער געוואָלט א קוק טאָן דורכן פענצטער, צי איז ער אליין, צי נאָך מיט עמעצן. דאָס פענצטער אין דאָרף־ראַט איז אָבער זייער א הויכס, און די פריזבע איז אינגאַנצן פאַרוואַקסן מיט שטעכלקעס און גערדיכטע בוזינע־קוסטעס. האָב איך קוים צענומען די צווייגן, אָנגעכאַפּט זיך מיט די הענט אין די פענצטער־לייסטן און זיך ארופגעדראַפּעט. איז בעטשעק צוגעלאָפן און זיך אזוי צעשריגן, אז פון שרעק און אומגעריכטקייט האָב איך זיך שיר ניט אראָפּגעקייקלט אין די שטעכלקעס.

— וואָס פאַר א שטיק! — האָט ער מיך אָנגעכאַפּט און אזא טראַסקע געטאָן מיטן רעוואָלווער איבערן טיש, אז ס'איז אזש אונטערגעשפּרונגען דער טינטער.

ער האָט זיך עס אזוי צעשריגן אפּ מיר, ווייל מ'האָט איינמאָל דורכן פענצטער געשאָסן אין אים, אין בעטשעקן. און ניט נאָר אין אים שיסן די באַנדיטן. זיי הארגענען איצטער אָפּט די פּאָרזיצערס פון די דאָרף־ראַטן.

שייקע האָט זיך שוין אפילו געשוווירן, אז סיידן מע וועט אים, שייקען, אוועקלייגן, נאָר בעטשעק וועט בא אים ניט לעבן.

און ניט נאָר שייקע. די פריערדיקע רייכע קרעמער זיינען איצ־

מער אינ קאם אפ בעטשעקנ. זיי האלטנ אינ איינ שרײַענ אינ מארק, אז איבער אים וועט מענ גיינ אינ די הײַזער. עמעצער האָט שוינ אפילע אָנגעשריבנ אפ אים, אז ער איז א כאבארניק.

נאָר ס'א ליגנ. ס'האָט מענ אפ אים אויסגעטראכט, ווײַל מ'איז אינ קאם פאר די שטײַערנ אונ פאר די עטלעכע הײַזער, וואָס בעט־שעק האָט צוגענומענ בא די גווירים.

דערפאר האָב איכ זיכ אזוי דערפרייט, ווענ די מאמע האָט מיר אפדערנאכט איבערגעגעבנ, אז בעטשעק האָט אָנגעזאָגט, כ'זאָל צו אים ארײַנגיינ.

בײַנ איכ טאקע גלײַכ אוועקגעלאָפנ אינ דאָרפ־ראט.

דער דאָרפ־ראט געפינט זיכ אינעם געוועזענעם אָסטראָג, וואָס אפנ בארג, דאָרט, וווּ ס'איז געווענ אמאָל אונדזער קינדער־קלוב. איצטער, כאָטש ס'איז אפדערנאכט, זעענ זיכ זייער גוט די נידע־ריקע ווײַסע ווענט מיט די הויכע לײַכטנדיקע פענצטער אונ דער צינקעווער דאכ, וואָס הייבט זיכ איבער די ארומיקע נידעריקע באל־מעלאָכישע שטיבלעכ.

צוקומענדיק צום דאָרפ־ראט, הער איכ אופ לויפנ, ווײַל פונ דער בארג־סטעזשקע גייענ אנטקעגנ מיילעכ, דער פאָרזיצער פונ די פראָפסאָיוזניקעס, פראָיִם דער הארבארניק אונ נאָכ מיטגלידער פונ דאָרפ־ראט. זיי גייענ, ווײַזט אויס, איצטער פונ א זיצונג.

כ'הער, ווי פראָיִם דער הארבארניק זאָגט אפ א קאָל, אז ס'וועט זיכ טאָנ כוישעכ, אונ מיילעכ זאָגט אים, אז ער האָט פײַנט, ווענ פראָפסאָיוזניקעס ריידנ נארישקײַטנ.

וויבאלד ס'וועט זיכ טאָנ כוישעכ, וועט שוינ עפּעס פאָרקומענ, וויל איכ וואָס גיכער זענ בעטשעקנ. כ'קריכ שוינ ניט צו אים דורכנ פענצטער, כ'גיב א שלעפּ מיט אלע קויכעס די שווערע געקאָ־ווּעטע טיר.

— אָט בינ איכ, בעטשעק! — כאפּ איכ קוים דעם אָטעם, ווײַל איכ בינ זייער געלאָפנ. כ'פארכאפּ זיכ גלײַכ. ער איז ניט אליינ. מיט אים זיצנ נאָכ גאָלדע אונ איציק.

זיי שרײַענ אונ קריגנ זיכ, זיי קוקנ זיכ ניט אום. בעטשעק דרייט זיכ אפילע ניט אויס צו מיר.

ארום איז אָנגעוואָרפנ. ס'האָט זיכ ערשט ניט לאנג, ווײַזט אויס, פארענדיקט די זיצונג, אונ די בענקלעכ זײַנענ צערוקט. דער דיל אונ אפילע דער טיש זײַנענ פול מיט פאפירלעכ, מיט שטיקלעכ ציגארנ אונ ליידיקע קעסטעלעכ פונ פאפּיראָסנ.

בעטשעק רעדט עפּעס וועגן א ציגעלניע און וועגן ערד. און איציק שרייט, אז ער וויל זיך ניט זאָרגן:

— ספּעקוליאַנטן! — שרייט ער.

— קוסטאַרן! — שרייט ער.

— און איך זאָג — מע מוז! — איז שוין בעטשעק אויסער זיך.

און גאָלדע איז אויך עפּעס איין קאָס אָפּ איציקן.

און איציק הוידעט מיט די פּיס. ער זיצט אַפן פענצטער און שלאָגט אזש אָפּ דעם טינק פון דער וואַנט.

— כ'וועל עס ניט דערלאָזן! ניט ווייניקער פון דיר, — שרייט גאָלדע אָפּ איציקלען, — וויל איך, אז ס'זאָלן ניט זיין קיין הענדלערלעך... נאָר כ'וויל ניט, מע זאָל ריידן אזוי! זע! — כאַפּט זי א פּעקל פּאַפּירלעך פון טיש, — זע, וויפל ביטעס, מע זאָל זיי געבן ערד...

— אז מע האָט אָבער געטיילט ערד, — שרייט שוין איציק; — אז מע האָט געטיילט, וואָס האָבן זיי ניט גענומען?!

— ס'זיינען געווען פּאָגראָמען, העלד מיינער, און קיין ייִד האָט זיך ניט געקאָנט באַווייזן הינטערן שטעטל.

— און איך זאָג, — די הויט שינדן! ס'איז ספּעקוליאַנטן! און כ'האָב פּיינט די אינטעליגענטישע שטיק!

— און איך האָב דיך דאָפּקע ליב, — ווערט גאָלדע דאָפּקע שטילער, — נאָר אויב מע זאָל דיך ניט נעמען אין די הענט אריין, ווערסטו, איציק, אזוינס אופּטאָן, אז מע וועט דאַרפן שניידן פון דיר שטיקער.

— וואָס ס'טע געזאָגט?

— דאָס, וואָס דו האָסט געהערט, — הייבט זי זיך אוף פון טיש, וואַרפט אַרוף אָפּ זיך דעם זומער־מאַנטל.

— אז כ'וויל עס ניט הערן! — גיט ער א קלאַפּ מיט דער טיר און לויפט אַרויס.

— איז גיי איך, בעטשעק. און כ'מיין, אז מיר מוזן פונדעסטוועגן מיט איציקן פאַרענדיקן...

ערשט אז גאָלדע גייט אַוועק, וואַרפט פון זיך בעטשעק אַראָפּ דעם פּידזשאַק, בלייבט אין צעבראַסטעטן העמד.

— נו, אָשער, — שטייט ער מיט די הענט אין די קעשענעס. זיין אָנגעבויגענער קאָפּ מיט די קורץ־אונטערגעשוירענע האָר גלאַנצט אָפּ מיט א סאַך ווייסע הערעלעך אונטערן בלעכענעם הענגלאָמפּ. ס'גליווערט דער ווייסער פאַרצויגענער שראַם אָפּ זיין פאַרברוינט פּאָנעם.

— האָסט כאָטש געהערט, הא?

— געהערט, בעטשעק.

— ס'הייבן מיר אָן...

— די פענעמער ענדערן?

— וואָסערע פענעמער?

— וואָס דו האָסט געזאָגט אפן מיטינג.

— כ'ווייס ניט, וואָס דו רעדסט, — הייבט ער זיך אָן קנייטשן, באטראכט מיך, ווי ער זאָל זיך וועלן עפּעס דערמאָנען:

— וואָס האָט מען דיך די לעצטע טעג ניט געזען?

— איך לערן זיך, בעטשעק, — כ'וויל אים ניט זאָגן, אז איך קום צו אים ניט, ווײַל ער האָט מיך דורכגעטריבן.

— דארפסט מיך האָבן, בעטשעק?

— יאָ, — זעצט ער זיך אוועק, רייניקט אָפּ דעם רויטן שטיק ציצ, מיט וועלכן ס'איז צוגעדעקט דער טיש, — דארפסט מיר הײַנט אָפּטאָן א שטיקל ארבעט.

— וואָס, בעטשעק? — רוק איך זיך צו נעענטער, גרייט צו טאָן אלץ, וואָס ער וועט מיך בעטן.

— איך וויל, זאָלסט דאָס מיר איבערשרײַבן, — ווײַזט ער מיר אָפּ א גרויסן פארדראקעטן צעטל, — און נאָכדעם זאָלסטו זאָלסטו אונטערכעזשבענען.

איך רוק גלײַך צו א בענקל, מאַך ריין לעם זיך דעם טיש, נעם א בויגן פּאַפּיר און הייב אים אָן צעווירען. איך מאַך איין פּאַס פאַר די נומערן, נאָכדעם א ברייטן פּאַס פאַר די פאַמיליעס און א דריטן — פאַר ציפערן.

איך זע, ווי בעטשעק ווערט פרייליכער. ער שטעלט אפילע אוועק א פוס אפן בענקל. ס'געפעלט אים, ווײַזט אויס, ווי איך שרײַב. ער בייגט זיך אָן צו מיר, קוקט, ווי איך ווירע די שיינע פּאַסן.

איך סטאַרע זיך ניט מאַכן קיין פלעקן. דײַטלעך, פּאַמעלעך, הייב איך אָן ארײַנשרײַבן די פאַמיליעס, וואָס בעטשעק לייענט מיר פאָר.

ס'גלוסט זיך מיר לאַכן: בא אונדז רופט מען ניט אָט די יידן מיט די יידענעס בא די פאַמיליעס.

— שרײַב, — זאָגט מיר בעטשעק, — פּעקער כײַע געדאליעס. ערשטער ראַזריאַד. פינף און צוואַנציק.

— בעטשעק! — צעלאַך איך זיך. איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אז בעטשעק, א פאָרזיצער, זאָל צו טאָן האָבן מיט א יידענע.

— וואָס קווילסטו?

— סע מיינסטו כּיִעטשקעס?

— כּיִעטשקעס!

— מיט א פאמיליע? — גלייבט זיך מיר עפּעס ניט.

— טאַלטשינ מייער בערס. צוויטער ראזריאד. ניִין און דרייסיק.

— ס'איז דער מייער בערס, וואָס האָט א קלייט אפן מארק?

— יאָ, — ווערט בעטשעק אינ קאָס.

— קאַלונ מייער רווונס. פינפטער ראזריאד. צוויי הונדערט פינף און זיבעציק, — שרייט שוין בעטשעק הויך און אָפּגעהאקט.

— טראָקאָוויטשער לייב שייע־יאָסיעס... דריי הונדערט.

— ריווקינ נאכמענ מענאשעס... פינף און זיבעציק.

— בערישע... פינף און צוואנציק.

— ניט אזוי גיך! — בעט איך זיך, ווייל בעטשעק יאָגט, שרייט, הייבט דערביי אָן ארומגיין פונ ווינקל צו ווינקל.

— ראפּאפּאָרט... פינף און פערציק.

— ברוידע... צוויי הונדערט.

— וואָס איז עס פאר א ציפערנ?

— נאַלאָגנ.

— שטייערנ?

— שטייערנ, אשער! שטייערנ! שרייב! — ווערט ער אומ־צופרידנ. — ראבינאָוויטש — הונדערט פינף און אכציק! — ער שרייט שוין אזוי הויך די פאמיליעס, ווי כ'וואָלט מיטאמאָל טויב געוואָרנ.

— שיפמאנ!..

כ'דערפיל אינ בעטשעקס געשריי, אינ זיינ ארומשפאנענ, אז כ'שרייב עפּעס זייער וויכטיקס.

כ'קוועטש שטארקער אָנ מיטנ הענטל. ס'פארקריכט אזש די פענ און רייסט דאָס פּאפּיר.

כ'דערפיל זיך מיטאמאָל גרעסער און שטארקער בא זיך.

— סאנדלער ראכמיעל דאָווידס... ניינציק.

— יאָפּע ביניאָמינ שמועלס. צווייטער ראזריאד, — שרייט בעטשעק איבערנ גאנצנ דאָרף־ראָט, — פינף און דרייסיק.

— בעטשעק, — שפרינג איך אזש אוף, — ס'איז דאָך סראָליקס טאטע... ער לערנט זיך מיט מיר אינייִנעם, בעטשעק!

— וואָסער סראָליק?

— וואָס איז אנטלאָפן פון דער היים... און ס'האָט אים גע־בראכט צוריק ריאבאָוו...

— ניין. כ'קען אים ניט! — בלייבט בעטשעק שטיין און לייגט אוועק זיין צעטל. — פונעם טאטן אנטלאָפן?

— יאָ.

— דאָס געפעלט מיר. אזוי? שעמען זיי זיך, הייסט עס, מיט די טאטעס?

— ער האָט געוויינט, סראָליק, ווען בולע האָט אים א זאָג גע־טאָן: „ספעקוליאנט!"... און ראָכל האָט שוין אויך געוויינט...

— און ביסט מיט זיי כאוועך?

— יאָ... ניין! — פארכאפט איך זיך. — כ'האָב פיינט די הענדלער־לעך. כ'קאָן זיי ניט אָנקוקן!..

— וואָס ניט אָנקוקן? וואָס שפרינגסטו? — פארשטיי איך ניט, פארוואָס בעטשעק איז דאפקע געוואָרן בארויגעז. — צווישן אונד־זערע קלייטניקעס זיינען פאראן א צענדליק גווירים. זיי דארף מען פיינט האָבן... דאָס איבעריקע איז דאלעס...

— דאלעס, — זאָג איך אים נאָך.

— איז וואָס זשע שפרינגסטו?! — זעצט ער זיך אוועק ציט אזש צו א קני צום מויל, רעדט צו מיר אזוי, ווי קיינמאָל האָט ער נאָך מיט מיר ניט גערעדט.

— אָט זאָלן נאָר, הערסטו, פארמאכן זיך די קלייטלעך... אישט־שענקאָ איז אויך מאסקים... מיר'ן עפענען א ציגעלניע, ווו ס'וועלן קאָנען ארבעטן א פופצן־צוואנציק מישפאָכעס... ס'וועט זיך נאָך איינגעבן קריגן א פופציק־זעכציק דעסיאטין ערד... נאָך א פאָר פאב־ריקעס מאכן... און ווי אין א שטאָט. ביסט נאָך קיינמאָל ניט גע־ווען אין קיין שטאָט?..

— ניין, בעטשעק!

— אָט אין שטאָט, אז ס'צעהודען זיך אינדערפרי די פאבריי־קעס... און בא אונדז, אָשער... מיינסט, ס'קאָן בא אונדז ניט זיין? — צעשרייט ער זיך אף מיר. — ס'וועט זיין! מע וועט זיך בא מיר א לאָז טאָן אין דער פאבריקע. איינגעשפאנט די וועגע־נער, ארופגעלייגט די אקערס, וועט מען ארויספאָרן אין פעלד אריין... און ווי אין א שטאָט וועלן מיר מאכן אפילע א גאָרטן אפן מארק־פלאץ. און אָפגעפארבטע בענק, ווי אין ניקאָלייעוו...

— און א קאָנקע, — ווער איך זייער באגייסטערט, ווייל מע זאָגט, אז מע פאָרט אף רעלסן און סע פירן עס פערד.

— וואָס פאַר אַ קאָנקע! — שפּרינגט ער מיטאַמאָל אויף, גיט אַ ציִ אויס די הענט, ווי ער זאָל אײַנהאַלטן אַ פּאָר פערד. — טפּרו, אַשער, — צעשרײַט ער זיך, — טפּרו! האַלט די ווישקעס! האַלט, אַשער!

— שטיטעלמאַן — זעקס און דרײַסיק!

— בערשאַדסקי — ניַין און אַכציק!.. — צעשרײַט ער זיך ווידער, — קיין שום הונט מיט אויערן, אַשער, זאָל ניט האַווקען, אַז מיר זײַנען הענדלער!..

— גאָכמאַן — צוואַנציק!.. אַז מער זאָל מען ניט ליגן אין דער ערד, אַשער!

— בעטשעק...

— האַ?

— איז פאַרוואָס זשע שרײַען זיי, אַז זיי וועלן גיין איבער דיר אין די הײַזער?

—איבער מיר?!

— איבער דיר, — רוק איך זיך אַזש אָפּ פון אים, ווײַל ער האָט זיך אַזוי צוגעבויגן, אַז כ'פֿיל זײַן אָטעם אויף מײַן פּנים, כ'זע מײַן קאָפּ אין זײַנע בליאַסקענדיקע שטיין געבליבענע שוואַרצאַפּלען, און יעדעס בלוט־אָדערל זע איך אויף זײַנע טיפע בלוילעכע ווײַסלען.

— אַשער, נאָר דעם עמעס! וואָס זאָגט מען וועגן מיר אין שטעטל? — קוקט ער מיר אין די אויגן אַזוי, אַז כ'קאָן עס אַזש ניט איבערטראָגן.

כ'האָב אָן קוקן אויף דער ערד. כ'וויל אים ניט דערציילן, אַז אַ סאַך שעלטן אים. מע האָט געשריִען אין מאַרק, אַז מע וועט זיך נאָך דערלעבן, מע זאָל רײַסן איבער אים די סטעליע.

— מע שעלט מיך, האַ?

— מע שעלט.

— זעסטו שוין? — גלײַכט ער זיך אויס, זעצט זיך אַוועק אויפן פענצטער, כאַפּט אָן מיט די הענט די אייבערשטע ראַם, אַז די אַרבל רוקן זיך אַראָפּ און דעקן אויף זײַנע געזונטע האָריקע הענט. דאָס געלע סאָלדאַטסקע העמד ווערט אָנגעבלאָזן פונעם ווינט, און בע־טשעק ווערט אַזוי ווי ברייטער און גרעסער.

— זעסטו שוין? — כאַזערט ער איבער נאָכאַמאָל, בייגט זיך אַראָפּ צום דרויסן, קוקט אויף די דעכער, וואָס נורען זיך אַזוי ווי אַ טשערעדע אונטערן באַרג, אויפן פאַזשאַרנע טורעמל, וואָס הייבט זיך אַזוי ווי אַן אָנגעמאָלטס צווישן די געטינקעוועטע בלוילעכע הײַזער.

— ס'איז עפּעס אַ מין קרענק... פאַרשטייסטו? — ווערט ער ווידער אַנשווינגן. אין דער מיטאַמאָל אַנגעקומענער שטילקייט הערן זיך די פּרעש פון די סאַזשלקעס, ס'טוקעט די מיל, אַ צוג צעהודעט זיך ערגעץ ווייט אויף דער סטאַנציע.

— פאַרשטייסטו? — קוקט ער מיר לאַנג־לאַנג אין די אויגן — ס'אַזוי ווייסטו... ס'איז שוין געווען מיט מיר. ס'איז געווען אין זנאַמענקע. כ'בין אַרײַנגעגאַנגען זיך איבערבעטן מיטן דאָקטער, וועמען כ'האָב געהאַט שטאַרק אויסגעזידלט און אַפילו דערלאַנגט מיטן שטיוול אין פּאָנעם. ס'האָט מיר אַ באַנדיט דאָרטן אַרײַנגע־האַקט אַ דער רועב־ווייסט־וואָס אין פּוס. איך בין געקראָכן פון דער הויט. נאָר אַז דער דאָקטער האָט מיך אַוועקגעלייגט און געגר־מען שנײַדן, האָב איך זיך געזידלט, אַשער, אַז די זידלערײַען מײַנע האָט מען געהערט אין פּאַסטאָוו. און מ'האָט מיך צוגעהאַלטן. נאָר כ'בין אים פונדעסטוועגן אַזוי פאַרפאָרן, אַז ער האָט זיך אויסגע־צווינגן. נאָר דער דאָקטער איז דאַפקע ניט אין קאַס געוואָרן און האָט געטאָן זײַנס, און... מיילע, אַשער, כ'וועל אויך טאָן ווי מײַן דאָקטער. און זיי וועלן ניט הינקען! און אַלע, אַלע, — גיט ער אַ ווײַז אויף אײַנגעגנורעטן שלאָפנדיקן שטעטל, — און דײַן יאַטל אויך, ווי הייסט ער?..

— סראָליק.

— און די סראָליקלעך וועלן ניט לײַדן...

עפּשער ווײַל דער לאָמפּ האָט אָנגעהויבן אויסגיין, טוקן זיך און אָנפילן דעם צימער מיט שאָטנס, עפּשער ווײַל עפּעס אַ פויגל האָט זיך נאָרוואָס אַ הייב געטאָן פון צווישן די קוסטעס, נאָר בע־טשעק איז מיטאַמאָל אופגעשפּרונגען:

— וואָס בעבען מיר? זע נאָר, — כאַפּט ער אַרויף אויף זיך דאָס פּידזשאַקל, — ס'איז דאָך שוין באַלד טאָג. לויף און זע נאָר ניט באַלבען. און גאָרניט דערציילן וועגן די שטײַערן. און גיי. און האָב מיר אַ גוטן שליטוועגס...

מײַן כאַווער סראָליק

בעטשעק האָט מיר אָנגעזאָגט ניט דערציילן, — דערצייל איך ניט. כ'האָב נאָר אַזוי זיך, פּונקט ווי ס'איז בײַ מיר גאָרניט, דער־ציילט אין קלאַס, אַז איך בין אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן מיט בעטשעקן.

ראָכלען האָב איך געזאָגט, אַז איך בין פאַרנומען, אַז איך באַ־

ווײַז זיכ גאָרניט אויסשלאָפנ פונ די זיצונגענ, וואָס איכ האָב אַלע נאַכט אינ דאָרפ־ראַט...

אונ געזאָגט האָב איכ עס ראָכלענ, ניט ווײַל איכ בינ א ליגנער, נאָר ווײַל איכ וויל, זי זאָל מיכ שטענדיק זענ א גרויסנ אונ זייער א העלדישנ...

אָבער וועגנ די שטײַערנ האָב איכ קיינעמ ניט דערציילט. כ'האָב נאָר אויסגעזאָגט סראָליקנ.

סראָליק איז זיכ געזעסנ אַפנ לימעד ווי אַלע טאָג: אונטערגעשפאַרט מיט ביידע הענט דאָס קליינע אָפגעצויגענע פּנעמל, געהערט, ווי דער לערער דערקלערט אַנ אויפגאַבע אַפנ טאָוול. אָבער נאָכנ לימעד האָט ער פונדעסטוועגנ ניט אויסגעהאַלטנ אונ געוואָלט, איכ זאָל אימ זאָגנ, פאַרוואָס האַלט איכ אינ איינ קוקנ אַפ אימ אונ וואָס האָב איכ אַפ אימ דערזענ.

האָב איכ אימ אָפגערופנ אינ א ווינקל אונ אַלצדינג אויסגעדערציילט. כ'האָב ניט געקאָנט אײַנהאַלטנ זיכ. כ'מוז זיכ שטענדיק פאַר עמעצנ אויסריידנ, ווײַל אַז ס'איז מיר פריילעכ, ווער איכ זייער א גוטער אונ וויל, קיינעמ זאָל ניט שלעכט זײַנ אַפנ האַרצנ.

אונ סראָליק איז טרויעריק. האָב איכ אימ דערציילט, אַז ס'וועלנ שוינ ניט זײַנ קיינ הענדלער אונ אַז אַלע, אַלע, האָט געזאָגט בעטשעק, וועלנ ווערנ גלײַכ.

סראָליק איז, ווי אַלעמאָל, פריער געוואָרנ אָנגעכמורעט, האָט זיכ אָנגעהויבנ בײַסנ די נעגל, א קוק געטאָנ אַפ מיר פאַרדעכטיק. נאָר פונדעסטוועגנ איז ער געוואָרנ א ביסעלע פרײַנטלעכער, צוגעלאָזטער.

סראָליק איז שטענדיק אַזאַ. ער איז שטענדיק עפּעס, ווי ער זאָל זיכ דאַרפנ פאַרטיידיקנ אָדער דאַרפנ אַפ עמעצנ אָנפאַלנ. אַזוי איז ער א גוטער. ער איז נאָר עפּעס א מעשוגענערווײַז שטאָלצער אונ פאַריסענער. אונ ניט ווײַל ער איז א גרויסהאַלטער. פאַרקערט. מע דאַרפ זיכ נאָר היטנ מיט אימ. ווײַל רעדט מענ מיט אימ גוט, קאָנ ער זיכ צעשרײַענ מיטאַמאָל, אַז ער וויל ניט, מע זאָל אַפ אימ ראַכמאָנעס האָבנ. אונ טאָמער באַליידיקט מענ אימ, איז כאָטש ער איז זייער א קליינינקער אונ קאָנ זיכ אינגאַנצנ ניט שלאָגנ, נאָר מיט די ציינ אונ מיט די נעגל קאָנ ער זיכ אַרופוואַרפנ. אונ ס'איז שוינ נאָכדעמ ניט אָפצוטשעפּענ זיכ פונ אימ.

נאָר קיינער טשעפּעט אימ ניט. בולע האָט אַפ אימ אַמאָל א

געשריי געטאָן „ספּעקוליאַנט!“, האָט גאָלדע אויסגעשלאָפּן בולען אַף עטלעכע טעג פון שול.

נאָר סראָליק איז פונדעסטוועגן דערשלאָגן. ער האָט זיך אפילע איינמאָל צו מיר צוגעטשעפּעט, איך זאָל אים זאָגן, מיט וואָס בין איך בעסער פון אים און פאַרוואָס האַלט איך זיך גרויס.

ס'א ליגן. איך האַלט זיך ניט גרויס. אין שול זײַנען מיר, אַלע קינדער, כאַווער.

נאָר איציק גאַזימיק זאָגט, אַז מע דאַרף די ענגלענדערישע קינדער אַרויסהאַניאָיען. און ער לאָזט זיי אַפילע ניט אַרײַן אין קעמערל.

איצטער האָט זיך אָבער סראָליק ניט צעשריִען. ער האָט א קוק געטאָן פאַרדעכטיק, נאָר גלײַך פריילעך געוואָרן, א בייג געטאָן דעם קאָפּ צום אַקסל:

— טאַקע?

— אוואַדע, סראָליק! און א פאַבריקע... און ערד... — ווייל איך שוין זייער, ס'זאָל אים נאָך פריילעכער ווערן.

— יאָ, — פאַרכליאָבעט ער זיך, — מיר'ן אַקערן... ווערן פויער־רים... — און זײַנע שוואַרצע שפּילקע־אייגעלעך אינעם שטענדיק באַוועגלעכן, אָנגעשטרענגטן פּענעמל לויכטן אויף.

ער קאָן שוין ניט אײַנשטיין. ער שלעפּט מיך אין דרויסן. זײַן היטל האָט ער שוין צונויפגעדרייט און אַרײַנגערוקט אין קעשענע. זײַנע גלאַנציקע קוטשעראַווע הערעלעך זײַנען צעפּודלט. ער איז אויס־געשמירט. פון זינט ער לערנט זיך אינעם שוסטער־קרײַזל, האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסשמירן, וואַשט שוין אַפילע ניט אָפּ די סמאָלע פון די הענט און ווײַזט אַלעמען, אַז ער האָט שוין מאָזאָליעס.

כ'וועל אַזוי גוט, אַז כ'רופ אים, סראָליקן, אַפילע, אָפּ די פּאַ־ליט־פּאַנטעס אין קעמערל, ווײַל הײַנט וועט דאָרט אָנפירן גאָלדע.

— וועסט גיין אָפּ די פּאָליט־פּאַנטעס?

— יאָ, — שפּרינגט ער אויף אונטער.

— וועלן מיר גיין! — הייב איך שוין אָן רופן זיאַמען און בור־לען, ווײַל פּאָליט־פּאַנטעס איז זייער א שיינע שפּיל. מיר שפּילן אַפילע ביים די איבערײַסן אין שול. נאָר אין שול האָט עס ניט אַזא טאַם, ווי אין קאָמיוגישן קעמערל.

איך, בולע און זיאַמע גייען טאַקע שטענדיק אָפּ די פּאָליט־פּאַנ־טעס, ווײַל אונדז, אַרבעטער, טרײַבט מען ניט און מיר האָבן קיין מוירע ניט פאַר איציקן.

בולע הייבט זיך דאַפּקע אָן קרימען, וואָס כ'נעם מיט אונדז מיט

סראָליקן, נאָר פּונקט ווי בעטשעק נעכטן, ווער איך אומצופרידן, רופּ אים אָפּ אין א זײַט, צעשרײַ זיך, אז מע וועט פאָרן אָפּ ערד, אז מע וועט אלע ווערן ארבעטער.

זיאמע זאָגט אויך דאָס אייגענע. און איך פיר טאָקע אויס.

נאָכן לערנען גייען מיר אינפּירען אוועק אָפּ די פּאָליט־פּאַנטעס.

איבערן פאַרנאַכטיקן שליאַך הייבן שוין א שטויב די טשערעדעס. פּוזשענדיק די בעהיימעס, יאָגן זיך די קינדער פון די קלענערע קלאַסן, לויפן אהיים.

נאָר מיר אינפּירען גייען פּאַמעלעך. מיר זײַנען שוין גרויסע. סראָליק, כאָטש איך ווייס, אז ס'איז אים איצטער זייער גוט, גייט פונדעסטוועגן אַן ערנסטער און וויל ניט ארויסווײַזן, אז ער איז פריילעך, וואָס ער גייט מיט אונדז אין קעמערל. ער גיט אַלעמאָל א זײַטיקן קוק אָפּ זיאמען, אָפּ בולען, נאָר קערט גלײַך אָפּ די אויגן, זיי זאָלן ניט מיינען, אז ס'איז בא אים אזא גליק, וואָס ער גייט מיט זיי.

סראָליק איז פּונקט ווי איך זייער מעקאַנע זיאמען און בולען, וואָס זיי זײַנען שוין עמעסע ארבעטער.

זיאמע לערנט זיך אָפּ א מאַשיניסט. ס'האָט אים דער פּראָפּאַריין געגעבן „בראָן", ווײַל זײַן ברודער און זײַן טאַטן האָט מען נעהארגעט.

און בולע אויך. בולע איז געוואָרן א קוריער.

זיאמע גייט שוין אין פארשמאָלצעוועטע הויזן, טראָגט דאָס פּידזשאַקל אָפּ די אַקסל, און פּונקט ווי סוואַשעק דער מאַשיניסט, טראָגט ער דאָס היטל פּאַרוקט אָפּן סאַמע נאַקן. ער רייכערט ציגאַרן, און זײַן אָפּן קײַלעכיק פּאָנעם אָפּן קורצן האַלדז איז שטענדיק שײַנענדיק, פריילעך און פאַרשוויצט.

ער זאָגט שוין אפילע, אז ער שפּײַט אָפּ דער מיל: זאָל ער נאָר ענדיקן די שול, פּאָרט ער אוועק אָפּ זייער א גרויסן זאוואָד.

נאָך קיין זאַך בענקען מיר אזוי ניט, ווי נאָך זאוואָדן. פון סראָליקן איז שוין אָפּגערעדט. ער וויל, זאָגט ער, פּרובירן אוועקפאָרן ווײַט־ווײַט, אין אזא אָרט, וווּ מע קען אים ניט, און ווערן אַן ארבעטער.

נאָר איינע בולע וויל ניט. ער וועט פאָרן, זאָגט ער, זיך לערנען אָפּ א מאַטראָס און שווימען אָפּ שיפן. ער האָט שוין אפילע אָנגעהויבן ריידן באַסאָווע, אופגענייט זיך הויזן „קליאָש" און גאָלט זיך שוין.

ער איז געוואָרן העכער און גרעסער פון אונדז אַלעמען. זײַן גרויסער קאָפּ אױף די ברייטע פּלייצעס איז א ביסל פאַרוואָרפן, ווי ער זאָל זיך וועלן שלאָגן. נאָר אַזוי איז ער ניט קיין קעמפער. ער האָט זיך נאָר ליב „באָרען". און זײַנע גרויסע געזונטע הענט קאָנען קיינמאָל ניט אײַנרוען. איצטער אויך אַזוי. ער האָט אױף מיר און אױף זיאמען אַרופגעלייגט די הענט, און איך — די האַנט אױף סראָליקן. פאַרנעמענדיק דעם גאַנצן מיטן שליאַך, אַז אַלע מוזן פאַר אונדז אָפּטרעטן, גייען מיר אינפּירען. און ס'איז אונדז אַזוי פריילעך, אַז מיר רייצן זיך מיט די הינט, און די גאַנצע פּויערשע גאַס באַגלייט אונדז מיט א האַווקערײַ.

אפילו סראָליק ווערט באַרייִדעוודיקער. ער דערציילט אונדז, אַז זײַן טאַטע האָט א פעטער, וואָס האָט א שוועסטערקינד א שוסטער. ער הייבט אפילו אָן שרײַען, מיר זאָלן גיין גיכער, ווײַל ס'האָבן זיך שוין מיסטאָמע אָנגעהויבן די פּאָליט־פּאַנטעס.

אַז מיר קומען צום קעמערל, האָבן זיך שוין טאַקע די פּאָליט־פּאַנטעס אָנגעהויבן.

מע זיצט שוין אפילו אױף די פענצטער. ס'איז שוין פול און פיל. און ווי אַלע טאָג, איז דאָ ראַשיקער און פריילעכער, ווי אומעטום.

מיר שפּאַרן זיך שוין קוים אַרײַן. גאָלדע איז ניטאָ. באַם טיש, וואָס שטייט אינמיטן צימער, זיצט איציק נאַזימיק, גאָלדעס פאַרטרעטער.

אױף די בענק, לענגויס די ווענט, זיצט מען צוגעקוועטשט איינער צום צווייטן. און מע שטייט אפילו.

סראָליק פאַרהאַלט זיך, דערשרעקט זיך פאַר איציקלען. בולע שלעפּט אים אָבער אַרײַן. סראָליק פאַרוקט זיך גלײַך אין א ווינקל און בלײַבט ניט.

דערפאַר — איך, זיאמע און בולע — מיר שטויסן אַראָפּ דאָבקע די נייטערן, פריידלען און נאָך עטלעכע מיידלעך און פאַרכאַפּן זייערע ערטער. און זיי קאָנען זיך אפילו ניט צעשרײַען, ווײַל איציק נאַזימיק איז אין כאַס און זאָגט, אַז סע זאָל זײַן שטיל.

נאָר ס'איז זייער שטיל. איציק האָט פאַרגעבן עפּעס א פראַגע, און קיינער קען ניט ענטפערן.

— און דו, אָשער, — דערזעט ער מיך, — האַלטסט זיך, דאַכט זיך, פאַר א וויסער, איז עפּשער וועסטו אונדז ענטפערן, וואָס איז אַזוינס „סטאַ"?

— סטאַ?

— סטאָ.

— הונדערט, — ענטפער איך אים.

— ניין!

— פינף מאָל צוואַנציק, — צעשרייט זיך זיאמע.

— צען מאָל צען, — שריי איך אים איבער.

— ניין, — ווערט נאַזימיק צופרידן, — „סטאָ" — איז כאָ־וועט טרודא אי אָבאָראָני.

באלד כ'האָב שוין געכאַפּט א פּאַנטע, האָבן זיך שוין אַלע אָפּ מיר אָנגעזעצט.

— אז די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז פאָרגעקומען אָקטיאַבער כווידעש, איז פאַרוואָס פייערן מיר דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו דעם 7־טן נאָיאַבער?

— ווייל אינעם זיבעצנטן יאָר, — בין איך שוין אין קאָפּ פאַר דער פּאַנטע, — ווייל אינעם זיבעצנטן יאָר האָבן די בורזשויען גע־רוקט די כאַדאָשים אָפּ דרייצן טעג צוריק, און מיר אָפּצולאָכעס דער בורזשואזיע...

— אוי, ניין! — דערזע איך סראָליקס אויפגעהויבענע צווי פינ־גער און דערהער זיין שטענדיק אומגעדולדיק קעלכל. — ניט אַזוי! גיט מיר א וואָרט, כאַווער נאַזימיק, ס'איז די אַסטראָנאָמיע זאָגט...

— יאָ, יאָ. די ערד דרייט זיך... — דערמאָן איך זיך שוין, פאַרוואָס מ'האָט גערוקט אָפּ דרייצן טעג דעם קאַלענדאַר. — ס'איז די אַסטראָנאָמיע...

— וואָרט! — לאָזט מיך אָבער איציק ניט פאַרענדיקן. זיינע שוואַרצע שטייענדיקע האָר גיבן אַזוש א הוידע דעם הענג־לאָמפּ. ער שטייט א לאַנגער, א דאַרער. די אויסגעבויגענע פויגלשע נאָז, וואָס רירט זיך קימאַט אָן מיט שפּיציקל צו דער אייבערשטער ליפּ, ווערט זייער בייז.

— וועמען זע איך דאָ?! — קוקט ער זיך איין אין סראָליקן, וואָס זעט זיך קוים ארויס צווישן די פּיל קעפּ.

— כ'בעט א וואָרט, כאַווער נאַזימיק.

— וואָס פאַר א כאַווער, — שרייט ער אויס, און זיינע אויגן ווערן ווי ביים אַן אומגליק, — וואָס פאַר א כאַווער בין איך דיר?!

— כאַווייריִם! — הייבט ער אָן רייד: העבער, דראָענדיקער. — ספּעקוליאַנטן זאַנאַדיען זיך אָפּ אונדזערע פּאָליט־פּאַנטעס...

— ס'א שילער! — שרייט אויס זיאמע.

— שטיל זאָל זײַן! — קלאַפּט איציק אין טיש. — כ'ליג פֿאַר דעם ספּעקוליאַנט גלײַך פֿאַרלאָזן אונדזער פֿאַרזאַמלונג!

— בעטשעק האָט, איציק... ס'האָט בעטשעק געזאָגט...

— וואָס בעטשעק?! אַרויס, ספּעקוליאַנט!

סראָליק שטייט שוין איינער אַליין. ער האַלט זיך אָן אין דער לײַסט פֿון פֿענצטער. זײַנע מעשוגענערווײַז גרויס־געוואָרענע גלעזערנע אויגן קוקן אָפּ קיינעם ניט. זײַן פּענעמל איז שוין אַזוי ווײַס, אַז נאָר די קלײַנע־פּינטעלעך און די שרעקלעכע אויגן זעען זיך.

— גיי ניט אַוועק! — טראָגט מיך אויף. — הער אים ניט! — שרײַ איך מיט אַלע קויכעס.

— ער איז ניט קיין ספּעקוליאַנט! — שרײַט מען שוין פֿון אומעטום. מע קלאַפּט שוין מיט די פֿיס, מע פֿײַפֿט.

— וואָ־אָס? — גיט איציק אַ גלאַנץ מיט די אויגן. — ספּעקוליאַנטן פֿאַרטיידיקן?!

— אַרויס! — ציטערט ער אויף מיטאַמאָל. — כ'הייס!..

נאָר בולע לאָזט סראָליקן ניט אַרויסגיין. איך לויף אויך צו. סראָליק איז נאַרוואָס געוואָרן בלייך, און איצטער הייבט ער אָן ווערן פֿאַרוויטלט. זײַן מויל איז אָפֿן, און אַלעמאָל גיט עפּעס אַזוי ווי אַ לויף דורך איבערן האַלדז, ווי ער זאָל עפּעס אַ שלינג טאָן.

— לאָז דורך! — שטופּט מיך איציק און כאַפּט אָן סראָליקן.— וועסט נאָך לאַנג שטיין?!

— טשעפּע ניט! — בלאָזן זיך אָן סראָליקס באַקן, ווי אַף אַ הוסט צו טאָן. — טרײַב ניט. כ'וועל אַליין!

— פּאַשאָל! — לאָזט אים איציק ניט אָפּ — פּאַשאָל!

— אַוועק! — איז שוין סראָליקן ניט צו דערקענען. — אַוועק! — דרייט ער זיך, וואַרפֿט זיך, שלאָגט זיך אָפּ מיט די פֿיס.

מע הייבט זיך אָן צונויפֿלויפֿן. ס'איז אַזאַ צונויפֿגעדריי, אַז כ'זע שוין קיינעם ניט. איך רײַס זיך אויך אַרײַן. איך טראַסקע מיט די הענט. כ'וויל אַרויסשלעפּן סראָליקן. עפּשער פֿון קאַס, צי ווײַל ער, סראָליק, איז אַרופּגעשפּרונגען אָפֿן פֿענצטער, — ס'האָבן גלײַך אַ קלונג און אַ צעשאָט זיך געטאָן די שויבן.

פֿון אומגעריכטקײַט איז מען אַזש אָפּגעשפּרונגען פֿון אים.

— קאַ־אַ־אַנטריק! — איז שוין איציק הייזעריק. — קאָנטריק!!! — און וויל אים כאַפּן.

נאָר סראָליק איז אַרויסגעלאָפֿן. בייגנדיק זיך צו דער ערד, לויפֿט ער לענגוים די פּלויט און פֿאַרשווינדט אין דער פֿינצטערניש.

איך לאָז זיך לויפֿן נאָך אים. כ׳פֿיל זיך שולדיק און וויל אים עפּעס זאָגן.

נאָר אַז איך לויף צו צו זייער שטוב, קאָן איך עפּעס ניט אַרײַנגיין. פֿריִער דריי איך זיך אַרום, נאָכדעם גיי איך אַרײַן אין פֿירהויז. איך הער, ווי סראָליק וויינט און שרײַט אויף זײַן טאַטן.

איך גיי אַרויס צוריק. בײַ דער טיר שטוים איך זיך אָן אָן זיאַמען, וואָס איז אויך געקומען צו לויפֿן.

ער זאָגט, איך זאָל אַרײַנגיין דער ערשטער.

אַז איך נעם זיך שוין אָן מיט מוט און גיי אַרײַן, טרעף איך סראָליקן זיצן אויפֿן אַנטזערנעם בעטל, וואָס שטייט אין קיך. ער זיצט, דעם קאָפּ פֿאַרגראָבן אין די הענט, און וויינט, דאַכט זיך. כ׳האָב אַזוי שטיל געעפֿנט די טיר, אַז ער דערהערט מיך אַפֿילו ניט. ס׳גיט זיך נאָר אַ וויג דאָס פּלעצל אינעם קליינעם פֿאַרטשאַדעטן לעמפּל. זײַן טאַטע, ביניאָמין, דרייט זיך אַפֿילו ניט אויס צו מיר. ער שטייט אָנגעשפּאַרט אינעם נידעריקן פֿענצטער און האַלט אין איין ווישן מיט די פֿינגער דעם טוי פֿון די שויבן.

— אַ גוט־אָוונט, — זאָג איך שטיל ביניאָמינען.

סראָליק גיט זיך גלײַך אַ קערעווע, גיט זיך אַ וויש די אייגן, שפּרינגט אויף:

— וואָס דאַרפֿסטו דאָ? — כאַפּט ער זיך אָן מיטביידע הענט באַם קאָפּ, גיט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף אין בעטל און פֿאַרגראָבט זיך אינעם קישן.

— ריבוינע־שעל־אוילעם, — הייבט אָן זײַן טאַטע לויפֿן פֿון ווינקל צו ווינקל, — ער וועט דאָך מיר מעקאַצער־יאָמים זײַן!..

— אַז, אָשער... — שטעלט ער זיך אָפּ, שפּרייט אויס צו מיר די הענט. זײַן געלבלעך, אַזוי ווי אויסגעצאַפּעט, בערדל, וואָס וואַקסט בײַ אים נאָך פֿון האַלדז, איז קימאַט לעבן מײַן פּאָנעם. — שוין אַ באַרדאָס... אַדעראַבע, זאָגט, — הייבט ער מיך אָן „אירצן“, — כ׳האָב געוואָלט כאָלילע... געוואָלט זײַן אַ הענדלער... אַז מיקאָלקע ימאַכשמוי!.. די ערד זאָל אים אַרויסוואַרפֿן!.. — הייבט ער אָן שעלטן און מאַכן מיט די הענט. — ער האָט דען צוגעלאָזט אַ ייִדן?

— ס׳קלייטל פֿאַרמאַכן? — פֿרעגט ער. — אַדעראַבע, — ענטפֿערט ער זיך אַליין, — אָבער פֿון וואָס זאָל איך זיך, מענטש אייינער, מעפֿאַרנעס זײַן? אַדעראַבע? — גייט ער מיר נאָך, שפּרייט צו מיר די הענט און האַרבעט זיך.

סראָליק זעצט זיך אפילע אוף, קוקט צו, ווי זײַן טאַטע גייט מיר נאָך. און ווען זײַן טאַטע גיט א זאָג נאָכאַמאָל:
— אדעראבע, אייצעט עפּעס, אָשער...
— טאַטע, — צעשרײַט זיך סראָליק, — טאַטע! — און זײַנע דארע אופגעהויבענע הענטלעך ציטערן. — קליאַנטשע ניט! וויינ ניט פאר אים! — לויפט ער צו און כאַפּט ארום דעם טאַטן.
— סראָ־אָליק! — טוט אים א שלעפּ זיאמע, וואָס איז נאָרוואָס ארײַנגעלאָפן. איך דערזע בולען און נאָך יאַטן פון קעמערל, וואָס זײַנען געקומען אהער צו לויפן.
— פע! — שלעפּט זיאמע סראָליקן.
און דאפקע ווײַל זיאמע האָט זיך צעשריִען, ווערט סראָליק שטילער, עפּעס ווי פארוווּנדערט. ער הייבט אונדז אָן באטראַכטן, ווײַל, דאכט זיך, א שמייכל טאָן, נאָר דרייט זיך אָפּ און צעוויינט זיך.
כ׳דערפיל, אז ס׳איז שוין אן אנדער ווײנען: איצטער. שטיל־שטיל הייב איך זיך אָן ארויסרוקן פון שטוב, און נאָך מיר אלע איבעריקע.

גאָלדע

כ׳האָב זיך אופגעכאַפּט פרי. ס׳איז געווען מאָנטיק — מאָנטיק לערנען מיר זיך ניט. כ׳בין אזוי פרי אופגעשטאַנען, ווײַל כ׳האָב געדאַרפט וואָס גיכער אוועקלויפן צו גאָלדען, דערציילן איר וועגן אלץ, וואָס ס׳איז געשען מיט סראָליקן, אז סראָליק האָט צעבראָכן א פענצטער. און איציק הייסט, מע זאָל מאכן א כאַווער־געריכט אי־בער סראָליקן.
אז איך בין ארויסגעגאַנגען פון שטוב, זײַנען נאָך דער טאַטע און די מאמע געשלאָפן. נאָר דער זיידע איז שוין געווען אופגע־שטאַנען.
ער איז געזעסן אָפּ דער פריזבע. נאָרוואָס אופגעשטאַנענע וואָ־ראָביײטשיקעס האָבן זיך געפּאָרקעט ארום די באָלעגאָלישע בוידן.
דער מארק־פּלאַץ איז נאָך געווען פּוסט און טונקל. פארי׳סן די באָרד אין דער הייך, האָט דער זיידע צוגעקוקט, ווי די דרײַ ציי־לעמער פון דעם אנטקעגנדיקן קלויסטער האָבן געבלענדט פון דער אופגייענדיקער זון.
— וווּהין טראָגט עס דיך? — האָט דער זיידע דערהערט, ווי כ׳האָב צוגעמאכט די טיר. — וואַרט נאָר!..

נאָר כ'האָב דעם זיידן ניט געענטפערט. כ'האָב זיך אפילע ניט אומגעקוקט אפ אים און זיך געלאָזט לויפן.

כ'האָב זייער געיאָגט. כ'קאָן קיין זאַך ניט טאָן פּאמעלעך און האָב קיינמאָל קיין געדולד ניט.

דערפאר, אז איך בין געקומען צו גאָלדען, האָב איך שוין ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. זי וווינט ווייט — אזש באַ לייבע טראָ־קאָוויטשער.

כ'האָב זיך פרוּער געמוזט אָפּשטעלן אָפּרוען, קעדיי קאָנען צו איר אריינגיין שטיל, ניט סאָפּען. גאָלדע האָט זייער פיינט, וואָס איך פלי אזוי. כ'וויל אויך ניט פלוּען, נאָר איך קאָן ניט. איך פארגעס זיך.

זי לערנט מיך זייער א סאַך זאַכן, גאָלדע. אָט האַלט זי מיר אין איין אָנזאָגן, אז ווען מע גייט צו עמעצן אריין, דארף מען פרוּער אָנקלאַפּן. באַ אונדז קלאַפּט קיינער ניט אין טיר. ס'איז מיר זייער טשודנע, און איך קאָן זיך דערצו ניט צוגעוווינען.

איצטער האָב איך דאַפקע געוואָלט אָנקלאַפּן. כ'האָב נאָר א ביסעלע אָפּגעוואַרט, ווייל כ'האָב דערהערט, ווי גאָלדע רעדט מיט עמעצן.

כ'האָב זיך אָבער אפילע ניט באוויזן אריינהערן, ווייל ס'האָבן מיר גלייך אָנגעהויבן פליען פונקען פון די אויגן. כ'ווייס גאָר ניט, ווי ס'איז פאָרגעקומען, — ס'האָט זיך מיטאמאָל אן עפן געטאָן די טיר און כ'האָב געכאַפּט אזא טראסקע אין שטערן, אז פון אומ־געריכטקייט און פון ווייטעק האָב איך קוים דערזען, ווי פון גאָלדעס צימער איז גיך ארויסגעגאנגען דער מיליציע־נאטשאלניק ריאבאָוו.

נאָר גאָר שטארק דערשראָקט מיך גאָלדע.

— טייערינקער... אָשערל, — לויפט זי צו, פארמאַכט די טיר. — וואָסי? האָסט, דאַכט זיך, עפּעס געזאָגט?

נאָר כ'האָב נאָך גאָרניט געזאָגט. כ'האָב נאָך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. כ'קאָן אפילע ניט אופהייבן די אויגן פאר קאָפּווייטעק. איך קוק אפּן דיל. איך זע נאָר אירע באָרוועסע פיס אין די שטעק־שיך און דעם קווייטלדיקן זוים פון איר כאַלאַט.

— צעבראָכן... סראָליק האָט צעבראָכן... — הייב איך צו איר אוף די אויגן.

גאָלדע הערט אפילע ניט, וואָס איך רייד צו איר, גיט אפילע קיין קוק ניט אפּן בייל, וואָס גייט מיר אוף אפּן שטערן.

— אָשערל, — נעמט זי צונויף מיט איין האַנט דעם קווייטלדיקן כאַלאַט, און מיט דער אנדערער האַלט זי אין איין פאַריכטן די צע־

פאלענע האָר,—אָשערל,—און עפּעס שמייכלט זי. און די אויגן זײַנען רויט, פול מיט טרערן. — ס'ט ארײַנגיין שפּעטער... כ'בין עפּעס ניט געזונט... קום שפּעטער, זעסט דאָך, — ס'איז ריאַבאָוו געקומען מיך רופן... כ'האָב אים גערופן... געקומען װעגן די ביימלעך, וואָס דער טראַקאָווימשער האָט געוואָלט... שיר ניט אויסגעהאקט.

— יאָ. כ'וועל קומען.

און גאָלדע פירט מיך דערבײַ צו דער טיר. אבי כ'דערפיל מיט דער פּלייצע די טיר, אזוי גיב איך זיך א קערעווע און לויף ארוים.

אזוי ווי א דונער לויף איך אראָפּ פון די טרעפּלעך און צעטרעט שיר ניט דעם טראַקאָווימשערס הינער.

— א סרייפע אין אײַך, — האָט דער טראַקאָווימשער אויפגעהויבן א גוואלד, — אפן פרימאָרגן שוין געקומען!..

לייבע טראַקאָווימשער שטייט אינמיטן הויף א צעבראסטעטער. נאָר אין די גאַטיעס. ער קרישעט שטיקלעך ברויט, שרײַט: „טיו־טיו" און האָדעוועט די הינער.

אפן הארצן איז מיר שלעכט. כ'האָב אים נאָך מערער פײַנט באַקומען פאר די ביימלעך, וואָס ער האָט געוואָלט אויסהאקן, און וואָס איבער זיי האָט גאָלדע נאָרוואָס געוויינט...

— מיר'ן אײַך באַווײַזן! — צעשרײַ איך זיך אזוי, אז גאָלדע האָט אזש א דערשראָקענע ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון דער טיר. — מיר'ן אײַך באַווײַזן ווי צו האקן ביימלעך! — און איך צעטרײַב נאָך מערער זײַנע הינער.

— וואָסערע ביימלעך? — פארבײַסט ער צו מיר זײַן פערדישן קאָפּ און הייבט אָן גיין צו מיר מיט זײַנע לאנגע פיס. — א ווייסטער כאָלעמ אפ דיר, — ער וויל זיך, ווײַזט אויס, מיט מיר שלאָגן.

כ'שפּײַ אפ אים. איך האָב פאר אים קיין מוירע ניט. ער וועט מיך אפילע מיט קיין פינגער ניט אָנרירן. איך גיב נאָר א קלאפּ מיט דער פּאָרטקע, און אין קאס אפ זיך אליין און אפ אלעמען, לאָז איך זיך צום שטעטל.

* *
*

יענעם מאָנטיק בין איך שוין צו גאָלדען ניט געגאנגען. אז איך בין אפ מאָרגן געקומען צו איר אהיים, איז געהאנגען א שלעסל אפ דער טיר. און אין שול איז זי אויך ניט געווען.

ס'לאָזט זיך אוים, אז נעכטן פארנאכט איז גאָלדע אָפּגעפאָרן

אפ עטלעכע טעג אין שטאָט. זי האָט זיך געפילט, זאָגט מען, ניט גוט און איז צוגעפאָרן צו א דאָקטער.

ס'האָט מיך זייער געארט. כ'וויל זייער ניט, זי זאָל זײַן קראנק. און כ'דארף זי איצטער זייער האָבן.

איציק נאזימיק, ווײַל ס'איז ניטאָ גאָלדע, איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין שול, געשריגן, אז ער וויל ניט וויסן פון קיין גאָלדע־שמאָלדע, געזאָגט די לערער, אז זיי דערציִען קאָנטריקעם און כוליגאנעם און אז מע דארף סראָליקן ארויסטרײַבן פון שול.

ער האָט מיך שוין אויך געשראָקן, איציקל, געזאָגט מיר, אז ער וועט מיך ניט ארײַנלאָזן אין קעמערל. נאָר מיך וועט ער ניט אי־בערשרעקן.

ס'פארדריסט מיך נאָר, וואָס מע דארף מאכן א כאווער־געריכט איבער סראָליקן.

וועגן ניט די שויב, וואָס ער האָט צעבראָכן, וואָלט טאקע גאָרניט געווען. נאָר דער לערער מוני האָט מיך מיט זיאמען ארײַנגערופן אין לערער־צימער, געשריגן, לעמײַ מיר האָבן דערלאָזן, מע זאָל ברעכן פענצטער, און אז מע דארף מאכן דעם כאווער־געריכט.

איך האָב געזאָגט, אז איך בין קראנק. כ'האָב געוויזן אפ דער שישקע, וואָס ס'האָט מיר געמאכט ריאבאָוו. זיאמע האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט, ווײַל נאָך די לימודים ארבעט ער אין מיל. דערפאר האָט זיך זייער דערפרייט יוזיע. דער דאָזיקער יוזיע לערנט זיך אין א ני־דעריקערן קלאס פון מיר און איז אויך א מיטגליד פונעם כאווער־געריכט. ווײַל זײַן טאטע איז בענציִען דער פאָווערענע און שרײַבט „פראָשעניעס", איז יוזיע זייער בארויגעז, אלעמײַ ער איז ניט דער פאָרזיצער פונעם כאווער־געריכט און בעט מיך שטענדיק, איך זאָל אים לאָזן אָנפירן. אפצעלאָכעס וויל איך ניט. דערפאר איז ער איצ־טער אזש אונטערגעשפרונגען פון פרייד. נאָר כאפט אים דער רועך. ער איז גלײַך טאקע אוועקגעלאָפן און אָנגעזאָגט אין אלע קלאסן, אז מאָרגן אפדערנאכט וועט זײַן דער כאווער־געריכט.

אפ מאָרגן אפדערנאכט איז אין שול געווען קאָפּ־אפ־קאָפּ.

זייער פאמעלעך הייבט יוזיע אָן פאָרלייענען דעם באשולדיקונגס־אקט: ווי דער שילער פון דער יידישער ארבעטס־שול סראָליק יאָפּע, דער זון פון בינימין, האָט אייערנעכטן, ניט געקוקט דערויף, וואָס שילער פון אן ארבעטס־שול דארפן זײַן א בײַשפּיל און טאָרן ניט ברעכן קיין פענצטער, פונדעסטוועגן יאָ געבראָכן פענצטער...

— איין פענצטער נאָר... — דערהערט זיך שטימען פון זאַל.

— ניט וויכטיק! האָט יאָ געבראָכן פענצטער אין קעמערל... און נעמענדיק אין באַטראַכט, — ווערט יוזיעס קאָל ווידער פּײַערלעך און גרויסאַרטיק. אַלעמענס צעעפנטע אויגן קוקן אים אין מויל אַרײַן. — און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז סראָליק האָט ניט ריכטיק צעבראָכן די פענצטער...

נאָר פונקט איצטער, ווען יוזיע לייענט דאָס סאַמע וויכטיקסטע און ס'דאַרף זײַן זייער און זייער שטיל, עפנט זיך אויף די טיר און ס'גייט אַרײַן גאָלדע.

ווי שטענדיק, אַז ס'גיט עמעצער אַן עפן די טיר, צי מע גייט אַרײַן, ווערט טומלדיק, — מע הייבט זיך אָן דרייען, קוקן אַפן אַרײַנגעקומענעם.

יוזיע ווערט זייער אין כּעס:

— קאָמענדאַנט! — גיט ער אַזש אַ קלאַפּ אין טיש. — ווער איז עס אַרײַן? פיר אַרויס!..

— יוזיע! — דרייט צו אים בולע מיט די אויגן, ער זאָל, הייסט עס, שווײַגן.

נאָר יוזיע וויל אים אפילע ניט הערן. דעם באַשולדיקונגס־אַקט לייענט ער שוין גיך־גיך.

— ...אַזוי ווי ער האָט ניט ריכטיק צעבראָכן, — שלינגט ער די ווערטער, — באַשטימען מיר אים מישפּטן און אויסגעפינען פאַר אים די פּאַסיקע שטראָף. און דעריבער...

— מאַמע מײַנע! שלינג ניט אַזוי! — גייט צו אים צו גאָלדע.

און באַלד ס'איז גאָלדע, מאַטערט ער זיך שוין אַ שמייכל טאָן. ער קען זיך שוין ניט בייזערן. איך טאַנץ אַזש אויף פון פרייד. אַרום שרײַט מען. מ'האָט גאָלדען ניט געזען עטלעכע טעג, און אַלע לויפן צו איר.

— יאַטן, ס'איז, דאַכט זיך, אַ פאַרזאַמלונג? — ווערט זי אָנגעכמורעט. די ברעמען גיבן זיך אַ צי צונויף. זי גיט פריִער אַ קוק אַף יוזיען, נאָכדעם אַף סראָליקן. זי קוקט אַף אים לאַנג, ווי זי זאָל אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, — וואָס האָט זיך געטראָפן?

— צעבראָכן אַ פענצטער...

— אין קאָמיונג...

— ווײַל איציק האָט אים געוואָלט אַרויסטרײַבן, — ענטפערט מען פון אַלע זײַטן.

— און וווּ איז אַשער?

— אָט בין איך, גאָלדע.

נאָר יעדער איינער וויל אַליין דערציילן, און מיך לאָזט מען אפילע קיין וואָרט ניט אויסריידן.

— אזוי גאָר? — גיט זי אַ שמוכ. — ווי קומט עס צו דיר, סראָליקל?

און ווײַל זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט דאפקע „סראָליקל“, זײַנען אַלע ווי געפּלעפּט געוואָרן. אפילע סראָליק האָט אויפגעהויבן צו איר די אויגן, נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעהויבן הארבען.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַז סראָליק איז ניט שולדיק. מע האָט גאָר אָנגעהויבן שרײַען אָפּ מיר, ווײַל יוזיע האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זײַט און בולען זעט מען שוין אויך ניט.

— קינדער, — איז גאָלדע געוואָרן בארויגעז, — כ'האָב געבעטן ניט גוואַלדעווען... מיר וועלן אָפּלייגן דעם כאָווער-געריכט... מיר'ן אַ צווייט מאָל באטראַכטן... גייט, קינדער! גייט!..

אַבי כ'האָב עס נאָר דערהערט, אַזוי האָב איך אָנגעהויבן רופן:

— מאַטילדע-ע!

אונדזער שטומע אופּראַמערן מאַטילדע, מיט די רויטע זאָקן און מיט די הילצערנע פּאַנטאָפל אָפּ די פיס, איז טאַקע גלײַך ארײַנגעלאָפן, אָנגעהויבן טרײַבן די קינדער און אויסלעשן די לאָמפּן.

אינעם ליידיק געבליבענעם קלאַס בין איך נאָר געבליבן און גאָלדע. ווי נאָר אַלע זײַנען ארויסגעלאָפן, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּן שטול. זי איז, ווײַזט אויס, נאַרוואָס געקומען פון צוג. זי איז מיד געוועזן. איר גרויער זומער-מאַנטל איז געהאַנגען אָפּ די אַקסל. דאָס דינע פּאַטשיילקעלע האָט זיך אַראָפּגערוקט און אָפּגעדעקט דעם ווײַסן שרונט אָפּן מיטן קאָפּ און די אַ ביסל צעשויבערטע האָר.

— אָשער, — האָט זי זיך אַ זשמורע געטאָן, — וואָס איז פאָרגעקומען? וויאַזוי האָט ער עס צעקלאַפּט אַ פענצטער?

— ס'האָט אים איציק נאָזימיק פאַר אַלעמען אין די אויגן אָנגערופן ספּעקוליאַנט... אים געוואָלט ארויסטרײַבן...

איך דערצייל איר, אַז איבער בעטשעקן האָב איך גערופן סראָליקן אָפּ די פּאָליט-פּאַנטעס, און אַז נאָכן צעברעכן דעם פענצטער בין איך אוועקגעלאָפן צו סראָליקן, און ס'איז געלאָפן זיאַמע. און סראָליק האָט געוויינט.

— איז ווי קלערסטו, מ'האָט געדאַרפט דערצו דערפירן סראָליקן? ער האָט גוט געטאָן, איציק?

— ניין, — זאָג איך איר, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס זי קוקט אָפּ מיר אַזוי בייז.

— ניין, זאָגסטו?! ביסטו כאַטש, אַשער, אַרויסגעטראָטן און געזאָגט, מע זאָל אים ניט אַרויסוואַרפן?

— יאָ, גאָלדע. נאָר ער האָט מיך ניט געהערט, איציק... ער איז דאָך דער פאַרטרעטער פון סעקרעטאַר...

— כ'פרעג דיך, צו וואָס האָסטו דערלאָזט דעם כאַוווער־גערייכט?

— צעבראָכן אַ פענצטער... מוני... כ'ווייס ניט...

— וואָס ווייסטו ניט?! האָסט דאָך אים אַליין גערופן?! האָסט דאָך נאָרוואָס געזאָגט, אַז מ'האָט אים ניט געדאַרפט אַרויסוואַרפן?

— ס'איז דאָך איציק...

— וואָס איציק? וויפל ביסטו אַלט? — ווערט זי אין קאַס.

— דרײַצן, גאָלדע...

— אַז בא דרײַצן קאָנסטו זיך אַזוי אויפירן, איז וואָס וועט שוין זײַן מיט דיר בא דרײַסיק?

— אַשער!

— האַ?

— אַ גאָרניט ווערט פון דיר! — צעשרײַט זי זיך. און ס'ערשטע מאָל, זינט איך קען זי, באַליידיקט מיך גאָלדע, כאָטש כ'בין אין גאָרניט שולדיק.

— גאָלדע... — דערפיל איך, אַז כ'וועל זיך באַלד צעשרײַען און צעוויינען.

נאָר גאָלדע הערט מיך אַפילע ניט. זי איז נאָך קיינמאָל אָפּ מיר ניט געווען אַזוי אויפגעטראָגן.

— אַשער, — איז זי זייער אויפגערעגט, — ביסט שוין ניט קיין קינד, דאַכט זיך... און לײַג ניט!.. זאָג אויפריכטיק, האָסט ווי ס'דאַרף צו זײַן פײַנט אונדזערע סאָנים? לײַדסטו, וואָס מיר זײַנען נאָך אָרעם? אַרט עס דיך? ווילט זיך דיר וואַרפן אין געשלעג אָפּ אויס־וואַרפן, וואָס פאַרפאַסקודיען נאָך אונדזער לעבן?

— יאָ, גאָלדע. — נאָר איך קאָן ניט איבערטראָגן אירע אויגן. איך קער זיך אָפּ. איך גיי צו צום אָפענעם פענצטער, קוק אַ פאַר־ציטערטער אָפּן אויסגעקרימטן פּאָנעם פון דער גרויסער, קײַלעכיקער לעוואָנע, וואָס הענגט צווישן די טאָפּאָלן.

— אַשערל, — הייבט זי אָן מיטאמאָל פרײַנטלעך און וויל מיך אוועקזעצן לעבן זיך.

ס'ווערט מיר נאָך ערגער פון איר פרײַנטלעכקײַט. איך רוק נאָך

מערער ארוים דעם קאָפּ און קוק אַף די ווײַסע נעפּלען, וואָס שפּרייטן זיך צווישן די ווײַטע קאָפּעצעס, אַפן וועג־זאַמד, וואָס גלאַנצט אַנט־קעגן דער לעוואָנע.

— זאָל איך אונטערגיין, גאָלדע...

— אָן שוועס, אָשער, כ'האָב עס פּײַנט!..

— זאָל איך אומקומען, גאָלדע, — רייד איך צו די טאָפּאָלן און צום הימל, — זאָל איך אומקומען, אויב ס'ארט מיך ניט, גאָלדע...

— אָשער, — לאָזט זי מיך ניט פאַרענדיקן, — ס'איז גאָר־ניט... — הייבט זי זיך אויף, ווײַל מאַטילדע קוקט אַף אונדז א דער־שראָקענע און וויל שוין פאַרלעשן דעם לאָמפּ.

— קום, — לייגט זי מיר ארויף די האַנט אַפן אַקסל, גייט מיט מיר ארוים אין דרויסן, — האָסט מיר געדאַרפט כאָטש פרײַער דער־ציילן וועגן דעם...

— כאַווערטע גאָלדע, כ'בין דאָך צו אײַך אַרײַנגעגאַנגען. געוואָלט אײַך דעמלט דערציילן... נאָר ריאַבאָוו... און עפּעס האָט איר געוויינט...

— ש־שרײַ ניט, — פאַרשטעלט זי מיר מיט דער האַנט דאָס מויל, ווערט אומרויִק, קוקט זיך ארום. ארום איז שוין קיינער ניטאָ. סראָליק שטייט באַם ווינקל הויף, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָנגעשפּאַרט אין פּלויט.

גאָלדע באַמערקט אים ניט. זי האָט זיך צו מיר צוגעבויגן, הערט זיך צו צו די ווײַטע געשרייען פון די קינדער, וואָס גייען אַהיים, צו דער האַווקערײַ פון די הינט, וואָס די קינדער האָבן אויפגערייצט מיט זייער טומל.

— כ'האָב זיך געפילט ניט גוט, אָשערל... כ'בין עפּעס ניט געזונט געווען דעמלט...

כ'פיל, ווי זי קוקט מיר אין די אויגן. נאָר כ'זע זי קוים־קוים. ארום איז פינצטער. מאַטילדע האָט שוין אויסגעלאָשן די לאָמפּן. די הויכע טאָפּאָלן איבער אונדז לאָזן קוים דורך די לעוואָנע־ליכט. איינ־ציקע לעוואָנע־פלעקן הוידען זיך איבער גאָלדען.

— ביסט דעמלט אַרײַנגעגאַנגען... און ריאַבאָוו איז מיך פּונקט געקומען רופן. ס'איז וועגן די ביימלעך...

עפּעס וויל זי מיר נאָך זאָגן. נאָר ס'דערהערן זיך טריט. כ'זע, ווי סראָליק לאָזט זיך צו דער פאָרטקע אַף ארויסגיין פון הויף. זי דערזעט אים אויך. זי דערפרייט זיך עפּעס.

— דאַכט זיך, סראָליק? האַ?

— סראָליק! — גיב איך אים א רוף.

נאָר סראָליק ענטפערט ניט, בלײַבט שטיין א רגע, לאָזט זיך גלײַך צו דער פּאַרטקע.

— סראָליק! מע רופט דיך, דאַכט זיך!

— וואָסי? — ענטפערט ער בייז, גראָב, ווי דער גאנצער האַלדז זאָל אים זײַן פאַרלייגט. — וואָס ווילט איר פון מיר, וואָס?

— ס'איז מײַן אייסעק, וואָס איך וויל, — צעשרײַט זיך גאָלדע, — כ'היים צוגיין, זאָלסטו צוגיין!

— כ'וויל ניט!!! — גיבן זיך א צינד זײַנע אויגן. — אַלע לאַכן!.. כ'וויל ניט, איר זאָלט לאַכן!..

— לויף ניט! — פאַרהאַלט זי סראָליקן. — שרײַ ניט! און קום! — גייט זי מיט אונדז אַרײַן אין לייב טראַקאָווישערס הויף.

— דאָ איז ליכטיקער... אָשער, — כאַפּט זי מיך אָן פאַר דער האַנט, — גיב נאָר א קוק, אָשער, איך לאַך?

זי בלײַבט מיטאַמאָל שטיין. אירע ברעמען זײַנען אַראָפּגעלאָזט און צונויפגעצויגן. א פּאַסמע האָר איז אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, נאָר גאָלדע פאַרשאַרט זי ניט. איר פּאָנעם ווערט אַלעמאָל העלער און טינקעלער — ס'איז די לעוואָנע קריכט אַרײַן און קריכט אַרויס פון די כמאַרעס, — אָט באַשײַנט זי, אָט פאַרטונקלט זי גאָלדעס לענגלעכן, אויסגעצערט געזיכט.

— און עפּשער, — זאָגט פּלוצעם גאָלדע, — און עפּשער איז מיר ערגער, סראָליקל...

ניט פאַרענדיקנדיק, ווי פאַרגעסנדיק אָן אונדז, לאָזט זי זיך צו דער טיר. זי גייט פּאַמעלעך. קוים־קוים הינגט זיך איר נאָך די צעטומלטע פאַלדן פון איר צעשפּיליעטן זומער־מאַנטל.

זי גייט אַרויף אויפן גאַנעקל, שליסט אויף דאָס שלעסל און גייט אַרײַן אין שטוב.

איך גיי איר ניט נאָך. סראָליק גייט איר אויך ניט נאָך. ער שטייט און קוקט מיט א פּאָר אויסגעראַטשעטע אויגן אויפן פאַריסענעם קרוק פון דער קרענעצע. דער דאַשעק איז אים פאַרוקט אָפּ א זײַט, די רויטע, לאַנג ניט־אונטערגעשוירענע האָר אַרום די אויערן און אויפן שטערן זײַנען בא אים צעשויבערט.

— וואָסי? — האַלט ער זיך אין איין בײַסן די נעגל.

— ש־ש, — לייג איך צו די האַנט צום מויל, און מיט אַלע אייווריים מײַנע הער איך זיך צו, ווי גאָלדע טופּעט עפּעס אַרום אין איר צימערל. איבערן באַנאַכטיקן הויף גיט זיך מיטאַמאָל א הוידע א

לאַנגער פּירעק ליכט פון איר אָפענער טיר. אין הויף ווערט נאָך ליכ־טיקער.

ס'איז אזוי ליכטיק היינט, אזא לעוואָנעדיקע נאכט, אז ס'זעען זיך אפילו די רייפלעך אפן ארומגעביסענעם און פארשימלטן עמער, די ריטעלעך פון דער גרויסער קײַלעכיקער געסט, וואָס אפן שטרויענעם דאך פון דער סטאניע. מע זעט אפילו, ווי די בושלען ליגן, די קעפּ באהאלטן אונטער די פליגל, און שלאָפן.

— יאטן, וואָס שטייט איר? — באווײַזט זיך גאָלדע אפן גאַ־נעקל. זי גיט א זוך, א דריי צו אונדז דעם קאָפּ. — וואָס גייט איר ניט צו, וואָס?

אז מיר גייען צו צו איר, שטייט זי שוין אן אויסגעפּוצטע. דאָס טונקל־רויטע קלייד מאכט זי איצטער העכער און פרייליכער. אירע שווארצע האָר בלישטשען אזש אנטקעגן דער לעוואָנע.

— וואָס, יאטן, — לאָזט זי זיך אראָפּ צו אונדז, — געמיינט טאקע, אז כ'האָב גערעדט ערנסט?! ניין, געלאכט... עך, יאטן, יאטן, — גיט זי דערבײַ א טרייסל מיטן קאָפּ און פארוואָרפט אפ ארופ די האָר.

זי צעלאכט זיך אפילו. זי שלעפּט אונדז ארופ אפן גאנעקל. דורך דער אָפענער טיר דערזע איך דעם אָנגעשטעלטן טיש, איר מאנטל, וואָס אפן אײַזערנעם ניט־פארבעטן בעטל, לעניגס בילד אפ דער וואנט.

— ס'איז ניט אופגעראמט, קוקט ניט, — גיט זי א שפּאר די טיר.

זי זעצט זיך די ערשטע אראָפּ אפ דער שוועל, נעמט ארום מיט די הענט די צונויפגעדריקטע קני, זאָגט, אז ס'א מעכײַעדיקער אפּ־דערנאכט, אז זי איז זייער צופרידן, וואָס זי וווינט הינטערן שטעטל. איך זעץ זיך אויך אוועק. ס'ווערט מיר פרייליכער. איך זע, ווי זי האָט א קוק געטאָן אפן דאך, און כ'קוק אויך אהינצו. איבערן שטרויענעם דאך פון דער לאנגער סטאניע האָט זיך נאָרוואָס באוויזן א קאץ. זי גייט, די קאץ, איבערן סאמע ראנד און דערנענטערט זיך צו דער בושל־נעסט. ס'געפעלט מיר זייער, ווײַל באלד וועלן די בוש־לען זיך אופכאפּן און וועלן רײַסן שטיקער פון דער קאץ. נאָר אז איך גיב נאָכאמאָל א קוק אפ גאָלדען, לאָזט זיך אויס, אז זי קוקט גאָר אפ סראָליקן. ס'פארדריסט מיך אזש. סראָליק שטייט אָנגעשפּארט אָן דער פארענטש פון גאנעקל. זײַן היטל ליגט אפ דר'ערד, און זײַנע צע־שויבערטע האָר זעען אויס ווי אָנגעצונדענע.

— סראָליק! — נעמט אים גאָלדע אָן בא דער האנט.

— הא?

— ביסט אין קאַס אַפּ מיר?

— ניין, כּאוועדטע גאָלדע, ניין! — הייבּט ער צו איר אוף די אויגן, און זיי זיינען פול מיט טרערן.

— איז זעצ זיך. דערצייל עפּעס...

— כ'האָב ניט וואָס, — זעצט ער זיך אוועק. ער רעדט שוין אָבּער פריינטלעך. און כ'ווייס עס זייער גוט: עס שטייען אים טרערן אין די אויגן, ניט ווייל ס'איז אים שלעכט, נאָר פּונקט אזוי ווי בא מיר, — אז מע פילט מיר מיט און אז מע איז גוט מיט מיר, איז פון גוטס־קייט קאָן איך זיך צעוויינען.

גאָלדע שווייגט. זי זאָגט אים שוין מער גאָרניט ניט. אין שטילן באנאכטיקן הויף הערט זיך נאָר, ווי ווען־עס־איז גיבן זיך א כאַפּ אוף די הינער אפּ די נאסידעלעס, ווי ס'מאָלעגיירען די בעהיימעס אין שטאל און ווי עס שווינדלען דורך פאַרביי אונדז, אזוי ווי שאָטנס, פלעדערמייז.

ס'דערטראָגט זיך א זינגעניש אהער. מיר הערן מיידלשע אויפ־געצויגענע געזאנגען פון די פעלדער. די געזאַנגען זיינען ווייטע, שטי־לע, צינענדיקע, נעמען ארום די נעשאָמע.

— אוי, יאטן, — ווערט עפּעס גאָלדע פארטראכטער, פרעגט אונדז מיטאמאָל, צי ס'איז אונדז גוט. איך זאָג איר, אז ס'איז גוט. און ס'איז טאקע עמעס. כ'ווייס עס נאָר ניט ווי אָנצוטופּן, נאָר ס'איז מיר עפּעס אזוי, אז כ'וואָלט, דאכט זיך, קיין פליג ניט געקאָנט איצטער אָנרירן. כ'וואָלט ניט געקאָנט איצטער צוקוקן קיין צאָרעס. און עפּ־שער דערפאר טאקע, ווייל ס'איז מיר אזוי אפּן הארצן, ווער איך מיטאמאָל אין קאַס, וואָס די קאַץ אפּן סטאניע־דאָב האָט זיך דער־נעענטערט צו דער בושל־נעסט.

— אקאַטא! — גיב איך א כאַפּ א שטיק ערד און טו א שלײַדער אין דער קאַץ. — אקאַטא! — האָב איך זיך צעשריִען.

— גוואלד, — זעצט מיך אוועק גאָלדע, — וועסט דאָך מיר אָפּ־רייסן דאָס הארץ און וועסט אופוועקן דעם טראַקאָוויטשער.

אפילע סראָליק גיט א שמוכל. און מיר ווערט ניט אָנגענעם. כ'וויל ניט, זי זאָל מיינען, אז ס'ליגן מיר בושלען אין קאָפּ.

— כ'האָב פיינט קעץ, — זאָג איך צו גאָלדען.

— ביסט נאָך א האָנעכל, אָשערל. און ס'איז דיר שוין, זאָגסטו, דרייצן?

— דרייצן.

— און דיר, סראָליק?

— דריבצן.

— טאקע א האָנעבל ביסטו, אָשער. אַט רעדסטו, ווי אַן אַדעם און אַט ווי א קינדעלע. שוין ניט קיין קינדער און נאָך ניט קיין גרויסע זײַט איר ביידע. נאָר דו, סראָליקל, ביסט שוין פונדעסטוועגן א האָן, האַ? שוין צופיל א ביסל א פּאַרביטערטער... ניט געכמורעט זיך, — מאַכט זי צו סראָליקן מיטן פינגער, — כ'האָב עס פּײַנט.

— אַז פון וואָס זיך פרייען?! — ווערט סראָליק, ווי אַלעמאָל, אָנגעצונדן. ער רעדט פונדעסטוועגן שטילער, אָפּגעהאַקטער, — און אײַך ווען מע באַליידיקט? ווען מע רופט אײַך אָן ספּעקוליאַנט? איר וואָלט זיך געפרייט, וואָס?

— איך וויל אַט וואָס זאָגן, — ענטפערט אים גאָלדע, — ס'איז נאָך זייער שווער. אַלץ איז נאָך צעבראָכן. קוים־קוים שטעלן מיר זיך אַף די פיס.

— אַז ניט קיין ברויט, גאָלדע. כ'וויל, מע זאָל מיך נאָר ניט דערנידעריקן. ניט די מאַמע, ניט דער טאַטע האָבן גאָרניט געטאָן אַזוינס, מע זאָל מיך דאַרפן באַליידיקן.

— ניט דאָס, — ווערט זי דאַפקע ניט אין קאַס, — קיינער האָט גאָרניט צו דײַן טאַטן. דער אומגליק איז אַן אַנדערער, — צופיל נאָך פּאַראַן בא אונדז הענדלערלעך, וואָס קאָנען ניט אַרבעטן און קאָנען זיך ניט אָפּגעוווינען... און אַפילע דו, סראָליק, דו שעמסט זיך דאָך אויך מיטן טאַטן, האַ?

— יאָ.

— זעסטו. ניט ווײַל דו האָסט אים פּײַנט, נאָר ווײַל דו ווילסט ניט זײַן געראָטן אין אים. ווײַל אַלע ווילן מיר ווערן שענער און בעסער פון אונדזערע טאַטעס.

— מע לאָזט דאָך אָבער ניט...

— ניט ווײַל מע לאָזט ניט. מיר זײַנען אָרעם נאָך. און נעפּמאַ־נעס לעבן אויף. און עפּעס איצטער די טירן — וואָלטן זייערע קינ־דער און זיי, די נעפּמאַנעס אַליין, אַלץ פאַרכאַפּט. וואָלטן אומעטום געווען. און איר ווייסט?... — הייבט זי זיך אָן עפּעס אַרומקוקן. איר פּאָנעם ווערט פאַרויטלט. מיר האָבן אַפילע ניט באַמערקט, ווי די לעוואָנע איז געוואָרן רויטער און גרעסער און זיך אָנגעהויבן אַראָפּ־לאָזן פון יענער זײַט סטאַניע.

אַפילע די בושלעך זײַנען שוין אופגעשטאַנען. איינער פון זיי האָט זיך אופגעשטעלט אַף זײַנע לאַנגע דאַרע פיס, א פּאָכע געטאָן מיט די גרויסע פליגל און אויסגעצויגן דעם שיינעם האַלדז.

— ס'איז געווענ פאַרדרײַיאָרנ, — זאָגט צו אונדז גאָלדע, — איר זײַט דעמלט אַלט געווענ א יאָר צענ—עלפ. און איכ — א יאָר צוואַנציק. און לעניג האָט דעמלט געזאָגט, אַז אינ א יאָר צענ—צוואַנ־ציק אַרומ וועלנ מיר דערלעבנ סאָציאַליזמ. ס'הייסט, אַז ערגעץ צווישנ 1930—1940 וועט זיכ עס אָנהייבנ... נאָר דערווײַל... — און ווי אָפט די לעצטע צײַט, ווערט גאָלדע אָנגעכמורעט, הייבט אָנ ריידנ אָפּגעריסנ, רעדט ווי צו זיכ אַליינ, זאָגט א וואָרט, און לאַנג־לאַנג גע־דויערט, ביז זי זאָגט דאָס צווייטע, — און דערווײַל... דאַרפ מענ זיכ שלאָגנ דערפאַר. און שווערקײַטנ וועלנ זײַנ. און אומגליקנ. און כ'וואָלט זייער געוואָלט, איר זאָלט עס פאַרגעדענקענ. ס'איז עפּשער דאָס סאַמע שווערסטע און וויכטיקסטע. כ'וואָלט זייער געוואָלט, אַז אויב ס'וועט אײַכ אָנ אומגליק ווענ־עס־איז פאַרביטערנ דאָס לעבנ, זאָל עס ניט פאַרשטעלנ פונ אײַכ די וועלט, ניט וואַרפנ קיינ שאָטנ אָפּ דער גרויסער אַרבעט, וואָס מיר דאַרפנ אָפּטאָנ...

— איר ווייסט? — רוקט זי זיכ א ביסל אָפּ פונ אונדז, — איכ זאָג עס דערפאַר, ווײַל שטענדיק קאָנ זיכ עפּעס טרעפנ... מע פאַר־גלייבט זיכ אַמאָל... מע באַטראַכט זיכ ניט... אויסוואַרפנ פירנ אונ־טער... מע גיט זיכ אָפּ פונעמ גאַנצנ האַרצנ... און ס'לאָזט זיכ אויס,— מע פאַרכראַקעט און מע פאַרטאָפּטשעט אינ דיר אַלצ...

איר קאָל ווערט שוואַכער, זי ווערט שטיל, ווערט, דאַכט זיכ, בלייכ, בעט בא מיר א ביסל וואַסער.

כ'לאָז זיכ לויפנ צו דער קרענעצע. סראָליק לויפט מיר אויב נאָכ. נאָר אַז איכ גיב שוינ א סקריפּע מיטנ קרוג, הייב אָנ אַראָפּלאָזנ דעמ עמער, דערזע איכ, ווי גאָלדע האָט זיכ אופגעשטעלט, האַלט זיכ אָנ אינ דער פאַרענטש.

— ניינ!.. מע דאַרפ ניט. גייט אַהיימ! — גיט זי צו אונדז א מאַכ מיט דער האַנט, הייבט זיכ אופ אָפּ די טרעפּלעכ און גייט אַרײַנ צו זיכ אינ שטוב.

אינ א געוויטער

איז מיר טרויעריק, צי פריילעכ — דערקענט מענ גלײַכ. נאָר סראָליק איז אָנ אַנדער יאַט. צי ער מאַכט זיכ, צי ער איז אַזאַ באַ־האַלטענער, — קיינער קאָנ אַפילע ניט דערקענענ אָפּ אימ, אַז ער איז פריילעכער געוואָרנ, וואָס מע האָט איציקנ אויסגעשלאָסנ פונ קאָמיוג.

ער איז נאָר געוואָרן, סראָליק, צוגעלאָזענער, פריינטלעכער.

דריי אפדערנאכטן נאָכאנאנד זיינען געווען פאַרזאַמלונגען אין קעמערל. אָנגעפירט האָט מיט די פאַרזאַמלונגען גאָלדע. איציק איז שווארץ געוואָרן אזוי ווי די ערד. דעם ערשטן אפדערנאכט האָט ער זיך אפילע געקלאַפּט מיט די קולעקעס אין הארצן און געשריגן, אז ער וועט ניט שווייגן. אָבער אף דער דריטער פאַרזאַמלונג איז געקומען אישטשענקאָ. ער, אישטשענקאָ, האָט גערעדט דאפקע שטיל. ער האָט אפילע ניט געקוקט אף איציקן. ער האָט גאָר גערעדט וועגן גאָלדען. לעמיי זי האָט דערלאָזן דערצו. און פאַרוואָס מ'האָט פאַר־שוויגן איציקס באציִונג צו די לערער און צו די שילער.

אף דער זעלבער פאַרזאַמלונג האָט מען אויסגעקליבן זיאמען פאַר פאַרטרעטער פון סעקרעטאר פון קאָמיוג־קעמערל, ווייל זיאמע איז אַן ארבעטער און איז עלטער פון מיר אף אָנדערהאלבן יאָר.

כ'וועל עס קיינעם ניט זאָגן, נאָר פון זינט מ'האָט אים אויס־געקליבן, פיל איך זיך דערשלאָגן און אראָפּגעפאלן, ווייל זיאמע איז שוין אי אַן ארבעטער, אי פאַרטרעטער פון סעקרעטאר.

אויסגעקליבן האָט מען אים אייערנעכטן. און היינט וועט ווידער זיין א פאַרזאַמלונג. היינט וועל איך ניט קאָנען גיין. שוין עטלעכע טעג, אז דער זיידע איז זייער קראַנק, און היינטיקע נאכט האָט מען אים קוים אָפּגעראַטעוועט.

דער זיידע האָט מיך היינט גערופן, כ'זאָל זיך מיט אים געזעג־נענען. בין איך פאַרן אוועקגיין אין שול צו אים אריינגעגאַנגען.

אז איך בין אריינגעגאַנגען, איז ער געזעסן אָנגעשפּארט אין דעם הויכן אונטערגעבעטן קישן.

— דאכט זיך, אָשערל? — שלעפּט ער ארויס די הענט פון אונ־טער דער רויטער קאָלדרע. צוויי ביינערדיקע שוואַרץ־געוואָרענע הענט מיט בלויע אָנגעדראָלענע אָדערן. ער גייט זיך מיט זיי דורך אף רעכטס און אף לינקס איבער די וואָנצעס, ווישט אָפּ די ווייסע שיטער־געוואָרענע באָרד.

— נעם עס צו, — רוקט ער אָפּ דאָס לעפעלע, מיט וועלכן די מאמע האָדעוועט אים.

— טאטע... — בעט זיך בא אים די מאמע.

— עס! — צעשריי איך זיך אפן זיידן. נאָר דער זיידע הערט מיך ניט. ער קוקט צו דער נידעריקער ברעטענער סטעליע.

פּאַסנ זונ־ליכט רײַסנ זיכ דורכ דורכנ פאַרהאַנגענעם פענצטער. דער זיידע פרווּט פאַרזשמורענ די אויגנ, נאָר ער קאָנ, ווײַזט אויס, ניט. די אונטערשטע ווײַעס האָבנ זיכ בא אימ אַראָפּגעלאָזט. די אויגנ זײַנענ געוואָרנ גרויס אונ שרעקלעכ. ס'זעט זיכ אַזש די רויטקײַט אונטער די ווײַסלענ.

די אונטערשטע ליפּ הענגט אויכ אַראָפּ. אונ צווישנ די געלב־לעכע אויסגעריבענע ציינ שטעקט א בלוילעכ שטיקעלע צונג.

— אוי, לייע, לייע, — אונ די קאָרע־הויט אפנ זיידנס פּאָנעמ ווערט נאָכ אײַנגעשרומפּענער, — עפּעס געזאַלצנס... אוי, ווענ דו גיסט א שטיקעלע טאַראַנקע, ווי דײַנ מאַמע אָלע־האַשאָלעמ, מיט א סאַכ פעפער אונ אײַנגעברוינטע קאַרטאָפליעס... צי הערינג מיט ציבעלעס... אוי, לייע, האָסטו געהאַט א מאַמע. אוי, א קאָשערע נעשאָמע. — אונ דער זיידע הייבט מיטאַמאָל אָנ וויינענ, וואָס פרוּער מיט א יאָר דרײַסיק איז געשטאָרבנ די באָבע. — אוי, א צאַדייקעס. — אונ גרויסע טרערנ, ווי פּאַסאָליעס, רינענ אונ קײַקלענ זיכ אימ אינ מויל אַרײַנ.

אונ ווײַל ער וויינט, קאָנ איכ לאַנג ניט זיצנ אונ לאָז זיכ שוינ בעסער אינ שול אַרײַנ.

נאָר אַז איכ קומ צו צו דער שול, לערנט מענ זיכ שוינ, אונ ס'ווערט מיר דערפונ פּאַסקודנע. ס'איז פאַר די קאַניקולנ, אונ ס'איז ניט שײַנ צו פאַרשפּעטיקנ.

גוט כאָטש, וואָס איכ האָב א טערעצ. איכ לייג זיכ אַוועק צווישנ די ביימער, וואָס בא דער שול. נאָר פונדעסטוועגנ, דאָס, וואָס אַלע לערנענ זיכ אונ איכ ליג אייַנער אַליינ אינעמ גראָז, — באַליידיקט מיכ. אונ שטענדיק אַזוי. איכ דערפיל זיכ איינזאַמ, ווענ כ'בינ אינ עפּעס שולדיק אונ דאַרפ זיכ פאַר עמעצנ פאַרענטפערנ.

אַז ס'לויפנ אַרויס די קינדער בייסנ איבערײַס, גיי איכ אַרײַנ אינ קלאַס. אינ קלאַס איז דאָ נאָר ראָכל. אַנ אָנגעברויגעזטער זעצ איכ זיכ אַוועק אפ מײַנ פּאַרטע אונ הייב אָנ קוקנ אינ אַנ אַריפמעטיקע.

— אָשער!

— וואָס?

— דער לערער מוני האָט דיכ אַרויסגערופנ.

כ'ענטפער ניט. כ'לייג אַוועק דעמ קאָפּ אפ דער פּאַרטע אונ דעק זיכ צו דאָס פּאָנעמ מיט די הענט.

— שלאָפסט גאָר, אָשער? — צעלאַכט זי זיך מיט איר פריי־לעך קלינגענדיק געלעכטערל.

איך האָב שטענדיק ליב, אַז זי לאַכט, נאָר איצטער קאָן איך דאָס ניט איבערטראָגן.

— לאַכסט? — ווער איך אין קאַס. — מײַן זיידע שטאַרבט, לאַכסטו?!

ראָכל ווערט אַנגעכמורעט. זי רוקט זיך אָפּ. איר קורץ נעזעלע ציט נאָך העכער אַרויף די אייבערשטע ליפּ. זי הייבט אָן דרייען דעם פאַרטעך, קוקט אָפּ מיר אַ דערשראָקענע.

זי זעצט זיך אַוועק. נאָר באַלד שטייט זי אויף, הייבט זיך אָן גראָבן אין איר רענצעלע מיט העפטן און ביכלעך.

— אָשער.

—וואָס?

— ווילסט ברויט מיט פּוטער? — טראָגט זי מיר אונטער אַ שטיקל ברויט. זי רעדט שטיל, וויל מיך איבערבעטן.

— ניין! גיי אַוועק! לאָז מיך אַליין, — פאַרגראָב איך טיפער דעם קאָפּ אין די הענט.

ראָכל גייט טאַקע אַרויס, זי גייט אַרויס אויף די שפּיץ פינגער. איך דערהער, ווי הינטער דער טיר הערט מען אויף שפּרינגען און לאַכן.

כ'הער אַפילו, ווי מע שושקעט זיך, און כ'ווייס, אַז דאָס שוש־קעט מען זיך וועגן מיר.

יעדערער, וואָס גייט נאָכדעם אַרײַן אין קלאַס, גייט אַרײַן שטיל, רעדט ניט הויך, קאָסעט זיך אָפּ מיר און וויל מיר טאָן עפּעס גוטס.

און ס'איז מיר זייער ליב. ס'ווערט מיר אַפילו טרויעריק פון מײַן אויסטראַכטעניש. איך הייב אַליין אָן ראַכמאָנעס האָבן אויף זיך. ס'טוט מיר נאָר באַנק אין דער דאָזיקער רעגע, וואָס ס'איז ניט עמעס: דער זיידע שטאַרבט ניט און וויל גאָר אַ געפּעפּערט טאַראַנ־קעלע.

אַפילו אונדזער אַלטיטשקער לערער מוני, וואָס דערקענט שטענ־דיק אין מײַנע אויגן, ווען איך קען ניט קיין אַלגעברע, האָט זיך הײַנט אָנגעזעצט אויף בולען, און מיך טשעפּעט ער ניט.

ס'איז אָבער גלאַט קיין קויעך ניטאָ זיך בלאָזן אַ גאַנצן טאָג. כ'קאָן קיינמאָל ניט זײַן אַזוי לאַנג טרויעריק. און ס'איז מיר שוין גאָר פריילעך. נאָר כ'מוז אויסהאַלטן. ס'טוט מיר שוין אַפילו באַנק,

און דערצו דערזע איך נאָך, ווי ס'גייט גאָלדע. זי קומט, ווייזט אויס, נאַרוואָס פון שטעטל. אז זי עפנט די טיר, שפאַר איך גלייך אָן דעם קאָפּ אָפּ די הענט, לייג אוועק די עלנבויגנס אָפּ דער פּאַרטע און הייב אָן קוקן אָפּן דיל.

— כאוואַרטע גאָלדע, — הער איך, ווי ראָכל רופט זי שטיל־שטיל אָפּ. — אָשער איז טרויעריק — זיין זיידע שטאַ־ארבט...

— ש־ש... — זע איך דורך מיינע הענט, ווי גאָלדע לייגט צו א פינגער צום מויל, גיט א פאַרמאַך אַן אויג, אַז ראָכל זאָל שווייגן.

— אָשער, — גיט זי מיך א רוף פריילעך, — וואָס זיצסטו אזוי? קום נאָר. — זי פירט מיך ארויס אין הויף, — קום, וועסטו מיט מיר עפּעס אָפּעסן...

ס'ערשטע מאָל רופט מיך גאָלדע צו זיך עסן.

— פע, אָשער, — לייגט זי מיר ארויף די האַנט אָפּן אַקסל, — דער זיידע איז שוין געזונט.

— גאָלדע, — וויל איך איר זאָגן, — כ'וויס, גאָלדע... — נאָר כ'זאָג עס איר ניט. פאַרקערט, כ'האַלט זיך אין איין קרימען און זיין טרויעריק.

— אוי, אָשער, — וויל זי מיך, ווייזט אויס, מאַכן פריילעך, — אוי, אָשער, האָב איך פאַר דיר א נייעס!

איך האַלט ניט אויס און ווער שוין טאַקע פריילעך און וויל וויסן, וואָס פאַר א נייעס.

— ניין, דאָס וועט דיר זאָגן אישטשענקאָ. — גאָלדע דערט ערנסט.

— אישטשענקאָ? — פאַרוואונדער איך זיך, ווייל אישטשענקאָ איז דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם און כ'האָב נאָך קיינמאָל מיט אים ניט גערעדט.

— יאָ, אישטשענקאָ. ער איז געוועזן אין כאַרקאָוו אָפּ דער קאָנ־פערענץ און געבראַכט דיר א גרוס.

— מיר?

— דיר.

— און געהייסן מיר קומען?!

— טאַקע הייַנט.

נאָך די לימודים אָבער, אז כ'וויל זיך לאָזן לויפן צו אישטשענ־קאָן, פאַרהאַלט מיך גאָלדע. זי זאָגט מיר, אז דער פּאַרטקאָם איז שוין פאַרמאַכט. זי הייסט מיך איבערבלייבן.

— וואָס וועסטו טאָן אין דער היים? דער זיידע איז קראַנק, — רעדט זי צו מיר, — און וואָס דאַרפסטו דאָרטן זיצן?

— ניט קראַנק, — זאָג איך איר שוין דעם גאַנצן עמעס, — ער וויל גאָר אַ שטיקל טאַראַנקע און ווײַנט, וואָס די באָבע איז געשטאָרבן.

— וואָס? — גיט זי פריִער אַ קוק אויף מײַנע צוויי פאַרשטויבטע שיך, נאָכדעם אויף די הויזן, אויפן העמדל. און אָט קוקט זי מיר שוין אין די אויגן. — וואָס בעבעסטו, אַשער?

ס׳איז דאָך גאָלדע, קאָן איך זיך אויף איר ניט צעשרײַען. נאָר כ׳קאָן שוין ניט איבערטראָגן, וואָס אַלע קוקן אויף מיר און וואָס אַלע זײַנען געוואָרן אַזוי גוט.

אַפילו ראָכעלע איז צו מיר צוגעגאַנגען.

— קומען צו דיר, האַ, אַשער?

— קום! — האָב איך איר געענטפערט.

נאָר סראָליקן האָב איך פּשוט דורכגעטריבן, ווײַל כ׳האָב פײַנט, אַז מע טרייסט מיך און מע מאַכט מיך פאַר אַ יינגעלע.

גאָלדען אָבער קאָן איך ניט ריידן אַנטקעגן. און זי האָט מיך טאַקע פאַרהאַלטן.

זי האָט מיר געהייסן העלפן איר צונויפלייגן ביכער אין לערערצימער. און אַז מיר האָבן שוין די ביכער צונויפגעלייגט, איז זי אַרויסגעגאַנגען מיט מיר רײַסן קווייטן.

זי האָט מיטאַמאָל ליב באַקומען נאַסטורציעס און בעז און גלאַט גראָז...

אַהיים בין איך דעריבער געגאַנגען, ווען ס׳איז שוין געוואָרן פֿינצטערלעך. כ׳בין פּשוט אַנטלאָפן.

כ׳בין נאָך קיינמאָל ניט געלאָפן אַהיים מיט אַזאַ פרייד ווי הײַנט. כ׳האָב אָנגעשטשעפּעט אינעם פּאַטקעלע פון מײַן היטל עטלעכע צווײַגלעך בעז, אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן קווייטן.

ס׳האָבן מיך אַפילו ניט געאַרט איצטער די כמאַרעס. ס׳איז קיין סימען פון קיין שטערן ניט געווען. די אינדערפריִקע ווײַכע קוטשעראַווע כמאַרעלעך האָבן זיך איצטער צונויפגעגאָסן, געוואָרן טונקל־גרויליך און פאַרפינצטערט, האָבן אָנגעפילט די לופט מיט עפּעס אַ שווערער שטילקײַט.

אַ פּאָר פאַרשפּעטיקטע בעהיימעס האָבן זיך פאַמעלעך געשלעפּט מיטן זאַמדיקן וועג, געהויבן אַ שטויב, געמרוקעט, אויסציִענדיק די העלדזער און פאַרבײַסנדיק די מאָרדעס. מיר איז געווען

פרייל‏עכ. כ׳האָב אלעמאָל אָנגעקוועטשט מיט די פינגער אַפ די אויגנ אונ געקוקט, ווי די ערשטע פֿײַערלעכ איג די פֿענצטער ברעק־לענ זיכ, מיט א סאַכ, א סאַכ רויטע שטראַלנ צעגייענ זיי זיכ פונ די שײַבלעכ. אונ אז ס׳האָבּ מיר שוינ גוט אָנגעהויבנ וויי טאָנ די אויגנ, האָב איכ גענומענ פּײַפֿנ. כ׳קענ זייער גוט אויספּײַפֿנ לידלעכ.

נאָר עפּעס אזוי ווי מע וואָלט זיכ הײַנט צונויפגערעדט. כ׳בינ נאָר אַרײַנ אינ שטעטל מיטנ בוקעט אונ מיטנ בעז אַפנ היטל, ווי כ׳פּיל, אז מע האלט אינ איינ קוקנ אַפ מיר. מײַנ לאַנגער פֿעטער מענאַשע מיט די דריטהאלבנ האָר אַפ זײַנ בערדל איז פּלוצעם פונ ערגעצ אָנגעלאָפֿנ, געבליבנ פֿריער שטיינ, אויסגעראטשעט אַפ מיר די אויגנ:

— הולטײַ! א וויסטער כאָלעמ אַפ דיר! — אונ אויסגעשפּיגנ, אוועקגעלאָפֿנ אינ מארק אַרײַנ. איכ מיינ, אז ס׳איז דערפֿאַר, ווײַל כ׳טראָג בעז אינ היטל אונ פּײַפּ, — שפּאַר איכ אָנ נאָכ מערער קוויטשנ אינ היטל אונ פּײַפּ נאָכ העכער. נאָר וואָס העכער איכ פּײַפּ, אַלצ מערער קוקט מענ אַפ מיר.

שוינ ניט ווײַט פונ אונדזער שטוב באַגעגנט מיכ די אַלטע כײַע־סאָרע. זי איז רויט אונ פֿארשוויצט. ס׳א מעסוקענע היצ, אונ זי לויפֿט אינ איר וואַרעמער קעסטלדיקער שאַל.

— ווײ איז מיר, — גיט זי א פּאַטש מיט די הענט, — אזא קאָשערער ייִד... ער עקט זיכ, — שרײַט זי צו מיר, — דער זיידע...

איכ גיב גלײַכ א וואָרפ דעמ בעז. אונ ניט נאָר, ווײַל כײַע־סאָרע האָט מיכ אָנגעהויבנ באַוויינענ, נאָר ווײַל כ׳דערזע א סאַכ מענטשנ ארומ אונדזער שטוב. אונ לויפּ איכ צו, — מאַכנ מיר אַלע א וועג, מע עפֿנט מיר אפֿילע די טיר.

די שטוב איז ניט צו דערקענענ. ס׳איז האלב־פֿינצטערלעכ. מ׳האָט, ווײַזט אויס, צעבראָכנ דאָס גלעזל, אונ דאָס לעמפּל אַפנ טיש טשאַדעט, הוידעט דאָס געלבלעכע פּלעמל. די מאמע קוקט זיכ ניט אומ אַפ מיר. זי ליגט, דאָס פּאָנעמ פֿארגראָבנ אינ קישנ. ארומ איר זיצנ ייִדענעס... די מאמע גיט נאָר אלעמאָל א הייב אונטער דעמ קאָפּ אונ וויל, אז די ווײַבער זאָלנ איר זאָגנ:

— פֿארוואָס קומט עס איר? פֿארוואָס האָט זיכ אָנגעזעצט אַפ איר שטוב דער מאַלעכ־האַמאָוועס?

א שכיינע פֿרעגט מיכ, צי וויל איכ עסנ, נאָר כ׳לויפּ אוועק פונ איר. איבערנ טשאַדענדיקנ לעמפּל, איבער דער שושקעניש אונ אוי־

בער דער מאמעס געוויינ וועל איכ זיכ באלד אוועקוואלגערנ אפנ בעטל אונ זיכ צערעוועג.

כ'לויפ דערפאר ארויס אינ שטאל. כ'דערהער דאָרט דעמ טאטנס קאָל. אינ שטאל איז פינצטער. דורכ דער אָפּענער טיר פונעמ זיידנס ביידערל פאלט א געלע שײַנ אפ דער אָנגעוואָרפּענער שטרוי, אפ די דראבינעס אונ אפנ זשאָלאָב.

טרעטנדיק אפ די שפּיצ פינגער, גיי איכ צו צו דער טיר. בא דער שוועל זיצט יוינע דער שאמעס פונעמ באלמעלאָכישנ שולעכל. סע ווארט שוינ בענציע דער באגרעבער. ער שטייט אפ זײַנע לאנגע אויסגעבויגענע פיס אונ ציפּעט זיכ פאמעלעכ דאָס בערדל, וואָס איז קורצ אונ אויסגעריבנ, ווי מע זאָל מיט דעמ געוועג קערנ דעמ שאָסיי.

— אײַ־אײַ־אײַ, שוינ פונ אינדערפרי אָנ, אז ער גויסעסט, — פירט ער מיכ צו צומ זיידנ.

פונ שרעק אונ אומגעריכטקײַט כאפּ איכ זיכ אזש אָנ אינעמ ווענטל פונ בעטל. ס'איז עפּעס אזוי ווי גאָר ניט דער זיידע.

זײַנע אויגנ, אָנ שווארצאפּלענ, זײַנענ פאריסנ צומ באלקנ, אונ סע זעענ זיכ נאָר די ארויסגעקוועטשטע ווײַסלענ.

א פארציטערטער, קוק איכ, ווי ער הייבט זיכ אונטער דער קאָלדרע, ווי ס'בלאָזט זיכ אָנ זײַנ בלוי געוואָרנ פּאָנעמ. אונ אז דאָס פּאָנעמ ווערט צוריק אײַנגעפאלנ אונ אײַנגעצויגנ, זע איכ, ווי סע ווערט לענגער אונ שפּיציקער זײַנ נאָז. בא יעדער מאָל גיט ער זיכ נאָכ א וואָרפ. דערנאָכ ווערט ער פארגליווערט. עטלעכע רעגעס ליגנ שטיל איבער דער רויטער קאָלדרע די גוט־באקאנטע אָנגעדראָלענע, אָדערדיקע הענט. נאָר ווידער הייבט ער זיכ אָנ ווארפנ. איכ הער, ווי דער טאטע סקריפּעט מיט די שטיוול, לויפט ארומ פונ ווינקל צו ווינקל. איכ הער, ווי דער כאָדיק קלאפּט, דעמ זיידנס כאָדיק מיט דער אונטערגעהאנגענער פידקאָווע אונ מיטנ מעשענעמ שטייסל.

אלעמאָל פארבײַסט עמעצער פונ דרויסנ דעמ לײַלעכ איבערנ פענצטער. מע איז זיכ צונויפגעלאָפנ אונ מע וויל ארײַנקוקנ. כ'דערזע טשעטשעוויטשקעס אײַנגעשרומפּנ פּענעמל.

כ'דערזע ראָכלס דערשראָקנ פּאָנעמ. נאָר בענציע דער באגרעבער טרײַבט זי דורכ. ער פארהאקט מיט אזא קאס דאָס פענצטער, אז ס'הייבט זיכ אָנ וויגנ דאָס פלעמל פונעמ הענגענדיקנ לעמפּל,

און גרויסע אויסגעצויגענע שאָטנס צעהוידען זיך, דעקן צו און דעקן אָפּ דעם זיידן.

כ'הער, ווי יוינע שרײַט, אַז מע דאַרף אים פאַרגרינגערן די יעצ׳יעס-נעשאָמע. עפּעס שושקען זיך לעבן מיר ייִדן.

כ'ווייס, אַז כ'מוז זיך צעוויינען. כ'קוק דעם זיידן אין פּאָנעם און זע, אַז ער שטאַרבט. נאָר כ'קאָן זיך ניט צעוויינען. כ'קאָן אַפּילע ניט ווערן טרויעריק. כ'וויל נאָר קוקן און זען...

כ'רוק אַרײַן די הענט אין די קעשענעס און הייב אָן זיך קנײַפּן. כ'בײַס זיך די ליפּן, כ'וויל זיך דערמאָנען עפּעס טרויעריקע זאַכן, כ'זאָל זיך קאָנען צעוויינען. נאָר כ'קאָן זיך גאָרניט דערמאָנען. און ס'איז מיר אַ ביזאָיעס. כ'רוק זיך אַרונטער אונטערן זיידנס פּאָלטאָ, וואָס הענגט לעבן בעט, כ'באַהאַלט דאָס פּאָנעם אין די הענט און קוק אַרויס דורך די פינגער: כ'קאָן ניט אָפּרײַסן די אויגן פונעם זיידן. כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, ווי ס'קומט דער טויט. און כ'וויל זען, ווי ער קומט, ווי מע גייט אויס...

נאָר יוינע דער שאַמעס לאָזט מיך ניט קוקן. אַ דאַרינקער, אַ קלייִנינקער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצע סורדוטל, לויפט ער צו מיר צו, מאַכט צו מיר מיטן פינגער, רוימט מיר אַרײַן אין אויער, כ'זאָל אים ברענגען אַ האַק.

— רעב עליע, — שרײַט ער שוין צום טאַטן, — אַ האַק גיט... די סטעליע... מע דאַרף העלפן דעם גויסעס...

אַז ס'איז שווער דאָס גויסעסן, רײַסט מען די סטעליע, ס'זאָל גיכער קומען דער מאַלעך-האַמאָוועס נאָך דער נעשאָמע.

דער טאַטע גלאָצט די אויגן אָף יוינען און ווייסט ניט, וואָס מע וויל פון אים. בענציע דער באַגרעבער האָט שוין ערגעץ געפונען אַ האַק און רופט נאָך זיך דעם שאַמעס.

אַן אַרײַנגעקומענער שאָכן כאַפּט דאָס הענגענדיקע לעמפּל, שטעלט זיך אַוועק מיט דעם בא דער טיר און שײַנט זיי צו.

כ'הער, ווי ס'טופּען דער שאַמעס און דער באַגרעבער אָפן בוידעם. כ'הער זייערע שטיוול-טריט איבערן באַלקן.

כ'זעץ זיך אַזש צו פון שרעק.

אינגיכן דערהערט זיך אַ פאַרדומפּענער קלאַפּ איבער דער סטעליע, ס'גיט אַ קריץ און אַ בראָך זיך אַ שטיקל ברעט איבערן זיידנס קאָפּ.

כ'דערזע אַ פינצטער שטיקל בוידעם,

זאמד, שטיקלעך אָפּגעפאלענער טײַך הייבן אָן פאלן אפן זיידנס בעט, אפ זײַנע אויגן, אין אָפענעם מויל.

— הערט אופ!!! — צעשרײַ איך זיך, מיט וויפל איך האָב נאָר קויכעס.

דער טאטע, ווי ער זאָל מיך ערשט איצטער דערזען, הייבט אָן שרײַען, כ׳זאָל אוועקגיין.

ער האָט שוין אפ מיר לאנגע יאָרן ניט געשריִען. ער כאפט מיך אפילע אָן און שטויסט מיך ארויס אין שטאל.

נאָר כ׳ווער ניט אין כאס אפ אים. איך ווער זיך ניט. ס׳איז מיר נאָר עפּעס מאָדנע און שרעקלעך. מיט א קלאפּנדיק הארץ, אויסציִענדיק די הענט אין דער פינצטער, זוך איך אָפּ די פּאָרטקע פונעם שטאל־מויער און גיי ארויס אין דרויסן.

— אָשער, — דערהער איך, ווי מע גיט מיך א רופ, און דערפיל פּלוצעם עמעצנס האנט אפ מײַן אקסל. כ׳שפּרינג שיר ניט אָפּ פון אומגעריכטקייט.

— ס׳איז איך, אָשער, — דערזע איך פאר זיך ראָכלען.

פונעם שאָכנס אנטקעגנדיקן פענצטער פאלט אפ איר א רויטלעכע שײַן. זי שטייט א דינינקע. אפ דעם עטוואָס אָנגעבויגענעם קאָפּ פלאטערט, ווי א באבעלע, דאָס רויטע סטענגעלע. זי קוקט אפ דר׳ערד. זי האלט אין איינע קנייטשן איר ווײַס קלייד.

— איך ווארט אפ דיר. גאָלדע האָט מיך געשיקט... געזאָגט, זאָלסט גיין צו איר... ניט נעבעטיקן הײַנט אין דר׳היים...

זי הייבט זיך אָן ארומקוקן, גיט א קוק אפן שאָכנס פענצטער, אפ ביידע זײַטן פונעם געסעלע.

זי גייט צו מיר צו נעענטער.

— וויינסטו? — דערהער איך איר ציִענדיק, בעטנדיק קאָל. — וויין ניט, אָשערקע!

און כאָטש איך וויין ניט און וויל אפילע ניט וויינען, נאָר ווײַל ראָכל זאָגט עס מיר, ווערט מיר טאקע טרויעריק אפ אן עמעס. איך רייד זיך אײַן, אז ס׳איז דערפאר, וואָס דער זיידע שטארבט. נאָר ס׳איז ניט צוליבן זיידן. כ׳ווייס אליין ניט פון וואָס, נאָר צום האלדז קײַקלט זיך מיר עפּעס צו. כ׳קאָן אזש ניט עפענען דאָס מויל, כ׳קאָן איר גאָר ניט ענטפערן. ניט זאָגנדיק איר קיין וואָרט, ניט רופנדיק זי, לאָז איך זיך גיין. איך גיי ארויס אפן מארק־פּלאץ. ס׳איז שוין שפּעט. ארומגענומענע מיט א קײַלעך פון שײַן, לײַכט דער טשאדענדיקער הילצערנער מארק־לאמטערן. פון צײַט צו צײַט טרעט

נאָר עמעצער איבער די ציטערדיקע ראָד פון ליכט ארום דעם לאמ־טערן־סלופּ. שפּאַצירנדיקע זעט מען שוין ווייניק. נאָר אונטערן זיידנס פענצטער און ארום אונדזער טיר שטייען רעדלעכווייז אָדער זיצן אפ די פריזבעס די שכנים, וואָס זיינען געקומען טרייסטן מיין טאטן און מאמען.

כ'זע, ווי זיי קוקן זיך אום אפ מיר און אפ ראָכלען. אונדזער שכנינע כּיה־סאָרע איז אפילע צוגעגאנגען און אונדז א קוק געטאָן אין פּאָנעם.

איצטער ארט מיך ניט, וואָס כּיה־סאָרע זעט מיך מיט ראָכלען, וואָס ס'קוקן אפ אונדז די שכנים. אן אנדערש מאָל וואָלט איך זיך פארשעמט. כ'ווער רויט, אז מע דערזעט מיך מיט איר. כ'האָב אפילע מוירע צו בלייבן מיט איר אינצווייען, כ'האָב מיט איר ניט וואָס צו ריידן, כ'פיל זיך שלעכט און כ'ווער זייער נאריש. נאָר איצטער...

ס'איז מיר אפילע אָלצייינס, צי ראָכל וועט יאָ גיין, צי ניט גיין מיט מיר. איך גיי גלאט אזוי. נאָר ניט מיטן וועג, וואָס צו דער שול און צו גאָלדען, — כ'לאָז זיך מיטן שאָסיי, וואָס פירט צום וואָקזאל און צום הילצערנעם בריק, וואָס איבער אונדזער טייכל.

דעם שאָסיי זעט מען ניט ארויס. ס'איז היינט זייער א פינצטע־רער אפדערנאכט. דער הימל איז פול מיט וואָלקנס, און ס'זיינען קיין שטערן ניטאָ. ס'איז דושנע, און ווייטע אופלויכטן, ווי אלעמאָל אין הייסע אפדערנאכטן, גיבן פון צייט צו צייט א העל אויף, אפ א רעגע ווערן באלויכטן דער שאָסיי, דער ווייסער קלויסטער, די פארוואקסענע גריבער פון ביידע זייטן און די פארגליווערטע יאסע־ניעס און אקאציעס, צווישן וועלכע ס'ציט זיך דער וועג.

— אָשער, — גיט מיך ראָכל שטיל־שטיל א רוף.

איך וויל זיך ניט אָפּרופן. כ'דריי צו איר ניט אוים דעם קאָפּ. כ'הער נאָר אירע טריט הינטער זיך, עס שורעוועט איר דין ווייס קלייד.

זי רעדט צו מיר, זי טרייסט מיך, און ס'איז מיר ליב, וואָס זי רעדט. עפּעס א זיסע ציטערניש גייט אזש דורך דורך מיר, ווען זי גיט צו מיר א טוליע איר האנט, גיט זיך א ריר מיט איר אקסל און פרעגט, צי ס'איז מיר שוין ניט טרויעריק.

— יאָ, שוין ניט טרויעריק? — הער איך זיך איין אין איר דיי־נעם זינגענדיק־בעטנדיקן קאָל.

— טרויעריק! — וויל איך איר ניט צוליב טאָן, איך וויל איר דאפקע אָנטאָן צאָרעס, זאָל איר באנק טאָן און זאָל זי מיר מיטפילן.

כ'הייב דערפאר אָנ גיינ גיכער, ווי ס'וואָלט מיר קלוימערשט ניט אָנגענעמ געווענ, וואָס זי גייט מיט מיר.

ס'הייבנ זיכ שוינ אָנ ענדיקנ די יידישע הײזער. אינ די העלע אופלויכטנ שווימענ אַלעמאָל ארוים פונ דער פינצטערניש די ווײַסע ווענט אונ די שטרויענע דעכער פונ די פויערשע כאטעס.

ראָכל האָט, ווײַזט אויס, מוירע. וואָס ווײַטער מיר גייענ אָפּ פונ שטעטל, אַלץ מערער הייבט זי זיכ אָנ צו מיר צורוקנ. זי האָט מיכ אָנגענומענ בא דער האנט.

— אָשער, — בלײַבט זי א רעגע שטיינ, הערט זיכ צו, ווי ס'גיט א ביל א הונט פונ הויפ, ווי ס'צעקרייענ זיכ פונ ערגעץ הענער. — ביסט טאקע געשטאנענ לעבנ אימ?

— געשטאנענ.

— אונ ס'איז שרעקלעכ שטארבנ? — דריקט זי זיכ צו אינגאנצנ א פארציטערטע. — ער ווארפט זיכ...

— ניינ! — פארכאפּ איכ זיכ אונ קוועטש צו איר האנט מיטנ עלנבויגנ. — ניט שרעקלעכ!.. כ'וועל זיכ ניט ווארפנ! — צעשרײַ איכ זיכ. — כ'וועל שטארבנ, ווי ארל אונ וועלוול...

— לאָמיר זיכ אומקערנ! איכ וויל ניט!..

— ניינ, ראָכל, — וויל איכ, זי זאָל מיכ זענ א העלדישנ. — מע טאָר ניט מוירע האָבנ.

אונ איכ דערפיל, אז סע שטעלנ זיכ מיר טרערנ. עפּעס איז מיר זייער גוט. ס'איז מיר ליב די פינצטערניש. אונ וואָס זי זעט מיכ ניט. אונ וואָס כ'האָב פאר איר איצט קיינ מוירע ניט.

אונ אַלץ איז מיר ליב. ביז וויינענ הייבט מיכ אָנ רירנ דאָס מרוקענ פונ א בעהיימע, די זינגערײַ פונ די סאָלאָווייטשיקעס אונ דאָס קוואקענ פונ די פרעש.

דאָ הערט זיכ העכער די קוואקעניש פונ די פרעש, אונ נעענטער אונ דײַטלעכער, איידער אינ שטעטל, איז דאָ דאָס זינגענ פונ די סאָלאָווייטשיקעס.

זיי זינגענ איצטער קײַלעכיקע מעסלעסנ. אונ דאָס זינגעניש מישט זיכ אויס מיטנ רוישנ פונעמ טײַכל, וואָס יאָגט זיכ צווישנ די שטיינער, אָסאָקעס אונ לעפּעכעס, מיטנ בילנ פונ הינט, מיטנ שורעווענ פונ ווערבעס אונ מיט די פארבאָרגענע נאכט־קלאנגענ. מיר זײַנענ שוינ באמ בריק. כ'דערפיל די ברעטער אונטער די פיס.

און כאָטש ס׳איז אזא פינצטערניש, אז מע זעט גאָרנישט ניט, נאָר כ׳ווייס אזוי גוט דעם דאָזיקנ טאָל, די ארומיקע סאזשלקעס און יעדער סטעזשקעלע, אז כ׳זע אפילע אינ דער פינצטער די אונטער־געפוילטע ווערבעס און אָסינעס, צווישנ וועלכע ס׳רוישט קוים־קוים די ריטשקע און דאָס נאָענטע קליאָנעג־וועלדל, ווו מ׳האָט אמאָל צעשאָסנ אונדזער קאָמיסאר וועלוול כאָדאָרקאָוו.

— און דאָרטנ, — שפּאר איכ מיט דער האנט אינ דער פינצ־טערניש, — דאָרטנ איז וועלוול אויסגעגאנגענ!..

— אָשער... כ׳האָב מוירע. לאָמיר ניט ריידנ וועגנ טויטע...

— ניינ, ניינ! — זעצ איכ זיכ ארופ אפ דער בריק־פּאַרענטשע, ניט רײַטנדיק, ווי איכ האָב ליב, נאָר אזוי ווי אפ א בענקל, מיטנ רוקנ צום טאָל. כ׳טו עס צוליב ראָכלענ, כאָטש ס׳איז שרעקלעכ אזוי, מע קאָנ זיכ איבערקערנ און ברעכנ רוק־און־לענד.

ראָכל זעצט זיכ ניט. זי שטייט פונדערווײַטנס. און אז סע גיט זיכ א לײַכט צווישנ די צונויפגעגאָסענע ביימער, דערזע איכ, ווי זי האלט זיכ אָנ אינ דער פּאַרענטשע, דאָס מויל איז א ביסעלע צע־עפנט, זי בײַסט איר צעפּעלע און הערט זיכ עפּעס זייער אײַנ.

זי הייבט אפילע אָנ ארומגיינ. ווײַזט אויס, איבער דעם זינגעניש קאָנ זי ניט אײַנשטיינ. ערגעצ פונ זייער נאָענט האָט אָנגעהויבנ א סאָלאָווייטשיק, און ערגעצ פונ ווײַט־ווײַט האָט זיכ אָפּגערופנ א צווייטער.

און דאָס זינגעניש איז א קײַקלדיקס, ווי זילבערנע קלינגענדיקע רעדעלעכ זאָלנ זיכ דרייענ. די קלינגענדיקע רעדעלעכ קײַקלענ זיכ לויטער און ציטערדיק איבער דער גאָרער נאכט, ווי רייפּעלעכ איבערנ וואסער.

— אָשער, — טוליעט זיכ צו צו מיר ראָכל, לייגט מיר ארופ די הענט. איר קאָל איז שטיל, שטיל. — אָשער, — און כ׳פיל, ווי זי קוקט מיר אינ די אויגנ, — ס׳איז טשיזשיקעס, אָשער?

— סע נאכטיגאלנ, — זאָג איכ איר, — סע סאָלאָווייטשיקעס, ראָכל.

— סאָלאָווייטשיקעס? — ציט זי יעדעס וואָרט, הייבט זיכ אָנ אזוי ווי באהאלטנ אינ זיכ. און כאָטש ס׳איז זייער דושנע, זאָגט זי מיר, אז ס׳איז איר קאלט. זי כאפּט מיטאמאָל אָנ מײַנע הענט און לייגט זיי ארופ אפ איר קאָפּ:

— אזוי, אָשערל... — און ס׳ערשטע מאָל זאָגט זי מיר „אָשערל“. זי הייבט אָנ מיט מײַנע הענט גלעטנ אירע האָר. זי זאָגט, אז זי האָט

זייער ליב, אז עמעצער האלט די הענט אף איר קאָפּ. און ציטעריק, קוים צורירנדיק די הענט, גלעט איך אירע ווייכע צעפּלעך, איר זײדנס סטענגעלע, וואָס איז אַנגעפלאָכטן אין די האָר. כ'האָב מוירע זיך א ריר טאָן, און כ'הער אזש, ווי שטארק־שטארק סע קלאַפּט מיר דאָס בלוט אין די שלייפן.

— ראָכעלע, — זאָג איך צו איר, — אויב דו ווילסט, וועל איך דיר באַווײַזן די סאָלאָווייטשיקעס.

כ'זאָג איר, אז כ'וועל מיט איר נאָך קומען אהער, אז די סאָלאָווייטשיקעס באהאלטן זיך טיף־טיף צווישן די צווײַגן, און אז מע דארף זיך שטיל אונטערגאַנווענען. אז דער סאָלאָוויי איז א קלייניקער, א שווארצלעכער, ער ציצט פארױסן דאָס פּיסקעלע, דאָס העלדזעלע אויסגעצויגן, און ס'ציטערט אים גיך־גיך אין העלדזעלע, ווען ער זינגט.

— אָשערל, — ענטפערט זי ניט, צי זי וועט גיין מיט מיר. זי הייבט נאָר אָן זוכן מײַן פּאָנעם מיט אירע הענט.

— אָשערל, — ווערט זי אזוי ווי אָפּגעשוואכט און רעדט עפּעס בעטנדיק אזוי, — איז פארוואָס־זשע ביסטו א שלעכטער? איז פּאר־וואָס, — ציט זי ווידער די ווערטער, — ביסטו שטענדיק אין קאַס, אָשערל?.. און כ'וויל ניט, אָשערל.

איך וויל איר זאָגן, אז ס'איז ניט עמעס. נאָר כ'זאָג איר ניט. איך נעם נאָר שטארקער ארום איר פּאָנעם. איך פּיל, ווי זי גורעט זיך, ווערט אָפּגעשוואכטער. און כ'געדענק שוין אפילע ניט ווענגן זיידן. און גאָרניט דארף איך ניט, און גאָרניט הער איך ניט.

כ'הער אפילע ניט, ווי ס'האָבן אופגעהערט זינגען די סאָלאָווייטשיקעס ארום בריק, אפילע די פרעש זײַנען מיטאמאָל אנשווייגן געוואָרן.

ס'האָט מיר נאָר אופגעציטערט ראָכלס א וואָרט.

— אוי, — האָט זי זיך א צאַפּל געטאָן, — א רעגן, דאכט זיך?

נאָר ס'איז ניטאָ קיין רעגן. כ'צי אוים די דלאָניעס. און טאקע גאָרניט. איין טראָפּנדל איז מיר נאָר א פאַל געטאָן אפן שטערן. ס'איז אָבער עפּעס געוואָרן אומרויקער, פינצטערער. די ווערבעס ארום בריק האָבן שטארקער אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די בלעטער. ס'איז געוואָרן א ווינט. פון ערגעץ ווײַט, ווי א רייז קארעטעס איבער א בריק, האָט זיך א קײַקל געטאָן א ניט הויכער דונער, נאָכדעם איז ער געוואָרן נעענטער, העכער און האָט זיך צעשאָטן מיטאמאָל אף א סאָך, א סאָך פאַלנדיקע שטיקעלעך.

אײנגעאנצן א פארציטערטער, הער איך זיך צו, װי דער דונער שטארבט אפּ, פארקײַקלט זיך. כ'װיל אָבער ניט, ראָכל זאָל מײנען, אז כ'האָב זיך דערשראָקן. איך הײב דערפאר אָן פאמעלעך אראָפּ־קריכן פון דער פּארענטשע. כ'הײב אָן רײדן העכער און פרײלעכער.

כ'זאָג איר, אז ס'איז גאָרניט, אז מיר װעלן נאָך באַװײַזן קו־מען אהײם.

כ'באַװײַז אָבער נאָך ניט דערײדן, נאָך אפילו ניט אראָפּ פון דער פּארענטשע, גיט איבערן סאמע בריק א בלענד דורך א צעבראָכענער בליץ. ער גיט זיך א שנײַד דורך צװישן די צעהױדעטע בײמער. איך דערזע אפּ אן אױגנבליק ראָכלס צעפּאָכעטע װײַסע ארבל אפּ מײַן שװארצן העמדל. אירע האָר גיבן זיך א װײיע, גיבן מיר א שמיץ אין פּאָנעם.

ס'איז נאָך ניט דורך דער בליץ, כ'בין נאָך ניט געקומען צו זיך, ס'זײַנען נאָך פול די אױגן מיט פײַערדיקע רײפּעלעך, װי ס'האָט אי־בערן סאמע קאָפּ זיך צעקנאַלט א דונער. און דער דונער האָט זיך אָנגעהױבן הײבן העכער און העכער, איז געװאָרן ברײטער, האָט זיך צעלאָזט איבער דער גאנצער פינצטערניש. פון גרױזאַמקײַט און אומגעריכטקײַט האָב איך זיך שיר ניט אראָפּגעקײַקלט אין טײַך.

כ'האָב עס שױן מער ניט געקאָנט אױסבאהאלטן פון ראָכלען. כ'האָב א געשרײ געטאָן „אױ” און זיך אזש צוגעזעצט צו דער ערד.

װי דער דונער װאָלט מיטאמאָל אופגעריסן איבער אונדז די װאָלקנס, האָבן אָנגעהױבן פאלן טראָפּנס, אלץ מערער און מערער. און באלד האָט עס פארפולט די גאָרע בליצנדיקע פינצטערניש מיטן ראַש פון א שלאָקסרעגן.

לױפן אהײם קאָנען מיר שױן ניט. ניט טראכטנדיק אפילו, כאַפּ איך אָן ראָכלען, און איבערשרײַענדיק דעם רעגן און די דו־נערן, רופ איך זי:

— אונטערן בריק! — און שלעפּ זי נאָך זיך.

איך הײב זיך אָן מיט איר אראָפּלאָזן צום טײַכל. נאָר ס'איז גליטשיק. ס'װאַלגערט פון די פיס.

באלױכטן פון די בליצן, קריך איך מיט ראָכלען צװישן די אָסאָקעס און די לעפּעכעס.

זי גײט צוגעבױגן צו דער ערד. זי האלט זיך אָן אין מיר.

אלעמאָל גיבן זיך א װײַז און פארשװינדן אין דער פינצטער־ניש דאָס טײַכל, די שטארצנדיקע שטײנער און די גרינע אונטערגע־פױלטע סלופּעס, װאָס האלטן אונטער דעם בריק.

אונטער די פיס בולקעט שוין דאָס טײַכל. כ׳הייב אָן הריזי־נען. נאָר כ׳זוך אָפּ א שטיין מיט די פיס. איך שטעל זיך ארוף. איך כאַפּ ארום מיט איין האַנט א נאַסן גליטשיקן סלופּ, און מיט דער אנדערער האַלט איך אונטער ראָכלען. לאָז זי ניט אָפּ.

איבערן קאָפּ, איבער די ברעטער פונעם בריק, באַראַבאַנעוועט און כליופּעט דער רעגן. אַלע ווײַלע ווערן באַלויכטן מיט הילכיקע בליצן די געדיכטע פאַלנדיקע פּאַסמעס וואַסער און די גרינע זוינטן פון די בלישטשענדיקע ווערבעס, צווישן וועלכע ס׳יאָגט זיך דאָס פול־געוואָרענע טײַכל. ס׳ווערט באַלויכטן דער גאַנצער אונטער־בריק: אָט האָב איך דערזען א גרויסן גרינעם פראָש, וואָס האָט זיך פאַרוקט אין דער הייך לעבן די ברעטער.

— אַ־שער! — ציטערט ראָכל. זי נעמט מיך ארום שטאַרק־שטאַרק. זי וויל זיך אַזוי ווי באַהאַלטן יעדעס מאָל, ווען ס׳גיט א דונער, און ווען בליצן גיבן א שנײַד די פינצטערניש.

און ווײַל ראָכל ציטערט, און ווײַל כ׳וויל ניט, זי זאָל מוירע האָבן, הערט מיר אויף שרעקלעך זײַן.

כ׳רוף זי: „ראָכעלע". כ׳זאָג איר, אַז ס׳וועט באַלד דורכגיין, זי זאָל זיך ניט שרעקן. כ׳זאָג איר אפילע, אַז כ׳האָב ליב א געוויי־טער, און א גרויסן, א דונערדיקן געוויטער. אַלעמאָל, ווען ס׳גיט א בליץ, ווײַז איך איר אָפּ די נאָענטע הויכע קאָנאָפּליעס, אָפּ א בערעזענע, אָפּ א ברונעם־זשוראַוול און אָפּ די ווײַסע פלעקן פון נאָענטע כאַטעס.

— גוט! — שרײַ איך איר אין אויער און הייב אָן פליושקען מיט א פוס אין וואַסער.

— ניין, אַשערל, כ׳האָב מוירע... נישט... ניין, נישט מוירע, — הער איך קוים, ווי זי רעדט צו מיר. און באַלויכטן פון א בליץ, גיט זי זיך א זשמורע. כ׳דערזע, ווי זי האַלט די אויגן קימאַט צוגעמאַכט, שמייכלט.

און ווײַל ראָכעלע שמייכלט, און ווײַל, א שוואַכינקע, טוליעט זי זיך צו מיר, דערפיל איך, אַז פאַר קיינעם וואָלט איך אַזויפיל ניט געטאָן, ווי פאַר איר.

איך וויל, דער געוויטער זאָל זיך גאָר ניט ענדיקן. איך באַהאַלט נאָך שטאַרקער איר קאָפּ, ווײַל כ׳וויל ניט, ס׳זאָל פאַלן אָפּ איר דער רעגן, וואָס שלאָגט זיך דורך די בריק־ברעטער.

— ראָכעלע!.. — צי איך צו איר אויער צו מײַן מויל, —ראָכע־לע! — וויל איך איבערשרײַען דעם ראַש פונעם רעגן און פונעם

דונערן. — ראַכעלע! — בעט איך זיך בא איר און ווייז איר אָן אױף
א בליץ. — וואָס וואָלסטו בעסער געוואָלט?..
— האַ?
— וואָס וואָלסטו בעסער געוואָלט? א בליץ מיט א דונער, צי
גיין אהיים?
— האַ? — דערהערט זי מיך ניט איבערן דונער, וואָס קײַקלט
זיך דורך פון עק הימל צו עק הימל און צעשיט זיך ווי אױף בלעכענע
דעכער.
— אַשערל!
נאָר איך וויל זי שוין ניט איבערפרעגן. ס'הייבט מיך אָן אזוי
ווי וואַרגן. דער רעגן ווערט מיטאמאָל שטילער און אָפּגעשטאַרבע-
נער. ערגעץ פון זייער ווײַט קײַקלט זיך נאָך דורך א שוואַכער
דונער, וועלכן מע הערט קוים-קוים, און — אוים, — ווי פּלוצעמדיק
ס'האָט זיך אָנגעהויבן, אזוי פּלוצעמדיק הערט עס אוף. ס'גיסט
נאָר דאָס ניט-אראָפּגערונענע וואסער בא די פּאַרענטשעס און דורך
די שפּאַרונעס פונעם בריק. ס'צעגייען זיך שוין, ווײַזט אוים, די
כמאַרעס. מע זעט די נאַסע בריק-סטויפּעס, די צונויפגעגאָסענע ווער-
בע-ביימער. מיט הארצקלאַפּעניש, ביז אומפאַלן, ווער איך פּאַרציטערט,
ווען כ'דערזע א ווײַסע, מיט שווארצן געפלעקטע, בערעזענע, וואָס
פאמעלעך, פאַרלירנדיק רעגן-טראָפּנס, שווימט זי ארוים מיטאמאָל
פון דער פינצטערניש.
— אַשערל! — גיט מיך ראָכל א רוף. — אַשערל!
און אז איך גיב אױף איר א קוק, זע איך: אירע אויגן זײַנען
קוים-קוים אָפן, און סע שטייען איר, דאַכט זיך, טרערן אין די
אויגן.
— סאָלאָוויטשיקעס, — זאָגט זי מיר, — סאָלאָוויטשיקעס,
אַשערל.
קײַקלענדיק זילבערנע רינגעלעך, הייבן זיי זיך אָן איבערופן,
פאַרגייען זיך, נאָר איצטער זינגען א סאך, א סאך. און די פרעש
הייבן שוין אָן — פריִער איינצלנע, און נאָכדעם הערט מען זיי שוין
פון אלע זײַטן.
איך דריק זיך צו שטאַרק-שטאַרק צום קאַלטן שימלענדיקן סלופּ.
ס'איז שוין ליכטיק. ס'זעט שוין ראָכל מײַן פּאָנעם. און כ'וויל
ניט, זי זאָל דערקענען, אז ס'איז מיר א ביסל שרעקלעך. כ'וויל ניט,
כ'בין ניט קיין מיידעלע, כ'זאָל ווערן א שוואַכינקער.
— קום,—זאָג איך איר. און געבנדיק איר א האַנט, העלף איך איר

זיכ אַרופּדראַפּענ אפּנ שאָסיי. אונ אפּנ שאָסיי צעלאַכנ מיר זיכ. מיר זייגענ ביידע זייער אויסגעווייקט. ס׳גיסט אזש פונ אונדז. ראָכל הייבט אָנ פריילעכ אונטערקוויטשענ, זי הייבט זיכ אָנ דרייענ. זי וויל ניט, איכ זאָל קוקנ אפּ איר. זי האַלט אינ איינ וועלנ אָפּקלעפּנ איר ווייס קורצ קלייד, וואָס האָט ארומגענומענ, ארומגעקלעפּט איר דינינק קערפּערל.

ס׳ווערט מיר אזש זיס אונ שרעקלעכ דערפונ. כ׳הייב דערפאר אָנ קוקנ אפּ די צעריסענע יאָגנדיקע כמארעס, אפּ די באפרייטע שטיקער הימל. ס׳טאָגט שוינ. מיט העלע פייערדיקע ברעגנ הענגט שוינ א ווייס אונ אויסגעצויגנ וואָלקנדל.

— אָשערל, — גיט מיכ ראָכל א רופּ, — ס׳איז מיר קאַלט. — אונ איר פּאָנעמ איז קוימ־קוימ פארויטלט פונעמ טאָגנדיקנ הימל.

— איז לאָמיר לויפנ! — הייב איכ אָנ אראָפּוואַרפּנ פונ זיכ די שיכ. איכ פארקאַטשע די הויזנ, בלייב שטיינ א באָרוועסער. — לאָמיר לויפנ, וועט וואַרעמער ווערנ.

נאָר מיר איז ניט קאַלט. ס׳הייבט זיכ אָנ דורכקוועטשנ די וואַרעמע בלאָטע דורכ די פינגער. ראָכל איז שוינ אויכ א באָרוועסע. זי לאָזט זיכ לויפנ די ערשטע, אונ דערביי סטארעט זי זיכ נאָכ אַלצ אָפּקלעפּנ דאָס קליידל. איכ לויפ איר נאָכ. אירע צעפּאָכעטע האָר שמייסנ אונ פּאַטשנ מיר אינ פּאָנעמ. כ׳לויפ מיט פארגעניגנ. איכ פליושקע צופרידנ ארומ זיכ די בלאָטע. כ׳האָב זי שוינ אינגאַנצנ פארפליושקעט, זי איז שוינ ניט ווייס, נאָר ראָב.

אריינלויפנדיק אינ שטעטל, קוימ אָפּעטעמענדיק, נעמענ מיר זיכ פאר די הענט אונ הייבנ אָנ גיינ פּאַמעלעכ.

דאָ איז לויפנ ניט שיינ. דאָ קאָנ מענ אונדז דערזענ. כאָטש אַלע שלאָפנ נאָכ. איבער דער נאָכ נאַכטיקער גאַס ברענט נאָר דער טשאַדענדיקער לאַמטערנ אינ מארק. מער זעט מענ אינ ערגעצ קיינ שייַנ ניט.

כ׳בלייב שטיינ לעבנ אונדזער שטוב. ראָכל, וואָס וווינט אינ א נאָענטנ געסעלע, זאָגט, אז זי האָט מוירע אַליינ צו גיינ.

— רופּ מיכ. שריי: „ראָכל”, וועל איכ ניט מוירע האָבנ, — לאָזט זי זיכ לויפנ אהיימ.

— א־אָשער! — שרייט זי צו מיר לויפנדיק.

— האָב קיינ מוירע ניט! — ענטפער איכ איבער דער באַנאַכטיקער גאַס.

— נאָכ ניט! — טראָגט זיכ צו מיר איר דינ, קלינגענדיק קעלעכל.

— ראָ־ראָכל!

— שוינ באלד, אָ־אָשער!

— ראָ־אָכל! — האלט איכ די הענט, ווי א טרובע, באם מויל און שרײַ צו איר מיט אלע קויכעס. און מער באווײַז איכ שוינ ניט אויסשרײַענ. ס׳גיט זיכ אנ עפנ דעמ זיידנס פענצטער. כ׳גיב אזש א לויפ אָפּ פונ שרעק.

— אָשערל?! — באווײַזט זיכ די מאמע. איר קאָל איז הייזעריק. זי שטייט מיט צעפּאטלטע האָר, קוקט אפ מיר און צעוויינט זיכ מיטאמאָל.

כ׳הייב אָנ גיינ צו איר, נאָר כ׳וויל עפּעס וואָס מערער פארלענגערנ די רעגע. איכ גיי צו צו איר. איכ שטעל זיכ אוועק אפ דער פּריזבע. און ערשט איצטער דערזע איכ, ווי, אנטקעגנ פענצטער, ליגט אויסגעצויגנ אפ דער ערד דער זיידע. ער ליגט איבערגעדעקט מיט א לײַלעכ. דאָס פּאָנעמ איז אימ איבערגעבונדנ מיט א רויטער פאטשיילע, און די קנופּנ אפנ קאָפּ שטעקנ ווי צוויי הערנערלעכ.

זײַנ פּאָנעמ איז באהעלט, סע ברענענ ליכט בא זײַנ צוקאָפּנס, די פלעמלעכ וויגנ זיכ. אינײנעמ מיט די ליכט־שאָטנס שאָקלט זיכ דער קלײנינקער דארער שאמעס, ער זאָגט עפּעס מיט א וויינענדיק ניגנ.

נאָר ניט פונ דעמ ניגנ און ניט אפילע פונ די ליכט, מער פונ אלצ ווער איכ פארציטערט פונ דעמ זיידנס צוויי פארלאטעטע שטיוול, וואָס שטייענ אזוי ווי אלע טאָג אונטערנ זיידנס בעט.

זיי שטייענ אָפּגעפּוצטע.

כ׳שפּרינג אזש אָפּ. כ׳גיי גיכ אוועק און זעצ זיכ צו אפ דער פּריזבע. סע בלישטשענ שטראלנ אפ די דרײַ ציילעמער פונעמ קלויסטער. ס׳פאָרנ שוינ ארומ די באלעגאָלעס. א פריילעכ שפּערל האָט זיכ נאָרוואָס אראָפּגעלאָזט און, צווישטשענדיק און אונטערשפּרינגענדיק, גענומענ זיכ פּאָרקענ אינעמ שאָסיי־מיסט. איכ כאפּ א שטיק בלאָטע און טרײַב עמ דורכ.

כ׳הער, ווי דער טאטע רופט מיכ. נאָר כ׳וויל ניט און קאָנ איצטער ניט ארײַנגיינ אינ שטוב.

אין פּאַרטקאָם

גאָלדע און בעטשעק האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז ס׳וויל מיך זען דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם אישטשענקאָ. נאָר ווײַל איך קען זיך ניט מיט אישטשענקאָן, האָב איך זיך געשעמט און בין צו אים ניט געגאַנגען. איצט, נאָך דער לעוויצע, האָב איך באַשלאָסן צוגיין.

איך גיי, און איך טראַכט וועגן דעם זיידנס לעוויצע, וועגן דעם בעסוילעם, ווו מע קאָן שוין ניט אַדורכשפּאַנען איבער די געדיכט־אָנגעשטעלטע מאַציייוועס. ס׳קלינגט מיר נאָך אַלץ אין די אויערן דאָס פאַלן פון דער לייימיקער ערד איבערן אָרן. איך מאַך צו די אויגן — און זע נאָך דעם זיידנס פּאָנעם.

אַז ער האָט געלעבט, דער זיידע, בין איך אַפילע ניט כאָווער געווען מיט אים. נאָר איצטער, נאָך זײַן טויט, קאָן איך זיך ניט צוגעוווינען, און ס׳איז מיר עפּעס מאָדנע, וואָס דער זיידע, וועלכער האָט מיר דערציילט אַזויפיל פון קייסאָרים און סטראַזשניקעס, וואָס האָט אַזויפיל געלעבט און געהאָרעוועט, איז מיטאַמאָל ווײַט־ווײַט אוועקגעגאַנגען און כ׳וועל זיך שוין קיינמאָל ניט קאָנען טרעפן מיט אים.

און ניט נאָר מיטן זיידן וועל איך זיך שוין ניט טרעפן. זייער אַ כאַב זײַנען אוועקגעגאַנגען. ס׳איז מיר שווער, טרויעריק. כ׳גיב אָן עפן די גוט־באַקאַנטע טיר אין פּאַרטקאָם, ווו אַמאָל, אין וועלוולס צײַטן, פלעג איך גאַנצענע טעג אַרומלויפן.

אין פּאַרטקאָם איז ווי אַלעמאָל. די דילן זײַנען אויסגעריבן, זײַנען פול געוואָרן מיט גריבעלעך פון די פיל פיס, וואָס האָבן געטופּעט און טופּען דאָ. די נײַ־אָפּגעווײַסטע ווענט זײַנען נאָך פול מיט גוליעס פון דעם שלעכט־פאַרשמירטן אָפּגעשלאָגענעם טינק, פונעם אַמאָליקן ניט־צײַט האָבן, פון די פּלאַקאַטן און מעלדונגען, וואָס זײַנען דאָ געהאַנגען.

נאָר איצטער איז אויפגעראַמט. אינעם גרויסן פאָדערצימער זײַנען אין אָרדענונג אויסגעשטעלט הילצערנע בענק. רויטע לײַוונטן און בילדער זײַנען צעהאַנגען זאַרגזאַם און ניט־געײַלט.

אַף דער באַנק, וואָס לעבן די ווײַסע פאַרמאַכטע טירן מיטן שילדעלע „סעקרעטאַר פון ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט“, שפּאַרט מען זיך שוין ניט. סע זיצן געדולדיק מענטשן, וואָס דאַרפן צו אישטשענקאָן. נאָר עפּעס אַ מאַנצבלשע פרוי מיט אונטערגעשוירענע האָר און אין אַ היטל הערט נאָר ניט אויף צו רייכערן, האַלט אין איין אײַ־

בערלייגן די פּאַפּירן אין די הענט און ווערט אַלעמאָל פאַרציטערט, ווען ס׳דערהערט זיך פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, ווי אישטשענקאָ קלאַפּט דאָרט אין טיש, שרייט אויף עמעצן „טשינושאַ“, „בעזאָבראַזיע“ און דראָעט מיט אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט.

ס׳פאַרוווּנדערט מיך, וואָס ער שרייט אַזוי, ווייל אַפילע מיין פעטער מענאַשע, וואָס איז אַן אייַנבינדער און פאַרדינט בא אים אָפּט פאַר איבערבינדן ביכער, זאָגט, אַז ער האָט גאָר היינטיקע צייטן ניט געזען אַזאַ איידלמאַן, ווי אישטשענקאָ. און אישטשענקאָן האָט מען טאַקע ליב אין שטאָט, ווייל ער־גריסט זיך מיט אַלעמען, און טאָמער וואָס, לויפט מען צו אים זיך פאַרקלאָגן.

עס עפנט זיך גיך די טיר. ס׳גייט אַרויס דער מענטש, אויף וועמען אישטשענקאָ האָט געשריען. ס׳באַווייזט זיך פריִער אַן אייַנגעבויגענע פּלייצע, אַ פאַרוואַקסענער האַלדז־און־נאַקן, אַ פּליכעלע, אַ קאָפּ, וואָס האַלט זיך אין איין אַראָפּלאָזן און אויפהייבן זיך.

דער פאַרשוין האַלט זיך אין איין רוקן מיט דער פּלייצע. ער האָט מיר שוין אָנגעטראָטן אויפן פוס. ער גיט זיך גלייך אַ קערעווע. כ׳דערקען אים. ס׳איז דער נאַטשאַלניק פון אונדזער פּאָטשט.

ער איז צעטומלט. ער זאָגט מיר: „איזווינִיטיע“. ער האָט צוגעדריקט צום האַרצן דאָס בלויע היטל מיטן שוואַרצן סאַמעטענעם קאַנט און מיט די איבערגעקרייצטע העמערלעך אויפן אָקאָלישעק. ער שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ, און אינגאַנצן אַ רויטער, אַ פאַרשעמטער, לויפט ער אַרויס פונעם פאַרטקאָם.

כ׳גיב זיך גלייך אַ לאָז צו אישטשענקאָן אין צימער. די מאַנצבלשע פרוי וויל מיך דאַפקע פאַרהאַלטן און שרייט, אַז מע איז נאָך דאָרטן פאַראַן, אַז מע טאָר ניט אַרייַנגיין. נאָר ווייל איך בין אין כּעס, און ווייל ס׳איז מיר שלעכט, הער איך זי ניט און רוק זיך אַרייַן דורך דער טיר, וואָס איז אַ ביסל אָפן געבליבן, צו אישטשענקאָן.

אישטשענקאָ זיצט אַן אָנגעכמורעטער און קוקט זיך אַפילע ניט אום אויף מיר. מע זיצט טאַקע בא אים. ס׳לאָזט זיך אויס, אַז ס׳זיצט מיט אים בעטשעק.

זיי ריידן עפּעס וועגן לעדער־זאַוואָדלעך, וועגן ערד און וועגן מאַכן בענקלעך. אישטשענקאָ זאָגט, אַז מע דאַרף גלייך אָנהייבן מאַכן בענקלעך, ווייל מיט ערד וועט זיך דערווייל גאָרניט באַקומען. אָנגעשפּאַרט אין טיש, שויבערנדיק אַלעמאָל די ליכטיק־געלבלעכע האָר, וואָס זייַנען ענלעך אויף פּשענעטשקע־בעזעמלעך, האַלט ער עפּעס אין איין כּעזשבענען:

— אין פאַרגרייט־פּונקט — דריַי מישפּאָכעס.
— בענקלעך און אָבאָדעס — צוואַנציק.
— אפן וואָקזאַל — צוויי. האָבן מיר שוין פינף און צוואַנציק...
— הײַנט נאָך „בראָנ"...
— און עפּשער, — זאָגט בעטשעק, — זאָלן מיר דערוויַיל ניט צומאַכן די לעדער־זאַוואָדלעך... א דריַיסיק האַרבאַרניקעס בליַיבן אָן ברויט...
— אין באָגאַדיעלנע! — ווערט אישטשענקאָ שטאַרק אין קאַס.
ס'ערשטע מאָל דערזע איך, אז בעטשעק האָט פאַר עמעצן מוירע, אז ער ווערט פאַרלאָרן, אָפּהענטיק. א סאַך קנייטשעלעך באַוויַיזן זיך אַרום זיַינע שוואַרצע קליין־וואָרנדיקע אויגן.
— אף א ציַיט... כ'מיין, נאָר א ביסל צוּוואַרטן...
— ניט א פאָרזיצער דאַרפסטו זיַין! אין א באָגאַדיעלניע!
— אין באָגאַדיעלניע! — דערפריַיט זיך אָבער מיטאַמאָל בעטשעק. — אין דער געוועזענער באָגאַדיעלניע, כאַווער אישטשענקאָ, זיַינען פאַראַן זיבן דעסיאַטינ ערד...
— און איבער די באַלעגאָלעס אויך, — הערט אים ניט אישטשענקאָ, — בעט נאָך, מע זאָל פאַרמאַכן דעם וואָקזאַל איבער די באַלעגאָלעס!... און די קאָאָפּעראַציע צעטריַיבן איבער די קרעמערלעך...
— און אין דער קאָאָפּעראַציע, — ווערט בעטשעק נאָך מער באַגיַיסטערט, — איַינאָרדענען צוויי מישפּאָכעס...
— האָבן מיר שוין זיבן און צוואַנציק...
— און מיט דער ערד פון דער באָגאַדיעלניע?
— זאַמעטשאַטעלנאָ! — ווערט אישטשענקאָ מיטאַמאָל בעסער, פאַרהייבט צו בעטשעקן דאָס ברייטע קיַילעכיקע פּאָנעם. זיַינע אויגן ווערן ווידער בלוי און פריַינטלעך.
— האָבן מיר שוין אַרבעט פאַר א דריַיסיק מישפּאָכעס.
אישטשענקאָ הייבט זיך אויף, זאָגט נאָכאַמאָל, אז מע דאַרף זיך וואָס גיכער נעמען צו דער פאַבריקע... ער באַוויַיזט אָבער ניט פאַר־ענדיקן, ער דערזעט מיך מיטאַמאָל.
— צו מיר? — גיט ער א קוק אף מיר פאַרוווּנדערט.
— יאָ. איר האָט מיר געהייסן קומען.
בעטשעק גיט גליַיך צו מיר א הייב די אויגן. נאַרוואָס, ווען מע האָט געערדט וועגן די בענקלעך, איז ער געווען פריילעך, נאָר אז ער האָט דערזען מיך, איז ער געוואָרן ניט צופרידן. ס'פאַרדריסט אים, וויַיזט אויס, וואָס כ'האָב געהערט, אז מ'האָט אף אים געשריַען.

— איך האָב דיך גערופֿן? — פֿרעגט מיך ווידעראַמאָל אי־שטשענקאָ.

— יאָ. די כּאוּוערטע כאָדאָרקאָווא... קאָמענדיר, — ווײַז איך אָפּ בעטשעקן, — האָבן מיר געזאָגט, אַז איר רופֿט מיך!..

— יאָ־יאָ, — זאָגט צו אים בעטשעק, — איר דאַרפֿט אים, כאַ־ווער אישטשענקאָ... ס'איז אָשער.

— אַ־האַ! — ווערט אישטשענקאָ גלײַך אַן אַנדערער און דער־פֿרייט זיך עפּעס זייער.

— טאַקע אָשער? וואָס זשע שווײַגסטו?

ער איז אַזוי דערפֿרייט, אישטשענקאָ, אַז בעטשעק צעעפֿנט אַזש פֿון פֿאַרוווּנדערונג די אויגן.

— אַ העלד! — שרײַט אישטשענקאָ צו בעטשעקן, — אַ העלד... — און ער הייסט זיך מיר זעצן.

אַ צעטומלטער זעץ איך זיך אַוועק. און אַזוי ווי כ'וואָלט ארײַנ־געפֿאַלן אין אַ קרענעצע. עפּעס אַ מאָדנער שטול — אַ נידעריקער, אַ ברייטער, אַ ווייכער. כ'זינק אין אים אײַן אַזוי, אַז כ'זע שוין נאָר אישטשענקאָס שטערן, זײַנע ווײַסלעכע פּשענעטשקע־האָר. צווישן די צוויי טומבעס פֿונעם טיש זע איך אישטשענקאָס פֿיס און אַ פּאָר שוואַרצע הויזן מיט פּאַסיקלעך, אַ פּאָר געלע סאַנדאַלן.

— אַז ווו ביסטו? — מוז ער זיך אַזש איבערבייגן צו מיר. — פֿאַרוואָס האָב איך דיך עפּעס ניט געקענט, פֿאַרוואָס?

— און איך קען אײַך, — פֿאַרײַס איך צו אים דעם קאָפּ פֿון מײַן קרענעצע־שטול.

— אַז דו קענסט מיך, — רעדט ער שוין האַלב־באַרויגעזלעך, האַלב־צוגעלאָזן, — איז וואָס זשע ביסטו ניט ארײַנגעגאַנגען? עפּעס רײַסטו דאָך שוין אויף בריקן!

— וואָסערע בריקן? — ווער איך אַזש פֿאַרציטערט. כ'קאָן שוין מער גאָרניט ניט ענטפֿערן. כ'גראָב זיך נאָך טיפֿער אײַן אינעם שטול. כ'פֿיל, אַז כ'בין שוין רויט, אַז כ'פּײַער אַזש. ווען כ'קאָן ארויס־שפּרינגען, אַנטלויפֿן, וואָלט איך אים שוין קיינמאָל מער ניט געקוקט אין די אויגן. כ'קאָן אַזש ניט ריידן. כ'פֿאַרשטיי ניט, וואָזוי האָט ער זיך דערוווּסט, אַז כ'בין געגאַנגען מיט ראָבלען.

— ס'איז געווען אַ רעגן... — שטאַמל איך, באַהאַלט דאָס פּנ־נעם און הייב ניט אויף די אויגן. — ס'האָט געדונערט... איז זי מיט מיר אַרונטערגעלאָפֿן אונטערן בריק...

— וואָסער זי? ס'איז דען א מיידל מיט דיר געווען? — וויל ער מיר אונטערהייבן דעם קאָפּ, מיר א קוק טאָן אין די אויגן.

כ'לאָז זיך ניט. כ'דריי זיך אויס צו דער וואַנט.

— ניין, — זאָג איך, — ראָכל... ס'איז א געוויטער געווען...

— וואָסער ראָכל? — זע איך צווישן די פינגער, ווי אישטשענקאָ גיט א הייב מיט די אקסל, בלאָזט אָן, רוקט ארויס די ליפּן. — וואָס רעדט ער עס?

נאָר סאַבאָקל רייד איך ניט. איך קוק אפילע אָפּ זיי ניט.

— ער איז צעטומלט... זיין זיידע איז געשטאָרבן, — הער איך, ווי בעטשעק שושקעט שטיל, שטיל אישטשענקאָ אין אויער.

— גייסטו פון בעסוילעם, אָשער? — הייבט אָן צו מיר ריידן בעטשעק זייער ליב און וויל מיך, ווייזט אויס, באַרויקן.

— פון דער לעוויע, — כאַפּ איך זיך אָן, ווי אין א שטרוי, אין־נעם זיידנס טויט, — און אָפּ וועלוולס קיווער... און אָפּ ארלם...

— אזוי?! — גיט בעטשעק א צעשפּיליע אָפּ זיך דאָס פּיד־זשאַקל. אונטערן צעפּליקטן אונטערשלאַק דערזע איך דעם בראַונינג אין דער זייט־קעשענע.

—אָפּ וועלוולס קיווער געווען?

מיר ריידן אָפּ ייִדיש, פאַרשטייט אונדז ניט אישטשענקאָ. ער גיט א קוק אָפּ בעטשעקן. נאָכדעם גייט ער צו צו מיר, לייגט מיר ארויף די האַנט אָפּן אקסל, זאָגט מיר, אז דער זיידע איז שוין בא מיר אַן אַלטיטשקער געווען, אז ס'איז ניט גוט צו זיין טרויעריק. ער באַרויקט מיך, דערציילט מיר, אז ער קערט זיך נאָרוואָס אום פון דער גרויסער שטאָט, פון א פּאַרטיי־קאָנפערענץ. אז ער האָט פאַר מיר א גוטן גרוס. אז ער האָט זיך געטראָפן דאָרט מיט זיינעם א וואַסילקאָ־ווער כאַווער.

— און ער האָט דיר, אָשערקע, איבערגעגעבן א גרוס. מאַגיד הייסט ער...

— מאַגיד?! — שפּרינג איך אַזש אויף. — מאַגיד! — ווערט מיר שוין אזוי פריילעך, ווי ס'וואָלט מיר גאָר קיינמאָל טרויעריק ניט געווען.

— יאָ־יאָ. און ער האָט מיר דערציילט, ווי דו האָסט אויפגעריסן מיט אים דעם אייזנבאַן־בריק...

— דו? א בריק אויפגעריסן?

— א בריק, — זאָג איך נאָך בעטשעקן, כאָטש כ'פאַרשטיי ניט, וואָס געהער זיך עס אָן צו מיר.

— ס׳איז מאגיד, — פארכאפּ איך זיך. — איך האָב נאָר גע־זען, געדרייט דאָס „קאטושקעלע״. און ס׳האָט געבליצט...

— יאָ, ס׳איז מאגיד, — זאָגט אישטשענקאָ, — כ׳ווייס... ביסט דאָך דעמאָלט געווען א קליינינקער. וויפל ביסטו דעמאָלט אלט געווען?

— צען, — שריי איך אויס, — און די דייטשן זיינען געפלויגן... ס׳האָט געשאָסן... און כ׳האָב זיך צעקושט מיט מאגידן...

איך קאָן זיך שוין ניט אָפּשטעלן. איך פארכלינע זיך. כ׳זאָג, אז כ׳האָב ליב מאגידן. אז איך וויל זיין אזא, ווי מאגיד, און כ׳וויל זיין, ווי כאָדאָרקאָוו און ווי מיין ברודער אַרל...

— אוודע. און עפּשער נאָך גרעסער פון מאגידן!..

אישטשענקאָ איז שוין גאָר ניט קיין שטרענגער.

כ׳רוק זיך צו אפילע נעענטער צו אים.

כ׳זאָג, אז לאָמיך נאָר ענדיקן די שול, וועל איך אויך ווערן, ווי זיי. און טאָמער וועט מען ניט דארפן מילכאָמע האלטן, וועל איך ארבעטן. כ׳וויל זייער און ווערן אן ארבעטער, גיכער שוין אָפּפאטערן די שול.

— האָסט דען פיינט די שול?

— ניין! — הייב איך זיך אוף. ס׳איז מיר נאָר שלעכט, וואָס ס׳איז מיר שווער מיט אים צו ריידן אף אוקראַיניש, — כ׳וויל ענדיקן, כ׳זאָל גיכער אָנהייבן ארבעטן!..

און דאָס איז טאקע מיין אייניציקער טרוים. אלע ווילן איצטער ווערן ארבעטער. איך — מערער פון אלע. קיינעם בין איך אזוי ניט מעקאנע, ווי בולען, וואָס איז א קוריער אין פּראָפּאריין, און מערער נאָך זיאמען, וואָס לערנט זיך אף א מאשיניסט אין מיל.

— איז ווילסטו טאקע ווערן אן ארבעטער? טאקע אף אן עמעס?

— זייער!!!

— און וויפל ביסטו אלט?

— פערצן! — רייד איך שוין שטילער. איך קוק ניט אישטשענ־קאָן אין די אויגן, ווייל אלט בין איך ערשט דרייצן מיט עטלעכע כאָדאָשים.

— און אז מע וועט דיר געבן ארבעט, וועט דיר ניט נימעס ווערן?

— ניין! — ווער איך אזש פארציטערט. — קיינמאָל ניט!!!

— הער נאָר, קאמעניר, — קוקט אישטשענקאָ אף מיר. ער שמייכלט קוים־קוים אונטער, נאָר ריידן רעדט ער צו בעטשעקן. — פון אָט דער אלטער קאלאָשע וועט, דאכט זיך, גאָרניט זיין. ער וועט

ווידער ניט פאַרשפּרייטן. איז עפּשער, ווי מיינסטו? די דאָזיקע יאַט־לעך קאָנען, דאַכט זיך, איבערקערן בערג?

איך ווייס ניט, וועגן וואָס אישטשענקאָ פרעגט בעטשעקן. כ׳פיל נאָר, אַז ס׳האָט עפּעס אַ שײַכעס צו מיר. און פול מיט דערוואַרטונג און געבעט, לאָז איך ניט אַראָפּ די אויגן פון בעטשעקן.

בעטשעק קנייטשט זיך, קוקט אַף אישטשענקאָן. ס׳הייבט מיר אַזש אָן שטאַרק־שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ.

בעטשעק זאָגט, אַז מײַן טאַטע האָט אַרבעט. נאָר פונדעסטוועגן, מיינט ער, וואָלט עס ניט שלעכט געווען.

— הערסט? — פרעגט מיך אישטשענקאָ.

— איך הער!

— און אַן אַרבעט אַ וויכטיקע! — כמורעט ער זיך און מאַכט צו מיר מיטן פינגער.

— אַ וויכטיקע! — זאָג איך אים נאָך, און ס׳פאַרכאַפּט מיר אַזש דעם אָטעם.

— איך שיק דיך אין פּאָטשט. פאַרשפּרייטן צײַטונגען.

— צײַטונגען!? — קאָן איך זיך שוין קיין אָרט ניט געפינען.

— איז נאַ דיר אַ האַנט. — און ער הייבט אָן, אישטשענקאָ, קוקן אין די פּאַפּירן. די מאַנצבלשע פרוי שטייט שוין בא דער אָפּע־נער טיר.

בעטשעק לאָזט זיך אויך צום אַרויסגאַנג. ער נעמט מיך אפילע פאַר דער האַנט. שוין אַרויסגייענדיק פון פאַרטקאָם, דערמאָן איך זיך: אַז מע גייט אַרויס, דאַרף מען זיך געזעגענען. איך רײַס זיך אַרויס פון בעטשעקן און לאָז זיך לויפן צוריק צו אישטשענקאָן. מיט וויפל איך האָב נאָר קויכעס, גיב איך אַ צעפּראַל ביידע טירן, אַז די מאַנצבלשע פרוי אין זײַן צימער שפּרינגט אַזש אונטער.

— דאָסווידאַניע, אישטשענקאָ! — צעגוואַלדעווע איך זיך איבערן גאַנצן פאַרטקאָם.

— האַ? — פאַרשטייט מיך ניט אישטשענקאָ.

— דאָ־סווי־דאַ־ניע! — לויף איך אַוועק. איך יאָג אָן בעטשעקן. בעטשעק זאָגט מיר:

— איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז פון דיר וועט אויסוואַקסן אַ מענטש...

ער הייבט מיר נאָך אָן עפּעס צו דערציילן וועגן בענקלעך. נאָר כ׳פאַרשטיי ניט און קאָן אפילע ניט הערן, וואָס ער רעדט. איך אַליין

וויל איצטער ריידן. און כ'האלט זיך קוים איַן, כ'זאָל זיך ניט צע־שריַען, צעזינגען און ניט אָנהייבן לויפן.

כ'טו עס ניט, וויַל כ'וויל ניט, בעטשעק זאָל מיך האלטן עפּעס פאר א יונגל. און ס'איז דאָך דער זיידע געשטאָרבן, טאָר איך ניט זיַן פריילעך. דער טאטע און די מאמע קערן שוין זיצן איצטער שיווע.

כ'לאָז איבער בעטשעקן. כ'זאָג אים, אז כ'דארף אריַנלויפן צו דער מאמען. נאָר איך שטוב לויף איך ניט. איינס איז שלעכט: איך בין הונגעריק. כ'קויף אָן דערפאר אפ בארג ברוינע קאָרענע האָניק־לעקעכלעך, וואָס זיַנען געמאכט אזוי, ווי פערדעלעך, פייגעלעך, קעצעלעך.

שטיל־שטיל, די פאָרטקע זאָל קיין סקריפּע ניט טאָן, גיי איך אריַן אין אונדזער שטאָל. כ'קריך ארוף אפן בוידעם. כ'הייב אָן ארומ־שפּרינגען איבער דער שטרוי, כ'ברעך זיך שיר ניט אוים א פוס, וויַל דער שטאָל־בוידעם איז אויסגעלייגט מיט זייער שיטערע ברעט־לעך.

כ'ציִ זיך אוים. איך קיַ די לעקעכלעך. איך קוק אפ די שטויביקע שטראַלן, וואָס רײַסן זיך דורך דורך די צעלעכערטע שינדלען, און איך לאַך. איך לאַך אזוי, אז איך דערוואָרג זיך שיר ניט מיט די לעקעכלעך.

איך ארבעט

ערשט אין דריטן טאָג ארום בין איך אוועקגעגאנגען אין פּאָטשט: כ'האָב געוואָרט אפן צעטעלע פון פּראָפאריין.

דאָס רויטע מויערל פון דער פּאָטשט שטייט אין סאמע עק מארק־פּלאַץ.

די ריי גליַכע סטויפּעס, וואָס ציט זיך פון ערגעץ וויַט־וויַט מיט צוויי גראָבע טעלעגראַף־דראָטן, ענדיקט זיך באַם רויטן מויערל.

כאָטש כ'בין שוין א גרויסער, קאָן איך אלץ נאָך אָפּשטיין שאַ־ענווײַז, דעם אויער צוגעלייגט צו א טעלעגראַף־סטויפּ, און הערן, ווי סע הודען די דראָטן, וואָס ציִען זיך פון דער גרויסער, וויַטער, אומבאקאנטער וועלט.

אין פּאָטשט גיי איך שטענדיק אריַן אפ די שפּיץ פינגער. מיט הארצקלאַפּעניש און באוווּנדערונג קאָן איך, כ'ווייס ווי לאנג, אָפּ־שטיין און קוקן דורכן דראָטענעם ווענטל, וואָס טיילט אָפּ דעם נאָ־

טשאַלניק דודאַריעוו פֿון די איבעריקע באַזוכער, קוקן, ווי דער נאַ־טשאַלניק שטעמפּלט בריוו אָדער קוועטשט אָפּ הענטעלע פֿונעם בליאַס־קענדיקן טעלעגראַף־אַפּאַראַט, הערן, ווי סע טוקעט גיך־גיך די מאַ־שינקע און לאָזט פּאַסיקלעך פֿינטעלעך אָפּ אַ שמאָלער פּאַפּי־רענער סטענגע.

מיט נאָך מערער ציטערניש, ווי אַלעמאָל, גיי איך איצטער צו צום אָפֿענעם פֿענצטערל. איך קוק זיך פֿריִער אַרום. נאָכדעם נעם איך זיך אָן מיט מוט:

— טאָווארישטש נאַטשאַלניק, — דערלאַנג איך דאָס צעטעלע פֿור־נעם פּראָפּאַריין.

— סטשאַ־אַס! — נעמט ער פֿוילבלעך דאָס פּאַפּירל. ער טוט אָן די ברילן אויף דער פֿליישיקער נאָז, וואָס מיט בראָדעוויקעס, גיט אַ קוק אויף מיר דורך די ברילן. זײַנע אויגן ווערן מוירעדיק גרויס. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, גיט אַ קנייטש דעם שטערן און הייבט אָן לייענען דאָס פּאַפּירל. ס׳ליגן זיך אויס אַראָפּהענגענדיקע פּאַלדן אי־בער זײַן האַרט, ווײַס קראַגעלע, די באַקן, ווי בײַ אַ מאָפּס, הענ־גענען לײדיקלעכע אַראָפּ און מאַכן אים עפּעס זייער גרויסאַרטיק.

— פּראָסימ! — גיט ער זיך מיטאַמאָל אַ הייב, גיט אַ צעשאַר זײַנע גרויע געדיכטע וואָנצעס, וואָס פֿאַרשטעלן אים דאָס מויל, און עפֿנט אויף אַ טירל אינעם אָפּגעצאַמטן דראָטענעם ווענטל.

— פֿון אישטשענקאָן?

— פֿון אישטשענקאָן!

— פּאָזשאַלויסטאַ! — גיט ער זיך פֿאַר מיר אַ בייג. — דודאַ־ריעוו, וואַדים ניקאָלײַעוויטש! — ער דערלאַנגט מיר די האַנט, שמייכלט, פֿירט מיך אַרײַן צו זיך.

איך ווער צעטומלט. כ׳פֿאַרשטיי ניט, פֿאַרוואָס האָט ער מיר אָנגערופֿן זײַן פֿאַמיליע און זײַן נאָמען.

— כ׳קען אײַך! — זאָג איך, און כ׳גיב זיך אויך צו אים אַ בייג. נאָר כ׳הייב אפֿילו ניט אויף די אויגן, ווײַל זייער אַ סך באַזוכער האָבן זיך אָנגעשטעלט און קוקן אויף מיר דורכן דראָטענעם ווענטל.

— און אײַך ווי רופֿט מען?

— האַ? — דאָס ערשטע מאָל הער איך, אַז עמעצער זאָל מיר זאָגן „אײַך", „איר".

— אײַער נאָמען?

— אָשער.

— און אײַער פֿאָטער־נאָמען?

— עליע.

— אשער איליטש, — זעצט ער מיך אנידער. נאָר כ'זיץ ווי אַף טשוועקעס.

— כ'הײס אשער.

— אַטשעג פּריאַטנאַ, אשער איליטש, — און ער זאָגט מיר, אַז ס'איז אים זייער אָנגענעם צו ארבעטן מיט דעם הײנטיקן „מאַלאַדיאָזש".

— אַטשעג, — זאָג איך אים אויך, אַז ס'איז מיר זייער אָנגענעם צו ארבעטן מיט דעם „מאַלאַדיאָזש".

— וואָס־וואָס? — פארשטייט ער ניט, וואָס איך רייד צו אים.

גוט, וואָס מע קלאַפּט און מע רופט אים צום פענצטערל. ער שרייט צו אַלעמען, „ס'טשאַס", און צו מיר, כאָטש ער טשעפּעט מיך ניט, שרייט ער „איזוויניטיע". צום פענצטערל, צו די באַזוכער, גייט ער דאָך ניט צו. ער הייבט מיר אָן געבן קוויטאַריוסן, פרייז־צעטלען פון צייטונגען, פּלאַקאַטן.

כ'נעם זיי קוים צונויף. זיי פאַלן מיר פון די הענט. איך שאַר מיט די פיס, איך בייג זיך, איך מאַך צו אים מיטן קאָפּ, איך זאָג אים גיכער „דאָסווידאַניע", ווײַל פון הינטערן ווענטל לאָזט מען שוין גאָר ניט לעבן. עמעצער גוואַלדעוועט, אַז ס'איז ניט דערלאָז־באַר, וואָס צוליב מיר דאַרפן אַלע וואַרטן.

אבי איך בין ארויסגעגאַנגען פון פּאָטשט, דערפיל איך זיך ווי־דער זייער גוט. כ'זעץ זיך אַוועק אַפן גאַנעקל און לייג צונויף די קוויטאַריוסן מיט די זייער שיינע פּלאַקאַטן. איך לייג אַרונטער די פּאַפּירן אונטער דער פּאַכווע, און פּאַמעלעכן, מיט געמאָסטענע טריט, ווי דודאַריעוו, ווען ער גייט זונטיק פון קלויסטער, לאָז איך זיך אַי־בערן סאַמע מיטן מאַרק.

שטענדיק, אַז ס'איז מיר גוט, ווילט זיך מיר לאַכן. איך גיי דער־פאַר און שמייכל צו יעדערן, און כ'האַלט דערבײַ די פּאַפּירן אַזוי, אַז אַלע זאָלן זיי זען.

איך וויים אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר די ערשטע טיר, וואָס כ'האָב געעפנט — איז געווען די אַפּטייק.

די אַפּטייק געפינט זיך אַנטקעגן דער מיליציע.

כ'האָב זייער ליב די אַפּטייק. איצטער שוין ניט אַזוי, נאָר פריער פלעג איך קאָנען אָפּשטיין שאָענווײַז און קוקן אַפן שאָסיי דורך די פילקאָליריקע — רויטע, געלע, גרינע פענצטערלעך פונעם ווײַסן אָפּ־געפאַרבטן ווערענדעלע, נאָר ניט מיד ווערן צו באַטראַכטן דעם ניקל־

נעמ בליאסקענדיקנ שלאָס, דאָס בלויע גלעזערנע הענטל און דאָס גלעקעלע אפ דער גלעזערנער טיר.

כ׳קענ זייער גוט די אפטייק. אָפט פלעג מיכ שיקנ אהער די מאַמע. כ׳בינ א סאַכ מאָל געווענ דאָ, אינעמ שיינעמ צימער מיט די רויטע אָפגעפאָליטורטע שאַפעס, וואָס זײַנענ פאַרפולט מיט פאָרצעלײַענע און גלעזערנע סלויענ, פלעשעלעכ, שיסעלעכ, — כ׳האָב דאָ ניט איינ מאָל געוואַרט אפ א רעצעפט.

ס׳ווערט מיר נאָכ הײַנט טרויעריק פונ די גוט־באַקאַנטע רייכעס פונ יאָדע, פלאַסטערס, כלאָראָפאָרמ, וואָס דערמאָנענ מיר אינ פאַרווונדעטע רויטאַרמייער, אינ טיפ, פלענציע און אינ א קרענק, וואָס הייסט „איספאַנקע“.

נאָר בעסער פונ דער אפטייק קענ איכ דעמ סאָד. מיט פאַרמאַכטע אויגנ קאָנ איכ באַווײַזנ, ווו ס׳וואַקסנ די בוראַקוויצעס, ציגאַנקעס, ראַנעטנ, בערעס, לעקעס.

איבער די לעקעס האָט מיכ אמאָל דעמ אפטייקערס ווײַב געשמיסנ מיט קראָפעווע. זי האָט מיכ געשמיסנ, ווײַל די לעקעס זײַנענ זייער גוטע בארנ. ס׳איז נאָר שלעכט, וואָס זיי וואַקסנ אפ ביימער, הויכע, אויסגעצויגענע, ווי טאָפאָלנ, און מע קאָנ איבער זיי ברעכנ רוק־און־לענד.

דער אפטייקער האָט דעמלט זייער אָנגעשריִענ אפ זײַנ ווײַב. ער האָט מיכ אפילע גענומענ אפ די הענט און ארײַנגעטראָגנ א׳נ אפטייק. ער האָט מיר געגעבנ עטלעכע בוראַקוויצעס. כ׳פלעג צו אימ דערפאַר אלע מאָל ארײַנלויפנ. נאָר פונ איינ מאָל ביזנ צווייטנ מאָל פלעגט ער פאַרגעסנ מײַנ נאָמענ. און ביז איצטער פרעגט ער מיכ, וויאַזוי איכ הייס.

כ׳האָב אימ פונדעסטוועגנ ליב. גאָלדע זאָגט אפילע, אז ער איז זייער ענלעכ מיטנ פּאָנעמ אפ קאַרל מאַרקסנ.

אונדזער אפטייקער גייט אינ טיפע קאַלאָשנ, קאָנ קומענ אפ א פאַרזאַמלונג מיט א קאַפעליוש און מיט א פּאַראַסאָל, ער טראָגט זיכ עפעס א מינ ווײַבערשע זאַכ, וואָס איז אָנ ארבל, פאַרשפיליעט זיכ ניט און הענגט נאָר אפ די אַקסל.

ער גייט אפילע ניט דאַווענ, יאָמקיפּער נאָר טוט ער אָנ א טאַלעס — א שמאָלס, א זײַדנס, אזוי ווי א האַנטעכל, און גייט אינ בעסמעדרעש.

צוליב אימ, דעמ אפטייקער, ווייסנ בא אונדז אלע דעמ שרײַבער קאָראָלענקאָ. אפילע מײַנ מאַמע, וואָס לייענט נאָר דעמ טײַטש־כומעש.

ער האָט זייער ליב צו דערציילנ, ווי ער האָט זיכ געלערנט מיט קאַראַלענקאָנ אינ גימנאַזיע.

— זדראַסטעטיע, — ווײַל ער איז שוינ זייער אַנ אַלטער, קאָנ איכ אימ ניט זאָגנ כאַווער, — זדראַסטעטיע, — זאָג איכ אימ, — גרוזנבערג!..

— ביטע, — לייגט ער אַוועק דאָס ליקעלע, גייט צו צומ רויטנ פּאַליטורטנ פּלויטעלע, וואָס פאַר די שאַפעס.

— וואָס דאַרפנ זי? — הייבט ער אָנ ריידנ צו מיר דײַטש, גיט אַ בייג צו מיר זײַנ גרויסנ קאָפּ מיט דער אַרופּ־פאַרוואָרפענער געדיכטער גריווע. די קײַלעכיקע ווײַסע באָרד גיט מיכ אַזש אַ קיצל אינ פּאָנעמ. ער טוט אָנ די ברילנ, וואָס באָמבלענ זיכ בא אימ אַפּ אַ שוואַרצ שנירעלע.

— צײַטונגענ, — ווײַז איכ אימ אַפּ די קוויטאַריוסנ, — כ'וויל, איר זאָלט זיכ אונטערשרײַבנ אַפּ אַ צײַטונג.

— אַ־אַ, ביטע! — עפנט ער אַ פּאָרטקעלע אינעמ פּלויטל, הייסט מיר אַרײַנגייג, עפנט די שפּיגלדיקע טיר, וואָס פירט פונ אַפּטייק אינ זײַנ דירע.

ער הייבט אָנ שליאָפּענ גיכ־גיכ מיט די שטעקשיכ. די פיס זײַנענ בא אימ קורצע. די הויזנ, ווי זיי וואָלטנ דאַרפנ אַראָפּפאַלנ, האָבנ זיכ היגטנ צונויפגענומענ אינ אַ סאַכ קנייטשנ אונ שלעפּנ זיכ קימאַט אַפּנ דיל. די לאַנגע ווײַסע גריווע הענגט אַראָפּ ביז די אַקסל אונ באָמבלט זיכ.

איכ לויפ אימ נאָכ אַפּ די שפּיצ פינגער. אינ צימער בא אימ זעצ איכ זיכ אַוועק אַפּ אַ שפּיציקל שטול.

— אַכ, — קאָנ איכ זיכ ניט אײַנהאַלטנ, ס'פאַרכידעשנ מיכ די גרויסע ביכער־שראַנקענ, וואָס שטייענ אַרומ אַלע ווענט, אונ די שיינע קאַרטעס, וואָס הענגענ איבער די שאַפעס.

אַפּ די קאַרטעס — מענטשנ מיט הויכע שטערנס אונ ווײַסע בערד. בא איינעמ איז די באָרד אַ קירצערע אונ ניט קיינ ווײַסע, אונ די אויגנ זײַנענ באַמ מענטשנ שטילע אונ זייער גוטע.

— ס'איז קאָראָלענקאָ, האַ?

— איר האָט געלעזנ קאָראָלענקאָנ? — לייגט ער גלײַכ אַוועק דאָס צײַטונג־צעטל. — געלעזנ קאָראָלענקאָנ?

— דעמ בלינדנ מוזיקאַנט.

— דעמ בלינדנ מוזיקאַנט? אײַ־אײַ־אײַ... — כאַפּט ער אַרויס אַ טיכעלע. — איז וועמעס זײַט איר?

— עליע דעם מילנערס בין איך.
— איי, עליע דעם מילנערס! אָ, ווי גייסטרייך און רירנד, — הייבט ער אָן צוליינג דאָס טיכעלע צו די אויגן, — ווי רירנד־רירנד!
— און דאָס איז טאָלסטאָי! — ווייזט איך אָפּ נאָך א בילד, צוליב דער באָרד דערקענ איך טאָלסטאָיען אָפּ אַלע קאַרטעס.
— טאָלסטאָ־איען אויך? — שפּרינגט ער אַזש אויף. — טאַטיאַ־אנא־א! — גיט ער אַן עפן די טיר אין א צימער מיט א גרויסן הענג־לאָמפּ און מיט אַן אבאזשור.
— טאַטיא־אנא־א! — שרייט ער. נאָר קיינער רופט זיך ניט אָפּ.
— איי־איי־איי, ניעזאבוועני וולאדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש, — און גרויסע טרערן הייבן זיך אָן קייקלען און רינען איבער דער באָרד, — אָ, נעזאבוועני, — קוועטשט ער דאָס טיכעלע צו די אויגן.— ווי מיר האָבן גערדורשט מיט וולאדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטשן! ווי מיר האָבן געדורשט נאָך דיזער יוגענד, — לייגט ער צו די האַנט צום הארצן, און דאָס קאָל ציטערט אים.
— ניעזאבוועני, — כאַפּט ער ארויס א בריוו פון טישקעסטל, — דער לעצטער בריוו פון פּאָלטאווע, — און ער פארגייט זיך אינ־גאנצן, ווערט איינגאנצן פארגאָסן מיט טרערן.
כ׳ווייס ניט, וואָס וויינט ער אזוי. כ׳האַלט זיך קוים איינ, כ׳זאָל זיך אויך ניט צעוויינען.
— און דיזן, טשאַרלז דאַרווין, ווייסט איר אויך? — ווייזט ער מיר אָפּ אַן אַלטיטשקן מיט א באָרד.
כ׳ווייס ניט. כ׳מיין, אז ס׳איז נאָכאַמאָל טאָלסטאָי, און עס שטיקן מיך טרערן.
— דער געניאַלער דאַרווין!.. און דאָס איז העקעל. ערנסט העק־קעל און די וועלט־בארימטע „אַנטראָפּאָגעניע".
ער גיט זיך א לאָז מיטאַמאָל צו די שאַפעס. די שאַפעס זיינען פארשלאָסן. ער כאַפּט זיך אָן באַם קאָפּ, צעפּודלט די גרויסע קודלע.
— טאַטיאנא! באַזשע מאָי!..
נאָר די שליסלען, לאָזט זיך אויס, שטעקן אינ שאַפע. מיט ציטערנדיקע הענט צעעפנט ער די טירלעך.
— באָקל הענרי טאָמאַס, — הייבט ער אָן שלעפּן ביכער און לייגן זיי אָפּן טיש, — די פּרעכטיקע „געשיכטע פון דער ציוויליזאַ־ציאָן"... טיערי אָגיוסטען... ספּענסער...
— לעזט, לעזט! — בין איך שוין פארוואַלגערט מיט ביכער. — די וואונדערלעכע זשאָרזש זאנד... קליוטשעווסקי...

זײַנע אויגן לויכטן. ער איז צעטראָגן. ער שרײַט:

— ניעזסטאָווי בעלינסקי...

— דער גײַסטרײַכער מיכײַלאָווסקי, — שפּאַרט ער מיר א בוך, עפּשער פון א פּוד, — דער גרויסאַרטיקער גענאָלאָג ליאיעל...

— נאום גריגאָריעוויטש! — צעשרײַט זיך זײַן ווײַב, און ס'קלינגט דאָס גלעקעלע פון אַפּטייק.

— אָ, גאָט, — ציטערט ער אויף פונעם רוף, — ליאיעל! לעזט ליאיעלן. — איך האַלט שוין קוים די ביכער. — ענטשולדיקן זי! — און ער לאָזט זיך לויפן גיך־גיך, שליאַפּענדיק מיט די שטעקשיך. אַז איך גיי אַרײַן נאָך אים, שטייט ער שוין באַם קאָנטאָרקעלע מיט זײַן טויבנס און נעמט עפּעס א רעצעפּט בײַ א פויערטע.

— טאַטיאַנאַ, — וואַרפט ער גלײַך אוועק דעם רעצעפּט, — טפּענסערן לעזן זי... ליאיעלן... קאַק מי זשאַזשדאַלי, ווי געדורשט מיר האָבן דערלעבן דיזע צײַט... דיזע גײַסטרײַכע יוגענד...

און זײַן ווײַב ווישט זיך אויך די אויגן, שרײַט „גיושינקאַ" און הערט גאָר ניט אויף רײַסן די ביכער פון מײַנע הענט.

ער לאָזט זי אָבער ניט אָפּנעמען די ביכער. ער זאָגט איר „טאַ־ניעטשקאַ" און גיט מיר א רובל אָפּ אַן „איזוועסטיאַ". ער בעט מיך: „לעזן", „בילדן זיך", דריקט מיר די האַנט און זאָגט, אַז ס'איז זייער „רירנד די יוגענד"...

פון צעטומלטקײַט גיב איך אים אַפילו קיין קוויטאַנציע ניט. איך גיי אַרויס. איך גיי פּאַמעלעך, קעדיי ניט פאַרלירן ליאיעלן און די איבעריקע ביכער.

* * *

שטיל, די מאַמע זאָל ניט דערהערן, לייג איך אוועק די ביכער דורכן אָפענעם פענצטער.

א גליקלעכער, א צוגעלאָזטער און גוטער צו אַלעמען, לאָז איך זיך אין מאַרק, צווישן די צוויי רייען קלייטעלעך און רונדוקלעך.

איך זאָג אַפילו „א גוט־העלף" סראַליקס טאַטן, ביניאָמינען, וואָס דרייט זיך אַרום אָפּן שאַסיי, טאַפּט גלאַט אַזוי, פון געוווינשאַפט, אין די וועגענער, און פרעגט „פּאַטשאָם?".

ביניאָמין האָט שוין קיין קליימל ניט. ער האַלט א שטרויעלע אין די ציין. ער זיפצט. ער זאָגט, אַז ער איז ניט בעקויעך. נאָר פונדעסט־וועגן שרײַבט ער אויס „פאַר סראָליקן" אַן „עמעס".

איך זעץ זיך אוועק אַף דער שוועל פון אונדזער שכיינע כּנע־סאַ־רעם קליטל. ביניאַמינ זעצט זיך אויך אַראָפּ:

— אַשער, — קוקט ער, ווי איך שרייב די קוויטאַנציע, און זיין פּאָנעם ווערט דערביי, ווי ער זאָל זיך וועלן צעוויינען אָדער צע־לאַכן, — עפּעס הערט מען גאָרניט, אַשערל?

— וואָס זאָל זיך הערן? — הייב איך אויף צו אים דעם קאָפּ און זע, ווי ס׳ע גייען זיך צונויף אַרום מיר די קרעמערלעך, ווי ס׳ע ווערט אַ רעדל אַרום מיר:

— עפּעס נייס, האַ?

—כ׳מיינ, — זאָגט ביניאַמינ, — צי וועט מען אַרייננייין, אַשער, אין דער „פּאַלאַזשעניע”? עפּעס זאָגט מען, אַז מ׳ע וועט געבן ערד?

— אין דער וועלט רעדט מען וועגן אַ פאַבריקע... — קוקן מיר אַלע אין די אויגן.

— בענקלעך, — דערפיל איך זיך מיטאַמאָל גרויס, ווייל ס׳ערשטע מאָל ריידן מיט מיר אַזוי עלטערע מענטשן, — מ׳ע וועט מאַכן בענק־לעך. אַ פאַבריקע. און מ׳ע וועט געבן אַרבעט...

— און ערד אויך?

— אַוואַדע ערד! — שריי איך שוין אויס, כאָטש כ׳ווייס ניט וועגן דעם.

— ס׳איז די גאַזעטן שרייבן?

— די גאַזעטן, — ענטפער איך, — שרייבט אויס!.. און ס׳וועלן זיך אייך עפענען די אויגן, — הייב איך אָן פּאַכען מיטן קוויטאַ־ריום אינדערלופטן, — פינף און זיבעציק קאָפּעקעס אַן „עמעס”, פופציק — אַ „קאַמפּאַן”.

נאָר איך ווייס גאָר ניט, וואָס איז מיט מיין קוויטאַריום. דערזעט מען אים — אַנטלויפט מען פון אים ווי פון אַ סרייפע. און אין עט־לעכע רעגעס אַרום בלייב איך שוין נאָר מיט ביניאַמינען.

גיי איך שוין בעסער אַוועק. איך וויל שוין ניט גיין צו די קלייט־ניקעס.

* * *

בעטשעק איז פאַרנומען. עס זיצט בא אים דער באַלעבאָס פון דער האַרבאַרניע מייער קאַלון. איבער מייער קאַלון וועל איך שוין געוויס גאָרניט דערציילן בעטשעקן. כ׳האָב פיינט קאַלונען. ער איז בא אונדז פון די סאַמע רייכע און אָפּגעפּרעסענע.

פּונקט ווי אישטשענקאָ, ווענ כ׳בינ געווענ בא אימ, זיצט בעטשעק אָנגעשפּאַרט אינ טיש. דאָס פענצטער, ס׳זאָל אזוי ניט באקנ די זונ, איז פאַרהאַנגענ מיט צײַטונגענ. בעטשעקס פּאָנעמ איז דערפאַר טונקעלער, נאָכ מערער אָנגעכמורעט ווי אלעמאָל.

נאָר ער איז, בעטשעק, שוינ ניט פאַרלאָרנ, ווי בא אישטשענקאָנ. ער האָט זיכ אָנגעשפּאַרט מיטנ קאָפּ אינ די הענט, דער דאשעק איז אימ, ווי אלעמאָל, אָנגערוקט אַפּ די אויגנ. ער גיט אלע מינוט אזוי א קוק פונ אונטערנ דאשעק אַפּ מײער קאלונ, אז מײער קאלונ רעדט שוינ קוימ־קוימ צו הערנ.

— אַפּ נעמאָנעס, כאווער פּרעדסעדאַטעל,—און קאלונ שמייכלט, ציפּעט זיכ דאָס קורצע, קײַלעכיקע גרוי־ווערנדיקע בערדל.

ער זאָגט, אז מע ארט אימ ניט, וואָס מע נעמט צו בא אימ די הארבארניע, אז, אדעראבע, ער וויל גאָר, מע זאָל מאכנ בעקלעכ, און א ייִד זאָל האָבנ כאיונע... און דער „נאלאָג“, זאָגט ער, ארט אימ ניט. און ער הייבט אָנ שלעפּנ פּאַפּירעלעכ פונ דער זשיליעטקעשענע. — אדעראבע...

ער וויל נאָר וויסנ: פאַרוואָס האָט מענ זיכ אַפּ אימ אָנגעזעצט מערער ווי אַפּ די ראבינאָוויטשעס, צי אַפּ לייב טראָקאָוויטשער, וואָס ווערנ איצטער אָפּגעגילט...

נאָר בעטשעק קרימט זיכ, ווערט אומגעדולדיק. כ׳זע לויט זײַנע שטיינ־געבליבענע אויגנ, אז ער וועט זיכ באלד צעשרײַענ.

— מײערקע! — זאָגט ער אימ דאפּקע שטיל.

— הא?

— ווענ כ׳בינ ניט קיינ פּאָרזיצער, מײערקע, — און בעטשעק הייבט זיכ אויש אָנ רײַבנ די הענט, זײַנ לענגלעכ־אײַנגעפאלנ געזיכט ווערט פאַרפינצטערט, די אויגנ ווערנ טרויעריק, — ווענ כ׳בינ ניט קיינ פּאָרזיצער... וואָלט איכ דיר כאָטש אָנגעבראקעט... — און בעטשעק גיט זיכ א דריי, ווי ס׳וואָלט אימ מיטאמאָל קאלט געוואָרנ.

מײער קאלונ רוקט זיכ גלײַכ אָפּ. ער צעעפנט אזוי דאָס מויל, אז כ׳זע זײַנ צונג און די געלבלעכע ציינ.

— נו, אָשער, — לייגט אַפּ מיר בעטשעק ארופּ די האנט, — און בא דיר ווי האלטנ די געשעפטנ?

— גאָרניט, — קוק איכ אַפּנ דיל.

— גאָרניט, — הייבט ער מיר אונטער דעמ קאָפּ, — כ׳דערקענ עס נאָכ דײַנ מאָרדעטשקע, אָשערל...

— ניין, — זאָג איך אים, — ס׳איז גאָרנישט, בעטשעק. כ׳בין געווען...

— כאָטש עפּעס אויסגעשריבן?

— אויסגעשריבן... נאָר זייער ווייניק...

— אַ־אַ! — ווערט בעטשעק אָנגעצונדן. און פּונקט ווי אישטשענקאָ, צעשרײַט ער זיך מיטאמאָל — פאַרמאַכן עפּעטער דעם וואָקזאַל צוליב די באַלעגאָלעס?! עפּעטער צעטרײַבן די קאָאָפּעראַציע, ווײַל די קלייטניקעס זײַנען אָן ברויט?! עפּעטער אויס מאָנאָפּאָליע אַפּ לעדער?!..

— און איר פּרעסט! — פאַלט ער ווידעראַמאָל אָן אַפּ קאַלירען. — באַלמעלאָכעס קרענקען, און איר האָט פרײַער געזויפט און זויפט איצטער ווידער.

— און אין מיל ביסטו געווען? — פרעגט בעטשעק.

— ניין.

— וואָס הייסט ניין?!..

מיך דאַרף מען אָבער ניט בעטן. כ׳ווייס אויך, אַז מע דאַרף פרײַער פאַר אַלץ פאַרשפּרייטן צײַטונגען צווישן די אַרבעטער. כ׳זאָג, אַז כ׳לויף שוין אין מיל אַרײַן. און כ׳בין גאָרניט באַרויִקט, וואָס בעטשעק האָט זיך צעשרײַען אַפּ מיר.

ווי גיך איך קען ווערן טרויעריק, אַזוי גיך קאָן איך ווערן פרייִלעך.

* * *

כאָטש ס׳אַ היץ, נאָר כ׳בין ניט מיד. כ׳לאָז זיך אַראָפּ פּאַמעלעך פונעם באַרג און לאָז זיך גיין צו דער מיל, וואָס געפינט זיך פון יענער זײַט טײַך. הינטער מיר בלײַבן די בוינע און דער יִשעווראַט אַפן באַרג.

אין דער שלעפּעריקער באַטאַגיקער שטילקײַט פּראַטשעט מען ערגעץ גרעט. אַ רויט ציצן טיכל פון אַ וועשערין הייבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ צווישן די קוסטעס. געגנדז גיבן ווען־עס־איז אַ גאָגאָטשע און טוקן זיך, ווי ווײַסע פלעקן, צווישן די העל־גרינע לעפּעכעס, רויטע וואַסער־קווייטן און גרויע ווערבע־ביימער.

ס׳הייבן זיך דאָ אָן די באַלמעלאָכישע הינטערגעסלעך. דאָס שטעפּן פון אַ נייי־מאַשין, דאָס קלאַפּערײַ פון אַ שמיד, פון אַ סטעל־

מאכ, פונ א באַנדער מישט זיכ אוים מיטנ קריי פונ א האָנ, מיט א קינדערשנ קוויטש אונ מיט דער זינגעניש פונ א שנײַדער־מײדל.

נאָר פונדעסטוועגנ איז שטיל. באַלמעלאָכעס האָבנ איצטער ווײַ־ניק ארבעט.

מיט דער צעהוידעטער קלאַדקע גיי איכ אריבער דעם טײַכ אונ לאָז זיכ ארופּ דורכ די פּויערשע סלאָבעדעס צו דער מיל.

כ'פּארקערעווע אינ א שמאָל פּויעריש געסעלע, ווו געדיכטע סעדער פונביידע זײַטנ גיסנ זיכ צונויפּ איבער מיר, ווי א דאכ.

איבער די סעדער, איבער די הויכע ווײַנשל־ אונ קאַלינע־ביימער, וואָס וואקסנ דאָ אינ יעדנ הויפּל, זעענ זיכ איצטער קוים־קוים ארוים די ווײַסע נידעריקע מאזאנקעס פונ די אוקראַינישע פּויערים אונ יידישע באַלעגאָלעס.

פונעם געסעלע גיי איכ ארויס אפּ א טוווע־פּעלד.

אינ פּעלד דערזע איכ שוינ די דרײַשטאָקיקע געבײַדע פונ דער מיל אונ דעם קוים־אײַנגעפּאָרענעם וועג צווישנ די זאנגענ.

דאָ הערט זיכ דײַטלעכער די מיל־הודיערײַ, וואָס פילט אָנ די ארומיקע פּעלד־שטילקײַט.

שטענדיק פילט מיכ אָנ די דאָזיקע הודיערײַ מיט א פּײַערלע־כער, באַגײַסטערטער ציטערניש. די גרעסטע פרייד איז בא מיר געווענ, אז די מאמע פלעגט מיכ שיקנ אָפּטראָגנ עסנ דעם טאטנ. א יאָמ־טעוודיקער אונ א נײַגעריקער, פלעג איכ זיכ אופהייבנ צום טאטנ: א קוק טאָנ אפּ די רימענס, וואָס דרייענ די וואַלצנ, באַטראַכטנ די לעמפּעלעכ, וואָס ברענענ אָנ קעראָסינ אונ אָנ קנייטלעכ...

דערפאר בינ איכ אזוי מעקאנ:ע געווענ זיאמענ, וואָס לערנט זיכ אפּ א מאשיניסט אינ מיל. כ'בינ אים אזוי מעקאנע געווענ, אז כ'האָב אים ניט געקאָנט קוקנ אינ די אויגנ אונ כ'האָב אים אזש פײַנט באַקומענ.

נאָר איצטער, ווײַל איכ ארבעט שוינ אויכ, האָב איכ צו אים גאָרניט.

— זיאמע! — לויפּ איכ ארײַנ דורכ דער צעעפנטער טיר אינ מאשינ־אָפּטייל. אונ פאר זיאמענ — פאר אים דעם איינציקנ, הייב איכ זיכ אָנ באַרימענ, אז אישטשענקאָ האָט מיר געגעבנ ארבעט; אז בא מיר אינ פּאָטשט איז אויכ דאָ א מאשינ, א קלײנינקע מאשינ — א טעלעגראַפּ, וואָס טוקעט אויכ.

זיאמע שטייט פאַר מיר אינגאַנצנ א פארשמאַלצעוועטער, די

ארבל פארשארט ביז די עלנבויגנ, דאָס היטל מיטנ דאשעק פארוקט צום נאקנ. אינ דעמ דאָזיקנ אָנטאָנ זעט ער אוים עפּעס געזינטער און גרעסער ווי אַלעמאָל.

— א האנט! — באגריסט ער מיכ און דריקט מיר צונויפ די פינגער מיט ביידע הענט. ער קוועטשט מיט אַלע קויכעס, נאָך כ׳גיב זיכ ניט אונטער. כ׳בינ אויכ ניט קיינ שוואכינקער. איכ קוועטש אים אויכ די הענט, און ער קרימט זיכ אויכ ניט.

— שרײַב אוים א צײַטונג! — שרײַ איכ איבער די קלאַפּערײַ פון די צוויי הויכע גאז־גענעראטאָרנ, די זשומערײַ פון דער דינאמאָ און די געזונטע ברוסטיקע הודערײַ פונעמ באוועגער.

— באלד, אַשער, — כאפּט ער א בלעכנ טשײַניקל מיט א דינ לאנגיק פּיסקעלע און הייבט אָנ גיסנ אייל אינ די פארשיידענע מאַ־שינ־שפּארונקעס, נאָכדעמ הייבט ער אָנ ארומווישנ מיט א שמאטע די מאשינ.

ארום איז גרויסארטיק, ריינ. דער דיל איז אויסגעלייגט מיט פירעקיקנ קאַלירטנ קאכל.

די מאשינ ציטערט מיט דער גיכ־הודזשענדיקער גרויסער שווונג־ראָד, דורכ א ברייטנ גראָבנ רימענ ברענגט זי אינ באוועגונג אַלע וואלצנ.

— קום! — ווישט ער זיכ אָפּ די הענט אָנ די הויזנ, גיט זיכ א וויש מיטנ עלנבויגנ דאָס ברייטע פּאָנעמ, וואָס איז שווארצ און גלאנצט. נאָר די ציינ זײַנענ בא אימ מוירעדיק ווײַס און שרײַענ אזש פונ פרייד.

— דעמ „יונגוואלד“, — נעמט זיאמע ארוים פּאמעלעכ דאָס פּאַלערעסעקל. און ווי ער זאָל שפּײַענ אָפּ געלט, גיט ער מיר א קערבל.

ער פארייכערט נאָכ א פּאפּיראָס, לאָזט פּאמעלעכ ארוים רעדע־לעכ רויכ. און ביידע באשטימענ מיר נאָכ הײַנט אפּדערנאכט נע־מענ בולענ און גיינ אויסטרינקענ ביר אינ „פּיוונאיע“.

אָבער זיאמע טאָר מיט מיר לאנג ניט ריידנ. ער מוז אוועקגיינ צו דער מאשינ.

איכ בינ אויכ א פארנומענער.

איבערהיפּערנדיק צו עטלעכע טרעפּלעכ פּאראמאָל, שפּרינג איכ אַרופּ אפנ ברייטנ גאַנעק פונ דער מיל.

דער גוט־באקאנטער ראש כאפּט מיכ גלײַכ אונטער. כ׳הייב

זיך אָנ שפּארנ צווישנ די פּויערימ, וואָס, איבערשרײַענדיק אײנער דעמ אַנדערנ, טראָגנ זײ ארופ־אונ־אראָפּ זעק טווע, מעל אונ קלײַען.

אלע זײַנען ווײַס. די מעל האָט אפילע פּארפּאָראָשעט די קלײנע פּירעקעכיקע שײַבעלעך פונ די גרויסע מיל־פּע:צטער. ס'מוז דערי־בער ברענגענ עלעקטרע.

אזוי ווי ווײַנפּערלעך, הענגענ די שײַנענדיקע לעמפּעלעך אונ־טער די פּארפּאָראָשעטע אונ מיט שפּינוועבס־באַקלעפּטע סטעליעס.

די לעמפּעלעך וויגנ זיך, ציטערנ פונ דער הודזשערײַ פונ די צוויי רייענ וואלצנ אונ פּילצאָליקע רימענס, וואָס שווינדלענ אינ־דערלופטנ.

— גאזועטעס! — צעשרײַ איך זיך איבער דער גאנצער מיל, אז ס'ווערט מיר אזש טרוקנ אינ מויל.

— כאוועך פּאָליעוואָי, — דערפריי איך זיך מיט מײלעכנ, מיטנ לאנגנ דארנ פּאָרזיצער פונעמ „פּישטשעווקום”, — אישטשענקאָ, בעטשעק האָבנ אָ:געזאָגט, מע זאָל אויסשרײַבנ צײַטונג־ע־ענ!!!

— הא?

— בעטשעק האָט געהייסנ, אז אלע ארבעטער זאָלנ אויסשרײַבנ צײַטונגענ!

— ס'ט שרײַענ אפ דײַנ באָבענ, — ווערט ער אינ קאס אונ שטעלט אָפּ זײַנ וואלצ־מאשינ, — וואָס שרײַסטו!? כ'וויס אָנ דײַנ בעטשעקנ וואָס צו טאָ:!..

ער האָט פײַנט, אז מע לערנט אימ. מײלעכ איז אלײנ א פּאָר־זיצער פונ די פּישטשעוויקעס.

— קומ, — גייט ער מיט מיר צו צומ טישל פונעמ „פּר:אָמ־שטשיק”, וואָס שטייט באמ סאמע ארײַנגאנג. ער נעמט באמ „פּר:אָמשטשיק” א בויגנ פּאפּיר.

מײלעכס קאָפּ איז איצטער העכער פונ אלע קעפּ. ער קוקט זיך בייז ארומ אפ אלעמענ. ער שטייט א גרויסארטיקער אינ זײַנ ציצע־נער ספּעצאָווקע־שליאפּע, וואָס זעט אויס, ווי א טשיפּעק. ער האָט נאָכ ארויסגעשטעלט א פוס מיט א פּארמעליקטנ שטיוול.

— :א, — דערלאנגט ער מיר א בויגנ פּאפּיר, — שרײַב —‥ פּאָליעוואָי מײלעכ.

— וואָס פּאר א צײַטונג?

— א פּראָפּסאָיוזנע.

— „טרוד”, — זאָג איך אימ.

— שעפּטל נעפּטיק פּארשרײַב!

נאָר דער „פּראָמשטשיק" שעפּטל נעפּטיק זאָגט, אז ער זעט נים.

— וועסט קויפן ברילן, — זעצט אים אוועק מיילעכ, — גיב אים א בלאט מיט גרויסע אויסיעס.

— „קאָמפּאָן"!

— גאָלד מיט זילבער...

— אפאנאסיענקאָ וואסיל! — צעשרייט זיך מיילעכ.

— שאַ טאַקע? — קומט צו לויפן וואסיל.

— גיב אים א וואָלוועלע און מיט גרויסע בוקוועס.

— „געזאמאָזשניק".

— „ראבאָטשאיא גאזעטא", — שרייט וואסיל.

— „ראבאָטשאיא גאזעטא", — כאַזערט איבער מיילעכ. ס'לויפן זיך צונויף די ארבעטער.

— הענעכל שרייבמאַן... דאָרפמאַן... זאָזוליא... — האלט איך אין איין פארשרייבן. כ'האָב שוין איבערגעשריבן די ארבעטער פון ערשטן שטאָק, פונעם צווייטן שטאָק.

— פּולקעס עליע! עליע! דיין בענאַק איז דאָ! עליע!

— באלד, — ענטפערט אים דער טאַטע, וואָס קריכט מיט א גרויסן זאַק טוווע אָפּ די וואלץ-טערעפּעלעך.

ער גיט, דער טאַטע, א דריי צו אונדז די לאנגע באָרד. דאָס פּאָנעם ארום די אויגן איז איצטער רויט-אָנגעגאָסן מיט בלוט. די אָדערן האָבן זיך אים אָנגעדראָלן אפן שטערן. די מוסקולן האָבן זיך בא אים אָנגעצויגן אָפּ די פארקאַטשעטע הענט.

— וואָסי, מיילעכ? — שיט ער אויס די טוווע אין די וואלצן.

— שרייב אויס א בלאַט באַם זון!

— דעם „עמעס"! — שריי איך צום טאַטן.

— זאָל זיין דעם „עמעס"... שמייכלט...

ס'קומען זיך צונויף נאָך ארבעטער. זאַלמען קאַזאַן, וואָס איז שוין זייער אן אלטער, הייבט אָן טשמאָקען מיט די ליפּן און וויל זיך מיטאמאָל דערוויסן באַם טאַטן, צי בין איך באַרמיצווע.

— זאַלמען קאַזאַן... צאָדעקל קאַמענשטיין... פּיליפּ באַראָווטשוק... דאָווידל בערשאַדסקי... פּראָזשמאַ וולאַדיסלאַוו...

און קוים וואָס כ'באַוויז נאָך פארשרייבן, רופט מיך שוין מיילעכ אין קאָנטאָרל, ווו דער בוכהאַלטער דאַרף מיר באַצאָלן פאַר די צייטונגען.

אז איך הייב זיך שוין אָן אַראָפּלאָזן און קוק זיך אום אפן טאַטן, זע איך, ווי ער שטייט איינער אַליין בא די הויך-ראַשנדיקע וואלצן.

ער זעט אפילע ניט, ווי די מעל דורכנ זשאָלעבל שיט זיכ שוינ איבער דער ערד, ווי דאָס קלײַנע פילט שוינ איבער דאָס זעקל.

ער שטייט א ווײַסער, א פאַרמעליקטער. דער לאַנגער פאַרטעכ מיט די צוויי פאַסיקלעכ אפ די אַקסל מאַכט אימ עפּעס העכער אונ אַנדערש, ווי שטענדיק. איבער אימ שווינדלענ הודזשענדיק די רימענס פונ דער טראַנסמיסיע. די זונ־שײַנ דורכ די פאַרדראָטלטע פענצטערלעכ בלישטשעט ארומ אימ מיט דינע שטויבעלעכ. דאָס עלעקטרישע לעמפּל רינגלט אימ ארומ מיט א רויטלעכנ ליכט־גלאָק. זײַנ שאָטנ, א לאַנגער, אַנ איבערגעבויגענער, פאַלט אפ דער וואַנט אונ אפ א שטיק סטעליע.

דער טאַטע רירט זיכ ניט. ער דרייט צונויפ מיט דער רעכטער האַנט די לאַנגע באָרד אונ קוקט זי פאַמעלעכ. זײַנע טיפע אײַנגע־פאַלענע אויגנ קוקנ דערבײַ אפ מיר גליקלעכע, פאַרטראַכטע אונ בעטנדיקע. פונ פאַרווונדערונג כאַפּ איכ זיכ אזש אָנ אינ דער טרעפּ־פּאַרענטשע.

— טאַטע! די מעל שיט זיכ! — ווײַז איכ אימ אפ די וואַלצנ.

ער ציטערט אופ פונ מײַנ געשריי, פאַרלירט זיכ עפּעס אונ לאָזט זיכ אפּגיכ גײַנ נאָכ א נײַ זעקל.

איכ לאָז זיכ לויפנ אינ קאָנטאָר. נאָר אז כ'לויפ שוינ צו אהינ, גיט זיכ א צעעפנ די טיר, אז ס'הייבנ אזש אָנ קלינגענ די שויבנ. ס'לויפט מיר ארויס אנטקעגנ מיילעכ. ער זאָגט, אז ער האָט שוינ אָפּגערעדט מיטנ בוכהאַלטער אונ אז מע וועט מיר באַלד געבנ געלט.

אז איכ גיי ארײַנ אינווייניק, זע איכ, דער גראָבער יאַדעשלי־ווער בוכהאַלטער טראַכטנבערג ווישט זײַנ גלאַנציקנ נאַקעטנ שאַרבנ אונ ציילט דאָס געלט פאַר מיר.

נאָכעמ לייטעס, וואָס איז שוינ ניט דער באַלעבאָס, נאָר האַלט די מיל אינ אַרענדע, שטייט עפּעס א דערשראָקענער. ער שטייט א הויכער, אָנגעטאָנ אינ א לאַנגנ צעקנייטשטנ סורדעטל. ער טראָגט עפּעס א פּאָר סקאָראָכאָדנ, דורכ וועלכע סע זעענ זיכ ארויס די צע־ריסענע שקאַרפּעטקעס. די לאַנגע צוויי־שפּיציקע באָרד איז צוגע־בויגנ צו דעמ צעכראַסטעטנ א ביסל קוויטיקנ העמד.

אַלע בורזשויענ טוענ זיכ איצטער אָנ ווי שמאַטניקעס. זיי האַלטנ אינ אײַנ קרעכצנ. לייטעס שרײַט אפילע, אז ער דערלייגט צו דער אַרענדע: „אז סע זאָל אזוי האַלטנ דעמ פּראָפסאָיוז באַמ בויכ, ווי די מיל האַלט מיכ".

— א גאַזעט, נאָכדעמ לייטעס! — רוק איכ אימ דעמ קוויטאַריוס.

— ביסט דאָך עפּעס א טאטנס א קינד?! ווו זאָל איך נעמען?— ציט ער אויס די הענט, און זײַנע פּאָנעמ ווערט א ווײנענדיקס. — ביסט דאָך עפּעס א בארדאס, אָשער? דער „ביידער" (ס'מיינט ער דעמ „בראָנ" און זיאמע) צאָפּט פון מיר דאָס בלוט? הײַנט סבי־רעס, — הייבט ער אָן אײַנבייגן מיט דער רעכטער האנט דעמ די־נעמ פינגער, — האָסטו איינס; שטײַער אפ קולטורע — האָכטו צוויי; „פּאָדאָכאָדנעמ" — האָסטו דרײַ; נאָכדעמ גלאט נאלאָג — האָסטו שוין פיר; סאָצסטראך — האָסטו פינף; ארענדע, — הייבט ער שוין אָן אײַנבייגן מיט דער לינקער האנט די פינגער פון דער רעכטער האנט, — האָסטו שוין זעקס; אלעמאָל א שטראָפ — האָסטו ניט זיבן? א „בלעטל" — האָסטו אכט; הײַנט רעמאָנט, דאָס־יענץ— האָסטו נײַן?! און ווו בין איך?!! — צעשרײַט ער זיך מיטאמאָל, הייבט אָן הוסטן — און א נײַער נאלאָג — שוין גאזעטעס גאר!

— ווער נייט אײַך? — ווערט אינגאנצן רויט דער בוכהאל־טער. — וואָס לאָזט איר מיך ניט ארבעטן, וואָס?

— ריבוינע־שעל־אוילעמ, מעשוגע צו ווערן, — זעצט זיך נאָכעמ לייטעס אראָפּ אפן טאבורעטל, כאפּט אראָפּ דאָס היטל און בלײַבט זיצן אין דער יארמלקע, — ווי מע עסט דאָס מיך לעבעדיקערהייט... און וואָס מע מאכט פון א וועלט!

נאָר כ'וויל אימ אפילע ניט אויסהערן.

כ'גיי גלײַך ארויס פון קאָ־טאָרל און לאָז זיך מיט א שמאָלער מעזשע אין שול ארײַן — צו גאָלדען.

איך גיי צו גאָלדען דורך די פעלדער, ווײַל מיט די פעלדער איז נעענטער, און כוץ דעמ געפעלט מיר אזוי.

ס'איז נאָך ווײַט צו „זשניווא". ס'איז דערפאר קיינער ניטאָ. נאָר די לערכע־פייגעלעך הענגען אזוי ווי אפ שטריקעלעך איבער די טוועס. און אפילע די שרעקעוודיקע, שמעגדיק פארנומענע טריאסאָ־גוזקעס פליען ארומ מיר, האָבן קיין מוירע ניט, יאָגן זיך נאָך באר־בעלעך און קאָמארן.

ווו־ניט־ווו, אין דער זײַט, האלב־פארטרונקען אין די טוועס, זעען זיך שטרויענע דעכער פון דאָרפישע כאטעס, א קוימען, א קרע־נעצע־זשוראוול. ס'טוט מיר זייער באנק, וואָס איך זע איצטער ניט, ווי בא אלע פעלקער, קיין ייִדישע הײַזער אפ די פעלדער.

כ'לייג זיך אוועק אין דער טווע. איבער מיר ציען זיך דינע, לענגעכיקע שטיקלעך כמארע, וואָס זעען אויס ווי וואטענע. ארומ מיר קלאפּן און שורעווען די זאנגען. א קליין רויט זשוקעלע מיט

שוואַרצע פּינטעלעך — אַ מוישע־ראַבײנו־קיעלע זעצט זיך אַוועק אויף מײַן פּנים, קיצלט מיך מיט די זעקס דינינקע פֿיסעלעך, און כ׳טרײַב עס אַפֿילו ניט אַוועק.

כ׳וואָלט לאַנג אַזוי אָפּגעלעגן, נאָר ס׳הייבט זיך אָן זעצן די זון. אַז כ׳גיי אַרויס צו דער שול, איז די זון שוין נאָענט צו דער ערד, און די שטראַלן ציִען זיך ווי אַ וואַנט איבערן טראַקאָוויטשערס סטאַניע, איבער זײַן נידעריקער שטוב און איבער דעם גרינעם דאַך פֿון דער שול.

* *
*

אַרום דער שול איז שטיל. ס׳זײַנען שוין ענטלעכע טעג קאַניקולן — און קיינער איז ניטאָ.

בײַ דער פֿאָרטקע טרעף איך זיך נאָר מיט אונדזער שטומער אופֿראַמערן מאַטילדע. זי טופּעט אַרום אַ באָרוועסע, מיט די גראָבע רויטע פֿיס. דאָס אייבערשטע קליידל איז פֿאַרשטעקט. זי האַלט אַ טשעמאָדאַן אויפֿן אַקסל. כ׳דערקען גלײַך, אַז ס׳איז גאָלדעס טשעמאָדאַן.

ס׳פֿאַרוווּנדערט מיך, ס׳גיט מיר עפּעס אַ טיאָכקע און ס׳דערשרעקט מיך.

די טיר פֿון גאָלדעס צימערל איז האַלב־אָפֿן. כ׳דאַרף אַפֿילו ניט אָנקלאַפּן. נאָר גאָלדע באַגעגנט מיך זייער ניט פֿרײַנטלעך. עפּעס אַזוי ווי דערשראָקן גיט זי זיך אַ דריי צו מיר, ווערט אומצופֿרידן.

זי זיצט אינמיטן צימער אויף אַ פּעקל צונויפֿגעבונדענע ביכער. לעבן איר שטייט אַ צעעפֿנטער טשעמאָדאַן. זי גיט אים גלײַך אַ פֿאַרמאַך.

— גאָלדע, — גיי איך צו, — איר פֿאָרט ערגעץ, גאָלדע?

— וואָס דאַרפֿסטו? — גיט זי אַ קוק אויף מיר בייז, כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט אָן טיש. און קרימענדיק זיך, ווי עפּעס זאָל איר וויי טאָן, זעצט זי זיך אַוועק אויף אַ בענקל.

— כ׳בין געווען בײַ אישטשענקאָן, גאָלדע. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון מאַגידן...

— כ׳ווייס!

— און געהייסן מיר פֿאַרשפּרייטן צײַטונגען...

— צײַטונגען? — גיט זי קוים אַ שמייכל, ווערט אַ ביסעלע פֿרײַנטלעכער.

— בין איך געקומען, איר זאָלט אויך אויסשרײַבן.

— גוט, אַשער, — נעמט זי בא מיר דאָס צעטל, הייבט אָן אָפּ־ציײכענען מיט א בלײַפּעדער. נאָכדעם שרײַבט זי מיר אָן א צעטעלע, זאָגט מיר, אז אין בילדונגס־אָפּטייל וועט מען מיר באַצאָלן.

— איז גיי איך, גאָלדע, — וויל איך שוין אַרויסגיין.

— וואַרט נאָר, — פאַרהאַלט זי מיך, גיט זיך פריִער א וויש מיט דער האַנט דעם שטערן, קוקט מיר לאַנג אין די אויגן, נאָר זאָגט מיר גאָרניט.

כ'קאָן ניט פאַרלײַדן, כ'האָב פײַנט, אז מע קוקט אָפּ מיר.

די לעצטע באַראָשים איז גאָלדע עפּעס אומעטיקער געוואָרן, געוואָרן עפּעס אויפגערעגטער. קאָן ווערן מיטאַמאָל בייז און גלײַך זיך אליין פאַרכאַפּן. זי איז געוואָרן בלייכער, די אויגן בא איר — טיפער.

— כ'בין אויסגעמאַטערט, אַשערל, כ'פּאָר זיך אָפּרוען איצטער...

— יאָ, גאָלדע, איר זײַט שוין עפּעס ניט אזוי ווי אַלעמאָל.

— וואָס הייסט?!

— איר זײַט אויסגעמאַטערט, — ווייס איך ניט, וואָס זי האָט אזוי אויפגעציטערט.

— און מע דערקענט? — כאַפּט זי דאָס שפּיגעלע, קוקט לאַנג־לאַנג אָפּ זיך, הייבט אָן צו גלעטן צוויי קנייטשעלעך, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַרום איר אייבערשטער ליפּ, הייבט זיך אָן פאַרשאַרן די האָר.

— איז פאָר איך, אַשערל... און כ'האָב צו דיר א ביטע...

— האַ? — הייב איך זיך אַזש אויף, גרייט צו טאָן פאַר איר אַלץ, וואָס זי וועט מיך בעטן.

— כ'פּאָר זיך אָפּרוען... און ניט ווײַט פונדאַנען... נאָר כ'וויל ניט, מע זאָל זיך דערוויסן, וווּ כ'וועל זײַן... מע וועט ניט לאָזן אָפּ־רוען... ניט אישטשעקאַ, ניט קיינער וועט מיך ניט לאָזן צורו. און דיר וועל איך זאָגן... אָבער דו גיסט א וואָרט? האַ?

— כ'וועל ניט דערציילן, גאָלדע, — ווער איך גרייט אפילע דעם קאָפּ אָפּגעבן, נאָר קיינעם ניט דערציילן.

— בא מאַטילדען, אַשערל... און ווייסט דאָך, דאַכט זיך, וווּ זי וווינט...

— פון יענער זײַט אײַזנבאַן־בריק... כ'בין דאָרטן געוועזן... כ'ווייס...

— איז גוט, אַשערל. ווען דו קומען צו מיר. ברענגען מיר צווי טונגען... טאָמער בריוו...

זי גיט מיר די האַנט. זי הייסט מיר גיין. זי לאַכט אפילע. זי זאָגט מיר, אַז זי וועט זיך פאַריכטן, און מע וועט זיך ערשט נעמען צו דער ארבעט...

* *
*

ערשט אפּדערנאַכט, נאָך דעם ווי כ'בין נאָך געווען אין פאַרש־קאָם, אין פאַריין, בא די קוסטאַרן, בין איך צוגעגאַנגען צו דער פּאָטשט. אין פּאָטשט איז שוין געווען פינצטער. איך בין דערפאַר אוועק און אָנגעקלאַפּט אין דער הינטער־טיר.

דוראַריעוו האָט מיך א מאָל צען איבערגעפרעגט: „קטאָ?" און „קטאָ טאַם?". אַז ער האָט שוין געעפנט די טיר, האָט ער זיך אָנ־געהויבן קרימען, געפרעגט פאַרוואָס עפּעס אפּדערנאַכט.

נאָר ער האָט פונדעסטוועגן גענומען מיך פאַר דער האַנט און דורכגעפירט דורך א שלאָף־צימער, וווּ זיין אַלט ווייב, אין עפּעס א מאָדנעם טשיפּעק, איז געזעסן א דערשראָקענע און געקוקט אָפּ מיר מיט פאַרוואונדערט אויסגעראַטשעטע אויגן.

אין פּאָטשט האָט דער נאַטשאַלניק אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. ער איז געווען פאַרשלאָפן. ס'איז שוין גאָר געווען ניט דער דוראַריעוו, וואָס שטענדיק. אָנגעטאָן אין א כאַלאַט, אָן א מונדיר און אָן דעם היטל, וואָס מיטן העמערל און אָפּצווענגעלע, איז ער געוואָרן ענלעך אָפּ א זקיינע. שווערע און אָנגעפלאָזענע הענגען אַראָפּ די זעקעלעך אונטער די אויגן, די ליידיקע באַקן און די ליידיק־געוואָ־רענע פאַלדן אונטערן בערדל.

די פּאָטשט איז אויך ניט צו דערקענען. דער איבערגעצוימטער צימער מיטן דראָטענעם ווענטל ווערט קוים באַלויכטן פונעם לאָמפּ. סע קלאַפּט נאָר דער גרויסער וואַנטזייגער, ס'טוקעט דער טעלע־גראַף־אַפּאַראַט.

— כאַווער דוראַריעוו, — הייב איך אָן שלעפן זשמעניעסווינז דאָס געלט פון די קעשענעס. איך דערלאַנג אים אויך די קוויטאַ־ריוטן, די פּלאַקאַטן.

— אָט זיינען די אַבאָנענטן!

דוראַריעוו כאַפּט גלייך אַרופּ זיינע ברילן אָפּ דער בראָדעווקע־

נאָז, גיט אַ קוק אַף מיר מיט זײַנע גרויס־געוואָרענע אויגן, גיט נאָכדעם אַ קוק אַפן געלט, כאַפּט די „שטשאַטעס".

— אַטשעגאָ סלאָוונאַ — הייבט ער אָן שפּײַען צו זיך אַף די פינגער, נעמט אויסגלעטן דאָס אויסגעקנייטשטע געלט, לייגט צונויף אין סטויפּטשיקלעך דאָס מינץ.

— סלאָוונאַ, — און נאָכדעם זאָגט ער: — בלאַגאָדאַרסטוויו... — און ווערט אַפילע זייער גערירט.

— עטאַט אישטשענקאַ, — קוקט ער אַף מיר אַ דערשראָקענער, — טאַקאַי ניעוואָזדיערזשאַני, — און ווי ער וויל זיך, דודאַריעוו, איבערציילעמען.

— פּאָזשאַלויסטאַ... אַכט רובל מיט פינף און נײַנציק קאָפּיקעס, — הייבט ער מיר אָן מיטאַמאָל שטופּן געלט אין האַנט אַרײַן.

— טאָוואַריש דודאַריעוו? — דערשרעק איך זיך אַזש, ווײַל כ'ווייס ניט, פאַרוואָס קערט ער עס מיר אום.

— זשאַלאָוואַניע!

— מיר? — פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס ער דאַרף מיר געבן געהאַלט.

— צען פּראָצענט, — קוקט ער אַף מיר אַ צעטומלטער, — נײַן און אַכציק רובל מיט פופציק קאָפּיקעס. און מער טאָר איך ניט.

איך נעם אַ דערשראָקענער דאָס געלט. כ'פאַרגעס אים אַפילע זאָגן אַ גוטע נאַכט.

אַז כ'גיי אַרויס, האַלט איך זיך קוים אײַן, כ'זאָל ניט אָנהייבן לויפן. כ'סטאַרע זיך גיין פּאַמעלעך. כ'גיי דורכן שאָסיי אַהיים. איך טרעף אָן שפּאַצירנדיקע. ס'איז מיר מאָדנע, וואָס קיינער קוקט זיך ניט אום אַף מיר און קיינער וווּנדערט זיך ניט.

כ'שטיי לאַנג־לאַנג לעבן אונדזער טיר. כ'וויל ניט, ס'זאָל מיר קלאַפּן אַזוי דאָס האַרץ, כ'וויל, כ'זאָל זיך אַ ביסל באַרויִקן.

אַז כ'גיי אַרײַן אין שטוב, שלאָפט מען שוין. דאָס לעמפּל איז אײַנגעדרייט. איך סטאַרע זיך האַלטן וואָס פּאַשעטער, געווייניקער.

נאָר אַז כ'דריי אַרויס דאָס לעמפּל, כאַפּט זיך אויף די מאַמע. זי שלאָפט אינעם אָנטאָן. זי לויפט גלײַך אַראָפּ מיר געבן עפּעס עסן. דער טאַטע האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט, זעצט זיך אויף אַפן בעט.

— נאַ, מאַמע! — נעם איך אַרויס דאָס געלט פון קעשענע, גיב עס אַ וואָרף אַפן טיש, ווי סע זאָל קלוימערשט ניט האָבן בא מיר קיין שום ווערט. — „זשאַלאָוואַניע"! — זאָג איך — סכירעס!

— בעט מיר אויס! — סטאַרע איך זיך װערן שטרענג. — איך בין מיד, מאַמע!

נאָר כ'בין ניט מיד. כ'װאָלט געקאָנט איצטער איבערקערן די שטוב. און קעדיי דער טאַטע און די מאַמע זאָלן ניט דערקענען, גיי איך אַרײַן אין קיך. לאַנג־לאַנג האַלט איך זיך אין אײַן װאַשן. כ'גיס קאַלטן ברונעם־װאַסער אַפן הייסן קאָפּ, איך רײַב זיך לאַנג מיטן האַנטעך. כ'זע, װי די מאַמע הייבט אָן אַרומגיין אַף די שפּיץ פינגער. זי בעט מיך, כ'זאָל עפּעס עסן. נאָר כ'זאָג איר, אַז כ'האָב שוין אָפּגע־געסן. ס'קריכט מיר איצטער ניט דאָס ברויט אין מויל. איך װאַרג זיך אַזש.

כ'טו זיך גיך אויס, פאַרגראָב זיך אין קישן און דעק זיך איבער מיט דער קאָלדרע. כ'װיל ניט, זיי זאָלן איצטער זען מײַן פּנים.

כ'הער, װי די מאַמע און דער טאַטע ריידן. זיי ריידן װעגן אָפּ־נייען מיר אַ שװאַרץ געװענטן גאַרניטערל, מיט אַ שװאַרץ היטל, װײַל כ'װאַקס, קיין אײַנאָרע, און אַלצדינג װערט קליין אַף מיר. די מאַמע װיל נאָר, דער טאַטע זאָל באַשטעלן פאַר מיר אַ פּאָר שיך מיט בענדלעך, װײַל כ'בין שוין ניט קיין קינד און דאַרף ניט גיין אין קאַראַקולעך. נאָר ניט לאַנג הער איך, װאָס זיי ריידן. איך הייב אָן עפּעס צעגיין, צעשװוּמען װערן, און װי די גאַנצע װעלט זאָל זיך איבער מיר איבערבייגן, האַלדזן מיך און אײַנװיגן מיך, װער איך אַ גליקלעכער אײַנשלאָפן.

װאָס איז מיט גאָלדען?

איך קאָן ניט אײַנזיצן. איך קאָן ניט ריידן. איך האָב איצטער זייער קיין צײַט ניט. בעטשעק איז גאָר פאַרנומען. ער גייט ניט אַרויס פון דער האַרבאַרניע.

דער טאַטע אַרבעט באַטאָג — לויפט ער אין האַרבאַרניע אָפּ־דערנאַכט. די מאַמע שרײַט, אַז מ'האָט איר שוין פאַרבענקלט דעם קאָפּ. ס'האָט מען געמאַכט בײַ אונדז אין שטעטל אַ פאַבריקע פון בענקלעך.

כ'האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַ פאַבריקע איז אַזאַ. אַ פאַבריקע, האָב איך געמיינט, האָט אַ סאַך, אַ סאַך פענצטער, אַ סאַך קוימענס, און שטענדיק גייט פון זיי אַ רויך. און בײַ אונדז

גייט קוימ א רויכ. דאָס אויכ ניט אַלע טאָג. אונ פענצטער איז אויכ ווייניק פאראנ.

די פאבריקע האָט מענ געמאכט אינ מייער קאָלוגס הארבאַרניע. פריִער האָט ער געזאָגט, אז סע ארט אימ ניט... נאָר אז מע האָט אָנ־געהויבנ פארשיטנ די ביטנ, האָט זיכ מייערקע געוואָרפנ שלאָגנ, געמאכט גוואלדנ. אפילע שײַקע מיט זײַנ באנדע איז אימ געקומענ צו הילפ. ס׳איז אָבער אָנגעלאָפנ מיליציע. ס׳איז געקומענ בעטשעק. שײַקע איז אנטלאָפנ. דערפאר האָט מענ קאָלונענ אײַנגעזעצט אפ עטלעכע טעג, אונ ער איז שטילער געוואָרנ, כאָטש ערשט איצטער מעג ער שרײַענ: זײַנ הארבארניע האָט מענ צעטיילט אפצווייענ. אינ איינ העלפט האָט מענ פארהאקט די פענצטער, אויסגעלייגט אינווייניק מיט ציגל. ס׳איז דאָרטנ געוואָרנ פינצטער. מע פארעט אונ מע קאָכט דאָרטנ יאסינע, נאָכדעמ בייגט מענ זי, די יאסינע — מע מאכט אָבעדעס פאר רעדער, דוהעס אונ דאָס סאמע וויכ־טיקסטע — פיסלעכ אונ רעדלעכ פאר בענקלעכ. אינ דער צווייטער העלפט קאָנ מענ שוינ גאָר ניט ארײַנגייִנ. כ׳האָב קיינמאָל ניט גע־זענ אזויפיל בענקלעכ. טונקל־ברוינע אונ העל־געלבלעכע, שטייענ זיי סטאָסנווײַז.

בעטשעק האלט זיי אינ איינ פרווונ. ער האלט אינ איינ ארומ־לויפנ פונ איינעמ צומ צווייטנ. ער איז נאָכ קיינמאָל ניט געוועזנ אזוי פריילעכ אונ צוגעלאָזנ ווי איצטער.

ער האָט אפילע ארויסגערופנ דעמ מאשיניסט פונ מיל — דעמ קלייניגקנ אויסגעשמירטנ סוואשעק. זיאמע איז אויכ געקומענ, אינגאנצנ א פארשמאָלצעוועטער, מיט א מעשענעמ הודאָק. בעטשעס וויל זייער, ס׳זאָל פײַפנ. אונ איכ וויל אויכ. אלע ווילנ עס, ווײַל אומעטומ, זאָגט מענ, פײַפנ פאבריקעס אונ רופנ פארטאָג צו דער ארבעט.

דער מאשיניסט פונ מיל זאָגט אָבער, אז מע דארפ דאמפ. אונ ס׳איז דאָ דאמפ. מע קאָנ אזש דערשטיקט ווערנ אינ פארניע. נאָר צומ פײַפנ טויג ער ניט.

בעטשעקס בלאָוו היטל מיטנ גלאנציקנ דאשעק, וואָס איז צו־געבויגנ צומ שטערנ, הערט גאָר ניט אופ ארומצושווימענ איבער דער פאבריקע.

בעטשעק לויפט ארומ צווישנ די הארבארניקעס, סטעלמאכעס, שנײַדער, אפילע קלייטניקעס.

סע אַרבעטנ אַלע, וואָס האָבנ קיינ אַרבעט ניט. סע אַרבעט דאָ אפילע טראַליקס מאַמע, ביניאָמינ.

— ביניאָמינ, — שרייט צו אים בעטשעק אונ טראַסקעט אים אינ פּלייצע, — ביסט א ראַבאָטשע, ביניאָמינ.

נאָר ביניאָמינ שמייכלט נאָכ אַלצ אונטערטעניק אונ געפאַלנ. ער קאָנ זיכ נאָכ אַלצ ניט אָפּגעווינענ. אונ זוזל דער האַרבאַרניק לאַכט פונ אים. אונ אַלע לאַכנ.

פונדעסטוועגנ איז ביניאָמינ, פונ זינט ער האָט אויסגעטאָנ דאָס פאַרשמאַלצעוועטע מורדעמל, וואָס שמעקט מיט מאַראַנקע, ראָסל אונ מיט עלענאַמט, אונ פונ זינט זיינ קאָרמענער קאַרטוז איז שוינ ניט אָפּ א זייט, געוואָרנ געזעצטער, רויִקער אונ געזינטער. אפילע די געלבלעכע שיטערע באָרד, וואָס וואַקסט בא אים נאָר אָפּנ האַלדז, איז געוואָרנ ניט אַזאַ דערשראָקענע ווי שטענדיק.

ביניאָמינ איז איצטער זייער אויסגעשמירט. די נאָז אונ די באָרד איז בא אים אינ שפּיגינאַר אונ אינ פאַליטור.

בעטשעק, וואָס מאַכט ניט די בענקלעכ, איז אויכ אויסגעוואָדזגעט אינ שפּיגינאַר אונ אינ פאַליטור.

אונ איכ אויכ. ווענ ניט די ציימונגענ, וואָלט איכ גאָר ניט אַרויסגעגאַנגענ פונדאַנענ.

ס'איז דאָ זייער פריילעכ אונ ראַשיק.

אינ איינ אָרט זעגט מענ אונ מע גרייט צו טיילנ פאַר די בענקלעכ. אינ א צווייטנ — שרויפּט מענ זיי צונויפ. אונ דאָרטנ, ווו סע אַרבעטנ די ווייבער אונ ביניאָמינ יאַפּע, — דאָרטנ רייבט מענ די בענקלעכ מיט שלייפּ־פּאַפּיר, מע פאַליטורט זיי, נאָכדעמ האַלט מענ זיי איינ גלעטנ, וויקלענ, בינדנ זיי אונ פירנ אינ קאָאָפּעראַטיוו אונ אָפּנ וואָקזאַל.

איכ האָב זיכ אויכ געקויפט א בענקל. בא אונדז אינ שטוב זיינענ דאָ טאַבורעטלעכ. נאָר כ'האָב געקויפט איבער בעטשעקנ.

— עכ, אַשער, מע זאָל זיי מערער א ביסל קויפנ... — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגערעדט.

אונ כ'וויל זייער, מע זאָל קויפנ, ווייל אז סע פאַרקויפנ זיכ בענקלעכ, זיינענ אַלע אינ פאַבריקע גליקלעכ.

אונ איכ וויל זייער אונ זייער, אַז אַלע זאָלנ זיינ פריילעכ.

די פרייד פאַרשטערנ מיר נאָר מיינע ציימונגענ. ווענ ניט די בענקלעכ, וואָלט איכ עס גאָרניט אויסגעהאַלטנ, כ'קאָנ ניט אַזוי־פיל וואַרטנ. ס'איז שוינ דורכגעגאַנגענ א וואָכ אונ נאָכ א וואָכ. אונ

אַלע, וואָס האָבן אויסגעשריבן בא מיר צײַטונגען, לאָזן מיך ניט לעבן.

דוראַריעוו זאָגט אָבער, אַז די צײַטונגען װעלן אָנקומען פֿון אָנהייב כוידעש, װײַל פֿון אָנהייב כוידעש זײַנען זיי אויסגעשריבן. כ׳ווייס עס, נאָר איך קאָן ניט וואַרטן. אפֿן וואָקזאַל לויף איך נאָך מערער, ווי אין פֿאַבריקע.

כ׳לויף אַלעמאָל צום נאַטשאַלניק פֿון דער סטאַנציע. כ׳גיי שוין צו אים אין שטוב.

אַז ער טרעפֿט מיך, דער נאַטשאַלניק, אַפֿ דער פּלאַטפֿאָרמע, אין וואָקזאַל, צי בא די שטאַכעטלעך פֿון זײַן גאָרטן, דרייט ער מיטן קאָפּ אַפֿ ניין, שרײַט, אַז ער וועט מיר צו וויסן געבן, און אַנטלויפֿט פֿון מיר.

ער האָט אַפֿילע געזאָגט דעם קאַסיר, אַז אַזוינס ווי איך, אַזאַ אײַנגעגעסענעם, האָט ער נאָך ניט געזען.

נאָר איך קום פֿונדעסטוועגן אַלע טאָג אַהין. כ׳ציִ זיך אויס אונטער די קילע טאָפּאָלן, וואָס רינגלען אַרום אונדזער קליין שטיל גראַניטן וואָקזאַלעכל, — און וואַרט.

צוריק מיט א צײַט איז דאָ געווען טומלדיק. אַלעמאָל פֿלעגן אָנקומען עשעלאָנען, בעזשענצעס, פֿאַרצער־צוגן. נאָר איצטער קומען אָן ווייניק צוגן, איינער — אינדערפֿרי און איינער — פֿאַרנאַכט. און צווישן ביידע צוגן קאָן מען אויסגיין.

אונדזער גראָבינקער נאַטשאַלניק שקאַבורא נעמט דעמלט אַראָפּ דאָס היטל מיטן רויטן קאַנט, טוט אויס דעם פּידזשאַק מיט די בליאַס־קענדיקע קנעפּ, און נאָר אין דעם העמד, האַלב נאַקעט, קאָן ער זיך שטיין אַפֿן גאָרטן און פּאַלען קאַרטאָפֿלעס, אָדער זיצן בא זיך אַפֿ די שטיינערנע טרעפּלעך און זיך שפּילן מיט דער קאַץ.

און אַרום אים, איבער מיר, און אַרום גאַנצן וואָקזאַל הודזשען דעמלט נאָר די הויכע טאָפּאָלן, די טעלעגראַף־ און טעלעפֿאָן־דראָטן, וואָס ציִען זיך לענגאויס די צוויי רעלסן און פֿאַרלירן זיך אײַנאײנעם מיטן הויכן אָנשיט צווישן די אַרומיקע געבערגלטע פֿעלדער און לאָנקעס.

איבער דער פּלאַטפֿאָרמע דערהערט זיך װען־ניט־װען א לאַנגער פֿרייִלעכער קלונג פֿונעם גרויסן געלן טעלעפֿאָן, אָדער די טוקערײַ פֿונעם טעלעגראַף־אַפּאַראַט.

און פֿונעם טעלעפֿאָן, פֿון די צוויי רעלסן און אַפֿילע פֿון דער

פּוסטקייט שמעקט דאָ מיט ווייטקייט, מיט אומבאַקאַנטע ניט־געזעענע ערטער, מיט לענדער און מיט שטעט, וועלכע כ'וויל אַזוי זען.

דערפאַר ווערט דאָ פריילעך, אַז ס'דאַרף אָנקומען דער צוג.

פּרוּער פאַר אַלע באַווייזט זיך דאָס צווייערדלדיקע וועגעלע פון: פּאָטשט מיטן אַלטן טראַכימ, דעם בריוונטרעגער, וואָס איז איצטער מיין בעסטער כאַווער — ער לערנט מיך זייער גוט רייכערן. כ'קען שוין ניט ערגער פון אים אַרויסלאָזן דעם רויך דורך דער נאָז.

רייכערנדיק ציגאַרן, אַרויסלאָזנדיק פאַמעלעך רויך־רינגעלעך.
דערפיל איך זיך שטענדיק עלטער, זעלבשטענדיקער און גרעסער.

נאָר פאַרן אָנקומען פונעם צוג האָב איך קיין צייט ניט צו רייכערן. כ'לייג פרוּער פאַר אַלץ צו דעם אויער צום רעלס און הער זיך איין אין דער קלינגענדיקער ציטערנ:יש פונעם לאָקאָמאָטיוו און פון די וואַגאָנעס, וואָס מע זעט נאָך ניט אָן.

אַבי כ'דערהער נאָר די ציטערניש, באַווייזט זיך דער נאַטשאַלניק.

דער קאָפּ — פאַריסן, יאָמטעוודיק־גליקלעך און קלוימערשט שטרענג, באַווייזט ער זיך אינעם היטל מיטן רויטן אָקאָלישעק, אינעם שוואַרצן פּידזשאַק מיט די בליאַסקענדיקע קנעפּ, מיטן רויט־גרינעם פענדעלע אין האַנט.

און אַז דער נאַטשאַלניק באַווייזט זיך, לויפט גלייך אַרויס דער דאַרער, שטענדיק פאַרשלאָפענער קאַסיר. ער הייבט אָן דרייען דאָס קריצנדיקע רעדעלע אַף דער פּלאַטפאָרמע. און ווי אופהייבנדיק אַ האַנט, ווי פאַרבעטנדיק צוגאַסט, עפנט זיך דעמלט אוף דער סעמאַפאָר.

פּייערלעך און בענקענדיק טרייסלט אוף די שטילקייט דער ערשטער קלונג פונעם גלאָק. כ'קאָן שוין דעמלט ניט איינליגן. כ'שפּרינג אוף. ערגעץ ווייט־ווייט, דאָרטן, ווו דער הימל גיסט זיך צונויף מיט דער ערד, באַווייזט זיך אַ קנוילעכל רויך. נאָכדעם ווערט דאָס רויכעלע געדיכטער און גרויער. און ווידערקאָלנדיק, איבערופנדיק זיך פון עק צו עק, דערהערט זיך מיטאַמאָל אַ פייף.

און שטענדיק איז פאַר מיר דער פייף אומגעריכט. כ'ווער פאַרציטערט. איך כאַפּ זיך אָן אינעם דראָטענעם פּלויטעלע. און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ קוק איך צו, ווי ווערנדיק אַלץ גרעסער און גרעסער, פליט צו מיר, יאָגט אַף מיר, קנוילנדיק מיט רויך און סלאַפּנדיק מיט די רעדער, דער שוואַרצער, שרעקלעכער, אייַלנדיקער לאָקאָמאָטיוו.

כ'הייב אָן לויפן ווי אַ מעשוגענער איבער דער גאַנצער לענג

פון דער פּלאַטפאָרמע. כ'באַטאַפּ, כ'גלעט, כ'וויש אפילו דעם שטויב אַפ די גרינע פּילפּענצטערדיקע וואַגאָנעס.

כ'קוק אַרײַן אין די פענצטער. מיט בענקשאַפט און מיט ליבע קוק איך אַפ די ניט־באַקאַנטע מענטשן.

כ'וואָלט געוואָלט, זיי זאָלן מיך כאָטש עפּעס בעטן. נאָר גאָר־ניט. מע קוקט אפילו ניט. מע גייט אפילו ניט אַרויס צו דער סטאַנציע.

איינמאָל איז עפּעס איינער אַרויסגעשפּרונגען און געפרעגט בײַ מיר, וואָס איז עס פאַר אַ סטאַנציע.

כ'האָב זיך אַזש צעלאַכט. ס'האָט מיך זייער פאַרוווּנדערט, וואָס מע ווייסט ניט אונדזער סטאַנציע און אונדזער שטעטל: מע מאַכט בײַ אונדז בענקלעך, ס'גייט אַלץ בײַ אונדז כּאַדראַמע, און גאָרניט, זיי ווייסן אפילו ניט. און דער צוג שטייט אַזוי ווייניק, אַז כ'האָב אפילו ניט באַוויזן צו דערציילן דעם מענטשן וועגן דעם.

דער פּאַסאַזשיר איז אַרײַן אין וואַגאָן. דער צוג איז אַוועקגע־פלויגן. אַפ דער פּלאַטפאָרמע בין איך נאָר געבליבן און דער מיט־אַמאָל וואָכעדיק־געוואָרענער נאַטשאַלניק, וואָס דרייט צו מיר שטענ־דיק מיטן קאָפּ און זאָגט: „ניעט".

ס'אַרט מיך ניט נאָר דאָס, וואָס ס'זײַנען נאָך ניט אָנגעקומען: די צײַטונגען, נאָר דער גלײַכגילט, די שטילקייט און דער לאָקאָ־מאָטיוו־רויך, וואָס שווימט פּאַמעלעך, שפּרייט זיך, קריכט איבער די אַרומיקע פעלדער און טאָפּאָלן, ווערט צערונען און בלײַבט ניט.

אָבער נעכטן באַנאַכט, קומענדיק ווי אַלעמאָל אַפ דער סטאַנציע, האָב איך באַקומען די צײַטונגען.

איך האָב זיך אפילו ניט געריכט. כ'בין זיך מיר אַרומגעגאַנגען אונטערן הויכן גרויסן לאַמטערן, וואָס וויגט אַרום זיך די נאַכט, באַשײַנט די צוויי רעלסן, דאָס פּלאַטפאָרמעלע, דעם גלאָק און דאָס גרויסע קוים־באַלויכטענע פענצטער פונעם וואָקזאַל.

פון רעכטס און פון לינקס, ווי אַלע אָפּדערנאַכט, זעען זיך נאָך קוים־קוים די נידעריקע רויט־גרינע לאַמטערנס אַפ די צוויי רעלסן־סטרעלקעס.

דער נאַטשאַלניק איז שוין אַרויסגעגאַנגען מיט אַ לאַמטערן. ס'איז שוין אַרויס דער קאַסיר. די גאָרע אויסגעשטערנטע באַנאַכ־טיקע שטילקייט איז צעטרייסלט און אויפגעריסן געוואָרן פונעם אָנ־קומענדיקן צוג.

פון דעם סנאָפּ בלענדנדיקער ליכט, פון די שײַנענדיקע וואַגאָנ־

פענצטערלעך איז ביז אויגן־ווייטעק ליכטיק געווארן ארום וואָק־זאַל — יעדער צווײַג אַף די טאָפּאָלן און יעדער טוי־טראָפּן אַף די בלעטער האָט מען אָנגעהויבן זען.

כ׳האָב זיך, ווי אַלעמאָל, גלײַך געלאָזט צום לאַנגן גרינעם פּאָטשט־ און באַגאַזש־וואַגאָן, וואָס גייט טייקעף נאָכן לאָקאָ־מאָטיוו.

ס׳איז שוין געשטאַנען דאָרטן דער בריוטרעגער טראָכים. די שמאָלע פארגראַטעטע טיר איז געווען אָפן. דער וואַרטשענדיקער און פארשלאָפענער באַאַמטער האָט שוין צוגענומען בא טראָכימען דאָס פארשטעמפּלטע זעקל בריוו און אים איבערגעגעבן אַן אַנ־דער זעקל.

ער הייבט אָן וואַרפן — און גלײַך אַף דער ערד — גראָבע פאַר־וויקלטע פעקלעך. כ׳ווייס נאָך ניט פאַר וועמען, נאָר א דערפרייטער ביז מעשוגע ווערן, דערפיל איך, אז די פעקלעך זײַנען פאַר מיר.

— טאָוואַריש נאַטשאַלניק! — שרײַ איך איבער דעם ראַש פונעם לאָקאָמאָטיוו, — כאַווער נאַטשאַלניק! — לאָז איך זיך לויפן צום וואָקזאַל, אין טעלעגראַף, און אז איך געפין אים לעבן א וואַגאָן, לאָז איך אים שוין ניט אָפּ.

— כאַווער נאַטשאַלניק, — קלאַפּט מיר דאָס האַרץ. כ׳קאָן ניט ריידן. און ער מוז לויפן מיט מיר. און פעקלעך זײַנען פאַראַן זייער א סאַך. כ׳קאָן זיי ניט אופהאַלטן, זיי צעשיטן זיך. נאָר מיט די ציין, מיט די הענט, מיטן קאָפּ און אפילע מיט די פיס האַלט איך זיי אונטער און דערקריך קוים מיט טראָכימען צום צווייִרעדלדיקן וועג־געלע פון פּאָטשט.

און קיינמאָל האָב איך אזוי ניט געוואָלט, אז טראָכים זאָל אָנטרײַבן: א ביסל גיכער, ווי איצטער. נאָר דאָס פערד גייט פאַמע־לעך. ס׳א זאַמד. און די רעדער שיפּען און סקריפּען, שפּרינגען אונטער אַף די בראָפּעס.

ס׳הערט זיך, ווי סע סאָפּעט דאָס פערד. סע ניאָקעט טראָכים. די הינט דערהערן אונדז, דאָס גאַנצע פויערשע געסל ווערט אָנגע־פילט מיט פארשלאָפענער בילערײַ און וואָרטשערײַ.

ווען־ניט־ווען גיט נאָך א זונג א סאָלאָווייטשיק, א סיטש צעוואָ־יעט זיך צווישן די הויכע צונויפגעגאָסענע ליפּעס, וואָס פארשטעלן איבער אונדז דעם הימל.

דערפאַר איז שטעטל, ווען מיר פאָרן ארויס אַפן שאָסיי, הייבט אָן קלינגען, אונטערשפּרינגען דאָס וועגעלע איבער די שטיינער.

ס'לויפט גיכער דאָס פערד. כ'קאָן שוין אפילע ניט אײַנזיצן. כ'שטײ אפן וועגעלע. און אבי מיר פאָרן נאָר צו צו דער שטוב, טראָכים האָט נאָך אפילע ניט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, שפּרינג איך שוין אראָפּ, כאַפּ מײַנע פּעקלעך און לאָז זיך אין אונדזער שטאָל.

איך לאָז זיך אין שטאָל אַרײַן, און ניט אין שטוב, ווײַל פונעם זיידנס סוקע, וואָס אפן בוידעם, האָב איך געמאכט זיך א צימערל. ס'איז זייער א גוט צימערל. דער דאך איז בא דעם אפּ זאַוויסעס, און מע קאָן, ווען מע וויל, אופעפענען דעם דאך און זען דעם הימל און די פאַלנדיקע שטערן.

כ'האָב געקראָגן קאסטנס פון שוועבעלעך, געמאכט פון זיי פּאָליצעס, און אזוי ווי באַם אפטייקער, אָנגעלייגט אפּ זיי ביכער. כ'האָב ארופגעשלעפּט דעם זיידנס טישל און א בענקל, וואָס כ'האָב געקויפט אין פארניע. כ'האָב צוגענומען דעם זיידנס וועקסענע ליכט. איך האָב אופגעהאנגען לענינס בילד, ווו לענין זיצט בא א טיש און לייענט די „פּראַוודאַ“.

ס'איז נאָר שלעכט, וואָס ס'איז איצטער נאַכט. כ'זוך קוים אָפּ דעם לייטער אין דער פינצטער, כ'הייב אָן ארופשלעפּן די פּעקלעך אפן בוידעם.

כ'הער זיך אײַן עטלעכע רעגעס א דערשראָקענער. ס'האָט זיך א קלאַפּ געגעבן א פלעדערמויז אין די צעלעכערטע שינדלען. ס'האָט עפּעס א שקראבען געטאָן אין דער שטרוי. נאָר כ'צינד אָן אפניך דאָס וועקסענע ליכטל, וואָס איז ארײַנגעשטעקט אין א ברייט העלדזל פון א גרינער פלאַש, און כ'פארגעס גלײַך אין דער נאכט.

כ'דערזע מיטאמאָל אין דער ליכטיק מײַנע פּעקלעך. און ווײַל כ'קאָן זיך קיינמאָל ניט פרייען איינער אליין, ווײַל איך אָנהייבן שרײַען — אופוועקן דעם טאטן און די מאמע. נאָר כ'טו עס ניט. כ'נעם אלעמאָל אן אנדער פּעקל און הער גאָר ניט אוף צו לייענען די אדרעסן. די צײַטונגען זײַנען אײַנגעוויקלט אין גראָבע ווײַסע פּאַפּירן. זיי זײַנען ארומגעבונדן מיט שפּאַגאַט און פארשטעמפּלט מיט בלײַענע פּלאָמבעלעך.

כ'ווער אזש מעשוגע פון פרייד, וואָס אפּ יעדער פּעקל איז אָנגעשריבן מײַן נאָמען און פאמיליע. כ'הייב אָן צעבינדן די שטריקלעך. איך באשמעק די צײַטונגען. סע שמעקט פון זיי מיט פארב, מיט נאכט־קילקײַט, מיט רייכעס און גרוסן פון דער גאַנצער וועלט.

ס'פארכאַפּט מיר אזש דער אָטעם. כ'לויף צו און צעעפן דאָס פענצטערל. כ'וויל כאָטש עמעצן דערזען און אַרופרופן.

נאָר ס'איז קיינער ניטאָ. ס'ברענט אפילע ניט דער לאַמטערנ אָפּנ מאַרק־פּלאַצ. די שפּעט־אופגעגאַנגענע לעוואָנע גלאַנצט אינ די טויר־טראָפּנס, וואָס אָפּ די דעכער, אונ אינ די בלינדע פענצטער פונ די ארומיקע הײַזער.

פּונקט ווי לעניג אָפּנ בילד, בייג איכ זיכ אָנ איבערנ טיש, כאַפּ א צײַטונג אונ הייב אָנ לייענענ.

אינ דער שטילקײַט שרײַענ די טעלעגראַמעס פונ דער צײַ־טונג: טשיטשעריג עֶנטפער קערזאָנענ... די פראַנצויזנ זײַנענ אַרײַנ אינ רור... אופשטאַנדנ אינ דײַטשלאַנד... בלוטיקע געשלעגנ אינ פּויל... לעניג...

אינ דער הייכ, אינ א ווינקל, דערזע איכ מיטאַמאָל א מיטיילונג, אַז לעניג איז קראַנק.

כ'שטעל זיכ אַוועק מיט די קני אָפּנ בענקל. כ'קאָנ שוינ ניט זיצנ. כ'שפּאַר זיכ אָנ מיטנ קאָפּ אינ די הענט אונ לייענ א פאַרציטערטער נאָכאַמאָל די צײַטונג.

איכ כאַפּ דאָס ליכט אונ לויפ צו צו לענינס בילד. אונ ווײַל דאָס בוידעמ־פענצטערל איז אָפנ, הייבט זיכ אָנ וויגנ דאָס ליכט־פלעמל. סע קאַפּעט גיכער דער וואַקס, צערינט זיכ, ווערט פאַרקילט איבער דער פלאַש אונ איבער מײַנ האַנט.

דער גאַנצער בוידעמ ווערט פול מיט שאָטנס. אונ לענינס פּאָנעמ, ווי א לעבעדיקס, ווערט אָט פאַרטונקלט, אָט באַהעלט, קוקט שמייכ־לענדיק, רוקט מיר אינ די אויגנ...

* * *

כ'קאָנ ניט פאַרשטיינ, וויאַזוי בינ איכ עס אײַנגעשלאָפנ געוואָרנ. כ'האָב אפילע ניט געפילט. אַז כ'האָב זיכ אינדערפרי אופגעכאַפּט, איז בײַ מיר געלעגנ א קישנ צוקאָפּנס אונ איכ בינ געווענ צוגעדעקט מיט א קאָלדרע. די מאַמע האָט מיכ, ווײַזט אויס, געפונענ פאַרטאָג. כ'בינ אַזוי געשלאָפנ, אַז זי האָט מיר אויסגעבעט, אונטערגעהויבנ, מיכ אײַנגעדעקט, אונ כ'האָב אפילע ניט געפילט.

אינדערפרי האָט מיכ אופגעוועקט די מאַמע. זי איז געשטאַנענ אָפּנ לייטער מיט א שטיקל ברויט מיט פּוטער אונ מיט א גרינער אוגערקע.

כ'האָב זיכ צעשריִענ אונ איר געהייסנ אַראָפּגיינ. ס'איז מיר

געוואָרן אַ ביזאַיען, ווײַל אונטן, אין שטאָל, איז שוין געווען פֿול און פֿול מיט מענטשן.

כ'וויים גאָר ניט, וואָזוי מע האָט זיך אַזוי גיך דערוווּסט, — אַלע זײַנען געקומען צו לויפֿן נאָך צײַטונגען.

אַף די עטלעכע קלעצער, וואָס ליגן אין שטאָל, האָב איך דערזען זיצן דעם אַלטן אַפּטייקער מיטן פּאַראַסאָל, און מייער קאַלון, און בינימין, און נאָך און נאָך פֿאַרשווינען. זיי זײַנען געזעסן און גע־וואַרט אַף מיר. ווי נאָר מע האָט מיך דערזען, איז מען אופֿגעשטאַ־נען, מע האָט פֿאַריסן די קעפּ, אָנגעהויבן שרײַען, כ'זאָל אַראָפּ פֿון בוידעם:

— וואָס שרײַבט זיך עפּעס, אַשער?

נאָר אַראָפּגיין צו זיי האָב איך קיין צײַט ניט.

— לענינס ביולעטען... — שרײַ איך אַראָפּ פֿון בוידעם.

— וואַ־אָס?

— די פֿראַנצויזן אין רור...

— אופֿשטאַנדן אין דײַטשלאַנד...

— קערזאָן! — שרײַ איך די קעפּלעך פֿון די טעלעגראַמען.

— וואָס לענין? — שרײַט מען צו מיר.

— לענין איז קראַנק!.. — הייב איך אָן וואַרפֿן די צײַטונגען:

— „איזוועסטיאַ“ — גרוזנבערג!

— „עמעס“ — בינימין יאַפּע!

— „קאַמפּאַן“ — מיכלען!

— „שאַכמאַטי אי שאַשקי“ — מייער קאַלון!

— „פּראַוודאַ“...

— „נעזאַמאָזשניק“...

און אַלע בייגן זיך צו דער ערד. מע קריכט אַפֿן לייטער. מע פֿאַרדרײַסט צו מיר די הענט. און ווײַסע צײַטונגען צעפֿאָכען זיך, פֿליען אין דער שטאָל־טונקלעניש, ביז מע כאַפּט זיי.

אַז כ'לויף אַראָפּ מיטן פּאַק צײַטונגען פֿון בוידעם, איז שוין אַ גרויסער גערודער אין שטאָל, מע שרײַט „ש־אַ“. מע שטופּט זיך. מע לייענט ווענגן לענינען.

כ'לויף אַרויס אַף דער פּרימאָרגנדיקער גאַס און לאָז זיך פֿאַ־נאַנדערטראָגן די צײַטונגען.

ס'קומט צו לויפֿן סראָליק. נאָר כ'האָב קיין צײַט ניט. ער בעט מיך, כ'זאָל אים אויך געבן צײַטונגען, און ער וועט מיר העלפֿן

זיי פאַנאַנדערטראָגן. ער בײַסט זיך די נעגל, קוקט געפאַלן אַף מיר און איז מיר זייער מעקאַנע.

— לעניג איז קראַנק, — גיב איך אים עטלעכע צײַטונגען. כ'גיב אַפילע בולענע צײַטונגען. ס'הייבן אונדז אָן נאָכלויפן קינדער. כ'קאָן גאָר פון זיי ניט פּאַטער ווערן. מיט אַ גאַנצער סוויטע לאָז איך זיך איבערן שטעטל.

* * *

כ'בין זיך עס אַ ביסל אָנגעלאָפן. כ'האָב זיך קוים אָפּגעטשע־פּעט פון די קינדער. און ערשט איצטער, נאָך האַלבן טאָג, האָב איך פאַרענדיקט פאַנאַנדערטראָגן די צײַטונגען.

ס'איז מיר נאָר געבליבן דער „הודאָק" און די צײַטונגען פאַר גאָלדען. מיטן „הודאָק" ווייס איך ניט וואָס צו טאָן. כ'בין געווען אין מיליציע. כ'בין אַרײַנגעלאָפן זייער אַ דערפרייטער און גע־וואָלט אָפּגעבן ריאַבאָוון די צײַטונגען, נאָר סע זיצט דאָרטן עפּעס אַ פרעמדער — אַ נידעריקער, אַ ברייטפּלייציקער מיט אַ יאָזשיקל.

— איך דאַרף ריאַבאָוון! — האָב איך צו אים אויסגעשריִען.

— וואָסער ריאַבאָוון? — פרעגט ער מיך.

— ס'איז דאָ שוין ניט קיין מיליציע?

— מיליציאַ, — ענטפערט ער מיר.

— איך דאַרף דעם נאַטשאַלניק פון דער מיליציע.

— איך בין דער נאַטשאַלניק פון דער מיליציע, — ענטפערט ער מיר און לאַכט אַפילע ניט.

ערשט אַפן גאַנעק דערוויס איך זיך באַם מיליציאָנער האַלוש־קע. — „פוט־פוט", — מאַכט ער מיט די פיס, ווי ער זאָל עמעצן אַרויסטרײַבן, און זאָגט מיר, אַז ריאַבאָוו איז שוין אוועקגעפאָרן און איז שוין אויס נאַטשאַלניק.

לאָז איך זיך פון דער מיליציע צו גאָלדען. כ'לאָז זיך מיט די פויערשע הינטערגעסלעך, וואָס פירן צום וואָקזאַל, ווײַל מאַטיל־דעס שטיבעלע, ווו גאָלדע וווינט איצטער, שטייט ניט ווײַט פון דער אײַזנבאַן־ליניע.

אַרײַנגערוקט די צונויפגעדרייטע צײַטונגען אין רימען פון העמדל, שפּאַן איך איבער די שפּאַלעס.

ליִנקס פון מיר שפּרייטן זיך קרויט־גערטנער, לאָנקעס און ס'אומ־באַוועגלעכע טייכל, אין וועלכן סע שפּיגלען זיך ווערבעס, דער ווײַס־

לעבער הימל, די טאָפּאָלן, וואָס וואַקסן באַם פעלד־וועג, און איך, וואָס שפּאַן איבער די שפּאַלעס.

רעכטס פון דער אײַזנבאַן, ווו די ערד איז העכער, הייבן זיך אָן טוווע־פעלדער, ס׳זעען זיך דעכער פון א כוטערל, און א בלויער וואַלד, וואָס אַדאַנק דעם זייער זוניקן טאָג זעט ער אויס נעענטער און געדיכטער, ווי געוויינלעך.

צענעמענדיק די הענט און הוידענדיק זיך, לאָז איך זיך לויפן איבער א רעלס. ס׳איז זייער שווער אַזוי צו לויפן. נאָר ס׳געפעלט מיר.

ערשט אפן אײַזנבאַן־בריק כאַפּ איך א ביסל איבער דעם אָטעם. דעם אײַזנבאַן־בריק האָט מען שוין פאַריכט. כ׳זע זיך, ווי דערמלט, מיטן קאָפּ אראָפּ אין וואַסער. כ׳בין דאָרט א קליינינקער, א קליי־נינקער. כ׳הייב אָן וואַרפן שטיינדלעך פון דער הייך, און כ׳קוק, ווי ס׳צעגייען זיך רעדעלעך צווישן די שטיקער רעדער און וואַגאָנ־דעכער, וואָס זײַנען שוין אַרומגעוואַקסן מיט וואַסער־מאָך, מיט וואַסער־קוויטן און מיט לעפּעכעס.

פונעם אײַזנבאַן־בריק גיי איך אראָפּ מיטן הויכן זאַמדיקן אָנ־שיט. מיט א קוים־אײַנגעפּאָרענעם וועג לאָז איך זיך דורכן אוקראַי־נישן כוטערל צו מאַטילדען.

מאַטילדעס שטיבל שטייט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט. ס׳איז אויך אַזאַ קליינס, ווי די כוטערשע כאַטקעס, נאָר דער דאַך איז באַם שטיבל א טשערעפּענער.

צום שטיבל הייב איך אָן גיין פּאַמעלעך. אַז כ׳גיי אָבער אַרײַן אין הויפל, טרעף איך קיינעם ניט. ניטאָ גאָלדע, ניטאָ מאַטילדע. נאָר א הון מיט א סאַך הינדעלעך פּאָרקען זיך. א קאַץ דרעמלט אף דער פּריזבע. עטלעכע טעפּ טריקענען זיך אף די צווײַגן פונעם אייניציקן טאָפּאָל, וואָס וואַקסט בײַ דער שוועל און דעקט אַזש אײַן דעם דאַך מיט די צווײַגן.

די טיר איז אָפן. כ׳גיי אַרײַן. כ׳מיין, עפּעשער שלאָפן זיי. נאָר קיינער שלאָפט ניט. איך טרעט איבערן פרישן מיאַטע־גראָז אפן ערדענעם רויטן דיל. אין שטוב איז קיל און טונקל. אף דרײַ קיי־טעלעך הענגט א ברענענדיק לעמפּעלע און באַשײַנט אַן איקאָנע. אפן טיש ליגט עפּעס א ניט־דערנייט קינדערש העמדעלע, צונויפ־געלייגטע ביכלעך ליגן אין ווינקל.

גאָלדעס מאַנטל און היטעלע הענגט אף א טשוואָק. אירע שיך שטייען אונטערן ציכטיק־פאַרבעטן געלעגער.

— גאָלדע־ע! — שטעל איך זיך אוועק אַף דער שוועל, לייג צונויף די הענט ווי אַ טרובע — גאָלדע־ע! — שריַי איך מיט אַלע קויכעס.

— אָ־אָ־אָ! — דערהער איך גלײַך גאָלדעס דינעם און פריי־לעכן ענטפער. — אהער גיי! גיכער! אָשער!

פון הינטער דער שטוב לויפט צו מיר אַרויס אונדזער שטומע מאַטילדע. זי האַלט אַ מאָטיגע אין האַנט. איר רויט געשטופּלט פּאָ־נעם איז פאַרשוויצט. זי שמייכלט צו מיר. זי גיט זיך אַ וויש דעם שטערן מיט דער רוקן־זײַט פון דער דלאָניע.

— בע־ע־ע... — ווײַזט זי אָפּן הינטערן־שטוב. און ווי אַלע־מאָל, ווען זי וויל עפּעס זאָגן, ווערט איר פּאָנעם אײַנגעקרימט, בייז.

כ׳גיי מיט איר אַרויס אין אַ גאָרטן, וואָס ציט זיך באַרג־אַראָפּ צו אַ פּאַסיקל בליִענדיקער רעטשקע. נאָכדעם הייבט זיך אָן אַ לאָנ־קע מיט ווערבעס און באַרג־ביימלעך, וואָס ציִען זיך אַזש ביז צו דעם הויכן אײַזנבאַן־אָנשיט, וואָס זעט זיך קוים־קוים פונדאַנען.

— לעבעדיקער אַ ביסל! — גיט זיך מיטאַמאָל אַ הייב פון צווישן דעם הויכן גראָז גאָלדעס לויכטנדיק, עפּעס זייער פריילעך פּאָנעם.

— גוואַלד! — גיט זי מיך אַזש אַ שלעפּ צו דער ערד, — כ׳וועל שוין דאָ באַלד אויסגיין פון אומעט.

— אָשער, — לאָזט זי ניט אויסריידן קיין וואָרט, — הער נאָר, אָשער, — ווײַזט זי מיטן פינגער אָפּן מויל, — כ׳רייד נאָך? כ׳האָב נאָך ניט פאַרגעסן מאַכן מיט די ליפּן?

— וויי־וויי, — לאַכט זי אָפּן קאָל, — שוין באַלד אַ כוידעש, אַז איך רייד ניט... און וואָס הערט זיך? און וואָס שווײַגסטו? לאָשן!...

כ׳וויל איר אָנהייבן דערציילן וועגן די בענקלעך. איך פּלאַץ שיר ניט. נאָר גאָלדע כאַפּט בײַ מיר מיטאַמאָל אַרויס די צײַטונגען. ווי כ׳זאָל שוין גאָר ניט זיצן לעבן איר, גיט זי זיך אַ צי אויס, אַ שפּאַר אָן דעם קאָפּ אָן די עלנבויגן. איר שטערן הייבט אָן ווערן אָט אײַנגעקנייטשטער, אָט ווידעראַמאָל גלאַט. זי גיט נאָר ווען־עס־איז אַ שאַר אָפּ די אַריבערגעפאַלענע האָר, גיט זיך אַ כמורע. איר פּאָנעם ווערט דערבײַ אַזוי ווי געענדערט און, עפּשער, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי האָט זיך געענדערט.

— אָשער, — דרייט זי זיך אויס צו מיר, — ווייסט זיך הײַנט אומקערן פרי אַהיים?

— יאָ, גאָלדע.

— איז גיי, אָשער, ארײַנ צומ דאָקטער.

— וואָסי?

— ס'איז לענינ קראנק. איז גיי הײַנט אומבאדינגט ארײַנ צומ דאָקטער אונ זאָג, אז כ'האָב אימ געבעטנ, ער זאָל מיר אָנשרײַבנ, צי ס'איז א געפערלעכע קרענק. כ'פארשטיי גאָרניט פונ די ביו־לעטענענ.

— כ'וועל צולויפנ אהינ, גאָלדע.

— זאָלסט נאָר ניט פארגעסנ, — ציט זי זיכ צוריק אויס אינעמ הויכנ אײַנגעקוועטשטנ גראָז. איר טונקל־גרינער כאלאט מיט די געלע אונ רויטע קווייטעלעכ גיסט זיכ צונויפ מיטנ גראָז, ווי זי זאָל וואקסנ איצטער אינײַנעמ מיט דער רויטלעכער קאָנעשינע, מיט די בלוילעכע גלעקעלעכ אונ פילקאָליריקע איוואנ־מאריעס.

זי לייענט ווײַטער די צײַטונגענ, גיט אפילע א שמייכל. איכ זע, ווי זי קוקט אפנ פריילעכנ קארטינקעלע אינ „איזוועסטיע'', ווו סע שטייענ אָנגעמאָלט פעמפעקעוואטע בורזשויענ אינ קאפעליושנ. זיי שטייענ איינער הינטערנ אנדערנ. זיי שפארנ זיכ, ווילנ וואָס גיכער ארײַנגיינ צומ פאָלקאָמויסערנ אונ אימ אָנזאָגנ, אז זייערע לענדער אָנערקענענ דעמ סאָוועטנפארבאנד.

— א־א, אָשער, זיי בעטנ זיכ שוינ...

— אָט־דאָ, — שטופ איכ שוינ מיטנ פינגער אינ דער צײַ־טונג, — סע שרײַבט זיכ, גאָלדע, וועגנ רור... אונ דאָ וועגנ קער־זאָנענ... אונ אופשטאנדנ אינ דײַטשלאנד...

— אופשטאנדנ, אָשערל, — הייבט זי זיכ אונטער. זי הייבט אָנ גיכ, גיכ רײַבנ איינ דלאָניע אינ דער צווייטער, לאָזט גלײַכ אָפ די בלאט, הייבט אָנ קוקנ אינ די איבעריקע צײַטונגענ, כאפט מיטאמאָל ארויס דעמ „הודאָק''.

— כ'האָב דענ אויסגעשריבנ א „הודאָק''?

— ניינ. ס'איז ריאבאָווס.

— וואָס, ריאבאָווס?! — ווערט זי גלײַכ אָפגעפרעמדט. — איז וואָס טראָגסטו זי צו מיר?

— ער איז ניטאָ, גאָלדע. כ'בינ ארײַנ אינ מיליציע אונ געוואָלט אימ אָפגעבנ. נאָר ער איז אוועקגעפאָרנ. אונ שוינ אויס נאטשאל־ניק.

— אוועקגעפאָרנ?.. אויס נאטשאלניק? — ווערט זי דאפקע אופגעלעבט. — אונ נאָכ נײַעס?.. אונ וואָס נאָכ פאר א גוטס הערט זיכ עפעס, אָשער?

— גאָלדע! — דערפֿריי איך זיך, וואָס זי בעט מיך שוין עפּעס דערציילן. — ס'האָט בעמשעק געמאַכט אַ פּאַרטיע...

— וואָס?

— מע פֿאַרעט יאַטינע. און מייער קאַלוג האָט געשריגן... און שניַ־קע... מע מאַכט דוהעס און אַבערעס... בענקלעך... און אַלע קויפֿן... און די האַרבאַרניקעס אַרבעטן. די געוועזענע קליימניקעס... און סראַליקס מאַמע... און ס'איז פֿאַבריקע. און זי וועט פֿײַפֿן, — פֿאַרכאַפּט מיך אַזש דער אָטעם, וואָס גאָלדע ווייסט עס נים.

גאָלדע רוקט זיך צו צו מיר נעענטער. ס'וווּנדערט מיך נאָך, וואָס זי דערפֿרייט זיך עפּעס נים, נאָר פֿאַרקערט, — ווערט עפּעס במורנער, פֿאַרפֿינצטערטער.

— שוין לאַנג?

— אָ־אָ, שוין צוויי וואָכן, גאָלדע.

— צוויי וואָכן שוין? און ווער? רעכן מיר אויס, ווער סע אַר־בעט?

— פֿראָים קאַמוס... און זוזל... מיכל דער שניצער... זיאמעס מאַמע... ביניאָמין דער געוועזענער קליימניק, מאָטל דער סטעל־מאַך... כּמע־לייע פֿון דער משׂינע...

— און ס'איז געוואָרן פֿריילעכער, אָשער?

— זייער, גאָלדע. נאָר בעמשעק זאָרגט זיך אַ ביסל. ער זאָרגט זיך, וואָס סע פֿאַרקויפֿן זיך ווייניק בענקלעך.

— ס'פֿאַרקויפֿן זיך ווייניק?

— כ'ווייס נים.

— און וועגן אַריבערפֿאָרן אַפֿ ערד ווייסט מען נאָך גאָרנים נים?

— גאָרנים, דאַכט זיך.

נאָר גאָלדע הערט זיך שוין אויף פֿאַנאַנדערפֿרעגן. זי זאָגט מיר מיטאַמאָל, אַז מע קאָן דאָ אויסגיין.

— אַז וואָס ליג איך דאָ? — קוקט זי מיר אין די אויגן, ווי נים זעענדיק מיך, — אַז וואָס טו איך?! און וואָס נודיע איך זיך?..

גאָלדע לייגט אונטער די הענט אונטערן קאָפּ. איר שטערן ווערט אָט אײַנגעקנײַטשט, אָט גלאַט. ס'דאַכט זיך, אַז זי רעדט מיט זיך אַליין.

— וואָסי, גאָלדע, איר זײַט נים צופֿרידן?

— וואָס, נים צופֿרידן? — פֿאַרוווּנדערט זי זיך. — פֿאַרקער'ט, אָשער. ס'זײַנען עפּשער אונדזערע ליכטיקסטע יאָרן איצטער, —

און גאָלדע ווערט זייער אופגעלעבט. — און פאַרקערט, ס'איז גוט... און דיר, האַ?

— זייער! — שרײַ איך אויס. און איך זאָג, אז בעטשעק האָט עס אויך געזאָגט.

— און אַפּ מיר דאַפּקע האָסטו געוואָלט אויסקלערן... עב, אָשער, — הייבט זי אָן לאַכן, גייט זיך דורך מיט דער האַנט איבער מײַן פּאָנעם. — קלערסט שוין שלעכטס וועגן גאָלדען? שוין גרויס געוואָרן. און איך געדענק נאָך, ווי דו ביסט ארומגעלאָפן אין א רויט בונדעלע. אין א מולטנם. און פלעגסט לויפן צו אונדז נאָך צוקער...

— ניין, גאָלדע, ניין, כ'קלער ניט קיין שלעכטס...

— כ'לאַך, אָשער. כ'ווייס. איך קוק נאָר, ס'ארא גרויסער די ביסט שוין געוואָרן. און ס'ווײַזט זיך מיר עפּעס זייער אָפּט אויס, אז כ'לעב שוין מוירעדיק לאַנג... און אַן אַנדערש מאָל דאַכט זיך, אז מוירעדיק ווייניק. ערשט נעכטן ביסטו נאָך ארומגעלאָפן אינעם בונדעלע... און איצטער רעדסטו שוין וועגן קערזאָנען. און שפּאַצירסט שוין אפילע, האָב איך געהערט, מיט מיידלעך, — שמייכלט זי צו מיר ביטרע־ביטרע.

פון דעם דאָזיקן שמייכעלע דערפיל איך זיך שלעכט. זי האָט קיינמאָל מיט מיר וועגן אזעלכע זאכן ניט גערעדט. און ס'איז מיר ניט אָנגענעם, כאָטש ראָכלען, פון זינט זי האָט אָנגעהויבן גיין צו מיר, געוואָרן צו מיר צוגעלאָזן, האָב איך אָנגעהויבן פײַנט האָבן.

— שוין א רויגעזל, אָשער?

— ניין! — דריי איך זיך אָפּ פון איר, קוק אַפּ דער איינגאַנצן רויט־געוואָרענער זון, וואָס זעצט זיך פון יענער זײַט אײַזנבאַנ־אָנשיט, אַפּ די ראָבן, וואָס פליען שוין פון די פעלדער, אַפּ די נעפּ־לען, וואָס הייבן זיך איבער די סאַזשלקעס.

— כ'וועל שוין גיין, גאָלדע, כ'דאַרף דאָך נאָך ארײַנגיין צום דאָקטער.

— נו, גוט, — שפּארט זי זיך אָן אַפּ די הענט, שטעלט זיך אוועק אַפּ די קני, און פּאַמעלעך און קרעכצנדיק הייבט זי זיך אויף פונעם גראָז.

נאָר ווי זי הייבט זיך אויף, אזוי דערפיל איך, ווי מײַנע אויגן ווערן גרויסע, גרויסע. כ'צעעפן אזש דאָס מויל. ס'איז עפּעס גאָר ניט גאָלדע. אז זי איז געלעגן, — איז גאָרניט. נאָר איצטער איז זי ניט צו דערקענען.

— אוי, ווי גראָב!... ווי איר האָט זיכ עס פאַריכט! — קאָנ איכ נאָר אויסשרײַען.

גאָר אַנ אַנדערע, עפּעס ווי א פּעסל איז זי געוואָרנ.

— האָ? — גיט זי זיכ א רוק פונ מיר, נעמט שטאַרקער איַינ דעם כאַלאַט ארומ זיכ. כ'דערזע, ווי ס'הייבט איר אָנ אָפּגיינ דאָס בלוט פונ פּאָנעמ. זי ווערט בלייכ, שוינ אזוי ווײַס, ווי דאָס קעל־נערל, וואָס שטעקט פונ כאַלאַט. נאָר אונטער די אויגנ ווערט בלוי־לעכער, שוואַרצער, אונ די קאַרע גליווערדיקע אויגנ דעקנ זיכ צו, ווערנ פאַרהײַטלטער, גלעזערנער.

— דער כאַלאַט, — הער איכ קוימ־קוימ, וואָס זי רעדט צו מיר, — אינעמ כאַלאַט... זייער א ברייטער... אונ פונ אָט דעמ גאָרניט טאָנ...

זי דרייט זיכ אויס, אונ קוימ עטעמענדיק, פּאַמעלעכ, ווי ס'זאָל איר זייער שווער זײַנ צו גיינ, לאָזט זי זיכ צו דער שטוב.

זי גייט פּאַמעלעכ, ביז איבער די קניִעס טופּעט זי אינעמ גראָז. איר טיפ־גרינער כאַלאַט גיסט זיכ צונויפ מיט די קוסטעס־בלעטער. אונ איר קאָפּ מיט די צעשויבערט געוואָרענע שוואַרצע צעשאָטע־נע האָר שווימט ווי באַזונדער.

— אָשער, — שטעלט זי זיכ אָפּ בא דער בליִענדיקער רעטשקע, וואָס פאַר דער שטוב, — אָשער, — ווײַזט זי מיר, ווי די זונ זעצט זיכ אונ ווי ס'ווערנ לענגער די שאָטנס, — גיי שוינ אהיימ. גיי, אָשערל... אונ מער דאַרפ מענ ניט... ס'איז ווײַט צו מיר... אונ מער זאָלסטו מיר קיינ צײַטונגענ ניט טראָגנ...

— ניינ, גאָלדע, ניט ווײַט... אונ אַלע טאָג וועל איכ ברענגענ צײַטונגענ!..

— מע דאַרפ ניט. אונ כ'בעט דיכ... ס'איז דאָ נידעריק. צופּל סאַזשלקעס. אונ ס'איז ניט גוט פאַר מיר. כ'וועל עפּשער אהינצו, — ווײַזט זי מיר אפנ ווײַטנ וואַלד, וואָס שוואַרצט זיכ פונ יענער זײַט פעלדער, — עפּשער אריבערפאָרנ. אונ קענסט מיכ ניט טרעפנ... איז קומ ניט. וועסט לאָזנ די צײַטונגענ בא מיר אונטער דער טיר. אונ מאַטילדע וועט זיי מיר ברענגענ... אונ גיי, אָשערל, גיי!..

— איז זײַט געזונט, גאָלדע!

— אָט דאָס דאַרפ איכ! — ענטפערט זי.

אונ כ'ווייס ניט, וואָס איז מיט גאָלדענ?! סע שטייענ איר טרערנ אינ די אויגנ:

— נאָר ניט שטאַרבנ, אָשערל... כ'דאַרפ נאָכ עפּעס וויכטיקס

אויפֿטאָג, — און מער זיך ניט אומקוקנדיק אויף מיר, לאָזט זי זיך פּאַמעלעך דורך דער רעטשקע צו מאַטילדעס שטיבעלע, וווּ סע זעט זיך שוין שייַן אין די פֿענצטערלעך. אַ דינער בלוילעכער רויך ציט זיך דאָרט פֿונעם קוימען.

די סרייפֿע

נאָך אין שלאָף האָב איך דערהערט אַ קלינגערייַ. נאָר כ׳האָב זיך ניט געוואָלט אויפֿכאַפּן. כ׳האָב נאָך שטאַרקער אַרופֿגעשלעפּט אויף זיך די קאָלדרע, נאָך מערער צוגעצויגן די קני צום מויל און געוואָלט, ס׳זאָל זיך מיר נאָך לאַנג, לאַנג חלומען.

אַפֿילו אין חלום האָב איך ליב, אַז סע טרעפֿט זיך עפּעס. אַפֿילו סרייפֿעס. און דערהויפּט בייַנאַכט, ווען דער הימל ווערט רויט. דער גלאָק קלינגט, די הינט צעוואָיען זיך. און אויפֿן האַרצן איז שרעקלעך און פֿריידיק, פֿריידיק דערפֿאַר, וויַיל אַלץ זעט אויס ניט ווי שטענדיק, אַלץ איז אַנדערש.

נאָר איצטער חלומט זיך מיר, ווייַזט אויס, ניט. ס׳האָט צו שטאַרק עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן די טיר און צו אַ גרויסע קלאַפּערייַ הער איך אונטער די פֿענצטער.

ס׳איז אַזאַ קלינגערייַ, אַז איך זעץ זיך אַזש אויף, רייַב מיט ביידע הענט די אויגן, קוק זיך אַרום און פֿאַרשטיי ניט, פֿאַרוואָס זייַנען רויט די פֿענצטער און פֿאַרוואָס פֿאַלט אַזאַ רויטער אָפּשייַן אויף די ליידיקע געלעגערס פֿונעם טאַטן און פֿון דער מאַמען.

— טאַטע! — שרייַ איך. — מאַמע! — און אייַנגאַנצן אַ פֿאַרציטערטער, לויף איך אַרויס אין דרויסן. נאָר אין דרויסן פֿאַרגעס איך שיר ניט איבער די באַלעגאָלעס, די פּויערים, וואָס יאָגן זיך מיט אויסגעשפּאַנטע פֿערד צו דער פּאָזשאַרנע. מע לויפֿט מיט עמער. מע שרייַט אַלע. נאָר אַלעמענס שרייַט איבער מייער קאַלונס וויַיב, וואָס ברעכט די הענט, לויפֿט צו דער מיליציע, הערט גאָר ניט אויף וויינען, אַז מ׳האָט צוגענומען איר מייערן.

כ׳קאָן אַפֿילו קיינעם ניט אָפּשטעלן פֿרעגן, וווּ סע ברענט.

די גאַנצע נאַכט איז אָנגעפֿילט מיט געשרייען, מיט אַ בילערייַ פֿון הינט, וואָס וואָיען פֿון אַלע זייַטן, מיט גלאָקן־קלאַנגען, וואָס לעבערן די שטילקייַט, טראָגן זיך איינס נאָכן אַנדערן.

די הייַזער זייַנען עפּעס נידעריקער געוואָרן, נורען זיך דער־

שראַקן אונטער די רויטע העגנענדיקע וואָלקנס, וואָס ווערן אַט העלער, אַט טינקעלער איבער די האַרבאַרניעס און איבערן טור־מע־באַרג, ווּ ס'איז דער דאָרפ־ראַט.

— די האַרבאַרניעס...

— די פאַבריקע, — שרײַט מען פון אַלע זײַטן.

— די בוינע!..

— ניט די בוינע — דער דאָרפ־ראַט...

— דער דאָרפ־ראַט ברענט! — דערהער איך די קוילעס פון דער מאַמען.

ווי ס'זאָל מיך אופטראָגן, פאַרגעסנדיק אין אַלץ, לאָז איך זיך לויפן דורך די פינצטערע געסלעך צום דאָרפ־ראַט.

כ'בין צעטומלט. ערשט דאַן, ווען כ'לויף אַרויף אויפן באַרג, דער־זע איך, אַז ניט דער דאָרפ־ראַט ברענט, אַז נאָר דער אָפּשײַן פון א סרייפע באַהעלט, ציטערט מיט רויטע ליכט־פלעקן אויף די ווײַסע נידעריקע ווענט, — מיטן דאָרפ־ראַט איז גאָרניט געשען.

כ'בלײַב שטיין א פאַרמאַטערטער. כ'שפּאַר זיך אָן אין דער וואַנט, עס דערטראָגט זיך צו מיר א רויך, כ'הער געשרייען, א קלינ־גערײַ פון עמער און פאַזשאַרנע גלעקער.

צענעמענדיק די ביימלעך, לאָז איך זיך נאָך די געשרייען. פון צעטראָגנקײַט גיי איך ניט צום אָרט, ווּ ס'איז די סטעזשקע, נאָר כ'פאַרקריך אין אַן אָרט, ווּ איבער די קוסטעס איז זיך זייער שווער אַראָפּצולאָזן. נאָר דאָס פונדאַנען דערזע איך ערשט, ווי אונטן, פונעם גאַנצן באַלויכטענעם טאָל, הייבט זיך א סיווער שטיקנדי־קער רויך, ער ווערט צעריסן, צעפּאַטלט פון פלאַמען, וואָס צעפּײַערן די סאַזשלקעס און הוידען אַרום זיך די נאַכט. די מענטשן ווערן אַזוי ווי דערטרונקען אינעם רויך און שווימען אַלעמאָל אַרויס באַהעלטע, בלישטשענדיק מיט עמער, טראָגנדיק דראָגער און האַוועדיק הין־און־צוריק אַרום דער ברענענדיקער בענקל־פאַבריקע. ס'זײַנען שוין אײַנגעפאַלן די ווענט. די פלאַמען האַלדזן שוין נאָר דעם פאַר־בליבענעם קוימען, וואָס שטעקט, ווי אַן אַרויסגעריסענער גאָרגל.

ווי אין א טשאַד הייב איך זיך אָן אַראָפּלאָזן. כ'פיל ניט, ווי די קוסטעס פּאַטשן, שטעכן מיר אין פּנים. כ'פאַרטשעפּע זיך אָבער אין עפּעס, גליטש זיך אויס און קײַקל זיך אַראָפּ.

כ'קאָן זיך לאַנג ניט אופהייבן, נאָר אַז איך הייב זיך אויף, שטיי איך אין א פאַרוואָקסענער גרוב, פונוואַנען מע נעמט באַ אונדז ליים.

פֿאַלנדיק, שרעק איך איבער אַ גאַס־הונט, וואָס איז דאָ גע־לעגן. דער הונט שפּרינגט אַרויס מיט אַ קוויטש.

עמעצער גיט זיך אַזוי ווי אַ וואָרף איבער מיר.

אופֿהייבנדיק דעם קאָפּ, דערזע איך די אַלטע איבערגעבויגענע בערעזע, וואָס וואַקסט ווי אַ רייף מיט דער קרוין צו דער ערד. נאָכדעם דערזע איך אַ פּאָר פֿיס, וואָס באַמבלען זיך, עפּעס אַ באָ־כער זיצט אויף בוים און קוקט אויף דער סרייפֿע.

כ'האָב, ווײַזט אויס, דעם באָכער דערשראָקן מיט מײַן פֿאַלן, ווײַל ער קוקט זיך זייער אַרום. נאָר דערזען מיטאַמאָל דעם הונט, גיט ער אַ געשריי „אַפּושאָוו" און שפּײַט אויס.

פֿון זײַן „אַפּושאָוו" און פֿון אומגעריכטקײַט ווער איך פֿאַר־ציטערט. איך דערקען אים שוין זייער גוט. ער איז אַזוי באַלויכטן, אַז כ'זע יעדער שפּרינגענדיק שאָטנדל, וואָס פֿאַלט פֿון די צווײַ־גלעך אויף זײַן פּאָנעם, אַפֿילו דעם קנאָפּ אויף זײַן קורצן אויסגעצוי־גענעם האַלדז.

איך האַלט צו דאָס מויל מײַנס, לאָז ניט אַראָפּ די אויגן פֿון אים, הייב זיך אָן רירן פֿונעם אָרט. ערשט דאַן, ווען איך דערפֿיל, אַז ער קאָן מיך שוין ניט זען, לאָז איך זיך לויפֿן מיט אַלע קויכעס צו דער סרייפֿע.

נאָר כ'טראַכט שוין אַפֿילו ניט וועגן דער ברענענדיקער פֿאַברי־קע. איך כאַפּ אַפֿילו ניט קיין עמער אויף לעשן דאָס פֿײַער, איך לויף צווישן די פֿאַזשאַרנע פֿעסלעך, צווישן די האָווענדיקע און שרײַענ־דיקע מענטשן און זוך בעטשעקן.

— בעטשעק! — שרײַ איך, ניט טראַכטנדיק אַפֿילו, אויף וואָס איך דאַרף אים.

איך זע אים ניט. אין דער צעריסענער צעהוידעטער פֿינצטער־ניש דערקען איך אַפֿילו ניט די פּענעמער. עפּעס אַ פֿרוי מיט רויטע, אַזוי ווי אָנגעצונדענע אויגן, פֿאַרהאַלט מיך. איך דערזע מיטאַמאָל אונדזער שטומע אופּראַמערן מאַטילדע. זי שטייט לעבן אַ ליידיק ווע־געלע, האַלט אַ פֿערד פֿאַרן צײַמל, זוכט עפּעס מיט דערשראָקענע אויגן אַרום פֿײַער.

— גאָלדע! — הייב איך אָן שרײַען. — גאָלדע־ע! — רוף איך.

— בע־ע־ע! — כאַפּט מיך מאַטילדע און הייבט מיך אָן שלעפּן נעענטער צו דער סרייפֿע.

— זיי וועלן אונדז ניט אָפּשרעקן! — דערהער איך גאָלדעס

בייז, אופגערעגט קאָל און דערזע איר קליינע אופגעהויבענע האַנט, וואָס דראָעט עמעצן אין דער פינצטערניש.

אַט פאַרשווינדנדיק, אַט זיך באַווייזנדיק אינעם אופגעהויבע־נעם פייער, שטייט זי אַרומגעשטעלט מיט מענטשן, בא די מענטשן זיינען די אויגן אַזוי ווי גלעזערנע, די פּענעמער זיינען בא זיי פאַר־שמירט מיט סאַזשע.

— א נייע מאכן, — שרייט צו גאָלדען בינימין, אינגאַנצן א פאַרסמאַליעטער, אין א האַלב־אָפּגעברענטער קאַפּאָטע.

— אָפּן אָרט פון דער איינער — דריי! — שרייט זי.

— שווערערס איבערגעקומען! — שרייט זי.

ס'איז איצטער ניט צו דערקענען גאָלדען: אירע ליפּן זיינען געוואָרן פולבלעכער, דאָס פּאָנעם — פאַרפלאַמטער. קיינמאָל איז זי נאָך אַזוי ניט ענלעך געווען אָפּ איר ברודער וועלוול, ווי איצ־טער. און פּונקט ווי אַמאָל נאָך וועלוולען, זי זאָל, דאכט זיך, איצ־טער א געשריי געטאָן, א הייב טאָן די האַנט, וואָלטן אַלע זיך גע־לאָזט, געגאַנגען נאָך איר אַפילע אין פייער.

— גאָלדע, — הייב איך זי אָן רופן, — גאָלדע! — וויל איך איר וואָס גיכער דערציילן וועגן שייקען.

— וואָס ווילסטו? — גיט זי זיך צו מיר א קערעווע. דער ברייטער קוויטלדיקער כאַלאַט, די צעפּלאָנטערטע האָר און דאָס צעהוי־דעטע פייער מאכן זי שרעקלעך.

זי האָט, זעט אויס, זיך געיילט אהער. זי האָט, ווייזט אויס, דערזען פונעם כוטער דעם רויטן אָנגעגאָסענעם הימל, דערהערט די גלאָקן־קלאַנגען און איז געקומען צו לויפן.

— גאָלדע! — וויל איך, זי זאָל מיט מיר אָפּגיין אין א זייט, איך זאָל איר קאָנען דערציילן. נאָר מאַטילדע לאָזט ניט:

— בע־ע־ע — קלאָגט מאַטילדע, וואַרפט גאָלדען ארוף א שאַל אָפּ די אַקסל, קוקט אָפּ איר מיט די גרויסע בעטנדיקע אויגן און שלעפּט זי צום פּורל.

— נו? — ווערט גאָלדע אומגעדולדיק.

— גאָרניט! — וויל איך שוין ניט דערציילן וועגן שייקען, ווייל מע שטייען א סאך מענטשן ארום, — כ'זוך בעטשעקן, גאָלדע.

— אָן איז ער, — ווייזט מען מיר אָן.

איך דערזע אים לעבן אַן אויסגעשפּאַנט פּאַזשאַרנע־פעסל. ער זיצט אָפּ אַן איבערגעקערטן עמער. ער האָט ניט באַוויזן, ווייזט אויס, ארופכאַפּן עפּעס אָפּ זיך און זיצט אין העמד.

— בעטשעק! — גיב איך אים א רוף.
— אז לאָזט! — צעשרײַט ער זיך, שטופּט מיך אָפּ.
— כ'מוז דיר עפּעס זאָגן! — ציטער איך פון אומגעדולד. — בעטשע־עק...
— וואָסי? — הײבט ער אויף דעם קאָפּ. — וואָס ווילסטו? — און ער קוקט שוין ווידער אָפּ דער קופּע ברענענדיקע בערוועס, אָפּ די פונקען, וואָס גיבן זיך אַלעמאָל א הייב, ווען די פּײַערלעשער ריַען מיט די קרוקעס און שלעפּן די האָלאָוועשקעס.
— וואָס ווילסטו, וואָס?
— בעטשעק, — קאָן איך נאָר אויסריידן, דערזעענדיק די אָפּגעשפּיגלטע פּײַערלעך אין זײַנע פאַרגאָסענע רויטע שווארצאַפּלען. — שײַקע־ע... ליגט איך זיך צו מיטן מויל צו זײַן אויער.
— וואָס־אָס? — כאַפּט ער מיך אזוי אָן, אז כ'גיב שיר ניט א געשריי פון ווייטעק.
— שײַקע, — קוק איך זיך ארום, — לעבן דאָרף־ראַט, בעטשעק...
— אליין געזען?! — גיט ער זיך א הייב און טוט אזא קנאַק מיטן פוס אין עמער, אז דער עמער גיט א דריי־דזשע, א בליאַסק און א פלי אין דער פינצטערניש.
— קום נאָר! — לאָזט ער זיך גיין פונעם אוילעם, וואָס הייבט אונדז אָן ארומרינגלען.
ער גייט אזוי גיך, אז קוים וואָס איך קאָן אים אָניאָגן. ער יאָגט זיך צום טײַך. אונטער די פיס קוואַטשעט די נאַסע ערד, וואָס ארום די סאַזשלקעס. מיר זײַנען פאַרקראָכן אין הויכן גראָז און אין ווערבע־קוסטעס. נאָר ערשט אז מע הערט שוין ניט די קוילעס פון ארום דער סרייפע, זעצט ער זיך מיט מיר אַראָפּ אָפּ אן אומגעפאַלענעם בוים.
— ווען האָסטו אים געזען?
— נאָרוואָס. געמיינט — סע ברענט דער דאָרף־ראַט. און דער־זען אים אונטערן בארג.
— און ס'איז געווען שײַקע?
— שײַקע.
— און מער האָסטו מיט אים קיינעם ניט געזען?
— כ'ווייס ניט. כ'בין אנטלאָפן.
— און דיך האָט ער ניט געזען?
— דאַכט זיך, ניט.

— זיך נויקעמ געווענ! — צענעמט ער אפילע ניט דאָס מויל. — אונטערגעצונדנ פאר עטלעכע קערבלעך! — ווערט זײַנ פּאַנעמ פאר־שטיינערט אונ אָפּגעפרעמדט.

אונ מער רעדט ער ניט. ער הייבט אָנ מיטאמאָל שאָבנ די בלאַ־טע פונ די שטיוול, שאָבט אזוי בייז, אז כ׳וויל שוינ אפילע צו אימ קיינ וואָרט ניט אויסריידנ. נאָר אז ס׳גיט א קלאַפּ א צווייג, צי ס׳גיט זיך א פּראַש אַ פּליושקע, הייבט ער זיך אָנ ארומקוקנ, אײַנהערנ.

סע גרויט שוינ. איך זע בלעזלעך, וואָס הייבנ זיך איבער די גרינע סאַזשלקעס. נאָר קיינ פויגל הערט מענ נאָך ניט. די כמארעס זײַנענ אזוינע אָנגעוואלגערטע אונ נידעריקע, אז דער הימל ווערט אפילע ניט רויט. א נימעס פּאַסקודנע רעגנדל הייבט אָנ קוימ־קוימ אונטערקראפּענ, רינגעלעך הייבנ זיך אָנ צעגיינ איבער דער סאַזשלקע.

— א רעגנ, האַ? — ציטערט ער אזוי ווי אופ, הייבט זיך אָנ באטראכטנ. — וואָס איז דאָס?.. פּו! — שפּײַט ער אוימ. — כ׳פאר־ליר שוינ דעמ קאָפּ! ארויסגעלאָפנ אָנ א פּידזשאַקל... אַשער!

— האַ?

— גיב א שפּרונג צו אונ לײַ מיר בא עמעצנ א מאנטל.

כ׳הייב זיך אופ אונ לאָז זיך לויפנ.

— וואַרט נאָר. גיב נאָך א רופ גאָלדענ, נאָר גיכער!

נאָר אז כ׳קומ צו לויפנ צו דער סרייפע, טרעפ איך שוינ ניט גאָלדענ. כ׳האָב אפילע ניט בא ועמענ צו נעמענ א מאנטל.

— אייסעך... — זיצ, — איז, דאכט זיך, בעטשעק פרייל־עכער אונ אופגעלעבטער געוואָרנ. — ניטאָ קיינ מאנטל? ס׳איז גלאט ניט גוט. פּאַסקודנע זיך מיט אימ אזוי באגעגענענ...

— מיט ועמענ?

— מיט אימ.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט.

— ער וויל דיך דאָך הארגענענ?!

— מאלע וואָס ער וויל!.. כ׳בינ אויך, דאכט זיך, ניט קיינ גע־ליימטער!?

— ער האָט דאָך געשאָסנ אינ דיר? ער האָט דאָך, זאָגסטו, אונ־טערגעצונדנ...

— ניט ער. כ׳האָב געמיינט קאלונענ, וואָס איז אינ קאס פאר דער הארבארניע.

— און שײַקע?

— מאַלע וואָס כ׳האָב זיך געקריגט מיט אים. נאָר איצטער האָבן מיר זיך שוין איבערגעבעטן.

— מיט שײַקען? לאַכסטו? — פאַרשטײ איך אים שוין אינגאַנצן ניט.

— טאָמער וואָלסטו בעסער געגאַנגען אַהײם? — ווערט ער אין כּעס. נאָר ער ווערט גלײַך ווידער צוגעלאָזט. ס׳איז עפּעס אַ מאָדנע צוגעלאָזנקײט, — דאָס פּאָנעם איז ווידער פאַרשטײנערט, און קײן מינדסטע שמײכעלע באַווײַזט זיך ניט אויף דעם.

— אַשער...

— האַ?

— עפּשער וואָלסטו מיך עפּעס געפּאָלגט?

— וואָס?

— כ׳מוז לויפן אין מיליציע. מ׳האָט אײַנגעזעצט מײער קאַלון. כ׳דאַרף זײַן דאָרטן... איז עפּשער, — קוקט ער מיר לאַנג־לאַנג אין די אויגן, — וואָלסטו צוגעלאָפן אין דאָרף־ראַט און גענומען מײַן פּידזשאַקל און מיר עס געבראַכט?

— בעטשעק, — דרײ איך זיך אָפּ פון אים. כ׳וויל זײער ניט גײן. נאָר איך זאָג עס אים ניט.

— האָסט מוירע?

— נײן־נײן! כ׳וועל ברענגען! — פּיל איך, אַז כ׳וועל זיך לאָזן בעסער אָפּשינדן אײדער אַרויסווײַזן פאַר אים שרעק.

— אַשער, — פאַרהאַלט ער מיך, ווען כ׳לאָז זיך שוין גײן, — נאַרסט מיך אָפּ! כ׳זע, אַז דו האָסט מוירע!.. נאָר זאָל איך געהאַרגעט ווערן, — בײגט ער זיך צו אַזוי, אַז זײַן פּאָנעם איז לעבן מײַן פּאָנעם, — אויב אַ האָר וועט פון דיר פאַלן... אויב ער וועט דיך אָנרירן. אויב ס׳איז דאָ אפילע די מינדסטע געפאַר פאַר דיר!..

— יאָ־יאָ. איך גײ! — ווער איך גרײט צו גײן פאַר אים אפילע אין פײַער.

— געדענק אָבער, אַשער! וואַרט ער אויף מיר, וועט ער געווים בײַ דיר פרעגן, פאַרוואָס דו טראָגסט עפּעס מײַן פּידזשאַק. זאָלסטו ניט דרײען קײן קאָפּ און זאָגן דעם עמעס. זאָלסט זאָגן, אַז כ׳האָב דיך געשיקט. אַז כ׳בין אין מיליציע בײַ מײער קאַלון. און אַז כ׳וועל וואַרטן בײַ אײַך.

— בײַ אונדז? — פרעג איך שטיל, שטיל.

— באַ אײַך, אַשער. און רײדנ זאָלסטו אַ ביסעלע העכער, װײַל שײַקע האָט פֿײַנט, אַז מע שושקעט זיך.

— איז לויפֿ איך, בעטשעק!

— איז הײַדאַ, אַשער! — און לאָזנדיק זיך לעננגוים דעם טײַך, פֿאַרשװוינדט ער צװישנ די ביימער.

צום דאָרפֿ־ראַט לאָז איך זיך פֿאַמעלעכ. כ׳װאָלט געװאָלט, דער װעג זאָל זיך מיר ציִענ לאַנג, לאַנג. כ׳גיי נאָכאַמאָל דערפֿאַר צו צו דער טליִענדיקער קופּע האָלעװעשקעס, װאָס איז געבליבנ פֿונ דער פֿאַבריקע.

דער דריבנער רעגנ צישעט שטיל, שטיל, פֿאַלנדיק אַפֿ די קױלנ. אַרום שטייענ מענטשנ, קוקנ מיט פּוסטע אױסגעגלאָצטע אױגנ אַפֿנ װײַסנ סטאַרטשענדיקנ קוימענ. נאָר קיינער לעשט ניט. מע הייבט זיך שױנ אָנ צעגיינ. כ׳גיי אױכ אַװעק.

װי טרעטנדיק איבער גלאָז, הייב איך זיך אָנ אופֿהייבנ מיט דער באַרג־סטעזשקע צום דאָרפֿ־ראַט.

שטענדיק, אַז ס׳איז פֿינצטער און ס׳איז מיר אומהיימלעכ, הייב איך אָנ שרײַענ, זינגענ, כ׳זאָל װערנ מוטיקער און ס׳זאָל פֿריילעכער װערנ.

נאָר איצטער װיל איך ניט און קאָנ נימ. כ׳קוק זיך נאָר אײַנ. אַפֿ דער בערעזע זע איך שױנ קײנעמ ניט. דער רעגנ קלאַפּט נאָר אַזױ װי מיט פֿינגער אינעמ בלעכענעמ דאַכ. כ׳דערהער אַפֿילע אַ זשאַבקע, װאָס שפּרינגט מיר איבער די סטעזשקע און פֿאַרשװוינדט אינעמ גראָז.

מוירע האָבנדיק זיך אומצוקוקנ, גיי איך צו צו דער טיר, װאָס איז אינגאַנצנ צעעפֿנט, און גיי אַרײַנ אינ דאָרפֿ־ראַט. איך סטאַרע זיך גיינ שטיל, אָבער הילכיק און קלינגענדיק קלאַפּנ מײַנע שיכ איבערנ צעמענטענעמ דיל.

איך גיי צו צו דער באַנק, װוּ ס׳ליגט בעטשעקס צערױטעטער געלעגער, כ׳נעמ זײַנ העמדל מיטנ פּידזשאַק, דריי זיי צונויפֿ, װי אַ קלומעקל, און לאָז זיך אַהיימ.

אַנטקעגנ קומט מיר אָנ אַנ אומבאַקאַנטער, אינ אַ ברעזענטענעמ רעגנ־מאַנטל און מיט אַ קאַפּיושאָנ אַפֿנ קאָפּ. כ׳װיל אימ אָפּטרעטנ דעמ װעג. ער פֿאַרהאַלט מיכ אָבער, גיט אַ הוסטעלע, װײַזט מיר אַפֿ דער שטוב פֿונ דאָרפֿ־ראַט און פֿרעגט מיכ אַפֿ אוקראַיִניש, צי געפֿינט זיך דאָ דער דאָרפֿ־ראַט, כאָטש מע זעט אימ זייער גוט, װײַל מע הענגט אַ שילד אַפֿנ אַרײַנגאַנג.

— יאָ, — ענטפֿער איך אימ, — נאָר ס׳איז נאָכ פֿרי, כאַװער.

ער הערט מיך אָבער ניט און גייט אַרײַן אין דאָרף־ראַט. כ'וויל אים דאַפקע זאָגן, אַז מע טאָר ניט, נאָר כ'דערשרעק זיך, ווײַל ער קוקט מיר עפּעס נאָך.

— וואָס שלעפּסטו, גאַנעוול? — דערזע איך שײַקען, וואָס איז אַרויס צו מיר פון צווישן די קוסטעס.

— ס'אַ פּידזשאַק, — פאַרכאַפּט מיר אַזש דער אָטעם, — סע טראָגט איך דעם פּידזשאַק בעטשעקן.

— גאָר פּידזשאַקעס?! — הייבט ער אים אָן באַטאַפּן.

— ס'האָט מיר בעטשעק געהייסן. ער איז אַרויס נאָר אין אַ העמד.

— וווּ איז ער דען, וווּ?

— אין מיליציע. ס'האָט מען אײַנגעזעצט קאַלונען פאַר דער פאַבריקע. נאָר בעטשעק וועט וואַרטן אַף מיר בײַ אונדז.

— וווּ איז דאָס דער „בײַ אונדז"?

— בײַ ליִיע עליעס.

— דאַכט זיך, אָשער?

— אָשער.

— און איך ווי הייס, ווייסטו?

— ניין! — וויל איך ניט אָנרופן זײַן נאָמען, ווײַל כ'האָב געהערט, אַז אויב מע דערקענט אים, הארגעט ער, — ניין, כ'ווייס ניט.

— דו פּראַווע מיר קיין שטיק ניט! — און אַ שווערע רייעכ פון בראַנפן דערהער איך. — איך בין ניט שיקער! און מיר וועסטו קיין היטל ניט דרייען!

— שײַקע?

— אוי, אַ סריפע! כ'האָב דיך נאָך אַרומגעקאַטשײַעט, אַז דו ביסט געגאַנגען מיט אַ וואָרעטשעקל, און מאַכסט זיך שוין — אַן אומגליק אַף דיר!

— שוין דערקענט.

— אוואַדע דערקענט, מע קען מיך?! מע ווייסט מיך, האַ? — ציט ער מיך צו נעענטער. זײַן ברייט, אַזוי ווי פּירעקעכיק, פּאָנעם איז ווי אָנגעשוואָלן, געעלטערט, און בײַטעלעך הענגען אַראָפּ פון אונטער די ניט־אויסגעשלאָפענע, אומרויִקע און עפּעס דערשראָקענע אויגן.

— מע רעדט פון מיר, האַ?

— יאָ! — וויל איך זיך אַ ביסעלע באַפרײַען פון אים.

— ציטער ניט. כ'וועל ניט פּאַטשקען אין דיר די הענט. איך טשעפּע ניט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. כ'בין ניט בעטשעק, וואָס יאָגט זיך נאָך מיר ווי אַ היצעל...

— ניין, שײַקע, — ווײַל איך אים איבערבעטן, — ער האָט דיך ליב.

— וועמען? — ווערט ער אַנגעצונדן.

— דיך.

— מיך? — באַטראַכט ער מיך אַזוי, אַז ס׳פאַרכאַפּט מיר אַזש דעם אָטעם. — מיך?! כ׳מאַך פֿון דיר, גיוועזעק, אַ פּרעזשענעצע. דו נאַרסט מיך! ער איז באַ אײַך, צי ניט באַ אײַך?!

— זאָל איך שטאַרבן, שײַקע! — שרײַ איך פֿון גאַנצן האַרצן.

— שרײַ ניט! ער האָט עס דיר געזאָגט: באַ אײַך?

— יאָ.

— ווען?

— פֿריִער אַ ביסל.

— אַ קאָמיסאַר זאָגט, איז ווי געהאַוועט. בעטשעק איז ניט איך. איך, אַז איך זאָג, איז געזאָגט.

— און איך זאָג אויך עמעס, — שווער איך זיך נאָכאַמאָל.

— איז ווילסטו ניט, מע זאָל מיך כאַפּן?

— ניין! — האָב איך צו אים טאַקע איצטער גאָרניט. — כ׳וויל ניט, שײַקע!

— זעסט, — שלעפּט ער אַרויס אַ זייגער מיט אַ קייט, — דאַרפֿסט אַ זייגער?

— האַ? — פֿאַרשטיי איך ניט, וואָס ער וויל פֿון מיר.

— ס׳איז מײַערס. ער מיינט, אַז מיטן זייגער און מיט דער קוואַרט בראַנפֿן ווערט ער פּאָטער פֿון מיר. נאָר — לוי. אַ וואָרט איז באַ מיר אַ וואָרט. כ׳וועל דיר אים אוועקגעבן, אַז דו וועסט מיר אַרויסרופֿן בעטשעקן.

— כ׳וועל אַרויסרופֿן, — זאָג איך אים, און וויל זיך לאָזן גיין. נאָר שײַקע הייסט מיר צוּוואַרטן. ער לויפֿט אַרוף מיט דער סטעזשקע און הייבט אָן עפּעס ריידן מיטן אומבאַקאַנטן, וואָס מיטן פּאָרטפעל אין האַנט.

— איז קום, אָשער, — רוקט שײַקע אַרײַן דעם קאָפּ אין די אַקסל. — ס׳אַרא פּאַגאָדע! — ער הייבט אונטער דעם קאָלנער, רוקט אָן דאָס היטל ביז די סאַמע ברעמען, ווערט עפּעס אַזוי ווי נידעריקער.

ער גייט מיט מיר פּאַמעלעך. סע וווּנדערט מיך זייער, וואָס ער, פֿאַר וועמען אַלע האָבן מוירע, שטעלט זיך יעדעס מאָל אָפּ, האַלט

אין איין ארומקוקן זיך, הערט זיך איין, כאָטש קיין מעשוגענעם הונט זעט מען ניט.

אָבער נאָענט לעבן אונדזער שטוב, כאָטש ער איז נאָרוואָס גע־גאַנגען מיט מיר, פאַרשווינדט ער.

— שייקע! — גיב איך אים א רוף. — שייקע! — שריי איך, אז ס'ענטפערט מיר אזש א ווידערקאָל, נאָר שייקע ענטפערט ניט.

— מאמע! — הייב איך שוין אָן קלאַפּן אין טיר. — עפן, מאמע!

— בעטשעק איז דאָ?

— ער איז געווען, — עפנט זי די טיר.

— גאָר ארומשיקן קינדער באנאכט! — צעשרייט זי זיך. — א מעיוכעס!.. אין וואָלאָסט איז ער אוועק. און אויב ניט דאָרט, האָט ער געזאָגט, זאָלסטו ברענגען דעם פּידזשאַק אין דאָרף־ראַט.

— עליע! — לאָזט זי שוין ניט רוען דעם טאַטן. — גיי מיט אַשערן. כ'וויל ניט, ער זאָל גיין באנאכט!

זי גייט שוין אפילע ארוים צו מיר מיט א שאַל אף די פּלייצעס. כ'האָב עס אָבער פיינט.

— הער אוף! — ווער איך אין קאס און לאָז זיך צום פּארטקאָם. די מאמע האלט אין איין רופן דעם פּארטקאָם — „וואָלאָסט".

אין פּארטקאָם איז אָבער פינצטער, און ס'זיינען פאַרשלאָסן די טירן.

— שייקע! — צעשריי איך זיך נאָכאמאָל און וויל אים זאָגן, אז בעטשעק איז שוין אין דאָרף־ראַט.

— ציץ! — באַוויזט ער זיך, ווי פון אונטער דער ערד, גיט מיך א נעם פארן קאָלנער, אז ער דערוואַרגט מיך שיר ניט. — וואָס שרייסטו?

— כ'האָב געמיינט, ביסט אוועקגעגאַנגען.... — קאָן איך קוים אויסריידן.

— בא אונדז פייגערט מען, אז מע מיינט! — ציטערט ער אזש פון קאס. — כ'האָב געזאָגט, דאכט זיך, ניט שרייען!?

— איך שריי ניט.

— הער נאָר! — שלעפּט ער מיך אוועק הינטער דער שטוב. — ניוונזיק! — און ער פאַרהיקעט זיך אזש. — פאַרוואָס האָסטו גע־שריען, זאָג?!

— דיך געזוכט...

— מיט מיר שפּילט מען זיך ניט! — שפּייט ער אוים. — גלאַט, פון דיין מאמעס רייד זע איך, אז דו נארסט ניט אָפּ... איז ציטער

ניט. ניט דיך דאַרף איך!.. כ׳וועל דיר אַפּילע געבן דעם זייגער, — הייבט ער מיך אָן גלעטן און רעדט צו מיר שטיל־שטיל, — צוגע־זאָגט — איז צוגעזאָגט. אפילע מייער קאַלונע צוגעזאָגט — האָב איך אָפּגעטאָן. און דיר אויך, אַשער...

— וואָס צוגעזאָגט מייערן?

— וואָס כ׳האָב געדאַרפט.

— די פאַבריקע?

— וואָס ראַטשעסטו די אויגן, ווייל איך וויסן? וואָסי? — הייבט ער אונטער די האַנט, און פון זײַן אַרבל, דערזע איך, שטעקט אַ בלויליקער רערל פון אַ רעוואָלווער.

— כ׳וויל ניט, שײַקע... די מאַמע וויינט. כ׳וויל גיין אַהיים!..

— שפּרינג ניט! קום! קום, אַשערל! — רופט ער מיך און רעדט צו מיר זייער ליב.

איצטער וועט ער מיך ניט אָפּנאַרן. איך גיי. נאָר כ׳זאָג אים שוין גאָרניט. איך זאָג אים נאָר, אַז ס׳איז מיר קאַלט, און איך טו אָן בע־טשעקס פּידזשאַק, פאַרקאַטשע די לאַנגע אַרבל, ס׳זאָל מיר גרינגער זײַן אַנטלויפן.

כ׳וועל אַנטלויפן, נאָר ניט טייקעף. דאַפקע איצטער האָב איך קיין מוירע ניט. כ׳וויל פריִער צוגיין מיט אים צום דאָרף־ראַט און אויסשרײַען בעטשעקן, אַז מע וויל אים, בעטשעקן, הארגענען...

אַז מיר גייען אָבער צו צום דאָרף־ראַט, לאָזט מיך ניט שײַקע אַרופלויפן אַפן באַרג. ער בלײַבט שטיין, שטייט אויפגעהאָרבעט, די פּיס אײַנגעבויגן אין די קני, ווי ער זאָל זיך קלײַבן אַנטלויפן.

ער זעצט זיך אַפילע צו. שלעפּט מיך אויך אַראָפּ. לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פונעם דאָרף־ראַט און פונעם צעעפנטן פענצטער.

— גיי! — איז ער אינגאַנצן ווײַס. — גיי! — רוימט ער מיר אײַן אין אויער, נאָר לויפן לאָזט ער מיך ניט.

כ׳הייב אָן גיין דער ערשטער. און כ׳גיי לאַנג, מיר דוכט זיך, יאָרן, ווײַל אַלעמאָל פאַרהאַלט ער מיך.

אַז איך גיי צו צום דאָרף־ראַט, איז די טיר, וואָס כ׳האָב געלאָזן אָן אָפענע, פאַרשלאָסן.

— בעטשעק! — הייב איך אָן שרײַען מיט אַלע קויכעס, ווײַל כ׳וויל שוין גיכער אַרײַנלויפן און פאַרהאַקן הינטער זיך די טיר.

— ער שלאָפט, שײַקע, — זאָג איך דאַפקע הויך. נאָר שײַקע נעמט מיך אַזוי אָן באַם עלנבויגן, אַז ס׳באַשלאָגט מיך אַ שוויים.

— רוף אים! — פירט ער מיך צו צום אָפענעם פענצטער —

רופ! — קריצט ער מיט די ציין. — שרײַ! — רוקט ער מיר דעם זייגער אין קעשענע.

נאָר כ'וויל ניט רופן, כ'וויל ניט, בעטשעק זאָל צוגיין צום פענצ־טער.

— קוועטש ניט! — בעט איך זיך, — כ'וועל בעסער ארופקריכן און אים אופוועקן.

— קריכ!

דאָס פענצטער איז אָבער הויך. די שטיינערנע שמאָלע פריזבע איז א קאָסע און איז זייער גליטשיק פונעם רעגן. און כ'בין מיד. וויפל איך סטארע זיך ניט, נאָר די פיס קאָנען זיך ניט אופהאלטן.

— כ'קען ניט!

ערשט אז שײַקע הייבט מיך אָן אונטערשטופן, כאַפּ איך זיך ארופ אפן פענצטער. נאָר ארײַן אינוויייניק קאָן איך ווידער ניט, ווײַל כ'האָב זיך פארטשעפעט מיטן העמדל עפּעס אין א טשוואָק.

איך דריי זיך אוים. כ'וויל אָפּטשעפּען דאָס העמדל. אפילע שײַ־קע, וואָס שטייט הינטער מיר, הייבט עס אָן אָפּטשעפּען.

נאָר איך קאָן זיך שוין ניט צורירן. כ'פיל, אז כ'וועל באלד אראָפּפאלן, אז כ'קאָן זיך אפילע מיט די הענט ניט אָנהאלטן.

— בע־טשע־עק! — קאָן איך נאָר אויסשרײַען.

כ'דערזע אים שטיין הינטער א קוסט. עפּעס ווינקט ער צו מיר מיט זײַנע שרעקלעך־צונויפגעצויגענע אויגן. כ'דערזע נאָך דעם נײַעם נאטשאלניק פון דער מיליציע...

ס'גענדויערט עפּשער אַן אויגנבליק. כ'וועל פארטויבט פון א היל־כיקער שיסערײַ. כ'דערהער קוילעס. כ'דערפיל א מוירעדיקן ווייטעק, נאָר כ'קאָן אפילע קיין געשריי ניט טאָן...

ערד

דעם פארטאָג, ווען מע האָט געהארגעט שײַקען, בין איך אראָפּ־געפאלן פון פענצטער און זיך אויסגעלונקען א פוס.

א פוס זיך אויסלינקען איז ניט אזוי שרעקלעך. מע דארפ נאָר ליגן שטיל און זיך ניט דרייען. אָבער ליגן שטיל קאָן איך ניט. בין איך טאקע לאנג אָפּגעלעגן.

כ'האָב ליב צו זײַן קראנק. מע גייט צו מיר אלע. און ס'איז מיר פריילעך. ס'האָט מיך נאָר פארדראָסן אפ בעטשעקן. ס'לאָזט זיך

אויס, אז מ׳האָט מיך זייער געהיט, און בעטשעק זאָגט, אז ער האָט שיר ניט געפּלאַצט, ווײַל איבער מיר האָט ער ניט געקענט שיסן און דעם גאַנצן פאַרטאָג זיך געמוזט נאָכשלעפּן נאָך שײַקען. ס׳פאַרדריסט מיך. ווען כ׳זאָל עס געוועןן וויסן, וואָלט איך כאָטש שײַקען אָנגערופן באַנדיט און זיך אפילע געשלאָגן מיט אים...

נאָר — פאַרפאַלן. איצטער בין איך שוין געזונט. ס׳טוט מיר באַנג, וואָס גאָלדע איז נאָך ניטאָ. ס׳איז שוין האַרבסט. מע לערנט זיך שוין אין שול. נאָר זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקערט.

כ׳וואָלט אוועקגעלאָפן צו מאַטילדען, נאָר כ׳ווייס ניט, צי גאָלדע איז נאָך דאָרטן. און כ׳האָב איר אפילע ניט וואָס צו דערציילן. וועגן זיך דערציילן — איז ניט שיין. און וועגן שטעטל איז ניטאָ וואָס. פאַר דער צײַט פון מײַן קרענק איז ווידער שלעכט און אומעטיק געוואָרן אין שטעטל. און ווי אַלעמאָל, ווען ס׳ווערט שלעכט, הייבט מען זיך אָן צונויפקלײַבן אונטער אונדזער פּידאַשעק, אָדער מע קלײַבט זיך רעדלעכווײַז אין מאַרק.

א רעדל הייבט זיך אָן געוויינלעך פון א צוויי אָדער דרײַ יִדן. נאָכדעם קומט צו א דריטער, א פערטער. נאָכדעם נאָך. און ס׳הייבן זיך אָן ריידערײַען. מערער פון אַלץ רעדט מען וועגן דער בענקלפאַבריקע, און וואָס ס׳איז ניטאָ קיין אַרבעט.

בעטשעקן איז ניט צו דערקענען. ער איז אזוי ווי געעלטערט געוואָרן. זײַן אָפּגעצויגן, גיט־געגאָלט פּאָנעם גלאַנצט אָפּ מיט א סאך מער ווײַסע שטעכלקעס איידער שטענדיק.

מע זעט אים איצטער ווייניק. ער ווערט פאַרפאַלן אָפּ גאַנצע וואָכן. ער האַלט אין איין פאָרן אין דער נאָענטער גובערניע־שטאָט. ער איז שוין געפאָרן אפילע מיט אישטשענקאָן. ער דאַרף זיך אויסשטאַרען, זאָגט ער, קרעדיטן, און מע זאָל שיקן יִדן אָפּ ערד.

אַלע האָבן איצטער אָנגעהויבן ריידן וועגן ערד. און שטילווערנדיק, אינמיטן די הייסטע שמועסן, קוקן יִדן נאָך מיט בענקשאַפט נאָך די וועגענער טוווּע, וואָס פויערים פירן פון די פעלדער.

אפילע ווײַבער, פאַרשמירנדיק די פענצטער אָפּ ווינטער, קאָנען פאַרגליווערט ווערן און לאַנג נאָכקוקן א פורל היי, וואָס מע פירט פון די לאָנקעס.

מײַן פעטער מענאַשע האָט זיך אייערנעכטן אפילע א קלאָפּ געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן און געוואָלט, כ׳זאָל אים געבן צו פאַרשטיין, פונוואַנען נעמט זיך עס צו יִדן אזא גוסט, אזא בענקעניש, ראַכמאָנע־ליצלאָן, אזא צִיעניש צו ערד־אַרבעט?!.

קיין ערד האָט נאָך בעטשעק ניט געקראָגן.

בעטשעקן טאָר מען איצטער ניט פרעגן, ניט אָנרירן, ווייל ער ווערט זייער אין קאַס.

היינט אָבער, קומענדיק פון גובערניע, איז ער געווען עפּעס פריי־לעכער און צוגעלאָזטער. ער איז אפילע צוגעגאַנגען צו אונדזער שטוב און זיך אוועקגעזעצט אַף דער פריזבע.

ס׳איז געווען פאַרנאַכטלעך. מ׳האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן אָנ־צינדן פייער. אַפן שאָסיי איז געווען פוסט. דער ווינט האָט ווען־ניט־ווען פאַרטראָגן פאַרטריקנטע אקאַציע־ און יאַסינע־בלעטלעך און זיי אויסגעמישט מיט דער אָנגעוואָרפענער שטרוי און פערדן־מיסט.

ווי אַלעמאָל פאַרנאַכט, זיינען יידן געזעסן אונטער אונדזער פּידאַשעק. מע איז געזעסן אַף דער פריזבע, אַף דער ערד, מ׳האָט געררייכערט, געשמעקט טאַבאַק, פאַריסן אַלעמאָל די קעפּ און געקוקט אַף די שורעס אָפּפליענדיקע בושלען, זיך איינגעהערט אין די גע־שרייען פון די דורכפליענדיקע גענדז.

ס׳האָט אַלעמען מיטאמאָל אופגעהערט געפעלן דאָס שטעטל. מ׳האָט עס מיטאמאָל אָנגעהויבן רופן מיט מאָדנע צונעמענישן: א „העק", א „לאָך". און ביניאָמין, סראָליקס טאַטע, זאָגט אפילע, אַז — ס׳א באַגרעבעניש...

— מע שמועסט, האַ? — האָט נאָך פונוויטן א פרעג געטאָן בעטשעק.

ער איז צוגעגאַנגען פּאַמעלעך, די הענט, ווי שטענדיק, אריינ־געלייגט אין די פּידזשאַק־קעשענעס, דער קאָפּ — אופגעהויבן, פאַ־ריסן, ווי ער זאָל זיך וועלן, בעטשעק, מיט עמעצן קריגן.

ווי נאָר ער איז צוגעגאַנגען, איז מען גלייך שטיל געוואָרן. מ׳האָט אָנגעהויבן קוקן קלוימערשט אַף דער ערד, אַנדערע האָבן אונטער־געהוסט, געקוקט אַף דער האַלב־רויטער, האַלב־שוואַרצער כמאַרע, וואָס הענגט א צעריסענע איבער די נידעריקע דעכער.

— סע רוקט זיך דער ווינטער, — הייבט גאָר אָן וועגן דער פּאָ־גאָדע פּראָ‌ים קאַטוב. און ווי ס׳זאָל שוין טאַקע זיין קאַלט, רוקט ער־אריין אן אַרבל אין אַן אַרבל, פאַרהייבט א ביסל זיין קאַלטענעוואַטע באָרד, — און ס׳וועט, דאַכט זיך, היינט רעגענען, האַ?..

ווי אַלעמען זאָל מיטאַמאָל אָנהייבן אָנגיין דער רעגן, פאַרקוקט מען זיך אַפן הימל, וווּ צווישן די נידעריקע אָנגעוואַלגערטע שטיקער כמאַרע באַוויזן זיך שוין שטערן, אַזוי ווי ווייטע פּערלעך.

— רעדט איר גאָר וועגן דער פּאָגאָדע? — ציט זיך בעטשעק

אויס, שפּאַרט זיך אַן מיטן קאָפּ אין דער פּריזבע, אַז די שײַן פֿון אונדזער נאַרוואָס אָנגעצונדענעם פֿענצטער באַלויכט זײַנע פֿאַרבלאָ־טיקטע שטיוול מיט די אַרויסגעשטעקטע אויערלעך. — ס'געפֿעלט אײַך שוין ניט דאָס שטעטל, וואָס?

— אַז דערלעבט זיך... אַרומגיין לײדיק — רעדט פראָים קאַ־טוך און קוקט אַפֿילע בעטשעקן ניט אין די אויגן.

— אָט דאָס איז לאָשן!

— אָפּ דער וועלט, — נעמט זיך שוין אָן מיט מוט בינימאָ־מין, — אָפּ דער וועלט, זאָגט מען, מוטשעט מען זיך שוין ניט...

— ווער זאָגט?

— די וועלט זאָגט.

— וואָסער וועלט?

— די וועלט, — רוקט זיך אָפּ פֿון אים בינימאָמין, — אין די גרויסע שטעט, כאַוועך פּרעדסעדאַטעל, זאָגט מען, קריגן שוין מענטשן אַרבעט.

— דער כאַוועך פּרעדסעדאַטעל האָט פֿײַנט, אַז מע האַקט אַ טשײַניק, ווײַל אין שטאָט גייט מען נאָך אויך אַ סאַך אַרום אָן אַרבעט.

— אָבער עפּעס פאַרט דאַכט די וועלט?

— איז וואָס? — ווערט שוין בעטשעק צוריק שטיל. — מע זוכט דאָך... מע זאָל אוואדע באַצײַטנס געווען ערד באַקומען... אָדער ס'זאָל זײַן עטלעכע פֿאַבריקעס...

— אַז מיר האָבן שוין געזען די פֿאַבריקעס, — לאָזט אים ניט דערריידן פראָים קאַטוך.

— אַזוי? שוין געזען, כאַכעם מײַנער?! — ווערט בעטשעק דאַפּ־קע ניט אין קאָס. — האָסט דערוויײַל געזען נאָר דעם רויך... נאָר מיט דער פֿאַבריקע וואָלט אויך מיסטאָמע געווען צאָרעס, ווײַל מ'איז אָרעם און מ'האָט זייער ווייניק בענקלעך פֿאַרקויפֿט.

— איז פֿאַרוואָס, כאַוועך פּרעדסעדאַטעל, שיקט מען אונדז ניט אָפּ ערד?

— איך הײס בעטשעק, בינימאָמין!

— די גאַזעטן שרײַבן, — לאָזט שוין ניט אָפּ פראָים, — סע שטייט אין די גאַזעטן.

— לייענסט שוין גאַזעטן? — ווערט עס בעטשעקן גע־פֿעלן. — דאָס, זעסטו, איז אַ ליגן. אין צײַטונג איז נאָך גאָרניט געווען. נאָר פֿונדעסטוועגן וועלן מיר פֿאָרן, פראָים... איך בין שוין

געווען עטלעכע מאָל אין גובערניע... שוין געפאָרן אישטשענקאָ...
מיר ווארטן פון טאָג צו טאָג... איך מיין, אז אינגיכן וועלן מיר עפּ־
שער קאָנען שיקן עטלעכע צענדליק מישפּאָכעס...

— אז מע קאָרמעט מיט זאוטרעקעס... אז מע זאָגט נאָר צו...
ס׳זאָל אוואדע וויסן לעניג... מע זאָל עמעצער סייכל האָבן און אים
אָנשרײַבן... אז נאָר אַפּ אונדז האָט זיך אויסגעגאָסן דער אומגליק...

— וואָס ווילסטו? מע קאָן דאָך ניט מיטאמאָל, — זעצט זיך
שוין בעטשעק אוף. ער ווערט שוין בייז. — נא, זע! — ווײַזט ער אַפּ
די אנטקעגנדיקע צונויפגענורעטע שטיבלעך, אַפּ די קלייטעלעך
און אַפּן מארק־לאָמטערן, צו וועלכן טראָכים, דער מארק־סטאַ־
ראָזש, האָט נאָרוואָס צוגעשטעלט א לייטערל און צינדט אָן דעם
לאָמפּ. — ס׳א שטעטל! ס׳איז ניט קיין דאָרף בא אונדז. פון פינף
הונדערט מיט אכצן מישפּאָכעס זײַנען הונדערט אכט און פער־
ציק — פון שנײַדערס, באָנדערס, בלעכערס, שאָרניקעס, הארבארניקעס,
קאָוואליעס, שוסטערס, מוליערס, סטאָליערס...

— און אײַנבינדערס, — קאָן איך זיך שוין ניט אײַנהאלטן, —
און באלעגאָלעס...

— און שטעפּערס, טעסלערס, — שרײַט בעטשעק, — און הע־
כער צווי הונדערט מישפּאָכעס — קלייטניקעס און גלאַט אָרעמעלײַט,
וואָס קענען גארניט טאָן!.. און מע קאָן ניט מיטאמאָל... און
דו, ביניאָמין, דו האָסט, דאכט זיך, א שטיבעלע?

— יאָ, בעטשעק.

— אָן אייגנס?

— אָן אייגנס.

— אליין געבויט?

— אליין.

— און איר אויך, פּראָזים?

— יאָ.

— און אז איר האָט געבויט, איז דאָך אויך ניט מיטאמאָל: אמאָל
האָט געפעלט א פּאָדוואלענע, אמאָל א דאך. און די אויגן זײַנען אײַך
ארויסגעקראָכן, ביז איר האָט געקראָגן אַפּ א ביסל געהילץ, אַפּ אָפּ־
צאָלן די באלמעלאָכעס... און געבויט האָט איר א שטיבעלע. און
איצטער, — בעטשעק הייבט אויף אָן ציטערן, — ווען מיר לייגן
פּאָדוואלענעס פאר אזא לאנד... ווען ס׳פעלט אמאָל אַפּ צודעקן דעם
דאך... און אז סע פעלט... ווילט איר דאפקע מיטאמאָל... ס׳זאָל שוין
אין ערגעץ ניט ארײַנרינען, ס׳זאָל שוין אין ערגעץ ניט בלאָזן...

— טאקע עמעס!...

— און מע קאָן ניט מיטאמאָל. און מיר׳ן נאָך זען, — א שווערער קנייטש צעהאקט בעטשעקס שטערן אפצווייען.

בעטשעק שטייט שוין איינגאנצן א באלויכטענער פונעם פענ־צטער. ער האקט מיטן היטל אינדערלופטן — און מירן נאָך זען... נישקאָשע. — אָנטווענדיק, אָנרוקנדיק מיטביידע הענט דאָס היטל, ניט אומקוקנדיק זיך מער אף קיינעם, גייט ער גלייך אוועק.

* * *

ס׳איז נאָר אוועקגעגאנגען בעטשעק, מ׳איז זיך נאָר צעגאנגען פון אונטער אונדזערע פענצטער, איז געקומען צו אונדז אין שטוב אריין, ווי אלע אפדערנאכט, מיין לאנגער, דארער פעטער מענאשע.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן רעגענען. ס׳איז געווען אומעטיק, און כ׳בין געלעגן אף דער קאנאפע, געוואַרט, ס׳זאָל קומען סראָליק אף גיין נאָך די צייטונגען.

אז כ׳האָב אָבער דערזען דעם פעטער מענאשע, האָב איך זיך געמאכט, אז איך שלאָף. כ׳האָב אפילע אָנגעהויבן אונטערכראָפען. און מיין פעטער מענאשע האָט מיך זייער ליב א שלאָפנדיקן.

— אז באַהיט זאָל מען ווערן, — ער האָט שוין ניט איין מאָל איבער מיר געמוזט אוועקגיין פון שטוב, — מע זאָל פאר אייגענע קינדער ניט טאָרן אויסריידן א וואָרט.

נאָר די מאמע און דער טאטע האָבן ליב, אז סע קומט דער פעטער מענאשע. דער טאטע האָט פאר אים אָפשיי, ווייל ער קען לייענען, דער פעטער מענאשע, און האָט א גוטן קסאוו. נאָר ווייל מיין פעטער מענאשע איז אן איינבינדער, איז ער א קאפצן און א קייסן.

ער האלט אין איין שרייען, אז מע ווערט אוים ייִדן.

— אן אם־הואַטייפער, — איז ער אויסער זיך, — און מע האָט ניט אין זינען איינבינדן א סידערל, א טאנאכל, וואָס ווערט שוין צעשאָטן...

פאר מיר האָט ער מוירע. נאָר איצטער, ווייל ער האָט געמיינט, אז איך שלאָף, האָט ער אָנגעהויבן שטיל אונטערצוזיפצן, נאָכדעם עפעס אונטערמרוקען, קוקנדיק אין דער צייטונג.

— נאָך אלץ קראנק, — הייבט ער אָן לייענען פאר דער מאמען און פארן טאטן וועגן לענינען, — און אליין סעמאשקאָ שרייבט זיך אונטער... און א גאנצע שטאָט, נעבעך, מיט ייִדן... און ווערט

ער, כאַלילע, ניפטער, מעגן מיר שוין אַלע גיין אין די הייזער... און ער איז נאָר קראַנק געוואָרן, איז שוין אַזאַ „סאַמאָופּראַוסטווע״... עפּעס אַ בעטשעקל... און אַ שטאָט מיט יידן געלאָזט אָן אַ שטיקל ברויט...

— נענונו! — האָב איך שוין ניט געקאָנט איינליגן, ווייל כ׳קאָן ניט איבערטראָגן, כ׳וועל מעשוגע, אַז כ׳דערהער, מע רעדט עפּעס שלעכטס.

— אַדעראַבע. זאָל זאָגן דער טאַטע, — פּליושקעט דער פעטער מענאַשע אַזש אויס אויף זיך די גלאָז טיי, — אַז וואָס האָב איך כאַ־לילע געזאָגט? — שמייכלט ער צו מיר אַ דערשראָקענער, — געזאָגט וועגן דעם מאַצעוו... די פּאָלאָזשעניע...

— אַשערל, — נעמט זיך דער טאַטע אָן פאַרן פעטער.

— ער האָט גאָרניט געזאָגט, — ווייל מיך פאַרהאַלטן די מאַמע. נאָר מע דאַרף מיך ניט פאַרהאַלטן. פּונקט ווי בעטשעק, ווייל איך, אַז ס׳זאָל ווערן גוט און ער זאָל פאַרשטיין.

— אַז איר האָט געבויט אייער שטוב, פעטער מענאַשע...

— וואָס הייסט?

— ער האָט קיינמאָל ניט געבויט.

— אין שביינעס...

— קאָל־יאָמאָוו...

— לייקנט ניט! — קאָן איך שוין ניט איבערטראָגן, — איר האָט געבויט, — בעט איך זיך באַ אים, און עס שטעלן זיך מיר טרערן, — און ס׳זיינען אייך דעמלט אַרויסגעקראָכן די אויגן...

— וואָס רעדט ער, ווי איז מיר?!..

— און ס׳זיינען אייך אַרויסגעקראָכן די אויגן, אַז ס׳האָט אייך אויסגעפעלט אַ פּאָדוואַלענע, צי אַן אַנדער ביסל געהילץ...

— אַז וואָסער געהילץ?

— האָלצערן געהילץ, — גיב איך אַ צעעפן די שטאָל־טיר, דער רעגן־ראַש פילט אָן די גאַנצע שטיל געוואָרענע שטוב, — אַז איר האָט זיך געבויט אייער שטיבעלע... און איצטער — וועגן מיר לייגן פּאָדוואַלענעס פאַר אַזאַ לאַנד, וועגן ני׳פעלט נאָך אָפּ צודעקן דעם דאַך... און אַז ס׳איז ניטאָ... ווילט איר, ס׳זאָל שוין ניט זיין רינען... ס׳זאָל זיין וואַרעם...

נאָר ווייל זיי האָבן צעעפנט די מיילער, קוקן אָפּ מיר דערשראָ־קענע, גיב איך אַ קלאַפּ מיט דער טיר, לויף אַרויס אין שטאַל, קריך

אָרופּ אפנ בוידעמ און צי זיכ אויס אפנ זיידנס טאפּטשאנ, ציטערנדיק אינגאנצנ פאר קאס.

באלד איז צו מיר אפנ בוידעמ ארופגעקראָכנ סראָליק.

פונ זינט ס'האָט אָפּגעברענט די פאבריקע, טרעט ער פונ מיר ניט אָפּ. ער איז געוואָרנ שטילער, אראָפּגעפאלענער בא זיכ. וואָס עפּעס, פלעגט ער פריער ווערנ אָנגעצונדנ. שטענדיק האָט זיכ אימ אויסגעדוכט, אז מע לאכט פונ אימ, און איבער דער מינדסטער נארישקײַט האָט ער זיכ געקאָנט וואַרפנ שלאָגנ.

איצטער איז ער געוואָרנ אַנ אנדערער. –

ער לויפט איצטער מיט מיר אלע אפּדערנאכט אפנ וואָקזאל. ער נעכטיקט שוינ מיט מיר אפילע אפנ בוידעמ.

און בא מיר איז שטענדיק אזוי. כ'מוז שטענדיק עמעצנ האָבנ. כ'מוז האָבנ מיט וועמענ צו ריידנ. און זיאמע איז פארנומענ. און בולע אויכ. און ס'איז אָסיענ, אומעטיק. טרעטנ מיר איצטער ניט אָפּ איינער פונעמ צווייטנ.

דעמ ערשטנ אפּדערנאכט, ווענ ער איז צו מיר געקומענ, האָט ער זיכ מיט מיר אויסגעלייגט אפנ טאָפּטשאנ. ער האָט מיר געזאָגט, אז אויב יעדער וועט אימ אפילע געבנ צו צענ-צוואנציק קאָפּיקעס פאר ברענגענ די צײַטונגענ, וועט ער האָבנ דרײַ קערבלעכ א בוידעש, און פאר א יאָר — זעקס און דרײַסיק קערבלעכ, און ער וועט האָבנ אפּ א בילעט, און ער וועט אוועקפאָרנ.

ער וויל זייער, סראָליק, אוועקפאָרנ אפּ ערד, אָדער אפּ א זאוואָד. און אינ א ווײַט-ווײַט אָרט, ווו קיינער זאָל אימ ניט קענענ. און ער וועט ארבעטנ, ווערנ א קאָמיוגיסט. און נאָכדעמ וועט ער זיכ לערנענ, זיכ אויסלערנענ מאכנ פאבריקעס, און אלע וועלנ קאָנענ אָנקומענ אפּ די פאבריקעס. און קיינער וועט ניט אומגיינ ליידיק.

מיטאמאָל קאָנ ער אופהערנ וועלנ בויענ פאבריקעס, און עס פארווילט זיכ אימ גאָר פאָרנ קיינ אינדיע, קיינ אפריקע — און ווערנ דאָרטנ א רעוואָליוציאָנער. מיר גלוסט זיכ עס אויכ זייער אָפּט.

ס'איז אפּדערנאכט, אינ גאס זעט מענ קיינעמ ניט, נאָר דער לאמטערנ הוידעט זיכ אינ מארק, און סע קומט אָנ עפּעס אפּ מיר. ס'הייבט מיכ מיטאמאָל אָנ ציִענ אינ דער נאכטיקער וועלט ארײַנ. כ'הייב זיכ אָנ אזש רײַבנ אונטערנ העמדל. און כ'וויל אויכ אוועקפאָרנ. כ'וויל אופּטאָנ עפּעס גרויס-גרויס... כ'הייב גלײַכ אָנ דערציילנ סראָליקנ, אז כ'האָב א באקאנטנ, מאגיד. אז מאגיד וועט אונדז העלפנ. און ארומגענומענע, גיבנ מיר זיכ דאָס וואָרט צוזאמענ אוועק-

פּאָרן. און מיר ליגן לאַנג־לאַנג מיט אָפענע אויגן און קאָנען ניט אַנשלאָפן ווערן...

כ'האָב שוין אפילו אָנגעשריבן א בריוו מאַגידן: „טײַערער כאַ־ווער מאַגיד! עס שלאָפט מיט מיר מײַן כאַווער סראָליק, וואָס וויל מיט מיר אינײנעם אוועקפאָרן, ווײַל מיר האָבן זיך ביידע געשוווירן אַרבעטן, לעבן צוזאַמען און אופטאָן גרויסע זאַכן אין דער וועלט. און דאָ קאָנען מיר גאָרניט אופטאָן, ס'איז געוואָרן זייער אומעטיק. און בעטשעק זאָגט, אַז מיר האָבן צופיל שנײַדערס און צופיל קלייטניקעס. ער איז אין קאַס, ווײַל מע גיט ניט קיין ערד און ס'זײַנען ניטאָ קיין פאַבריקעס. און מיר איז אויך נימעס (כאָטש ס'איז מיר ניט נימעס. נאָר כ'שרײַב עס אַרײַן, ווײַל אַלעריידן איצטער אַזוי) — און מיר איז שוין אויך נימעס, כאַווער מאַגיד, דאָס שטעטל. און כ'וויל צו אײַך קומען מיט מײַן כאַווער סראָליק און אינײנעם מיט אײַך אַרבעטן, לערנען זיך און שלאָגן זיך פאַרן פּראָלעטאַריאַט. פון מיר אײַער אַשער".

אַף מאָרגן האָט מיר זייער באַנק געטאָן, נאָר כ'האָב דעם בריוו שוין אוועקגעשיקט.

און ס'אַרט מיך זייער, לעמײַ האָב איך מאַגידן אָנגעשריבן שלעכטס, ווײַל בעטשעק איז שוין ווידער פריילעך און ס'אַ סימען אַז ס'וועט זײַן עפּעס גוטס.

ווי אַלע באַנאַכט, בין איך געקומען מיט סראָליקן אַף דער סטאַנציע. בעטשעק איז געשטאַנען אַף דער פּלאַטפאָרמע מיט עפּעס אַ פּעקעלע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין עמעצנס אַ ברעזענטענעם מאַנטל. כ'וואָלט אים אַפילו ניט דערקענט. נאָר איבערן בלאָווּן היטעלע מיטן צוגעקוועטשטן דאַשעק, וואָס האָט געשטעקט איבערן אופגעהויבענעם קאָלנער, האָב איך גלײַך דערזען, אַז ס'איז בע־טשעק.

ס'האָט מיך אַפילו פאַרוווּנדערט: ער איז געווען זייער יאָמ־טעווּדיק. די אָפּגעפּוצטע שטיוול האָבן זייער געגלאַנצט אין דער לאַמטערן־שײַן.

— פאָרסט ערגעץ, בעטשעק?

— און איר, וואָס שלײַעט איר זיך? — האָט ער אַ קוק געטאָן אַף מיר און אַף סראָליקן. — וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפּעט?

— געקומען נאָך די צײַטונגען, בעטשעק!

— אַ־אַ, נאָך די צײַטונגען! און איך פאָר נאָך גוטע נײַסן, יאַטן.

— און דו, וואָס שטייסטו אזא צונויפגעהאָרבעטער? — רוקט ער ארויס סראָליקן דאָס היטל.

— גאָרניט, כאַווער בעטשעק.

— וועמעס ביסטו?

— סע סראָליק ביניאָמינס, — ענטפער איך פאַר סראָליקן.

— א־א, — דערמאָנט זיך בעטשעק, — סע דו ביסט עס, דאַכט זיך, אמאָל אנטלאָפן פונעם טאַטן? — און גיט אים פריילעך א קלאַפּ אין פּלייצע. — האָסט ליב גוטע ניַיסן?

— יאָ, כאַווער בעטשעק.

אָבער וואָס פאַר א גוטע ניַיסן, — קאָנען מיר זיך שוין ניט דערוויסן, ווײַל ס'קומט אָן דער צוג און בעטשעק איַילט זיך.

— גרייט זיך, יאַטן! — שפּרינגט ער ארויף אַפ א וואַגאָן־טרעפּל, גיט א מאַך צו אונדז מיט דער האַנט און פארשווינדט מיטן צוג אין דער נאַכט.

ווי ס'ווערט געבאָרן א מענטש

אַלע ניַיס באַקום איך דער ערשטער.

און נעכטן האָב איך זיך דערוווסט זייער גוטע ניַיס.

אינמיטן נאַכט האָב איך זיך געוואָלט לאָזן צו בעטשעקן אים אָנזאָגן די בסורע.

סראָליק איז טאַקע אוועקגעלאָפן, נאָר אוועקגעלאָפן צום טאַטן, איך מיט סראָליקן האָבן, ווי אַלע אָוונט, געבראַכט די ציַיטונגען פונעם וואָקזאַל, זיַינען ארופגעקראָכן מיט זיי אַפן בוידעם.

באַנאַכט איז שוין קאַלט. די מאַמע שריַיט, אז זי וועט עס נאָר־ניט איבערטראָגן, אז זי וויל ניט, כ'זאָל זיצן אַפן בוידעם. נאָר אונדז איז ניט קאַלט. מיר זיַינען נאָר דורכגענעצט. סע מאַראַקעט היַינט. מיר זיַינען אָבער פארנומען, מיר האָבן זייער ליב ניַיס.

מיר זעצן זיך גלייַך אוועק צעגעמען די פּעקלעך. מיט מעשוגע־נעם אומגעדולד נעמען מיר זיך, ווי אַלע נאַכט, צעפּאַקעווען די ציַיטונגען.

דורכן בוידעם־פענצטערל זעט מען ניט די הײַזער. אַלע שלאָפן שוין. נאָר מיר שלאָפן ניט. די ניַיס פון דער גאַנצער וועלט קומען אָן צו אונדז די ערשטע. און ערשט מאָרגן וועלן מיר זיי צעטראָגן צווישן אַלעמען.

לעניק איז זייער קראנק איצטער. אלע ווילן וויסן, וואָס ער מאכט. מיר הייבן גלײַך אָן לייענען די מיטײלונגען און ווייסן שוין, אז לעניקען ווערט בעסער. אינדערפרי וועל איך אלעמען אָנזאָגן, אז לעניק ווערט געזונט, ווײַל כ׳וויל זייער און זייער, ער זאָל געזונט ווערן. אוועקגעשטעלט דאָס ליכט אפּ דר׳ערד, אויסגעצויגן זיך אפּן דיל, הייב איך נאָך אָן איבערקוקן די בילדער אין די זשורנאלן און די פּלאקאטן, וואָס מע שיקט מיר אלעמאָל צו.

אויסגעצויגן, ווי איך, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ מיט די רויטע ניט־פארקעמטע האָר אפּ די הענט, מרוקעט סראָליק אין זיך, לייענט די צײַטונגען.

מיר ליגן איינער אנטקעגן אנדערן. צווישן אונדז ביידע ברענט דאָס אונטערקנאקנדיקע וועקסענע ליכט. איבער אונדז שורעוועט דער ווינט מיט די שינדלען, און א סאך, א סאך טראָפּנדלעך קלאפּן איבערן דאך. פון אונטער דעם אינגאנצן שווארץ־געוואָרענעם בוי־דעם־פענצטערל הערט זיך נאָר, ווי ס׳קלינגט א דורכפּאָרנדיק וועלע איבער די שאָסיי־שטיינער. און דער ווינט, דער רעגן און די קלינגערײַ פונעם וועגעלע מישן זיך אויס מיט די נײַעס — מיטן וועלט־גערודער, וועגן וועלכן כ׳לייען איצטער.

— אָשער, — דערפיל איך סראָליקס האנט אפּ מײַן אקסל.

נאָר איך בין פארטאָן. איך רופּ זיך אפילע ניט אָפּ. און מער רופט ער מיך טאקע ניט.

— אָשער! — גיט ער אָבער מיטאמאָל אזא געשריי, אז פון אומגעריכטקײַט גיב איך זיך אזש א וואָרפּ פון אים.

— אָשער! — שרײַט ער אויס נאָכאמאָל.

און אז אינגאנצן א פארציטערטער גיב איך א קוק אפּ אים, זע איך, ווי ער שטייט שוין אפּ די קני. זײַן קלײַנענדיק פּענעמל איז פאר־פּאליעט. ער קראצט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ. ער רײַסט גאָר ניט אָפּ די אויגן פונעם „עמעס״.

— ערד! ערד, אָשער! — און פונקט ווי ער האָט מיך פרוער פּלוצעמדיק א רופּ געטאָן, פונקט אזוי פּלוצעמדיק שפּרינגט ער אויף, הייבט אָן פּאָכען מיט דער צײַטונג.

פונעם אויסגעשריי „ערד״ הייבט מיר אזש אָן שטעכן אין קאָפּ. דערצו האָט ער נאָך, פּאָכענדיק מיט דער צײַטונג, פארלאָשן דאָס ליכט.

— סראָליקל, — פארצי איך אים אזש דעם נאָמען און לויפּ אָפּ אין ווינקל. כ׳צינד גלײַך אָן א שוועבעלע.

— וואָסער ערד? מיר זײַנען אפֿן בוידעם! — בעט איך זיך בא אים, ווײַל כ'דערשרעק זיך נאָך מערער, דערזעענדיק זײַנע גרויסע מעשוגענע אויגן.

— ערד! — שפּאַרט ער מיר די צײַטונג און שלעפּט מיך צום ליכט. — זע! — ווײַזט ער מיטן פֿינגער. — מע גיט ייִדן ערד... מע טיילט ערד!... אַלעמען ערד!.. און מע וועט ווערן פּויערים, אַשער... אַלע פּויערים!..

— ערד! — זעץ איך זיך אוועק. נאָר איך פֿאַרשטיי אים נאָך ניט. דערנאָך הייב איך אויך אָן שרײַען: „ערד!" און וויל זיך גלײַך לאָזן אָנזאָגן אַלעמען.

נאָר סראָליק וויל ניט אויסוואַרטן. ער מוז שוין, שרײַט ער, לויפֿן צום טאַטן. זיי דאַרפֿן שוין פֿאָרן...

כ'דערהער גלײַך, ווי ס'גיט א סקריפּע די פֿאָרטקע אין שטאָל, און נאָכדעם, ווי סראָליק לויפֿט שוין אין גאַס.

כ'לויף אויך אראָפּ. כ'לויף צו צו דער אָפֿענער פֿאָרטקע. נאָר ס'איז אזוי פֿינצטער און אזא רעגן, אז כ'וויל שוין ניט, כ'וועל מאָרגן אינדערפֿרי לויפֿן צו בעטשעקן.

כוץ אַלעמען ווייס איך נאָך ניט, צי בעטשעק האָט זיך שוין אומגעקערט.

כ'רײַס גיך אוּפֿ אונדזער טיר. כ'לויף ארײַן אין שטוב. ס'איז פֿינצטער.

— ערד! — שרײַ איך אוים. —ערד!

— וואָסער ערד? וואָסי? — איז זייער דערשראָקן דער טאַטע.

— אַלע אַפּ ערד!

— צו מײַנע סאָנימס קעפּ! וואָס רעדסטו, גאָט מײַנער, — לויפֿט די מאַמע אראָפּ צו מיר.

נאָר כ'האָב פֿײַנט מיט זיי לאַנג צו ריידן. און זיי זײַנען פֿאַר־שלאָפֿן. טו איך זיך שוין בעסער אוים און שפּרינג ארײַן אין בעט. נאָר שלאָפֿן קאָן איך ניט. כ'וויל אפֿילע נאָכאַמאָל אופֿוועקן דעם טאַטן. כ'וויל, ער זאָל אויך מיט מיר פֿאָרן. כ'זע שוין אפֿילע, ווי איך שטיי אוּפֿ פֿאַרטאָג און גיי אקערן און זייען. און ארום אונדזער שטוב — פֿעלדער. און בושלענע פֿלעכטן נעסטן איבער אונדזערע און אַלעמענס קלוניעס. כ'וויל עס זייער און זייער. כ'וויל אויך, ווי גאָלדע און בעטשעק, אז ס'זאָל ניט זײַן בא אונדז קיין קלייטלעך, און ס'זאָל שוין טרויעריק ניט זײַן...

און דאַפּקע ווײַל כ'האָב זיך געוואָלט אופֿכאַפּן פֿרי, בין איך

אופגעשטאנענע שפעט. כ'האָב זיך אַזש צעשריִען אַף דער מאַמען. און ס'האָט מיך נאָך מערער פאַרדראָסן, ווײַל די מאַמע, ווי נאָר כ'האָב געעפנט די אויגן, האָט מיר דערציילט, אַז פאַרטאָג איז געקומען צו אונדז בעטשעק מיט עפּעס אַ פרעמדן. אַז זיי האָבן ביידע באַטראַכט אונדזער שטאַל. און אַז בעטשעק האָט געזאָגט, אַז ער וועט באַ אונדז אוועקשטעלן וועגענער, פערד און אוועקלייגן היי אַף אונדזער בוידעם.

אַז איך בין געקומען צו לויפן צו בעטשעקן, איז אין דאָרף־ראַט געווען קאָפּ־אַף־קאָפּ. מ'איז אַפילע געזעסן אַף די פּריזבעס און געשטאַנען רעדלעכווײַז אונטער די פענצטער.

כ'האָב זיך זייער דערפרייט, וואָס ס'זײַנען דאָ אַ סאַך מענטשן.

— ערד! — הייב איך אָן שרײַען נאָך פונדערווײַטנס. — ערד! — ווײַז איך אַלעמען די צײַטונגען און הייב זיך אָן שפּאַרן אין דאָרף־ראַט אַרײַן.

נאָר כ'הער גלײַך אויף צו שרײַען. עפּעס הערט מען מיך ניט. מע שלעפּט מיך אַפילע פון דער טיר און מע שרײַט, אַז כ'בין ניט קיין מעיוכעס און זאָל זיך שטעלן אין „אָטשערעד".

— כ'דאַרף אָנזאָגן, אַז מע גיט ערד! — רײַס איך זיך פון די הענט. — ערד!..

— גוטמאָרגן, יענטע, — קוקט אַף מיר זויל דער האַרבאַרניק און קאַטשעט זיך. — גוטמאָרגן, יענטע, רעטעך טראָג איך...

ס'לאָזט זיך אויס, אַז אַלע ווייסן שוין וועגן דעם. אַז נאָך נעכטן אינדערפרי איז בעטשעק געקומען מיט עפּעס אַ פרעמדן, וואָס הייסט „פּאָלנאָמאָטשענע", און אַז מע פאַרשרײַבט שוין אַף ערד.

כ'דערפיל זיך מיטאַמאָל געפאַלן און דערנידעריקט. ס'פאַר־דריסט מיך, וואָס כ'האָב עס ניט אָנגעזאָגט דער ערשטער.

כ'הייב זיך אָן אַראָפּלאָזן פונעם באַרג.

אונטער מיר, צווישן דעם געלן אָפּגעשניטענעם גראָז, גליווערט דאָס טײַכל און שפּיגלט די אָנגעבויגענע, שוין נאַקעטע ווער־בעס. סע שוואַרצט זיך פונדערווײַטנס דער באַרג אַש און דער סטאַרטשענדיקער קוימען פון דער בענקל־פאַבריקע.

נאָר פונדעסטוועגן איז פריילעך. דער גאַנצער באַרג איז פול מיט טומלדיקע רעדלעך מענטשן, וואָס ריידן וועגן ערד.

לאָז איך זיך לויפן אין שול. כ'וויל באַטש דאָרטן אָנזאָגן און גיכער טאַקע אוועקלייגן די צײַטונגען פאַר גאָלדען. און גאָלדע זאָל זיך וואָס גיכער דערוויסן וועגן דער ערד...

* * *

אז איכ קומ אינ שול, לאָז איכ זיכ פרוּער אינ לייב טראָקאָקאָוויטשערס הויפ. כ'לויפ ארופ אפ גאָלדעס גאנעקל. די טיר איז פארשלאָסנ. דאָס גלאנציקע נײַע שלעסל, וואָס הענגט אפ די צוויי טיר־רינגעלעכ, האָט שוינ אינ עטלעכע ערטער אפילע אָנגעהויבנ זשאווערנ.

כ'בייג זיכ אָנ, ווי אלע טאָג, צו דער שפארונע, וואָס צווישנ דיל אונ דער טיר, אונ הייב אָנ ארײַנשפארנ די צײַטונגענ אינוויינִיק.

פונ זינט גאָלדע האָט מיר אָנגעזאָגט, כ'זאָל צו איר ניט טראָגנ די צײַטונגענ, לייג איכ זיי אוועק אונטער דער טיר, אונ מאטילדע דארפ זיי איר אָפטראָגנ.

איצטער טו איכ אויכ אזוי. כ'בייג זיכ אָנ, הייב אָנ ארײַנשפארנ די צײַטונגענ. נאָר וויפל איכ שפאר זיי ניט, קאָנענ זיי עפעס ניט ארײַנ — זעענ זיכ ארוים. כאפ איכ א שטעקל, צי זיכ אוים אפנ גאנעק, הייב אָנ שורעוועג מיטנ שטעקל, אז די צײַטונגענ זאָלנ קאָנענ ארײַנקריכנ. נאָר עפעס לאָזט דאָרטנ ניט.

לייג איכ צו דעמ קאָפ צו דער שפארונע, קוק ארײַנ אונ שפרינג גלײַכ אָפ.

ס'לאָזט זיכ אוים, אז אלע צײַטונגענ, וואָס כ'שפאר שוינ אזוי־פיל צײַט אהער, ליגנ, ווי כ'האָב זיי ארײַנגעלייגט, מאטילדע האָט זיי ניט גענומענ, — זיי ניט אָפגעטראָגנ.

כ'גיי פאמעלעכ אראָפ פונעמ גאנעק. ס'ווערט מיר שרעקלעכ. כ'דערפיל עפעס אנ אומגליק. גאָלדע, ווייס איכ, פלעגט קיינמאָל זיכ ניט קאָנענ דערוואַרטנ אפנ בריוונטרעגער אונ שיקנ מיכ, ראָכלענ, זיאמענ צי אנדערע קינדער, מע זאָל איר גיכער ברענגענ די צײַטונגענ פונ פאָטשט.

גאָלדע האָט מיר אפילע אליינ געזאָגט, אז זי וועט בא מאטילדענ מעשוגע ווערנ פונ גאָרניט טאָנ.

כ'וויל גלײַכ זיכ לאָזנ לויפנ דערציילנ די לערער וועגנ דעמ, זיי אויסזאָגנ. כ'וויל שוינ אפילע לויפנ צו אישטשענקאָנ.

נאָר אז איכ גיי ארײַנ אינ לערער־צימער, איז קיינער ניטאָ. מ'איז אלע אינ די קלאסנ. ס'הערט זיכ נאָר, ווי ס'קלאפט דער קרײַד איבער די טאָוולענ, ווי ערגעצ שרײַבט אפ עמעצנ א לערער, ווי עמעצער לייענט. אונ אלצ איז ווי אלעמאָל — ווי ס'וואָלט גאָרניט פאָרגעקומענ מיט גאָלדענ.

כ'לויפ ארויס צוריק פונ שול. כ'וויל זיכ לאָזנ אינ פאַרטקאָמ אונ אינ דאָרפ־ראַט. נאָר ס'לאָזט מיכ עפּעס ניט. עפּשער איז גאָרניט. אונ כ'קאָנ זיכ טאַקע ניט פאָרשטעלנ, אז גאָלדע זאָל שטאַרבנ. אונ מע וועט לאַכנ. אונ גאָלדע וועט נאָכ זײַנ אינ קאַס.

ניט טראַכטנדיק מער, לאָז איכ זיכ גיינ צו מאַטילדענ.

כ'קוק זיכ פרײַער ארומ. כ'ווייס אַליינ ניט פאַרוואָס, נאָר כ'וויל ניט, אז עמעצער זאָל מיכ איצטער זענ.

איכ קריכ אריבער דעמ טראָקאָוויטשערס פּאַרקנ. אונ הינטנ־ארומ, מיט די גערטנער אונ האָפּנ־פּלאַנטאַציעס, לאָז איכ זיכ גיינ צו דער אײַזנבאַנ־ליניע.

אינ ערגעצ זעט מענ שוינ קיינעמ ניט.

די האָפּנ אפּ די דראָטנ זײַנענ אָפּגעריסנ, די גערטנער — צעגראָבנ. נאָר די גרויסע קימאַט ווײַסלעכע קעפּ קרויט זײַנענ נאָכ ניט אראָפּגענומענ. איינצלנע נאָכ ניט אראָפּגעפּירטע קאָפּעצעס טוועזענ זיכ וו־ניט־ווו אפּ די פעלדער. אונ ראָבנ גייענ סטײַעסווײַז ארומ איבער דער סטערניע אונ פּילנ אָנ מיט א קראַקעניש די גאָרע הארבסטיקע שטילקײַט.

איכ גיי אריבער די אײַזנבאַנ־ליניע, אינמיטנ שוואַרצ־געוואָרענעמ פעלד־וועג לאָז איכ זיכ פאַרבײַ דעמ כוטער.

אינ די גרויע אָפּגעפאַלענע סעדער שטייענ די כוטער־שטיבלעכ ווי נאַקעטע. טוועי־סקירדעס, איבערגעקרייצט פונ אויבנ מיט דרענגלעכ, העלנ זיכ אינ די הויפנ.

נאָר לעבנ מאַטילדעס זײַטיק־אָפּגעשיידט כאַטקעלע שטייענ אפּילע קיינ סקירדעס ניט.

צווישנ די לאָנקעס שטעקנ דער רויטער טשערעפּיצע־דאַכ, דער אָפּגעבראָכענער קוימענ אונ דער נאַקעטער טאָפּאָל.

ווי גאַנוועענדיק זיכ, גיי איכ צו צו דער שטוב.

אפּ עטלעכע צונויפגעלייגטע ציגל שטייט א טשוהונ וואַסער, אונ אויסגעלאָשענע האָלאָוועשקעס ליגנ אונטער די שטיינער. בינטלעכ פּשענעטשקעס, מאָנ־קעפּלעכ אונ זונ־רויזנ הענגענ אראָפּ פונ אונטער די סטריכעס.

כ'גיי צו אונ גיב א פּרוּוו די טיר. נאָר די טיר איז פאַרשלאָסנ. אפּנ איינציקנ קליינעמ פּענצטערל איז צוגעמאַכט דער לאָדנ אונ פאַרלייגט פונ דרויסנ מיט א קייטעלע.

כ'מיינ, עפּשער איז מאַטילדע מיט גאָלדענ אפּנ גאָרטנ, אונ כ'גיי ארויס הינטער דער שטוב. כ'דערזע א קופּע צונויפגעשאָטענע קאַר־

טאָפּליעס. די ערד איז נאָך אַף זיי ניט צוגעטריקנט. כ'דערפריי זיך זייער, ווײַל ס'אַ סימען, אַז מאַטילדע האָט זיי ניט לאַנג אויסגע־גראָבן.

כ'דערזע נאָך אַ יִדיש ביכל אַף דער פּריזבע. באַלד אַזוי, איז געווים שוין גאָלדע דאָ, און זי איז אײַן ערגעץ ניט אוועקגעפאָרן.

— גאָלדע־ע! — שרײַ איך שוין אײַנגאַנצן אַ דערפרייטער. און כ'הייב זי אָן זוכן. און כ'וויל איר גיכער אַלץ דערציילן.

— אָ־אָל־דע־ע־ע... — ענטפערט מיר אָבער נאָר אַ ווידערקאָל, און אַן אויפגעשראָקענער ראָב גיט זיך אַ הייב איבערן טאָפּאָל.

— מאַטילדע־ע!

— איל־דע־ע־ע! — ענטפערן מיר ווידער פון אַלע זײַטן די פעלדער און קײַקלען, קרימען איבער מײַנע קוילעס.

ס'ווערט מיר געפעלן. איך הייב אָן שרײַען גלאַט אַזוי. נאָר אַז כ'ווער שוין מיד, גיי איך צוריק אַרויף אַפן הויף, כ'רײַס אַראָפּ פון אונטער דער סטריכע אַ סאָנעשניק, זעץ זיך אַוועק אַפן נידעריקן פּריזבעלע, הייב אָן שיילן די יאָדערן און באַשטימט וואַרטן, ווײַל מיסטאמע וועלן גאָלדע און מאַטילדע באַלד אָנקומען.

כ'זיץ אָבער ניט לאַנג, כ'דערהער, אַז עמעצער גייט, דאַכט זיך, אַרום הינטער דער טיר און אַז עמעצער האָט אַזוי ווי אַ קרעכץ געטאָן.

כ'שפּרינג גלײַך אויף. כ'ליג צו דעם אויער צו דער טיר. נאָר ס'האָט זיך מיר, ווײַזט אויס, אויסגעדוכט, ווײַל מער הער איך גאָרניט, ס'איז זייער שטיל אינווייניק.

כ'באַווײַז זיך אָבער ניט אוועקזעצן צוריק, ווי כ'דערהער ווי־דער, אַז עפּעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שטוב.

כ'מיין, אַז זיי שלאָפן, אָדער שטייען איצטער אויף. קלאַפּ איך שוין אָן אין טיר, גיב נאָכאמאָל אַ קלאַפּ. נאָר קיינער ענטפערט מיר ניט.

גיי איך שוין צו צום פענצטער, וואַרף אָפּ דאָס קייטעלע, עפן די לאָד און הייב אָן אַרײַנקוקן.

איך כאַפּ זיך אָבער גלײַך אָן אַ פּאַרציטערטער אין דער פענצ־טער־ראַמע. כ'דערפיל, אַז כ'וועל באַלד דורכקוועטשן דאָס גלאָז מיטן פּאָנעם. כ'וויל אַפילע אָנהייבן שרײַען — נאָר כ'קאָן ניט. כ'קאָן אַפילע ניט אַנטלויפן צוריק.

איך דערזע אַף דער ערד מאַטילדען. אויסגעדרייט צו מיר מיטן

רוקן, שטייט זי אונטער דער איקאָנע. זי שטייט אַף די קני, בייגט זיך מיט צונויפגעלייגטע הענט צום געלן לייַמענעם דיל.

איבער מאַטילדען, אַף דרײַ קייטעלעך, הוידעט זיך אַ קוים־לויכטנדיק איקאָנע־לעמפּל. אין די רויטלעכע און ציטעריקע שאָטנס דערזע איך מיטאַמאָל גאָלדען.

איך דערקען זי קוים. זי ליגט אין בעט, און דאָס ווענטל פון בעט פאַרשטעלט זי, נאָר איר קאָפּ און די לאַנגע צעשאָטענע האָר זענען זיך איבערן קישן. זי דערזעט מיך, ווײַזט אויס. אירע גרויסע גלעזערנע אויגן קוקן אַף מיר דערשראָקענע, אַזעלכע שרעקלעכע. זי גיט אַ הייב די נאַקעטע האַנט. גיט אַזוי ווי אַ שמוך, נאָר הייבט זיך אָן מיטאַמאָל קאָרטשען, פאַרמאַכט די אויגן. איר נאַסער גלאַנציקער שטערן מיט די צוגעקלעפּטע האָר הייבט אָן ווערן צונויפגעצויגן, אײַנגעקנייטשט, און אַ רויט שנירעלע בלוט באַווײַזט זיך אַרום דער פאַרביסענער ליפּ און רינט אַראָפּ איבערן ווײַסן האַלדז.

— גאָ־אָלדע־ע! — צעשרײַ איך זיך, מיט וויפל איך האָב נאָר קויכעס, — גאָלדע־ע! — און הייב אָן רײַסן דאָס פענצטער.

נאָר גאָלדע הייבט זיך אָן נאָך שטאַרקער וואַרפן. מאַטילדע שפּרינגט אויף, לויפט צו צום בעט, בייגט זיך איבער, פאַרשטעלט אינגאַנצן פון מיר גאָלדען.

כ׳זע זי שוין ניט. איך דערהער נאָר מיטאַמאָל איר מוירעדיקן, ניט־מענטשלעכן, אומגעהערטן קוויטש.

כ׳זעץ זיך אַזש אַראָפּ. לאַנג־לאַנג צעטראָגן די פעלדער אירע געשרייען. אַפילו ראָבן אַף די נאָענטע גערטנער הייבן זיך אויף דערשראָקענע און פאַרשווינדן איבערן כוטער.

נאָכדעם ווערט שטיל. אַזוי שטיל, אַז כ׳הער, ווי סע פאַלט אַראָפּ אַ בלעטל פונעם טאָפּאָל, ווי ס׳פליט דורך אַ באַבעלע און אַנטרינט הינטער דער שטוב.

קוים־קוים הער איך נאָך גאָלדעס אויקעניש, וואָס מישט זיך פלוצעם אויס מיט אַ שוואַכן, אָפּגעריסענעם „ע־ע־ע", ווי אַ קינד זאָל זיך מיטאַמאָל לעבן איר צעוויינען.

ניט ווייסנדיק, וואָס איך טו, שפּרינג איך אויף, און מיט די הענט און מיט די פיס הייב איך אָן קלאַפּן און רײַסן די טיר.

נאָר אַז איך דערהער דעם קלונג פונעם פאַרוקער און אַז די טיר גיט זיך אַן עפן, דערפיל איך, — כ׳וועל באַלד אומפאַלן.

אַף דער שוועל באַווײַזט זיך מאַטילדע. די אַרבל זײַנען בײַ איר

אַרופגערוקט, די הענט — ביז די עלנבויגנ אינ בלוט, אונ זי האַלט זיי צענומענ, ווי זי זאָל מוירע האָבנ אויסשמירנ מיט זיי איר קלייד.

מאַטילדע שפּאַרט זיכ אָנ אינ דער וואַנט. איר קײַלעכיק געשטופּלט פּאָנעמ איז ניט בייז, נאָר עפּעס מיד, פאַרחלשט, צוגעלאָזנ.

— ע־ע־ע, — זאָגט זי צו מיר שטיל, שטיל.

נאָר דאַפקע ווײַל זי שמייכלט, אונ עפּשער דערפאַר, ווײַל די הענט זײַנענ בײַ איר פאַרבלוטיקט, גיב איכ זיכ אַ קערעווע אונ הייב אָנ אַנטלויפנ.

איכ לויפ, איכ פאַרטשעפּע זיכ אַלעמאָל אינ עפּעס. כ׳זע איצטער קוימ־קוימ דעמ וועג דורכ מײַנע פאַרגאָסענע אויגנ.

מײַנ טרויעריקסטער טאָג

פונ פרי ביז נאַכט ווערט גאָר ניט אײַנגעשטילט דער הו־האַ פונ די קאָלעקטיוונִיקעס. אינ שטאַל צו אונדז קאָנ מענ שווינ גאָרניט אַרײַנגיינ. די שטאַל איז פול מיט וועגענער, מיט באָראָנעס, מיט אַקער־אײַזנס.

סע שמעקט אינ אונדזער שטאַל מיט קאָנעשינע, מיט פערדנמיסט, מיט דזעגעכצ פונ צעהאַנגענע שלייעס.

אַפילע בײַנאַכט, פונעמ געלעגער, הער איכ די דאָזיקע רייכעס אונ דאָס געשמאַקע כראָמטשענ פונ די פינפ פאָר פערד, וואָס שטייענ בײַ די זשאָלאָבעס.

ווענ ניט די שול אונ די צײַטונגענ, וואָלט איכ גאָרניט ארויסגעקראָכנ פונ דער שטאַל.

עטלעכע טעג בינ איכ אַרומגעלאָפנ מיט בעטשעקנ אונ געטאָנ אַלצ, וואָס ער האָט מיר געהייסנ. כ׳פלעג לויפנ אַפילע פאַרטאָג אַפ די סלאָבעדעס צונויפרופנ די פויערימ, וואָס האָבנ געלערנט אונדזערע קאָלעקטיוונִיקעס אַקערנ. סראָליקס טאַטע, בינִיאָמינ, האָט שיִר ניט אונטערגעהאַקט די פיס אַ פערד. בליזניוק, דער פאָרזיצער פונעמ אוקראַינישנ דאָרפ־ראַט, האָט געשריִענ אַפ אימ, ווײַל בינִיאָמינ לייגט זיכ זייער אָנ אַפנ אַקער, — דעמ אַקער דאַרפ מענ פירנ גרינג אונ זענ, אַז דער אופגעהויבענער פאַס ערד זאָל זײַנ אַ גלײַכער אונ די טיפ זאָל זײַנ אומעטומ די זעלבע.

איצטער אַקערט מענ שווינ ניט. ס׳איז ווינטער. אונ אינ מאַרט וועט אונדזער קאָלעקטיוו אַפנ נאָמענ פונ לענינ ארויספאָרנ אַפ

כערסאָנ. בעטשעק האָט דערוויל צונויפגענומענ די באַלעגאַלעס, וואָס לערנענ אַלעמענ, ווי צו באַגיינ זיכ מיט פערד, ווי שפּאַנענ זיי אונ ווי פאָרנ רייטנדיק.

בא די פערד בינ איכ אויכ זייער פארנומענ. איכ ברענג זיי ברויט. איכ קראַצ זיי אונטער די העלדזער. א פערד האָט זייער ליב, אז מע קראַצט דעמ אונטערנ האלדז.

ס'איז מיר נאָר פאַרשטערט מייַנ פרייד, וואָס איכ פאָר ניט אוועק מיטנ אוילעמ.

כ'וויים שוינ בעעמעס אליינ ניט, וואָס איכ וויל. גיי איכ אמאָל מיט זיאמענ, טראכט איכ וועגנ גרויסע זאוואָדנ, וווּהינ כ'וועל אָנקומענ ארבעטנ. אָט וויל איכ פאָרנ לערנענ. אונ פּלוצעמ ווילט זיכ מיר ווערנ א מאַטראָס...

נאָר איצטער וויל איכ פאָרנ אפ ערד.

איכ קאָנ שוינ דערפאַר ניט איינזיצנ אינ שול, אונ פאַרנאכט לויפ איכ גלייַכ אהיימ.

אַלע פאַרנאכט דאַרפ איכ לייענענ די צייַטונגענ פאַר די קאָלעקטיווניקעס. איכ לייענ זיי די „ביולעטענענ וועגנ לענינס געזונטצושטאנד”.

די טעג זייַנענ איצטער קורצע. אונ אבי סע ווערט נאָר פינצטער, צינדט מענ אָנ אינ שטאַל דעמ לאַמטערנ „פלעדערמויז”. אָפט קומט נאָכ בעטשעק. מע זעצט זיכ אויס אפ דער אָנגעשאָטענער שטרוי, אפ די וועגענער.

איכ קריכ אויכ ארופ אפ א וואָגנ. שטיל רעדט מענ וועגנ דיער גאָרער וועלט. נאָר מער פונ אַלצ רעדט מענ, טרוימט מענ וועגנ דעמ פרילינג, וואָס דאַרפ אָנקומענ. אונ ווּאזוי מע וועט עס ארויספאָרנ אפ די פעלדער.

קיינמאָל זע איכ ניט אזעלכע גליקלעכע אויגנ, ווי פאַרנאכט, ווענ ס'ברענט דער לאַמטערנ אונטערנ באַלקנ, ווענ ס'כראָמטשענ די פערד בא די זשאָלעבעס אונ ווענ בעטשעק, אונטערגעלייגט די הענט אונטערנ קאָפּ, אייַנגענורעט אינעמ שאָפּענעמ פעלצל, ליגט אפנ וואָגנ אונ רעדט וועגנ זומער אינ סטעפּ, וועגנ דעמ הויכנ ווייצ אונ וועגנ דעמ טייַכ דניעפּער, אפ וועלכנ סע שווימענ אפילע שיפנ.

אז כ'גיי נאָכדעמ ארייַנ אינ שטוב, ווילט זיכ מיר אזש וויינענ, וואָס איכ פאָר ניט אהינ, וואָס כ'וועל ניט אקערנ מיט זיי די סטעפּעס אונ ניט גיינ פאַרטאָג שנייַדנ מיט זיי די טוועס.

* *
*

שוין דער דריטער טאָג, אַז מע האָט אַפילו אופגעהערט ריידן וועגן כערסאָן.

ווי אַ רעדל אין מאַרק, און וואָס נאָר פאַר אַ ייִדענע סע גייט אַריין צו דער מאַמען, — האַלט מען זיך אין איין שושקען וועגן גאָלדען. דעם ערשטן טאָג האָט די מאַמע זיך אַפילו געכאַפּט באַם קאָפּ און גענומען באַוויינען באַסיע די האַרבאַרניטשקע, וואָס האָט זיך דערלעבט צו אַזאַ עלטער.

בולע האָט זיך אַפילו נעכטן צעטאַנצט אין שול. ער האָט געלאַכט. און אַזוינס אַ זאָג געטאָן, אַז ראָכל איז רויט געוואָרן און אַנטלאָפן. און איך האָט זיך שיר מיט אים ניט צעשלאָגן.

ס'האָט בולע געלאַכט, און אַלע שושקען זיך אַזוי, ווייל אייערנעכטן האָט זיך גאָלדע אומגעקערט פונעם שטאָטישן שפּיטאָל און געבראַכט מיט זיך אַ קינד.

כאָטש כ'ווייס שוין לאַנג וועגן קינד, נאָר כ'קאָן עפּעס ניט אַריינגיין צו איר.

נאָר ווייל אַ סאַך שעלטן גאָלדען, לאַכן פון איר, שפּייען אַפילו אויס, אַז מע דערמאָנט איר נאָמען, איז שוין עטלעכע מאָל, אַז כ'בין צוגעגאַנגען צו איר מאַמעס שטיבעלע, אַרומגעדרייט זיך אונטער די נידעריקע, פאַרשנייטע פענצטער און געוואָלט צו איר אַריינגיין.

אַ סאַך גייען טאַקע צו איר. ס'איז שוין געווען בעטשעק. און נעכטן האָב איך געזען, ווי צו איר שטוב איז צוגעפאָרן אישטשענקאָ.

היינט פאַרנאַכט האָב איך זיך אויך אָנגענומען מיט מוט. כ'האָב שטיל־שטיל געעפנט די גוט־באַקאַנטע אויסגעקרימטע טיר פון פירהויז. לאַנג געהאַלטן אין איין אָפּקלאַפּן דעם שניי פון די שיך. נאָכדעם האָב איך מיט האַרצקלאַפּעניש אָנגענומען די שטובקליאַמקע. איך האָב אָבער די קליאַמקע ניט געקאָנט עפענען — זי איז געווען אָנגעפרוירן.

—גייט אַריין! — האָב איך דערהערט גאָלדעס קאָל.

און גלייך האָט זיך טאַקע געעפנט די טיר. געעפנט האָט מיר איר איינגעבויגענע מאַמע, באַסיע די האַרבאַרניטשקע.

איר מאַמע האָט מיך, ווייזט אויס, ניט דערקענט אין דער טונקלעניש. זי האָט זיך צו מיר אַזוי אַ בייג געטאָן, אַז כ'האָב דערזען אַלע קנייטשן אַף איר איינגעטריקנטן פּאָנעם, די ווייסע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דער שוואַרצער פאַט־

שיילע, און ווי איר קאָפּ ציטערט, הווידעט זיך איבער די שמאָלע אײַנגעהאָרבעטע אקסלען.

— האַ־א — דו? — האָב איך קוים דערהערט איר קאָל. און זי האָט זיך אוועקגעשטעלט צו מיר מיט דער פּלייצע, אָנגעהויבן קוקן אין דרויסן, גענומען מיטן פינגער אָפּרײַבן דאָס אָנגעפּרוי־רענע אײַז פונעם אייניציקן נידעריקן פענצטער, וואָס בא דער סאמע ערד.

גאָלדע האָט צו מיר נאָר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, א קוק געטאָן אָפּ מיר אזוי, ווי ניט קיין פיר כאראָשים, נאָר ווי ערשט נעכטן זאָל זי מיך געוועזן זען.

— זעץ זיך, אָשער.

כ׳זעץ זיך אוועק. נאָר כ׳קאָן איר ניט קוקן אין די אויגן. כ׳קוק אָפּ די ווײַסע ווינדעלעך, וואָס הענגען איבער דער גאנצער שטוב, אָפּן כאנעקע־לעמפּל, וואָס שטייט אָפּן קאָמאָד. נאָר נעבײַ וואָלט מיר כאָטש גאָלדע עפּעס געזאָגט. כ׳קאָן ניט זיצן שווײַגנ־דיק. און גאָלדע רעדט ניט. און איך ווייס אויך ניט פון וואָס אָנצוהייבן.

— כ׳האָב געבראכט צײַטונגען, גאָלדע.

— א דאנק! — נאָר גאָלדע נעמט אפילע ניט די צײַטונגען בא מיר. זי זיצט אָפּן נידעריטשקן בענקעלע, וואָס בא דער הרובע. זי וויגט הין און צוריק דאָס שטרויענע וויגעלע, וואָס איז אונטער־געהאנגען אָפּ פיר שטריק צו דער סטעליע.

קיין שײַן ברענט נאָך ניט. דאָס פײַער פון דער הרובע פילט אָן דעם ערדענעם דיל און די אנטקעגנדיקע וואנט מיט רויטע צי־טערדיקע פלעקן.

גאָלדע זיצט צונויפגעקאָרטשעט. זי וויגט זיך. דאָס פײַער פונעם אייוועלע פאלט אָפּ איר. כ׳זע, ווי אירע האָר זײַנען געוואָרן העכער און פוכיקער, דאָס פּאָנעם אָפּגעצויגענער, טינקעלער. און עפּשער ווײַל ס׳פארהאנגענע וויגעלע איז אזוי ווי א בײַדעלע, עפּשער איבערן פײַער פון דער הרובע, נאָר זי זעט מיר איצטער אויס, גאָלדע, ווי א ציגײַנערן בא א שײַטער.

—וואָס זיץ איך, וואָס? ווייסט ניט? — גיט זי זיך מיטאמאָל א הייב פון בענקעלע, טוט, ווי שטענדיק, א האסטיקן וואָרף מיטן קאָפּ, אז די גאנצע מאסע שווארצע האָר גיט זיך א הייב און א לייג אויס, ווי צוגעקעמט.

ווי ניט ווייסנדיק פאר וואָס זיך צו נעמען, גיט זי א גיי אי־

בערנ צימער, הייבט אָנ אראָפּשלעפּנ די ווינדעלעכ פונ די צעהאָנ־גענע שטריקלעכ, הייבט זיי אָנ אויסצינענ, אויסגלעטנ און צונויפ־לייגנ זיי אינ א קוישל.

— נו, מאמע, איכ וועל גיינ...

— אָשער, וועסט מיר העלפנ צוטראָגנ דאָס קוישל צום טראָ־קאָוויטשער. כ'קאָנ ניט לויפנ אהער פונ שול. גוט?

— גוט, — זאָג איכ איר, כאָטש איכ דארפ שוינ באלד לויפנ אפנ וואָקזאל באקומענ די צייטונגענ.

— גאָלדע, — קאָנ איכ שוינ ניט זיצנ אזוי לאנג א שווייגנדי־קער, — בא אונדז אינ שטאָל, גאָלדע, איז דער קאָלעקטיוו אפנ נאָמענ פונ לענינענ.

— כ'ווייס. ס'איז געווענ בעטשעק. ער האָט מיר דערציילט, אָשער...

באלד גאָלדע ווייסט שוינ פונעמ קאָלעקטיוו, דערפיל איכ זיכ שלעכט, וויל כ'האָב שוינ ווידער ניט וואָס צו ריידנ. און אפצו־לאָכעס פרעגט זי מיכ גאָרניט.

— גאָלדע...

— יאָ.

— כ'האָב באקומענ א בריוו, — הייב איכ מיטאמאָל אָנ ריידנ וועגנ מאגידס בריוו, כאָטש כ'האָב דעמ בריוו באקומענ נאָכ פריער מיט עטלעכע כאדאָשים, — ער גריסט אייכ, מאגיד, און פרעגט זיכ נאָכ אפ אייכ.

— האָסט אימ עפּעס געשריבנ וועגנ מיר?

— ניינ. נאָכ ניט געשריבנ.

— זאָלסט ניט שרייבנ, אָשער! כ'וועל אימ אליינ אָנשרייבנ! ער איז נאָכ אינ כארקאָוו?

— ניינ, גאָלדע, אינ מאָסקווע. כ'האָב אימ געשריבנ, אז כ'וויל זיכ פאָרנ לערנענ. שרייבט ער, אז כ'זאָל קומענ.

— און א סאכ פאָרנ אוועק, אָשער?

— יאָ, גאָלדע, זייער א סאכ פאָרנ אוועק. אז איכ'ל פאַרענדיקנ די שול, פאָר איכ אויכ. און כ'וועל אייכ שרייבנ בריוו.

— אָדאָמ, — קוקט זי מיר אינ די אויגנ, און עס שמייכלענ אזוי אירע מויל־ווינקלענ, אז ס'ווייסע פּאסיקל פונ אירע ציינ בלענדט אינ דער טונקלעניש, — ווער סע רעדט שוינ פונ אוועק־פאָרנ. הער כאָטש, ווער ס'רעדט וועגנ מאָסקווע, מאמע!

נאָר איר מאמע רופט זיכ ניט אָפּ. גאָלדע ווערט צוריק אָנגע־

כמורעט. זי כאַפּט אַרויף אַף זיך אַ לײַבעק, גיט זיך אַ דריי און פאַרוואַרפט אַף זיך די שאַל. זי דערלאַנגט מיר דאָס שטריקעלע פונעם וויגעלע און הייסט מיר אונטערוויגן דאָס קינד, וואָס איז אײַנגעשלאָפן. זי זאָגט מיר, אַז זי וועט באַלד אַרײַן, זי וועט נאָר אַרײַנטראָגן אַ בערעמל האָלץ דער מאַמען.

פונקט ווי גאָלדע פריִער, זעץ איך זיך אויך אַוועק אַפן בענקעלע, וואָס לעבן דער הרובע, הייב אָן הוידען הין און צוריק דאָס וויגעלע.

— אַ־אַ־אַ... — הייב איך אָן אונטערזינגען און וויגן הין און צוריק דאָס קינד, — אַ־אַ־אַ...

— דערלעבט זיך אַף דער עלטער, — קערעוועט זיך אויס צו מיר איר מאַמע, — ריבוינע־שעל־אוילעם, — דרייט זי זיך צוריק אויס צום אײַנגאַנצן רויט געוואָרענעם פענצטער, — ריבוינע־שעל־אוילעם — דערזע איך אירע אופגעהויבענע הענט, וואָס צעשפּאַלטן די פאַרגייענדיקע ווינטערדיקע זון, — ער זאָל אַזוי, גאָט אין הימל, צעבראָכן ווערן, ווי ער האָט צעבראָכן מיר און מײַן טאָכטער דאָס לעבן! ווו ער וועט זיך קערן און ווענדן, פּאָטער געטרײַער, זאָל אים דער אומגליק נאָכגיין, דאָס לעבן זאָל אים נימעס ווערן, און שטאַרבן זאָל ער ניט קאָנען!..

— וואָסי? הייבסט שוין ווידעראַמאָל אָן?! — גייט אַרײַן גאָלדע, לייגט פּאַמעלעך אַראָפּ דאָס האָלץ לעבן דער הרובע.

באָסיע די האַרבאַרניטשקע הערט גלײַך אויף צו וויינען. נאָר זי ענטפערט איר ניט און קערעוועט זיך ניט אויס. סע זעט זיך נאָר, ווי ס׳ציטערט איר נאָך מערער איר קאָפּ און ווי ס׳הוידען זיך אירע אַקסלען.

גאָלדע גיט עפּעס אַ שמוכ, גייט צו צום בעט און שפּרייט אויס אַ וואַרעמע קאָלדרע. נאָכדעם בייגט זי זיך אָן איבערן וויגל און נעמט אַרויס דאָס שלאָפנדיקע קינד.

— ביסט אויך אַמאָל, אָשער, געווען אַזאַ קאַראַפּוזל!.. — הייבט זי אונטער פּאַמעלעך דאָס קינד אַף די הענט.

כ׳דערזע אַ פאַרויטלט קײַלעכיק פּנעמל, אַ פּאַריסן נעזעלע, ווייכע געקרײַזלטע האָר און צוויי פּוכלע, אַ ביסל צעעפנטע ליפּעלעך, וואָס ציאַמקען פון שלאָף.

זי טראָגט עס צו צום בעט, וויקלט עס אײַן און פאַרבינדט עס אין דער קאָלדרע, אַז נאָר דאָס קאַרטאָפליע־נעזעלע זעט זיך אַרויס.

פונקט ווי אַמאָל, ווידער אַ שלאַנקע, אַ דינינקע, טוט גאָלדע

אַפּ זיכ אָנ די טשומערקע מיט די ארומגענייטע ווײַסע פּוטערלעכ, וויקלט זיכ ארומ אינ א ווײַסער ווארעמער שאַל, נעמט דאָס קינד. איכ נעמ דאָס קוישל.

— איז האָב א גוטע נאכט, מאמע!

— גייט געזונט!..

נאָר אז גאָלדע גייט מיט מיר ארויס צו דער טאָרהאָוויצע, וואָס פירט צומ מארק, בלײַבט זי שטיינ, הייבט אפילע אונטער דאָס שאַלעכל, קוקט זיכ פּאָרזיכטיק ארומ, ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל דערזענ איצטער די גאס. זי דרייט זיכ אויס צומ קלויסטער. גלאָקנ־קלאנגענ, אָט גראָבע, אָט דינע, צעגייענ זיכ, טראָגנ זיכ פּײַערלעכע איבערנ פּארנאכטיקנ שטעטל.

— ס'הײַנט שאבעס, אָשער?

— שאבעס.

גאָלדע פּארהייבט דעמ קאָפּ צומ נידעריקנ כמארנע הימל, קוקט, צי ס'באווײַזנ זיכ ערגעצ ניט קיינ שטערנ. זי דערפרייט זיכ, דאכט זיכ, וואָס אינ ערגעצ זעט מענ נאָכ ניט קיינ פּײַער אינ די פּענצטער.

איבער דער פּארנאכטיקער טאָרהאָוויצע באווײַזט זיכ ווענ־ניט־ווענ א דורכגייער. קוימ אײַנגעטאָפּטשעטע סטעזשקעלעכ ציִענ זיכ צו די שטיבלעכ, וואָס נורענ זיכ איינס צומ צווייטנ אינעמ טיפּ־אויסגעפאלענעמ שניי.

רויכנ הייבנ זיכ איבער די בלויע פּארשאָטענע דעכער. אָט ציִענ זיי זיכ, די רויכנ, גלײַכ צומ האלב־גרויענ אונ האלב־רויטנ הימל, אָט הייבנ זיי זיכ אָנ הוידענ, שפּרייטנ זיכ איבער דער ערד. ס'איז, ווײַזט אויס, א שטארקער ווינט אינ פּעלד. נאָר אַפּ דער טאָרהאָוויצע פּארהאלטנ אימ די הײַזער. פּונדעסטוועגנ גיט זיכ אָבער אַלעמאָל אזוי ווי א רויכער די ערד, שמײַסט דעמ שניי אינ פּאָנעמ, אונ די שווימענדיקע גלאָקנ־קלאנגענ ווערנ אָט אזוי ווי נעענטער אונ אָט אזוי ווי ווײַטער.

ניט ווילנדיק צי איכ טיפּער ארײַנ דעמ קאָפּ אינ די אקסל. כ'פּארכאַפּ זיכ אָבער באלד — איכ לאָז אראָפּ דעמ קאָלנער, כאָטש ס'פּרירנ מיר זייער די אויערנ. גאָלדע ווערט אזוי ווי קלענער, בייגט זיכ איבער נאָכ מערער איבערנ אײַנגעוויקלטנ קינד.

אנטקעגנ אונדז באווײַזט זיכ, ווײַזט אויס פּונ מײַרעוו־דאוונענ, כראָליקס טאטע, ביניאָמינ. ער גייט די הענט פּארוקט אינ די ארבל, דעמ קאָפּ ארײַנגעצויגנ. נאָר די נאָז זײַנע זעט זיכ ארויס. עפּעס

א ווײַבל, אינגאנצנ איבערגעדעקט מיט א שאל, לויפט נאָכ הינטער אימ.

— אָשער, — דערפיל איכ, ווי גאָלדע גיט מיכ א צי פארנ ארבל. אונ אז איכ קוק זיכ אומ, זע איכ, ווי גאָלדע האָט פארקערעוועט צוריק.

— וווּהינ איז, גאָלדע?

— ס'א ווינט, — הייבט זי אָנ גײנ לענגוים די ווענט אונ די פארקאנעס. נאָכדעמ הייבט זי אפילע אָנ גײנ מיט די הינטערהויפנ.

גיט אָבער ערגעצ א קלאפּ א טיר, דערהערט זיכ א קאָל, הייבט זי זיכ אָנ נעענטער טוליענ צו די ווענט, גייט שוינ אזוי גיכ, אז כ'קאָנ איר אזש ניט נאָכלויפנ.

— וואָס גייענ מיר מיט די הויפנ? קומט מיט דער גאס, גאָלדע.

— הא? — ווערט זי אזוי ווי דערשראָקנ. — וואָס, אָשער?

— ס'איז שוינ ניט קיינ ווינט.

— יאָ־יאָ, — גיט זי זיכ מיטאמאָל א גלײַכ אוים, טוט אפילע אזא טרייסל מיטנ קאָפּ, אז דער שניי גיט זיכ פונ איר א שאָט. — יאָ־יאָ, — שרײַט זי אוים, ווי זי זאָל מיטאמאָל אָנגעצונדנ ווערנ אפ די ארומיקע צונויפגענורעטע שטיבעלעכ, — ניטאָ שוינ טאקע קיינ ווינט, אונ וואָס קריכנ מיר, וואָס?!

זי הייבט אונטער העכער א ביסל דאָס קינד, גייט מיט מיר ארוים אפנ שאָסיי.

זי הייבט אפילע אָנ גײנ פאמעלעכער. אפנ שאָסיי גייענ מערער מענטשנ, אונ כ'זע, ווי יעדערער, וואָס באגעגנט אונדז, קוקט זיכ אײַנ, בלײַבט אפילע שטיינ אונ קוקט אונדז נאָכ.

גאָלדע קוקט זיכ ניט אומ. כ'זע, ווי איבער אירע ברעמענ באווײַזנ זיכ שוינ די גוט־באקאנטע גריבעלעכ, וואָס באווײַזנ זיכ בא איר שטענדיק, ווענ זי ווערט בייז. די אויגנ אונטער די לאנגע מיט פריר־טוי באדעקטע ווײַעס ווערנ צונויפגעצויגענער אונ רויטער אנטקעגנ דער שײַנ פונעמ מארק־לאמטערנ.

סע ברענענ שוינ פײַערנ אינ מארק. ס'זעט זיכ ליכט אינ די פענצטער פונ דער קאָאָפּעראציע. דורכ בײדע צעעפנטע טויערנ פונ אונדזער שטאָל זע איכ שוינ דעמ הענגענדיקנ לאמטערנ.

— ס'איז דער קאָלעקטיוו אפנ נאָמענ פונ לענינ, — ווײַז איכ איר אפ אונדזער צעעפנטנ טויער.

— הא? — הערט זי מיכ עפּעס ניט. — וואָס?

— ס'איז דער קאָלעקטיוו. קומט, וועט איר א קוק טאָן, גאָלדע.

— גוט, אָשער, קום, — קערעוועט זי אָפּ מיט מיר אין שטאָל.

איך כאַפּ זי אָן פאַר א האַנט, ווײַל ס'איז זייער ענג איבער די וועגענער, אקער־אײַזנס און בּאָראָנעס, איבערן בּארג פערדן־מיסט, וואָס ליגט לעבן סאמע טויער.

— פּאמעלעך, גאָלדע...

אין שטאָל איז קוים ליכטיק פונעם פארייכערטן לאָמטערן, וואָס איז אונטערגעהאנגען צום באַלקן.

מע זעט איצטער קיינעם ניט. ס'איז שאבעסצונאכטס, און די עלטערע קאָלעקטיווניקעס זײַנען נאָך ניט געקומען. כ'הער נאָר, ווי עמעצער וואַרפט אראָפּ היי פונעם בוידעם, ווי מע פאָרעט זיך צווישן די פערד.

— דאָס זײַנען די שלייעס, גאָלדע, — ווער איך זייער פריילעך און ווײַז איר אָן אָפּ די צעהאנגענע פּאָסטראָמקעס, צײַמלעך און ווישקעס, וואָס הענגען אָפּ דער וואַנט.

— און דאָס זײַנען אונדזערע פערד... און אָן־אָ זײַנען בּאָראָ־נעס... און דאָס זײַנען די זשאָלעבעס...

— ווער באַלעבאַטעוועט עס מיר דאָרטן? — רוקט זיך ארויס פון צווישן די פערד זוזלס שטענדיק פריילעך אָפּלאכנדיק פּענעמל.

— דערקענסט שוין קיין מענטשן ניט? — ווערט גאָלדע זייער אופגעלעבט. זי גייט צו צו א וואָגן, שפּאַרט אָן די הענט אין די דראָבּענעס, ס'זאָל איר גרינגער זײַן אופהאַלטן דאָס קינד. זי הויַ־דעט עס דערבײַ פּאַמעלעך אונטער, ס'זאָל זיך ניט אופכאַפּן.

— ביסט שוין געוואָרן בּאַ זיך גרויס, זוזל, האַ?

— ס'איז דאָך גאָלדע... און מיטן קאַ־אַדעש! — שרײַט ער פריילעך, ווינקט צו איר מיט די אויגן און צעלאַכט זיך, אַז ער פאַרגייט זיך אַזש.

— מיטן קאַ־אַדע־עש!..

ס'גיט זיך אַן עפן די טיר פון אונדזער שטוב, און ס'גייט ארויס די מאַמע. כ'דערזע, ווי סראָליק, וואָס פּאַרוואַרפט היי די פערד, האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון צווישן די בוידעם־ברעטער און קוקט א דערשראָקענער אָפּ גאָלדע. אונדזער שכיינע כײַע־סאָרע האָט שוין אויך ארײַנגעשטעקט דעם קאָפּ. נאָך ווײַבער האָבן זיך צונויפגעקליבן ארום טויער.

— זוזל, — דרייט זיך גאָלדע אוים און הייבט אָן קוקן אָפּ די ווײַבער. נאָכדעם גייט זי צו נעענטער צו אים, נעמט אראָפּ עטלעכע

שטרויעלעך פון זײַן פּעלצל און פון זײַן אויסגעדרייטן היטל, טראָגט אים צו די שטרויעלעך צו די אויגן.

— ס'איז דיר, זוזל, אָנגעקראָכן שטרוי. סע קיצלט דיך, ווײַזט אויס?

— וואָסער שטרוי? — ווערט ער עפּעס צעמישט און הייבט זיך מאַקע אָן אָפּרייניקן.

— ניט דאָ, אין קאָפּ, — ציטערט זי אינגאַנצן, — סע געדרזגעט דיך, זוזל!..

— ווי מע טאָר ניט אָנרירן דעם קאָדעש, — ווײַל ער זיך ניט אונטערגעבן, פּרוווט אפילו צעלאַכן זיך.

— כ'האָב עס פײַנט! — גיט זי א געשריי — כ'האָב פײַנט, אַז מע שטשירעט די ציין, זוזל!

— לייע! — גיט זי מיטאַמאָל א רוף מײַן מאַמע, וואָס האָט נאָרוואָס געוואָלט אַרײַנלויפן צוריק אין שטוב. — קומט אהער, לייע. און איר אויך, כײַע־סאָרע, אַלע, אַלע, — הייבט זי אָן צונויפרופן די ייִדן און ייִדענעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט אַרום טויער.

אייניקע פאַרשווינדן גלײַך. נאָר די איבעריקע גייען צו. מע קוקט איר ניט אין די אויגן. ס'איז אזוי שטיל, אז מע הערט נאָר, ווי מע שלוכצט מיט די נעזער, ווי ס'כראָמטשען די פערד און קלינגען מיט די קייטן בײַ די זשאָלעבעס.

— גאָלדע, — רוקט זיך צו די מאַמע פאַרלאָרן, — וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס מאַכט עפּעס דאָס קינד, גאָלדעניו?

— א וואַזשנע קינד, זאָגט מען, — קוטעט זיך כײַע־סאָרע אין דער שאַל, רעדט זיס און שמייכלט צו גאָלדען.

— ווער זאָגט?

— די וועלט זאָגט, — און כײַע־סאָרע רוקט זיך שוין פון גאָלדען, ווי זי זאָל מוירע האָבן פאַר א פּאַטש.

— געזונט זאָל ער מיר זײַן, — הייבט אונטער גאָלדע דאָס קינד, —ס'הייסט וועלוועלע, לייע...

— זאָל עס זיך בײַ דיר עלטערן אין אוישער און אין קאָוועד.

— א דאַנק, — ענטפערט גאָלדע.

און די מאַמע מײַנע, וואָס באַלד עפּעס וויינט זי, הייבט זיך אָן ווישן די אויגן מיט די ברעגן פונעם שאַלעכל.

ערשט אז מע צעגייט זיך, קריכט אַראָפּ סראָליק פונעם בוידעם. ער גייט צו צו גאָלדען א פאַרלאָרענער.

— א גוטן־אָוונט, גאָלדע, — דרייט ער אָן הויפּנס שטרוי איין האַנט און ווערט עפּעס אַזוי ווי נידעריקער לעבן איר.

— א־א, סראָליק! פאַרסט אויך, וואָס?

—מיטן טאַטן. איך פאָר מיטן טאַטן, כאַוועדטע גאָלדע.

— און א סאַך מישפּאָכעס פאָרן? — רעדט זי שוין צו זוזלען, ווי זי זאָל גאָר קיינמאָל ניט געווען אָפּ אים שרייען.

— לענינצעס — אָ דרייסיק, כאַוועדטע גאָלדע. און ס'מאַכט שוין בעטשעק נאָך א קאָלעקטיוו.

— פיין! — הייבט זי נאָכאַמאָל אָן באַטראַכטן דעם באַרג אַקער־אייזנס, באָראָנעס, די וועגענער. — כ'וועל זיך אַריינכאַפּן. איז זייט מיר געזונט. דערוויילע!..

— עפּשער איינשפּאַנען א שליטן אייך אונטערפירן, כאַוועדטע גאָלדע?

— מע דאַרף ניט, זוזל. ס'איז ניט ווייט. איז האָב א גוטע נאַכט, — גייט גאָלדע אַרויס מיט מיר, בלייבט שטיין אונטערן מאַרק־לאַמטערן. זי האָט לאַנג ניט געזען דעם מאַרק. זי וווּנדערט זיך.

— עפּעס ווייניקער קלייטלעך, אָשער!

— אוואַדע, גאָלדע, אָנ־אָ, — ווייז איך איר אָפּ די רונדוקלעך, וואָס אָפּ א סאַך פון זיי הענגען רויטע טריוואַקס־שטעמפּלען, און אָפּ אייניקע זיינען די טירן גלאַט פאַרהאַקט מיט דרענגלעך.

— ווייניקער קלייטלעך... — רעדט זי ווי צו זיך. — און לע־נינצעס, — צעלאַכט זי זיך מיטאַמאָל, — לענינצעס, זאָגט זוזל, האָסט געהערט? א דרייסיק מישפּאָכעס, זאָגט ער, לענינצעס?!

— און וועמעס איינפאַל איז דאָס געווען א נאָמען געבן דעם קאָלעקטיוו אָפּן נאָמען פון לענינן?

— אַלע, גאָלדע. און איך אויך. און בעטשעק. און אַלע. און אייך געפעלט אויך?

— מיר אויך, אָשער, — לאָזט זי זיך מיט מיר צו דער שול. סע אַרט זי שוין אַפילע ניט, וואָס אַלע אַנטקעגנקומענדיקע שטעלן זיך אָפּ און קוקן אָפּ איר און אָפּן קינד.

— און א בריוו... — דערציייל איך איר. — בעטשעק האָט גע־זאָגט, אַז מע דאַרף אַוועקשיקן א בריוו לענינען. ער איז קראַנק, לענין. און ער האָט אונדז ליב.

— ס'איז געדאַנק, — כאַפּט זיך אָן גאָלדע, — וועסט היינט זען בעטשעקן?

— ניין. פון אײַער שטוב לויף איך גלײַך אַף דער סטאַנציע.

— כ'וואָלט גנדאַרפט, ער זאָל צו מיר אַרײַנגיין. מיר וואָלטן צוזאַמען אָנגעשריבן.

— און איך אויך, גאָלדע. כ'וועל מאָרגן לויפן צו בעטשעקן.

— זאָל זײַן מאָרגן. שוין אַלציינס שפּעט.

ס'ווערט שוין שטאַרק פינצטער. פון ביידע זײַטן צוען זיך פעלדער. ס'ווערט קעלטער און ווינטיקער. דער ווינט שמײַסט שטאַרקער אין פּנים. וואו־ניט־וואו זעען זיך איינציקע פײַערלעך פון די אַרומיקע כאַטקעס, וואָס זײַנען האַלב־פאַרזונקען אין שניי.

אין גאָלדעס פענצטער ברענט שוין אויך ליכט, און ס'רייכערן אַלע קוימענס אין טראַקאָווישטשערס שטוב.

— ס'איז שוין מאַטילדע בא מיר, — זאָגט גאָלדע, און אײַנבייגנדיק זיך, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דאָס קינד פון ווינט, לאָזט זי זיך גיכער לויפן.

אין שטוב גיי איך מיט איר ניט אַרײַן. כ'טראָג נאָר צו דאָס קוישל ביזן גאַנעק.

— א גוטע נאַכט, גאָלדע.

— א גוטע נאַכט, אָשער.

— כ'וועל קומען, גאָלדע.

דורך די פאַרשנייטע פעלדער לאָז איך זיך, ווי אַלע נאַכט, אַף דער סטאַנציע.

* * *

שוין א שטיק צײַט, אַז די סטאַנציע ווערט אַלץ פולער און פולער מיט מענטשן. מע קומט מיט קאַרזינעס, מיט פּעק בעטגעוואַנט. מע געזעגנט זיך. מע פאָרט אַוועק אין ווײַטע שטעט — מע פאָרט קיין כאַרקאָוו, קיין פּעטראָגראַד, קיין מאָסקווע.

אין וואַרט־זאַל, ערגעץ אונטער דער סאַמע סטעליע, ברענט א קליין אײַנגעדרייט לעמפּל. דער וואָקזאַל איז פול מיט שאָטנס, מיט קעלט און מיט צעגאַנגענעם שניי אַף די רויטע דיל־קאַבעלעך.

איך האָב פײַנט צו זיצן. ס'איז ניט שיין פאַר מיר. איך וואַרט איצטער שטענדיק אין „דעזשורקע". איך בין שוין אַזוי כאַווער מיט אונדזער לאַנגן, דאַרן טעלעגראַפיסט און מיט שקאַבורען, דעם נאַטשאַלניק, אַז איך זיץ אַפילע אין קאַסע באַם אַרויסגעבן בי־

לעטן, אָדער באַם נאַטשאַלניק אין צימער, ווו ס'איז דאָ אַן אַנ־דערע הרובקע און ס'איז זייער ווארעם.

— דאָברי וועטשער, טאָווארישטש שקאַבורא! — גיי איך אַרײַן מיט א כמארע דאַמפּ אין זײַן ענג אָנגעהייצט צימערל.

שקאַבורע גיט נאָר עפּעס א מרוקע אונטער דער נאָז, צעוואָר־טשעט זיך, וואָס כ'האָב אָנגעטראָגן אַזויפיל קעלט.

ניט לאַנג וואָרטשעט ער. ער הייבט זיך אָן אײַנהערן, ווי עמע־צער האָט זיך צעשריִען הינטער דער וואַנט, ווי ס'האָט א קלאַפּ גע־טאָן די וואָקזאַל־טיר.

— וואָס פאָרט מען עס אַזויפיל?

— זוכן אַרבעט אין די שטעט, כאַווער שקאַבורא. און מע פאָרט אַפ ערד. און איך אויך, — וויל איך אים שוין דערציילן, אַז כ'וועל פאָרן צו מאַגידן.

שקאַבורע הייבט אָבער אָן פּיקן מיט דער נאָז אין טעלעגראַף־אַפּאַראַט. נאָר ער כאַפּט זיך אויף.

— וואָס, זאָגסטו, פאָרן? — גיט ער זיך א רײַב די בלוילעכע וואַסערדיקע אויגן מיט די אַראָפּהענגענדיקע בײַטעלעך, טוט א קוק אַפּן גרויסן קלאַפּנדיקן זייגער, ווערט רויק און הייבט אָן ווידער־אַמאָל אײַנדרעמלען. ער הערט זיך אַפילע ניט אײַן אין דער קלאַ־פּערײַ פונעם טעלעגראַף־אַפּאַראַט, אינעם טעלעפאָן, וואָס גיט אַלע־מאָל אַזא פּלוצעמדיקן קלונג, אַז כ'ציטער אַזש אויף.

פון אָט דער רעגלמעסיקער קלאַפּערײַ און קלינגעניש איז די שטילקײַט דאָ א פאַרשלעפערנדיקע, אַן אַנגסטלעכע, א מוירעדיקע.

כ'זע נאָר דעם נאַטשאַלניקס היטל מיטן רויטן אָקאָלישעק, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט און אײַנגעדעקט זײַן פּאָנעם, דאָס ווײַטע ליכטל אינעם לאַמטערן מיט די רויט־גרינע גלעזלעך, דעם שײַנענ־דיקן מעש פונעם טעלעגראַף און די צוויי ניקלנע גלעקעלעך אַפּן געלן הילצערנעם טעלעפאָן־קאַסטן.

כ'רוק צו א שטול האַלץ און זעץ זיך אַוועק לעבן דער אײַזער־נער הרובקע, כ'הייב אָן אונטערוואַרפן שפּענדלעך. און דאָס האָלץ כאַפּט זיך אָן — קלאַפּט, שיסט מיט פונקען, פּילט אָן דאָס צימערל מיט שפּרינגענדיקע פֿײַער־פלעקן.

נאָר וואָס פּריילעכער און ליכטיקער מע ברענט אין אייוועלע, אַלץ פאַרפרוירענער, שווארצער און פאַרגאָסענער ווערט דאָס גרויסע קאַבינעט־פענצטער. מע זעט אַפילע ניט די רעלסן. ס'איז

אפילע, ווײַזט אויס, פאַרלאָשן געוואָרן דער לאַמטערן אױף דער פּלאַט־פאָרמע.

כ'הער נאָר, ווי פון דרויסן, אויסגעצויגן־דיק, און ווי ווײנענדיס איבער עמעצן, פּײַפט, וואָיעט די נאַכט אין די טעלעפאָן־ און טע־לעגראַף־דראָטן.

— כאַוועך שקאַבורא, עס פאַרשפּעטיקט דער צוג? — גיב איך אים א פרעג, ווען ער הייבט אָן ווידער ווישן זיך די אויגן און קוקן אויפן זייגער.

— וואָס הייסט? — ווערט ער גלײַך וואַכעדיק, ווײַל ס'איז שוין טאַקע שפּעט און מע דאַרף שוין גיך אָנהייבן געבן בילעטן.

ווי אַלעמאָל, סאַמע איידער עס דאַרף אָנקומען דער צוג, ווערט ער זייער וואַכעדיק. א נידעריטשקער, א גראָבינקער, גיט ער גלײַך א פאַריכט דאָס היטל אויפן קאָפּ, טוט זיך א בלאָז אָן, גיט א קוק, צי ס'זײַנען פאַרשפּיליעט אַלע קנעפּ.

— וואָס הייסט, ער וועט פאַרשפּעטיקן?

— א זאַוויי, — ווײַז איך אים אויפן פענצטער, — ס'א זאַווע־רוכע, און ס'זײַנען פאַרשאָטן די רעלסן...

— וואָס פאַרשאָטן?! — ווערט ער בייז, — ווײַל מע טאָר קיין שלעכט וואָרט ניט זאָגן אויף דער אײַזנבאַן. — באַ מיר רייניקט מען דעם שניי! מע היט אָפּ באַ מיר... באַ מיר שטייען פלויטן!

— אַוואַדע פלויטן, — זאָג איך אים נאָך, — אַוואַדע ניט פאַר־שאָטן. און ער וועט אָנקומען, דער צוג...

איך גיי אפילע צו און זעץ זיך אוועק לעבן אים. פון זײַן גרויס־אַרטיקײַט און איבערגעגעבנקײַט דערפיל איך זיך אויך שטאַרקער, גרעסער און פֿײַערלעכער. כ'הייב אָן, ווי שוין ס'הונדערטע מאָל, באַ־טראַכטן די דראָטן, וואָס ציִען זיך אַראָפּ פון דער סטעליע צום טע־לעגראַף־אַפּאַראַט.

— אפילע קיין מאָסקווע ציִען זיי זיך? — פרעג איך שטיל, שטיל, כאָטש איך ווייס עס, נאָר איך קאָן זיך דאָס עפּעס בעשום־אופן ניט פאָרשטעלן.

— קאָניעשנאַ־אָ!

— און אפילע צו לענינען?

— האָ?

— כ'פרעג, צי אפילע צו לענינען קאָנט איר ריידן דורך די דאָזיקע דראָטן?

— קאָניעשנאַ־אָ!

— און דאָרטן דאַרף ער אויך זיצן בא אזא דראָט און הערן אײַך?

— שקאַבורא, — הייבט ער אָן ציאַמקען מיט די ליפּן, און זײַן פאַרשלאָפן, פאַרעלטערט פּאָנעם ווערט יונגער, פרײַערלעכער, — שקאַבורא קאָן אומעטום... אפילע צו לעניִנען קאָן שקאַבורא...

ער רעדט שוין אַליין. ער הערט שוין אפילע ניט, וואָס כ'רייד צו אים וועגן דעם בריוו, וואָס אונדזער קאָלעקטיוו וועט שיקן דורך די דראָטן. ער האַלט מיך שוין אין איין פאַרשיטן מיט רייד וועגן זײַן טעלעגראַף־אַפּאַראַט. אָט כאַפּט ער שוין אַרופּ אַף דער נאָז זײַנע דראָטענע ברילן און ווײַזט מיר, ווי ער קאָן שיקן טעלעגראַמעס. ער נעמט מיט דער רעכטער האַנט דאָס הילצערנע גאַלקעלע פונעם טעלעגראַף־הענטל און הייבט אָן שטעפּן דערמיט אַרופּ און אַראָפּ.

— שקאַבורא קאָן טעלעגראַפירן... אפילע לעניִנען, — ציט ער אויס די ווערטער, ווײַל ער לייענט דערבײַ די שמאָלינקע סטענגע מיט די פינטעלעך און פּאַסיקלעך. ער בייגט זיך אפילע צו, לייענט שוין עפּעס צו לאַנג.

— אפילע אין א זאַווערוכע, כאַווער שקאַבוראַ?

— וואָס־וואָס?! — רוקט ער אַרופּ די ברילן אַפן שטערן, ווערט מיטאַמאָל דערשראָקן. ס'מויל איז צעעפנט. ער גיט אַף מיר אַזאַ קוק, אַז כ'רוק זיך אַוועק אָפּ פון אים. ער שפּאַרט אפילע אָפּ דעם לאַמטערן, פאַלט צו צוריק צו דער טעלעגראַף־סטענגע, וואָס קריכט פאַמעלעך איבערן טיש.

— ס'האָט זיך עפּעס צעבראָכן אין טעלעגראַף?

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט?! — דערהער איך דאָס ערשטע מאָל, אַז שקאַבורא זאָל זיך אַזוי צעשרײַען. — אַוועק! — פאַרשטעקט ער זיך די אויערן, שטייט איבערגעבויגן, רירט זיך ניט, לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פון דער סטענגע.

אין דער שטילקייט טוקעט איצטער נאָר דער אַפּאַראַט, און עפּעס מוירעדיק־הויך קלאַפּט איצטער דער זייגער.

כ'רוק זיך שוין צו צו דער סאַמע טיר. כ'האָב נאָר מוירע זי אָנעפּן טאָן און אַרויסגיין.

כ'הער שוין, ווי מע קלאַפּט אין דער קאַסע. איך זע שוין לויטן זייגער, אַז ס'דאַרף באַלד אָנקומען דער צוג.

— קאַ־אַסי־יר! — שרײַט מען הינטערן קאַסע־פענצטערל — בילע־עטן!!!

— נאַטשאַלניק! — טראַסקעט מען אין וואַנט. — דער פּאָיעזד!!!

— וואָס ווילן זיי?! — כאַפּט ער זיך אָן באַם קאָפּ, לויפט צו צום

קאסע־פענצטערל, נאָר עפנט עס ניט אויף, פאַלט צו צוריק צום טע־לעגראַף־אַפּאַראַט, ציט מיט ציטעריקע פינגער די סטענגע, וואָס האָט זיך שוין אַראָפּגעגליטשעט פון טיש און שלעפּט זיך שוין איבערן דיל.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך שוין אַרײַנגעריסן אין צימערל. זיי שרײַען, אַז זיי ווילן בילעטן. דורך דער אָפן־געלאָזטער טיר שפּאַרן זיך קנוילן פּראָסטיקער דאַמף. דער דאַמף קנוילט זיך איבערן דיל, הייבט זיך צום סופית, און דער לאָמפּ ווערט פאַרנעפּלט, ווערט רויט, הענגט ווי אין אַ כמאַרע. איינעם מיטן פּראָסט רײַסט זיך אַרײַן דער ווײַטער פײַף פונעם אָנקומענדיקן צוג. די צעטומלטע פּאַסאַזשירן לאָזן זיך לויפן. אייניקע בלײַבן איבער, קוקן אָפּן צעטראָגענעם נאַ־טשאַלניק, וואָס איז אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון דער אויס־געצויגענער הודעה פונעם לאָקאָמאָטיוו.

ער הודעט שוין לאַנג, דער צוג. ער רעוועט, שרײַט, בעט זיך אַהער פון דער ווײַטער פּראָסטיקער פינצטערניש.

— סעמאַפאָר! — שפּרינגט מיטאַמאָל אויף שקאַבוראַ. — דער סעמאַפאָר, גאָט מײַנער! — און אין דעם היטל, אַפילו אָן דעם פּעלצל, צעשפּאַרנדיק די פּאַסאַזשירן, לאָזט ער זיך לויפן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

צוזאַמען מיט די פּאַסאַזשירן לאָז איך זיך לויפן נאָכן נאַטשאַל־ניק. איבער אים, איבער אונדז, איבער דער גאָרער פינצטערניש איז נאָר ווינט, שניי און די ניט־אויפהערנדיקע רעוועריי פונעם צוג.

איך דערזע קוים אין דער פינצטערניש, ווי שקאַבוראַ כאַפּט אָן דאָס סעמאַפאָר־רעדל און הייבט עס אָן דרייען. איך כאַפּ אויך דאָס הענטל און העלף אים.

צעשפּאַלטנדיק די נאַכט מיט אַ סטויף ליכט, באַשײַנענדיק מיט־אַמאָל די רעלסן, דעם פאַלנדיקן שניי און די צעטומלטע פּאַסאַזשירן אויף דער פּלאַטפאָרמע, טראָגט זיך אָן רעווענדיק דער פאַרפּאָראָשע־טער און פאַרײַזיקטער צוג.

פון די שײַנענדיקע וואַגאָן־פענצטער ווערט בלענדנדיק־ליכטיק. עס שפּרינגען גלײַך אַרויס די טאַפּאָלן, און, שלאָגנדיק זיך מיטן ווינט, שפּרינגען זיי, וואַרפן זיך, הוילע און נאַקעטע. דער ווינט רײַסט און קלאַפּט מיט אַן אָפּגעריסענעם בלעך אויפן דאַך.

— נאַטשאַ־אַלני־יק! — זע איך, ווי ס'איז אַראָפּגעשפּרונגען דער שוואַרצער פאַרשמאַלצעוועטער מאַשיניסט פונעם לאָקאָמאָטיוו. ער האָט אָפּגעזוכט שקאַבוראַן און שרײַט, אַז ער וועט אים איבערגעבן

צום געריכט. האלב־פארשלאָפענע פּאסאזשירן רוקן זיך ארויס פון די וואגאָנעס. סע ווערט אַ אַנגעלויף ארום אונדזער נאטשאלניק. מע שרײַט אים: „טשינאָווניק!‟, מע רופט אים „שליאפּא!‟. מע וויל וויסן, וואָס האָט זיך געטראָפן.

נאָר שקאָבורע צענעמט נאָר און לייגט צונויף די הענט. ער פאר־היקעט זיך. דער ווינט הייבט אוף, שויבערט זײַנע ווײַסע, שיטערע האָר. דער שניי פאלט אַף זײַנע אַקסל, אַף זײַן שווארצן פּידזשאַק, וואָס איז שוין אינגאנצן ראָב געוואָרן.

— א טעלעגראַמע... ניט געקענט... — רעדט ער קוים־קוים, אַז דער מאשיניסט בייגט זיך צו אים צו. — א טעלעגראַמע... געשטאָרבן לעניז!..

— לעניז! — שרײַט ער מיטאמאָל אויס הויך און קוויטשיק, און א נידעריטשקער, א גראָבינקער, לאָזט ער זיך לויפן אין וואָקזאַל ארײַן.

צוערשט פארשטיי איך אפילע ניט, וואָס ער האָט געזאָגט. נאָר אַז דער מאשיניסט כאַפּט אַראָפּ דאָס פארשמאָלצעוועטע לעדערנע היטל, אַז איך דערזע טרערן אַף עמעצנס אויגן, פארשטיי איך ערשט...

כ׳פיל אפילע ניט, אַז כ׳בין אראָפּגעגאנגען פון דער פּלאַטפאָרמע און שלעפּ זיך ביז איבער די קני אין שניי. איך בין שוין עפּעס פאר־קראָכן אין אַ גרוב, זיך אָנגעשטויסן אין א בוים אין דער פינצ־טערניש.

איבער מיר וואָיעט און וויינט די זאַווערוכע אין די צווײַגן. די זאַווערוכע מישט זיך אוים מיטן געהויל פונעם לאָקאָמאָטיוו.

און ניט איבער דער זאַווערוכע און ניט ווײַל ס׳איז באנאכט, — נאָר א מיטאמאָל אָנגעקומענע פּוסטקײַט, א הוילקײַט, עפּעס מוירעדיק־פּעלנדיקס דערפיל איך אין דער פינצטערניש.

און כ׳וויים ניט וואָס. כ׳בין שוין צוגעוווינט צו טויט. כ׳האָב שוין געזען דערוואָרגענע און געקוילעטע, דערשאָסענע און געהאר־געטע, פארסאַמטע און אויסגייענדיקע, נאָר ס׳ערשטע מאָל ביז אומ־גליק און ווײַ־געשריי דערזע איך און דערפיל, וואָס איז אזוינס טויט...

און ארומנעמענדיק דעם בוים, צושפּאַרנדיק דעם שטערן צו דער פארײַזיקטער קאָרע, שטיי איך און וויין אין דער נאכט.

דער פּאַיעזד גייט אוועק

סאָף מארט, ס'האָבן זיך נאָר אומגעקערט די ערשטע בושלענ, איז אָפּגעפאָרן דער קאָלעקטיוו אפן נאָמען פון לענינ.

ס'איז געוואָרן אומעטיקער. אינ שטאָל איז געבליבן אָנגעוואָרפּענע שטרוי, פערדנ־מיסט און א שטילקייט, וואָס איך קאָן גאָר ניט איבערטראָגן.

ס'האָט אלץ זיך אָנגעהויבן רירן בא אונדז. ס'איז געוואָרן אזוי, ווי מע זאָל זיך דארפן איבערקלייבן. אינ א סאך שטיבעלעך זעט מען שוינ אפדערנאכט ניט קיינ פייער. און נאָר אינ די בעסערע הייזער פון די אוועקגעפאָרענע האָבן זיך ארייננגעקליבן ניי־אָנגעקומענע מישפּאָכעס, אָדער ס'האָבן זיך דאָרטן איינגעאָרדנט די ניט לאַנג אָרגאַניזירטע שניידער־, שוסטער־ און סטעלמאכ־ארטעלן.

גאָר שטיל איז געוואָרן אינ מארק. ס'איזא שטילקייט און רויקייט, אז ווען איך גיי ניט דורך דורכן מארק, ווייזט זיך מיר אלעמאָל אוים, אז ס'איז שאבעס.

די רייכע קרעמער האָבן שוינ פארמאכט די קלייטן, קויפן אָפּ געהיים שטיקער ערד בא די רייכערע פּויערים, אָדער צעקריכן זיך אינ די גרויסע שטעט. א סאך קלייטניקלעך זיינען אוועקגעפאָרן מיטן קאָלעקטיוו. אינ לייטעסעם אמאָליקער קלייט האָט זיך געעפנט די קאָאָפּעראציע.

מע הייבט שוינ אפילע אָן צענעמענ די קלייטלעך, ווייל מע וויל פארזעצן ביימלעך, און בעטשעק וויל, מע זאָל מאכן א פּארק אינמיטן שטעטל, אזוי ווי אינ ניקאָלייעוו.

עפּעס גרוים, ליכטיקס, עפּעס אזוינס, וואָס איז פול מיט האָפענונג, טראָגט זיך און שלעפט אינ דער וועלט אריין.

איך בינ אויך זייער צופרידן. כ'בינ אָבער אזוי צוגעוווינט צו אלץ און צו יעדערן, אז כ'קאָן ניט איבערטראָגן די ליידיקייט, וואָס ווערט ארום מיר. און כ'בענק נאָך די אוועקגעפאָרענע. איך קאָן זיך עפּעס ניט פּאָרשטעלן, אז כ'קאָן שוינ ניט זען סראָליקן, אפילע אונדזער שכיינע בייע־סאָרע, וואָס וועט שוינ ניט ארייננגיינ בעמען בא אונדז זומער א ביסעלע אָקרעפּ און ווינטער — א הייסע קויל פארן פייער־טעפּל.

ווען ס'איז אוועקגעפאָרן דער קאָלעקטיוו, בינ איך לאַנג נאָכגעלאָפן נאָך די רויטע פראכט־וואגאנעס מיט די ברייטע צעעפנטע טירן, פונוואנען מ'האָט געווייזט, געווארטלט זיך, געפאָכעט מיט היטלען, מיט פאטשיילעס...

כ'האָב לאַנג נאָכגעקוקט נאָכן לעצטן וואַגאָן, נאָכן רויך, וואָס צעשווימט, צעגייט זיך און פאַרשווינדט אונטערן ריינעם אויסגע־וואַשענעם הימל.

ס'האָב איך אַזוי נאָכגעקוקט נאָכן רויך, ווײַל פאַרן אַפּגיין פונעם עשעלאָן האָבן אישטשענקאָ און גאָלדע געהאַלטן רעדעס. בעטשעק האָט אויך גערעדט. ער האָט געשריִען, אַז נאָך הונדערטער יאָרן אונ־טערדריקונג און דערנידעריקונג נעמען מיר איצטער דעם גורל אונ־דזערן אין די אייגענע הענט. און אַז אַזוי ווי צעשווימענדיקן רויך (און בעטשעק האָט געוויזן דערבײַ אַפן קוימען פונעם לאָקאָמאָ־טיוו), לאָזן מיר איבער הינטער זיך די יאָרן פון דאַלעס, די יאָרן פון אומגליקן און דערנידעריקונג.

ס'גאַנצע שטעטל איז דעמלט געשטאַנען אַרום וואָקזאַל.

מיט אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן די נאַרוואַס־אופגעאַנגענע העל־גרינע טוועס האָט מען זיך נאָכדעם איינער הינטערן אַנדערן אומגע־קערט אין שטעטל.

דער ערשטער איז געגאַנגען קאַלמען־יאָסיע דער קלעזמער מיטן פידעלע אונטער דער פאַכווע. ס'זײַנען געגאַנגען גאָלדע און אישטשענ־קאָ. ס'איז געגאַנגען נאָום דער פויקער מיטן באַראַבאַן אַפן בויך. נאָכדעם זײַנען געגאַנגען ווײַבער, ייִדן, מיידלעך און ייִנגלעך. און פון הינטן זײַנען געגאַנגען בעטשעק און איך.

כ'האָב געזען ציצענע טיכלעך, זײַדענע קווייטלדיקע פאַטשיילעס, קאַרטוזן, שוואַרצע זײַדענע שאַרפן, מיידלשע צעפלעך, פּידזשאַקעס, העמדלעך און אפילו קאַפּאָטעס.

בעטשעק איז, ווי אַלעמאָל, געווען אָנגעטאָן ניט יאָמטעוודיק, אין פאַשעטע הויזן אָן גאַליפע, אין אַ פּאָר שטיוול, אין אַ גרויער קאַסאָ־וואָראָטקע און אָנגערוקט דאָס היטל, די זון זאָל אים ניט שנײַדן די אויגן. ער איז געגאַנגען זייער אַ צוגעלאָזטער.

— איז וואָס, אָשער, פאַרלאָזסטו אונדז אויך?

— אַ סאַך אַרבעט נאָך דאָ! — האָט ער אפילו ניט געהערט, וואָס איך ענטפער אים, — נאָר פּאָר, אָשערל, מיילע...

* *
*

...און אָנגעקומען איז דאָס אָפּפאָרן, כאָטש כ'האָב אַף דעם אַזוי לאַנג געוואַרט, פלוצעמדיק, אומגעריכט.

ניט נאָר איך. אַלע, וואָס האָבן מיט מיר פאַרענדיקט די שול, פאָרן אַוועק. ס'איז אייערנעכטן שוין אַוועקגעפאָרן בולע. אַלע פאָרן.

נאָר זיאמע פאָרט ניט. ער בלײַבט ארבעטן אין מיל, ווײַל ער קאָן ניט איבערלאָזן די מאמע.

הײַנט האָב איך זיך שוין געזעגנט מיט ראָכלען. ראָכל פאָרט זיך לערנען אף א דאָקטערשע.

— אָשער, — האָט זי מיר געזאָגט פארן אוועקגיין, — פאָרן מיר, הייסט עס?

— אָשער! — האָט זי זייער פארזאָרגט געקוקט אפן געלן זאמד־דיקן וועג, וואָס ציט זיך ווײַט־ווײַט און פארלירט זיך ערגעץ אונטער א הויכן וואָלקן, וואָס ליגט בא דער סאמע ערד. — ס'איז מיר עפּעס שרעקלעך...

— און מיר ניט! — האָב איך געענטפערט. — כ'וויל אוועק־פאָרן, ראָכל!

— און איך אויך, אָשער. כ'האָב נאָר עפּעס מוירע פאר דער פרעמד, פארן ניט־געזעענעם...

— און איך האָב קיין מוירע ניט... און זײַ געזונט, — האָב איך איר דערלאַנגט די האנט און כ'האָב געוואָלט גיכער אוועקגיין, ווײַל כ'האָב זייער פײַנט זיך געזעגענען.

— ווינטשעווע מיר ניט, אָשער, איך זאָל זײַן געזונט. ווינטשעווע בעסער, כ'זאָל זײַן א דרייסטע.

מיך, ראָכלען, זיאמען, בולען און אַלע, וואָס האָבן מיט מיר געענדיקט די שול, האָט גאָלדע צונויפגענומען און אונדז געזאָגט, אז מיר זאָלן זײַן דרייסטע, ווײַל מיר לאָזן זיך אליין אין דער וועלט. און מער זאָלן מיר זיך ניט זוכן קיין הענטעלעך, וואָס זאָלן אונדז פירן, נאָר מיט אופגעהויבענע קעפּ, און אָן שרעק, מיט לײַב־און־לעבן זיך לאָזן האָרעווען, אפילו אויסגעריסן ווערן, נאָר פארווירקלעכן, אויס־בויען, דערפירן דאָס, וואָס אונדזערע עלטערע כאווייריִם האָבן אָנ־געהויבן.

— און כ'בעט אײַך, יאטן, — האָט אונדז גאָלדע געזאָגט, — יאָגט זיך ניט נאָך א שטיל אײַנגעזעסן לעבן. ווערט ניט קיין באַלע־בעסלעך... טרוימט, האָרעוועט און פארלירט זיך ניט, יאטן, אין אומגליקן.

געענטפערט האָט נאָכדעם זיאמע. ער האָט זיך געשווירן, זיאמע. ער האָט זיך געקלאפּט מיט די קולעקעס אין הארצן און צוגעזאָגט, אז מיט לײַב־און־לעבן, אז אָן שרעק לאָזן מיר זיך, געזונטע און אויס־געוואַקסענע, אין דער וועלט. ער האָט גערעדט, און מיר האָבן גע־שריִען „הורא". נאָכדעם האָבן מיר געזונגען: „שטייט אוף איר אַלע,

ווער ווי שקלאַפֿן"... און מיר האָבן געזונגען אַזוי הויך און מיט אַזויפֿיל האַרץ, אַז אַלע, וואָס זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען לעבן דער שול, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעכאַפּט די היטלען...

נאָך דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג פֿיל איך, אַז איך בין געוואָרן אַ גוטער, רייד שטילער. כ'האָב זיך אַפֿילו איבערגעבעטן מיט מײַן פֿעטער מענאַשע.

אַפֿילו צו די עטלעכע קרעמערלעך, וואָס זײַנען נאָך פֿאַרבליבן, וואָס שטייען מיט טאַראַנקעלעך אין מאַרק, מיט געל־געוואָרענעם הע־רינג און מיט פֿאַרשטויבטע צוקערקעלעך, — אַפֿילו צו זיי גיי איך צו.

אַפֿילו דער מאַמען און דעם טאַטן רייד איך שוין ניט אַנטקעגן, כאָטש די לעצטע טעג איז גאָר ניט אויסצוהאַלטן פֿון דער מאַ־מען.

אירע גרויסע שוואַרצע אויגן זײַנען שוין אײַנגאַנצן רויט און פֿאַרשוואָלן געוואָרן. זי האַלט איצטער אין איין הריזען דעם טאַטן. זי וויל, דער טאַטע זאָל איר זאָגן, וואָס איז דאָס געוואָרן פֿון דער שטוב, — זי האָט געהאַט זעקס קינדער, און זי קאָן ניט לעבן מיט די הוילע ווענט.

נאָר איר וויינען איז נאָך גאָרניט. דעם טאָג, וואָס איך דאַרף אוועקפֿאָרן, מוז איך אַרומגיין און זיך צוהאַלטן בײַ די קעשענעס, ווײַל בײַ יעדער טראָט קלינגט איך ווי אַ פּאָזשאַרניע. די מאַמע האָט מוירע, אַז מע וועט מיך באַגאַנווענען, האָט זי די פֿינף דרײַערלעך און דאָס פֿינפֿערל, וואָס כ'האָב זיך צונויפֿגעקליבן אויפֿן וועג, אַרײַנגעלייגט אינעם טאַטנס פֿאַרשמאָלצעוועטן טײַסטער און מיר אים אַרײַנגע־נייט אין דעם העמד. אַכט קערבלעך — זיבן זילבערנעלט און אַ קערבל מעש, כ'זאָל בײַ קיינעם ניט דאַרפֿן צעבײַטן, האָט די מאַמע מיר פֿאַרנייט אין דער קעשענע. און אַז איך גיי, איז פּונקט ווי איך זאָל טראָגן גלעקער אין זיך, — כ'הער גאָר ניט אויף צו קלינגען.

אין שטוב קאָן מען שוין ניט אַרײַנגיין. מ'האַלט אין איין פֿאַר־פּאַקעווען און צעפּאַקעווען. אַלע מאָל דערמאָנט זיך די מאַמע אין עפּעס אַנדערש — און האַלט אין איין שפּאַרן אין די זעק.

אויף טראָגן אין די הענט האָט די מאַמע מיר נאָך צוגעגרייט אַ טאָרבע מיט צוויי ברויט, אייער, אַ שקאַרמיציקל זאַלץ, אַן אָפּגע־בראָטענעם האָן, רעטשענע קאָרזשעס, קיסלעצעס, אַ גרינע פֿלאַש מילך, אַ סלוי מיט האָניק, און צו דער טאָרבע איז נאָך צוגעבונדן

א קליינ טאָרבעלע מיט יאָדערנ, א קישעלע אונ א בלויע אײַזערנע טשאשקע.

איבער די פּעק האָט די מאמע אפילע הײַנט ארויסגעטריבנ זיאמענ. ער ארבעט באנאכט. איז ער באטאָג ארײַנגעגאנגענ מיט מיר זיכ געזעגענענ. ער האָט אָבער אָנגעהויבנ לאכנ פונ מײַנע פּעק. דער טאטע האָט מיר געבראכט פונעם סטאָליער א קאסטנ מיט אנ אײַזערנ הענטל. האָט אים זיאמע א הייב געטאָנ, אָנגעהויבנ קרעכצנ אונ געזאָגט, אז מע וואָלט געדארפט דאָס דעקל באשלאָגנ מיט בלעכ אונ אינווייניק דעם קאסטנ אויסטינקעווענ, וואָלט איכ געקאָנט אינ אים שלאָפנ.

כאָטש זיאמע איז א געהילפ־מאשיניסט אונ ווערט דער סעקרעטאר פונ קעמערל, האָט די מאמע זיכ צעשרײַענ אפ אים, ער זאָל איר אופהערנ זאָלצנ אפ די ווונדנ אונ זאָל אוועקגיינ.

אינ דעם דאָזיקנ קאסטנ ליגט מײַנ ווינטערדיקע פּאלטע מיטנ שאָפּענעמ קאָלנער, מײַנ היטל מיט די לאנגע אויערנ, גרעט, גראָבע האנטעכער, א גאָפּל מיט א לעפל, צוויי טעלער.

אינ א גרויסער רעדנע אונ פארקרעמפּעוועט מיט א שטריק, מיט וועלכנ מיר שלעפּנ וואסער, האָט מיר דער טאטע פארפּאקעוועט זײַנ וואטענע קאָלדרע, צוויי גרויסע קישנס אונ עפּעס נאָכ זאכנ פונ וואטע אונ פעדערנ.

איכ מאכ זיכ שוינ ניט וויסנדיק. כ'בינ צופרידנ, וואָס מע האָט שוינ צונויפגעלייגט דעם בארג קלומקעס, וואָס די מאמע האָט שוינ פארשפּרייט דעם טיש מיטנ רויט־בלוי־גרינעמ בליטשקענעמ טישטעכ מיט די פרענדז.

לעבנ טיש, אפ א טאבורעטל, האָט דער טאטע אוועקגעשטעלט דעם זידנדיקנ סאמאָוואר.

דער טאטע זעצט זיכ אוועק. ער גיט א הוסט. ער וויל מיט מיר פארפירנ א געשפּרעכ וועגנ דער גרויסער וועלט, וווּ ער איז נאָכ קיינמאָל ניט געוועזנ. ער דערציילט מיר, ווי מע דארפ זײַנ געהיט הײַנטיקע יאָרנ. אונ די מאמע שיסט גלײַכ אויס א געוויינ. מײַנ מאמע איז נאָכ קיינמאָל אינ ערגעצ ניט געוועזנ. זי ווישט זיכ די אויגנ מיטנ שאלעכל אונ וויל, כ'זאָל איר צוזאָגנ, אז כ'וועל ניט לויפנ, ניט קלעטערנ אונ מיט קיינעמ זיכ ניט שלאָגנ.

נאָר ווײַל כ'קאָנ עס ניט הערנ אונ ווײַל דער יאָמטעוו איז צוליב מיר אונ כ'קאָנ זיכ קיינ אָרט ניט געפינענ, זאָג איכ זיי, אז כ'גיי זיכ געזעגענענ מיט די שכיינימ.

כ'גיי פריִער אַרײַנ צו קיווע דעמ שערער. דערפאַר, וואָס איכ פאָר אַוועק און ער וועט מיכ שוינ מערער ניט זענ, באַגיסט ער מיכ מיט אַזאַ זאַכ, ווי פּאַליטור, פונ וואָס מײַנע האָר ווערנ צונויפגע־קלעפּט און גלאַנצנ מוירעדיק. און ווײַל איכ בעט אים זייער, כאָטש ער זאָגט, אַז מע דאַרפ נאָכ ניט, גאָלט ער מיכ אָפּ, שאָבט מיכ מיט דער בריטווע און באַשפּריצט מיר דאָס פּאָנעם אַזוי, אַז פונ שמאַר־צעניש שטעלנ זיכ מיר טרערנ אינ די אויגנ.

פונ קיווענ לאָז איכ זיכ געזעגענענ מיט די שכיינים.

— פאָרסט אַוועק, אַשערל? — הייסט מענ מיר אומעטום זיכ זעצנ. מע דערלאַנגט טיי. און ערשט אַז איכ טרינק זיכ אָנ, ווינטשע־וועט מענ מיר, כ'זאָל פאָרפאָרנ געזונט און אַז מײַנ טאַטע־מאַמע זאָלנ דערלעבנ אינ מיר נאַכעס.

איכ שאָקל צו זיי מיטנ קאָפּ. און כ'זע, ווי אַלטע ייִדנ און ייִדע־נעס שמייכלענ צו מיר, קוקנ אָפּ מיר עפּעס געפאַלנ, ווי כ'זאָל שוינ זײַנ עלטער פונ זיי.

איכ זאָג זיי אַ דאַנק פאַר די ווינטשענישנ. כ'וויל גיכער אַוועק, ווײַל כ'קאָנ שוינ ניט זופּנ אַזויפיל טיי און בינ ניט צוגעוווינט אַזויפיל צו ריידנ מיט אַלטע ווײַבער און ייִדנ.

אינ גאַס קאָנ איכ אויכ ניט דורכגיינ. אַלעמאָל באַגעגנ איכ עמעצנ און מוז זיכ אָפּשטעלנ. כ'בינ שוינ אויסגעווענ אינ אַלע אַר־טעלנ. ס'טוענ מיר אַזש וויי די הענט.

אַז איכ קום אַהיים, איז שוינ פול און פול אונדזער שטוב.

— שיינער מענטש, — גיט זיכ אַ הייב בעטשעק פונ טיש, — ניט געקומענ זיכ אַפילע געזעגענענ.

— כ'האָב זיכ געקליבנ אינ דאָרפּ־ראַט. און צו אײַכ אויכ, גאָלדע.

אַרום אונדזער קײַלעכיקנ טיש מיטנ בליטשקענעמ טישטעכ זיצט מענ און מע טרינקט טיי. אַלעמענס שאָטנס וויגנ זיכ אָפּ די ווענט. כ'זע, ווי די מאַמע האַלט אינ איינ שלעפּנ די סלויענ וואַרעניע, וואָס שטייענ בא איר יאָרנווײַז, די סלויענ, וועלכע זי גיט נאָר בא אַ גרויסנ יאָמטעוו אָדער בא אַ גרויסער קרענק.

בעטשעק זיצט און שלעפּט די ווײַנשל פאַר די ווײדעלעכ. גאָלדע זיצט באַמ טיש.

בעטשעק און גאָלדע קומענ צו אונדז קיינמאָל ניט. און כ'זע, ווי דער טאַטע און די מאַמע זײַנענ זייער גערירט דערפונ. איכ דער־קענ עס אינ דער מאַמענ: אינ איר האַלטנ די הענט אונטערנ פאַרטעכ,

אינעם גאָכגיביקן פריילעכן שמייכלען, אינעם וועלן זײַן גוט מיט אַלעמען.

דער טאַטע גלעט זיך אַזש די באָרד, זיצט לעבן בעטשעקן, גיט אַלעמאָל אַ קוק אַף דער קיך־טיר, אַף די פענצטער, ווײַל אונטער די פענצטער און אין קיך שטייען אַ סאַך שכיינים, וואָס שעמען זיך אַרײַנגיין איבער בעטשעקן און גאָלדען.

— אַז וואָס שטייט איר? קומט אַרײַן! — פּילט זיך דער טאַטע זייער וואַזשנע.

און אַז דער טאַטע פּילט זיך וואַזשנע, האָט ער ליב צו ריידן וועגן וועלט־זאַכן.

גאָלדע טרינקט שוין ניט די טיי איבער אים. זי קוקט אים אין די אויגן, גיט אַלעמאָל אַ פאַרשאַר די האָר, וואָס פאַלן איר אַריבער אַפן פּאָנעם.

—באַ די טערקן, רעב עליע, — ענטפערט אים גאָלדע, — איז איצטער אַ רעפּובליק. און ס'איז שוין דאָרטן אויך ניטאָ קיין קייסער... און ווילהעלם, — ווייל זי אים נאָך דערציילן, וואָס ווילהעלם מאַכט.

— האָט אים אין דר'ערד, — מישט זיך אָבער אַרײַן בעטשעק. גאָלדע ווערט דערפון זייער צופרידן. זי גייט טאַקע גלײַך אוועק פונעם טאַטן און הייבט אָן עפּעס ריידן מיט דער מאַמען וועגן קאָקליוש.

די שכיינים הייבן זיך אָן אייגציקווײַז אַרײַנרוקן אין שטוב.

פּונקט ווי כ'זאָל שוין גאָר ניט דאַרפן אוועקפאָרן, הייבט בעטשעק אָן ריידן וועגן שיקן נאָך אַ קאָלעקטיוו קיין כערסאָן, וועגן אַ ציגעלניע, וואָס מע דאַרף מיט דער צײַט מאַכן, וועגן עפּעס ווידער די בענקל־פאַבריק...

זײַן לענגעכיק, שטענדיק אָפּגעצויגן פּאָנעם ווערט פאַרוויטלט און אויפגעלעבט. ער הייבט זיך מיטאַמאָל אָן באַרימען, אַז ניט ווײַט פון שטעטל זײַנען דאָ אַזעלכע שטײַנער, וואָס רופן זיך לאַבראַדאָר, און מיר הייבן זיי אָן פאַנאַנדעראַרבעטן...

גאָלדע גייט אויך צו. זי גיט אָבער מיטאַמאָל אַ קוק אַפן כאַדיק און ווערט זייער דערשראָקן.

— לייע! — צעשרײַט זי זיך אַף דער מאַמען. — וואָס טרײַבט איר מיך ניט אַרויס, לייע? ס'וואַרט דאָך אַף מיר דאָס קינד!..

— וואַרט, וואָס יאָגסטו? — וויל בעטשעק זי פאַרהאַלטן.

— אז וואָס ווייסטו? — לאַכט זי, קוקט בעטשעקן אין די אויגן. — אדעראַבע, זאָג, וואָס ווייסט א פּאָרזיצער וועגן קאָקליוש?

— אָט מיר, לייע און איך, — ליגט זי אַרום דער מאַמען די האַנט אפן אַקסל, ווי די מאַמע זאָל זײַן עפּעס א מיידעלע, — אָט מיר ווייסן, ווי מע ווערט אויסגעריסן, ביז מע האָדעוועט אויס... — רעדט זי צו דער מאַמען און קוקט אפ מיר... — אזעלכע יונגאַטשעס, ביז מע שטעלט זיי אוועק אפ די פיס...

און די מאַמע דאַרף מער ניט.

— פּע, לייע, — באַרויִקט זי גאָלדע. — ס'גייט אים שוין דאָס פופצנטע יאָר. ער איז שוין געוווינט, לייע. און קיין צאָרעס וועלן אים שוין ניט אָפּשרעקן.

פון דער מאַמעס ווײַנען ווערט אָבער זייער אומעטיק. בעטשעק הייבט זיך אוף און זאָגט אויך, אז ער דאַרף גיין.

— נו, אָשער, איז וואָס זאָל איך דיר ווינטשעווען? — גיט מיר גאָלדע די האַנט, נאָר איך זאָג, אז איך וויל זיך נאָך ניט געזעגענען. אז כ'וועל זיי ארויסגיין באַגלייטן.

ווי מיר גייען נאָר ארוים אין דרויסן, זאָגט מיר בעטשעק, אז ער אײַלט זיך.

— האָב א גוטן שליטוועגס, — נעמט ער אָן מײַן האַנט. נאָר ער לאָזט זי ניט אָפּ. ער דריקט זי, שמייכלט דערבײַ, קוקט מיר אין די אויגן און קוועטשט מיר אזוי צונויף די פינגער, אז ס'פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם, כ'דערפיל, ווי ס'טרעט מיר ארוים א שוויס אפן שטערן.

— וואָס טוסטו אים? — שלעפּט אים גאָלדע.

— ס'איז גאָרניט! — קאָן איך קוים אויסריידן מיט א פאַר־שטשעמעטע מויל. — ס'איז גאָרניט...

— אזוי! זיך ניט אונטערגעבן! — כאַפּט ער מיך אַרום. זײַן מויל פרעסט זיך אײַן אין מײַנע ליפּן. — איז פאָר, אָשערל, — גיט ער זיך א גלײַך, דרייט זיך אויס, און זיך ניט אומקוקנדיק מער, גייט ער אוועק.

ערשט פונוווײַטנס דרייט ער זיך אויס צו מיר:

— אָשע־ער! — דערהער איך, ווי ער רופט מיך, — זע, אָשער, אַרײַנוואַרפן א בריוול... פאַרגע־עס ניט!..

— כ'וועל שרײַבן, בע־עטשעק! — זע איך, ווי מיטן באַנאַכ־טיקן געסל, די הענט אַרײַנגעלייגט אין די קעשענעס, טופּעט ער אוועק גיך־גיך און פאַרשווינדט צווישן די הײַזער.

כ׳צעוויין זיך שיר ניט. ניט אויסריידנדיק אפילע קיין וואָרט, פיר איך צו גאָלדען ביז היינטערן שטעטל.

— נו, זײַ געזונט, אָשער. גריס מאגידן. און ווי דו קומסט נאָר, שרײַב אָן.

און כ׳ווייס אליין ניט וואָס. ווארגנדיק זיך, קוק איך נאָך א ווײַלע אין גאָלדעס ווארעמע אויגן, אפן ווײַסן קעלנערל, וואָס איז אזוי ווי בלוי געוואָרן אונטער דער לעוואָנע. איך גיב אפילע א קוק אף אירע טופליעס, וואָס זײַנען טיף פארקראָכן אינעם בלישטשענדיקן זאמד.

— זײַט געזונט, גאָלדע, — דריק איך דאָס ערשטע מאָל איר קאלטע, קליינינקע ווייכע האנט. און ווי עפּעס מוירע האָבנדיק, לאָז איך זיך גיך אהיים.

נאָר אבי איך דערפיל, אז גאָלדע איז שוין ווײַט פון מיר, הייב איך אָן גיין פּאמעלעך, פּאמעלעך.

כ׳קאָן זיך בעשום־אויפן ניט פאָרשטעלן, אז צום לעצטן מאָל גיי איך דאָ, אז מאָרגן אין דער צײַט וועל איך שוין די דאָזיקע גאס ניט זען.

איך שטעל זיך אפילע אָפּ. איך באהאלט זיך אונטער א יאסינעבוים. איך רוק ארויס דעם קאָפּ און וויל זייער צוקוקן, ווי ס׳וועט אויסזען דאָס שטעטל, ווען כ׳וועל שוין דאָ ניט זײַן, שוין ניט ארומגיין דאָ.

מיט א קלאפנדיק הארץ קוק איך, ווי פון ביידע זײַטן וועג, וואָס איז בלוילעך־ווײַס אונטער דער לעוואָנע און פול מיט שאָטנס פון די ביימער, גליווערן שווארץ די הויך־אויסגעצויגענע טאָפּאָלן, די ברייט־צעוואקסענע אקאציעס און שלאנקע יאסינעס.

ס׳איז הײַנט זייער א ליכטיקע נאכט. ס׳זײַנען אזוינע קורצע נעכט איצטער, אז כאָטש ס׳איז ניט שפּעט, נאָר ס׳איז שוין אזוי ווי פארטאָג, און פון אלע זײַטן זײַנען אָנגעגאָסן, אזוי ווי מיט קוועקזילבער, די ווײַסע העלנדיקע האָריזאָנטן. אף די ביימער, וואָס זײַנען נעענטער צו מיר, קאָן מען זען אפילע יעדעס צווײַגעלע, יעדעס קײַלעכיק, אזוי ווי באזילבערט, טאָפּאָל־בלעטעלע און אפילע די דינע ענגעלעך פונעם בליענדיקן קאָרן, וואָס וואקסט באם וועג.

פונדערווײַטנס זײַנען אָבער די ביימער צונויפגעגאָסן, אזוי אז עס זעען זיך צווישן זיי קוים ארויס די לײַכטנדיקע פענצטערלעך, די פארשאָטנטע געטינקעוועטע ווענט און די גרויע שינדלדיקע דעכער.

אָפּ איינער א שטוב, אפן סאמע קוימען דערזע איך א געפלעק־

מע קאצ, וואָס קוקט אנ אויסגעבויגענע מיט גרינע קײלעכיקע אויגנ, הערט זיכ אײנ אינגאנצנ א פארגליווערטע, ווי ס׳זינגט א נאכט־פויגל איבער איר.

אז דער פויגל הערט אופ זינגענ אונ פליט אוועק, דערהער איכ, ווי ס׳גיט ערגעצ א סקריפע א קרענעצע־זשוראוול, ווי ערגעצ פונ יענער זײט קלויסטער, וואָס זעט זיכ דײטלעכ מיט די דרײ הויכע צײלעמער, צעקלינגט זיכ א וועגעלע.

איכ דערהער, ווי עמעצער האָט זיכ ערגעצ צעלאכט, ווי ערגעצ רעדט מענ אפ די פריזבעס. אונ פונקט ווי אלע נאכט, ווי מארגנ אונ ווי איבערמאָרגנ, ווענ כ׳וועל שוינ דאָ ניט זײנ, שווימענ ווײטע, אויסגעצויגענע מיידל־געזאנגענ פונ די אוקראינישע סלאבעדעס, ס׳קוואקענ פרעש פונ די סאזשלקעס, ס׳האווקענ זיכ איבער הינט אונ ס׳קרייענ הענער אפ נאסידעלעס...

כ׳לאָז זיכ גלײכ אהיימ. כ׳שטעל זיכ אוועק אונטערנ נידעריקנ פידאשעק, וואָס פאר דער טיר. אײנהאלטנדיק דעמ אָטעמ, מע זאָל מיכ ניט דערהערנ, קוק איכ אריינ דורכנ פענצטער.

כ׳דערהער, ווי אינ דער אינגאנצנ אײנגעשטילטער שטוב גרילצט דער גריל פונ אונטערנ אויוונ, ווי ס׳קלאפט דאָס כאָדיקל מיטנ אונטערגעהאנגענעמ שטייסל, וואָס מ׳האָט איבערגעטראָגנ פונעמ זיידנ.

איכ דערזע, ווי לעבנ ווינקל־טישעלע מיטנ סאמאָווארל, וואָס שפיגלט זיכ אָפ מיט די פיס ארופ אינעמ מוטנעמ צעשפאָלטענעמ שפיגל, שטייט דער טאטע. ער קנייטשט דעמ שטערנ, קײט דאָס שפּיציקל פונ זײנ לאנגער אינגאנצנ ווײסער באָרד, רעדט עפעס, ווי זײנ געוווינהײט איז, מיט זיכ אליינ. ער גיט אפילע א מאכ מיט דער האנט אונ הייבט אָנ גיינ פונ ווינקל צו ווינקל.

— יהאָב ר׳אכמאָנעס, הער אופ ארומצוגיינ — בעט זיכ בא אימ די מאמע.

זי זיצט באמ טיש, די מאמע. א דארינקע, דאָס קליינינקע פאָנעמ אָנגעשפארט אינ די הענט, קוקט זי מיט רויטע טרוקענע אויגנ אפנ פענצטער, ווארט שוינ מיסטאמע אפ מיר.

— שלאָפנ! — גיב איכ פריילעכ א געשריי, ווײל כ׳וויל ניט, ס׳זאָל זײנ אזוי אומעטיק.

כ׳דערפיל מיטאמאָל א מוירעדיקע שטוב־פוסטקײט, אנ עלנטקײט, וואָס שרײט שוינ אונ בענקט נאָכ מיר.

איכ לייג זיכ מאקע גלײכ אוועק אפ דער קאנאפע אונ דעק זיכ איבער מיט דער קאָלדרע. כ׳מאכ זיכ שלאָפנדיק. כ׳ליג שטיל־שטיל

און הער זיך צו, ווי אף די שפּיץ פינגער גייען ארום דער טאטע און די מאמע. כ׳דערהער, ווי די מאמע פארלעשט שוין דעם לאָמפּ, ווי זי קרעכצט, דרייט זיך אין בעט.

נאָר כ׳קאָן ניט שלאָפן. כ׳קאָן אפילע ניט איינלינגן. און אז אין שטוב ווערט אינגאנצן שטיל, ווארפט איך פון זיך אראָפּ פאמעלעך די קאָלדרע און זעץ זיך אוף. אף מיר פאלט די לעוואָנע־ליכט. אף דער אנטקעגנדיקער וואנט, אזוי ווי צייכענער, פאלן די שאָטנס פון די פענצטער־ראמען.

איך שטעל זיך אוועק אף די קני און עפן א פענצטער.

אין דרויסן איז שוין קימאט טאָג. נאָר ס׳איז נאָך פאראן די לעוואָנע אין הימל. און ס׳ווייטע טורעמל פון דער פּאָזשארנע זעט זיך דייטלעך, ווי אן אָנגעמאָלטס, איבער די נידעריקע דעכער.

איך און די ווייטע זינגענדיקע מיידלעך פון די אוקראַיִנישע סלאָבעדעס זיינען איצטער, ווייזט אויס, די איינציקע, וואָס שלאָפן ניט.

איינגעדעקט מיט מאָכיקע שינדל־דעכער, מיט דעכער פון ברעטער און ערגעץ־ווו —מיט בלעכענע דעכער, — רוט, שלאָפט דאָס שטעטל, ווו יעדערן קען איך און יעדערן ווייס איך.

שטייענדיק מיט די קני אף דער קאַנאַפּע, ארויסגערוקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער, — אין זיך, אָן ווערטער, געזעגן איך זיך אפילע מיטן אנטקעגנדיקן ווייסן שטיבעלע מיט די גרינע לאָדן, און ביז ווייגען ווינטשעווע איך אלעמען, ס׳זאָל זיי זיין גוט און זיי זאָלן גליקלעך און פריילעך זיין.

— אָשערל, — דערהער איך דער מאמעס קאָל, — מיט וועמען רעדסטו דאָס, אָשערל?

— ס׳איז גאָרניט, — ווער איך אזש פארציטערט פון אומגערעכטקייט, — סע ווארט איך אפּן באַלעגאָלע, מאמע...

איך פארוווּנדער זיך, ווען איך דערזע, אז דער טאטע און די מאמע זיינען שוין אופגעשטאנען. זיי זיינען, ווייזט אויס, גאָר ניט געשלאָפן.

די מאמע שטייט שוין לעבן מיר מיט א גלאָז מילך. כ׳דערזע מיטאמאָל, אז איך בין איין הייך מיט דער מאמען, שוין, דאכט זיך, אפילע העכער פון איר.

— לאָז מיך צורו, — זאָג איך, — איך וויל ניט עסן איצטער.

נאָר זי שווערט זיך, אז זי זאָל שטארבן, אויב איך וועל ניט אָפּעסן.

כ'באוויז נאָך אפילע ניט אויסטרינקען די מילך, דערהערט זיך דאָס אונטערקליינגען פונעם באלעגאָלעס וועגעלע און יאָסיעס פאַר־שלאָפן קאָל:

— איר וועט שוין אמאָל אופשטיין צום פּאָיעזד?!

מיט גוואלדיקער, נאָך ניט דורכגעלעבטער צערודערונג, מיט פּלוצלינגדיקער מוירע ניט צו פאַרשפּעטיקן צום צוג, הייב איך אָן שלעפּן מיטן טאטן מיינע פּעק אין דרויסן.

דער אלטער יאָסיע, די ווישקעס פאַרדרייט אף דער לושניע, אריינגעלייגט אן ארבל אין אן ארבל, זיצט צונויפגעקאָרטשעט אף דער קעלניע און שרייט, אז ער האָט פיינט וואַרטן.

נאָר פאָרן מוזן מיר פּאַמעלעך. ס'זיינען בא מיר פאַראן אזויפיל קלומקעס, אז דער טאטע און די מאמע האָבן זיך ניט ווו צו זעצן. נאָר איך אליין זיץ אף דער „סידעניע". דער טאטע און די מאמע גייען נאָך פון הינטן. דער טאטע איז א הויכער, טופּעט ער פּאַמעלעך, און די מאמע, א נידעריטשקע, באהאלטן די הענט אונטערן שאלעכל, טופּעט נאָך גיך־גיך.

אז מיר קומען אף דער סטאנציע, לויף איך גלייך אריין צום נאַ־טשאלניק אין קאָסע.

— כאַווער שקאבורא, — כאַפּ איך קוים דעם אָטעם, — גיט מיר א בילעט. איך פאָר אוועק. זייט מיר געזונט.

שקאבורע גיט מיר א בילעט. כ'פאַרקוועטש שטאַרק־שטאַרק דאָס געלבלעכע קאַרטאָנדל אין האַנט. איך הער אפילע ניט, וואָס ער רעדט און ווינטשעוועט מיר, און לויף ארויס מיטן בילעט אף דער פּלאטפאָרמע. איך לויף צו צום סאמע ראַנד. איך קוק זיך נאָכאמאָל איין אינעם אופגעעפנטן סעמאפאָר. איך קוק ווידער אף די צוויי רעלסן, אפן געלן זאמדיקן אָנשיט, וואָס ציט זיך צווישן בערגל־דיקע פּעלדער און לאָנקעס און ווערט פאַרשווינדן אין דער נאָך ניט געזעענער וועלט.

איך וויל זיך מאכן פרייליך. איך גיב זיך א קלאַפּ מיטביידע הענט, גיב א שפּרינג אף די רעלסן און זעץ זיך אוועק לעבן דעם טאטן און לעבן דער מאמען.

כ'פיל, אז איך דאַרף זיי עפּעס זאָגן פאַרן אוועקפאָרן, אז כ'האָב מיט זיי א סאך צו ריידן, נאָר אפּצולאָכעס קאָן איך אפילע ניט עפענען דאָס מויל. ס'איז עפּעס גאָרניט ניטאָ אין קאָפּ. און כ'וויל שוין גיכער־גיכער, ס'זאָל אָנקומען דער צוג.

נאָר אָט איז שוין ארויסגעגאנגען שקאבורע. איך ציטער אזש

אופֿ. איך גיב זיך אזש א וואָרפֿ פֿונעם פֿײַערלעכן ערשטן קלונג פֿונעם גלאָק. כ'דערפֿיל, ווי די מאמע האָט מיך ארומגעכאַפּט. כ'הער, ווי זי וויינט און קושט מיך. מײַן טאטנס באָרד פֿיל איך שוין אפֿ מײַן פּאָנעם. כ'זע, ווי א סאך רוקן מיר די הענט און געזעגענען זיך. נאָר כ'ווייס שוין אליין ניט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

ביז גוואַלד־שרײַען דערהער איך די הודערײַ פֿונעם לאָקאָמאָטיוו, די קלינגערײַ פֿון די וואגאָנעם איבער די רעלסן.

כ'לאָז זיך לויפֿן, כאַפּ זיך אָן אין א וואגאָן. דער קאָנדוקטאָר שרײַט און לאָזט מיך ניט, נאָר איך שפּאַר זיך ארײַן.

כ'הער, ווי שקאבורע רופֿט מיך, איך זאָל זיך מיט אים געזעגענען. עפּעס רופֿט מיך די מאמע. נאָר כ'קאָן זיך אפֿילע ניט אויסדרייען. נאָך מיר פֿליט מײַן קאסטן, דאָס בעטגעוואנט און מײַן טאָרבע.

ערשט אז דער צוג הייבט זיך אָן רירן, רוק איך קוים ארויס דעם קאָפּ דורך דער טיר. איך דערזע, ווי דער טאטע און די מאמע מאַכן מיט די הענט, ווי שקאבורע פּאָכעט מיטן פֿענדעלע, און ווי זיי אלע צוזאמען מיטן וואָקזאלעכל און מיט די טאָפּאָלן ווערן אלץ ווײַטער, קלענער און לויפֿן אזוי ווי צוריק.

— די טיר פֿארמאכט! — שלעפּט מיך דער פֿארשלאָפֿענער קאָנדוקטאָר. — די פּעק! — צעשרײַט ער זיך, אלעמײַ איך האָב פֿארוואלגערט מיט מײַנע קלומקעס דעם ארײַנגאנג.

אין וואגאָן באגעגנט מען מיך נאָך ערגער. סע הייבט מיך אָן שעלטן מיטאמאָל א פּויערטע, אלעמײַ איך קלאפּ מיטן קאסטן און וועק אלעמען אופֿ.

קוים אופֿהאלטנדיק דאָס גלײַכגעוויכט, גיי איך שוין גאָר־גאָר פֿאָרזיכטיק לענגויס די דרײַגאָרנדיקע בענק, פֿון וועלכע סע שטעקן צו מיר פֿיס אין שקארפּעטקעס, אין שטיוול, אין טופֿליעס, אין פּאָסטעלעס און אפֿילע גלאט באָרוועסע פֿיס.

נאָר מײַן קאָנדוקטאָר ווערט דאפֿקע א ביסעלע בעסער. ער העלפֿט מיר ארונטערוקן דעם קאסטן, דאָס בעטגעוואנט, דעם זאק אונטער א באנק. מײַן שווערע טאָרבע גיט ער אזא וואָרפֿ אפֿ דער דריטער פּאָליצע, אז סע גיט אזש א קלונג די אײַזערנע טשאשקע און ס'גיט א ליאזגע און צעברעכט זיך, דאכט זיך, דער סלוי האָניק און די גרינע פֿלאש מיט מילך.

נאָר ס'ארט מיך ניט. כ'זאָג אים א דאנק, זעץ זיך צו לעבן עמעצן

צופוסנס. איך הער, ווי מע כראָפּעט ארום מיר, ווי ס׳קלינגען אונטער מיר די רעדער, ווי ס׳הוידעט זיך דער יאָגנדיקער וואַגאָן.

אפּן הארצן איז קיל און אומרויק. אזא קילע ציטערניש, ווי ניט אין א וואַגאָן, נאָר ווי כ׳זאָל זיך לאָזן גיין אין א פארטאָגיקן טייך, וווּ דער דנאָ ווערט אלעמאָל נידעריקער און נידעריקער און דאָס וואסער הייבט זיך אלץ העכער און העכער צום מויל.

מיטאמאָל דערפיל איך א שטורך אין זייט, און עמעצער שרייט „בעזאָבראַזיע!״.

— ס׳איז דיין טאָרבע? — דערזע איך פאר זיך דאפקע ניט קיין בייז, נאָר זייער א צעטומלט און פארשלאָפן פּאָנעם פון עפּעס א פּאסאזשיר מיט לאנגע געדיכטע ברעמען און מיט א קורץ קיי־לעכיק בערדל.

— דיינס? — האלט ער זיך אין איין ווישן די צונויפגעקלעפּטע צעשויבערטע האָר, דאָס פּאָנעם, וואָס איז אינגאנצן פארגאָסן אזוי ווי מיט געלן סאָסנע־זאפט אָדער מיט גומיראַביקע.

ער הייבט זיך אפילע אָן באַלעקן, האלט זיך אין איין רייבן מיט די ארבל און שרייט, אלעמען האָב איך אויסגעגאָסן דעם האָניק.

— ס׳איז דיין האָניק?!

— מיינער! — ענטפער איך שטיל־שטיל, און ניט ווייל איך האָב מוירע. גאָרניט שרעקט מיך איצטער ניט. קוים־קוים, דורך מיינע אינגאנצן פארגאָסענע אויגן, קוק איך נאָר צו, ווי ער רייבט און ווישט זיך געשמאַק דאָס פּאָנעם.

דער גאנצער וואַגאָן ווערט גלייך וואַכעדיק. ס׳דערהערן זיך אפילע געלעכטערס. כ׳הער, ווי עמעצער נעמט זיך אָן פאר מיר, זאָגט, אז כ׳האָב עס ניט געטאָן אומיסטן.

ווייל איך וויל ניט, מע זאָל זען איצטער מיין פּאָנעם, גיי איך ארויס אפּן טאַמבור, שפּאר זיך אָן מיטן קאָפּ אינעם קאלטן גלאָז פונעם וואַגאָן־פענצטער.

סע שווינדלען גיך־גיך די טעלעגראַף־סלופּעס. סע לויפן ביימער און טוווּע־פעלדער. ס׳האָט נאָרוואָס דורכגעשווינדלט א סטאנציע מיט צוויי בושלען אפּן דאך — און ניט געבליבן.

אלץ לויפט אפּ צוריק.

איינעם מיט זיי אנטלויפט, פארשווינדט, ענדיקט זיך עפּעס אין מיין לעבן, און עפּעס נייס, ניט־געזעענס יאָגט און טראָגט זיך מיר אנטקעגן.

איך הייב אָן שלעפּן און אראָפּשפּארן דאָס וואַגאָן־פענצטער,

איכ רוק ארוים דעמ קאָפּ. דער ווינט רײַסט אונ שויבערט מײַנע האָר. נאָר כ'בייג זיכ איבער. איכ וויל זענ, וואָס פליט עס אונ לויפט עס מיר אנטקעגנ.

נאָר כ'זע גאָרניט. כ'זע נאָר א לויטערנ הימל, וואָס גיסט זיכ צונויפ פונדערווײַטנס מיט די פעלדער.

אלצ גיכער אונ שווינדלדיקער הייבט זיכ אנטקעגנ מיר דער הימל, עפנט זיכ אזוי ווי א טויער, דורכ וועלכ: סע יאָגט אונ טראָגט מיכ דער צוג אינ דער גרויסער, אינ דער ניט־געזעענער וועלט ארײַנ.

אינהאלט

בוזי אָלעווסקי 5

אָנהייב לעבן

איך דערזע פּאָנען 15
בורזשויען 25
אַרל 41
ווי ס'האָבן מיך געטריבן די זאַנגען 49
פּאַוולִיק 58
כ'בין שטאַרק פאַרנומען 64
מיר שלאָגן זיך 72
דער בריוו קיין אַפריקע 81
אַ מײַסעלע וועגן ליבשאַפט 91
די לעצטע נאַכט 99
באַם בריק 114
ווי ס'איז פאַרגאַנגען די קינדהייט 131

איך ווער אַ גרויסער

פונעם פּראָנט 143
כאַווײרים 154
איך האַלט אַ רעדע 165
איך קאָן ניט זײַן אַליין 174
האָב מיך ליב 184
בא בעטשעקן 197
מײַן כאַווער סראָליק 205
גאָלדע 213
אין אַ געוויטער 225

אין פּאַרטקאָם	244
איך ארבעט	251
וואָס איז מיט גאָלדענז?	271
די סריפּע	288
ערד	300
ווי ס׳ווערט געבאָרן א מענטש	309
מײַן טרויעריקסטער טאָג	317
דער פּאָיעזד גייט אוועק	334

Б. ОЛЕВСКИЙ

ОШЕРЛ И ЕГО ДРУЗЬЯ

Редактор *Б. Котик.* Техред *Ф. Фрумкина.*

Сдано в производство 22/IV—47 г. Подписано к печ. 5/VII—47 г.
А—00173. Печ.л. 2. Учетно-издат. л. 16,67. Тираж 7000. Формат бум. 82х108 1/32.
Цена 10 р. Зак. 1746.

Набрано в тип. Госиздательства „Дер Эмес", Москва, Старопанский, 1.
Отпечатано в типографии Москва, ул. Ф. Энгельса, д. 46.

12